STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02496

TSURIK FUN OSTROG

Zalman Shneour

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. שניאור

צוריק פון אַסטראָג

דריטער טייל „עמי־הארצים"

ווילנע — 1939

פאַרלאַג „טאָמאָר"

PRINTED IN POLAND

Copyright by S. Chnéour Paris

Z. Szneur — „Curik fun ostrog"
Wydawnictwo „Tomor" Wilno, Bakszta 8, m. 1
P. K. O. k-to Nr. 65.509
„Drukarnia Wydawnicza", Wilno, Kwaszelna 23

צוריק פון אַסטראָג

געזאמלטע שריפטן

זלמן שניאור

יובילעאום־אויסגאבע

1938-1903

ידישע צענטער
ביבליאָטעק

אַ וואָרט

(אָנשטאָט אַ הקדמה)

— „מאַך אַ וואָרע, שקלאָווער וואַלד! איינער פון דיינע בעסטע קינדער קומט צו דיר צוריק! בעט אויס מיט סאָסנע־נאָדלען דעם גריבערדיגען שליאַך; וואַרף אַראָפּ דיינע פּעכיגע ברוינע צאַפּענס, עס זאָל גוט שמעקען. האָב קיין מורא ניט, וואַלד. זיינע באָרפיסע פיס וועט ער ניט צושטעכען, אַזאַ קינד! האַרט איז ער אינגאַנצען, און זיין באָרפוסקייט איז לעדער. אויף גלאָז־שערבלאַך וועט ער טרעטען און זיך אויך ניט צוקראַצען. נאָר קיצלען וועלען זיי איהם ליבליך, דיינע נאָדלען און צאַפּען, ווי וויכע קינדער־נעגעלאַך דעם טאַטענס פּיאַטעס...

בעט אויס מיט מאָך דיינע זייטיגע סטיעזשקעס! פון אַ מיאוסען אָסטראָג קומט אָן דיין זוהן. טאָמער שעמט ער זיך צו געהן מיטן ברייטען שליאַך, וועט ער זיך נעמען אָן אַ זייט, איבער דיינע שאָטענדיגע, שוועמעלדיגע שטעגעלאַך; וואו נאָר יאַגדעס־קלייבער שלאָגען זיך דורך, וואו די ביטרע פוקס נישטערט און וואו דאָס שטעך־חזירל גראַבעלט זיך אין וואַרימע אָוועטען.

שוין באַלד אַוועק אַ זומער. דיינע רויטע יאַגדעס האָט מען שוין לאַנג אויסגעקליבען, ווי צעשאָטענע רויטע קרעלען פון גראָז אַרויס. דיינע שוואַרצע בערעלאַך האָט מען אויך צוזאַמענגעשאַרט.

צימעסען און איינגעמאַכטס געקאָכט פון זיי. נאָר דאָ און דאָרטען קוקען נאָך איינצעלנע בערעלאַך, ווי שוואַרצאַפּלען אָהן אויגען.

אָנשטאָט זיי זיינען דיינע ברוסניצעס צייטיג געוואָרען. דו קענסט לאַנג ניט בלייבען אַזוי און ניט שאַפען עפּעס נייעס. דיינע קאָלירען בייטסטו ווי דיינע פּרותלעך: איין יאַגדע אַראָפּ, די אַנ־דערע אַרויף.

רויטע און אויסגעוואַרימטע אין מאָך טוליען זיי זיך, דיינע הענגלאַך ברוסניצעס; און זויער זיינען זיי ווי ביי אַן אָרימאַן אויפן האַרצען. באַהאַלט זיי, כאָטש זיי, אָט די אָרעמינקע רעשטלאַך פון זומער! דערפריש מיט זיי אַ אידיש האַרץ, וואָס איז פאַרשמאַכט גע־וואָרען פון שטיינערדיגען וועג. וואָרום אַ סך וויאָרסטען שפּרייזט דיין אָרימער גאַסט צופוס און דער שוויס רינט פון איהם, ווי אַ הייסער טוי.

אָט דערנעהנטערט ער זיך, צאַם און ווייך, ווי אַ לייב, וועלכען מ׳האָט פון שטייג אַרויסגעלאָזט. ער ברילט ניט. ער האָט זיך אויסגעלערנט שווייגען צווישען די אייזענס. נאָר דער צאָרן קאָכט אין איהם. ציטערט זשעדנע וועלף און טכוירען אין די נאָרעס!

שמשון הגבור איז עס, אין הונדערטען גלגול. תחית־המתים איז ער שוין אַ סך מאָל אויפגעשטאַנען אין אידישע שטעטלאַך. אי: לייב און לעבען אָנגעטאָן זיך, כדי צו העלפען זיינע שוואַכע ברי־דער. וואו אומגערעכטיגקייט — דאָרטען איז אויסגעוואַקסען זיין ברייטע פלייצע, און וואו באַליידיגונג — זיין האַרטע פויסט.

אָבער די פלשתים האָבען איהם געפאַנגען... צום הונדערטען מאָל געפאַנגען איהם. אין אָסטראָג געזעצט. כדי צו ברעכען זיין ווילדע גבורה, כדי צו דערשטיקען זיין אייביגע ליידענשאַפט אָנצו־נעמען זיך פאַר שוואַכע. אַצינד האָבען זיי איהם באַפרייט.

אָה, זיי ווייסען גאָרניט ווער זיי האָבען באַפרייט!.. גאָר אין גיכען וועט ער טאַנצען אויף זייער חגא, וואָס איז פול מיט רשעות און דורשטיגקייט נאָך בלוט. בלינד פאַר צאָרן, וועט ער צוטרייסלען די זיילען פון זייער הערשאַפט. אָבער מיט זיי צוזאַמען וועט ער נ י ט אומקומען, אַזוי ווי אין „שופטים“ שטעהט... פון אונטער די

חורבות וועט ער אַרויסגעהן גאַנץ און וועט אויפלעבען אין אַן אַנ־דער לאַנד.

ער קען ניט אומקומען, ווייל ער איז אייביג אַט דער גוטער, פּראָסטער שמשון. וואָס ווייסט ניט וואו זיין כח אַהינצוטאָן און שענקט איהם אַלע באַדערפטיגע.

אַהן אַזעלכע ווי ער וואָלט די גערעכטיגקייט איינגעשלאָפען, און די בייטש וואָלט קיינמאָל ניט אַרויסגעפאַלען פון הענקערס האַנט.

וואַלד, דו וואַלד! הערסט דו ניט ווי עס קנאַקען שוין אָפּגעפאַ־לענע צווייגלאַך? דאָס ברעכען זיי זיך און ברעקלען זיך אונטער זיינע באָרפיסע פיס...

בויגען זיך קוסטעס נייגעריג און קוקען אויס אויפן שליאַך. צווישען צוויי וועגט פון סאָסנע־שטאַמען, ווי דורך אַ ברוינע הייל קוקען זיי, מיט אַ גרינעם סכך־באַלקען צוגעדעקט.

יאָ! — שאָקלען זיי צו — ער געהט, ער געהט! — נאָר ווער איז דער אַנדערער וואָס שלעפט זיך איהם נאָך?

צוריק פון אַסטראָג

.1

מיטן לאַנג־ניט־אויסגעבעסערטען שליאַך, וואָס ציהט זיך דורכן וואַלד פון מאָהליוו קיין שקלאָוו איבער דעם פּאָלוואַרק קופּיאַל, איבער דעם דאַברייק ע־באַרג און איבער מאַקאַראָוויקי, געהען צוויי וואָגלער. איינער אַ ברייטפּלייציגער, אַ געזעצטער, ווי פון אייזען געגאָסען, מיט אַ האַרטען געזיכט; דער אַנדערער — אַ דאַרער מיט איינגעפאַלענע באַקען און איינגעזונקענע אויגען. אויף די ריקענס, אַרומגעבונדען מיט שטריקלאַך, זייגען פאַרוואָרפען זייערע קלומיקעס, און איבער זיי, פאַרקוועטשט אונטער די שטריקלאַך, ביי יעדערען אַ פּאָר ווינטערדיגע שטיוועל מיט לאַנגע, געקנייטשטע כאָליאַוועס. די צוויי פאַרשוויגען שפּרייזען באָרפוס און די לויזע כאָליאַוועס פּאַטשען זיי, ביי יעדען טראַט, איבערן רוקען, גוט־ברידעריש פּאַטשען זיי:

— אדרבא, גאַנץ פיין. איהר געהט אייך. מיר׳ן זיך אויסרוהען!...

מחמת דער גרויסער היץ, אינמיטען חודש אב, האָבען אונזערע וואָגלער פאַרקאַטשעט די שווערע, ניט־זומערדיגע פּלודערן, עס זאָל זיין קיהלער און עס זאָל זיך בעסער געהן. נאָר די ווינטערדיגע באַראַשקענע היטלען האָבען זיי דוקא אַנגערוקט ביז איבער די אויערען. און מ׳קען ניט פאַרשטעהן צוליב וואָס. דער הייסער שווייס רינט זיי פאַרביי די אויערען אין דינע ריטשקעלאַך און די היטלען טוען זיי ניט אויס. זיי בלאָזען נאָר פון זיך ווי די איבערגעהיצטע קעסלען און געהען ווייטער. פון צווישען די בוימער גיט

אָפּטמאָל אַ שיין, בלוי און ליבלאַך, דאָס וואַסער פון דניעפּער. אַמאָל בעהענטער און אַמאָל ווייטער. אָט־אָ שמייכעלט ער אויף, אָט־אָ פאַרשטעקט ער זיך הינטער די סאָסנעס, שפּילט זיך, דאַכט זיך, אין זלידנע באַהעלטערלאַך מיט די צוהיצטע פוסגעהער:

— איהר וואָלט זיך אפשר געוואָלט אויסבאָדען? ניין? איז דאַרף מען ניט. בין איך ניטאָ. האַ? און אפשר יאָ?

דער גרויסער ברייטפּלייציגער וואָגלער קוקט זיך אָבער גאָר־ניט אום אויף די בלויע חנדלאַך פון באָהענטען טייך. ער שפּרייזט מיט גיכע אָבער אָפּגעמאָסטענע טריט, פול מיט כח און געדולד. דער מאָגערער שלעפּט זיך איהם קענטיג נאָך. אָט כאַפּט ער געהן צו גיך, אָט ווערט ער אָפּגעלאָזען און שטעהט אָפּ. אויף די בליצלאַך פונם בלויען וואַסער, צווישען די בוימער, קוקט ער זיך אום ווי אַ קאָטער אויף מילך.

— זעה! — שרייט ער הייזעריגלאַך אויף און בלייבט שטעהן שליגגענדיג דעם גאָרגעל — ווייטער דער „ניעפּער!“

די ברייטע פּלייצעס שטעלען זיך ניט אָפּ. זיי גיבען זיך נאָר אומגעדולדיג אַ הויב אויף, ווי זיי וואָלטען געזאָגט: שוין געהערט! און געהען ווייטער. די אָנגעבונדענע כאָליאַוועס פּאַטשען בראַוו איבער זיי...

דער מאָגערער גיט אַ לויף, יאָגט אָן, אוןביידע פוסגעהער גלייכען זיך אויס. בייביידען זיינען די פּנימער פאַרברענט. נאָר ביי איינעם מאַכט די פאַרברענטקייט מעהר בולט דאָס קערנדיגע געזונטקייט, און ביים צווייטען — די אָפּגעמאָגערטקייט, די מאַטקייט און דעם קורצען אָטעם.

מיט אַמאָל ווערט דער מאָגערער צורייצט. ער פאַרשטשירעט די ציין:

— פאַרמאָרען ווילסטו מיך, פאַנדרע? וו—אָאָס? כ׳בין דיר ניט סענדערס אַ פערד! הערסט?

און גיט זיך מיטן קלומעק אַ וואָרף אין מאַך צווישען די בוימער רייסט אַראָפּ די וואַטאָווע היטעל פון קאָפּ, אָטעמט אָפּ און בורטשעט:

— מיט דער באַראַשקע אויפן קאָפּ צי אָהן דער באַראַשקע. די זעלבע פּאַפּלעקסיע קריגט מען פון דער זון.

פּאַנדרע קוקט זיך אום, בלייבט שטעהן און רעדט פאַרלעגען:

— ווייטער צולייגט זיך, שמחהלע! און ווען קלערסטו זייך אין דערהיים? ס׳וועט אונז נאָך אויסקומען נעכטיגען אין מאַקאַראַווקי.

— וועט אויסקומען! — ענטפערט שמחה׳לע בייז — מאַקאַראַווקער שיקסעס דאַרפען זיך דיר נאָך אָפּשלוקערצען, פון אַמאָל...

— וואָס בריקעסטו זיך, וואָס? — שפּיצט זיך פּאַנדרע אָן— האָסט שוין אויפגעעפּענט דיין טריפהנעם מויל? סענדער... פערד... שיקסעס... קאַשע מיט באַטווינע. סענדערן לאָז אָפּ, זאָג איך דיר! „עליו השלום״ זאָג כאָטש, טורערו!... ביסט ניט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען... קום, זאָג איך דיר!

שמחהלע ריהרט זיך ניט פון אָרט. ווישט זיך פּאַנדרע דעם שווייס און רעדט מיט געבעט:

— אַפּריהער רעדסטו אַליין צו: צופּוס און צופּוס! אָפּבייסען וועט מען אונז אויפן פאַרעכאַד... טו נאַ דיר צופּוס! וואו איז עפּעס דיין צופּוס?

שמחהלע טורערו שפּייט אויס געדיכט מיט אַ ווייסע שפּייעכץ, טרוקען ווי וואַטע. ער ענטפערט איהם ניט צו דער זאַך. ער ווינקט איהם נאָר אונטער מיט איין אויגעל:

— דער אימפּעט טראָגט דיך, נחקע! דיין „מערע־מערייגעלע״ וואַרט אויף דיר... לויף, לויף, כאַ־כאַ־כאַ! אָבער וואָס זאָל איך לויפען? צו מיין אידינע אפשר? מיר קענעןביידע וואַרטען... זעץ זיך, פּאַנדרע!

נחס אויגען צופינטלען זיך פאַרשעמטערהייט, ווי ביי אַ חדר־אינגעל, וועלכען מען כאַפּט ביי אַן עבירהלע. אַ געדיכטע רויטקייט צוגיסט זיך אונטער זיין אָפּגעברענטער הויט. דאָס געדויערט נאָר איין רגעלע. אונטער שמחהלעס ממזרישען קוק כמורעט ער באַלד אָן די קויל־שוואַרצע ברעמען איבער די גרויע אויגען און רעדט מיט אַן אָפּגעהאַלטענעם אָטעם:

— און אַז יאָ איז וואָס? טורערו! רעדסט שוין ווי קושקע

בראַנד. דין־וחשבון דאַרף איך איך ביידען אָפּגעבען, וואָס? און מיין מערען... דו הערסט? מערען... אויב דו וועסט מיר נאָך אַמאָל, טורערו־גנב... מערען זאָ... זאָלסטו מיר ניט... מע...

פון נחס גאָרגעלדיגען שטאַמלען האָט שמחהלע גלייך פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט דאָ אָנגעריהרט פאַנדרעס אַ וועהטאָגדיגען אָרט און אַז מען טאָר דאָ צופיל ניט חכמהנען זיך. וואָרים מיט קוש־קע בראַנד איז שוין אַמאָל, ביים אָרשער וואָקזאַל, שיער ניט גע־קומען צו אַ בלוטיגען געשלעג פאַר אַזאַ חכמהנען זיך. און זינט דעם זיינען קושקע און פאַנדרע שונאים. אַ פשיטא־שוין אַצינד, ווען נח איז אַזוי אויסגעהונגערט! אַנדערטהאַלבען יאָהר ניט געזעהן זיך מיט דער פלוניתטע...

האָט ער זיך שטאַרק צולאַכט, שמחהלע, מיט אַ געלעכטערל פון אַ רודף־שלומניק:

— וואָס האָסטו זיך צוקאָכט, פאַנדרע? מיינסט אַלע האָבען אַזאַ שוואַרצען כח ווי דו? לאָז אָפּכאַפּען דעם אָטעם.

פאַנדרעס צאָרן האָט גלייך אָפּגעלאָזט. פאַר די אַנדערטהאַל־בען יאָהר זיצען אין אַסטראָג איז ער געוואָרען צו לייכט אויף ווע־רען אין כעס. ער פיהלט דאָס אַליין. עפּעס איז אין איהם קאַליע גע־וואָרען... האָט ער אָנגעקוקט שמחהלעס פאַרמאָרעט פנים, מיט די טונקעלע קנייטשען פול מיט שוויס, און רחמנות געקראָגען. ניט ריי־דענדיג מעהר קיין וואָרט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט לעבען שמחהלען אין מאָך און אַראָפּגעריסען דאָס וואַטאָווע היטעל. אַ שווייסיג פאַרע האָט אַ זעץ געטאָן פון זיינע געשוירענע טונקעל־ברוינע האָר, ווי פון אַן איבערגעהיצטען פערד.

— ס'איז דאָך אַן אמת, האָט ער זיך געטראַכט, די שקורע ברענט טאַקע אויף מיר. וואָס איז ער שולדיג?...

שוין באַלד דריי טעג אַז ער ליידט אַזוי, פאַנדרע. אַז מען האָט ניט געטאָרט האָט מען ניט געטאָרט. איינגעשלאָפען האָט אין איהם די ביינקשאַפט נאָך מערען. אין שלעפּען די מיאוסע אַפּטריט־פאַס האָט ער פאַרברויכט זיין כח. דערנאָך — אין האַקען האָלץ אין וואַלד, אין זעגען וואָרצלען פון בוימער. נאָר אָט, באַלד פיר טעג, זינט מ'האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער געהט אַרויס, האָט זיך

דאָס אויפגעכאַפּט. פון דער איינגעדרעמעלטער ביינקשאַפט האָט אויפגעבראָכן אַ מוראדיקער אימפּעט. ס'האָט איהם געהויבען פון אָרט ביינאַכט און געמאַכט פיבערדיג בייטאָג. די הענט האָבען זיך איהם געטרייסעלט ביים אָנטאָן זיך. ווי אַ וואָלף פיהלט אַ צוגע־בונדענע ציג הינטער אַ הויכען צוים, אַזוי האָט ער געפיהלט מע־רעס ריח פון דער וויטענס. די נאָזלעכער זיינען איהם געשטאַנען אָנגעבלאָזען ווי די פינפערלאַך. און היינט, זינט ער איז אַרויס פון אַסטראָג־טויער, איז ער מיט יעדען טראָט געוואָרען אַלץ אומרו־היגער און אומגעדולדיגער. די ליידענשאַפטען האָבען זיך אין איהם געוואָרפען ווי געפּענטעטע טייוואָלים. די זון באַקט און אין צו־היצטען קאָפּ טומעלט זיך. אָט דערפיהלט ער אַ חשק שלאָגען זי, מערען, ווי נאָר ער וועט זי דערזעהן. שלאָגען זי מיט פּאַרקריצטע ציין, אַזוי ווי דאָס טוען גוים מיט זייערע ווייבער, פון גרויס פאַר־ליבעניש... און אָט פאַרגלוסט זיך איהם צו געפינען מערען אין איין בלויזען העמד, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זי געלאָזען ליגען אין בעט, אין דער נאַכט פון דער שרפה ביים נייעם נגיד... ווי ער געפינט זי אַזוי אין לאַנגען העמד, אַזוי גיט ער זיך אַ וואָרף צו איהר און נעמט זי אַרום ווי אין די בחורישע צייטען, בשעת ער האָט זיך געשדכנט צו איהר און זי האָט איהם דערלאַנגט אין באַק, דורךביידע אָרעמס, ווי דורך אַ וואָרעמען רינג, וועט ער אַדורכלאָזען איהם גאַנצען פויגעלשען קערפּער, און דערנאָך... האַלט זיך, פּאַנ־דרע! ניט צערייס דיין ווייבעל ווי אַ וואָלף אַ ציגעלע. אַ מאַמע פון אַ קינד איז זי!... אַ קינד? יאָ, שעפּטעלע־גנב האָט דאָס קינד מיט זיינע אויגען געזעהן. אַ „וואוילער יאַטעל", האָט ער געזאָגט. מיט אַ רויטען געבורט־פלעק אויפן העלזעל. פונם שרעק בשעת דער שרפה קומט דער פלעק. אַזוי האָט מערע געזאָגט שעפּטלען. נאָר עפּעס ריהרט איהם ניט דאָס קינד, זיין אייגען קינד... ער איז כמעט געררייצט וואָס עפּעס אַן אומבאַקאַנט קינד וועט אַצינד ליגען צווישען איהם און מערען, אַריינמישען זיך, קוויטשען... בשעת ער האָט מערען געלאָזען ליגען אין בלויזען העמד איז נאָך גאָר אַזאַ פּאַסקודניאַקעל אויף דער וועלט ניט געווען!... זאָל ער קוויטשען, זאָל ער! ער, נח, וועט זיין מערען ניט אָפּלאָזען ביז אין דער פריה.

נישקשה. זי וועט ניט שטאַרבען. טענדערס טאָכטער! ערשט צו מאָר־
גען אין דער פריה וועט ער זיך אַרומקוקען, וואו איז ער אין דער
וועלט... אוף!

ער קוקט זיך אום: די שטאַמען פון די סאָסנעס גלאַנצען העל־
ברוין אין זון. שמחהלע זיצט אין מאָך און ווישט זיך דעם שווייס
מיטן אַרבעל. צופרידען אַפנים, וואָס ער האָט אויסגעפיהרט און
מ׳האָט זיך צוגעלייגט. דאָס רחמנות, וואָס פאַנדרע האָט מיט אַ מי־
נוט צוריק געפיהלט צו איהם, פאַרשווינדט. ער בורטשעט מיט
אַראָפּגעלאָזטע אויגען:

— געדאַרפט בעסער פאָהרען מיטן פאַרעכאָד. מ׳וואָלט שוין
באַלד געווען אין דערהיים.

שמחהלע האָט מיט באַוואונדערונג באַמערקט, אַז פאַנדרע
האָט איבערגענומען זיין ראָל. אַלעמאָל בורטשעט ער, שמחהלע,
דער שוואַכערער, און פאַנדרע פאַרגלעט. אַצינד — פאַרקעהרט:
פאַנדרע בורטשעט און ער, שמחהלע, מוז נאָכגעבען... ער ווייסט
אַפילו פון וואַנען דאָס קומט. פאַר וואָס ביי פאַנדרען איז אַזוי צע־
קאָכט דאָס בלוט. אַ סכנה מיט איהם אָנהויבען זיך אַצינד. נאָר
וואַרט! קלעהרט ער, — שלאָף זיך נאָר איבער מיט מערען, וועל
איך דיר שוין ווייזען! היינט זאָל מיינס אַריבערגעהן.

— איז ווי? — מאַכט ער צו פאַנדרען — טשעפּעסט זיך שוין
ווייטער. מיט די כניאָקעס אויפן רבינס פאַרעכאָד וואָלט דיר גע־
ווען בעסער? יעדער גילדענאָדערדיגער חסידעל זאָל דיר אויס־
טאַפּען די ביינער. פרעגען און אויספרעגען. שלום־עליכם! פון וואַ־
נענט אַ איד אין ווינטערדיגע מלבושים? אַסטראָג? פאַר וואָס אַס־
טראָג? דאָס גלאָצען מיט די ווערימדיגע אויגלאָך...

פאַנדרע האָט אָפּגעזיפצט.

— זיפץ ניט! — טרייסט איהם שמחה — האַלט זיך אַביסעל
איין. לאָמיר זיך געהן פּאַמעלאַך, ס׳איז דאָ סלאַבאָדנע. קיינער
קוקט דיך ניט אָן. קיינער פרעגט ניט. בוימער. ביינאַכט וועלען
מיר זיך פּאַוואָליע אַריין אין שקלאָוו. שטיל, פיין...

.2

דאָס זיצען אין אַסטראָג ביי אַנדערטהאַלבען יאָהר, דער שטענ־דיגער שרעק פאַר נאַטשאַלסטווא, דער דרוק פון גויעשקייט און פון דער פאַרבראָכערישער סביבה — האָבען אויף פאַנדרען און שמחהלען אַרויפגעלייגט אַ באַזונדער שטעמפעל, אַ שטעמפעל פון פאַרטאָיעטער גערייצטקייט, פון פאַרדאַכט. אַ כמורנעקייט פון מענ־שען, וואָס זיינען צו לאַנג געבליבען מיט זיך אַליין.

די לעצטע עטליכע חדשים האָבען זיי אפילו געאַרבייט אין וואַלד, ביי די זומפען. שעפטעלע־גנב האָט זיי דאָס אויסגעלייזט פון דער אַפּטריט־פּאַס. מיט געהיימע וועגען האָט ער דאָס געטאָן, מיט לאַפּקע־געלט געשמירט, ביז ער האָט זיי אויסגעלייזט... פאַנ־דרעס ברייטע לונגען האָבען דאָ פריש אויפגעאָטעמט. אַפילו שמחהלע־טורערז האָט, הוסטענדיג, געבענשט שעפטעלעס גוטברו־דערשאַפט אויף זיין שטייגער: „כחי, כחי, אַ רוח אין זיין טאַטען אַריין! דאָ געהט כאָטש די לייכע גרינגער אָפּ!״

אָבער ניט דאָס געשמאַקע זעגען פון האָלץ, ניט דאָס פרעהלי־כע אונטערהאַקען פון צוזאַמענגעבונדענע בוימער איז געווען געננג אָפּצו־ווישען פון זיי דעם שטעמפעל פון פאַרשפּאַרטע אַסטראָזש־ניקעס, די קרומקייט פון זייער קוק, די אַלטגעבאַקענע האַרטקייט, וואָס האָט אָנגעטאָן זייערע שלעכט־געוואַשענע פּנימער. זיי האָט זיך שטענדיג געדאַכט, אַז יענעם דוכט זיך, אַז זיי דוכט זיך. דער־פאַר האָט זיך זיי נאָך מעהר געדוכט...

ווי אַ שטעכיגע גראָז האָט זיך דאָס „ניט־גוטע״ צעוואַקסען אין זיי. צעוואַרצעלט זיך. און פון וועלען פאַרטייען דעם ס ו ד פ ו ן אַ ס ט ר אָ ג איז ער נאָך שטעכיגער געוואָרען: פון די צעפּאַטעל־טע האָר אַרויסגעקראָכען, פון די שלעכט־געגאָלטע באַקען, פון די ניט זיכערע אויגען. געמאַכט זיי אומרוהיג, פאַרראַטען. זיי האָבען עס אַליין געפיהלט און דערפאַר מורא געהאַט צו באַגעגענען זיך, גלייך פון אַסטראָג, מיט נייגעריגע אידען. ס׳איז דער זעלבער פאַר־טאָיעטער שרעק פון פאַרוואָרפענע, האַלב־פאַרווילדעוועטע, וואָס קעהרען זיך אום צוריק צו אַ ישוב. און ס׳איז געווען שטאַרקער ווי

די ברענענדיגע אומגעדולד, ווי די קריינקליכע געשפּאַנטקייט, צו
זעהן וואָס גיכער די נאָהענטע... דערפאַר איז שמחהלען אַזוי לייכט
אָנגעקומען איבערצורעדען פאַנדרען, מ׳זאָל בעסער געהן צו־פוס
דורכן וואַלד. זיי האָבען ביידע אַזוי לייכט מקריב געווען די עטלי־
כע איבעריגע שעה! נאָר דער שטייניגער וועג, אינם הייסען סוף־
זומער טאָג, האָט זיך אַרויסגעוויזען שטאַרקער אַלס זייער פאַרבי־
סענקייט. זיי ביידע האָבען אַליין ניט געוואוסט ווי אָפּגעוואוינט זיי
זיינען פון זון און פון געזונטע טרוקענע לופט. אין די שלייפען האָט
געזעצט ווי מיט האַמערס. אַ מוטנעקייט איז זיי געשטאַנען אין די
אויגען, אַ טרוקענקייט אין האַלז און אַ מאַטקייט אין די קניע.
מעהר פון פאַנדרען האָט געליטן שמחהלע נאָר ער האָט זיך ניט
געוואָלט מודה זיין.

היינט ראַנעצקע, פאַרן פאַרלאָזען די כמורנע אַסטראָג־מויע־
רען, האָט מען זיי אומגעקעהרט די וואַרימע קליידער זייערע: די
גראָבע פּאָדיאַווקעס, די שווערע פלודערען מיט די רימענע פּאַסי־
קעס, די שטיוועל מיט די לאַנגע כאָליאַוועס, די באַראַשקענע טי־
פע היטלען. אין די דאָזיגע קליידער האָט מען זיי אַרעסטירט מיט
אַנדערטהאַלבען יאָהר צוריק, סוף ווינטער; און די זעלבע קליי־
דער האָט מען זיי אַצינד אומגעקערט. עס האָט זיך געפּאַסט גראָד
קאַפּויער צום הייסען זומער, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט דרויסען.
ס׳האָט אויסגעזעהן ווי אַ שפּאָט, ווי אַ לעצטער צו׳להכעיס פון די
גויים, וואָס האָבען זיי מיט געוואַלד אַרויסגעשלעפּט פון שטעטעל־
שען לעבען. ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה האָבען זיי אויף זיך
אָנגעטאָן אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזען, און דאָס איבעריגע אַרויפ־
געוואָרפען אין אָרימע קלומיקעס אויף די פּלייצעס. די געקאָוועטע
טויער האָט זיך אויפגעעפענט... נאָר דאָ האָט אויף זיי געוואַרט אַ
קליינע איבערראַשונג. אַ גוט־ברודערישער שטומער גרוס.

יעפים, דער אַלטער סטאָראָזש זייערער, האָט זיי דערלאַנגט
אַ פאַרוויקעלטען פעקעלע טאַבאַק מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. אַ מתנה
פון „קרובים“, האָט דאָס געהייסען. זיי האָבען שוין אָבער געהאַט
זייער סימן אויף אַזעלכע פעקעלאַך און גלייך דערקענט שעפטע־
לעס פלינקע הענטעל...

נו, קיין חזיר קען מען דאָך ניט זיין! האָבען זיי זיך עהר־ליך צוטיילט מיטן סטאַראָזש. אָפּגעגעבען איהם אַ גוטען טייל טאַ־באַק, קיין זייד־פּאַפּיר האָט ער ניט געוואָלט נעמען. דאָס, מאַכט ער, איז גוט פאַר אַ „באַרין“, ניט פאַר אַ סאָלדאַט!... פון אַרבעל־אומשלאַג האָט יעפּים גלייך אַרויסגעצויגען אַ שטיק צייטונג־פּאַ־פּיר, אָפּגעריסען, פאַרדרעהט אַ ציהאַרקע, געלעקט דעם ראַנד מיטן שפּיץ צונג, און, לעקענדיג מיט אַ ספּעציעלער סאָלדאַטסקער מינע, גערעדט אַזוי צו זאָגען:

— טאַק־שטאָ, רעביאַטאַ! אייער סטאַראָזש בין איך געווען. ביז זאָלט איהר אויף מיר ניט זיין. „סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ“ (דינסט איז ניט קיין חברשאַפט). און אַן עצה מאָגט איהר פון מיר אָננעמען. כ׳האָב אַ סך סאָלדאַטסקע מאַניעווורעס דורכגעמאַכט. איך ווייס, פון דער זון אין אַסטראָג האָט איהר זיך אָפּגעוואוינט. אָדער פאַרשפּאַרט געזעסען, אָדער אין טונקעלען וואַלד געאַרבייט. געהט ניט אַצינד אין דער היץ אָהן אַ היטעל! די וואַרימע היטלען זעה איך האָט איהר אין די קלומיקעס פאַרפּאַקט. איהר שעמט זיך אויסזעהן ווי שלעפּער אויפן שליאַך. דאָס פערשטעהט זיך... שעמט זיך בעסער ניט! שוויצט בעסער, רעביאַטאַ, און דעם קאָפּ האַלט צוגעדעקט. אַז ניט, באַהיט גאָט, וועט איהר לעבעדיגע ניט דער־געהן צו אייערע ווייבער... שוין געווען אַזעלכע מעשות מיט אַרעס־טאַנטען. באַפרייט — און גלייך צעכראַבּרעט זיך. זינגענדיג און אַנטבלויזט אַוועק אין דאָרף. מ׳האָט זיי האַלב־טויטע אויפגעהוי־בען אין וועג...

ער האָט זיי אָנגעשראָקען דער בראַווער יעפּים. זיי האָבען געוואוסט, אַז קאַטאָוועס האָט ער פיינט צו טרייבען. האָבען זיי איהם ווי די לערן־אינגלעך געפאָלגט. די באַראַשקענע ווינטער־היטלען אָנגעצויגען איבער די אויערען. אַזוי האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזט דורכן ברייטען, באַלויכטענעם שליאַך. נאָר דאָ, אין געדיכטען שאָטען אויפן מאָך, האָבען זיי זיך ערלויבט אַראָפּצורייסען די טי־פע היט, און אויסגעמאַטערט — צוגעהערט זיך ווי דאָס בלוט זעצט אין די שלייפען.

— כאַטש אַ קאָפּ בראַנפען! — זיפצט אָפּ טורערו.

— אַ מאַלעסאַלענע אוגערקעלע! — גיט פּאַנדרע אַ קנאַק מיט דער צונג.

— אַ גלאָז קאַלטע ביר, מאַל דיר אויס, איז בעסער!

— אויפ'ן פאַרעכאָד וואָלטען מיר אַלץ געקראָגען...

ווי זיי זיצען אַזוי און רייצען זיך איינער מיט דעם אַנדערען, ערשט אַ יונגע גויה געהט אַרויס פון וואַלד אויפן שליאַך, פּונקט אַקעגען זיי. זי האָט אָפּנים דערהערט די מענשליכע קולכער. אין אַ ראָז־און־בלוי געפּאַסקעטען לייווענטענעם קליידעל איז זי אַרויס, באָרוועס און אין אַ מאַלינע־רויטער קאַצאַווייקע אָהן אַרבעל, אַנגעשפּאַנט אויף דער ברוסט. ווי צוויי לאַבענס פּריש־אויסגעבאַקען ברויט האָבען איהרע בריסט אויסגעפּילט די קאַצאַווייקע. און מיט גרינע קוויטלעך און פּיאָלעטע צלמימלעך איז געווען אויסעגנייט דער שפּיציגער האַלז־אויסשניט. אין האַנט האָט די גויה געהאַלטען אַ קערבעלע פון בעראָזעווע קאָרע פול מיט ברוסניצעס. די קיהלע קאָראַלענע רויטקייט פון די דאָזיגע אָסיען־יאַגדעס האָט זיך שיער ניט אַריבערגעגאָסען איבער דער העלפּאַנדצאַן־ווייסקייט פון דער קערבעלע. די פּאַסען זונליכט, אין וועלכע די גויה איז אַריינגעטראָפען, האָבען זיך צוקלעטערט און צושווינדעלט איבער איהר גאַנצען וואוקס. פון קאָפּ ביז די באָרפיסע פּיס לאַכענדיג דורכגעטאָפּט זי. די כוסטקע אויף איהר קאָפּ האָט זיך צעבליהט מיט שלעפערדיגע בלאַסע מאָהן־בלומען. איהר קאַצאַווייקע האָט זיך אַנגעצונדען ווי אַ העלישער פייער איבער איהרע זאַטע בריסט, און די ברוסניצעס אין קערבעלע האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט. די געוועזענע אַרעסטאַנטען האָבען די פאַרמאַכטע מיילער אויפגעעפענט. אין זייער יאָהרענלאַנגער אויסגעהונגערטקייט, נאָך פאַרבען און ווייבערליכקייט, האָט זיך זיי די גויה אַנטפּלעקט ווי אַ וואונדערליכע איבערנאַטירליכע געשטאַלט אינם ראַם פון ברוינע סאָסנע שטאַמען. און באַלד נאָכדעם האָט אַ זעץ געטאָן דער דורשט. צוויי דורשטען אויף איין מאָל. צוויי פאַרבאַטענע און אַזעלכע באַהענטע גענוסען: אַזאַ וואַרימע ווייבערליכקייט אין העלע פאַרבען און אַזעלכע קיהלע יאַגדעס אין דער ווייסער קערבעלע! פון טיפער גלוסטעניש האָבען אפילו ביידע פאַר־

געסן ווי פאַרשאַרפט זייערע אויגען זיינען געוואָרען אין אָסטראָג.

אַרויס פון די בוימער איז די גויה מיט אַ שמייכעלע פון פויערישער קאָקעטערי, זי האָט אַפילו געמאַכט אַ דעכעלע מיט דער פרייער האַנט איבער די אויגען, און, אַפנים, אָנגעשטויסען זיך אָן אָט דעם באַזונדערען קוק, אָן דעם ספּעציעלען אויסדרוק פון באַפרייטע אָסטראָזשניקעס. וואָרום זי האָט גלייך געמאַכט אַ טראָט צוריק, איבערגצלמט זיך, און ווי אַן אָפּגעבריהטע געלאָזען זיך לויפען אַראָפּ שליאַך, צו מאַרקאַראָווקי־צו. איהרע פולע און געזונטע היפטען האָבען זיך אַלץ גיכער און גיכער געוויגט אונטער איהר לייווענטענעם געפּאַסקעטען קליידעל, ביז זי איז פאַרשוואונדען געוואָרען אין בויג פון וואַלד־וועג.

שמחהלע טורערו און פאַנדרע האָבען זיך איבערגעקוקט. אַמאָליגע צייטען וואָלטען זיי אַזאַ גויהקע ניט געלאָזען אַזוי גלאַט אַוועקגעהן. זיי וואָלטען זי צוגערופען. זי וואָלט אפשר גאָר ניט אַנטלאָפען... „פאַרקויף אונז די ברוסניצעס, האַרנאַ דיעווקאַ!“ (שענע מויד) וואָלטען זיי איהר נאָר צוגעשריען און באַוויזען אַ מטבע. זי וואָלט שוין צוגעגאַנגען... נאָר אַצינד, אָנגעשראָקען פון פּאָנישען אָסטראָג, זיינען זיי נאָך געווען פאַרקלעמט אין זיך אַליין. איינגעדאַרט איז געווען זייער מענשליכע פרייהייט. די פרעהליכע צעלאָזענקייט האָט זיי געפעהלט. האָבען זיי זיך נאָר שטום איבערגעקוקט. דער גויעס שרעק האָט זיי געמאַכט פיהלען דעם באַזונדערען קין־שטעמפּעל, וואָס דער אָסטראָג האָט אויף זיי אַרויפּלייגט. און האָבען דאָס שוויגענדיג, אָהן ווערטער, געזוכט איינער ביים צווייטען אין פאַרגרעבטען פנים. ניט־געוויינליכעס האָבען זיי אָבער דאָרטען ניט־געפונען. צו אָפּט האָבען זיי איינער דעם אַנדערען געזעהן. צוזאַמען געלעבט, צוזאַמען געאַרבייט. נאָר פרישע און פרעמדע מענשן זעהען עפּעס יאָ. אַפילו אַזאַ דאָרף־גויה האָט באַמערקט דאָס, וואָס זיי ביידע באַמיהען זיך צו באַהאַלטען: דעם איינגעגעסענעם שאָטען פון אָסטראָג. אַ סך וואָכען, אפשר, וועט זיי נאָך אויסקומען אויסצושוויצען דאָס אין שווערער אַרבייט, אויסבלייכען אין דער סביבה פון לייבליכע קרובים, אויספּאַרען אין באָד,

ביז עס וועט פֿאַרלירען די פּאַרדעכטיגע טונקעלקייט, די געפּעהר־ליכע שאַרפקייט.

— דו ווייסט וואָס איך האָב אָקאָרשט געטראַכט? — מאַכט פּאַנדרע און ווישט זיך דעם צעהיצטען פּנים מיט דער ברייטער לאַפּע.

— נו? — פרעגט טורערו כלומרשט קאַלטבלוטיג.

— אַ כאַפּ טאָן אַט די שרעקעדיגע גויע. דוקא... ווײַלע זי שרעקט זיך! אַ וואַרף טאָן אין מאָך ווי אין אַ פּערינע. צערייסען אויף איהר די כאַלאַסטינקע ביזקעל האַלז. מורא — טו זאָל זיין אַן אמת! ליג, שטיק־פֿלייש דו! דערנאָך אָפּנעמען די קערבעלע ברוס־ניצעס, פּרעסען און לאַכען. זי וויינט און איך פּרעס. אַ? זי האָט דאָס, זאָג איך דיר, דערפּיהלט, זאָג איך דיר...

— דו הויבסט אָן ווערען אַ מענש! — כאַפּט זיך שמחהלע אויף — ווי איך בין אַ איד!...

— אַ וואָס? — פרעגט איבער פּאַנדרע מיט עפּעס א באהאַל־טענעם צאָרן. — אָן אויסוואורף ווילסטו זאָגען!

שמחהלע מאַכט אַ מאָדנע מינע און גיט אַ הויב מיט די פּליי־צעס. ס׳האָט אַפּנים געזאָלט הייסען: כ׳האָב געמיינט, אַז דו געהסט שוין אויף אַ דרך, אַז דו האַלטסט שוין באַלד אַזוי וויט ווי איך. אלא וואָס דען — ניט? איז ניט!

נאָך אַ ווײַלע שוויגען מאַכט פּאַנדרע פּאַרטראַכטערהייט:

— ווי אַזוי וועל איך דאָס אַצינד פיהרען אין בויד די ברי־אהלעך, די שקלאָוועך באַלעבאַטימלעך? שטרוי אויסבעטען אונטער זייערע געבריכען. קישעלעך — אונטער זייערע גילדענאָדער. כ׳וועל דאָס, דאכט זיך, מעהר ניט קענען. אָפּגעוואוינט זיך איינגאַנצען. אויס דרך־ארץ פאַר זייער איידעלקייט! און דער נייער נגיד מיטן מילכי־גען פּליך — דו הערסט, טורערו, פאַלט ער מיר אַריין אין דער בויד, זאָג איך דיר, אַ... מעשה וועל איך איהם אָפּטאָן!

— אַז איך זאָג דיר, פּאַנדרע, — דערפרעהט זיך שמחהלע ווידער אַמאָל — איך זאָג דיר דו הויבסט אָן צו ווערען אַ מענש...

— אַ ראַזבאָיניק! — שאָקעלט פּאַנדרע צו. קלעהרט אַ ווײַלע און רעדט ווייטער:

— איך ווייס אסור ניט וואָס מיט מיר איז געוואָרען. אָט געה איך, דער אימפּעט טרייבט מיך טאָקע. ביסט געדעכט. אַנדערטהאַל־בען יאָהר אַ ווייב ניט געזעהן. קוים עטליכע חדשים געלעבט מיט איהר. געוואַלגערט זיך איהר צו די פיס. נאָר עפּעס קלעהר איך ניט וועגען איהר, ווי ס׳האָט געדאַרפט צו זיין. דאָס אינגעלע, וואָס איז געבוירען געוואָרען, ליגט מיר גאָרניט אין קאָפּ. אַ פייער ברענט אין מיר. שלאָגען וואָלט איך זי געוואָלט. איידער וואָס ווען — שלאָ־גען: ביסט אויסגעקומען אַזוי לאַנג אָהן מיר? אַ? אויסגעקומען?.. און דערנאָך אַ טראַסק אין טיש: וועטשערע זאָל מיר ווערען! פּאַסאַליעס מיט פלייש זאָל מיר ווערען! פאַר׳ן אַוועקגעהן אין אָסטראָג האָב איך געגעסען קאַלטע פּאַסאַליעס... באַנוגענט זיך. אַצינד וויל איך היי־סע! דו הערסט!

— ווי איך בין אַ איד! — פּרעהט זיך שמחהלע — ביסט געוואָרן גאָר, גאָר אַ מענש, זאָג איך דיר, ביסטו געוואָרען!

— אַזאַ יאָהר אויף דיר!—מאַכט פּאַנדרע שווערמוטיג און שאָ־קעלט מיטן קאָפּ.

— אויך מיר אַ יצר־הרע! — לאַכט פון איהם שמחהלע — און וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען איך דערצעהל דיר, וואָס מיר גלוסט זיך?

— נו, — ווערט פּאַנדרע נייגעריג.

— קיהלען דאָס האָרץ ווילט זיך מיר. קוילענען אָקסען אויף טרפה. אָקסען און קעלבער. ס׳אַלץ איינס. ניט עלע דער שוחט מיטן חלף — איך אַליין! ניט צוליב פּרנסה. גלאַט אַזוי. פופצעהן חדשים אין שעכט־הויז ניט געווען. דו ווייסט וואָס דאָס איז? כ׳בין געוואוינט אַלע ביינאַכט צוצוקוקען זיך, ווי דער שוחט קוילעט. ווי רויטע פייערען, וואַרפט זיך דאָס בלוט איבער די אָקסענע העלזער. ס׳האָט זיך אין מיר אַנגעזאַמעלט. איך האַלט דאָס מעהר ניט אויס. מ׳האָט מיך אָפּגעריסען פון מיין אַרבייט, איז נאָט איידן!..

— נו, דו ביסט דאָך אַלעמאַל געווען אַ גוטער רוצח — קוקט איהם פּאַנדרע אַריין אין די אויגען. — און מענשען וואָלסטו ניט געקענט קוילענען? און מיך אויף די נאָרעס אין אָסטראָג האָסטו ניט געוואָלט שעכטען?...

— נו, גענוג צו דרשנען! — שפּרינגט אויף שמחהלע, דאָס מאָל דער ערשטער. — געגאַנגען זאָל ווערן! אָט באַלד, אַ פּאָר ווי אַרסט פֿאַר מאַקאַראָווקי, לאָזט זיך אַראָפּ אַ זאַמד צום דניעפּער, וועלן מיר זיך אויסבאָדן. דעם אָסטראָג אַביסעל אַראָפּשווייַנקען, די טרפֿהנע בלוטען אָפּקיהלען...

זיי האָבן ווידער אַנגערוקט די וואַרימע היטלען, אַרויפֿגעוואָרפֿן די קלומיקעס אויף די פּלייצעס און געלאָזן זיך געהן אַראָפּ שליאַך. די סאָסנעס און געדיכטע יאָדלעס, רעכטס פֿון וועג, האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען פֿאַנאַנדעררוקן, שיטערער ווערן. דאָס ליכט האָט גענומען אַריינשיסן אין גאַנצע סנאָפּעס דורך די בוימער־קרוינען, און אַ טרוקענע געלבקייט פֿון זאַמד האָט זיך גענומען מישן אין דער גרויער גרינקייט פֿונם מאָך. ווי אַ בלויע ריזיגע אויג האָט אַ לאָך געטאָן דאָס וואַסער פֿון דניעפּער און פֿאַרשוואונדן געוואָרן. און פּלוצלינג האָט דאָס שפּילעוודיגע וואַסער ווידער אויפֿגעשיינט און אויפֿגעשימערט מיט אַ רונדיגען בלויען בויג ביים סאַמע עק זאַמד, ווי אַ בת־מלכּה וואָס פּיעשצעט איהר קיילעכדיגע פֿולע היפּט אין אַ גאָלדענעם בעט. עס האָט אַ ווּעה געטאָן מיט פֿרישקייט פֿון ווערבעס, אין דער פּעכיגער דושנעקייט פֿון סאָסנע־וואַלד האָט עס אַריינגעשטראָמט...

— אָט דאָ, — מאַכט שמחהלע א דעכעל איבער די אויגען, — קען מען זיך אַ באָד טאָן! נאַ... צו אַלדי קאַדיק! קליידער ליגען אויפֿן ברעג... אידעלעך, דאַכט זיך פֿאַליושקען זיך, אין זייער מאַמ—

ער האָט ניט דערזאָגט זיין גוט־וואָרט. אינמיטען שטראָם, ווי פֿון אונטערן וואַסער אַרויס, האָט אַרויסגעשאָסען אַ גאָרגעלדיגער, דערוואָרגענער געשריי:

— ליי־זשקע־ע! אוי־יי! ראַטע־ע... גור־גור־גור!

— מען טרינקט זיך! — האָט פֿאַנדרע אויפֿגעברומט און געכאַפּט לויפֿען צו די בערגלעך זאַמד ביים ברעג. אין לויפֿן — אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם קלומיק, די ברודיגע העמד האָסטיג אַרויסגענומען פֿון גאַרטעל, פֿאַרקאַטשעט און איבערן קאָפּ געשלייַדערט. דעם פּאַסעק אָפּגעלאָזט, געלאָזט פֿאַלן, געטאַנצט אויף איין פֿוס, דערנאָך אויף דער אַנדערער, ביז ער האָט די שווערע פּלודערען

אינגאַנצען פאַרלוירען. דאָס האָט אויסגעזעהן שמחהלען אַזוי קאָמיש, אַז ער האָט זיך צעלאַכט פון פולען האַלז. אָבער פאַנדרע האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט. „האַלט זיך!״ האָט ער געשריען צום וואַסער, וואַרפענדיג די שטיקער אַנטועכץ, פיהלענדיג ווי, גלייכצייטיג מיט די מלבושים, באַפרייט ער זיך פון פאַרדאַכט צו מענשען, צו זייער שפּלדיגער נייגעריגקייט, פון מאַטקייט, פון בייזע מחשבות צום ווייב און פון גראָבע ליידענשאַפטען צו דער אַנטלאָפענער גויה... די פרייד פון ראַטעווען אימיצען האָט איהם אַרומגעכאַפּט, פונקט ווי אין די גוטע צייטען, פאַרן אָסטראָג... אַזוי דערלייכטערט, אינווענינ און דרויסען, האָט ער דעם וואַלד און וואַסער אַנטפּלעקט אַ קערפער פון אַ באַפרייטען שמשון- ברוין ווי נוס איז דער קערפער געווען, בויגיג ווי גומע און מאַסיוו ווי אייזען. ברייט אין די פּלייצעס און שמאָל אין בויך. יעדער שטיק מוסקול האָט, ווידערשפעניג און נאָכ־גיביג, געטאַנצט אונטער דער גלאַטער הויט. נאָר די איקרעס פון די פיס האָבען אויסגעזעהן צו שווער באַלעגאָליש...

ערשט דאָ האָט אַפילו שמחהלע טורערו דערזעהן ווי איבעריג און מיאוס עס זענען די קליידער, וואָס אימיצער האָט צוגעקלעהרט און אָנגעהאַנגען אויף אַזאַ מענשליכע געשטאַלט ווי פאַנדרע איז. „העז אַ שענקייט פון אַ יונג! העז אַ מסירת־נפש ראַטעווען אַ מענ־שען!...״ דאָס קיצעלדיגע געלעכטערעל איז שמחהלען געבליבען שטעהן אין האַלז, ווען ער וואַלט זיך ניט געשעמט, וואַלט ער אָט דאָ, אויף אַן אָרט צווישען וואַלד און וואַסער, געפּאַטשט לאַדעזשקעס און וואַלט געשריען: „בראַוואָ פאַנדרע! אין דיין טאַטען אַריין!...״

ר׳ זימעל דער פּאַקענטרעגער

.1

שוין באַלד אַ יאָהר צוואַנציג, אַז זימעל טראָגט אַרום זיין שווערע קראַם אויפן רוקען. פון שקלאָוו קיין קאָפּוסט, פון קאָפּוסט קיין אָרשע און צוריק. פון שקלאָוו קיין רישקאַקי — דאָס בית־עלמין שטעטעל; פון רישקאַקי קיין מאָהליוו, דורך מאַקאַראָווקי און צוריק.

ער איז אַ פּאַקענטרעגער פון אַלטען, גאָר אַלטען שניט. קיין שום ניי־צייטיג ווינטעל איז נאָך ניט געווען בכח דורכצובלאָזען דעם שוואַרצען, גליטשיגען לייוועגט, אין וועלכען ער בינדט צונויף זיינע ספרים. אין זיין פּאַק קריגט מען נאָר רומ׳ל ספרים: סידורים, מחזורים, ווייבערשע קרבן־מנחהס, בענשערלעך, שיר המעלותן, פּעקלאַך ציצית וכדומה.

אַ שווערע סחורה זיינען ספרים. און דאָס ניי־מאָדישע פּאַפּיר איז נאָך שווערער. „אַמאָל, זאָגט זימעל, האָבען זיך יונגע ווייבלאַך באַנוגענט מיט געוועהנליכען פּאַפּיר. פּראָסט פּאַפּיר איז לייכטער. היינט, ברוך השם, האָבען זיי געקראָגען אַ יצר־הרע צו קרבן־מנחהס אויף „ריגאַל״. ווילנער מאָדעס! און די מאַנסביל טוען זיי נאָך... ריגאַל איז דען פּאַפּיר? בליי איז דאָס, ניט קיין פּאַפּיר! צו מיינע קראַנקע פיס, זאָגט זימעל, אויף די עלטערע יאָהרען, פּאַסט מיר נאָך ריגאַל!...״

אַזוי קלאָגט זיך זימעל דער פּאַקענטרעגער. אָבער ווייבער

האָבּען בּיי אָזעלכע זאַכען קיין רחמנות ניט. מאָדע איז שטאַרקער פאַר רחמנות. „אויב איהר, ר׳ זימעל, סטראַשען די ווייבּער, וועט אונז ניט ברענגען אַ ווילנער קרבּן־מנחה אויף „ריגאַל״, ווייסען מיר אַליין וואו דער „סקלאַד״*) געפינט זיך...

ניט אַנדערש, אַז פון שלעפּען יאָהרענלאַנג אַזאַ מוראדיגען פּאַק, האָט זיך בּיי זימלען דער האַלז־און־נאַקען אַראָפּגעבּויגען, און דער אונטערשטער טייל פון רוקען, איבּער זיין געזעס, איז בּיי איהם איינגעפאַלען. אינם דאָזיגען אַריינבּויג פון די לענדען פּאַסט זיך אַזוי גוט אַריין דער גרויסער רומל־פּאַק אין דער גליטשיגער שוואַרצער טוך. און דער ריזיגער קנופּ פון פּאַק, מיט די שוואַרצע עקען— ווי די פליגלען פון אַ פלעדערמויז, פּאַסט זיך אַזוי גוט אַריין אין אַראָפּגעבּויגטען האַלז־און־נאַקען. אַ פּאָר רויטע הענט מיט קלעם־פינגער האַלטען איהם דאָרטען פעסט.

הכּלל, איינער איז אָנגעמאָסטען פאַר דעם צווייטען. דער פּאַק אָהן זימלען איז, דאַכט זיך, אַ האַלבּער פּאַקענטרעגער, און זימעל אָהן דעם פּאַק איז אויך אַ האַלבּער פּאַקענטרעגער. אָהן דעם פּאַק איז זימעל ניט זיכער מיט זיינע פלאַכע פיס אין די בּרייט־נאָזיגע שטיוועל. ער געהט וואַקלענדיג און דער געזעס איז בּיי איהם בּולט־אויסגעבּויגען ווי בּיי אַן אָפּגעפּאָהרענער קאָרסעט־טרעגערין. דער בּויך אַראָפּגעהאַנגען און די ליטקעס — צופּיל אַרויסגע־שטעקט. מיט איין אונטערשייד, וואָס אָנשטאָט אַ ווייבּערשען אונ־טער־קליידעל פון לאַסטיק, ליגט דאָ, ווי אויסגעגאָסען, אַ גלאַנ־ציגע ראַצעמאַרענע קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט. אַזוי געהט זימעל אָהן דער משא פון פּאַק, און זיינע אויסגעבּויגענע פליישען וויגען זיך מיט אַ מין אויסטערלישער עלעגאַנץ פון אַן אנדרוגינוס.

פון פּאָרענט איז דוקא ניטאָ קיין שום סימן פון דער דאָזיגער מאַן־ווייבּישקייט. פון פּאָרענט זעהט מען נאָר אַ פּאָר רויט־אָנגעגאָ־סענע אויגען מיט אומרוהיגע גליהענדיגע שוואַרצאַפּלען, אויסגע־קראַכענע וויעס, אַ טרויעריגען קוק, צו דריי האָר אויף די איינגע־פאַלענע בּאַקען און אַ בּערדעל — שוואַרץ ווי קויל און דין ווי אַ

---

*) סקלאַד — ביכער־לאַגער פון הויפּט־פאַרקויפער.

פענזיל. שיטערע וואַנצעס איבער אַ האַלב־אויפגעעפּענטען מויל. לעבער־פלעקען אין די משופּעדיגע שלייפען, אַ פּליכעוואַטער שטערן, אַ מאַסקע פון אַן איבערגעמאַטערטען מענשען, וואָס כאַפּט דאָס גאַנצע לעבען דעם אָטעם און קען איהם ניט דערכאַפּען; וואָס יאָגט זיך נאָך, יאָהרענלאַנג, נאָך אַ גילדען פּרנסה און קען עס ניט דערגרייכען.

פונם שווערען אָטעמען אונטערן פּאַק, פון אייביגער אָנשטרענ־גונג, אין היץ און אין קעלט, האָט זיך איהם אויך דער קול פאַר־ענדערט. געריצט און דערשטיקט גאָרגעלט זיך דאָס ביי איהם אין האַלז, בלעזעלט זיך ווי אַן איבערגעהיצט געקעכצעל. אָט־אָט לויפט עס אַריבער און פאַרלעשט זיך אַליין... נאָר דער פייער פון לעבען איז אין זימעל פּאַקענטרעגער אַ סך שטאַרקער, ווי מען קען מיינען.

אין ליובאַוויטשער בית המדרש, ביים טיר, אויפן לאַנגען דעמ־בענעם טיש פון חברה־תהילים־זאָגער, פּאַקט ער אָפּטמאָל אויס זיין רומל־סחורה. נאָר צום צווייטען מנין טוט ער דאָס, ווען באַלעבאַ־טים דאַווענען. וואָרים אָרימע לייט, פון ערשטען מנין, קויפען ניט און האָבען ניט פאַרוואָס צו קויפען.

דער גרויסער קניפּעל מיט די עקען פון אַ פּלעדערמויז ווערט אויפגעעפּענט. די שוואַרצע, גליטשיגע טוך, וואָל כאַפּט ארום דעם גאַנצען פּאַק, איז איינע פון יענע שטאָפען, וואָס לאָזען קיין לופט און וואַסער ניט דורך. און חברהשע יתומים מאַכט מען פון אַזאַ עהנליכען שטאָף מייטקעלאַך, כדי עס זאָל זיך ניט אָפּטראָגען... אָט די דאָזיגע טוך ווערט אַצינד פייערליך אויפגעבונדען און אין איהר טויטער שוואַרצקייט גיבען לעבעדיג אַ בליאַסק די געדרוק־טע שער־בלעטער, די גאָלדענע אותיות אויף די קאָלירטע איינבונדען און רימענע רוקענס. קליינע איבער גרויסע הויפען זיך די ספרים און „בלעטער" ניט־געבונדענע אין מייסטערהאַפטע עטאַזשען, צעהנגאָרענדיגע „שטיבעלאַך". מיט געניטע הענט מאַכט זיי זימעל פּאַקענטרעגער חרוב. ער נעמט פון מיטען קופּע און וואַרפט אויף רעכטס און לינקס. ער טראַכט, דאַכט זיך, גאָר גישט דערביי, אָבער

יעדער רוק און יעדע האַנט־באַוועגונג האָט אַ זין. בלעטער לעגען זיך אויף בלעטער און טאָװלען אויף טאָװלען. יעדער מין אויף זיין אָרט מיט די אותיות צו די בית־המדרש־לייט. די שוואַרצע טוך װערט ביסלעכווייז פאַרשוואונדען אונ־טער דער ווייסקייט פון געדרוקט פּאַפּיר, ווי אַ שאָטען אין אַ בלאַסער ליכטיגקייט, און צוויי ווייסע אין גאָלד־באַפּליטערטע פליגלען צופּעכערען זיך פון זימעלס ווערכטע האַנט און לינקע האַנט. אויפן סאַמע גרונט פון צעוואָרפענעם פּאַק באַווייזט זיך זימעלס אָפּגעטראָגענער טלית. ער וויקעלט זיך אין איהם איין און שנורעוועט זיך אַרום מיט תפילין. די פאַלעס פון זיין גרויסען טלית גיסען זיך אַצינד צונויף מיט דער ווייסקייט און פאַרביגקייט פון די רומל ספרים. אַזוי שטעהט זימעל אין זייער מיטען, אַזוי צו־שאָקעלט ער זיך און צודאַוועגט זיך, און זיינע פליגלען דערגריי־כען פון איין עק תהילים־טיש ביזן צווייטען. אָט די שוואַרצקייט פון זיין פענזיל־בערדעלע, אָט די רויטקייט פון זיינע גליהענדיגע אויגען — אָהן וויעס, ווערען אַצינד אַזוי בולט־שאַרף אין דער געלב־ליכער ווייסקייט פון טלית און פון זיינע רומ״ל ספרים. ער איז אַצינד מאָדנע אינטערעסאַנט, זימעל פּאַקענטרעגער. זיין טלית פלאַטערט ביים דאַוונען, און מיט איהם צוזאַמען ריהרען זיך, דאַכט זיך, די צופּעכערטע ספרים פון ביידע זייטען... ווער־ווער — נאָר אינגלאַך וואָלטען פאַר איהם געווייס מוראדיג דרך־ארץ געהאַט, ווען ניט דאָס קולכעל זייגס, וואָס גאָרגעלט זיך וואָכעדיג אפילו אום שבת, וואָס בלעזעלט זיך ווי אַ ביליג געקעכצעל אפילו בשעתן דאַוונען. מ'איז שוין געוואוינט דערצו, אַז זימעל זאָל מישען האַנ־דעל און תפילה אינאיינעם. אין איין אָטעם ענטפערט ער זיינע ניי־געריגע קונדען, גיט אַ גלאָז און אַ רעד צום רבונו של עולם, אַ קוק אין סידורל און אַ קוק אויף די פינגער פון קונה.

2.

מעהר, ווי אַלע באַבערדעלטע אידען, זיינען חברה־יונגוואַרג

בייגיעריג אויף זיינע ספרימלאַך. טאַפּען זיי מיט ציטערדיגע פינ־גער און פרעגען מיט ציטערדיגע קולכער. אָבער זימעל ווייסט גוט, פון זיין לאַנג־יאָהריגער פּראַקטיק, אַז פון זייער טאַפּען וועט גאָרנישט אַרויסקומען, סיידען די טאַטעס וועלען צוגעהן און וועלען אויך אָנהויבען צו טאַפּען; סיידען די קליינע חברה־לייט האָבען אָוועקגעלקחענט אַ פּאָר קאָפּיקעס ביי דער מאַמען. נאָר דאָס טרעפט אַזוי זעלטען... דערפאַר טרייבט זיי זימעל מיט פאַראַכטונג פון זיין סחורה, ווי פליגען פון קעז. ער דאַווענט און טרייבט:

— אַי, יהי כבוד ד׳ לעולם... געלט האָסטו? מ׳נאָם־נאָם־נאָם... אַ בענשערילן? צוויי קאָפּיקעס. אַי, ממזרח שמש עד מבו־או... אַוועק! על השמים כבודו כיל־כיל־כיל... אָ, נו, נו! ד׳ הפיר עצת גוים!... כיל—כיל—כיל...

דאָ גיט זימעל פּאַקענטרעגער פלוצלינג אַ טאַפּ דעם „של ראש״, דערנאָך דעם „של יד״, אַ קוש די שפּיצען פינגער און אַ פּאַטש אַ זשעדנע הענטעל פון אַ חדר־אינגעל, וואָס איז איהם פאַר־קראָכען צו ווייט אין די בענשערלאַך. די אַלע פּיער באַוועגונגען קומען אַזוי האַסטיג, געקייטעלט איינס נאָך איינס, פּונקט ווי זיי אַלע וואָלטען געהערט צוזאַמען. אָבער די אינגלאַך, ווי פליגען אַרום קעז, לאָזען זיך ניט אָפּשרעקען פון אַזעלכע פלינקע פּעטשלאַך. זיי שפּרינגען אָפּ און שפּרינגען צו. זיי באַוואונדערען די מאָדנע גע־צאַצקעטע שער־בלעטלאַך אויף די חסידישע ניט־געבונדענע ספרים. אויף די „שערים״ שטעהען דאַפּעלטע לייבען, וואָס זעהען אויס ווי קעץ, עהנליך צו די הילצערנע לייבען אויפן ארון קודש. איין לייב קוקט רעכטס און דער צווייטער לינקס; די צינגער ווי די זרקא־טראָפּ אויסגעבויגען. זיי באַריהמען זיך, דאַכט זיך, די לייבען, ווי דרדקי־אינגלאַך: „אהאַ, כ׳האָב מיך טאַקע הויך אַרויפגעדראַפּעט! אַהאַ, כ׳בין טאַקע אַ לייב!...״ אונטער די לייבען שלענגלען זיך מיני עק־דישען, און שופרות מיט הדסען זיינען דאָ געדיכט אָנגעוואָרפען. הושענות און הערנער פון הירשען אויך ניט געזשאַלעוועט, און אַלץ ליגט פעסט אָנגעלעהנט אויף זיילען מיט ברייטע פיס. אָט דאָס הייסט מאַלען אויף דער וועלט!

ביים שוועל פון אַזעלכע פּראַכטפולע „טויערען״ וואַלגערען

זיך מאָדנע ווערטער: „ווילנאַ" אָדער „וואַרשאַ". וואָס ,וויסטן שקלאָווער חדר־אינגלאַך, וואָס ווילנא אָדער וואַרשא באַדייט! פֿאַר זיי האָט אָבער אַלץ אַ טייטש און אַלץ איז אַ ראשי־תּבֿות. ניטאָ קיין אומזיסטע אידישע אותיות אויף דער וועלט!

גיט איין קונדס אַ וואונק צום צווייטן, אַ גמרא־קעפּעל צו אַ דרדקי־אינגעלע:

— זעה, פּינקע, ווייסט וואָס „ווילנאַ" מאַכט?

— נו, נו?

— וואָס ווילען יונגעלייט נאָר אכלען..."

— זעה, זעה! און „וואַרשאַ"? וואָס איז דאָס וואַרשאַ?

— וואַרשא מאַכט: וואָס ווילען אַלע רבי׳ס שמייסען אינגלעך..."

דאָס דרדקי־אינגעלע חידושט זיך אַביסעל וואָס די שער־בלעט־לאַך פֿון הייליגע ספרים זאָגען אַזוי גראָב אויס „פֿון חדר"... נאָר וויבאַלד פּיווקע אוריס, דער גמרא־בחור, ווייסט אַלץ, טאָ זאָל ער איהם זאָגען וואָס איז טייטש „האלמנה והאחים ראָם"... אָט דאָ אויף די שער־בלעטער לעבען „ווילנאַ"! וואָס „האלמנה" איז — ווייסט ער: אַן אלמנה איז אַן אַלמנה, און „אחים" זיינען ברידער. יאָ, אָבער וואָס איז דער טייטש „ראָם"?

דאָ ווערט פּיווקע אַליין אַביסעל מטושטש. ראָם? וואָס איז „ראָם" ווייסט ער נישט? „ראָם" איז דער טייטש: ער האָט זיי גע־זעהן. די אלמנה מיט די ברידער האָט ער זיי געזעהען...

דאָס דרדקי־אינגעלע בלייבט שטעהן פֿאַרגאַפֿט פֿון פּיווקעס ידיעות. כאָטש איין פּלוג איז דאָך אַ קשיא: וואו געזעהן? וואָס גע־זעהן? און אַז געזעהן איז וואָס? און וואָס טוען דאָ די אלמנה מיט די ברידער? ווער וועמען האָט געזעהן? אַ רעטעניש. די זעלבע רעטע־ניש ווי זימעל פֿאַקענטרעגער מיט זיינע צוואָרפֿענע „פֿליגלען" איבערן טיש און מיט זיין גאַרגעלדיגען דאַווענען... נאַ, אַבי איינגע־טייטשט: „די אלמנה מיט די ברידער ער האָט זיי געזעהן". ניטאָ קיין אומזיסט־געדרוקטע ווערטער אויף דער וועלט!

און ווען מען איז גאָר פֿלינק און מען פּאַספּעיעט, צווישען זי־מעלס אָנגעשריי און פּאַטש איבערן האַנט, איבערצוקעהרען אַ ספר

אויף דער לינקער זייט, דערזעהט מען גאָר־גאָר אַן אויסטערלישע וואָרט, אַ וואָרט וואָס מאַכט שטוינען אַלע קינדערשע אויגען און פאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט זיין טערקישען קלאַנג: „תושלבע׳׳ הייסט דאָס וואָרט. תושלבע? זעהט, קינדער, וואָס איז תושלבע? פּייוקע, ווייסט ניט וואָס איז תושלבע?

פּייוקעס טיפע ידיעות אין לשון־קודשדיגע טייטשען און אין ראשי־תבותן ענדיגען זיך דאָ. אַט־אַט! עס ליגט איהם אויף דער צונג. און וואָס איז תושלבע קען ער זיך בשום אופן ניט דערמאָנען. באַלעבאָטשעט ער וואָס עס מאכט זיך:

— תושלבע איז... איז... אַלע ספרים ענדיגען זיך אַזוי... ס׳מוז זיין... אַט־אַט, דער נאָמען פון דרוקער...

— עם הארץ! — פאַלט איבער איהם פּלוצלינג אַראָפּ אַ זיס־ליכער צבועצקער קול.

צוויי פּעטע שפּעלטעלאַך אָנשטאָט אויגען קוקען אויף פּייוקען; פליישיגע ליפּען טשמאָקען מיט פרומען שפּאָט. דאָס איז בערע־רחמיאלס, דער אויבער־שמש. פּעטער אורי, פּייוקעס טאַטע, איז אַצינד אין וועג, פאַרטרעט ער, בערע רחמיאלס, פּריוויליג דעם אָרט פון אַ טאַטען:

— ווי? ווי האָסטו געזאָגט? שייגאָץ! נישט צייט צו וויסען איז דיר ניט צייט? „תושלבע׳׳ מאַכט דאָך „תם ונשלם שבח לאל בורא עולם׳׳ — גענדיגט דעם ספר, געלויבט דער אויבערשטער. אַי־אַי־אַי!... טצ... צט!

איטשייזשע, פּעטער זשאָמעס אויסגעגעבענער זוהן, פּייוקעס שוועסטער־קינד, געהט אַן מיטן טלית און תפילין אויפן לומדישען דיספּוט צווישען בערע־רחמיאלס און צווישען דעם צעהן־יאָהריגען פּייוקען. ער איז אַן אויפגעקלערטער, איטשייזשע. מישט ער זיך אַריין און לאַכט אַביסעל אָפּ:

— יאָ, יאָ, פּייוקע! ס׳הייסט: געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מען איז פּטור געוואָרען פון אַ מחבר...

בערע־רחמיאלס, דער צבועק, דער פּריוויליגער פאַרטרעטער פון פּייוקעס טאַטען, איז כלל ניט צופרידען פון אַזאַ חכמהנען זיך איבער הייליגע ספרים. פון די פּעטע שפּעלטעלאַך, אונטער די

סיווע ברעמען, קריכען איהם אַרויס אַ פּאָר וואַסערדיגע שוואַרצאַפּ־לען. ער הויבט אָן בייז צו קייען די אונטערשטע ליפּ, צודאַוועגט זיך מיט קאָפּ־שאָקלעריי אויף היינטיגע עזות־פּנימער און טרעט אָפּ.

אָבער קינדער פאַרשטעהען ניט אָט די אַלע חכמות פון די דערוואַקסענע. זיי זעהען די ספרים מיט זייערע אויגען, און טייטשען די געהיימניספולע שער־בלעטלאַך און עק־בלעטלאַך מיט זייערע ווערטער. פון די ספרים מיט „ווילנא" אויפן שער בלע־טעל שמעקט מיט אַ פרישערען ריח פון דרוק. ער גיט זיך אָפּ דער ריח מיט שבתדיגקייט, מיט אָנגעחאַרימטע שטרוי אין אַ היי־סער זון... און די ספרים מיט „וואַרשא" אויפן שער־בלעטעל שמע־קען בילינער, פאַרלעגען. אַ וויטער ריח פון טוכלעקייט הערט זיך פון זיי. זייערע אותיות זעגען אַ קאַפּעלע צושוואַומען; קאָסטען זיי טאַקע וואָלוועלער ביי ר' זימלען... „וואָס ווילען אַלע רביס?"... הע־הע...

און זימעל פאַקענטרעגער געהען אויך אָן אָט די אַלע ראשי־תבותן פון זיינע ספרים, ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שניי. וואָס קומט דערפון אַרויס? אַז מען לייזט ניט קיין געלט, זיינע זויערע אויגען לויפען אַרום אין זייערע רויטע רעמלאַך, אין לעפלאַך אָהן וויעס. פון די דאַוונער און אינגלאַך ביים טיש לויפען זיי צו די תפילות אין סדור, און פון סדור — צום רבונו של עולם. די פרייע רעכטע האַנט שפּרינגט, ווי אַ וועווערקע, פון „של־ראש" צום „של־יד" און פון „של־יד" צום מויל און פון מויל צו די בייגיעריגע קינדערשע הענטעלאַך: פּאַטש! און דאָס דאַוונען און קרעמערישע קורצע ווער־טער קאָכען זיך צונויפען ביי איהם אינהאַלט, ווי אַן איבערגעהיצט געקעכצעל:

וכרות עמו הברית — כיל—כיל—כיל! טשעפע ניט! החתי, האמורי, והפריזי, נו, אַה! האַסט צוויי קאָפּיקעס? כיל—כיל—כיל! ואת זאקתם... על ים סוף, מ'נאַם, מ'נאַם, מ'נאַם... פאַרך! אַה, אַה, וואַרט־וואַרט!

.3

פון אַרומצופיהרען זיין ספרים־קראָם מיט פערד־און־וואָגען האָט זימעל קיינמאָל ניט געוואָלט וויסען. צו זיין אַ באַלעגאָלע און פאַקענטרעגער אין איין און דערזעלבער צייט האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט. „נאָך ווענינ מיר, אַזוי פלעגט זאָגען זימעל, דער יאָך פון ווייב און קינדער,זאָל איך נאָך אָנטאָן אַ פערדישען כאָמעט אויפן האַלז? מוחל!“

נאָר איינמאָל, מיט די ערשטע ימים־נוראימדיגע פרעסטלאַך, האָט זימעל, פאַרשוויצטערהייט, געכאַפּט אַ הוסטעלע אויפן אָרשער שליאַך. פון דעם הוסטעלע איז אין עטליכע טעג אַרום געוואָרען אַ הוסט און אַ שטעכעניש אין זייט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען ביז איבער די ימים טובים. אונטערן גרויסען שוואַרצען פאַק, מיט די פלעדער־מויז־עקען, האָט געקייכט און צאַפּעלדיג געקנייטשט זיך זימעלס קעפעלע מיט די רויט־אָנגעגאָסענע אויגען, מיט דעם פענזעל־בערדעלע אויף דער פליכעוואַטער גאָמבע.

זיינען צו איהם צוגעשטאַנען ר׳ ישראל דער גבאי און נאָך חשובע אידען פון ליובאַוויטשער בית־המדרש, ער זאָל אויפהערען צו שלעפּען אַזאַ פאַק אויפן רוקען. ס׳איז פקוח נפש. ער וועט זיך נאָך, שונאי ישראל, די לונגען אָפּרייסען.

מ׳האָט מיט איהם גע׳טענהט, איינגעשמועסט, אויסגעהאָלפען מיט אַביסעל מזומן. ר׳ סענדער דער באַלעגאָלע, עליו השלום, האָט זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, דעם גאַנצען צעך האָט ער געשטעלט אויף די פיס. אַלע באַלעגאָלעס און שמייסער האָבען געהאָלפען אין דער מצוה און מען האָט איינגעהאַנדעלט אַ מציאה, אַ פערדעל פאַר ר׳ זימעל פאַקענטרעגער. ס׳איז אַפילו געווען איינער פון יענע פערדלאַך, וואָס זיינען באַשריבען ביי מענדעלי מוכר ספרים: אָפּגעבאַרעט און שוועך אויפן גאַנג. אַבי ר׳ זימעל זאָל זיך מעהר די לונגען ניט רייסען. אַזאַ פערדעל איז בכל אופן ביליגער ווי אויסצוהאַלטען אַן אלמנה און יתומים, להבדיל, און אין אַ בייזער שעה זאָל ניט זיין אויסגערעדט...

אַן אַלט וועגעל האָט איהם ר׳ סענדער, עליו השלום, אויך אויס־געבאַרגט. אַ מין גויעשקע פוהרעל, אין וועלכען ר׳ סענדער פלעגט פיהרען כּל־ערליי מיני אַפּפאַל און שמאַטעס. מ׳האָט דאָס וועגעל אַביסעל אַרומגעוואַשען און דערלאַנגט אַ מתנה ר׳ זימלען. אַ צוויי־דייטיגע מתנה איז דאָס געווען.

- נאַ, פאַרניצט געזונטערהייט, ר׳ זימעל! אַז גאָט וועט אייך העלפען, וועט איהר אויסצאָהלען...

און ר׳ זימעל האָט אַוועקגעלעגט זיין שוואַרצען פּאַק, ווי אַ בר־מינן, אין רויען וועגעל אַריין, גענומען די שטריק־לייצעס אין די הענט און אַוועקגעלאָזען זיך טיאָפּען, מיט זיינע אויסגעקרימטע שטיוואַלעס נאָכן אַרימען שפּאַן. ווייל שלעפּען אי די פּאַפּירענע סחורות, אי דעם פאַקענטרעגער גופא, האָט דאָס פערדל קיין כח ניט געהאָט.

זויער און געדריקט איז זימעל נאָכגעגאַנגען נאָך זיין אַדלער. „ניאָ, ניאָ, שלימזל!...״ און אַליין געפּיהלט זיך זעהר פּאַסקודנע. אָהן דעם פּאַק ספרים אויף די אַריינגעדריקטע לענדען איז איהם געווען אַ סך שווערער צו געהן. אַ האַלבער גוף האָט איהם געפעהלט. דעם שטענדיג איינגעבויגענעם קאָפּ האָט ער סיי ווי סיי ניט גע־קענט האַלטען גלייך. דער אויבערשטער טייל גוף און דער אונטער־שטער האָבען בשום אופן ניט געקענט מושוה ווערען צווישען זיך, צו געהן בשותפות. אַ ברעכעניש איז געשטאַנען אין רוקען. דער שליאַך האָט זיך געשאָקעלט אונטער זיינע אויסגעקרימטע פיס. כדי צו האַלטען גלייכגעוויכט האָט איהם געפעהלט די משא צווישען די לאָפּעטקעס און געזעס. דאַכט זיך, אַזאַ פרייער, אַזאַ אויסגעבויגע־נער אַרט — און דער פּאַק, אויסצופילען איהם, איז ניטאָ... ווען מען נעמט ביים קעמעל פלוצלינג אַוועק דעם האָרב, וואָלט ער זיך, מסתמא, אויך ניט בעסער געפיהלט. און טאָמער ווייניג — טראָ־גען זיך אַליין אויף די פיס, מוז מען נאָך זאָרגען פאַרן פאַדלע־פערד אויך, ער זאָל געהן; נוקען איהם מוז מען, ציהען פאַר די לייצעס, אויסקירעווען, אָפּהאַלטען באַרג־אַראָפּ. ביי יעדען פּלוצ־ליכען, צו־שטאַרקען ציה, וואָס דאָס פערדעל טוט, פאַרלירט ר׳

זימעל דעם האַלט אונטער די פּיס, און מוז זיך, נאָכשפּרינגענדיג, אַ כאַפּ טאָן ביים האַלצערנעם ראַנד פון וועגעל.

אָן אָפּגעמאַטערטער, אָן אָפּגעגאָסענער מיט שוויס האָט ר׳ זי־מעל קוים דערטריבען זיין ברויט־געבער ביז קאַפּוסט, אַ וועלכע צוועלף וויאָרסט פון שקלאָוו, און אָפּגעשטעלט זיך לעבען גרויסען בית המדרש.

אַ פאַרגרעבטע שטאָט איז קאַפּוסט, כאָטש דער רבי ר׳ לייבע־לע שניאורסאָן זיצט דאָרטען. ציגעלניעס און קאַכעלניעס אָרום און אַרום. אַ סך גראָבע יונגען אַרבייטען דאָרטען, און די אינגלאַך זיי־נען ניט בעסער פאַר די דערוואַקסענע. מ׳איז געווען געוואוינט פון קדמונים צו ר׳ זימלען אונטערן פּאַק, אָבער ניט צו ר׳ זימלען לעבען פּאַק. האָט מען איהם אויפגעהויבען „נאָ אורא״:

— זעהט, ר׳ זימעל פּאַקענטרעגער, דאַכט זיך!

— ר׳ זימעל מיט אַ וואָגען שמות!

— געוואָרען אַ באַלעגאַלע, דער פּאַקענטרעגער!

— אורראַ! ר׳ זימעל!

אויסגעפּאַקט מיט מזל די שווערע סחורה אויפן בית־המדרש־טיש — איז געה, וויס וואָס פריהער צו היטען: צי די אויסגעפּאַק־טע ספרים, צי דעם אויסגעשפּאַנטען פערד אין הויף. סיי דאָ, סיי דאָרטען גראַבלען זיך פלינקע פינגערלאַך פון מזיקים. דאָ שלעפּען זיי בענשערלאַך, טאַפּען וואַרשעווער הגדות מיט צאַצקעס, און דאָר־טען ציהען זיי סטרונעס ביים פערד פון עק, פלעכטען איהם איין שטעכעלקעס אין גריווע, קאַלופּען איהם מיט שטרויעלאַך אין די רירעוודיגע אויערען. לויף אַהער און לויף אַהין, כאָטש נעם און פאַר־קויף ספרים אונטערן פערדס עק, אָדער נעם און בינד צו דעם סוס צום בית־המדרש טיש. — און קויפען? פון קויפען איז גאָה קיין רייד ניטאָ. באַלעבאַטים טאַפּען אפילו, שמעקען, וויצלען זיך און קויפען טוען זיי ניט. פון די ווערטלאַך וואָס בכבודיגע אידען און יונגעמאַנטשיקלאַך וואַרפען איהם צו, שטויסט זיך ר׳ זימעל אָן, אַז מ׳האַלט אַז ער איז נתעשר געוואָרען און פאַרקויפט ספרים פון וואוילטאָג וועגען. וויבאַלד, ר׳ זימעל, איהר האָט זיך, אָהן עין הרע, געקענט אַרויפשלאָגען אויף אַ פערד און וואָגען, זענט איהר דאָך

מעהר ניט קיין נצרך אזא... היינט וואס רייסט איהר אזא מקח?... אן אנדערס מאל, ר׳ זימעל!...

ערשט דא האט זיך זימעל ארומגעזעהן וואס פאר א שלעכטע עצה עס האבען איהם געגעבען ר׳ ישראל גבאי און חשובע שקלא־ווער באלעבאטים. נאר איין בענשעריל האט ער פארקויפט, א צוויי־טען האט אימיצער אוועקגעלקחנט. און א מעסטעלע האבער דעם פערד האט מען אויך געמוזט קויפען. העז א פאדלע! פארברויכט מעהר הוצאות הדרך, ווי ער אליין. האבערעל ווילט זיך איהם!...

א וואך צייט האט זיך ר׳ זימעל אפגעמוטשעט מיט זיין ברויט־געבער, צווישען קאפוסט און ארשע. און אויף דער צווייטער וואך איז ער אנגעפאהרען צוריק אין שקלאוו. מכות רצח האט ער, בשעת דעם לעצטען פאהר, דעם פערד געשלאגען; דאס גאנצע ביטערע הארץ אויסגעגאסען צו זיינע אפגעהאנגענע ליטקעס. ביים באלע־גאלישען צעך איז ער שטעהן געבליבען און, הוסטענדיג, אריינגע־לאפען מיטן בייטש־שטעקעל צווישען די אנגעפעלצטע, רויט־פנימדיגע צעך־לייט:

— ר׳ סענדער! קכי, קכי... אידען ראטעוועט מיך! ווארים, ווארים... קכי־קכי־קכי!

מ׳האט איהם מיט פאראייניגטע באלעגאלישע כחות „גערא־טעוועט“. דאס פערדעל פארהאנדעלט ווי ניט איז מיט א פאר רובעל היזק. דעם אויסגעליהענעם וועגעל האט ר׳ סענדער צוריק ארויפ־געפיהרט צו זיך אויפן הויף, און ר׳ זימעל האט אנגעבויגען האלז־און־נאקען, אריינגעפאסט דעם שווארצען פאק מיט ספרים אין טי־פען אויסבויג, צווישעןביידע לאפעטקעס און געזעס, אנגעכאפט די פלעדער־מויז־עקען פונם קנופ מיט ביידע הענט, און ווידער דער־פיהלט די ערד אונטער די אויפגעלעבטע פיס. הא־הא, עס געהט זיך גאר אנדערש! א ליכט אין די אנגעגאסענע אויגען איז איהם אויפגעגאנגען. ער האט אפילו ביסלאכווייז אויפגעהערט צו הוסטען, און די ברעכעניש אין רוקען איז אויך אוועק. געהאקטע באנקעס וואלטען איהם אויך בעסער ניט אויסגעהיילט. ער האט באשיינפער־לאך דערזעהן, צום לעצטען מאל זיך איבערצייגט, אז ניט ער אהן

דעם פּאַק, ניט דער פּאַק אָהן איהם — קענען ווייט אַוועקגעהן. האַ־האַ, קיין גוטער איד זאָל פּערדישע הילף ניט באַדאַרפען!

ס'האָט זיך ווידער געגומען לייזען צו־ביסלאַך, ניט צו פאַרזינדיגען. אמת, קיין גרויסע גליקען פון פּאַק האָט ער קיינמאָל ניט געמאַכט. וואָס פאַר אַ גליקען קען מאַכען אַ אידישער פּאַקענטרעגער, אַז אַזעלכע מעשה־ביכלאַך פאַר דינסטמיידלאַך ווי „עזריאל מיטן בער" און „די בלוטיגע דאָלאַרעס" קאָסטען סך הכל דריי קאָפּיקעס? און דער „איסקלאַד" (סקלאַד) אין מאָהילעוו גיט איהם אַראָפּ ראַבאַט וועניגער ווי אַ קאָפּיקע פון שטיק. און איבער אַ געבונדענעם סידור פאַר אַ עברי־אינגעל דינגט זיך אַ טאַטע פון קינדער אַ וואָך נאָכאַנאַד און כדי צו פאַרקויפען אַ ווילנער „קרבן מנחה" אויף רייגאַל־פּאַפּיר מוז דאָך אַ בתולה חתונה האָבען; און ביז מען זעצט אָפּ אַ גאַנג משניותן, אויף אַ דרשה־געשאַנק, מוז דאָך ערשט אַן איידעלער בחור טאָן אַ שידוך. און איידער אַ באַלעבאָס קויפט אַ זיידענעם פּעקעל ציצית, טאַפּט ער אויס, מיט פאַרטאַבאַקטע פינגער, עטליכע וואָלענע פּעקלאַך, כדי צו זעהן דעם אונטערשייד... כאָטש נעם און פיהר זיי דערנאָך אין באָד, די אויסגעטאַפּטע פוכקע וואָלענע ציצית. נאָר גאָר־ניט, אַ דאַנק דעם אויבערשטען דערפאַר! מען לעבט זיך דורך:

החתי, האמורי הפריזי והיבוסי... כיל־כיל... טשעפּע ניט! ואת זעקתם שמעת על ים־סוף... מ'נאַם־נאַם... צוויי קאָפּיקעס האָסטו? אָה, אָה, נו!... ותתן אותות ומופתים... כיל־כיל — אַוועק, שייגעץ דו!

זימעלס קאָנקורענט

.1

שוואַך זיינען די פאַרדינסטען פון רומל ספרים. ר׳ זימעל האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט באַקלאָגט, און וואָלט זיך אפשר אַזוי ווייטער דורכגעשלאָגען ביז אויף די עלטערע יאָהרען. דאַרף זיך אָבער אויפן שקלאָווער האָריזאָנט באַווייזען אַ צווייטער, פאַקענטרעגער. און דער איז פאַרלאָפען ר׳ זימלען אַלע שליאַכען און פאַרביטערט איהם זיין ברויט.

ניט איינגעבויגען אונטערן פאַק, ווי דער אייביגער איד, איז דער נייער מוכר ספרימניק אָנגעקומען, ניט מיט אַרויסגעקוועטשטע אויגען, פון אָנשטרענגען זיך אין היץ און אין קעלט, און ניט מיט צוויי הויקערס, ווי ביי ר׳ זימלען, איינער אַ אויבערשטער, דער צווייטער אַן אונטערשטער, צווישען וועלכע דער ספרים־פאַק פאַסט זיך אַזוי גוט אַריין... דער נייער פאַקענטרעגער איז דוקא געווען אַ סטאַטנער חברה־מאַן אין אַ קורצען באַקוועמען רעקעל. די הויזען אַריינגעטאָן אין ניט־געפאַלדעוועטע שצאָגעלסקע כאָליאַוועס. אַ ברייטער אָפגעבערענטער פנים מיט כוואַטסקע העלע אויגען. אַן אַרומגעשאָרען רויטליך בערדעל. און ניט קאַפאָטע־לאַנגע רומל ספרים האָט ער אַרומגעטראָגען, און ניט שווער־בלעטערדיגע חסידישע פאַפוסעס, נאָר לייכטע, ניי־געבונדענע, קלאָר־אותיותדיגע ספרימלאַך. און קורץ אַרומגעשניטען זיינען די דאָזיגע ספרימלאַך געווען, ווי די

שצאַגעלסקע רעקלאַך פון היינטיגע יונגע לייט און פון נייעם פּאַ־קענטרעגער גופא...

דער אינהאַלט פון די ספרימלאַך איז געווען ניט בעסער ווי זייער אויסזעהן. אַלץ דקדוק־ספרים, אד״ם הכהן׳ס שירים, אליקום צונזערס לידער, די העברעאישע וועלט־געשיכטע פון קלמן שולמאַן, בלאָשטיינס „קאַלט און וואַרים״, פּרוגס רוסישע „סטיכאָטוואָרעניעס״, יהושע שטיינבערגס ווערטער־ביכער, געבונדענע „השחרס״ פון סמאָלענסקינען, מאַפּוס „אהבת ציון״... הכלל, גאַלע טריף־פּסולס; ליטווישע, פּוילישע און גאַליצישע אפּיקורסות, וואָס מען טאָר גאָר אין אַ אידישער הויז ניט אַריינלאָזען. ווי יעדער סם־המות האָט דאָס פאַרנומען אַ קליינעם אָרט. מיט איין אָרעם האָט דאָס דער נייער פּאַקענטרעגער געקענט אַרומנעמען. די גאַנצע קראָם איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ צעראַטע, און די צעראַטע אין אַ טוך מיט קוויטלאַך. גרינג, שען, באַשיצט, באַקוועם.

די פרומע פּיקס פון שטעטעל האָבען גלייך גענומען אַרומפּאַדיען, אַרומשמעקען, אויספאַרשען:

— פון אַט אַזאַ פּעקעל קען דאָס אַ פּאַקענטרעגער לעבען?

האָט אָבער דער נייער חברה־מאַן געקוקט גלייך אין די זלידנע אויגעלאַך, באַטראַכט די פאַרשפּיצטע נעזלאַך און זעהר רוהיג אָפּגעענטפערט:

— צו וואָס טויג מיר שלעפּען גרויסע פּעק און פאַרדינען אַ צווייער. בעסער אַ פּעקעלע — און פאַרדינען אַ זלאָטע.

— אַזוי גאָר? — האָבען זיך די פּיקס איבערגעקוקט, איבערגעשמעקט זיך מיט פאַרטאָבאַקטע נעזער — אַבי דו האָסט בעלנים. המ... וואָס אַ שטייגער קען אַריין אין אַזאַ געבונדען ביכעלע? אָט אַ ווי אָט דער דאָ! מעהר טאָוועל ווי געדרוקטע בלעטער.

— היי,—מאַכט דער חברה־מאַן—פאַרנעמט אייך אַ סך אָרט, פונדעסטוועגען קייען עס גאָר בהמות.

— געהערט אַ לשון? — קוקען זיך איבער די פרומע לייט— פון די דאָזיגע, ווייזט אויס, פון די יעניגע...

האָבען זיך די אַלטע לייט פון איהם דערווייטערט, הויבענדיג מיט די פּלייצעס, שמעקענדיג טאַבאַק מיט האַרץ, כדי צו פאַרטריי־

בען דעם שלעכטען ריח פון „טריף־פסול״. און באַלד נאָך זיי האָ־
בען זיך געגומען גנבענען יונגעלייטלאַך און כלה־מיידלאַך און איגג־
לאַך פון די עלטערע כיתות. ווי עס ציהט מייז צו טריפה חלבנע
ליכט, אַזוי האָט זיי געצויגען צום געבלומטען פעקעל פון נייעם פאַ־
קענטרעגער. צעהן מאָל אַרומגעקוקט זיך און פלינק געבלעטערט
אין די פיינע ביכלאַך, געשושקעט זיך און געהאַנדעלט. קיין בית־
מדרש וועט דאָך אַזאַ חברה־מאַן דעם תהילים־טיש ניט אָפּגעבען.
ער זאָל דאָרט אויספאַקען זיינע שענע סחורה. האָט מען זיך געגע־
בען אַן עצה. מ׳האָט געהאַנדעלט הינטער ר׳ ישיעלעס חורבה, ביי
די אַרשער ברעמלאַך, ביים גרויסען מיהל „אונטערבאַרג״. אויס־
געלייגט דעם פּעקעל אין גראָז, צופּעכערט די רייך־קאָלירטע הילעס
אויף אַ גרינעם פרישען גרונט, ווי אויסלענדישע פּירות אויף פייגען
בלעטער. דאָס האָט צוהיצט די אַפּעטיטען און צופלאַקערט די אויגען.
דער נייער פּאַקענטרעגער האָט אָפּנים גוט געוואוסט ווי אַזוי אויפ־
צורייצען יונגע הערצער, עס זאָל זיך זיי גלוסטען. און מקחים האָט
ער געריסען! יאָ, ער האָט באמת דערוויזען, אַז זיין סחורה איז ניט
קיין היי... פאַר איבערלייענען בלאַשטיינס „קאַלט און וואַרים״ —
פינף קאָפּיקעס. פאַר אַ דקדוקעל — צוואַנציג קאָפּיקעס, און קלמן
שולמאַנס „מסתרי פאַריז״ איז געגאַנגען אין די גילדענס. מ׳האָט זיך
געבערענט מיט די מקחים, ווי מיט הייסע לאָקשען, און מ׳האָט גע־
קויפט. דער יצר־הרע איז געווען גרויס. וואַרים אויסער זייער שענ־
קייט האָט נאָך פון די ביכלאַך געשמעקט מיט נייעם דרוק און מיט
אַ פעטליכען ריח פון פרישען קאַלענקאַר. די סלינע פון אונטערן
צונג האָט געראונען.

היינט דער עצם איינטענהען און האַנדלען! דער נייער פאַרשוין
האָט ניט גערעדט מיט טרוקענע „סינען״ ווי מ׳רעדט אין רייסען
און ניט מיט צושוואומענע „זיזס.״ ניט „סלעפּען״, פלעגט ער זאָגען,
נאָר שלעפען, און ניט „זשיבעציג״, נאָר זיבעציג. געשלייפט און
געקאַנטיגט יעדעס וואָרט. גרויסשטאָטיש און וואַגיג האָט זיך עס
אַנגעהערט. מ׳קען עפּעס אַראָפּדינגען פון „זשעכציג קאָפּיקעס״,
אָבער געה שטעל זיך און דינג אַראָפּ פון „זזזעכציג״ קאָפּיקעס! אַן
אומזיסטע טרחה.

און טאָמער פלעגט צוגעהן אַ באַרישניע און נאָכפרעגען זיך נאָך אַ ביכעל, — דעם נייעם נגידס טאָכטער מיט באָמבעלאַך אין די בלאַסע אויערען, דעם מילנערס כלה־מויד מיט דעם אויסגעפּאַ־שעטען שענעם פנים, — פלעגט דער נייער פאַקענטרעגער גאָר אַראָפּנעמען דאָס היטעל; מעשה־קאַוואַליער פאַרנויגט זיך און אַרויס מיט רוסיש. אָבער וואָס פאַר אַ רוסיש! בלויזע „דעיעפּריטשאַס־טיעס“*), וואָס געפינען זיך נאָר אין קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק און קיינער באַנוצט זיך ניט מיט זיי. „אָבדומיוואַיאַ“... אַזוי פלעגט דער חברה־מאַן קיטלען זיין איידעלען געשפּרעך מיט די באַרישניעס, באַקלערענדיג הייסט דאָס, „אי איסכאָדיאַ“... און אַרויסגעהענדיג פון שטאַנדפּונקט הייסט דאָס, „אי איזבעגאַיאַ“ — און אויסמיידענ־דיג איבעריגע רייד...

דער אָטעם פלעגט ביי די באַרישניעס פאַרכאַפּען פון אַזאַ פאַר־ציע „דעיעפּריטשאַסטיעס“. כ'מיין, ווער וועט זיך דאָס אַריינטרויען אין אַזאַ געשליינגעל פון שווינדעל־קאַמערען מיט אָפענע טירען, אין וועלכע מען קען בשלום אַריין, אָבער ניט אַרויס?... פלעגט מען האַלב שעמעוודיג באַצאָהלען, וואָס דער פאַקענטרעגער הייסט, אַבי ניט פּלאָנטערען זיך.

אויסגעקויפט דאָס ביסעל סחורה, וואָס יענער האָט פון ערגעץ וואו געבראַכט אין זיין צעראַטע, איז מען דרייסטער געוואָרען:

— ע... ווי הייסט ער אַ שטייגער? — האָט מען געפרעגט.

— ווי הייס איך? — האָט ער, וואונדערענדיג זיך, צוריק גע־פרעגט — לייזער וואָלפּאָוויטש דראַבקין.

ס'האָט זיך האָפּעדיג אָנגעהערט: „ווי? לייזער דראַבקינען קענט איהר ניט? ס'אַ חידוש!“

זיין ברייטער בכבודיגער נאָמען, ווי ער אַליין האָט זיך אָנגע־רופען, האָט זיך אָבער בשום אופן ניט פאַרפלאַנצט. די טייערע טריף־פסול ביכעלאַך — יאָ. דער נאָמען ניט. כדי אָפּצושוואַכען דעם איינ־דרוק זיינעם אויף דעם יונגען דור, האָבען איהם די פרומע באַלע־באַטים דעם נאָמען פאַרקירצט. ל י י ז ש ק ע האָבען זיי איהם אַ נאָ־

*) פּאַרטיציפּ. ס.

מען געגעבען, אַזוי ווי אַ לויף־אינגעל פון קראָם. ל י י ז ש ק ע דער פּאַקענטרעגער.

די געשעפטען זיינע האָט דאָס אַ האָר ניט געשאַדט. אָבער דער ביטול־נאָמען איז איהם פאַרט געבליבען: לייזשקע.

.2

אין די ישיבות און אין די עלטערע חדרים האָט אַ בלאָז געט־טאָן אַ ניי ווינטעל. מ'האָט געלייענט אויף פּראָקאָט קלמן שולמאַנס וועלט־געשיכטע, און ערשט איצטער דערזעהן ווי אָפּגעלעבט עס איז דער „יוסיפון" מיט זיינע מאָדנע מעשות פון אַלעקסאַנדער מוקדון. באַלעבאַטישע מיידלאַך זיינען אַוועק אויף רייזען מיט דעם מחבר בלאָשטיין אין קאַלטע און וואַרימע לענדער. האָבען געחזרט אויף אויסוועניג פּרוגס לידער און זיך שטאַרק געוואונדערט ווי אַ איד קען דערגעהן צו אַזאַ הויכער מדרגה פון שרייבען רוסיש פונקט אַזוי ווי פּושקין...*) און עטליכע מתנגדישע רביים, פון די אינגערע, האָבען גענומען לערנען תנ"ך מיטן ביאור פון מלבי"ם, וואָס האָט זיך ביז איצט גערעכענט אַלס געכאַפּט אין יענער מעשה... קלענערע אינגלאַך האָבען אויך ניט געשלאָפען. זיי האָבען מקנא געווען זיי־ערע עלטערע ברידער און שוועסטער און אָפּגעשפּאָרט גראָשענ־דלאַך פון די אָנבייסענס, און קאָפּיקעס געשלעפּט ביי די מאַמעס פון די טיש־קעסטלאַך. אַזוי אַרום צוזאַמענגעשלאָגען די נויטיגע מטבע איינצוהאַנדלען ביי לייזשקען קליינינקע לשון־קודשדיגע מעשה־ביכלאַך מיט ניקוד, וואָס געהען אַרויס אין וואַרשע. פרומע טאַטעס האָבען געכאַפּט די חדר־אינגלאַך איינגעבויגען איבער מאַרק טוועינס „פּרינץ און בעטלער", איבער די מעשות פון די „ברידער גרים". אַלץ איבערזעצט אין אַ שענעם העברעאיש. און די גמרא־בחורים זיינען גלאַט אַרומגעגאַנגען משוגענערהייט און געחזרט „פּקד פּקדתי" פון אַן אָפּענעם „מורה הלשון". האָבען די טאַטעס

*) דער גרעסטער רוסישער פּאָעט.

געטאָן דאָס, וואָס גאָט האָט געבאָטען, געריסען פאַר די אויערען, געפּאַטשט און געוואָרפען די דערטאַפּטע ביכלאַך אַן דרערד:

— אַז איך דאַרף ניט האָבען דיין דקדוק!

— אויף וואָס טויג מיר דיין קלמן שולמאַן!

— וואָס פאַר אַ מחותן ביסטו מיט... מיט די ברידער גרים?

נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען. די יונגוואַרג האָט אָפּנים יאָ „געדאַרפט", און יאָ „געוועזן מחותנים". וואָרים לייזשקע איז, פון צייט צו צייט, פאַרשוואונדען פון שטעטעל מיט אַ ליידיגער צעראַ־טע, און אָנקומען פלעגט ער צוריק, מיט אַ פול־געפּאַקטער, מיט אַ נייע לאַדונג פון אַפּיקורסות פאַר שקלאָווער יונגענט.

זימעל, דער איינגעפונדעוועטער רומלניק האָט לכתחילה שפּאָ־טיש־זויער אָנגעקוקט זיין קאָנקורענט פון דער וויטענס. קיין שלעכטס ניט גערעדט פון לייזשקען אפילו דאַמאָלסט, ווען די דאָוו־נער אין ליובאַוויטשען בית־המדרש פלעגען זיך צוזאַמענרעדלען, נאָך שחרית, הינטערן בעלעמער און גיסען אויפן נייעם פאַקענטרע־גער פעך און שוועבעל. ס'האָט איהם ניט געלוינט. מיט זיין רומל־סחורה איז זימעל געווען זיכער, ווי דער קאַראַבקע־האַלטער אויף בשרער שחיטה. וואָס קענען איהם שאַדען עטליכע אַריינגעשוואַרצ־טע געגנזלאַך פון שחיטת־חוץ? עט... זאָלען אַנדערע נאַכלויפען נאָכן שמוגלער און שלעפּען איהם צום רב... נאָר גאָר איינגיכען האָט ער גענומען באַמערקען, אַז די גאַנצע יוגענט פאַלט פון איהם ביסלאַכווייז אָפּ. איינגלאַך האָבען אויפגעהערט צו טאַפּען זיינע ספּרימלאַך בשעתן דאַווענען, אויפגעהערט שלעפּען די טאַטעס ביי די טליתים, זיי זאָלען עפּעס קויפען. מיידלאַך האָבען אַנגעוואוירען דעם חשק צו זיינע דריי־קאָפּיקענע פרומע מעשה־ביכלאַך, און יונ־געלייט האָבען עפּעס גענומען קוקען אָפּלאַכעריש אויף איהם און אויף זיין שוואַרצען פּאַק. אַזוי קוקען נאָר אויסגעוואַקסענע בחורים אויף זייער אַמאָליגען אלף־בית רבי, וואָס האָט זיי געוואָרפען צו־קערקעס און געזאָגט, אַז דאָס וואָרפט אַ מלאך...

אומרוהיג איז געוואָרען ר' זימעל: האַ? מען גראָבט איהם טאַ־קע אונטער די פרנסה! אַפּריהער האָט ער זיך שטילערהייט באַקלאָגט פאַרן מורה־הוראה הינטערן עמוד. דערנאָך — פאַרן גבאי אין

מזרח־וואַנט. ביסלעכווייז איז ער אַרויס מיט קלאָג־לידער פאַר אַלע חשובע באַלעבאַטים אין לובאַוויטשער בית־המדרש: געוואַלד, אַי־דען! וואָס שוויַיגט מען! אַט דער לייזשקע, אַט דער טריף־פסולניק, אַט דער, פון שדים ווייסען וואו געקומענער, רייסט איהם דעם בי־סען פון מויל.

האָבען זיך גבאי און מורה־הוראה און חשובע באַלעבאַטים עטליכע מאָל געשושקעט, נאָכן דאַוונען, צווישען ארון־קודש און בעלעמער. און יאַשקע דער שערער איז אויך איינמאָל און צוויי מאָל צוגעשטאַנען צו אַזאַ אסיפהלע אויף איין פוס, כאָטש קיינער האָט איהם ניט גערופען און קיינער האָט איהם ניט געבעטען עפּעס צו טאָן. מ'האָט נאָר געשמועסט, יע... אַז לייזשקע איז עפּעס גאָר ניט קיין גלאַטער פאַרשוין. ער מוז ערגעץ וואו האָבען צו טאָן מיט חברה. פאַראַן אַזעלכע חברות, וואָס פאַרשפּרייטען ביכלאַך, „בילדונג“ הייסט דאָס ביי זיי. אָדער...אפשר איז ער גאָר פון חאַצע דעם קירזש־נערס קאָמפּאַניע, אָט פון די „ציציליסטלאַך“... ער הויבט כלומרשט אָן מיט ביכעלאַך אויף ריינעם לשון קודש און אויסלאָזען וועט זיך מיט שדים ווייסען וואָס... איז, מילא, חאַצע דער הינקעדיגער איז כאָטש אָן אייגענער. אָבער וואָס האָט מען צו ליידען פון אַזאַ מין ניט־געבעטענעם אורח?

נו, נו. יאַשקע דעם שערער דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אַריינשטופּען. יאַשקע דער שערער פאַרשטעהט אַליין וואָס ער האָט צו טאָן. מיטן אַלטען פּריסטאַוו האָט ער געגעסען געפילטע פיש און געשפּילט אין קאָרטען. און דער נייער פּריסטאַוו... דער נייער פּריסטאַוו האָט איהם אפילו אָראָפּגעוואָרפען פון די גאַניק־טרעפּ־לאַך פאַר וועלען אונטערשמירען די פּריסטאַוויכע מיט צוויי פעטע גענז, און איהם—דעם פּריסטאַוו אַליין—מיט צוויי פינף־און־צוואַנ־ציגער. קהל האָט איהם, יאַשקען, אַריינגעפיהרט אין אַזאַ בלאָטע... אָבער אָט דאָ קען ער דערווייזען, אַז ער איז אַ טרייער אונטערטאַן, אַז ער האַלט פון פּראַוויטעלסטוואָ.

און אין איין העלען טאָג, ביי די אָרשער ברעמלאַך, איז אויף לייזשקען און אויף זיין פּעקעל אָנגעגאַנגען דער נייער פּריסטאַוו מיטן אוריאַדניק. דער פּריסטאַוו האָט אַ דרעה געטאָן די דראָטענע

וואַנסעס זייַנע און אָנגעבלאָזען די גזלעוואַיסקע אויגען, כּדי איינ־גאַנצען ווערען עהנליך צו ניקאָלאַי דעם ערשטענס פּאָרטרעט, וואָס הענגט נאָך עד היום אין דער אַלטער פּאָטשט. און דער אוריאַדניק, דער פּיאַניצע, האָט אָנגעצויגען אַ מוראַדיגע וואַזשנעקייט איבער זייַן פּאַרפּאַלענעם, צוקנייטשטען געזיכט און שטרענג אַ גאַרגעל געטאָן:

— פּאַספּאָרט!

און גיב נאָר אַ קוק! — לייזשקע דער פּאַקענטרעגער איז אַ האָר ניט נתפּעל געוואָרען. ער האָט רוהיג אַראָפּגענומען דאָס היטעל, רוהיג פּאַרנויגט זיך, אַרויסגעצויגען דעם פּאַס פון בוזימקעשענע, געענטפערט אין אַ גוטען רוסיש אויף אַלע קלאָץ־שאלות.

— און וואָס פאַר אַ ביכער שלעפּסטו דאָ אַרום? — האָט זיך דער אוריאַדניק ווייטער אינטערעסירט.

די ביכער? אָך, פּאָזשאַלויסטע! ס'זייַנען אַלץ ערלויבטע ביכער. ער פּאַרקויפט זיי לויטן פּרייז, וואָס שטעהט אויף זיי געדרוקט. ער האָט אפילו אַן ערלויבעניש אויף דעם. און אָט האָט ער אַ דאַנק בריף פון „אָבשטשעסטוואָ פּראָסוועשטשעניא"*). אין פּעטערבורג געפינט זיך די חברה. אָט איז איהר שטעמפּעל אויפן בריף...

איבערגעקוקט, ווי גאָר אַ גרויסער ידען, אַלע פּאַפּירען און דורכגעבלעטערט אַלע ביכער, האָט איהם דער פּריסטאַוו אומגע־קעהרט דעם פּאַס, געהייסען פּאַרבינדען דעם פּעקעל און נאָך איידער לייזשקע איז דערמיט פאַרטיג געוואָרען האָט דער פּריסטאַוו אַ הויב געטאָן צוויי פינגער צום קאַזיראָק. אָט ווי ער האָט זיך צוזעגענט מיט לייזשקע־פּאַקענטרעגער! און באַלד אַ דרעה געטאָן זיך אויף די אָפּצאַסען און שאַרף פון האַלז אַרויס, אַ ברום געטאָן צום אָנגעזאַ־מעלטען עולם אידען:

— ראַזאַיטיס! (צוגעהן זיך!).

אַזאַ איבערגאַנג פון „אָפּגעבען טשעסט" און אָנבייזערען זיך האָט שטאַרק אונטערגעשטראָכען דאָס, וואָס דער נייער פּריסטאַוו האַלט פון „געבילדעטען" פּאַקענטרעגער און וואָס ער האַלט פון די „פינסטערע" אידעלאַך, וואָס האָבען זיך אַזוי נייגעריג אַרומגעקלי־

---

*) חברה, וואָס פּאַרשפּרייט בילדונג צווישען אידען.

בען זעהן, וואָס מיט לייזשקען וועט דאָ געשעהן. אַרויסשפּרייזענ־דיג מיט זעלנערישע טריט פון רעדעל, האָט זיך דער פּריסטאַוו באַ־געגענט מיט יאָשקע דעם שערערס הינטיש־איבערגעגעבענע אויגען און האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. דעם פּריסטאַווס אָפּגעקעהרטע דראָ־טענע וואָנצע האָט יאָשקען טיף אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען:

— הייסט דאָס... ד אָ ס מ אָ ל אויך ניט געראָטען!.. אוי־אוי, נאָך זעהר ווייט פון ווערען חבר־לאָפּ מיטן אדון.

פון דאַמאָלסט אָן האָט מען געקראָגען דרך־ארץ פאַר לייזשקען, וואָס קען זיך האַלטען אַזוי איינפאַך מיט קליין און גרויס און מיט אַזוי פיל ווערדע—מיט נאַטשאַלסטוואָ. „געהערט אַ דברען מיטן פּריס־טאַוו?.. אָפּהענדיג זיינען געוואָרען די, וועלכע האָבען זיך פריהער אַזוי היציג איינגעשטעלט פאַר זימלען מיט זיין פּאַק. אויף זיין קלאָ־גען זיך אַצינד, אין לובאַוויטשער בית־המדרש, האָט מען נאָר צו־פּיהרט מיט די הענט אונטער די טליתים.

— גאָה מאָך! אָז אַלץ ביי איהם: „דאָזוואָליענאָ צענזוראָיו“...*).

דעם „דאָזוואָלענאָ“ האָבען אידען אַרויסגערעדט פאַרגרייזט, מיט אַ קוועטש אויפן „ליע“ און „צענזוראָיו“ אויך פאַרקעהרט, מיט אַ קוועטש אויפן „ראָ“. נאָר דער איינדרוק, פון די צוויי אויסטערלי־שע ווערטער, אויף זימלען איז דערפון קלענער ניט געוואָרען. ער האָט פאַרלאָרען יעדער האָפענונג אַוועקצויאָגען לייזשקען פון שקלאָ־ווער ביכער־מאַרק.

אַזוי איז דער נייער פּאָקענטרעגער איינגעגלידערט געוואָרען אין דער גייסטיגער באַלעבאַטישקייט, ווי אַ טריפהר ביינקעל אין קיך. זימעל—דער כשרער ביינקעל, לייזשקע—דער טריפהר. ווער עס וויל קויפט ביי דעם, ווער עס וויל — ביי יענעם. פון קהל קען מען קיינעם ניט נויטען. ניטאָ אַמאָליגע צייטען!

3.

זינט דעם האָט מען זיי געזעהן, דיביידע קאָנקורענטען, אויף

---

*) ערלויבט פון דער צענזור.

די שליאַכען, וואָס ציהען זיך צווישען אָרשע, שקלאָוו און מאָהליוו. דער איינער איינגעבויגען, אָנגעדרודעלט, מיט אַ פּאַק—שוואַרץ און שווער ווי דער אידישער גלות; און דער צווייטער — אַ פרעהליכער, מיט אַ פרעהליכען קווייטעלדיגען פּעקעל אונטער דער פּאַכווע. זימעל און לייזשקע, צוויי קולטור־טרעגער, צוויי שליחים פון געדרוקטען וואָרט. איינער פון דער אַלטער צייט, דער אַנדערער — פון דער נייער. שוואַרץ ווי אַ בר־מינן איז דער רומל געלעגען אין אויסקרימונג, צווישען רוקען און געזעס, ביי זימלען. אַ שטיק אָפּגעשטאַנענע צייט ביי אַ צוויי הויקערדיגען קעמעל אויפן רוקען. די אויגען פון דעם דאָזיגען אַפּאָסטאָל זיינען געווען זויער, פאַרלאָפען מיט בלוט פון אייביגער מאַטערניש. אין ברוסט ביי איהם האָט עפּעס אונטערגעכריפּעט. און פרעהליך און האָפערדיג האָבען געבליהט די קוויטלאַך אויף לייזשקעס פּעקעל און זיינע אויגען האָבען אויך געבליהט, פון זיין אָפּגעברענטען פּנים אַרויס, מיט דער שמחה פון היינטיגען טאָג און מיט דער זיכערקייט אין מאָרגען.

אויף די זעלבע שליאַכען זיינען ביידע געגאַנגען. נאָר מען קען ניט זאָגען, אַז זיי זיינען געגאַנגען איין וועג. עפּעס אַ שטומער קידער־ווידער־גאַנג איז דאָס געווען. געהסטו, לייזשקע, אויף אָרשע, געה איך, זימעל, אויף שקלאָוו. געה איך אויף מאָהליוו, טאָ געה־זשע, דו ממזר, אויף קאָפּוסט. אויף קאַראַצקעס געה! וואו איך פאַרקויף מיין רומל, זאָלסטו ניט פאַרקויפען דיינע טריף־פּסולס, און פאַרקערט. אַ שטומער אָפּמאַך איז דאָס געוואָרען, ביי וועלכען זימעל האָט זיך געהאַלטען פעסט און פאַרביסען און וועלכען לייזשקע האָט נאָר מקיים געווען, ווען לעגנדיג טאָן אַ צוליב דעם פאַרביטערטען קאָנקורענט. אויף קרייץ־וועגען פלעגט מען זיך אָפּטמאָל באַגעגענען. דער שוואַרצער רומל־פּאַק פלעגט זיך מיט פינסטערער שנאה שאָקלען אַקעגען דעם געקווייטעלטען אפּיקורסות־פּעקעל. אָט אָט פאַלט ער אויף איהם אַרויף און צוקוועטשט איהם... נאָר לייזשקע, דער טרעגער פון פרעהליכען פּעקעל האָט קיין מורא ניט. „גוט מאָרגען, ר׳ זימעלי!“. אַזוי שרייט ער צו דעם שוואַרצען פּאַק פון דער ווייטענס. רייצט זיך מיט איהם מיט זיין ברייטהאַרציגער פריינטשאַפט. ווער דאַרף זי, אָט די פאַרדאַכטיגע גוטברודערשאַפט? אויף

כפּרות דאָרף זי זימעל פּאַקענטרעגער האָבען. כחי־כחי, ענטפערט ער מיט אַ בייזען הוסטעלע, קעהרט אָפּ דעם קאָפּ אונטערן קנופּ מיט די שפּיצען, וואָס זעהט אויס ווי אַ טויטע פלעדערמויז. דער שוואַר־צער פּאַק שווימט פאַרביי.

ר' זימעל, אַז ער הונגערט זיך אויס אויפן וועג, וואַשט ער זיך די הענט מיט אַ קווערטעלע — אַ הויכע בלעכערנע פּושקע מיט זשאַווער־בלאָטערלאַך. מיט דער פּאָלע ווישט ער זיך אָפּ און פון פּאַק שלעפּט ער אַרויס אַ שטיק שוואַרץ־ברויט מיט אַ קאָפּ פון אַ הערינג. ער עסט זיפצענדיג, קוויקענדיג זיך מיט דער געזאַל־צענקייט פון הערינג, מיט דער רויער ביטערקייט פון אַ ציבעלע. עס ברענט אויפן האַרצען און שוין פאַרן בענשען הויבט דאָס איהם אָן צו שלוקערצען. און נאָכן בענשען הויבט זיך איהם אָן גלוסטען אַ הייסער טרונק.

— אוף, אַ גלאָז טהיי!—זיפצט ער צום שטויביגען שליאַך און פאַרוואַרפט אומבאַהאָלפען דעם אַראָפּגעבויגטען קאָפּ, און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער איז איינער פון די אידען, וואָס זיינען אַרויס פון מצרים. זכרנו את הדגה!... אָנגעגעסען זיך אין קנעכטשאַפט מיט הערינג און ציבעלעס און זוכט אַ געפּאַרעטען טשאַיניק אין דער פרייהייט פון מדבר. נאָר ניטאָ קיין נסים מעהר. משהס שטעקען וועט ניט מאַכען רינען קיין הייסינקען טייעלע פון אַ שטיין אין ר' זימעלס פאַרזשאַווערטער קווערטעל אַריין... אוף — אוף!

לייזשקע, אַז ער איז הונגעריג — נעמט ער אַרויס אַ פּרע־פּיצע פון בוזים און אַן עפּעל פון קעשענע. אַ ביס פון דער רעכ־טער האַנט און אַ ביס פון דער לינקער. עס איז זאַפטיג און לייכט צום עסען און צום פאַרדייען. זימעל האָט איינמאָל אַזאַ סעודה צו־געזעהן, פאַרבייגעהעדיג מיט זיין שוואַרצען פּאַק, האָט ער זיך צע־שפּיגט און צעפּעקעט עטליכע קלאַפּטער נאָכאַנאַנד. אַזאַ אכילה האָט איהם אויסגעזעהן ווי אַ שקאַצערײ: העך, אַ... נפש! שוין איבער פערציג יאָהר, זאָגט מען, און עסט נאָך בויגעל מיט עפּעל ווי אַ דרדקי־איינגעלע. טפו!

ר' זימעל, אַז ס'קומט די צייט פון זונאונטערגאַנג, לאָזט ער אַראָפּ זיין שווערען פּאַק אויף אַ באַרג אַראָפּ, רייבט זיך אָפּ די

העגט מיט אַ גרינעם בלאַט, און שטעלט זיך צו מיט די קרומע
פיס צו אַ בוים און שאָקעלט זיך מיט ביידע הויקערס — מיטן אויי-
בערשטען און מיטן אונטערשטען. ער דאַווענט מנחה מיט געשלאָסע-
נע אויגען. די וועלט אַרום זיך זעהט ער ניט. נאָר די אותיות פון
סידור, וואָס ער קען אויסווענינ, פליהען אַרום איהם. ליידשקע,
אַז ער ווערט מיד, — גראָד מנחה-צייט באַפאַלט איהם אַלעמאָל
אַ מאַטקייט, — זעצט ער זיך אַנידער ביים שליאַך אין אַ שאָטען,
נעמט אַרויס אַ ביכעל און לייענט פאַר הימעל און בוימער מיט אַ
מאָדנער התפעלות און מיט אויסטערלישען טראָפּ. פרוגס לידער
האָט ער ליב. לייענט ער זיי אַמאָל אין לשון-קודשדיגער איבער-
זעצונג, אַמאָל אין אָריגינאַל. ער קריצט אַביסעל מיט די ציין בשעת
אַזאַ לייענען, פונקט זי ער וואָלט יעדעס מאָל אָפּגעביסען אַ שטיק
פרישע פרעפיצע און אַריינגעפּאָהרען מיט די ציין אין אַ זאַפטיגען
עפּעל. די זעלבע גשמיותדיגע הנאה פיהלט זיך אין זיין לייענען.

— ס'ווערשין סינאַיאַ! — אַזוי רופט ליידשקע אויס און פאַר-
וואַרפט דעם קאָפּ צו די סאָסנעס, ווי צו אַ פובליקום. און אַזוי דע-
קלאַמירט ער ווייטער דאָס משה-ליד:

פונם שפּיץ באַרג-סיני — דאָס וויגעלע
פון אומשטערבליכע געדאַנקען —
צו די ליבע געצעלטען איז ער פרעהליך
אַראָפּגעשטיגען.

אויסגעלייענט אַזוי אַ גאַנצען קופּלעט פאַרז וואַלד, איז ליידש-
קע מוסיף אַ אויסרוף פון זיך אַליין:

—די געשמאַקייט!

נאָר ער גיסט דאָס אַזוי קונציג צונויף מיט דאָס אָקאָרשט
געלייענטע און מיט די זעלבע פייערליכע טראָפּ; די אויסגעגלאָצ-
טע, רויטשטאַמיגע סאָסנעס וואָלטען באמת געקענט גלויבען, אַז
אַזוי שטעהט טאַקע אין בוך: „די געשמאַקייט!"

„וו'יעוואַ דושע! — דעקלאַמירט ווייטער ליידשקע פּאַקענ-
טרעגער.

אין זיין נשמה האָבן פייערליך געקלונגען
די קלוגע ווערטער פון די געטליכע באפעלן:
זון פלאַמענדיג מיט וואונדערליכע אותיות,
האָבן געברענט די לוחות — —

און אַ זאָג פון זיך אַליין:
— די זיסקייט!

„עס האָבן נאָך געוויכערט ווייטע בערג
אין דורכזיכטיגען נעבעל — אַ ניט־קלאָרע זעהונג.
געשווינדעלט האָבן שטריכען בלאַסע אין פאַרטאָג,
געוועהט האָבן אומגעזעהענע פליגלען —

— די... האַרציגקייט!

דורכפאַהרענדיגע באַלעגאַלעס האָבן זיך פון צייט צו צייט אָנגעשטויסען אויף אַזאַ סצענע און געמיינט, אַז לייזשקע איז משוגע געוואָרען. האָבן זיי אָפּגעהאַלטען די פערד מיט אַ „טפררו" און געקנאַקט מיט די בייטשען פון די קעלביעס אַראָפּ כדי אויפוועקען לייזשקע פאַקענטרעגער פון זיין שכורער התפעלות:

— אוי, דו דאַרטען! אַזוי דאַווענסטו דאָס?

און לייזשקע ציטערט אפילו ניט אויף. דעם צייג־פינגער שטעקט ער אַריין אין ביכעל און דעם קאָפּ פאַרוואַרפט ער צום אָנגעפאָהרענעם באַלעגאַלע אויף דער קעלניע:

— קום נאָר אַהער דו עם־הארץ דו! ווע̈סטו הערען אַ דאַווענען ווע̈סטו הערען...

אַ סטאַדע רויטע וואָלקענדלאַך איז אַדורכגעלאָפען
הייסע טוי־טראָפּענדלאַך צושיטענדיג —

— דאָס געמעל!

געוועזן אַפילו יונגע און נייגעריגע באַלעגאַלעס, וועמען לייזשקעס באַגייסטערונג האָט פאַרכאַפּט אויפן מיטען שליאַך.

אַ מענש סמאַקעוועט אַזוי — מוז דאָך עפּעס זיין!... אַזעלכע פּלעגען אָננעמען לייזשקעס איינלאַדונג, אַראָפּנידערען פון דער קעלביע און מיטן בייטש־שטעקעל אונטערן אָרים אַוועקגעזעצט זיך מיט לייזשקען אין גראָז ביים אָפענעם ביכעל. און לייזשקע האָט זיך ניט געפוילט און איבערגעחזרט הויך אויפן קול דאָס גאַנצע ליד פון סאַמע אָנהויב. „ס׳ווערשין סינאַיאַ!" פון די באַרג־שפּיצען פון סיני! דו הערסט, דו שוטה איינער! דאָס וויגעלע פון אייביגע געדאַנקען... אַ — געשמאַקייט! צו די ליבליכע געצעלטען איז ער אַראָפּגעשטיגען. אַ טיפקייט, אַ? וועגען משהן און באַרג סיני רעדט זיך דאָ, דו באַלעגאָלע דו. אָט, הער, אָ!

> אין זיין גשמה האָבען פייערליך געקלונגען
> די קלוגע ווערטער פון די געטליכע באַפעלען.

— די... די מחיהדיגקייט!

פאַרשטאַנען האָבען די, ביים פאָלע אָנגעכאַפּטע, באַלעגאָלעס זעהר ווייניג פון אַזאַ מין פּאָעזיע. פונדעסטוועגען פלעגען זיי צוריק אַרויפשטייגען אויף דער קעלביע פאַרטראַכטערהייט. ניאָ, ניאָ, ניאָ!... אַ שטיק משוגענער אָט דער לייזשקע, נאָר אַ קאָפּ האָט ער אַ גוטען. לייענט רוסיש ווי אַן „אשרי". „וויאָ!"

די, וועלכע פאָהרען מיטן פאַרעכאָד, זעהען אָפטמאָל לייזשקע פּאַקענטרעגער ווי ער באָדט זיך. זיין געבלומטער פּעקעל מיט ספרים ליגט אויפן זאַמד, די קליידער הייגען אויף אַ ווערבע און לופטערען זיך. און לייזשקע אַליין שטעהט ביזקעל ברוסט אין וואַסער און שטשירעט די ווייסע ציין זיינע צו די פּאַסאַזשירען. אַ נאַקעטער, מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, מיט זיין רויטליכער אַרומגעשאָרענער באָרד, זעהט ער נישט אויס ווי קיין איד. די שוימיגע כוואַליעס, וואָס צופאַלדעווען זיך פון אונטערן פאַרעכאָד, וואַרפען זיך אויף לייזשקען, און ער לאָזט זיי שלאָגען איבערן געשאָרענעם קאָפּ, טוקט זיך און לאַכט. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט דאָך געציטערט. אַפילו אין אַ שיפעל איז מען אין סכנה בשעת אַזאַ כוואַליע. איהם אַרט דאָס ניט. און טאָמער ווערט עס אַביסעל צו שטור-

רעמדיג אַרום איהם לעגט ער זיך גאָר אויפֿן רוקען. די כוואַליע וויגט איהם אַרויף און אַראָפּ, און ער האַלט זיך. אַ שוים נעמט אַרום דעם אָפּגעבּרענטען האַלז, ווי מיט אַ קאָלנער פון ווייסע פּע־דערען, און לייזשקע שטעקט אַרויס דעם טונקעלען קאָפּ פונם דאָ־זיגען קאָלנער און — כאַ־כאַ־כאַ! מ׳זעהט באַשיינפּערליך, אַז ער האָט פון אַזאַ שקאַצערייַ אַ ווילדע הנאה. ניט איין פאַרדאַרטער ישיבה־בּחור, וועלכער פאָהרט דורך מיטן פאַרעכאַד, איז איהם, טיף אין האַרצען, מקנא: אָט לעבט אַ מענש אויף דער וועלט!... דורך פעלדער און וועלדער געהט ער. פראַנק און פרייַ, רעדט לשונות, עסט ווען ער וויל, רוהט ווען ער וויל, און באָדט זיך...

בשעת אַזאַ הנאה האָבען פון באָדען זיך דערזעהט ווען־ניט־איז־ לייזשקע, ווי זימעל, זיין קאָנקורענט, קומט אָן מיטן פּאַק אויפֿן צוקרימטען גופעלע. שוויצט, כראַקעט, פאַרשטויבט און פאַרמאַ־רעט. ניט קיין הנאה פון דער וועלט, ניט פון זומער. און דער שוואַרצער גלות איז אויף איהם אָנגעלאָדען, ווי אויף דעם אייבּי־גען אידען. קריגט ער אויף איהם רחמנות און שרייט איהם גוט בּרודעריש פון וואַסער אַרויס:

—ר׳ זי־מעל! קומט, זייט זיך טובל אַ קאַפּעלע, אי־אַי!

זימעל ענטפערט ניט, בּורטשעט פאַר זיך און וואַגעלט אַוועק ווייטער. מאַכט לייזשקע אַ דעכעלע איבּער די אויגען, מיט דער נאַסער דלאָניע, און קוקט איהם נאָך. דער שטיק גלות האַצקעט זיך בּיי זיין קאָנקורענט, צווישען הויקער און געזעס, בּיז ער ווערט פאַרשוואונדען.

שלום געמאַכט

.1

איינמאָל, אין זעהר אַ הייסען טאָג, האָט לייזשקע פאַקענטרעגער אָנגעיאָגט ר׳ זימלען אין קאָפּוסטער וואַלד. ר׳ זימעל איז געזעסען אונטער אַ בוים, מיט איין אויסגעטאָנענעם שטיוועל און געקרעכצט. לעבען איהם איז געלעגען, אַן אויפגעריסענע, דאָס גליטשיגע שוואַרצע טוך פון פּאַק, און פון זיין געפּלאַצטען בויך האָבען געשטראָמט, צום שליאַך־אַראָפּ, די אויסגעשאָטענע רומל־ספרים, ווי ווייסע און קאָלירטע קערנער פון אַ צעקוועטשטער טונקעלער פרי.

— ר׳ זימעל! — איז צו איהם לייזשקע צוגעלאָפען אָהן שום הקדמות — דער פוס?

ר׳ זימעל האָט גאָרנישט געענטפערט. נאָר אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און עפּעס געבורטשעט. זיין שוואַרצע פּענדזשע־בערדעלע האָט זיך דערביי ביין געשאָקעלט.

מאַכענדיג אַ מינע, אַז פון ר׳ זימעלס „ענטפער״ איז ער זעהר צופרידען, האָט לייזשקע געמאַכט נאָך אַ טראָט, נעהנטער:

— ע... אפשר זאָל איך אייך העלפען?

זימעל קייט די אונטערשטע ליפּ און ענטפערט ניט.

ניט רעדענדיג מעהר קיין וואָרט, לאָזט לייזשקע אַראָפּ זיין געקווייטעלטען פּעקעל פון אונטערן אָרעם און שאַרט צוזאַמען זימעלס צושאָטענע ספרים־קראָם. אידישע ביכלעך באַזונדער, מת־

נגדישע סידורים באַזונדער, חסידישע — באַזונדער, חומשים באַזונדער, ביז אַלץ איז געלעגען ר׳ זימלען צופוסען אין שענע קופּקעלעך, געאָרדענט לויט גרויס און אינהאַלט. זינט ר׳ זימעל איז אַ פּאַקענטרעגער אויף דער וועלט, האָט ער אַזאַ געצאַצקעטע אָרדנונג צווישען זיינע אייגענע רומעל־ספרים ניט געזעהן... מיט דער זעלבער רוהיגער שוויגעדיגקייט נעמט לייזשקע אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ הילצערנע פושקעלע און פון פושקעלע אַ נאָדעל־פּאָדים, אַוועקגעזעצט זיך, אַ ציה־געטאָן די צוריסענע שוואַרצע טוך צו זיך אויף די קני, און ווי אַ געניטע נייטאָרקע — איבערגעדרעהט דעם טוך אויף דער לינקער זייט, געמאַכט אַ דאָפּעלטען קנייטש אַרום געוואַלד־ריס, באַפעסטיגט די ווינקלען און אַריינגעבראַכט אין קנייטש אין צווייטען, און אַזוי דורכגענעהט דעם גאַנצען ריס, אויף הין און צוריק, עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד.

ר׳ זימעל איז דערביי געזעסען אַנגעדרודעלט, געריבען זיך דאָס קנעכעל פון פוס, געהוסטעלט און געוואָרפען אַלע מאָל אַ קרומען קוק אויף לייזשקעס מלאכה: „אַלץ קען ער, דער ממזר!’’... ער איז כלומרשט געווען אונצופרידען, וואָס דער טריף־פּסולניק האָט זיך איהם דאָ אַריינגעמישט אין זיינע געשעפטען. און אין דער אמתן — געפיהלט, אַז יעדער נייער שטאָך, וואָס לייזשקע טוט אין דעם שוואַרצען טוך, ציהט איהם, ר׳ זימלען, אַרויס אַ דאָרן פון הארצען.

— נאַ, מאַכט לייזשקע, צו זיך אַליין כלומרשט, און בייסט אָפּ דעם פאָדים — וואו, וואו, נאָר דאָ, אויף דעם זעלבען אָרט, וועט זיך שוין מעהר ניט רייסען!

ווען דאָס גאַנץ־געוואָרענע טוך איז ווידער געלעגען אויסגעשפּרייט אין גראָז און די קופּקעס ספרים האָבען זיך ווידער אויפגעטורעמט אין איהר מיטען, האָט ר׳ זימעל דערפיהלט אַז... אין פלוג גענומען האָט ער געגען לייזשקען גאָר נישט. יענער האַנדעלט מיט טרפה ביכלעך און ער — מיט כשרע ספרים. וואָס פאַר אַ קאָנקורענציע קען מאַכען אימיצער וואָס האַנדעלט מיט חזיר־פליייש אַ אידישען קצב?...

לייזשקע האָט אפּנים אַראָפּגעלייענט פון ר׳ זימעלס שטערן.

אַז יעגער איז ווייכער געוואָרען, האָט ער פּאַוואָליע אַריינגעטאָן די באָדעל־פּאָדים אין פושקעלע, דאָס פושקעלע — אין בוזים־קעשענע, און פּאַוואָליע אַ רעד געטאָן:

— יאָ... וואָס האָט ער געוואָלט פרעגען? אפשר וועט איהם ר׳ זימעל זאָגען, וואָס דאָ איז מיט איהם געשעהן?

— ס׳איז גאָרניט, — מאַכט ר׳ זימעל אָן דער זייט און רייבט זיך דעם קנעכעל פון פוס — אַבי דער פּאַק איז גאַנץ.

אַצינד שוויגט שוין לייזשקע. שמייכעלט פאַר זיך. און גראָד דאָס שווייגען מאַכט קיצלען ר׳ זימעלס צונג. רעדט ער כמעט געגען זיין אייגענעם ווילען:

— כ׳מיין, וואָס זאָל דאָ געשעהן? געוואָלט האָט ער אַרויפקריכען מיטן פּאַק אָט־אָ־דאָ, אונטער אַ בוים. אויסרוהען זיך האָט ער געוואָלט. דער שליאַך איז אָבער דאָ צו נידעריג און דער וואַלד אַ סך העכער... האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיטן פּאַק אָן סוק. ווי מיט אַ מעסער האָט דאָס איהם דעם פּאַק אויפגעשניטען. די ספרים האָבען זיך פּלוצלינג אויסגעשאָטען. נו, האָט ער, זימעל, פאַרלוירען דעם האַלט. צו גרינג איז איהם געוואָרען פון הינטען... אויסגעגליטשט זיך און אויסגעלונקען אַ קנעכעל. נאַ, אַבי די סחורה איז גאַנץ.

— נאַ, — מאַכט איהם לייזשקע נאָך דעם „נאַ״ — ביז קאָפּוסט וועט איהר אַצינד אייער פּאַק אַליין ניט דערטראָגען. מ׳וועט וואַרטען צוזאַמען, ר׳ זימעל, אַ פוהרעל וועט דורכפאָהרען, וועט זי אייך פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס מיטנעמען. פאַרנאַכט פאָהרען דורך געוויג לעדיגע פוהרלעך...

— האָט קיין דאגה ניט! — ווערט ר׳ זימעל ווידער ברוגז פאַר אַזאַ עצה, וועלכע שמעקט מיט מזומנע הוצאות — געהט אייך געזונטערהייט! כ׳וועל מיר שוין אַליין געבען אַן עצה. עס שיט זיך ביי מיר ניט מיט קאָפּיקעס.

זעהט לייזשקע, אַז ער האָט דאָ געמאַכט אַ פעהלער. פאַרשטעלט ער זיך, אַז ער האַלט נאָך אינמיטען וואָרט. גיט זיך כלומרשט אַ כאַפּ:

— און אַז ניט אַ פוהרעל בין א י ך דאָ!... שאַט ר׳ זימעל,

ווייסט איהר גאר וואס? מיר'ן ניט ווארטען. איהר וועט טראגען מיין פעקעל און איך אייערן. ביז סאמע קאפוסט. גוט?

— איך — אייער פעקעל? מאכט ר' זימעל פארביסען און רוקט זיך אפ — איך אייער... אייערע טריף־פסולס?

— פע, — מאכט לייזשקע גוטמוטיג — א איד א למדן ווי איהר, אן אלטער פאקענטרעגער, זאל אזוי רעדען פון לשון־קודש־דיגע ביכער! פון אמתן לשון־קודש... אט זעהט!

און ער כאפט זיך צו צו זיין קווייטעלדיגען פעקעל און הויבט איהם אן אויפצופאקען.

— אז איך וויל גאר ניט זעהן! — מאכט זימעל פינסטער און גיט זיך א רוק־אוועק.

ניט הערענדיג וואס זיין קאנקורענט בורטשעט דארטען, גיט זיך לייזשקע א רוק מיטן פעקעל צו איהם און בינדט אויף דאס קווייטעלדיגע טוך. פון טוך קריכט ארויס א ברוינע צעראטע און פון צעראטע שלעפט לייזשקעס געניטע האנט ארויס א בוך. דעם צווייטען באנד פון קלמן שולמאנס „וועלט־געשיכטע".

לייזשקע גיט א מיש מיט דער רעכטער האנט און די לינקע גיט ער א הויב צום שליאך און צו די סאסנע־בוימער געגענאיבער, פונקט ווי ער וואלט זיי אויך איינגעלאדען צו זיין פארלעזונג. וואס ער וויל דא האלטען פאר ר' זימעל פאקענטרעגער, און הויבט אן אזוי:

— כוס זהב!... א גאלדענער בעכער איז די רוימישע מלוכה אין גאטס הענט. א גאלדענער בעכער פול מיט פארגיפטעטען וויין... איהר הערט א מליצה! פון איהם, פון בעכער הייסט דאס, האבען גע־טרונקען אלע פעלקער, האבען אויסגעזויגען, שיכור געווארען, דול געווארען, אנידערגעפאלען און מעהר ניט אויפגעשטאנען. די... טיפקייט! הערט, הערט!

ער דערכאפט אינמיטען דעקלאמירען ר' זימעלס בייגעריג־געווארענעם קוק און גיט זיך צו איהם פלוצלינג א ווענד:

— נו, וואס זאגט איהר? מיט וואס, א שטייגער, ניט קיין כשרער ספר? ווייניג צרות האט אונז די רוימישע מלוכה אנגע־טאן?....

— ווילנאָ!... — ווערט ר' זימעל צוטרויליכער און גיט אַ טאַפּ דעם שער־בלאַט. אַ שענער דרוק! נאָר „ווילנאָ" זאָגט מען, מאַכט: וואָס ווילען יונגע לייט נאָר אכלען, כע־הע...

—וואַרשאַ!... מאַכט לייזשקע און נעמט אַ ספר פון ר' זימעלס אָפּענעם פּאַק — און „וואַרשאַ", זאָגט מען, מאַכט: וואָס ווילען אַלע רבי'ס שמייסען איינגלעך.

אוןביידע קאָנקורענטען האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט. דאָס איז געווען אַן אומגעריכטער שלום. און וואַלד און הימעל זיינען געווען עדות.

2.

גרויס איז געווען די פאַרוואונדערונג אין קאַפּוסט, ווען מ'האָט דערזעהן, אַז די געוועזענע בלוט־שונאים קומען אַן צוזאַמען און נאָך אויף וואָס פאַר אַן אופן: ר' זימעל אונטערהינקענדיג מיט לייזשקעס פּעקעלע טריף־פּסולס אונטער דער פאַכווע, און לייזשקע — איינגעבויגען אין דרייען מיטן גרויסען רומל־פּאַק אויפן רוקען.

דערזעלבער וואונדער האָט זיך דערנאָך איבערגעחזרט אין שקלאָוו. „בילדונג" און „רומל" זיינען אָנגעקומען צוזאַמען, אַלט־געבאַקענע פרומקייט און אַפּיקורסות האָבען זיך פאַרחברט.

מ'האָט זיי שפּעטער מיט עטליכע טעג געזעהן צושיידען זיך אויפן שליאַך, אָבער גאָר פריינטליך: די אַהער, איך אַהין! „אַ גוטען טאָג", „אַ גוט יאָהר!" — ווי מענשען, וואָס האָבען זיך איינגעטיילט די וועלט. אין ביידענס פּעק זיינען אויך פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. זימעלס פּאַק איז קלענער געוואָרען, לייזשקעס — גרעסער. טריף־פּסול האָט זיך אַריינגעפּרעסען אין זימעלס בשרער קראָם, און רומל איז אַריינגעקראָכן אין לייזשקעס „פּראָסוועסטשעניע"־(בילדונג) ביכער. ניט אַנדערש — ביידע פּאַקענטרעגער האָבען דאָ בכיון צומישט די יוצרות: כשר מיט טרפה, פינסטערניש מיט ליכט, כדי עס זאָל זיך בעסער לייזען. אפנים

ביידע האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָס שטרענגע אָפּגרעניצען זיך פון דעם אַנדערענס ספרים רייסט יעטוועדערן אָפּ פון אַ האַלבען עולם. האָט יעדער צומישט זיין זאַלץ מיטן צווייטענס וואַסער. גע־נומען איינער ביים צווייטען אויף קאַמיסיע, געביטען זיך, אויס־גלייכענדיג די „שמיציגלעך" פון די מקחים מיט אַ צוגאָב: ר' זי־מעל — לייזשקען די חסידישע מעשה פון „עזריאל מיטן בער", און לייזשקע — זימלען אַ לשון־קודשדיגע קינדער־מעשהלע מיט נקוד, געדרוקט אין וואַרשע. און דאָס געשעפט האָט זיך צובליהט.

אויף די גרינע שליאַכען אין די זומער־טעג און אין די בתי־מדרשים, וואו מען נעכטיגט איבער, קוקט לייזשקע אַריין אין די חסידישע ספרים, וואָס ער האָט גענומען אויף קאָמיסיע ביי ר' זימלען, און זיין שפּאַטישער שמייכעלע פון אַ „קענער" ווערט פאַרשוואונדען לייענענדיג די מעשיות פון ר' נחמן בראַצלאַווער... יאָ, פרוג אַליין וואָלט זיך ניט געדאַרפט שעמען אַנצושרייבען אַזאַ זאַך ווי די „מעשה מיט די זיבען בעטלער", און אידישע קינדער וואָלטען דאָס געמעגט לייענען אַנשטאָט די איבערזעצטע גויעשע מעשיות פון די „ברידער גרים".

און ר' זימעל, ווען ער רוהט זיך אויס אונטערוועגס, כאַפּט אַ קוק אין לייזשקעס אַ ספר, אין דער וועלט־געשיכטע פון קלמן שולמאַן, למשל. די מליצהדיגע באַשרייבונגען פון חורבן ירושלים, פון די קרייץ־פאַהרער און פון דער „פאַסטוכער־גזרה" האָבען זיך ניט מיט וואָס צו שעמען אַקעגען די זעלבע מעשיות אין „שבט יהודה", וואָס אַלע פרומע לייט לייענען. נאָר דאָרטען, אין שבט יהודה", איז עפּעס אַלץ פאַרשוואומען, אָהן אַ טאָג און אָהן אַ יאָהר, אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף. דאָ, ביי קלמן שולמאַנען, איז אַלץ דערצעהלט כסדר מיט אידישע און גויעשע יאָהרען ביי דער זייט. ווי אין לוח איז דאָ אַלץ אויסגערעכענט אויף דעם טאָג און אויף דער שעה. מען ווייסט אַ טאָלק. עס גלויבט זיך גאָר ניט אַ אידישער מחבר זאָל אַזוי פיל וויסען.

ביסלעכוויז גלייכען זיך ביידע ספרים־פּעק אויס. אויך לייזש־קע נעמט זיין פּאַק אויפן רוקען, ווייל אונטערן פּאַכווע קען ער איהם שוין מעהר ניט טראָגען. צופיל אָרט פאַרנעמען ניט־געבונ־

דענע רימל־בלעטער. זימעלס געשטאַלט גלייכט זיך ביסלעכווייז אויס; אלץ גרינגער און גרינגער ווערט די משא צווישען זיין אונטערשטען און אויבערשטען הויקער. און לייזשקעס סטאַטנע וואוקס בויגט זיך אַ קאַפּעלע איין אונטער דער לאַסט פון די נייע סחורות. און... דאָס געשעפט בליהט.

דהיינו: באַלעבאַטים, וואָס האָבען פריהער ניט געוואָלט שטעהען אין לייזשקעס ד׳ אמות, דערנעהנטערן זיך צו איהם אַצינד ווי צו אַ בעל־תשובה און באַשטעלען ביי איהם, דאָ אַ קרבן־מנחה פאַר אַ פאַרקנסטער טאָכטער און דאָרטען אַ גאַנג משניותן פאַר אַ בר־מצוה־יונג. און פאַרקעהרט—יונגע־לייטלעך האָבען אַצינד מעהר דרך־ארץ פאַר ר׳ זימלען. מען קוקט מעהר ניט אָן זיינע אויסגעלעגטע סחורות מיט אַ שמייכעלע פון „געבילדעטע”. טאָמער דאַרף אימיצער האָבען אַ לשון־קודשדיגען דקדוק, און טאָמער איז, צווישען אונז רעדענדיג, אימיצער אַזוי הויך אַוועק אין רוסיש, אַז ער דאַרף שוין האָבען קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק, קען ער עס. שטילערהייט, דורך ר׳ זימלען אויך באַשטעלען. נישקשה, ר׳ זימעל וועט דאָס איהם אַריינברענגען אין שטוב אַריין. אָט צו וואָס פאַר פריידענקערישקייט ר׳ זימעל איז דערגאַנגען!

דורך די פאַראייניגטע כחות פון ר׳ זימלען און לייזשקען זיינען דורכגעבראָכען געוואָרען שטעכעדיגע צוימען. די אַלטע צייט און די נייע צייט האָבען גענומען אַריינטרעטען איינער צו דעם צווייטען אין גאָרטען, אָפּרייסען אַ פאַרבאָטענע פרי פון אונבאַקאַנטע בוימער. טאַטעס און קינדער דערנעהנטערן זיך שעמעוודיג, מ׳כאַפּט אַ קוק, איינער ביים אַנדערען, אין די איינגעהאַנדעלטע ספרימלעך. און דינע, יונגע ברעמען און אַלטע אָנגעכמורעטע — פאַרשאַרען זיך פון גרויס פאַרוואונדערונג. אַזוי ווי די פּאַקענטרעגער צווישען זיך, אַזוי די יונגע און מיושבדיגע קונדען זייערע.

יאָ, ניט אַלע פאַרטראָגען דאָס העלע ליכט פון דער זון! און ניט אַלע — די טיפע טונקעלהייט פון דער נאַכט. אָבער אַלעמען איז ליב דער בין־השמשות. פאַרנאַכטליך, ווען שיין און שאָטענס זיינען אויסגעמישט.... אַזאַ מין בין־השמשות האָבען לייזשקע און ר׳ זימעל געבראַכט אויף שקלאָוו מיט זייער שותפות.

עס דערגעהט אַזוי ווייט, אַז חנא, דעם דיינס בחור, האַנדעלט־איין יהושע שטיינבערגס ווערטערבוך. און טרעפט ביי וועמען? ביי ר׳ זימלען! און איטשייזשע, פעטער זשאַמעס בן־יחיד, דער אויפ־געקלערטער, קויפט אַ געניצטען גאַנג משניותן, שטעטינער דרוק און איין לעדער געבונדען, ניט ביי אַן אַנדערען, נאָר דוקא ביי לייזשקען. אַ מציאה. אוןביידע זיינען העכסט צופרידען.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט! — אַזוי מאַכט ר׳ זימעל טרעפענדיג זיך מיט לייזשקען אויפן שייד־וועג, צווישען שקלאָוו און מאָהליוו, — וואָס איז דיר אָפּגעקומען, אַז דו האָסט פאַרקויפט מיין גאַנג משניותן? דער באָבעס ירושה צוגעלעגט?

— און איך, ר׳ זימעל, וואָס איז אָפּגעקומען, אַז איהר האָט פאַרהאַנדעלט שטיינבערגס ווערטערבוך? געמיינט ס׳וועט ליגען ווי אַ שטיין. אָט, זעהט איהר דאָך!

ניט אַנדערש, אַז ביידע האָבען שטומערהייט באַשלאָסען „קאַ־ליע צו מאַכען״ איינער דעם צווייטען. ר׳ זימעל וויל פרום מאַכען לייזשקען און לייזשקע האָט אַ טריף־פסולע כונה אויף ר׳ זימלען. ווארים ביידע ווען זיי באַגעגענען זיך, שמייכלען זיי אין באָרד אַריין מיט גאָר אַ באַזונדער שמייכעלע — און מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען, וואָס מוז בעדייטען: „יאָ, געטראָפען דעם אָרט. מיינע שונ־אים זאָלען אַזוי לעבען!״... נאָר צולעגען צו אַזאַ קליגלען זיך, לע־גען זיי ביידע ניט צו. געלויבט דער אויבערשטער! מען לעבט זיך דורך.

מ׳זעצט זיך אַוועק אין געדיכטען שאָטען פון נוס־בוימלעך. דער ריח פון נוסענע טונקל־גרינע בלעטער איז מחיהדיג, און פאַ־כען טוען זיי ווי אַ גוטער פאָכער, ווען אַ ווינטעל געהט דורך. די ניט־צייטיגע ניס, צווילינגלעך און דרילינגלעך און פירלינגלעך, שטעקען אַרויס זייערע שפּיציגע נאַקעטע הינטענס פון די גרינע ווייַ־בערשע הויזלעך. אַ גאָטס וואונדער ווי זיי וואַקסען, אָט די ווילדע וואַלד־ניס. פריהער זיינען זיי גרינליך־ווייס. דערנאָך, סוף זומער, ווערען זיי רויט־ברוין ווי קופּער. נאָר די מייטקעלעך זייערע בלייַ־בען אַלעמאָל גרין. אונטער אַזעלכע שענע בוימלעך רעדט זיך נאָך פרעהליכער פון געשעפט. רעדט מען אַזוי לאַנג און מען רעכענט

זיך, ביז מען געהט איבער צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. לייזשקע שאַנעוועט ר׳ זימעלס פרומקייט, טוט ער איהם אַ נחת־רוח און וואַשט זיך די הענט פון ר׳ זימעלס פאַרזשאַווערטען קווערטעל, וואָס זעהט אויס ווי אַ הויכע פושקע מיט צוויי הענטלעך. דערפאַר, אַז עס קומט צום עסען גופא, האָט שוין לייזשקע מעהר שליטה איבער ר׳ זימלען און איבער זיינע קבצנישע מאכלים. ר׳ זימעל, ווי זיין שטייגער איז, נעמט זיך צו זיין האַלבען לעבעל שוואַרץ־ברויט און צו אַ האַלבען הערינג אין אַ פּאַפּירעל. נעמט ביי איהם לייזשקע אַוועק דעם הערינג פון האַנט און לעגט איהם אַוועק, אויפן גראָז, אַ גוטען שטיק רעטאַך, אַ זיסע באַרנע...

ר׳ זימעל הויבט אָן פינטלען מיט זיינע רויט־אָנגעגאָסענע אויגען און לייזשקע גיט איהם צו פערשטעהן:

— ניט געזונט, ר׳ זימעל, צו עסען הערינג אונטערוועגס. בפרט אין אַזאַ היץ. אַ ברענעניש אויפן האַרץ איז דאָס, ניט קיין עסען.

ר׳ זימעל גיט נאָך, בורטשענדיג אונטער די שיטערע וואָנסעס. ער עסט ברויט מיט רעטאַך, דערנאָך ברויט מיט באַרנע און איז מודה, אַז יאָ!... ס׳איז טאַקע אַ מחיה. עס קייט זיך אַזוי בעסער אין אַ זומערדיגען טאָג, עס גליטשט זיך. עס דורשט זיך ניט.

נאָר אַז עס קומט אויס צו באַנוצען זיך מיט לייזשקעס מעסערל, קוקט ער איהם אָן מיט פאַרדאַכט. ער פוילט זיך ניט און שטעקט דאָס מעסערל אַריין דריי מאָל אין דר׳ערד. אַפּגעכּשרט, הייסט דאָס... ערשט דערנאָך שיילט ער מיט איהם דעם רעטאַך.

צעלאַכט זיך לייזשקע זיין שותף הויך אויפן קול:

— איהר מיינט באמת, ר׳ זימעל, אַז קיין בעסערען מאכל ווי זייף מיט בולקע האָט אַזאַ אפיקורס ווי איך קיינמאָל ניט געגעסען? אָדער געבאַקטע בולבעס געטונקט אין חלבנע אָנגעצונדענע ליכטלעך... ווי?

מיט דער צייט האָט טאַקע ר׳ זימעל אויפגעהערט צו כשרן לייזשקעס מעסערל. אָט וואָס פאַר אַ צוטרוי ער האָט שוין געהאַט געוואונען צום שותף. ער האָט אָבער ניט חושד געווען וואָס פאַר אַ מיאוסער בעל־דבר עס זיצט נאָך אין אָט דעם אַלטגעבאַקענעם

אַפּיקורס און צו וואָס אַט דער פּאַרטאַיעטער בעל־דבר וועט איהם, ר׳ זימעל פּאַקענטרעגער, דערפיהרען.

3.

דעם זעלבען זומער, אין זעהר אַ הייסען טאָג, סוף חודש אב, האָבען זיך די אַמאָליגע קאָנקורענטען און איצטיגע טרייע שותפים באַגעגענט אויפן מאָהליווער שליאַך, עטליכע וויאָרסט פאַר מאַ־קאַראָווקי. לייזשקע איז געגאַנגען קיין מאָהליוו און ר׳ זימעל קיין שקלאָוו. באַגעגענט האָבען זיי זיך דאָרטען, וואו דער געלער זאַמד צערוקט די סאָסנע־בוימער פון וואַלד, צעפרעסט דעם מאָך און לאָזט זיך אַראָפּ ביז צום ברעג דניעפּער. פון די זומער־היצען איז דער דניעפּער אַ סך שמאָלער געוואָרען און שלאַנגיש־פינקלענדיג געדרעהט זיך צווישען צוויי זאַמדען אויף דעם ברעג און אויף יענעם ברעג. און, מיט אַ פּאַרטאַיעטען פּאָנפּע־געזאַנגעל, געטראָגען זיינע האַסטיגע וואַסערען אין סאַמע מיטען שטראָם. דעם זאַמד אויף די ברעגעס האָט ער נאָר געלעקט מיט פלאַכע וואַסער־קנייטשעלעך. און קוקענדיג אויף די האָט האָט זיך געקענט דוכטען, אַז מען וואָלט איהם געקענט, דעם דניעפּער, אַריבערגעהן מיט נאַ־קעטע פיס און אפילו די לענדען ניט פאַרנעצען.

ביידע פּאַקענטרעגער האָבען אָפּגעלעגט זייערע שווערע פּעק אויפן זאַמד. אַרויסגענומען קלייניבּקע נאָטיץ־ביכעלעך, געלעקט די שפּיצען פון שלעכט־פאַרשניצטע בלייפענעס. פאַרשריבען און גערעכענט. קיין סך צייט האָט אָבער ביידענס בוכהאַלטעריע ניט פאַרנומען. אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען זיי שוין געווען פאַרטיג מיט זייערע חשבונות און צוגעביסען. איינער פון לייזשקעס מאכלים איז דאָס געווען: בויגעל מיט באַרנעס.

די היץ, נאָך האַלבען טאָג, איז שווערער געוואָרען, דער זאַמד האָט געשימערט מיט שטעכיגע געלבע פונקען. האָבען זיך ביידע שותפים פאַררוקט מיט זייערע פּעק אין שאָטען, אַזוי אַז פון איין

זייט האָבען זיי געזעהן דעם דניעפּער און פון דער אַנדערער זייט — דעם שליאַך.

ר׳ זימלען איז עפּעס געווען גוט אויפן הארצען. מיט אַ פּאַר־טאַיעטער צופרידענקייט האָט ער געקוקט דורך אויגען־שפּעלטע־לעך אויף זיין פּאַק, אויף זיין שותף. פריהער פלעגט ער אַליין, ווי אַ קראַנקער זשוק, אַרומקריכען אויף די שליאַכען. קיין שמייכעל האָט ער קיינמאָל ניט געטאָן. דער פּאַק איז געווען שווער און דאָס האַרץ — נאָך שווערער. און אַצינד, געלויבט דער אויבערשטער, „צוויי זיינען בעסער ווי איינער״ שטעהט אין פּסוק. ס׳איז טאַקע אַן אמת.

אָט די שטילע צופרידענהייט, די לייכטע הנאה נאָכן בייגעל מיט דער פרישער באַרנע, די קיהלקייט פון שאָטען האָבען איהם ביסלעכווייז צעקיצעלט די מילץ און אַרויסגעשוימט אין דער פּענ־דזשע־בערדעלע מיט אַ שטילינקען „כי־כי־כי״.

לייזשקע האָט אויסגעלופּעט ביידע אויגען. ער האָט כמעט קיינמאָל ניט געזעהן זיין שותף זאָל אַ לאַך טאָן, גלאַט אַזוי, פון זיך אַליין. און נאָך אידער ער האָט אַ פרעג געטאָן, האָט איהם שוין ר׳ זימעל אַליין גענומען פערענטפערן זיין געלעכטערל:

— דו הערסט דאָך, לייזשקע, איך קום היינט פריה אַן פון רישקאַקי און געה פאַרביי דעם שקלאָווער בית־עולם, אָט דאָרטען וואו אַ שטיק פון אַלטען געמויערטען צוים איז איינגעפאַלען און איז דערווייל פאַרלאָטעט מיט פלעקענער. דערהער איך ווי אַ אידענע לייענט פון אַ „מענה־לשון״*) און יאַ־אָמערט! וואָס זאָל איך דיר זאָ־גען! אַ שטיין האָט געקענט צו געהן... איך גיב אַ קוק דורכן צוים— ס׳איז דעם טרייבערס אלמנה. יאָשע דעם טרייבערס. פאַראַיאָהרען אין דער צייט איז ער געשטאָרבען. זיצט די אלמנה איבער זיין קבר און פאַרגעהט זיך נעביך. איך הער זיך צו: עפּעס פון אַ מאָד־נעם מענה־לשון לייענט זי... וואָס דען! די אידענע האָט אַ ביטע־רען טעות געהאַט. אַנשטאָט אַ „מענה לשון״ האָט זי געבראַכט צו שלעפּען אַ ספר פון אַ טרייבער אויפן בית עלמין. „דיני מנקר״ מיט עברי־טייטש. יאָמערט זי הויך אויפן קול און האָט טענות צום

*) אַ ספר מיט תחינות און תפילות וואָס מען זאָגט אויפן בית עלמין.

רבונו־של־עולם: „אַי, און מען נעמט די קלאָץ און מען שטעלט אַני־דער. און מען נעמט דעם זאַד און מען לעגט אַרויף. און מ׳נעמט אַ מעסער און מ׳שניי—דט!״... אַי־אַי, מ׳שנײדט! אַ קלייניגקייט, מ׳שנײדט! זי האָט אַוודאי געמיינט, אַז דאָ רעדט זיך פון חבוט־הקבר״... אידענע!—שריי איך צו איהר דורכן צוים—איהר האָט דאָך אַ טעות געהאַט! ס׳איז דאָך ניט קיין מענה־לשון, ס׳זיינען דאָך גאָר דינים פון אַ מנקר! וואָס קלאָגט איהר וואָס?... ערשט דאָ האָט זי זיך געכאַפּט, אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט: וועה איז מיר, ווינד איז מיר!.. שאַ! זאָג איך, נעמט זיך ניט צום האַרצען. איהר קענט, זאָג איך, האָבען גלייך אויפן אָרט אַ נייאינקען „מענה לשון״. איהר דאַרפט, זאָג איך, אַפילו צוריק אַהיים ניט געהן, אַזאַ מהלך... נו, נו, וועסט גלויבען? געלייזט טאַקע גאַנצע פופצעהן קאָפּיקעס אויפן אָרט.

—אַז גאָט וויל, — לאַכט לייזשקע און גלעט זיך דאָס אַרומגעשוירען בערדעל — אַז גאָט וויל ווערט אַ אידישער פּאַקענטרעגער גליקלעך אפילו אויפן בית־עלמין.

אַ ווײלע איז מען געזעסען און מען האָט פּערדייעט די בייגעל מיט באַרען ,די פרעהליכע מעשהלע מיט דעם טרייבערס אַל־מנה. און לייזשקע דער אַפּיקורס האָט דערזעהן, אַז ר׳ זימעל איז גוט אויפגעלעגט, האָט ער זיך גענומען „קאַליע מאַכען״ איהם, ווי זיין שטייגער איז:

— אוף! — מאַכט ער און פּאַכעט אויף זיך מיט אַן אָפּגעריסען טאָוועל פון אַ ספר — ווער פון אונזערע אידען, ר׳ זימעל, האָט נאָך אַזוי הנאה פון זומער ווי איך און איהר? אידען ווייסען דען פון זומער? פריהער געהט ספירה, זיבען וואָכען נאָכאַנאַנד טאָר מען זיך ניט באָדען, ניט שערען זיך, אויסער ל״ג־בעומר, איין טאָג! אײדער וואָס ווען — רוקט זיך אַן שבעה־עשר בתמוז. און אײדער מען האָט נאָך פּאַספּעיעט אָפּטובלען זיך, ערשט אַהאַ! די ניין טעג זיינען שוין דאָ. תשעה־באָב קומט אָן אין וואָלענע זאָקען, מיט שטעכעלקעס אין די בערד און מיט זיצען אויף דער ערד. און אײדער מ׳האָט נאָך צייט אָטכאַיען זיך פון תענית — געהט שוין קושע דער שמש אַרויס פּאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע: „אידעלעך, שטעהט אויף צו סליחות!״.

— ווער ווער, — מאַכט ר׳ זימעל האַלב־שלעפעריג — נאָר דו האָסט ספירה און תעניתים ניט אָבגעהיט. ווי אַ גוטער גוי האָסטו זיך געבאָדען! קיין סוד ניט. אַלע וועלכע פאָהרען מיטן פאַרעכאַד ווייסען דאָס...

—איך רעד דען פון מיר? — גליטשט זיך לייזשקע פון האַנט

— איך רעדט גלאַט אַזוי וואָס אידען האָבען געמאַכט פון זומער. און דערפאַר טאַקע, רעכען איך, זיינען אידישע קינדער אַזעלכע סטאַטיקלעך אינדערהיים און אַזעלכע ווילדע שטיפער אויף דער גאַס. אַנדערש קאָן דאָס גאָר ניט זיין. פּרובט, ר׳ זימעל, פאַרזייען בולבעס אין אַ קעלער, וועט איהר זעהן ווי משונהדיג זיי וועלען זיך אייך צעוואַקסען. איך געדענק מיך נאָך, אַלס אַ איינגעל, מיט וואָס פאַר אַ ביטער האַרץ איך פלעג געהן, אין די הייסטע זומער־שבתים, לערנען פּרק אין חדר. אַפילו נאָסקע־טרעגער רוהען זיך שבת אויס. פאַר אידישע חדר־אינגלאַך איז אַפילו דער שבת קיין שבת ניט. זיצען מיר אַזוי, איך און מיינע חברימלעך, אין חדר. די פּיסלעך העגגען אַראָפּ ווי בליי פון די הויכע הילצערנע ביינקלעך. און דרויסען, דורך דעם רבינס פענסטער, זעהען מיר אַ זומער בליהט. אַ קאַרטינע (אַ בילד) זאָג איך אייך —- איינגעפאַסט אין אַ ברודיגער בערוועגע וואַנט. גרין, אַלערליי סאָרטען גרינס. אַ בלויער שטיק פון אַ טייך, אַ בלויער שטיק הימעל מיט ווייסע וואָלקענ־דלעך. און אויף דאָס גרינס באַוועגען זיך קאָלירען. קליינע קינדער שפּילען, ווייסע ציגען שפּרינגען דורך. געגנז געהען צום טייך. גויות אין רויטע כוסטעס שווימען פאַרביי. און דאָ ביים טיש זיצט אַ רבי, זויער און פאַרקרימט פון שבתדיגען שלאָף. ער שלוקערצט. דעם טשאָלענט האָט ער נעביך שלעכט פאַרדייעט. און דער קרומער מויל טייטש איין: דע מאין באת! ווייס, מענש, פונוואַנען דו ביסט געקומען! מטפה סרוחה — פון אַן עפושדיגען טראָפּען. און וואוהין געהסטו? צו אַן אָרט פון ווערים געהסטו... ס׳אַלץ עקביא דער זוהן פון מהללאל! זיינע ווערטער זיינען דאָס. אַ מרה־שחורה פלעגט אויף מיר אָנפאַלען פון ר׳ עקביא׳ס חכמה. כאָטש נעם און לעג זיך אַוועק, אָט דאָ אויף אַן אָרט און שטאַרב.

— ביסט אַ „פושט״, — מאַכט ר׳ זימעל אין זיסען האַלב־

דרימעל און באַהאַלט אַ שמייכעלע אין זיין פענדזשע־בערדעל — אין אַ אידישער שטוב טאָר מען דיך נישט אַריינלאָזען!

פונם שמייכעלע דערקענט אָבער לייזשקע, אַז ס'האָט אַביסעלע ר' זימלען צענומען, דערמאָנט איהם די אייגענע „גוטע" קינדער־שע יאָהרען. ווארט, קלערט ער זיך, דו וועסט ביי מיר באַלד אַ קאַפּעלע בעסער האַרכען! און רעדט אין איהם ווייטער אַריין:

— און וואָס מיינט איהר, ר' זימעל, איז געוואָרען דער סוף? מ'האָט דאָך געוואָלט אונז אָנשרעקען, האָט מען געוואָלט. און אַרויס־קומען פלעגט גראָד פאַרקעהרט. ווארים ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פון חדר, נאָך אַזאַ פאַרציע מוסר־השכל, פלעגען מיר זעהן, אַז מיר זיינען שוין סיי ווי סיי פאַרפאַלען. גאַרנישט מיט נישט זיינען מיר. סיי אויף ד ע ר וועלט, סיי אויף יענער וועלט. הייננט וואָס האָבען מיר אַזוי צו שאַנעווען זיך אַליין און די שבתדיגע הויזלעך? פלע־גען מיר, אימיצען אויף צו־להכעיס, דראַפּען זיך אויף צוימען, אַריינקריכען אין פרעמדע סעדער, גנבענען האַרטע עפּעלעך, אָנ־מאַכען זיך בויכווייטאָג, און קומען אַהיים צודראַפּעטע מיט גע־וואַלד־ריסען אין די מיטקעלעך. אַזוי, ר' זימעל, טרעפט זיך אָפּט־מאָל מיט אַ כניאָק אַ פּרוש אויך. וואָס מעהר ער טובלט זיך, אַלץ מעהר חלומט זיך איהם שדים ווייסען וואָס. נאָקעטע ווייבער שטי־קען איהם ביינאַכט...

זימעל האָט זיך אויסגעטשוכעט. לייזשקעס לעצטע ווערטער מיט זיין געזאַלצען שמייכעלע האָבען איהם אַ ברען געטאָן אין האַר־צען. שוין לאַנג האָט ר' זימעל אַליין ניט באַזוכט זיין ווייב און קינדער אין זייער דאָרפישער הייזקע, ווייט־ווייט פון דאַנען... ער האָט דאָס שוין אָפטמאָל געטאָן אין זיין וואַנדער־לעבען. נאָר דאָ, היינ־טיגען זומער, די לעצטע צייט, האָט ער טאַקע בייזע חלומות. פון וואַנען־זשע ווייסט ער דאָס אַלץ, אָט דער חברה־מאַן? אַ פאַרקלייד־טער יצר־הרע איז דאָס, נים קיין פאַקענטרעגער!

— וו...אָס באַ־באַלעבאָטשעסטו דאַרטען? — פאַרזאַאיקעט זיך ר' זיסעל פון אויפכאַפּ — וואָס פּרוש? ווי קומט אַהער אַ פּרוש?

— כע, — פאַרשפּיצט לייזשקע די אויגעלעך נאָך מעהר — איהר געדענקט גאָר ניט? דאָס ווערט דאָך דערצעהלט אין אייערען

אַ ספר, וואָס איהר האָט מיר געגעבען אין קאָמיסיע, מיט איינעם פון דעם בעש"ט'ס תלמידים. אָט אָ! איין ווײלעטשקע! אָט איז דער ספר. אָט דאָ מוז ער זיין:

„.....און זי האָט איהם אויסגעבעט דריי בעטען איינע פון גאָלד איינע פון זילבער און איינע פון העלפאַנדצאָהן. אַלע מיט טייערע בעטגעוואַנדען און אויסגעשפריצט מיט בשמים. און גלייך האָט זי גענומען אַראָפּרייסען פון זיך די טייערע קליידער איהרע, געשטיקט מיט אבנים טובות ומרגליות. דערנאָך די העמדער... איין העמד פון פורפול־זייד און איינע פון הימעל־בלויען ליין, און איינע פון שוואַרצען אַטלאַס... זי האָט דאָס בכיון פריהער אָנגעטאָן, כדי צו מאכען פלאָקערען זיין יצר־הרע. ווי זי האָט אַ ריס געטאָן די לעצטע שוואַרצע העמד, אַזוי האָט איהר לייב אַ לויכט געטאָן פון ריס, ווי די זון פון די וואָלקענס. און דער מקובל האָט פאַרמאַכט די אויגען פון בלענדעניש און געשריען: לילית! שמע ישראל!...“

ר' זימעל שפּרינגט אויף. זיינע נאָזלעכער זיינען אָנגעבלאָזען. ער אָטעמט שווער:

— וואָס... וואָס איז דאָס פאַר אַ מין לייענען אינמיטען וואָלד? ווער בעט דיך ווער?

ער מוז זיך אָבער באַלד באַהערשען און אַנטשוויגען ווערען. וואָרים עס דערהערען זיך ווייכע באָרוויסע טריט. און פונקט אַקעגען זיי ביידען, אויפן באַלויכטענעם שליאַך, אינם גרינעם הייל פון צווייגען, באַווייזט זיך אַ גויע... אַן עהנליכע גויע ווי אין חסידישען ספר. זי איז נאָר אַביסעל אַנדערש אָנגעטאָן. אַנשטאָט אַ רויטע העמד פון פורפור־זייד טראָגט זי גאָר אַ קורצע בלוט־רויטע קאַצאַווייקע מיט גרינע שטערנדלעך; און פון אונטער דער פייערדיגער יאָקעלע גיסט זיך, איבער איהרע פולע קני, אַ געפאַסקעט לייווענטענע קליידעל, און די קאָלירטע פאַסקעס ווינקען ביים געהן. און אַ האַלז־באַנד פון גרויסע קרעלען לאָזט זיך איהר אַראָפּ איבער איהר פאָרלער ברוסט. און איהר קאָפּ־כוסטע בליהט מיט מאָהן־בלומען אויף אַ שוואַרצען גרונט. און די זעלבע קרעלען וואָס אויפן האַלז, נאָר קלענערע, טראָגט זי אין איין האַנט, אין אַ קערבעלע פון ווייסער בעראָזעווער קאָרע. אָנגעריסענע ברוסניצעס צי הויפענס

קרעלען?... און איהר קיילעכדיגער פרצוף־פנים לויכט מיט ווייב־ליכקייט און מיט פרישקייט, און איהרע ליטקעס וויגען זיך, וויגען זיך, וויגען זיך...

ר׳ זימעל איז געבליבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל און מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם אינמיטען זידלען זיך: אַ כשוף האָט איהם דאָ לייזשקע דער אפיקורס אָנגעטאָן. ניט אַנדערש, אַז דאָס איז דעם מקובלס נפקא... אַ לעבעדיגע לילית פון ספר אַרויס, אינמי־טען וואַלד, אינמיטען העלען טאָג. —

אײנם וואַסער=דרײדעל

1.

געוועזן איז דאָס דיזעלבע יונגע גויע, מיט דעם קערבעלע ברוסביצעס אין האַנט, וועלכע האָט מיט עטליכע מינוט צוריק אויפגעזועקט די בייזע מחשבות אין פאַנדרעס צוהיצטען קאָפּ...

עפּעס אַ כשוף איז אין איהר געלעגען, אין אָט דער אויסגעפּוצטער וואַלד־שיקסע. פון פאַנדרעס שאַרף־ברענענדיגע אויגען איז זי אַנטלאָפען און אַנגעגאַנגען איז זי מיט איהר דאָרפּישפאַרשמיצטען שמייכעלע אויף די פאַקענטרעגער. די דאָזיגע צוכראַשצעטע אידען האָבען איהר כלל ניט אויסגעזעהן אַזוי געפעהרליך ווי די צוויי אָקאָרשט געזעהענע, פאַרטאַיעטע און געזונטע האָלאָדראַנצעס אין וואַלד. זי האָט אָבער גלייך באַמערקט, אַז אויך דאָ האָט זי אַריינגעבראַכט אַן אומרוהיגקייט... וואָרום אָט דער זשיד מיט דער רעטאַך־בערדעלע האָט אויפגעעפענט אַ מויל ווי אַ וואַראָנע און איז אַזוי שטעהן געבליבען. אויך מיר אַ נפש!...

האָט זי בכיון גענומען וויגען מיט די פולע היפּטען, אויסגעבויגען די ברוסט אונטער דער רויטער קאַצאַווייקע און געשאָקעלט מיט די אָנגעהויפטע ברוסניצעס אין דער ווייסער קאָרעקערבעלע, ווי אַ מכשפהטע — מיט אַ פייער־פאַן פול מיט גליהענדע קוילען און מיט ווייראַך...

אַ יצר־הרע־שמייכעלע האָט זיך אַרויסגעשליינגעלט פון אונטער לייזשקעס אונטערגעשוירענע וואָנסעס, אַריינקוקענדיג אין

ר׳ זימעלס אַפּענעם מויל האָט ער זיך נאָך גערייצט מיט איהם:

— כמעט אַזאַ נפקא ווי אָט דאָ אין ספרל, ביים מקובל...

„כ׳בין אינגאַנצען קאַליע געוואָרען...״ טראַכט פיבערדיג ר׳ זימעל און פינטעלט מיט די רויט־פאַרלאָפענע אויגען.

ער וויל אַנטלויפען און קען ניט. צום אָרט האָט איהם די גויע צוגעשמידט מיט איהרע הייסע קאַלירען. פּאַכעט ער אויף זיך פאַרשעמטערהייט מיט איין אומבאַהאָלפענער דלאָניע און שטאַמעלט עפּעס:

— אַ... אַ היץ! אוף!

— אַזוי? ס׳איז אייך הייס?...—ווינקט איהם צו לייזשקע— ס׳איז מיר אויך הייס, ווי איך בין אַ איד!

אַפּנים ער האָט איבערגעזאָלצען. וואָרום מיט אַמאָל קומט פאָר, פאַר זיינע ממזריש־פאַרשפּיצטע אויגען אַ זאַך, אויף וועלכער ער האָט זיך כלל ניט געריכט. מיט אַמאָל גיט ר׳ זימעל אַ כאַפּ דעם פּאַק זיינעם, מיט איין הויב אויפן אַקסעל, און לאָזט זיך לויפען אַראָפּ־זאַמד צום ברעג דניעפּער, אונטערטענצלענדיג, ווי אַ דערשראָקענער באָק, און וואַרפענדיג משונהדיג מיט זיינע ביידע הויקערס אונטער דער ראַצאַמערענער קאַפּאָטע.

— וואוהין? ר׳ זימעל! — שרייט איהם לייזשקע נאָך מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען. אַ קשיא אויף אַ מעשה. אפשר האָט זיך ר׳ זימלען געריהרט אין קאָפּ פון אַזאַ היץ און פון נאָך עפּעס... איהם, לייזשקען, האָט שוין גענומען פאַרדריסען, וואָס ער האָט דאָ געשפּילט די פּריוויליגע שלאַנג ביים עץ־הדעת. ער האָט זיך אָבער באַלד באַרוהיגט. וואָרום, אַנשטאָט אָפּטאָן אַ מעשה, האָט גאָר ר׳ זימעל אַ וואָרף געטאָן זיין פּאַק אויפן ברעג וואַסער און האַסטיג גענומען אויסטאָן זיך. איבערן שוואַרצען ספרים־פּאַק זיינען געפלויגען: די קאַפּאָטע, דער טלית־קטן, דער קאַשטעט...

— האַ־האַ! — צולאַכט זיך שטילערהייט לייזשקע דער טריף־פסולניק — די פייערדיגע שיקסע איז שוין אַוועק און ביי איהם ברענט נאָך!

הויך אויפן קול אויפצולאַכען האָט ער שוין מורא געהאַט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צופיל רייצען זיך אַצינד מיט ר׳ זימ־לען טאָר מען ניט. האָט ער אויפגעהויבן זיין אייגענעם פּאַק, אָנ־געלאָדען אויף זיך און אויך אַראָפּגעלאָזען זיך צום וואַסער.

— באָדען זיך איז באָדען זיך! — מאַכט לייזשקע תמעוואַ־טע און לעגט אָפּ זיין פּאַק.

נאָר זימעל ענטפערט ניט. זימעל קוקט איהם אפילו ניט אָן. ער רייסט נאָר האַסטיגער פון זיך דאָס לעצטע אָנטועכץ. און ווען לייזשקע האַלט נאָך ביים אַראָפּוואָרפען זיין קורצען רעקעל, שטעהט שוין זימעל אדם־נאַקעט און מיטן רוקען צו איהם.

צום ערשטען מאָל אין לעבען האָט לייזשקע דערזעהן דעם אויסגעהאַרעוועטען צוקרימטען גוף פון זיין געוועזענעם קאָנקו־רענט; דעם טיפען אויסקרים, צווישען רוקען און לענדען, וואָס דער אַמאָליגער גלות־פּאַק האָט געמאַכט. אויבען — אידישלאָך־געבויגען און שוואַך און אונטען געזעצט, שווער־פליישיג — אַ פונדאַמענט פון אַ לייב, וואָס איז געוואוינט צו טראָגען אויף זיך צו־שוועדע לאַסטען; און איז איינגאַנצען באַדעקט מיט שוואַרצע בערשטעל־האָר, ווי אַ וואַלד מענש.

— אַפּנים אַ גרויסער בעל־תּאוהניק! — קלערט ביי זיך לייזשקע. פּרום־פּרום און עס גלוסט זיך איהם אָהן עין־הרע.

און מיטן מויל וואָרענט ער צום האָריגען רוקען אַזוי:

— פּאַוואָליע, ר׳ זימעל!

זימעל ענטפערט ניט. דרעהט זיך אפילו ניט אום. מיט אַ מין צולהכעיס לאָזט ער זיך לויפען אין וואַסער, בשעת לייזשקע האַלט נאָך אין אַראָפּציהען די שטיוועל. האָץ־האָץ! מיט די קרומע פיס, אַז ס׳איז אַ מחיה צו קוקען.

די פלוצליכע קאַלטקייט פון וואַסער גיט איהם אַ ברען זייטע צוהיצטע פּיאַטעס ווי מיט הייסע קוילען. דאָס צורייצט איהם נאָך מעהרער. ער אַנטלויפט פון „פייער" און דאָ איז ווידער „פייער".

ער האָט גענומען שפּרינגען אין דער ברענענדיגער קיהל־קייט, זוכען אַן אָרט וואו אָפּצוטובלען זיך מיט איין מאָל און גלייך, אויפן שטעל, ניט געקענט געפינען. דער דניעפּער איז פון די זו־מער־היצען געוואָרען האַלב אויסגעטריקענט, און געלבע פאַלדען זאַמד

און שטיינדלאַך האָבען אַרויסגעקוקט פון דעם גרינליכען וואַסער־פלאַך. אפילו ביזקעל די קניע איז דאָס וואַסער ניט דערגאַנגען. די פלאַמענדיגע קאַצאַווייקע אויף דער גויעס הויכער ברוסט האָט זיך נאָך זינדיג און שיכּור געהוידעט פאַר זיינע אויגען: „און זי האָט איהם אויסגעבעטעט דריי בעטען״... ווי איינער, וועלכער זוכט צו לעשען אויף זיך די ברענענדיגע פאַלעס פון קאַפאָטע, האָט ער אַ לויף־געטאָן עטליכע טריט ווייטער, און ניט געניט, מיט אַ זיי־טעל, אַריינגעשניטען זיך אין שטראָם. הא־הא! געלויבט איז דער אויבערשטער! דאָס וואַסער איז מיטאַמאָל טיפער געוואָרען, דער־גאַנגען ביז איבערן גאַרטעל. דער דניעפּער האָט אָבער דאָ מורא־דיג געצויגען אונטער די פיס, און אויפן פלאַך פון וואַסער האָבען זיך דאָ געדרייט שפּיציגע גריבעלאַך, ווי איבערגעקעהרטע „פינ־פערלאַך״, געשרויפט־געשרייפעלט זיך און געשטאַנען אויף איין אָרט. אָן אָנזאָג פון טיפע גריבער פאַר באַהאַוועטע. נאָר ווי קומט ר׳ זימעל צו וויסען אַזעלכע זאַכען! אַז באָדען באָדט ער זיך איינ־מאָל אין אַ שמיטה, און דאָס אויך — אין דער שטילער, לעב־לאַכער אַזערע. ער האָט נאָר געהערט זאָגענדיג, אַז אינמיטען זו־מער ווערט דער דניעפּער פלאַך, און צעהניאָהריגע אינגלעך גע־העט איהם אַריבער. אויסער אין סאַמע מיטען שטראָם, וואו דער פאַרעכאַד פאָהרט דורך; דאָרטען מוז מען אַריבערשווימען. נאָר צום מיטען דניעפּער איז נאָך ווייט.

און ניט טראַכטענדיג קיין סך מאַכט ר׳ זימעל: „האָפּ!״ און גיט זיך האָסטיג אַ טובל ביז איבערן קאָפּ. און שפּרינגט צוריק אַרויס אַ פאַרשוימטער, אַ שפּייענדיגער מיט וואַסער, ווי אַ ים־קאַטער.

ער האָט גלייך דערפיהלט אַ דערלייכטערונג. די ברענענדי־גע קעלט אין אונטערשטען האַלבען גוף האָט זיך פאַרטיילט אין איין מחיהדיגע קיהלקייט איבער אַלע אברים. „האָפּ!״ מאַכט ער נאָכ־אַמאָל און גיט זיך נאָך האַסטיגער אַ טובל־אָפּ. די קיצעלדיגע קיהלקייט דרינגט טיפער אין לייב אַריין. און אויפן האַרצען ווערט איהם אויך גרינגער. די ביטערקייט וואָס ער האָט מיט אַ רגע צוריק, געפיהלט צו לייזשקען זיין שותף, צעשמעלצט זיך אין וואַ־

סער אַרום איהם. דאָס קוויקעניש פון באָדען זיך און די צופרידענ־
קייט מיט זיך אַליין גיסען זיך צונויף אין איין טעם. אַן אויסגעֿ־
מישטע עולם־הזה און עולם־הבא. און דאָס שטענדיג פאַראומערט
געזיכטעלע צושיינט זיך ביי איהם, ווי ביי יענעם מקובל, וואָס
האָט גובר געווען דעם יצר־הרע... פאַרגאָסען מיט וואַסער און
זון און הנאה גיט ער זיך אַ דרעה־אויס מיטן פנים צום ברעג און
טובלט זיך ווייטער. נאָר אַצינד — רוהיגער, נחתדיגער: אַנקוקענ־
דיג לייזשקען, צווישען איין טונק און צווייטען, מיט אַ שפּיציגער
מינע פון אַרויספאָדערונג. עס הייסט: „זאָמד דיר אין די אויגען,
בעל־דבר דו! האָפּ! אויף דיינע קונצען פייף איך אַצינד! האָפּ!״

ר׳ זימעל האָט נאָר ניט באַמערקט, אַז ס׳איז ניט קיין שמחת־
תורהדיגע האָפּקע, ביים חסידישן מורה־הוראה אויף דער פּאַדלאָ־
גע, אַז ביי יעדען טוק שווינקט איהם דער האַסטיגער שטראָם
אַוועק אַביסעל זאַמד פון אונטער די פּיאַטעס און גיט איהם אַ ציה
פאַר די פיס אַביסעלע אַן אַ זייט אַלץ נעהענטער און נעהענטער
צום מיטען טייך, וואו די פאַרעכאַדען געהן דורך.

— מאַלאַדיעץ, ר׳ זימעל! — שרייט צו איהם לייזשקע פון
ברעג און פינקעלט צו איהם מיט אויגען און ציין. און דאָס גיט
ר׳ זימלען צו נאָך מעהר חשק. דער צו־גיכער איבערגאַנג פון
זינדיגע מאַנסבילשע מחשבות צו אינגעלשע שטיפערישקייט האָט
איהם אינגאַנצען פאַרשיכּורט. אַ טייערע זאַך — וואַסער! ניט אומ־
זיסט, הייסט דאָס, טובלען זיך די אמתע חסידים אַלע אינדערפריה,
פאַרן דאַווענען!... אויב אַזוי, טו נאַ־זשע דיר! האָפּ! און טאַקע נאָכ־
אַמאָל — האָפּ!

נאָר אינמיטען טריאומף פון טוקען זיך און פּאַליושקען זיך
דערפיהלט ר׳ זימעל, אַז דער זאַמד מיט די קילעכדיגע שטיינ־
דלעך אונטער איין פּיאַטע האָבען געגעבען אַ פּאָהר אַראָפּ. גיט ער
דאָך אַ כאַפּ דעם אויסגעגליטשטען פוס און אַ שטעל אַרויף, ווי
אויף אַ צו־הויכען טרעפּ. ערשט דער האַלט פון דער צווייטער
פּיאַטע שווימט אויך אַוועק. מיט דעם כח פון אַ הרעבליע ביי אַ וואַ־
סער־מיהל גיט דאָס איהם אַ ריס און אַ דרעה־אום. און אַנשטאָט
לייזשקען, צווישען צוויי פּעק ספרים אויפן זאַמד, דערזעהט ער

גאַר, אַז הימעל און וואַסער און ברעגעס געהען אַ קאַרעהאָד.

ער ווייסט אָבער, אַז ער מוז זיך אַ נעם־טאָן וואָס נאָהענטער צום זאַמד. וואו איז אָבער דער זאַמד? בוימער און וואַסער טאַנ־צען פאַר די אויגען... וואו — „רעכטס" און וואו — „לינקס" איז ער גאָר משער אין זיין פאַרצווייפלונג. ער גיט זיך אַ שליידער אויף „טאַמער־יאָ" און טרעפט אַריין... אין רעכטען מיטען פון דער אומברחמנות־שלעפענדיגער קראַפט. ווי אַ גרויסע חיה, כאַ־פּענדיג אַ קליינינקע, אַזוי גיט זיך אויף איהם דער שטראָם אַ וואַרף; מורמעלט איבער איהם ווי אַ קאַץ איבער אַ מייזעל, פאַרגעהט זיך איבער איהם אין אַ בייזוויליגען הודזשען... געוואַלד! וואו איז לייזש־קע? ער מוז דאָך דאָ ערגעץ וואו זיין. ערגעץ וואו אַט דאָ. אָקאַרשט איז ער דאָך געזעסען פונקט אַקעגען איהם. „לייזשקע!" שרייט ער אויף און הויבט אָן צו שלאָגען מיט די פיס און הענט, ראַנגלען זיך ווי אַ פיש אין נעץ.

און פלוצלונג דערזעהט ער מיט איין אויג, אַז לייזשקע שווימט אַוועק פון איהם, רוקט זיך אָפּ מיטן ברעג צוזאַמען ערגעץ־וואו אַן אַ זייט. הייסט דאָס —אַז פונקט אַזוי גיך שלעפט איהם, זימלען, דער שטראָם אַראָפּ־וואַסער?

— איך טרינק זיך! לויפט ר' זימלען דורך אַן אייז־קאַלטער געדאַנקעל און דאָס וואַסער אַרום ווערט אויך קעלטער — פאַר מיינע זינד איז דאָס געקומען...

נאָך דער שרעק פאַר עפּעס מוראדיגעס, וואָס רוקט זיך אָן, איז שטאַרקער פאַרן תשובה־געדאַנקעל. די נשמה מוסרט זיך און דאָס גוף ראַטעוועט זיך. פון וואַסער־דריידעל כאַפּט זיך אַרויס אַ פליכעוואַטע שוואַרצע קעפּעל מיט אַ פּענזעל־בערדעלע און שרייט הייזעריג פאַרכלינעט:

— ליי־זשעקע־ע! ראַטעט־ע!

און דאָס וואַסער, ווי קאַלטע שיטערע בליי, רייסט זיך אַריין אין גאַרגעל... אַי, אַי! אָנכאַפּען זיך, איינקלעמען זיך; איינבייסען זיך מיט די נעגעל, מיט די פיס, מיט די ציין! נאָר ניטאָ אָן וואָס... פון יעדען גראַבעל שפּרינגען אַרויס בלעזלעך. און אין האַנט בלייבט גאַרנישט... דער גוף ווערט שווער. אַ מוראדיגער הוסט

שטיקט. נאָר אויסהוסטען זיך קען מען ניט. די אויגען קריכען פון קאָפּ פון אומזיסטע אָנשטרענגונג — —

.2

לייזשקע דראַפּקין האָט זיך געלאָסען אויסגעטאָן צווישען זיין פּאַק ספרים און ר׳ זימעלס, און אין האַרצען שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם אומזיסטען טריאַטער, וואָס ער האָט דאָ געהאַט איגמיטען וואַלד, ביים ברעג דניעפּער. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי אַ חסיד אַ פאַקענטרעגער כאַפּט ברענען פון יצר־הרע און לויפט לעשען זיך מיט קאַלטע טבילות. טאַקע עפּעס אַ מעשה פון חסידישע ספרימלעך, וואָס דער „אָנגעצונדענער״ חסיד גופא האָט איהם געגעבען אין קאַמיסיע... אַן אַנטיק אין דער וועלט ווי אַלע האָבען דאָ גוט געשפּילט! ער, לייזשקע, מיט זיין רייצען זיך, ר׳ זימעל — דער אויבערשטער זאָל איהם אויך ווייטער געבען כח אין די לענדען! הייגט די שיקסע מיט דער רויטער קאַצאַוויקע, כאַ־כאַ! אויף איהר האָט ער זיך גאָר ניט גערעכט...

איינהאַלטענדיג ווי נאָר מעגליך דעם גראָבען געלעכטער, האָט ער, מיט פאַרפּעצטע אויגלעך, צוגעקוקט ווי ר׳ זימעל האָצקעט זיך דאָס אין וואַסער. אַט פאַרשווינדט ער און אַט באַווייזט זיך זיין פּליכעוואַט קעפּעל מיט צוויי שפּיציגע פּאות אויף די פּליכעוואַטע באַקען, און פון זיין קויהל־שוואַרצען פּענזעל־בערדעלע גיסט זיך ווי פון אַ צעבראָכענעם שוואַרצען טשייניק. „העז ווי ער האָט זיך דאָס צעהאַפּקעט, דער כניאָק!״ טראַכט זיך לייזשקע און מיטן האַנט דיריגירט ער איהם, פון ברעג, נאָך יעדען טוק. ס׳הייסט: אדרבא, ר׳ זימעל! האָפּ!... און טאַקע נאָכאַמאָל!״

מיט אַמאָל זיינען לייזשקעס שפּילעוודיגע אויגען געבליבען שטעהן. די האַנט איז געבליבען הענגען אין דער לופטען. ער האָט באַמערקט, אַז ר׳ זימעל טובלט זיך מעהר ניט ווי פריהער, נאָר עפּעס באַברעט ער זיך דאָרטען אין וואַסער מיט פיס און הענט.

אפשר וויל ער דאָ ווייזען אַ קונץ? אַ נייעם סאָרט „טריט־וואַסער״, ווי מען איז געגאַנגען אַמאָליגע יאָהרען. אדרבא, ר׳ זימעל!

אָבער ר׳ זימעלס תנועות ווערען צאַפּעלדיגער, די העויות משונהדיגער. ערשט דאָ דערזעהט לייזשקע, אַז ר׳ זימעל שטעהט מעהר ניט אויף איין אָרט, נאָר עפּעס ווירבעלט אַרום איהם און טראָגט איהם אַוועק. קיין גוף זעהט מען מעהר ניט אָן. נאָר אַ פּלי־כעוואַט קעפּעל, ווי אַן איבערגעקערט פּענדעל מיט אַן אויס־געשייערטער דנאָ, שאָקעלט זיך איבערן וואַסער אַרויף און אַראָפּ.

— ר׳ זימעל? — גיט לייזשקע דערשראָקען אַ רוף — ס׳הייסט: איהר חכמהט זיך, צי איהר טרינקט זיך?

אין דעם אַוועקגעשוואומענדיגען קעפּעל עפענט זיך אויף אַ מויל... פון פּליכעוואַטען קעפּעל ווערט איין גרויסער מויל, און דער מויל שרייט הייזעריג־קוויטשענדיג:

— לייזש־קע־ע!

לייזשקעס פּנים צוקרימט זיך. זיין אייגענער מויל עפענט זיך אויף צו שרייען, רופען עמיצען צו הילף, נאָר ער פאַרשעמט זיך און שרייט ניט. ער כאַפּט נאָר רייסען פון זיך די לעצטע שטיקער פון זיין אָנטועכץ, ניט אַרויסלאָזענדיג זימעלס קעפּעל פון אויג. אָבער פון גרויס שרעק און איילעניש האָט ער זיך אַזוי פאַרפּלאָנ־טערט אין זיינע אייגענע תחתונים, אַז ער שפּרינגט נאָר אויף איין אָרט און בריקעט משונהדיג מיטביידע פיס, ווי אַ געפּענטעטער פערד, וועלכען מען שמייסט נאָכאַנאַנד איבער די הינטערשטע „באַבקעס״...

זימעלס קעפּעל באַוויזט זיך נאָכאַמאָל פון וואַסער. עס שרייט, נאָר אַציגד — אָהן ווערטער. ער דערגרייכט נאָר אַ כאָרכעלדיג מעקען פון אַ ניט־דערקוילעטען באָק:

— מי־ע־ע־!

— פאַרפאַלען ר׳ זימעל! — שיסט דורך לייזשקען דורכן צוטומעלטען קאָפּ.

ער גיט זיך אַ וואָרף אויף דער ערד, כדי אַזוי אַרום וואָס גיכער באַפרייען זיך פון זיין הויזען־פּלאָנטער און דערהערט פּלוצ־לונג הינטער זיך אַ טופּעניש פון צוויי שווערע באָרפיסע

פיס. און נאָך זיי — אַ צווייטע פּאָר פּיס. לייכטערע. איידער ער קוקט זיך אום, גיט עמיצער, אַ האַלב אויסגעטאָנענער, געזונטער פּאַרשוין אַ פליה פאַרביי איהם, אַראָפּוואָרפענדיג דערביי זיין לעצ־טען שטיק מלבוש. אַ נאַקעטער שמשון הגיבור, מיט האַרטע גע־שטריקעוועטע פליישען און מיט אַ שרעקליך ברייטען רוקען גיט אַ שפּרונג אין וואַסער, ניט אומקוקענדיג זיך, גאַרניט זעהענדיג, אויסער דאָס קעפּעל אויפן וואַסער. לייזשקען דוכט זיך אויס, אַז זיין הייסער ווילען האָט זיך דאָ פאַרקערפּערט. אָנגעטאָן זיך אין פלייש און האַסטיגקייט און טוט דאָס, וואָס ער אַליין האָט דאָ גע־וואָלט טאָן —

ראַטעווען ר׳ זימלען!

דער צווייטער פּאַרשוין לויפט דערווייל אָן אַן אָנגעטאָנענער, מיט אַ וואַטאָווען היטעל, מיט אַ קלומיק אויפן פּלייצע און בלייבט שטעהן לעבען לייזשקען מיט אַ דריי־גאָרענדיגער, פאַרסאָפּעטער שאלה:

— וואו? וואו? וואו?

— אָט דאָרטען! — ווייזט אָן לייזשקע אויף דאָס פליכצוואָ־טע קעפּעל, וואָס באַברעט זיך אין שטראָמיגען שוים.

ער קוקט זיך איין אין פאַרגרעבטען פּנים פונם אָנגעלאָפּע־נעם פּאַרשוין. עפּעס באַקאַנט קומען איהם פאָר: די וואַטאָווע הי־טעל, די האַרטע אויגען, די אויסגעבויגטע נאָז... נאָר אַ גויעשקע פרעמדקייט ליגט אויסגעגאָסען אויף אָט די באַקאַנטע זאַכען. גיט ער ניט־זיכער אַ ווייז־אָן אויף דעם אַוועקגעשוואומענעם נאַקעטען שמשון:

— ווער איז ער?... דער!...

דער אָנגעלאָפענער פּאַרשוין רוקט אַרויף די וואַטאָווע היטעל און אַנטבלויזט אַ נידעריגען שטערען מיט אַ שישקע:

— און מיך דערקענסטו שוין ניט? דו טריף־פּסולניק דו! שעמסט זיך מיט מיר?

— שמחהלע! — רופט אויס לייזשקע — און... דער איז פאַנדרע? — שטויסט ער זיך שוין אַליין אָן און שטרעקט אויס אַ פינגער נאָכן נאַקעטען שווימער. —פון... פון אָסטראָג?

שמחהלע ענטפערט ניט. ער לאָזט נאָר בייז אַראָפּ די אויגען, דרעהט אויס דעם רוקען צו לייזשקען און לאָזט זיך געהן מיטן ואַמד, ביים ברעג, כדי אָנצוזאָגען זיין אַוועקגעשוואומענעם חבר.

פאַנדרע האָט דערוויל געלייגט האַסטיגע „קלאַפּטער״ אַראָפּ־וואַסער, האַלטענדיג זיך אויף איין זייט און איינגורענדיג אַלע ווייַלע דעם פּנים אין שוים, כדי וואָס שאַרפער דורכצושניידען די געפעהרליכע וואַסער־דריידלעך און איבעריאָגען דעם שטראָם. פון אַזאַ דרייפאַכיגער טרייב־קראַפט האָט זיך פאַנדרעס גרויסער גוף געטראָגען, פייל פון בויגען, צו איין ציל — צו דעם שוואַרצען פליכעוואַטען קעפּעלע, וועלכע טוקט זיך נאָך, קוים־קוים צוקענדיג, און געהט אונטער. כדי אונטערצוגעבען מוט דעם האַלב־דערטרונקענעם, האָט פאַנדרע, צווישען איין „קלאַפּטער״ און דעם צווייטען, געגרעוועט מיט אַלע כחות:

— האַלט זיך! האַ־אַלט זיך!...

לייזשקע איז געבליבען שטעהן איינער אַליין לעבען די ספרים־פּעק. סיי זיין באַקעטקייט, סיי זיינע פלודערען אין האַנט האָבען איהם אַצינד אויסגעזעהן איבעריג. אַ פאַרשעמטער און אַ צוטומעל־טער איז ער געשטאַנען און האָט זיינע אייגענע אויגען ניט גע־גלויבט, וואָס אַזאַ ברייטער אייזערנער גוף ווי פאַנדרעס איז, קען זיך אַזוי לייכט און בויגיק באַוועגען איבערן וואַסער. פּע, לייזשקע! קענסט נאָר וויזען קונצען ביים באָדען זיך, ווען שיקסעס קוקען דיר נאָך פון פאַראַכאַד... און ווי נאָר עס קומט צו עפּעס, שטעה־סטו מיט די אויסגעטאָנענע תחתונים אין די הענט!

אַפּנים, אַז דער לייבען־רוף פון דעם האַסטיג־שווימענדיגען גרויסען גוף האָט אַריינגעדרונגען אין זימעלס פאַרגאַסענע אויע־רען און געשטאַרקט זיין אַפּגעהלשט האַרץ. דער קאָפּ זיינער האָט זיך שטאַרקער אַ צאַפּעל געטאָן. דער מויל זיינער האָט זיך אויפ־געעפענט צו טאָן אַ געשריי, און... געמאַכט בול־בול־בול. נאָר איין האַנט זיינע האָט זיך אַרויסגעוואָרפען איבערן וואַסער־דריידעל— אַ שטומער געשריי פון אַ האַלב־דערטרונקענעם. נאָך האַסטיגער שניידענדיג אינם שטראָם־אַראָפּ, מיט איין זייט און מיטן פּנים, ווי אַ חעבט, איז פאַנדרע אָנגעפלויגען אויף דער אויפגעהויבענער

האַנט און אויסגעשטרעקט נאָך איהר, איבערן נאַקען, זיין אייגענעם לינקען אָרעם, מיט אַ האַלב צעהנדליג נאַסע פינגער. ווי אַן אויסטערלישער „שלום־עליכם׳׳, איבערן קאָפּ פאַרוואָרפען, האָט דאָס אויסגעזעהן פון דער וויטענס לייזשקען און שמחהלען; ווי אַן אומגעלומפּערטע באַגריסונג פון אַ לעבעדיגען אַ האַלב־טויטען.

די אַרויסגעשטעקטע הענטעל האָט זיך אָבער גלייך, און מיט אַן אומדערוואַרטעטען ווילדען כח איינגעקלעמט אין פאַנדרעס לינקען אָרעם. דורכן פאַרוואָרפען דעם אָרעם איבערן קאָפּ האָט פאַנדרעס האַנט ניט געהאַט דעם געהעריגען כח אויפצוהויבען אַ משא, מאַכען אַ שטאַרקע באַוועגונג. און פאַנדרע האָט גלייך דערפיהלט, אַז ניט ע ר שלעפּט, נאָר מ׳שלעפּט א י ה ם.

אָנגעכאַפּט זיך אָן דער אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט זיך דער גאַנצער געזונקענער גוף אַ צאַפּעל געטאָן אונטערן וואַסער, ווי אַן אָנגעטראָטענע ים־חיה. אַ צווייטע האַנט האָט זיך אַ הויב געטאָן, ווי אַ פינגערדיגער, זשעדנער טאַפּ־האָרן, אַרומגעכאַפּט פאַנדרעס האַלז און איינגענעגעלט זיך איהם, ביים סאַמע גאָרגעל, מיט אַזאַ פאַרקראַמפּטען כח, אַז פאַנדרען איז גלייך אויסגעגאַנגען דער אָטעם.

ערשט דאָ האָט זיך פאַנדרע געכאַפּט, אַז ער האָט דאָ געמאַכט דעם זעלבען פעהלער, וואָס אַלע צו־היציגע שווימער מאַכען, ביים ראַטעווען אַ מענשען. ער האָט פאַרגעסען וואָס פאַר אַ שוואַרצען כח עס באַזיצען אַפילו די שוואַכסטע נפשות ביים טרינקען זיך. אַצינד האָט ער אַליין אָנגעטרויט, דעם ווילד־געוואָרענעם האַלב דערטרונקענעם גראָד יענע אברים, וועלכע זיינען אַזוי נויטיג צו האַלטען זיך איבערן וואַסער, צו אָטעמען, צו געבען ראַטונעק...

ער האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט. אויף די איינגעקלעמטע צוויי האָריגע אָרעמס האָט זיך נאָך אָנגעהאָנגען אַ קאַלטער גליטשיגער גוף פון עפּעס אַ מוראדיגען מענש־קראַב, אָנגעגאָסען מיט בליי; און, פאַרן אָרעם און האַלז, געשלעפּט פאַנדרעס פאָדערשטען האַלבען גוף אין אַ נאָך קעלטערען כף־הקל, אין אַ גרינלעכער פינסטערניש, מיטן קאָפּ אַראָפּ האָט דאָס איהם געשלעפּט און מיט די פיס אַרויף.

3.

פאַנדרעס פּלוצליכע פאַרלירען־זיך איז אָבער אַריבער אַזוי גיך ווי ס׳איז אויף איהם אָנגעקומען, ווי שוין אַ סך מאָל — אין די געפעהרליכסטע מינוטען פון ראַנגלען זיך פאַרן לעבען. פּונקט ווי בשעת הרגענען די וואָלפיכע אין ווינטערדיגען וואַלד און ווי בשעת שלאָגען זיך אין אָסטראָג מיט טשורילאַ קאַטאַרזשניק, אַזוי האָט ער זיך אויך אַצינד געצוואונגען געלאַסענער און באַקלערטער צו :ווערען.

— האַלט קאָפּ, נח! — אַזוי האָט ער זיך אין האַרצען אָנגעבייזערט אויף זיך אַליין, זינקענדיג מיטן איינגעקלעמטען גוסס.

ער האָט אויפגעהערט צו שלאָגען מיט די פיס, כּדי ניט צו פאַרלירען קיין איינציגע באַוועגונג אומזיסט, און כּדי קלאָר צו מאַכען זיך וואו ער איז דאָ אין דער וועלט. ער האָט זיך געלאָזען אַראָפּשלעפּען אין תהום אַריין אַזוי ווייט ווי ס׳איז געגאַנגען. און פּלוצלינג — אַ ריס געטאָן זיך מיט אַ זייט, וועלענדיג אַזוי אָפּטרייסלען פון זיך, מיט איין צוג, די איינגעקלעמטע, ווערגענדיגע משא. אָבער די פאַרקראַמפּטע הענט און נעגעל זיינען, דאָ אונטערן וואַסער, געוועזן שטאַרקער פאַר איהם. אונטערן וואַסער האָט דער פרעמדער גוף פאַרלאָרען פון זיין געוויכט און דער ווידערשטאַנד פון וואַסער האָט אויך פאַנדרען ניט דערלויבט צו אַנטוויקלען דעם גאַנצען שוואונג פון זיין גבורה... ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבען. און דער פרעמדער גוף האָט זיך נאָך זשעדנער איינגעקלעמט און נאָך שווערער געצויגען אין אָפּגרונט.

דאָס ביסעל לופט אין פאַנדרעס ברייטער ברוסט האָט שוין איינגאַנצען איבערגעברענט, און ער האָט דערפיהלט, אַז אָט, אָט ציהט ער אַריין דאָס וואַסער איןביידע לונגען און ווערט דערשטיקט. בלייבט אַצינד איבער נאָך איין־איינציגער מיטעל, דער לעצטער מיטעל —

שלאָגען!

מיט דער פרייער רעכטער האַנט האָט ער פיבערדיג גענומען טאַפּען אַרום זיך, אונטערן וואַסער. דעם עמפּינדליכסטען אָרט ביי

דער איינגעקלעמטער וואַסער־שרעקעניש האָט ער געזוכט און אָנ־געטאַפּט דאָס פּליכעוואַטע קעפּעל פונם גוסס. זי האָט זיך אין איהם איינגעגעסען צווישען אונטערמויל און לינקער פּלייצע, ווי אַ זשעד־נער קאָפּ פון אַ ריזיגער פּיאַווקע. אין אָט דעם דאָזיגען קאָפּ האָט ער זיך בלינדערהייט אָנגעצילט, געמאַכט אַ פּוסטען, ניט צו־האָר־טען קולאַק און אַ זעץ געטאָן.

פאַנדרע האָט צו־גוט געקענט דאָס געוויכט פון זיין בינטעל פינגער. אָט די פינף פינגער, וואָס ברעכען נייע פּאַדקאָוועס ווי בויגעל, ווען זיי נעמען זיך צוזאַמען אין איין האַרטער פויסט, וואָל־טען זיי געקענט צוברעכען דעם שאַרבען פון אַן אָקס, ניט נאָר דאָס קעפּעלע פון אַ מענשליכען נפש. שטיקענדיג זיך מיטן איבער־געבּרענטען אָטעם, האָט ער נאָך פונדעסטוועגען געהאַט געניג ווי־לען צו רעגולירען דעם קלאַפּ: ער זאָל ניט ממיתן, נאָר באַטויבען.

דאָס מאָל האָט ער געהאַט גליק. די איינגענעגעלטע הענט זיינען גלייך ווייך געוואָרען, אָפּגעלאָזען זיך פאַרחלשטע. ערגעץ־וואו אַראָפּגעזונקען.

פאַנדרע האָט זיך באַלד אַ שפּאַלט געגעבען, מיטן געשוירענעם קאָפּ, דורך וואַסער אַרויף, הוסטענדיג און סאָפּענדיג, ווי אַ פאַר־יאָגטער אָקס, אַריינגעצויגען אין זיך די לופט, איינמאָל און צוויי מאָל, אַ וויש געטאָן די פאַרפליוכעטע אויגען און געכאַפּט אַ קוק: וואו אַ שטייגער איז דאָס פּליכעוואַטע קעפּעלע?

קיין שום סימן פון דערטרונקענעם איז מעהר ניט געווען אויפן וואַסער.

ניט טראַכטענדיג קיין איבעריגע רגע, און מיט ניט־אָנגעזע־טיגטע לונגען, האָט זיך פאַנדרע אַ שפּאַלט געטאָן קאָפּ־אַראָפּ אין שטראָם אַריין. און, שוין זייענדיג אונטערן וואַסער, ברייט אויפ־געעפענט די אויגען.

אַ מוטנעקייט פון בוטעל־גלאָז האָט איהם אַרומגעכאַפּט, ס׳האָט געוואַיעט אין די אויערען ווי אויף אָנגעצויגענע טיף־באַהאַלטענע סטרונעס. פאַנדרע האָט גיך גענומען טאַפּען מיט ביידע הענט אַרום זיך. די הענט זיינע האָבען זיך צעהן מאָל פאַרגרעסערט אין דעם גריבעם תהו־ובהו און אויסגעזעהן ווי פליגלען. אַן אַ דורך־

געשוואומען פישעל האָט זיך פאַרגרעסערט אין אַ גרויסע שלאַנג... און פּלוצלינג, גאָר נאָהענט, ביים סאַמע נאָז, האָט ער דערזעהן אַ גרויסען שאָטען פון אַ משונהדיג פאַרגרעסערטען גוף. דער שאָ־טען איז צו איהם אַרויפגעשוואומען פון גרונט און פאַרטונקעלט די גרינע האַלב־ליכטיגקייט... דער אַנגעטאָפּטער גוף איז שוין אַצינד געווען אינגאַנצען קאַלט און נאָכגעביג. נאָר מורא האָבענ־דיג, אַז די סכנה פון האַריגען קלעם זאָל זיך ניט איבערחזרן, האָט פאַנדרע אויסגעמיטען די קלעמענדיגע הענט און אָפּגעזוכט דעם קיילעכדיגען טייל פון שאָטען. דעם האַלז און נאַקען.

דער קליינער פליכעוואָטער קאָפּ האָט זיך אָבער אונטערן וואַסער געגליטשט פון האַנט, ווי אַ שליימיגער קנויל. ניט געווען פאַר וואָס אָנצוכאַפּען. אַ באָרד אפשר פאַראַן?

פאַנדרעס האַנט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צו דער גאָמבע און אָנגעטאַפּט אַ נאַסען פענזעל. אָט דאָס איז אַ באָרד? אַפּנים אַ באָרד!...

אָנכאַפּענדיג דעם דאָזיגען האַריגען עקעלע, מיט אַ שטיק אונ־טערמויל צוזאַמען, איז פאַנדרע גיך אַרויפגעשוואומען. אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן רוקען. אָפּגעאָטעמט. דאָס האַרץ, האָט געקלאַפּט רוהיג. קיינער האָט איהם אַצינד ניט געצוואונגען אַראָפּצווינקען, דערפאַר האָט ער לענגער אויסגעהאַלטען. אַ וואָרף־טוענדיג זיך, מיטן רוקען אויף פלאַך פון וואַסער, האָט ער אויסגעמערקירט אַזוי, אַז דער גאַנצער גוף זיינער זאָל זיך לעגען אין דער ברייט פון שטראָם, כדי וואָס גיכער איבערצוקרייצען איהם, און אַז דאָס קעפּעל פון דעם דערטרונקענעם זאָל זיך לעגען אויף זיין לענד, מיט מויל און נאָזלעכער — איבערן וואַסער.

שווער גראַבלענדיג מיט איין פרייער האַנט און שטויסענדיג מיט ביידע ברייטע פיאַטעס, איז ער אין איין מינוט אַרויס פון רייסענדיגען שטראָם און פון אַלע זיינע דריידלעך אין פלאַכען וואַסער אַריין, נאָהענטער צום זאַמדיגען ברעג. צוריסען אַזוי מיט עטליכע שוימיגע שטויטען אַלע כיטרע פּעטליעס פון דניעפּער און אַרויסגעשלעפּט נאָך זיך דעם נאָכגעביגען פרעמדען גוף פאַר דעם פענדזשע־בערדעלע.

אַריינשווימענדיג, אויפן רוקען, אין פלאַכען וואַסער, האָט ער

מיט איין פיאַטע אַנגעטאַפּט דעם זאַמדיגען גרונט; אַראָפּגעזעצט זיך אַזוי, מיט איין פוס אונטער זיך, און איז גלייך אויפגעשפּרונגען אויף דעם זעלבען פוס, ווי אויף אַ שטאַרקער פּרושינע, און מיט איהם צוזאַמען — דער געראַטעוועטער.

שטעהענדיג אַצינד נאָר ביזקעל גאַרטעל אין וואַסער, האָט פאַנדרע אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרחלשטען נפש, וועלכען ער האָט זיך אַלץ געהאַלטען פאַר דעם אונטערמויל און בערדעלע און זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט. ער האָט בשום אופן ניט געקענט גלויבען, אַז אָט דער שוואַכער צוהויקערטער גוף מיט די נאַסע פּאותלעך און מיט די קרומע פיס האָט אָקאָרשט אַזוי מערדערליך געוואָרגען, אַזוי בלייאיג געשלעפּט אין תהום אַריין איהם!?... איהם, פאַנדרען!

ער האָט דעם פאַרוואָרפענעם קאָפּ אַ טרייסעל געטאָן, אָפּגעשאָקעלט דאָס נעבעכדיג פּנימעל פון וואַסער און דערשראָקען אַ טראַט געטאָן אויף הינטער: עס קען ניט זיין! ס'איז דאָך דער שקלאָווער פּאַקענטרעגער! דער שווער ר' סענדער, עליו השלום, פלעגט ביי איהם נעמען אויף פּראָקאָט חסידישע מעשה־ביכלעך אַלע פרייטאָג פאַר ליכט־בענשען...

— ר' זימעל, ר' זימעל! — האָט ער איהם געכאַפּט טרייסלען מיט ביידע הענט — איהר?

ר' זימעל האָט ניט געענטפערט. דאָס פליכצוואַטע קעפּעל האָט ער פאַרוואָרפען אויף פאַנדרעס אָרעם און פון די אויערען, נאָזלעכער און בערדעלע האָבען גערונען דינע קאַלטע ריטשקעלעך. און די פּאות זיינען אַזוי אומבאַהאָלפען געווען איינגעקלעפּט אין די געלבע איינגעפאַלענע באַקען.

צום זאַמדיגען ברעג זיינען געלאָפען צוויי פאַרשווינען: איינער אַ נאַקעטער מיט אַ פאַר הויזען אויפן אָרעם — לייזשקע, און דער צווייטער אַן אָנגעטאָענער מיט אַ קלומיק אויפן פּלייצע — שמחהלע טורערו.

פאַנדרע האָט זיי אָקעגען אַרויסגעטראָגען ר' זימלען, ווי אַ קוואַטער טראָגט אַרויס אַן עופהלע צום סנדק. מיט דעם אונטערשייד, וואָס ד אָ ס נאַסע עופהלע האָט ניט געקוויטשעט. געשוויגען

האָט עס און געטריפט וואַסער.

טויט־דערשראָקען, וואָס פון אַ שפּיל אין יצר־הרע האָט זיך אויסגעלאָזט אַזאַ ערנסטע מעשה, איז לייזשקע אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און צוגעפאַלען צו פאַנדרען:

— ער לעבט? ער לעבט ר׳ זימעלי? ער לעבט?

נאָר איין שמהלע, ווי זיין שטייגער איז, האָט נאָך געהאַט מוט קצביש־גראָב צו חכמהנען זיך:

— נישקשה פון אַ בן־פקוע! אַ געמלטער כאַטש?...

שווער סאָפּענדיג און הוסטענדיג, האָט פאַנדרע אָנגעכמורעט די שוואַרצע ברעמען און אַ ברען געטאָן שמהלעס פּנים מיט זיינע גרויסע גרויע אויגען:

— ס׳איז ר׳ זימעלי!

אַ זאָג געטאָן און איינגאַנצען אַרויס אויפן זאַמד, אָנגעכאַפּט דעם געראַטעוועטען נפש פאַר ביידע פּלייצעס און גענומען טרייסלען. דער קאָפּ האָט זיך אומבאַהאָלפען מיטגעשאָקעלט. נאָר עפּעס האָט פאַנדרעס אויער יאָ דערטאַפּט אַ מין דערשטיקטען זיפץ, טיף אין די לונגען פון פאַרחלשטען. האָט ער דעם נאָכגעביגען גוף גלייך איבערגעדרעהט אויף איין אָרעם, ווי אויף אַן אַקס, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. צונומען ביידע פיס, ווי אַ גרויסע שער, און אַזוי פּאַוואָליע גענומען וויגען איהם. דער נאַסער גוף האָט זיך צושאָקעלט ווי אַ געלאָסענער אומרוה פון אַן אַלטען וואַנט־זייגער.

דורך דער דאָזיגער באַוועגונג האָט דאָס איינגעשלונגענע וואַסער ניט רעגעלמעסיג גענומען רינען פון ר׳ זימעלס לונגען, ווי פון אַ איבערגעקערטער פאַרשטאָפּטער כּלי. אַט מיט אַ ברייטען פליוך און אַט טראָפּענווייז. דער אונטערמויל האָט דערביי קוים, קוים געצוקט.

ניט קענענדיג צוזעהן ווי גראָב מען מינטערט ר׳ זימלען, זיין שותף, האָט זיך לייזשקע געשטעלט אויף די קני און אונטערגעשטיצט דעם איבערגעקערטען גוף מיט ביידע דלאָניעס, ביים רוקען און ברוסט, און אַזוי געהאָלפען שאָקלען איהם. דאָס האָט איהם אויסגעזעהן מענשליכער...

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אויפן זאַמד צוגאָסען אַ היבשע בלאָטקעלע, וואָס איז גלייך איינגעזאַפּט געוואָרען. אויף ר׳ זימעלס מויל האָט זיך באַוויזען אַ ברוינליכע ראָפּע, דערנאָך אַ פּאָר טראָפּען בלוט... ס׳האָט זיך דערהערט אַ כריפּענדיגער פּייף פון אַ פאַר־קראַמפּטען לופט־רעהר, אַ פּייף פון אַ האַלז, וואָס שטיקט זיך מיט אַ ביסען... און גאָר פּלוצלונג האָט, פונם אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ, געגעבען אַ שאָס אַרויס אַ שאַרפער הוסט, וואָס האָט דערשיטערט סיי דעם נאַסען גוף, סיי די ביידע ראַטונעק־געבער.

— ער לעבט, ער לעבט! — גיט לייזשקע אַ געשריי און שפּרינגט אויף אויסער זיך פאַר פריידי.

ווי מען לייגט אַוועק אַ קראַנק קינד אין וויגעלע, אַזוי פאַר־זיכטיג האָט פאַנדרע אויסגעצויגען ר׳ זימלען אין הייסען זאַמד, און שטעהענדיג אויף די קני, איינגעבויגען זיך איבער איהם:

—-נישקשה, ר׳ זימעל, איהר וועט גאַנץ זיין!

אויפן וועג קיין מאַקאַראָווקי

.1

אַז ר׳ זימעל איז געקומען צו זיך און אַביסעל דערוואַרימט זיך, האָבען זיך די געוועזענע אַרעסטאַנטען אויסגעבאָדען. שמחהלע טורערו האָט אַפּילו ניט זעהר שטאַרק געהאַלטען פון וואַסער, נאָר דערזעהענדיג אַרום זיך די נאַקעטע לייבער פון פאַנדרעה, לייזשקען און פון ר׳ זימלען, האָט ער דערפיהלט אַ באַדערפעניש אַראָפּצושווינקען פון זיך אַביסעל דעם מאָהליוועער אָסטראָג.

דאָס שטראָמיגע דניעפּער־וואַסער האָט זייביידען דערפרישט. דאָס וואַסער האָט דערפרישט די צעהיצטע לייבער און ר׳ זימעלס הוסטעלע — זייערע געמיטער. אָקאָרשט, דאַכט זיך, אַרויס פון אָסטראָג און שוין געראַטעוועט אַ מענשען... אמת, געראַטעוועט האָט נאָר פאַנדרע און שמחהלע האָט נאָר שפעטער געהאָלפען מינטערען... נאָר פאַנדרעס העלדישקייט האָט אַזוי וואַרים געלויכטען, זי האָט זיך, דאַכט זיך, אַצינד צוזאַמענגעגאָסען מיט דער הייסער ליכטיגקייט פון טאָג, מיט די שפּילעוודיגע גאָלד און בלוי אין דניעפּער, מיט דער בלענדענדער געלבקייט פון זאַמד אויף ביידע ברעגעס, מיט דער פרעהליכער גרינקייט פון נאָהנטען וואַלד. אַזוי האָט זי באַשטראַהלט אויך שמחהלען, דעם פאַרביטערטען חבר זייַנעם פון אָסטראָג. זיין פינסטערע בייסיגקייט האָט זי דערוואַרימט. זיין אָפּלאַכען פון גאָט און מענשען. ביידע, סיי פאַנדרע סיי האָבען געברויזט

אַצינד פון אַ באַהאַלטענעם מענשליכען שטאָלץ, פון אַ נייעם פאַרגעניגען צו לעבען אויף דער וועלט, און — אויסגעלאָזט די גאַנצע פרייד צום האַסטיגען שטראָם. פּאַטש־פּאַטש מיט הענט און פיס, יעדער אויף זיין שטייגער. פּאַנדרע מיט אַ שניידיגען קלאַפּטער־לעגען, און שמחהלע — מיט פּאַליאַשקען זיך ביים ברעג.

דערפרישט אַזוי אין לייב און זעל, זיינען דערנאָך די ביידע אָסטראָג־חברים געגאַנגען אַ סך פרעהליכער מיטן שליאַך אַראָפּ, קיין מאַקאַראָווקי. דער שאָטען פון אָסטראָג, הינטער זייערע פּלייצעס און קלומיקלעך, איז, דאַכט זיך, בלאַסער געוואָרען. די מאַסקע פון כמורנעקייט און פאַרדאַכט איז געוואָרען ווייכער, אָפּגעשווינקט זיך אין דניעפּער, אַזוי ווי אַן איינגעגעסענער שמוץ. אָפּגעטרייסעלט פון זיך דעם שרעק פאַר שטעטעלשע אידען און פאַר זייער קלעפּיגער ביינגעריקייט. „ראַז־דוואַ", פּאַנדרע און „ראַז־דוואַ", שמחהלע! געגאַנגען זאָל ווערען מיט די באָרפיסע רגלים אויפן שליאַך! אָט, נאָך אַ פּאָר מאָל אויסבאָדען זיך, באַגעגענען זיך מיט אידען, און די קרומקייט פון קוק וועט גלייך ווערען, די פאַרגויעשטע פּנימער וועלען אידישליכער ווערען. אָט, מ'וועט אַבּיסעל אויסגלייכען די אברים, ביי די ווייבער, אונטער די היימישע פּערינעס, און דער ריח פון פּאָניעס באָרשץ, אין אָסטראָג, וועט זיך אויסוועפּען פון זיך אַליין...

דערוואַרימט פון פּאַנדרעס נאָהענטקייט, איז שמחהלע אַצינד מעהר ניט אָפּגעשטאַנען, געזשומעט עפּעס אַ פרעהליכס אונטערן נאָז און ביינעריג אַרומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט אימיצען איינלאַדען: אַדרבא, זאָלען זיך אַצינד שטאָטישע אידעלעך באַגעגענען וויפיל זיי ווילען. זאָלען זיי נאָר פּאַנאַנדערפרעגען, טאַפּען אין די קלומיקעס. שלום עליכם, עליכם שלום! מ'עט זיי שוין זאָגען פונוואַנען מען געהט. ניטאָ וואָס צו שעמען זיך! מ'האָט זיי געראַטעוועט אַ פּאַקענטרעגער האָט מען זיי. אַ גאַנצען ר' זימלען מיט אַ פּענדזשע־בערדעלע און מיט פּאותן. זאָלען זיי איהם אָניאָגען, אויב עס גלוסט זיך זיי, אויפן מאָהליווער שליאַך; איהם מיט לייזשקען דעם טריף־פּסולניק. און זאָלען י ע נ ע דערצעהלען אויב זיי ווילען...
אָבער מיר, פּאַנדרע און איך, געהען מיר באָרפיסערהייט קיין

שקלאָוו דורך מאַקאַראָווקי און טוט אונז עפּעס! פּיו־פּיו־פּיו!...
אויף פאַנדרע, וואָס האָט זיך נאָך, מיט אַ שעה צוריק, אַליין
געטרונקען מיט ר׳ זימלען צרחאַמען, האָט זיך געפּיהלט אַצינד ווי
ניי־געבוירען. זיינע אויגען האָבען געלויכטען מיט זייער שטיפּערי־
שער גרויקייט פון די בחורשע יאָהרען, און זיינע באָרפיסע ברייטע
פיאַטעס האָבען זיך לייכט און בויגיג געלעגט אויפן פלאָך פון גרי־
בערדיגען שאָסיי, ווי די פיס פון אַ גרויסער קאַץ. די היץ איז ליב־
ליכער געוואָרען און די ליידענשאַפטליכע בייזקייט צו מערען האָט
זיך אַ ביסעלע אָפּגעקיהלט. כאַ־כאַ, ער וועט בכיון אָנקומען אין
דער נאַכט ווען מערע שלאָפט שוין. קליפּ־קלאַפּ, אין דער הילכי־
גער טיר פון פיר־הויז! ווער איז דאָרטען, אַ? וואָיטעק דער ברי־
פענטרעגער! אַ בריף פון נחן! אַזוי שפּעט??... אַ?... ער וועט נאָכ־
מאַכען זיידע־וואָיטעקס קולכעל, אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט זיך לאָזען.
נאָר זי, מערע־מערייבעלע, וועט שוין דערקענען די אמתע „בור־
צאַדלע״ פון איהר נחן... אויף ביידע הענט, ווי אַ פּעקעל, וועט ער
זי צוטראָגען צום בעט. אָט פונקט ווי ער האָט זי אויפגעהויבען,
אָוועקגעלעגט און איינגעדעקט, ווען זי איז איהם דאָס לעצטע מאָל
נאָכגעלאָפען אין בלויזען העמד און געפּרובט אָפּהאַלטען איהם ער
זאָל ניט לויפען צום נייעם־נגידס שרפה. הלואי וואָלט ער זי דאַ־
מאָלס געפאָלגט...

פאַרוואונדערט האָט ער זיך אַצינד אַליין צוגעהערט צו זיינע
מחשבות. ווי לויטער זיי זיינען געוואָרען אַקעגען די פריהערדיגע,
מיט אַ שעה צוריק, איידער ראַטעוועון ר׳ זימלען. ער האָט ניט
געוואוסט, אַז דאָס איז די אינערליכע באַפרייאונג פון אַ מענשען,
וואָס האָט עפּעס אויפגעטאָן, און אַ שענע זאַך אויפגעטאָן, אויף זיין
אייגענער אחריות און מיט זיין אייגענעם גוטען ווילען. נאָך גאַנצע
אַנדערטהאַלבען יאָהר פאַרשפאַרט־זיין, האָט ער זיך היינט צום ער־
שטען מאָל, באַנוצט מיט זיין גבורה ווען ער אַליין האָט געוואָלט;
ניט אונטער די געשרייען פון „נאַדזיראַטעל״ און ניט אונטער די
ביקסען־רעהרען פון קאָנוואָי... ס׳איז דיר ניט די אומגעלומפּערטע
אָפּטריט־פּאָס, פאָניע־גנב! ס׳איז דיר ניט אויסהאַקען אונטערגע־
פוילטע בוימער אין זומפּיגען וואַלד!...

אויסער דער נאַטירלעכער פרייד פון ראַטעווען אַ מענטשן האָט פּאַנדרע געטראָגן אין זיך נאָך אַ גרויסע באַפרידיקונג: די שמחה פון באַלוינונג. אָקאָרשט אַרויס פון אָסטראָג און שוין פּאַרדינט עפּעס, געלויבט דער אויבערשטער. ניט קיין געלט, חס־ושלום. בײַ ר׳ זימלען וועט ער דאָך קיין געלט ניט נעמען. נאָר גלאַט אַ מתנהלע. דאָס יאָ. מען רעדט דאָך אין שקלאָוו, אַז ר׳ זימעל איז מסוכּן קאַרג. ס׳איז שקר וכזב. פאַרן פאַנאַנדערגעהען זיך, זיי אויף מאַקאַראָווקי און די פּאַקענטרעגער אויף מאָהליוו, האָט ר׳ זימעל אויפגעעפענט דעם פּאַק און געשענקט איהם אַ פּאָר מעשה־ביכלעך פאַר מערען: „עזריאל מיטן בער״ און „די בלוטיגע דאָלאָרעס״.

ער, פּאַנדרע, איז אַזש רויט געוואָרען ווי אַ אינגעל. „מ׳דאַרף נישט!״ מאַכט ער און שטופּט אָפּ זימעלס האַנט. מאַכט צו איהם ר׳ זימעל:

„און איך האָב פײַנט אַן אומזיסטע טרחה!...״ וועלכע טרחה? —

„און אַרויסשלעפּן אַ אידען פאַרן באָרד פון וואַסער איז ניט קיין טרחה?״ לייזשקע טריף־פּסולניק האָט שיער ניט געקראָגן די אַפּאָפּליעקסיע פאַר לאַכען. ר׳ זימעל האָט זיך צעוואָרימט און צוגעגעבן נאָך אַ תחינהלע פאַר מערען. „נאָ, מאַכט ער, עס געהט צו די ימים־נוראים, וועט זיך סענדערס טאָכטער קענען אויסווײַנען בײַ תשליך און אויסבעטען אַ גוט־יאָהר״. דאָס איז פאַר מערען. און איהם, פּאַנדרען גופא, האָט ר׳ זימעל געשענקט אַ שעניגקע מזוזהלע אין אַ מעשען שיידעלע מיט אַ קיילעכדיגער פענסטערל. און פון פענסטערל קוקט אַרויס, ברוגזדיג און הייליג אַ „שדי״... אַ צאַצקע ניט קיין מזוזהלע! אין שקלאָוו אויף די אַלטע באַלעבאַטישע פּריטעלקעס זעהט מען גאָר ניט אַזעלכע שצאַגעלסקע מזוזהלעך. מען זאָל זיי אפילו זוכען מיט ליכט! זימעל האָט איהם טאַקע געזאָגט, אַז דאָס מזוזהלע איז אַ וואַרשעווער.

ער האָט זיך צעלאָזען ר׳ זימעל, אָט דער ר׳ זימעל, וועלכער איז נאָך מיט אַ שעה צוריק געלעגען אַ געהלשטער אין זאַמד. אַ וואָרט האָט מען מיט איהם מעהר ניט געקענט אויסרעדען ער זאָל ניט שיטען מיט מתנות. פּאַנדרע האָט נאָר פאַרבײַגעהענדיג אַ זאָג געטאָן, אַז די שרפה בײַם נײַעם־נגיד האָט איהם און ר׳ סענדערן, עליו השלום, אומגליקליך געמאַכט. ניט אַ פערד איז אין שטאַל

געבליבען, ניט פּרנסה — אין שטוב. ס'איז געקומען צו רייד... האָט איהם ר' זימעל גלייך אויפן אָרט געשענקט אַ נייאינקען בענשערל אין אַ בלויער פּאַפּקעלע, מיט גאָלדענע אותיותלעך אויף דער פּאַ־דערשטער טאָוועלע. אַלע ברכות זיינען אין בענשערל ערקלערט אין עברי־טייטש. וואָס פאַר אַ ברכה מען דאַרף מאַכען אויף אַ דו־נער און אויף לאַקריץ; אַז מען דערזעהט אַ קיסר און אַז מ'עסט געפּרעגעלטען אייאיר־וואָרצעל און לאַטיק... מען האָט אַפילו אין ק"ק שקלאָוו קיינמאָל ניט געוואָרט דער רוסישער קיסר זאָל אַהינצו אַראָפּפאָהרען. און אַזעלכע מאכלים, ווי „לאַטיק" און „אייאיר־וואָרצעל" האָט נאָך קיין שקלאָווער תושב קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן. פונדעסטוועגען איז דאָס אַלץ אין בענשערל געווען אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך.

— האָב נאָר, — אַזוי האָט איהם ר' זימעל געטרייסט — אַנגעגרייט אַ גוטען בענשערל אין בוזעם. מזונות וועלען שוין מיר־צעשעם זיין!

ניין, ווי גאָט פאַרלאָזט איהם ניט! וואו האָט ער דאָ היינט געקענט קלערען פון ברענגען מערען אַ מתנה? אַז אַרויס איז ער, היינט ראַנעצקע, פון אַסטראָג ווי אַן אַנטלאָפענער גזלן און געלאָפען מיט שמחהלען, דורכן וואַלד, ווי צוויי ווילדע מענשען. און אַט טראָגט ער אַצינד אין קלומיק צוויי מעשה־ביכלעך און אַ תחינה. פאַר סענ־דערס שטוב אַ מזוזהלע און פאַר זיך אַליין — אַ בלויאינקען בענ־שערל. הייסט עס, אַז גאָט וועט איהם אויך אויף ווייטער ניט פאַר־לאָזען. מען וועט קריגען אַ פערד. מען וועט זיך צוריק אַרויפזעצען אויף דער פריש־אָפּגעפאַרבטער קעלניע פון דער אַלטער בריטש־קע. און מ'וועט לעבען. וויאָ, פאַנדרע!

.2

דאָס האַרץ האָט זיי ביידען שטאַרק געצויגען. ביים געזעגענען זיך היינט מיטן אַסטראָג איז נאָך געווען צו פריה עפּעס צו קויפען. און אַפילו די קראָמען וואָלטען שוין יאָ געווען אָפען, וואָלטען זיי

זיך אויך געשעמט, גלייך פון אַסטראָג, אַוועקלאָזן זיך אויפן מאַרק אין די ווינטער־מלבושים, מיט די וואַטאָווע היטלעך אויף די קעפּ.

זיי האָבן גערעכנט אָנצוקומען מיטאָג־צייט אין מאַקאַראָווקי, און דאָרטן לאָזן זיך וואוילגעהן. פאַר פויערים איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך. זיי טאַפּן ניט, זיי קריכן ניט אין לעבער ווי אידען. פאַר עטליכע קאָפּיקעס קען מען ביי זיי איינהאַנדלען אַ האַלבן פויערשען לאַבן ברויט, אַ גומען רעטאַך, אַ פּאָר אייער.

דער חשבון איז געווען אַ ריכטיגער. אָבער דורך דעם עסק מיט זימלען: דאָס ראַטעווען איהם, דאָס מינטערען איהם און דערנאָך באַדען זיך, זיינען פאַרלוירען געגאַנגען גוטע צוויי איבריגע שעה. און דאָס ניט האָבן אין מויל פון איינדערפריה אָן האָט זיך אַצינד שטאַרק געלאָזן פיהלען.

ניט קענענדיג מעהר פאַרטראָגן די ציהעניש אין האַרצען, פלעגן זיי, אַמאָל שמחהלע, אַמאָל פאַנדרע, פאַרלויפן פון שליאַך צווישען די בוימער און אָפּפליקען עטליכע ברוסניצע־יאַגדעס אין טרוקענעם מאָך. אָבער די דאָזיגע ביים־וועג ברוסניצעס, זיינען נאָך געווען האַלב־גרין און ביטער־זויער אין טעם.

— וואו, אַ שטייגער, — קרימט זיך פאַנדרע פאַר זויערקייט — וואו האָט דאָס פריהער די שיקסע דערטאַפּט אַזעלכע רויטע ברוסניצעס אין קערבעלע, אַ? גוים האָבן מזל.

— זאָג דעם אמת — הויבט איהם שמחהלע ווידער אָן צו טשעפּען — מיינסט דו טאַקע נאָר די רויטע ברוסניצעס, צי אפשר, טשאַסאָם, די רויטע שיקסע אויך? די הגדה צי די קניידלעך?

פאַנדרעס האַרץ איז אַצינד פריי, מאַכט ער ניט מעהר קיין אָנשטעלעניש:

— איך מיין ביידען! — ענטפערט ער און לאַכט.

— נאָ! — איז מיט איהם שמחהלע צופרידען — אַז גאָט וועט געבען וועסטו באַלד זיין אין מאַקאַראָווקי. וועסטו ביי איהר די ברוסניצעס אָפּקויפען און אפשר נאָך עפּעס... אין דאַרף וועט זי זיך מעהר ניט שרעקען. וועסט זעהן. עפּעס שמעק איך, זאָג איך דיר, אַז זי איז אין מאַקאַראָווקי. מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז מיקיטעס טאָכטער, דאַכט זיך מיר. געדענקסט דאָך מיקיטען! אַ בעל־גוף

אַ ערל. אַ קונד אונזערער געווען אַמאָל אין יאַטקע. פלעגט קומען פֿאַר די חגאות קויפֿען ניט־געטרייבערטע זאַדיקעס. אין ווינטער פלעגט ער בײַ איהם אָפטמאָל זיצען אַ שיקסעל, אַ פּאַמפּעשקע, זאָג איך דיר. אַן איין־איינציגע טאָכטער זיינע, קאַטערינקע, געדענקסט?

פּאַנדרען האָט זיך דערמאָנט: אַ הויכער גוי מיט אַ פלאַקסע־נער באָרד. אַ לאַנגע און שמאָלע באָרד ווי אַ רעטאַך פון פּאַקליע. קליינינקע אויגעלעך האָט דער גוי געהאַט מיט פּאַררויסענע גרויסע נאָזלעכער, וואָס האָבען איהם צוגעגעבען אַן אויסדרוק פון פויערישער כיטרעקייט און חוצפּה. נאָר באמת איז עס געווען אַ גוטער גוי, אַן עהרליכער, געווען באַקאַנט אין די אידישע יאַטקעס, און אין ווינטער פלעגט בײַ איהם זיצען אַ שיקסעל, אַ לאַכעדיגס, מיט ברוינע אויגען און ברוינע האָר, אונטער אַ קאָלירטע כוסטקעלע. זאָל דאָס טאָקע געוועזען זיין קאַטערינקאָ? ווי אַ בוים איז דאָך אויס־געוואַקסען.

— וואָס אַרט דיך? — מאַכט שמחהלע, פּונקט ווי ער וואָלט געטראָפען פּאַנדרעס געדאַנקען — איך האָב אַן אויג, זאָג איך דיר. מיר וועלען זיך טאָקע אַראָפּלאָזען צו מיקיטען אין כאָטע עפּעס איינקויפען. וועסטו זעהן, אַז ס'איז זי. זי — זאָג איך דיר!

די יונגע גויע, וואָס איז פון זיי פריהער אַנטלאָפען, שטעלט זיך פּאַנדרען ווידער פאָר. איהר פלאַמענדיגע קאַצעווייקע איז גע־שפּאַנט אויף איהר פויעריש־גרויסער ברוסט. דער אויסשניט פון האַלז לאָזט זיך אַראָפּ אונטער דער קאַצעווייקע ווי אַ שפּיציגער שטיק פון אַן אָנגעהויבענער קאַוועניע. ראש־השנה מאַכט מען „שהחיינו" איבער אַזוינע שטיקער... און דאָס קליידעל איהרס, ראָז און בלוי געפּאַסעקט, שאָקעלט זיך איבער איהרע ברוינע, שטאַרקע פיס. איבער איהרע היפטען, מערע שווימט ערגעץ־וואו אַוועק... און אינמיטען הונגער, וואָס ציהט איהם ביים האַרצען, גנבעט זיך אַרויס אַן אַנדער הונגער, אַ מעהר פּאַרטאַיעטער, אַ מעהר בײַ־סיגער הונגער.

— איך שטאַרב עסען! — גיט ער פלוצלינג אַ בריל צו שמחהלען און ווייסט אַליין ניט וועלכער הונגער איז דער שטאַר־קערער.

שמחהלע האָט לצעוודיג פאַרדרעהט דאָס מויל אָן אַ זייט, געוואָלט עפּעס אַ זאָג טאָן און געבליבּען מיטן וואָרט אויף די פּאַרקרימטע ליפּען. וואָרים אַ בּלאָז פון אַ קינדיש טראָמייטערל האָט זיך דערהערט פון הינטען און אַ באַסאָווער קול האָט סטראַשענדיג אַ רוף געטאָן:

— העי, ווי! כטאָ טאַקאָי? סטאָי—אָי! (אוי, איהר! ווער איז דאָס? שטעה!)

פאַרציטערט זיינען שטעהן געבּליבּען בּיידע געוועזענע אַרעסטאַנטען. דער פינסטערער אָסטראָג האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשלוקערצט ערגעצוואו. אַ פאַרפלויגענער שאָטען האָט זיי אָנגעיאָגט. עפּעס ווייטער אַ צרה! מ׳האָט אימיצען אַרויסגעשיקט נאָך זיי...

נאָך איידער זיי האָבּען נאָך פּאַספּעיעט אַרומצוקוקען זיך, ערשט אַ צווייראָד־מאַשינדעל לויפט אויף זיי אָן, שטיל ווי אַ רוח, און שפּאַלט זיך אַריין מיט דער פאָדערשטער גלאַנציגער ראָד צווישען זיי בּיידען. אַ פאַרדעכטיגער שוואַרצער פאַרשוינדעל גיט אַ שפּרונג אַראָפּ און כאַפּט אָן פאַנדרען פאַרן אַרבּעל:

— סטאָי!

דערשראָקען קוקען זיי בּיידע אָן דעם פאַרשוינדעל. אָן אַגענטעל פון דער מאָהליווער פּאָליציי אַודאי. אַ קליין נפשל שטעהט צווישען זיי מיט אַ בּרוינעם קאַשקעט. דער גרויסער קאָזיראָק אַראָפּגעלאָזט איבּער די שאַרפע אויגען. די בּרוינע הויזען אונטערגעשפּילעט ווי בּיי אַ צוויי־ראָד־פאָהרער. אַ שוואַרץ בּערדעלע פאַרשטעלט די גאָמבּע און די בּאַקען. אַ קוק ווי מיט אַ מעסער אין הארצען. נאָר די ווייסע ציינדלעך בּליאַסקען געמיין פון דעם שוואַרצען בּערדעלע אַרויס. קריצט ער זיי? לאַכט ער מיט זיי?

פאַנדרע איז געשטאַנען בּלאַס און פאַרגאַפּט. עפּעס שרעקליך און בּאַקאַנט איז דאָס פּנימל. צי האָט ער אָט דעם נפש ניט געזעהן אין קאַנצעלאַריע פון אָסטראָג?... נאָר שמחהלעס פּנים האָט זיך גלייך גענומען אויסלויטערען. ער האָט אַרויפגעשאַרט דאָס וואַטאָווע היטעל, כּדי בּעסער זעהן, אַ ווייש געטאָן דעם אָנגעלאָפענעם שוויס און ניט זיכער אַ מעקע געטאָן:

— כ׳וואָלט שווערען, ע—ע—

— ע—ע—ע! — מישט איהם איבער דאָס ברוינע פאַרשוינ־דעל. ער לאָזט אַפּ פאַנדרעס אַרבעל און גיט אויך אַ שאַר־אַרויף זיין גרויסען קאַשקעט ביזקעל שפּיץ קאָפּ.

— שעפּטעלע! — שרייען אויס שמחהלע און פאַנדרע ביי־דע אין איין קול.

דאָס אַנגעפּאַהרען פאַרשוינדעל קוקט זיך פאַרזיכטיג אַרום, און ערשט דערנאָך גיט עס אַ שפּריץ אין פויסט אַ פולען מויל גלע־לעכטער, קוים וואָס ער האַלט איין זיין צוויי־ראָד פאַר לאַכען.

ביידע אַסטראַג־חברים באַטראַכטען איהם נאָך אַלץ מיט אויפ־געריסענע אויגען. שעפּטעלע־גנב און ניט שעפּטעלע. אַ בראָך זאָל איהם לעגען! וואו האָט ער דאָס אויסגעקראַצט אַזאַ קיילעכדיג בערדעלע, אַזעלכע טאַטערישע אַראָפּהענגענדע וואָנסעלעך?

— טפו זאָלסטו ווערען!—קומט פאַנדרע צו זיך — דעם לע־בער האָסטו מיר אָפּגעריסען מיט דיינע חכמות.

— איז וויפיל פנימער האָסטו דאָס, דו גנב! — וואונדערט זיך שמחהלע און גיט אַ מאַך מיט די פלייצעס — זעה, פאַנדרע, אַ נאָמען נאָך איהם! אַן אמתע' בערדעל...

— אַז מ'איז אַ גנב, — מאַכט שעפּטעלע זעהר ערנסט — אַז מ'איז אַזאַ גנב ווי איך, מוז מען קענען שפּילען פּורים־שפּיל. אַלע טאָג עפּעס אַנדערש. אַמעהר נאָך, אַז איך בין אַ „ביעגלער"*). נאָר... זעהט, קינדער, קומט בעסער אַוועק פון שליאָך. אַ סך גליי־כער פאַר מיר און פאַר אייך...

שעפּטעלע האָט אַריינגעשלעפּט זיין נייאינקען צוויי־ראָד צווישען די בוימער, און גלייך נאָך איהם זיינען אין וואַלד אריינ־געלאָפען שמחהלע טורערו און פאַנדרע. שעפּטעלע האָט פלאָך אַוועקגעלעגט זיין מאַשין אויפן קיהלען מאָך און די אַסטראַג־חברים האָבען אַפּגעלעגט די קלומיקעס.

שעפּטעלע וואַרפט־אָפּ זיין קאַשקעט פון די לאַנגע פעך־שוואַרצע האָר, און זיין קול קלינגט דאָ, אין וואַלד, אַביסעל זי־כערער:

---

*) אַן אַנטלאָפענער.

— געוואָלט שוין פאַרקירעווען צוריק. געמיינט איהר זיינט שוין אין מאַקאַראָווקי. אין דאַרף וואָלט איך ניט אַריינגעפאָהרען. ס׳איז מיר דאָרטען אַביסעל... הכלל, אין מאַקאַראָווקי דאַרף איך זיך ניט ווייזען. טרעף איך מיט אַ מאָל אָן צוויי פאַקענטרעגער אויפן שליאַך. געזעהן דאָ צוויי פאַרשוינען? וועמען? דעם און דעם? זיי האָבען מיר אפילו די נעמען אָנגערופען. אָקאָרשט גע־באָדען זיך מיט זיי. עפּעס האָבען זיי צווישען זיך געלאַכט. גע־וואָלט זיך אָפּשטעלען, בראַיען מיר א קאָפּ. נאָר איך האָב גלייך אָפּגעצויגען.

שמחהלע און פאַנדרע קוקען זיך פילדייטיג איבער. און שעפּ־טעלע רעדט ווייטער:

— זענט איהר גאָר אָוועק צופוס ווי די טאַראַקאַנעס, זענט איהר גאָר? אַ שענע אַרבייט האָט איהר מיר אָנגעמאַכט. געמיינט איהר וועט אָפּפאָהרען מיטן פאַרעכאָד. מ׳האָט מיר שוין צו וויסען געגעבען ווען מ׳לאָזט אייך ארויס. הינע איך פון אינדערפרי ווי אַ הונט. כ׳שטעה ביים מאַהליווער פריסטאַן און די שקורע צי־טערט אויף מיר. וואָרים זוכען טהוט מען מיך אומעדום. אַ פאַ־רעכאָד קומט אָן און אַ פאַרעכאָד געהט אָוועק. די העכט זיינען נישטאָ! איך לויף אַהער, איך לויף אַהין. פון דער „אַרבייט" אָפּ־געריסען זיך —

— עס „אַרבייט" זיך עפּעס גוט? — שלאָגט איהם איבער טורערו מיט זיין געזאָלצענעם שמייכעלע.

— געלויבט איז גאָט! — ווערט שעפּטעלע זעהר ערנסט, ווי אַן איינגעפונדעוועטער סוחר, וואָס ווערט אויסגעפרעגט פון א צווייטען סוחר אויף קרעדיט — עס אַרבייט זיך גאָר גוט. אונ־טער די אויגען זיינען מיינע „יאַטען" ניט אַזעלכע בריות; אַז איך בין ביי זיי איז עפּעס אַנדערש.

— דו! — וואונדערט זיך פאַנדרע — דו נעמסט נאָך אַלץ אַריין גאָט אין קאָן? באַלד סליחות־צייט, שעפּטעלע!

— יעדער אויף זיין שטייגער! — באַליידיגט זיך שעפּטעלע א האָר ניט — נגידים, אַז זיי שפּילען קאָרטען גאַנצע נעכט, נעמען אויך אַריין דעם רבונו־של־עולם אין קאָן. כ׳האָב זיי געזעהן שפּי־

לעבדיג אין מאַהליוו, אין דאַנציג אויף דער קור... זיי מעגען? מעג איך אודאי. מיט בלוט און מיט אַנגסט קומט מיר יעדער רובעל אָן. זיי קומט אַן גרינגער, זאָג איך אייך...

.3

ער רעדט געלאַסען שעפטעלע. און רעדענדיג העקעלט ער אָפּ דאָס דריי־עקיגע לעדערנע בייטעלע פון צוויי־ראָד, ציהט־אַרויס אַ פלאַכע פלעשעלע מיט עפּעס אַ ברוינע משקה, שרויפט־אָפּ דאָס בלעכערנע הייבעל פון פלעשעלע, גיסט זי אָן פול און דערלאַנגט פאַנדרען ער זאָל פאַרזוכען, דערנאָך שמחהלען. דער־נאָך גיסט ער אָן זיך אליין.

— אַי, אַי! — מאַכט פאַנדרע און פאַסמאַקעוועט זיך — שעפטעלע, עס איז דאָך עפּעס גאָר אַן אַנטיק!

— פראַנצויזישער קאָניאַק! — ערקלערט שעפטעלע מיט אַ זעהר באַהאַווענטער מינע — אַ טעם, אַ?... איז וויפיל, פאַנדרע, האָבען מיר זיך ניט געזעהן?

— שוין באַלד אַ יאָהר. נאָר גריסען פון דיר האָב איך געהאַט. אַמאָל מיט טאַבאַק, אַמאָל אָהן טאַבאַק... דאָ, מיט אַ וועלכע פיער חדשים צוריק, האָט מיר דיינער אַ „יאָט״ געבראַכט אַ גרו״ס פון מערען. אַז דו האָסט זי געזעהען, מערען, מיט מיין יאַטעל אויף די הענט. ביים פאַרעכאַד אין שקלאָוו, דאַכט זיך, ביי זונדעל־גאָטס־גנבס הייזקע...

— יאָ, — לאָזט שעפטעלע אַראָפּ די אויגען, ווי פאַרשעמט פון פאַנדרעס דאַנקבאַרען קוק — מ׳האָט געטאָן וואָס מ׳האָט גע־קענט. מ׳האָט געשמירט, מ׳זאָל דיך אַוועקנעמען פון די אָפּטריי־טען און מ׳זאָל דיך באַלד נאָכן „סראָק״ אַרויסלאָזען. קאָנסט נאָך ניט פאַניעס פאַראַנדקעס. נאָכן סראָק הויבען ערשט אָן געהן פאַ־פירען אין קאַנצעלאַריע. און איידער מען שרייבט דיך אַריין אין אַלע פאַפּירען געהען אַריבער חדשים. זיי האָבען צייט די פּיאַני־צעס. וואָלסט נאָך אויף סכות אויך אינדערהיים ניט געווען.

— ביסט אַ גוטער־ברודער! — לויבט איהם פאַנדרע אין די אויגען — צעהן נייע־נגידים אַ כפּרה פאַר איין שעפּטעלען. נאָר זעה, שעפּטעלע, היט זיך די ביינער! דו פאָהרסט מיר צופיל אַרום אויף דיין „רעדעל״... און ווי אַז מען כאַפּט דיך?

— אַז מ׳כאַפּט מיך האַ־האַ, וועל איך דערצעהלען די מעשה!...

אַזוי צולאַכט זיך שעפּטעלע און ציהט אַרויס אַ בלאַנקען פּיסטאָל פון דער הינטער־קעשענע, לעגט איהם ליבליך אַוועק אויף איין קניע און גלעט איהם מיט דריי פינגער, ווי מען גלעט אַ קליין קעצעלע. דער בלאַנקער מעטאַל האָט זיך, דאַכט זיך, צעשמייכעלט אונטער אַזאַ צערטליכקייט.

— פאַרשטעהסט? — פאַרקוועטשט שמחהלע איין אויג און מיט דער צווייטער קוקט ער אָן פאַנדרען—פאַרשטעהסטו שוין, וואָס פאַר אַ פרי׳קע דיין שעפּטעלע איז?

— און וואָס האָסטו געמיינט, דו קצב־יונג? — אַזוי ווענדעט זיך שעפּטעלע האַלב־ערנסט האַלב־שפּאַסיג צו שמחהלען — מיינסט מען גנבעט די גרעניץ אין טלית און תּפילין? אָדער מען שטאָפּט אָן אַ קעשענע גאָלדענע זייגערס מיט אַ קאָך־לעפעל? געלויבט איז גאָט, שעפּטעלע ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן.

— שעפּטעלע! — שלאָגט איהם פאַנדרע איבער — לאָז שוין גאָט צו־רוה! אפשר האָסטו בעסער מיט וואָס צו פאַרבייסען? איך שטאַרב.

— היינט וואָס־זשע שוויגסטו? — רופט זיך אָפּ שעפּטעלע. ער גיט זיך ווידער אַ כאַפּ צו דער דריי־עקיגער בייטעל פון צווייראָד, ציהט אַרויס אַ דאַרע קישקע אין ריינעם פּאַפּיר איינגעוויקעלט, שניידט אָפּ רעדעלעך און צוטיילט.

מ׳האָט נאָך אַ מאָל געמאַכט לחיים, און טאַקע אַ דריטען מאָל. דאָס בלעכענע הייבעל פון דעם קאָניאַק־פלעשעלע איז דריי מאָל אַרומגעגאַנגען אַלע דריי געוועזענע חברים פון אָסטראָג. און צווישען איין לחיים און צווייטען האָט מען פאַרביסען מיט דער קנאָבעלדיגער דאַרער קישקע.

שמחהלע קייט געשמאַק און טשעפּעט זיך. אַנדערש קען ער ניט:

— איז אָהן גוטשינקע זאַכען לאָזטו זיך גאָר פון שטוב נישט אַרויס? ווי?

—וואָס דען? — מאַכט שעפּטעלע — אַלע גוטשינקע זאַכען איבערלאָזען פאַר די נגידים? דיר, פאַנדרע, האָב איך שוין, דאַכט זיך, איינמאָל געזאָגט, אין אָסטראָג, דאַכט זיך: איך האַלט, אַז א י ך בין בילכער...

— כ׳געדענק, כ׳געדענק! — שאָקעלט צו פאַנדרע און פּאַס־מאַקעוועט זיך. פונם קאָניאַק אויפן ניכטערען מאַגען איז אַוועק אַ זיסע פאַרע איבערן מוח, און אַ נעבעלדיג שלייערל האָט זיך גע־נומען וויגען פאַר די אויגען. אַלץ איז געוואָרען גוט. אַלץ איז גע־וואָרען רעכט. אַבי מ׳זיצט צוזאַמען און מען חברט זיך.

— יאָ, — דערמאַנט זיך פּלוצלינג שעפּטעלע — אַ פּעקע־לע טאַביק פון מיר האָט איהר היינט געקראַגען?

— געקראַגען, געקראַגען! — ענטפערןביידע אָסטראָג־חברים צוזאַמען.

— איך מוז אַלץ וויסען, צי מיינע „יאַטען" נאַרען מיך ניט. אָט, נעם, פאַנדרע! כ׳האָב דיר געבראַכט עטליכע רובעל צום פאַרעכאַד. אַן אומזיסטע טרחה געווען. קומסט אַהיים אויף לעדי־גע וועגט. איז אָט! שטופּ מיר ניט די האַנט צוריק! איך שענק קיינעם ניט. ועסטו האָבען, וועסטו אָפּגעבען. און אָט איז אַ קאָנ־ווערטעל מיט מיין אַדרעס. ס׳וועט דיר צונוץ קומען. ס׳איז ניט מיין אַדרעס. מיין ניט!... נאָר מ׳וועט מיר שוין אָפּגעבען. וועסט עפּעס דאַרפען — שרייב אָן!

— כ׳וועל אָנשרייבען, כ׳וועל אָנשרייבען! — זאָגט נאָך פאַנדרע מיט אַ צעשוואומענעם שמייכעלע און דרעהט דעם קאָנ־ווערטעל צווישען די האַרטע פינגער, ווי עפּעס גאָר אַן איידעלע צאַצקע פון גלאָז. נאָר מיטאַמאָל פאַרטראַכט ער זיך:

— איך — דיר שרייבען? — וואָס וועל איך דיר שרייבען?

— וועסט דאַרפען! — רעדט צו איהם שעפּטעלע ווי פון סדור אַרויס — וועסט אַמאָל דאַרפען...

— בייס דיר אָפּ די צונג, שעפּטעל! דו הערסט? אויף וואָס וועל איך דיך עפּעס דאַרפען? אויף איינברעכען שלעסער אפשר?

— כ'האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, — מאַכט שעפּטעלע גאַנץ רוהיג, און גיט אַ טרייסעל מיט די געדיכטע אָפּגעלאָזענע האָר אויף דעם שפּיציגען קעפּעלע — אַז מ'זיצט איינמאָל, זיצט מען אַ צווייטען מאָל. פאַר גנבות צי פאַר שלעגעריי. ס'אַלץ איינס. עס ציהט... וואו ווערסטו אַהינטאָן דיין כח, פאַנדרע? אַצינד, נאָכדעם ווי מ'האָט דיר אָנגעטאָן די געברענטע צרות אומזיסט און אומנישט. עס מוז אַרויסגעהן — זאָג איך דיר. פאַר נ י ט געבען קלעפּ דעם פּריסטאַוו ביסטו געזעסען און פאַר אמתע קלעפּ ווערסטו נאָך זיצען. עס מוז אַרויס דער פאַרטאַיעטער כח. מיינסט, אַז דו ווערסט אַצינד קענען פיהרען די מערידאַלניקעס צ ו ם פאַרעכאָד און פ ו ן פאַרעכאָד? אידענעס מיט קאָשיקעס אַרומפיהרען און קוים דערהאַלטען די נשמה? ס'איז ניט פאַר דיר פאַנדרע! געדענק!

— מיינע ווערטער! — וואונדערט זיך פאַנדרע און גיט זיך אַ קעהר צו שמחהלען — היינט אין דער פרי... געדענקסט?

שמחהלע לאַכט... צי האָט ער טשאַסאָם שעפּטעלען ניט אַריינגעבורטשעט עפּעס אין אויער אַריין? עפּעס אָפּגערעדט צווישען זיך?... די פאַרע פון פייערדיגען קאָניאַק ברויזט אויף אין פאַנדרעס קאָפּ. ער שטעלט זיך אויף:

— זאָג נאָר, שעפּטעלע! מיינסט, אַז דו האָסט מיין אידענע געגעבען עטליכע קערבלעך און מיר דאָ עטליכע קערבלעך קענסטו שוין מיר זאָגען דעות וואָס איך האָב צו טאָן? מיר, פאַנדרען? נאַ, נעם דיר אַוועק דיינע געלאַטכענטע ממתקים, מיט דיינע אַדרעסען, און טראָג זיך אָפּ! וואָרים איך צוברעך דיר דאָ באַלד דיינע עצמות מיט דיין גנבישער מאַשין צוזאַמען...

— שאַ — שאַ — שאַ! — שפּרינגט שעפּטעלע אויף ווי אַ ווערוועקעלע — האָסט ניט געדאַרפט נעמען קיין ביסעל משקה אויפן ניכטערען מאָגען! באַהאַלט בעסער, פאַנדרע, דיינע קולאַקעס פאַר גויים! ס'וועט דיר צוניץ קומען. ווערסט זעהען...

אַלע דריי האָבען זיך אויפגעשטעלט. שמחהלע האָט אָנגערוקט דאָס וואַטאָווע היטעל איבער די אויגען, אויפגעקליבען דאָס צושאָטענע געלט, דעם קאָנווערטעל מיטן אַדרעס און אַריינגערוקט

אין פאַנדרעס קלומיק. ער האָט דערביי געבורטשעט ניט צו שעפּ־טעלען, ניט צו פאַנדרען, ניט צו זיך אַליין:

— וואַרפט זיך מיט געלט! — אַ קדחת וואַרפט איהם. ער ברענגט דאָך די גרויסע אפּותיקי דער וויב ברענגט ער! ר' זיי־מעלס אַ תחינה ברענגט ער איהר! די יוכע האָט זיך שוין אין איהם ווידער צוקאָכט. מיך האָט ער שוין היינט אויך געוואָלט שלאָגען, פּאַר אַ וואָרט. גרינג אויף גרימצאָרן איז ער מיר געוואָרען! העץ! אַז מ'קען ניט נעמען קיין ביסעל משקה, נעמט מען ניט.

שעפּטעלע האָט דערווייל אויפגעהויבען זיין צוויי־ראָד און פּאָרזיכטיג אַרויסגעקוקט אויפן שליאַך, צווישען די סאָסנעס.

— נאָ, — מאַכט ער — קינדער! איהר בלייבט נאָך דאָ אַ ווייל־עצקע, איך מוז אָפּציהען. גלייכער ניט אַרויסצוגעהן אויפן שליאַך אַלע אויף איין מאָל. און דו, ברודער־נח, זיי ניט ברוגז! אָט וועסט קומען אַהיים, וועסט אָנקנייפּען דיין יאַטעל אין „מחילה”, וועסט זיך אויסשלאָפען מיט מערען זייט ביי זייט —

מערע איז פון תמיד אָן געווען פאַנדרעס שוואַכער אָרט. ער האָט פּלוצלינג אַ שפּרונג געטאָן צו שעפּטעלען און אַ הויב געטאָן איהם מיט זיין צוויי־ראָד צוזאַמען, ווי מ'הויבט אויף אַ קינדער צאַצקעלע.

שעפּטעלען איז דאָס מוטער־מילך איינגעפאַלען: אָט־אָט צושיי־טען זיך איהם אַלע ביינדעלעך, און קיין שרייפעל וועט אין זיין פאַהר־מאַשינדעל אויך גאַנץ ניט בלייבען. ער גיט אַ קוק אַראָפּ — ערשט אַ נס איז געשעהן. פאַנדרעס ווייסע ציין לאַכען צו איהם אַרויף גוטמוטיג און מיטן זעלבען שמייכעל לאָזט איהם פאַנדרע צוריק אַראָפּ אויף דרערד. איהם און זיין מאַשינדעל. פּאַוואָליע. ווי מען לאָזט אַראָפּ אַ קינד מיט זיין רייט־וועגעלע.

— גוט דערשראָקען זיך, אַ? — צולאַכט זיך פאַנדרע און כאַפּט זיך אָן ביים גאַרטעל — דו האָסט מיך פריהער איבערגעי־שראָקען, אַצינד — איך דיך! זייגען מיר ביידע — קוויט... פאָהר געזונטערהייט, שעפּטעלע!

פּאַנדרע אַן אָקסענקעמפּער

.1

קיין גאַנצען וויאָרסט זיינען פּאַנדרע און שמחהלע ניט אָפּגעגאַנגען, נאָכן צוזעגענען זיך מיט שעפּטעלען, און די פעלדער, וואָס ריגלען אַרום מאַקאַראָווקי, האָבען זיך גענומען אַנטפּלעקען.

דער וואַלד האָט זיך קודם־כּל צורוקט ווי אַ גרויסער טויער, וואו די פּריטעלקעס זיינען — אַלטע סאָסנעס און דער בויגען — די בלויקייט פון הימעל. אינ׳ם דאָזיגען שאַרף־קאָלירטען טויער האָט גענומען שיינען דאָס מאַטע גאָלד פון אָפּגעשניטענע — און דאָס גלאַנציגע גאָלד פון נאָך ניט־באַריהרטע פעלדער; צוזאַמענגעפּעכערטע סנאָפּעס און רונדע סטאָגען פון אויסגעדראָשענע שטרוי.

מאַקאַראָווקי האָט זיך נאָך ניט אָנגעזעהן. זי איז געבליבען ערגעצוואו בידעריגער פון די פעלדער, אין אַ טאָל. און נאָר אַ ווייטער בילען פון הינט און אַ צוגאַנגענער בלויער רויכל האָבען אָנגעזאָגט, אַז ערגעצוואו, אין אַ באַרג־אַראָפּ, איז דאָ אַ ישוב.

פון אונטער די באָרוויסע פּיאַטעס ביי אונזערע צוויי פּוסגעהער, זיינען אויף אַלע זייטען געשפּרונגען גרינע און ברוינע סוף־זומער גרילען. ווי די פונקען פון אַ געשמידטען אייזען זיינען זיי געשפּרונגען. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די באָרפיסע גראָבע מענשען־פיס שרעקען איבער אַלע ווילע, און טראָט נאָך טראָט, אַ נייע גריניקע דינפּיסיגע קאַפּעליע פון כּלי־זמר־לילעפּוטלעך.

כאַפּט יעדערער סמיטשיק און פידעל אונטערן פּאַכווע און... שפּריץ! שפּריץ!... היפּען אַוועק וואו עס מאַכט זיך, טרעפען אַריין אין אַ פרעמדען מוזיק-פּאַראַיִך, און פּאַדאַוואַי פידלען די איבערגעריסענע נגינה, ווי ביי זיך אינדערהיים...

דער גרויסער פעלד־אָרקעסטער פון די גרילען האָט אַזוי אַ האָר ניט געליטען פון די ניט-געבעטענע, שווער־שפּרייזענדיגע פיער מענשליכע פיס... די פעלדער אַרום האָבען געזאָטען פון אַ פלייסיגען איינטאָניגען מזמור, וואו יעטוועדער איז פידלער און יעדער איינער — קאַפּעלמייסטער. אַלע ווי איינער. איינער ווי אַלע.

— סאַ־סאַ־סאַ! און סאַ־סאַ!... אַהן אָנהויב און אַהן סוף, אַהן אינהאַלט און אַהן ציל. סתם הפקר־פּעטרישקע און געפידעלט זאָל ווערען!... און פונדעסטוועגען איז דער טרוקענער און צושאָטענער ניגון אַרויסגעקומען אַזוי ברייט און זאַט, אַזוי בחברותאדיג־אויסגעהאַלטען — ער האָט זיך אָנגעהערט ווי אַן איינגעהאַלטענער זונען־געלעכטער, וואָס שיסט און זידט דורך אַלע שפּעלטלעך פון דער ערד און דורך אַלע זאַנגען־רעהרלעך. ער האָט זיך אָנגעהערט ווי די שטים פון אַלע איבערגעזיסטע זאַפטען אין דער ערד, וואָס זיינען איבעריג געבליבען נאָכן פעלדער־שניט און יערען אונטער דער הייסער זון: סאַ־סאַ־סאַ און סאַ־סאַ!...

די דאָזיגע איינטאָניגע זיד־מוזיק פון דער ערד, האָט זיך איך דריבנע ציטערונגען איבערגעגעבען אונזערעביידע וואָגלער, דורך די באָרפיסע פיס. ווי דורך גרויסע און לעבעדיגע קאַמערטאָנען האָט זי זיך איבערגעגעבען, דורכגענומען זייערע לייבער, צולאָפען זיך איבער דער הויט און ליבליך געקיצעלט, ווי פענכערלעך פון ווארימע זעלצער־וואַסער... סאַ־סאַ־סאַ און סאַ־סאַ!

אין די אַלערליי גאָלד־שאַטירונגען פון די אַראָפּ־באַרגיגע פעלדער האָבען זיך אָנגעהויבען אויסצופרייגען איינצעלנע ווייסע פלעקען פון פויערים און פויערטעס, פון שניטער און גאַרבען־בינדער, אין אַלערליי פּאָזעס פון שטעהן, פון געבויגענקייט און פון זיצען.

— כ'האָב מורא, — מאַכט שמחהלע — אַז אין דאָרף וועלען

מיר קיין ציינדעל קנאַבעל ניט קריגען. זעהסט דאָך! אַלע זיינען אין פעלד.

פאַנדרע האָט אַ מאַך געטאָן מיט די פּלייצעס. די פאַרע פון שעפּטעלעס קאָניאַק איז איהם געשטאַנען אין קאָפּ. אינם גאָלדיגען שיין פון די פעלדער איז פון דער פאַרע אויך געוואָרען גאָלד. אַ וואַרימער שפּינוועבס איז איהם געהאַנגען פאַר די אויגען. יאָ קריגען, ניט־קריגען וואָס צו אכלען... אַבי מ׳איז פריי, מ׳געהט צווישען פעלדער. ס׳איז גוט אויף גאָטס וועלט!

כּדי צו אָפּקירצען דעם וועג, האָבען זיך די געוועזענע אַרעסטאַנטען גענומען אין דער קרום, דורך די אָפּגעשניטענע תּבואה־פעלדער. די קורצע קאָרן־וואָרצלען האָבען אָבער געשטאָכען ווי דראָטענע בערשטלעך און גיך מיד־געמאַכט די פּיאַטעס. האָבען זיך פאַנדרע און שמחהלע געמוזט קאַליע מאַכען דאָס פאַרגעניגען פון געהן באָרפיס, געמוזט אַרויסציהען די שטיוואַלעס פון די קלומיקעס און אריינגעקראָכען אין די דושנע כאָליאַוועס.

לעבען דעם גרעסטען סטאָג שטרוי, אינמיטען פעלד, איז געשטאַנען אַ הויכער גוי, אַביסעל איינגעהויקערט איז ער געשטאַנען און זיין לאַנגע גרוי־פלאַקסענע באָרד איז אַראָפּגעהאַנגען, ווי אַ ציטיגער רעטאַך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטען אַ סערפּ און מיט דער צווייטער האָט ער באַדעכעלט די אויגען. די גרויע אויגען זיינען געווען פאַרשוואומען אין שאָטען. נאָר אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע נאָזלעכער פון אַ קורנאָס האָבען אָנגעקוקט די אונבאַקאַנטע.

וואָס נעהנטער נח און שמחהלע זיינען צוגעגאַנגען, אַלץ באַקאַנטער האָט זיי דער גוי אויסגעזעהן. טורערו האָט אויך געמאַכט אַ דעכעלע איבערן שטערען און אַ זאָג געטאָן צו פאַנדרען:

— מיקיטאַ! ווי איך בין אַ איד — מיקיטאַ!

ניט וואַרטענדיג ביז פאַנדרע וועט אויך דערקענען, וואָס פאַר אַ מיקיטאַ דאָס איז, האָט זיך שמחהלע אַ לאָז געטאָן צום גוי:

— באָך נאַ פּאָמאָץ, כאַזאַין! (אַ גאָט־העלף, באַלעבאָס!)

אַז פאַנדרע איז נאָהענט צוגעגאַנגען, האָבען שוין שמחהלע און מיקיטאַ פריינטליך גערעדט צווישען זיך, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע. שמחהלע, ווייזט אויס, האָט שוין פּאָספּעיעט צו דערצעה־

לען פון וואַנען זיי ביידע קומען דאָס אָן. וואַרים מיקיטאַ האָט שמהלען פויעריש־גוטמוטיג געטרייסט:

— ביאַדאַ... ניטשאָוואָ! (אָן אומגליק... ס׳מאַכט ניט!)

ווי יעדער פויער פון דאָרף, וואָס קען דעם טעם פון פּאַדאַט־קעס און פון אוריאַדניק, פון אבות־אבותינו אָן, האָט אויך מיקיטאַ געקוקט אויף יעדער אַריינמישען זיך פון פּאָליציי, צי גערעכט, צי אומגערעכט, ווי אויף אָן אַנשיקעניש. זיצען אין אָסטראָג, אָבי נישט פאַר גנבה און גזלה, איז אויך ניט קיין פלעק אין דער משפחה. פאַרקעהרט, ס׳הייסט אַ מענש האָט געליטען פאַרן אמת:

— ניטשאָוואָ! מיט אַלעמען קען עס טרעפען. אָפּגעזעסען — פּטור געוואָרען. נו, אַצינד וועט גאָט העלפען!

— און איהם געדענקסטו ניט? — ווייזט אָן שמהלע אויף פאַנדרען, געדענקסט? אַמאָל מיינער אַ שכן אין יאַטקע געווען. נאַי (נח)... פאַר... אַריינפאַהרען דעם פּריסטאַוו אין מאָרדע איז ער אָפּגעזעסען...

אַזאַ כראָבּרעקייט, ווי דערלאַנגען דעם פּריסטאַוו וואו עס געהערט צו זיין, האָט פאַנדרען שטאַרק געהויבען אינם גויס אויגען. מיט אַזאַ מוראדיגען פּאַרנעם אין די ענינים פון געבען אין מאָרדע קען זיך, באמת, קיין אַנגעשראָקענער פויער פון דאָרף ניט פאַר־מעסטען! און ניט־ווייסענדיג ווי אויסצודריקען זיין באַוואונדערונג, האָט אים מיקיטאַ גלייך פאַרבעטען זיצען אין שאָטען פון סטאָג.

— אַ דאַנק! — מאַכט שמהלע אַנשטאָט פאַנדרען — מיר איילען זיך!... יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? דו, מיקיטאַ, האָסט דאָך אַמאָל געהאַט אַ טעכטערל, אַ בת־יחידקע... וואָס מאַכט זי? עפּעס זעהט מען זי דאָ ניט אין פעלד.

— אָקאָרשט איז זי דאָ געווען, — מאַכט מיקיטאַ און שמייכעלט אין דער שמאָלער באָרד — אַ־כאַ! פון דעם מיידעל איז שוין געוואָרען אַ מויד — אַ יאַגדע. אויף דעם חתן אויף איהרען וואָרט זי היינט. אַ סאָלדאַט. אויסגעדינט זיך אין פּאָלק. קומט ער היינט פון שטאָט. פּוצט זי זיך אַ גאַנציינקען טאָג. ברוסניצעס האָט זי פאַר איהם אָנגעקליבען. אַדנאַ־סלאָוואָ (מיט איין וואָרט) — ווייבערשע עסקים!

— בריסניצעס? — פרעגט איבער שמחהלע און קוקט זיך איבער מיט פאַנדרען — מיר דאַכט, מיר האָבען זי געזעהן אין וואַלד מיט אַ קערבעלע. ניט אין אַ רויטער קאַצאַווייקע — דיין טאָכטער?... אָט, זעהסט, זי האָט זיך פאַר אונז דערשראָקען און אַנט־לאָפען. אַנטלאָ—אָפען...

— אָט ווי, כאַ־כאַ! צולאַכט זיך מיקיטאַ פון זיין מוידס חכמה — אָט אַ ציג אַ שפּרינגענדיגע. געמיינט — בראָדיאַגעס... ניטשאַוואָ!

ווי קומט דאָס, — פרעגט זיך נאָך שמחהלע — וואָס אין אַזאַ גאַריאַטשקע אויף די פעלדער לאָזטו זי אַרומלויפען?

— איין איינציגע איז זי ביי מיר, — שמייכעלט מיקיטאַ — דער חתן איז בילכער. צוויי פאַראָבקעס געדונגענע אַרבייטען ביי מיר. זי איז דאָך ביי מיר די באַלעבאָסטע אויך. מיין אַלטיטשקע „צאַרסטווא ניאַבעסנאָיע״*) איז שוין באַלד פינף יאָהר געשטאָר־בען. ווייסט דען ניט? איז אָט באַלעבאַטעוועט זי ביי מיר, מיין קאַ־טערינקאַ. דערלאַנגט דעם זיידען עסען. מיין אַלטיטשקען „באַט־קאָ״ הייסט עס. — ער זיצט אויף דער פריזבע און וואַרימט די קראַנקע פיסלעך, דער אַלטיטשקער. פונדעסטוועגען — מיין ניט!... אָט ערשט איז זי דאָ געווען און געהאָלפען מיר אַ שעה־צוויי. אינדערפריה האָט זי מיר אויך געהאָלפען. אַ גוטע מויד — כולאָ טע־ע באָזשע! **)

פון דעם גויס באַרעדעוודיגקייט און פון זיין טאָכטערס מעלות, האָט פאַנדרען גענומען ציהען אונטערן לעפעלע. ער האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטען.

— איך שטאַרב עסען! — גיט ער מיט אַ מאָל אַ ברום צו שמחהלען — קום!

— ווייסט אפשר ניט? — גיט שמחהלע פאַרזיכטיג אַ פרעג ביים גוי — מירן עפּעס קריגען צו עסען אין דאָרף? פאַר... פאַר געלט. קיין „כאַרטש״ ביז שקלאָוו ניט מיטגענומען.

---

*) עליה השלום.

**) געלויבט איז גאָט.

— עסען איז אַ גוטע זאַך...—איז מיקיטאַ מסכים—געה, סימ־כאַ (שמחה) צו מיר אַהיים! אַט דאָ אַראָפּ־פעלד, וועסט געפינען אַ שטעגעלע אין דאָרף אַריין. מיין קאַטערינקאַ וועט אייך געבען ברויט מיט קוואַס, אייער פרישע, אַן אוגערקע. אַלץ איז דאָ. וועסט זאָגען איך האָב געהייסען. און געלט — מען דאַרף ניט, סימכאַ! אַט וועט באַלד זיין חתונה ביי מיין קאַטקען, וועלען מיר קומען אין שטאָט איינקויפען. ביי דיר אין יאַטקע וועלען מיר אויך זיין. מירן זיך שוין אויסרעכענען, סימכאַ!

2.

קווער דורך מיקיטאַס פעלד, האָבען זיך די אָסטראָג־חברים אַראָפּגעלאָזט קיין מאַקאַראָווקי.

שטאָלץ איז מאַקאַראָווקי אויף איהרע ברויט־פעלדער, וועל־כע ליגען גוט אין דער זון, אויף שענע באַרג־אַראָפּען. דער וואַלד אַרום באַשיצט זיי פון צו שטאַרקע ווינטען און די זון ציהט צו זיך אַרויף די זאַנגען פריהער ווי אויף אַנדערע פעלדער איבער זעל־בען געגענט. די קאַרשען־בוימלעך, וועלכע גרענעצען דאָ אָפּ איין נחלה פון דער צווייטער, באַזאָרגען שקלאָוו מיט די ערשטע פּרות אויף "שהחיינו". דערפאַר אָבער, בשעת דער שניי שמעלצט זיך, ליידט מאַקאַראָווקי פון פאַרפלייצונגען. אַלע פריהלינג־וואַסערען לויפען זיך צונויף, אונטען אין דאָרף; מאַכען טייכלעך פון איהרע גאַסען און ברונימער — פון די שטאַלען. און ס'קומט אָפּטמאָל אויס צו ראַטעווען דעם סקאָט אויף די הויכע פעלדער אין די שייערען. ניטאָ קיין מעלות אָהן חסרונות.

— עס געהט אַ גאַנג, אַ? — אַזוי מאַכט שמחהלע צו פאַנדרען און פאַרקוועטשט אַן אויג.

פון שמחהלעס העויה גיט פאַנדרען אַ צופּ אין האַרצען. נאָר ער מאַכט זיך, אַז ער פאַרשטעהט ניט וואָס שמחהלע מיינט, אַז דאָס מיינט ער מיקיטאַס כאַטע מיט קאַטערינקען צוזאַמען... מאַכט פאַנדרע אַן אָנשטעל פון אַ הלעיטנו — אַ פרעסער, ביי וועמען

די קישקע שטעהט העכער פון אַלע זאַכען אויף דער וועלט. און גיט גראַבליך אַ ברום:

— כ'וואָלט שוין בעסער געהאַלטעןביים קוואַס מיט ברויט!

— פון שיקסעס האָסטו אַמאָל מעהר געהאַלטען! — גלויבט ניט שמחהלע, קוקט איהם אָן פון אַ זייט און הויבט איין פלייצע.

נאָר פאַנדרע ענטפערט ניט. אַ רויכעל איז איהם פאַרצויגען איבער די גרויע אויגען אונטער די שוואַרצע וויעס. שעפּטעלעס קאָניאַק שטעהט איהם נאָך אַ פּנים אין קאָפּ. און געה ווייס פון וואָס אַזאַ יונג טראַכט זיך, איילענדיג אין דאָרף אַריין, ווי נאָך ירושה.

פריהער איז אַרויסגעוואַקסען דאָס קליינטשינקע קלויסטערל, מיט אַ גרינעם קיילעכדיגען קנויל איבער זיין פּיראַמידע־דעכעל און מיט אַ מעשענעם צלם איבערן קנויל. דערנאָך האָבען זיך באַוויזען די ווייס־געפאַרבטע פענסטער־רעמלעך פונם זעלבען קלויסטערל.

וואָס נאָהענטער אַלץ קלאָרער איז געוואָרען, אַז דער קנויל איבערן קלויסטערל איז פריש געפאַרבט, און אַז זיין גרינע בלויליכקייט פאַסט זיך כלל ניט גוט צו דער אָפּגעבליאַקעוועטער גרינקייט פון זיין שינדעל דעכעל.

— עפּעס איז דער צלם נידעריגער געוואָרען! — וואונדערט זיך שמחהלע.

פאַנדרע, וועלכער איז נאָך האַרט פאַרן אָסטראָג אַרומגעפאָהרען מיט סענדערס פערד, איז געווען מעהר באַהאַוועט אין דעם וואָס עס קומט פאָר אין די אַרומיגע מקומות.

— האָסט ניט געהערט? שוין אַ מעשה פון צוויי יאָהר. אַ דונער איז אַריין, דורכן צלם, אין קלויסטער און פאַרברענט איהם דעם קיילעכדיגען קאָפּ. אַ יאָהר אפשר איז דאָס קלויסטערל געשטאַנען אָהן אַ קאָפּ. אַצינד, ווייזט אויס, האָט מען עס פון דאָס ניי צוגעשטוקעוועט. העט אַ גרינקייט פון אַ קאָפּ! פאַרטאַטשעס!

— עס געהט דיר, זעה איך, פאַנדרע, אום לעבען! — הויבט שמחהלע שפּאַטיש מיט די פלייצעס — ס'איז דיר אַ גרויסע נפקא מיני.

שמחהלע דער קצב האָט באמת ניט פאַרשטאַנען נח פאַנדרען,

װעלכער איז שױן אַזױ פיל אַרומגעפאָהרען דורך װאַלד און פעלד און האָט זיך געװעהנט צו די װײכע איבערגאַנגען פון קאָלירען אױף גאָטס װעלט... פאַנדרע האָט אָבער ניט געהאַט קײן װערטער, װי צו ערקלערען דאָס און האָט געשװיגען.

אונטען אַרום קלױסטער זײַנען דערװײל אױסגעװאַקסען די כאַטקעס מיט שטרױ באַדאַכט. פון הױכען פעלד האָבען דערפאַר די הײזקעס אױסגעזעהן װי פאַרשװאַרצטע, פאַר־דרײ־יאָהרעדיגע קופּעס שטרױ, מיט נאָך שװאַרצערע פּירקאַנטיגע לעכער אַרײַנצוגעהן. נאָר אײן כאַטע, אָן אַ זײט, איז געװען אַביסעל העכער, מיט אַ װײַסען קױמען און מיט שינדלען געדעקט.

— אָט דאָס איז מיקיטעס מלוכה! — האָט אָנגעװיזען שמחהלע.

פון משופּעדיגען אָפּגעשניטענעם פעלד האָבען זײ זיך אַראָפּגעלאָזט צום שטעגעלע, װאָס פיהרט שױן אין סאַמע דאָרף. זײ האָבען אָבער קײן צעהן טריט ניט געמאַכט און געמוזט שטעהן בלײַבען. אָנגעשפּיצט זיך. אַרומגעקוקט זיך. צו זײערע אױערען האָט דערגרײכט אַ טעמפּער שטױסען, װי מיט אַ הילצערנעם טוקאַטש אין אַ גרױסער מצה־שטױסעל. אָבער ניט אַזױ רעגעלמעסיג. אַמאָל אײנס נאָך אײנס. אַמאָל זעלטענער. און נאָך יעדען שטױס — אַ װײבערשער געשרײ מיט אַן אױפשרעק און מיט אַ קװיטש. און גלײַך אױף זײ, מיטן זעלבען שטעגעלע, זײַנען פון מיטען דאָרף געלאָפען אַ פּאָר שקצימלעך מיט אַנטבלױזטע לײַן־װײַסע קעפּלעך און אין לאַנגע לײַװענטענע העמדלעך. און נאָך די שקצימלעך, אין אײן לאַפּטיעלע און נאָכשלעפּענדיג אַ צװײטען פוס פאַרבונדען אין אַ סך אָנוטשעס, האָט זיך געשאַרט־געהאָצקעט אַ גױעלע מיט אַ גרױסען אָפּגעברענטען פליך אין אײנע הױזען און אַ העמד. לױפענדיג אַזױ האָט ער מיט אַ פאַרסמאַרקעטען שיטערינקען קולכעל געשריען סתם אין דער װעלט אַרײַן:

— מי־קי־טאַ—אַ!

פאַנדרע האָט שױן געװאָלט אַ לױף טאָן איהם אַנטקעגענפרעגען װאָס איז. נאָר שמחהלע האָט איהם אָנגעכאַפּט בײַם אַרבעל:

— אויב אַ שרפה — בין איך ניטאָ. געגוג וועט מיר זיין שרפות! און דיר — אויך...

— מען זעהט ניט קיין רויך! — קוקט זיך פאַנדרע גיך אַרום און גיט זיך פּאַרט אַ ריס צום אַלטיטשקען גויעלע.

דערזעהן אַ שטאַטישען מענשען, מיט באַשטיוועלטע פיס און אין טונקעלע קליידער, האָבען זיך די לויפענדיגע שקצימלעך אָפּגעשטעלט, אַריינגעשטעקט זיך די הענטלעך אין די מיילער און אין אַן אַנדער אָרט — אויך. געגומען רוקען זיך אויף הינטען... נאָר דער אַלטער גויעלע אַליין האָט גיכער געגומען שלעפען זיין קראַנקע פיסעל נאָך דער רירעווריגער לאַפּטיעלע און פון זיין שוואַרצען מויל האָבען זיך נאָך שרעקעדיגער געגומען רייסען די שיטעריגקע, אונבאַהאָלפענע אויסגעשרייען:

— טאַטקי! מאַטקי!... זאַביעט דעווקו. זאַביעט! (טאַטעלעך מאַמעלעך! ער וועט זי ממיתן די מויד. ער וועט זי ממיתן!).

— וואָס איז דיעד! — איז אויף איהם פאַנדרע אָנגעלאָפען מיט זיין גאַנצען וואוקס.

ציטערענדיג מיט אַלע אברים, האָט צו איהם דער אַלטיטשקער אַרויפגעשריען:

— זאַביעט יעטאַ קאַטערינקו... מאַ—אַטקי! (ער וועט זי ממיתן, קאַטערינקען, מאַמעלעך!)

— ווער? ווער ממיתט — שרייט איהם פאַנדרע איבער — קאַטערינקען?

— אַ, בוהאַי טרעקליאַטי, מאַט — (אַ בייק אַ פּאַרפלוכטער, מאַמ—).

פאַנדרע האָט גלייך תופס געווען, אַז דאָס שרייט צו איהם ניט קיין אַנדערער ווי קאַטערינקעס זיידעלע. דער זעלבער וואָס איז קראַנק אויף די פיסלעך און וואַרימט זיך אויף דער פריזבע, לויפט ער אַליין, הייסט דאָס, קראַנקערהייט, מיט די שקצימלעך, צו מיקיטען אין פעלד אַריין, כדי צו זוכען ראַטונעק. אַזוי שלעכט האַלט דאָס מיט קאַטערינקען?

ניט־וואַרטענדיג מעהר ביז דער אַלטיטשקער וועט זיך אָפּשפּייען און אָפּסמאַרקען, האָט פאַנדרע אַ וואָרף געטאָן זיין קלומיק

פון פלייצע, אַ געשריי געטאָן צו שמחהלען: „נעם!" און אַליין געלאָזען זיך לויפען צו דער גרויסער געשינדעלטער כאַטע, צו מיקיטעס היים אין עק דאָרף.

3.

ווייט לויפען איז פאַנדרען ניט אויסגעקומען. נאָך עטליכע שפּרונג האָט ער דערזעהן פאַר זיך אַ נידעריגען פּאַרקאַן, וואָס רינגעלט אַרום מיקיטעס באַשינדעלטע כאַטע. לעבען אָפענעם טויער, מיט אַ שטיק איינגעפאַלענעם פּאַרקאַן, ווייזט אויס — פון אימיצען אָקאַרשט איינגעריסען, האָט זיך געשטופּט אַ קופּקעלע דערשראָקענע אַלטע גויות און שקצימלעך; בכלל, אַלץ וואָס איז געבליבען שנים־צייט אינדערהיים. אַלע האָבען זיך געטומעלט, געצלמט זיך, געשריען, אַריינגעקוקט צושראָקען אין הויף און אָפּגעלאָפען אויף צוריק. פון הויף האָט זיך אַצינד דייטליך געטראָגען די שווערע שטויסען אין האַלץ אַריין און די האַרצרייסענדע געשרייען פון אַ יונגער גויע:

— מאַ—אַטקאַ!! ראַטויטשאַ!... (מאַ—מע! ראַטעוועט!)

ווי נאָר די אַלטע פויערטעס האָבען דערזעהן פאַנדרען לויפען, האָבען זיי צו איהם גענומען פאַכען מיט הענט און פאַרטוכער:

— סיודאַ! סיודאַ! (אַהער, אַהער!)

אַזוי ווי עס טרעפט זיך אָפטמאָל מיט מענשען, וואָס נעמען אַביסעל משקה אויפן ניכטערען האַרצען, אַפילו מיט שטאַרקע מענשען: זייער באַוואוסטזיין צוטיילט זיך אין אַ זיסען נעבעל, און איין „איך" ווינקט ליבליך צום צווייטען „איך" — אַזוי האָט זיך אַצינד אויך פאַנדרען אויסגעדוכט, אַז ניט ער אַליין לויפט, נאָר עפּעס אַ צווייטער פאַנדרע. ער אַליין לויפט נאָר מיט און קוקט זיך צו ווי „יענער" לויפט... און איז טשיקאַווע צו וויסען וואָס דערפון וועט דאָ אַרויסקומען... יעדער שרעק פאַר אַ סכנה איז פון איהם געווען ווייט. אַן אונבאַגרענעצטע דרייסטקייט האָט איהם באַהערשט, אַ אינגעלשע לייכטקייט האָט איהם געטראָגען. כמעט אַ

ליידענשאַפטליכען באַגעהר האָט ער געהאַט, אַז די סכּנה, אין איינ־ געבראָכענעם הויף, זאָל זיין וואָס גרעסער, דער ראַטונעק וואָס מען דאַרף דאָ געבען זאָל זיין וואָס שווערער. אדרבּא!... ער איז אַריבּערגעשפּרונגען איבּערן איינגעפאַלענעם שמיק פּאַרקאַן און ניט דורכן אָפענעם טויער. כּדי עס זאָל זיין וואָס שווערער... אויף די אַלטע „באַבעס״, וואָס פּאָכען און צלמען זיך, האָט ער זיך אַפילו ניט אומגעקוקט.

ווי נאָר ער איז אַריינגעשפּרונגען אין מיקיטעס הויף, האָט ער אויף דער ערד, ניט ווייט פון איינגעריסענעם פּאַרקאַן, קודם כּל דערזעהן דאָס בערעזאָווע קערבעלע מיט די צייטיגע בּרוסניצעס, וועלכע האָבען זיך איהם פריהער, אין דושנעם וואַלד, אַזוי געגלוסט. אַציינד זיינען די בּרוסניצעס געלעגען צושאָטענע, ווי ווילדע צווייגלעך קרעלען, און דאָס קערבּעלע — צוטאָפּטשעט. אַבּיסעל ווייטער, לעבען אַ סלופּ פון גאַנץ־געבּליבּענעם פּאַרקאַן, האָט זיך געריבען אַ שוואַרצע יונגע קוה מיט אַ ווייסען פלעק אויף איין ליטקע. זי האָט דערבּיי שטיל און פאַרשעמט גערעוועט, פאַרענט־ פערט זיך אַפנים פאַר עמיצען, וואָס דורך איהר בּהמהשער קאָקע־ טעריע און דורך איהר נישט אָנשטענדיגען קאַוואַליער, וועלכער האָט זיך געלאָזען פאַרפירן אַהער אין הויף, איז דעם באַלעבאָס גע־ שעהן אַזאַ היזק מיטן פּאַרקאַן. און אָט דאָרטען בּוקעט ער זיך נאָך, דער שענער בּחור, וויל עמיצען אומבּרענגען. און זי? וואָס זאָל זי אַציינד טאָן? זי איז דאָך נאָר אַ שוואַכע נקבה איז זי... מאָ—אָ!

ווייט זוכען דעם צעיושעטען „קאַוואַליער״ האָט פאַנדרע ניט באַדאַרפט. צווישען דער בּלינדער וואַנט פון מיקיטאַס כאַטע און צווישען פּאַרקאַן, איז געווען אָפּגעצוימט, מיט דיקע פלעקענער, אַ בּלומען־גערטעל. איבּער די נידעריגע פלעקענער האָבען יאָלדיש און זוניג־גליקליך אַריבּערגעקוקט האַלבּ־צייטיגע טעלער־גרויסע פּאָדסאָלניקעס. אויף אָט דעם צוים האָט זיך אָנגעזעצט אַ מוראדיג גרויסער בּוהאַי, איינגאַנצען מילך־ווייס מיט בּרייט־צובּויגענע שפּי־ ציגע הערנער. פון דער וואָלכישער פּאַראָדע. דעם בּאַוואָפענטען גרויסען קאָפּ האָט ער שטאַרק אַראָפּגעבּויגען פאַר וואוטה און אַזוי האָט ער געשטויסען, ווי אַ בּאַנומענער, זעץ נאָך זעץ. ער האָט קענ־

טיג אימיצען באַלאַגערט און געשטורעמט דעם צוים, ווי אַן אַלט־
מאָדישע פֿעסטונג, מיט אַן אײַזערנעם טאַראַן.

אַ שטיק צוים איז שוין געווען אַרײַנגעבויגען. אַ פּאָר קעפּ
פֿון די פּאָדסאָלניקעס זײַנען שוין געלעגען צוטאָפּטשעט אונטער
דעם בוהאַיס קלאָהען, און פֿאַרשעמט געשמייכעלט, ווי גראָב־באַ־
ליידיקטע, ניט־עכטע זונען... אָבער אַרײַנרײַסען זיך, מיטן גרויסען
גוף, דורכן פֿאַרבויגטען טייל פֿון צוים, האָט נאָך דער צעווילדע־
וועטער בוהאַי ניט געקענט. האָט ער דערפֿאַר געבוכצעט אָהן אויפֿ־
הער און מיט גרויס התמדה, מיט אַ פֿײַף געסאָפּעט פֿון געדראָלע־
נעם בויך אַרויס, דורך אָנגעבלאָזענע פֿאַרשוימטע נאָז־לעכער, און
ווילד געקייקעלט זײַנע בלוט־פֿאַרלאָפֿענע אויגען. פֿון דער זײַט
האָט עס אויסגעזעהן, אַז דער בוהאַי אַליין זעהט שוין ניט קלאָר
וואָס ער טוט דאָ, נאָר אַ בייזע אומגעלומפּערטע גבורה יאָגט איהם.
ער אַליין איז האַלב־משוגע פֿון זײַן אומגעלומפּערטקייט, אָבער
אויספֿיהרען מוז ער; מעג עס איהם קאָסטען פֿעל און הערנער!...
וואָס אויספֿיהרען?... ס׳אַלץ איינס. געבוקעט און געשטויסען זאָל
ווערען. זײַן גאַנצער בייקישער האָנאָר שטעהט דאָ אין שפּיל!

פֿאַנדרע איז פֿאַרזיכטיג פֿאַרלאָפֿען פֿון הינטען. און ערשט
דאָ האָט ער דערזעהן דעם אמתן ציל פֿון צעירושעטען בייק.
הינטערן צוים, אין סאַמע ענגען ווינקעל, צווישען פֿאַרקאַן און כאַ־
טע, האָט זיך אײַנגעטוליעט אַ באָרפֿיסע יונגע גויע. איהר פֿײַער־
רויטע קאָצאַווייקע איז געווען צושפּילעט, איהר בלוי־און־ראָז גע־
פּאַסעקט קליידעל — צוריסען. די כוסטע, מיט בלאַסע מאָהן־
בלומען אויף אַ שוואַרצען גרונט, האָט זיך איהר אַראָפּגעגליטש
אויף איין אַקסעל; און איבער דער כוסטע איז געלעגען אַראָפּגע־
קייקעלט אַ צופּלאָשעטער שווערער צאָפּ פֿון ברוינליך־גאָלדליכע
האָר, אַזוי דיק ווי אַ פֿויסט און געפֿלאָכטען ווי אַ קיטקע. קיין ספק
ניט: ס׳איז די זעלבע שיקסע וואָס איז פֿריהער אַזוי פֿאַרפֿירעריש
אַרויסגעלאָפֿען פֿון הייסען וואַלד מיט דער קערבעלע קיהלע ברוס־
ניצעס און וועלכע איז אַזוי מיידעלש־צושראָקען אַנטלאָפֿען פֿון זיי
ביידען... ס׳איז קאַטערינקאַ, מיקיטעס טאָכטער.

כדי אַוועקצונעמען און באַשיצען וואָס מעהר פֿון איהר פֿולען

בוך, האָט זיך קאַטערינקע אַריינגעשפּאַרט אין שאַרפן ווינקעל מיט איין זייט, און מיט ביידע הענט פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים. אָבער ניט צו זעהן אַזוי נאָהענט דאָס ווייסע שרעקעניש, די צעווילדעוועטע אויגען און באַהאָרענטען קאָפּ. זי האָט נאָר דריבנע געציטערט, גע־כאַפּט לופט דורך פאַרביסענע ליפּען, ווי אַ נאַקעטע אין פראָסט. איהר הויכע ברוסט האָט זיך גיך און קראַמפּפענדיג באַוועגט, און, נאָך יעדען געלונגענעם שטויס פון דעם מזיק, האָט זיך פון איהר פאַרביסענעם מויל אַרויסגעריסען אַ באַנומענער קול. פּונקט ווי דער בוהאַי וואָלט, מיט זיינע שפּיציגע הערנער, געטראָפען גיט אין האַר־טען האָלץ פון צוים, נאָר אין איהר ווייכען היפּט אַריין.

— מאַטקאָ! טאַ—אַטקאָ! — האָט זי געוואָיעט.

אָט די מענשליכע משונהדיגע קולות אויסגעמישט מיט דער בייסענדיגער רויטקייט פון דער קאַצאַווייקע, וועלכע באַוועגט זיך און ווינקט ביי יעדען געשריי, האָט, אַפּנים, נאָך מעהר צורייצט די בייקישע עקשנות. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ער, דער עלטסטער אין סטאַדע, מוז זי דאָ דורס זיין! איהם אַ טויט אָדער דער קאַצאַווייקע אַ טויט! זעץ! זעץ!

דער דיקער צוים האָט פּלוצלינג אַ קרעכץ געטאָן און איינגעפּאַ־לען. אויפגעריסענע שטיקער ערד האָבען אַ שאָס געטאָן דעם בוהאַי אין די אויגען,און איהם אַ רגעלע בלינד געמאַכט. דער האָרנדיגער קאָפּ האָט זיך ווילד אַ וויג־געגעבען פון אונטען אַרויף, דערנאָך אַראָפּ. אָפּגעטרייסעלט זיך פון דער פאַרבלענדעניש; און, מיט דער גאַנצער פופציג־פודיגער משא פון צעווילדעוועטע בלוט־און־פלייש און הערנער — אַ ריס געטאָן זיך איבער דער איינגעפאַלענער פעסטונג. אָט־אָ וועט ער זי, די גליהענדיג־רויטע חצופה, דורכשטע־כען...

נאָר זעה! וואָס איז דאָס? עמיצער אַ מוראדיג־שווערער, צווייי מאָל אַזוי שווער ווי ער אַליין, האָט זיך איהם אָנגעהאָנגען פון הינ־טען, ציהט איהם ביים עק אויף צוריק... פאַרן עק? איהם דעם שטאַרקסטען אין סטאַדע?... צוטרעטען, דערשטעכען, צוזעצען! מאָה—אָה!

ס'איז געווען די העכסטע צייט אָפּצושטעלען דעם מזיק. ניט־

קלערענדיג אַפּילו, ווי שטיפעריש און אונבאַזאָרגט ער באַנעמט זיך אין אַזאַ געפאַהר, האָט פּאַנדרע, אין דער לעצטער מינוט, אַ כאַפּ געטאָן דעם בוהאַי פאַרן שטייפען עק. דורכן לייכטען נעבעל פון קאָניאַק אין קאָפּ און אין די אויגען האָט זיך איהם, פּאַנדרען, נאָך אַלץ געדוכט, אַז ניט ער, נאָר אַן אַנדער פּאַנדרע טוט דאָס... כאַ־כאַ, אַ בייקישער עק איז באַקוועם אַנצוכאַפּען. אויבען איז ער דין און אונטען דיק און האָריג. ער גליטש זיך ניט פון די הענט. ציה, פּאַנדרע!

ער האָט די גאַנצע עקשנותדיגע משא פון לעבעדיגען פליישׁ האַסטיג אַ שלעפּ געטאָן צו זיך. פּאַרגעשטעלט זיך, אַז דאָס וויל ער אויסקערעווען אַ משא־פערד פון אַ שמאָלען טויער אַרויס. דער בוהאַי האָט אַ ציטער געטאָן אונטער אַזאַ אומגעריכטען, געהיימ־ניספולען כח, וואָס איז איהם באַפאַלען פון הינטען. ער איז שטעהן געבליבען צווישען פּאַרקאַן און כאַטע, צווישען דער רויטער קאַצאַ־וויקע וואָס וואַיעט און רייצט זיך מיט איהם און צווישען דעם שטו־מען שונא פון הינטען, ניט אַהער, ניט אַהין. זיין שטאַרקסטער אַנ־פּראַל, דער שטויס פון אַלע שטויסען, איז אַזוי מאָדנע געשטרוי־כעלט געוואָרען, אָפּגעהאַקט זיך ביים סאַמע ציל.

אָבער באַלד האָט דער ערשטוינטער בוהאַי געמאַכט אַ פּאָר טריט אויף צוריק, נאָך איין טריט — און ער איז אַרויס פון קלעם צווישען צוויי ווענט. און גאָר פּלוצלינג און מיט דער גאַנצער וואוט אַ וואָרף געטאָן מיטן האָרניגען קאָפּ צום נייעם שונא. זיין גאַנצע צעיושעטע פליישׁ־מאַסע האָט דערביי געשפּילט די ראָלע פון אַ טרייב־ראָד. און אָט די לעבדיגע, צעוויגטע באַרג האָט פּאַנדרען געגעבען אַ טראָג אין דער לופט, ווי אַ דרעה־ביינקעל אַרום אַ סלופּ פון „ריזען־טריט"... דאָס האָט איהם אָפּגעשאָקעלט פון האָריגען עק און אַ שליידער געטאָן מיטן דיט אַן פּאַרקאַן.

קיין צייט צו פאַרייבען דעם אָפּגעקלאַפּטען זייט האָט פּאַנדרע ניט געהאַט, וואָרים גלייך נאָכן שליידער האָט ער דערזעהן, ווי אַ פּאַרשליימטער קאָפּ מיט צוויי שפּיציגע הערנער דרעהען זיך צו איהם אויס, מיט אַ שנאָרך און מיט אַ כראָפּ און מיט ראָפּע ביים מויל. און צוויי רויטע פאַרגלייזטע אויגען זוכען איהם, דעם אַני־

דערגעפאַלענעם, מיט יענעם מוטנעם קוק פון אַ ווילדען מזיק, וואָס מאַכט שטאַרען דאָס בלוט אין אַלע אָדערען.

ערשט אַצינד האָט זיך פאַנדרע איינגאַנצען אויסגעטשוכעט. די זיסע פאַרע פונם קאָניאַק איז אַוועקגעפלויגען. פון ביידע צוטיילטע פאַנדרעס, פון דעם נעבעלדיגען, שטיפערישען און פון דעם אמתן, שטאַרקען און אויסגערעכענטען, וועלכער האָט זיך ביז אַהער בלויז צוגעקוקט, איז געוואָרען איין פאַנדרע. בליץ־שנעל האָט ער דערכאַפּט דעם אַנטרונענעם עק פון בוהאַי, אָנגעהאָנגען זיך אָן איהם און ווידער געלאָזען זיך מיטשלעפּען. דער הויכער פליישיגער רוקען פונם מזיק האָט זיך אַצינד פאַרוואַנדעלט פאַר איהם אין אַ מין דרעה־באַריקאַדע, קעגן די מאוימדיגע הערנער וואָס יאָגען זיך נאָך איהם.

דער בוהאַי, וועלכער האָט שוין געמיינט, אַז אָט, אָט דורס׳ט ער זיין שונא, האָט דערפיהלט, אַז די אַראָפּגעשליידערטע משא האָט זיך ווידער אָנגעהאָנגען פון הינטען און בויגט איהם די הינטערשטע פיס צו דער ערד. דאָס האָט איהם איינגאַנצען משוגע געמאַכט. ער האָט גענומען פאָבריקעווען, דריגען מיט די הינטערשטע און פאָדערשטע קלאָהען, ווי אַבייזער פערד, וואָס וויל פון זיך אַראָפּוואַרפען אַ צו־שווערען רייטער. ער האָט זיך נאָך דערביי געדרעהט אין קרייז, אַרום זיך אַליין, און וואוטיג, מיט געשליינגעלטע באַוועגונגען, געוואָרפען מיט די הערנער פון רעכטס נאָך לינקס און פון לינקס נאָך רעכטס. פון אָט די אַלע דריי האַסטיגע תנועות צוזאַמען האָט זיך באַקומען אַ מין נכפי־געדרעה, אַ כאָלערע־געשלענגעל פון איין גרויסען האָריגען גוף. און פאַנדרען איז אונמעגליך געוואָרען עפּעס אונטערצונעמען, אויסצורעכענען וואָס ניט איז אין אַזאַ ווילדען מיש־מאַש...

אָנגעהאַנגען אָן עק, האָט ער זיך געמוזט מיטדרעהען, ווי ס׳האָט זיך געלאָזען. מענש און בהמה האָבען זיך אויסגעמישט. איין רגע האָט זיך פאַנדרע דערמאָנט אָן דעם ביי׳עם נגידס בהמה, ווי ער לויפט מיט איהר, פאַרפלאָכטען מיט איהרע הינטערשטע קלאָהען פון ברענענדיגען שטאַל. נאָר דאָרטען האָט ע ר געשלעפּט און דאָ — שלעפּט מען איהם... איהם פאַנדרען.

דאָס גערדעה ווערט ווילדער. ער לויפּט־מיט און עס שווינד־לען איהם פאַר די אויגען צוים און כאַטע און פאַרקאַן און אָנגע־לאָפּענע מענשען אין הויף. און ווידער דער איינגעריסענער צוים מיט אַ רויטען אויפבליצען פון קאַטערינאַס קאַצאַווייקע... ס'איז דיר ניט דעם נייעם־נגידס בהמה, פאַנדרע!

.4

דער געדאַנק, אַז די שענע קאַטערינקא קוקט זיך אַצינד צו, אין וואָס פאַר אַ אינגעלש־אונבאַהאָלפענער לאַגע ער, פאַנדרע, דער גרויסער גיבור, איז דאָ אַריינגעפאַלען, האָט איהם ווי מיט אַ האָרן אַ שטויס געטאָן אין צוהיצטען קאָפּ... דער מאַנסבילשער האַנאָר זיינער האָט זיך אין איהם אויפגעכאַפּט. עס מעג איהם קאָסטען דאָס לעבען, אָבער דער געצוואונגענער קאַראַהאַד, מיטן בוהאַי, מוז אויפ־הערען, און — גלייך אויף אַן אָרט. נאַכטאַנצענדיג, ווי אַ באַנו־מענער הינטערן בוהאַי, מיטן עק פאַרקלעמט אין ביידע הענט, האָט ער מיט די אויגען גיך אָפּגעזוכט אַ פריי שטיקעל אָרט, כדי דער מזיק זאָל איהם ניט אַ שליידער טאָן אַן אַ האַרטע זאַך. און פּלוצ־לינג — ברייט אַ שטעל־געגעבען ביידע פיס, אָפּגעלאָזען דעם עק, און, אין איין אָטעם, אַ וואָרף געטאָן זיך צום מיטען בויך פון בוהאַי. פון דער פּראַקטיק האָט פאַנדרע געוואוסט, ווי שווער עס איז אויסצו־קראַצען דעם איילענבויגען מיט איין און דערזעלבער האַנט... פּונקט אַזוי שווער מוז זיין דעם בוהאַי צו דערשטעכען איהם מיט די הער־נער, אויב ער וועט זיך איהם צוטוליען צום בויך, ביז ער וועט גע־פינען אַן אויסוועג... אויף יעדענפאַלס האָט ער אוסגעשטרעקט ביי־דע הענט אָפּצושלאָגען אַ צו־פּלוצליכען שמויס אין האַרצען.

פון דער פּלוצליכער לייכטקייט אין עק און פון דער האַרטער באַריהרונג אין זייט, האָט זיך דער בוהאַי דערשראָקען, אָפּגעשפּרונ־גען אַ פּאָר טריט, און זיינע מוטנע אויגען האָבען גענומען זוכען דעם, וועלכער טרייבט מיט איהם אַזעלכע בייזע קאַטאָוועסען. אַצינד האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע שפּיל. פאַנדרע איז מעהר ניט געווען

דער שווערער וואָרף־שטיין אויפן עק, נאָר די אַקס אַליין; די אַקס פון דעם מזיקס באַוועגונגען. דער בוהאַי גיט זיך אַ וואָרף און צילט מיט די הערנער און פאַנדרע גיט אַ שפרונג און טוליעט זיך איהם צו צום מיטען בויך. געה, שטעך די אייגענע ליטקע!

פאַנדרען האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַרויפשפּרינגען אויפן ווייסען רוקען, אויסרוהען זיך אַ ווײַלע, נאָר ס'האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. דער בוהאַי איז פאָרט געווען פלינקער. נאָכדרעהענדיג זיך אַזוי, נאָכן שונא, האָט ער פאַנדרען געטראָפען מיטן פלאַך פון האָרן אין איין זייט. דאָס האָט געווירקט ווי אַ פּאַך פון אַ קלאָץ, אָבער ניט ווי אַ האָרן־שפּיז. פאַנדרע האָט אַ פאַל געטאָן. אַ געוואַלד האָט זיך אויפגעהויבען אין הויף. אַ וואָיען פון אַלטע „באַבעס״: בראָפּאָוו סאַרדעשני! (פאַרלוירען דער האַרציגער!). דעם אַנידערפאַל צווישען דעם בוהאַיס קלאָהען, האָט אָבער פאַנדרע פלינק אויסגעניצט: פלאַך אַ וואָרף געטאָן זיך אויף קניע און אײַלענבויגענס און אַזוי דורכגעשפּרונגען ווי אַ זשאַבע, דורכן בוהאַיס דריגענדיגע פיס, אויפן צווייטען זייט. ס'איז געווען דיזעלבע זאַך, ווי דורכצולויפען צווישען די רעדער פון אַ גיך־פאָהרענדיגען וואָגען. נאָר ס'האָט זיך איהם איינגעגעבען. די גרויסע געפאַהר האָט איהם געמאַכט שאַרף אויף יעדען פרייען וויערשאָק ערד, צווישען דעם בוהאַיס פיסנאָגעס.

די בלוט־פאַרגאָסענע אויגען פונם מזיק האָבען דעם צוויי־פיסיגען שונא געזוכט אַצינד אויף דער סאַמע ערד. אָט דאָ רעכטס איז ער דאָך אַנידערגעפאַלען דער ריהרעוודיגער שונא! מהאָ? וואו איז ער דאָס דאָ?

אין אָט דער רגע פון שנאָרכען און זוכען איהם ר ע כ ט ס איז גאָר פאַנדרע אויפגעשפּרונגען פון דער ל י נ ק ע ר זייט. מיט דער זעלבער בויגיגער פלינקייט פון אַן אַריבערגעבויגטער שטאָ־לענער ספּרונזשינע, ווי ער איז שוין אַמאָל אויפגעשפּרונגען צו דער־לאַנגען דעם אַ סך העכערען טשורילאָ־קאַטאַרזשניק אין דער ברייטער מאָרדע אַריין, איז ער אויך אַצינד אויפגעשפּרונגען און אָנגע־כאַפּט דעם בוהאַי מיטביידע שווערע לאַפּעס פאַר איין האָרן.

— דערזשי! (האַלט) — אַזוי האָט פאַנדרע גראָב־גויעש אַ ברום געטאָן, כדי זיך אַליין צו־צוגעבען מוט. ער האָט זיך קרום איינגע־

שפּאַרט מיט איין שטיוועל אין דער ערד און אַ רייסענדיקען בויג גע־
טאָן דעם בוהאַיס קאָפּ, מיטן גאַנצען כּח און מיט דער גאַנצער וואָג פון
גוף, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּבויגען אָן איינגעזשאַווערטען הוי־
בעל, אָפּברעכען אַ העלפט פון אַ ריזיגער פּאַדקאָווע. דעם בוהאַיס
הערנער האָבען טאַקע אַזוי אויסגעזעהן...

אַ ברײלענדיקער כריפּ פון גרויסע נאָז־לעכער אוז פון אַ מויל
מיט ראָפּע האָט אויפגעשאָלט. די גרויסע פיר־קאַנטיגע קאָפּ פונם
מזיק האָט פּאַמעליך נאָכגעגעבען. איין בלוטיגע אויג האָט זיך אויס־
געדרעהט אַרויף און דער אָנגעכאַפּטער האָרן האָט זיך אַראָפּגעבוי־
גען. דאָס האָט פּאַנדרע ווידער אויסגענוצט, איבערגעוואָרפען איין
האַנט צום צווייטען האָרן און מיט אַגעוואַלטיגער אָנשטרענגונג גע־
נומען אויסדרעהען דעם בוהאַיס פּאַרשוימטע מאָרדע צום הימעל
און די שפּיצען הערנער צו דער ערד.

דער מזיק האָט פּאַרדאָפּעלט זיינע כּחות אַרויסצודרעהען זיך
פון מאָוימדיגען נאַקען־ברעכענדיקען צוואַנג. ער האָט זיך אויך איינ־
געשפּאַרט מיט אַלע פיער קלאָהען אין דער קרום, און מיט זיין גאַנ־
צער משא אָנגעלעהנט זיך, דורך די פּאַרכאַפּטע הערנער, אויף
פּאַנדרעס הענט. דערביי געמאַכט קורצע און שניידענדיגע באַוועגונ־
גען מיט זיין אַרשין־דיקען האַלז. ווי קורצע און ערשיטערנדיגע פּול־
ווער־אויפרייסען האָבען זיך די דאָזיגע האַלז־באַוועגונגען איבער־
געגעבען אין פּאַנדרעס אָנגעשטרענגטע אָרעמס. און אויסגעהאַלטען
האָט ער, אי די שווערע משא אי די שליידער־באַוועגונגען, נאָר
דערפאַר, ווייל מיט יעדען צוק פון מזיקס האַלז האָט ער, פּאַנדרע,
פונקט אַזוי פיל פּאַרדאָפּעלט די קראַפט פון זיינע אייגענע לאָפּעס,
אויסרוהענדיג זיך נאָך איין סעקונדעלע צווישען איין צוקען און
צווייטען. די גרויסע אָנשטרענגונג האָט זיך אַזוי איבערגעוואָרפען
ווי אַ פופציג־פודיגער אומרוה פון די מענשליכע הענט אין די הער־
נער, און פון די הערנער אין די מענשליכע הענט. און פּאַנדרע האָט
געפיהלט, אַז אָט־אָט מוז עפּעס געשעהן. אָדער זיינע אָרעמס רייסען
זיך איהם אַרויס פון די פּלייצעס, אָדער דער האַלז פון בוהאַי
רייסט זיך אַרויס פון דער ברייטער בהמהשער ברוסט.

אמת, אין זיין אַמאָליגער פּראַקטיק אין שעכט־הויז, פאַרן פרי־

זיוו, איז איהם ניט איינמאָל אויסגעקומען אַוועקצולעגען אַזאַ גרויסען אָקס צו דער שחיטה. אָבער דאָרטען זייגען עס געווען געפּענטעטע אָקסען, טעמפּע קאַסטרירטע באַשעפענישען. פוילע איבערגעקאָרמעטע און האַלב שיכּורע פון דער זיסער בריי אין ברויז. און דאָ — אַ ווילדער, פייערדיגער זכר, אַ פרייער צולאָזענער בוהאַי, וואָס דאַרף האַלט אין סטאַדע אויף „פּלאַד’’; צודייצט און צואַכמערט פון צופיל אָפּגעבען זיך מיט צעהנדליגע דאָרפישע בהמות... פינף שחיטה אָקסען זייגען ניט אַזוי פלינק און ניט אַזוי שטאַרק ווי אַט דער פופציג־פודיגער מזיק.

כּדי צו האַלטען מוט, האָט פאַנדרע, מיט אַ גרויסען אָנשטרענגען פון ווילען, פאַרגעשטעלט זיך, אַז דאָס איז אויך אַ שחיטה־אָקס, אַז ער מוז איהם גוט האַלטען און פלאַך אַוועקלעגען אויף דער ערד, אַז ניט... אַז ניט וועט ער טריף ווערען. ער טאָר זיך ניט וואַרפען בשעת שחיטה, ער טאָר ניט...

דער שטומער צוויי־קאַמף פון „ווער וועמען’’ האָט אַזוי אָנגעהאַלטען אַ גוטע מינוט. דער שוויס האָט פאַנדרען געשאָסען פון אַלע הויט־לעכלעך און געבלענדט די אויגען ווי הייסע זאַלץ־וואַסער. ביידע, מענש און בהמה, האָבען טיף און מאוימדיג געקרעכצט. האָט פאַנדרע צוזאַמענגענומען די לעצטע כּחות און נאָכאַמאָל אַ ריס געטאָן דעם בוהאַיס קאָפּ, אַראָפּ צו דער ערד. דער איבערברוך איז געקומען. דאָס ווילדע צוקען אין מזיקס האַלז האָט אויפגעהערט. פאַנדרע האָט דאָס גלייך דערשפּירט און איבערגעביטען זיין פּאָזע. אָנשטאָט צו שטעהן מיט איין זייט צום האָרנדיגען קאָפּ, האָט ער זיך געשטעלט א י ב ע ר איהם. איבערגערוקט איין שטיוועל און צוזומען ביידע פיס ווי אַ גרויסע שער. אַזוי האָט ער געוואונען מעהר געוויכט איבער זיין ווילדען געגנער. נאָך איין וויילעטשקע — און אַ גרויסע צונג האָט זיך ווייך אַרויסגעגליטשט פון פיר־קאַנטיגען מויל, אַראָפּגעלאָזען זיך ווי אַ טויטער לעקער וואָס מ׳העגנט אויף צום רויכערן. אַ שטראָם מיט ראָפּע האָט אַ שפּאַר געטאָן פון איין זייט מויל. די בלוטיגע אויגען האָבען זיך האַלב־צוגעמאַכט, די קלאָהען — אָפּגעלאָזט. און די פופציג־פודיגע פלייש־מאַסע האָט געגעבען אַ קלאַציגען פאַל אויף איין זייט, אויסגעצויגען זיך ווי

גרויס זי איז. דער אַנגבלאָזענער ווייסער בויך האָט טעמפּ געמאַכט: „בום״, ווי אַ שלעכט־אָנגעצויגענער קעסעל־פּויק.

אָבער פאַנדרע איז נאָך אַלץ שטעהן געבליבען איבערן אַני־דערגעפאַלענעם ריז. ווידער אָנגעכאַפּט איהם און פעסט געהאַלטען ביי איין סטאַרטשענדען האָרן, ער זאָל נאָכאַמאָל ניט אויפשפּרינגען. אין ביידע פּלייצעס האָט ער געפיהלט אַ שטאַרקען וועהטאָג. דער געזאַלצענער שווייס האָט איהם די אויגען געגעסען. אַן אויפגעבלאָזענע ווייסע באַרג האָט זיך כריפּענדיג באַוועגט אין אָט דער בלענ־דעניש. דעם בוהאַיס בויך איז דאָס געוועזן. נאָר פאַנדרען האָט זיך יאָך אַלץ געדוכט, אַז די לעבעדיגע משא וואַרפט זיך אויף איהם, שפּרינגט איהם אין די פאַרלאָפענע אויגען. ניין, ער קען איהם נאָך ניט פאַרטרויען, דעם געפאַלענעם מזיק!

ערשט אַצינד איז שמחהלע טורערו צוגעלאָפען מיט זיין לאַנ־גען אָפּגעלאָזענעם גאַרטעל. קאַטערינקע און די אַנגעלאָפענע באַבעס אין הויף האָבען אויך צוגעטראָגען שטריק. דער אַלטיטשקער גויע־צעל, מיקיטאַס „באַטקאַ״, איז פון ערגעצוואו צוגעקראָכען מיט איין לאַפּטיעלע און צוכראַבּרעט זיך:

— בינדט איהם, קינדער, בינדט איהם! — אַזוי האָט ער געקאָמאַנדעוועט מיט זיין שיטערינקען קולכעל און געשטופּט זיך אַלעמען צווישען די פיס.

מ׳האָט דעם בוהאַיס האַלז און הערנער אַרומגעפלאָנטערט מיט שטריק. אומגעלומפּערט געבונדען איהם אָהן אַ טאַלק, ווי צושראָ־קענע ליליפּוטען טוען מיט אַ געפאַנגענעם ריז. דעם לאַנגען עק פון שטריק האָט מען פעסט אָנגעבונדען אָן אַ סלופּ.

דערשיטערט פון דער איבערנאַטירליכער קראַפט, וואָס האָט איהם אַנידערגעוואָרפען, איז דער גרויסער בוהאַי געלעגען ווי אַ באַ־צויבערטער און געלאָזען טאָן איבער זיך וואָס מען האָט געוואָלט. ער האָט נאָר בהמהש פערוואונדערט געגלאָצט מיט די גרויסע אויגען, וועלכע זיינען יעצט געוועזן נאַס פון בייקישע טרערען. ער האָט אפּי־לו ניט געקלערט אויפצושפּרינגען. מיט אַן אַרויסגעהאַנגענער צונג איז ער רוהיג געלעגען און די געהיימניספולע איבערקראַפט האָט זיך נאָך געטראָגען איבער איהם...

אויף דער ערד לעבען איהם, און ניט וועניגער מאַט פון איהם, איז אַן איינגעקאָרטשעטער געזועסען — פאַנדרע. ווי נאָר מ׳האָט דעם בייקס הערנער פאַרכאַפּט מיט שטריק, האָט ער זיך אַ זעץ געטאָן, כמעט אַ פאַל געגעבען, אויפן געזעס; און אַזוי איז ער זיצען געבליבען, מיט אַראָפּגעלאָזענע אָרעמס און פלייצעס, שווער גע־כאַפּט דעם אָטעם און דעם געזאַלצענעם שווייס געלאָזען רינען, אין די אויגען. קיין השק ניט געהאַט אַפּילו אַ וויש צו טאָן זיך. זאָל עס רינען!... נייך, אַזוי מיד האָט ער זיך ניט געפיהלט אַפּילו דעמאָלט, אין אָסטראָג, ווען ער איז מיט אַ צעשונדענער גאָמבע אויפגעשטאַ־נען נאָך אָוועקלעגען פלאַך אויפן דיל טשורילאָ דעם קאַטאָרזשניק...

מיקיטעס שוואַרצע קוה, מיט דעם ווייסען פלעק אויף דער ליטקע, האָט זיך נאָך אַלץ געריבען אָן אַ סלופּ ביים איינגעריסענעם טייל פון פּאַרקאָן, האָט נעביך בהמהש און מיט חרטה געקרעכצט אין טיפען בויך. פאַרענטפערט זיך אַפּנים, וואָס איהר מגושמ־דיגער ווייסער קאַוואַליער האָט דאָ אָנגעמאַכט אַזאַ טאַראַראַם:

— מאָ—אָ!... אָסור אויב איך בין שולדיג...

קאַטערינושקאַ

.1

בײַ דעם דעמבענעם נאַקעטען טישעל, אונטער אַ ווילדען באַ־רענבוים, אין מיקיטעס הויף, האָבען זיך ברייטליך צעזעצט פּאַנדרע און שמחהלע און געלאָזען זיך וואוילגעהן. קאַטערינקאַ, אַ צופלאַמטע, אַ פריש־איבערגעטאָנענע, האָט זיי באַדינט. און געטאָן האָט זי דאָס מיט דער גאַנצער דאַנקבאַרקייט פון אַ גוטמוטיגער גויע, וועלכע מ׳האָט אָקאָרשט געראַטעוועט פון אַ בייזער סכּנה.

דער שטיק פּאַרקאָן לעבען טויער, וואָס דער צעווילדעוועטער בוהאַי האָט איינגעשטויסען, האָט מען, ווי־ניט־איז און אויף דער־וויל צורעכט־געמאַכט; מען האָט צוטריבען די נייגעריגע דאָרף־„באָבעס" מיט די שקצימלעך. דער שולדיגער אינם גאַנצען האַר־מידער, דער מילך־ווייסער בוהאַי אַליין, איז שוין געשטאַנען אַצינד אויף אַלע פיער קלאָהען, אַ האַלב געפּענטעטער און אַ צוגעבונדענער האָט ער געגלאָצט מיט בייקיש־פאַרווײנטע אויגען און געלעקט די שליימיגע ראָפּע אַרום מויל. קוקענדיג אויף איהם האָט טרויעריג געמוקעט מיקיטעס שוואַרצע קוה. איז אָט ווי עס האָט זיך געענ־דיגט דער גאַנצער ראַנדעוואו מיט דעם ליבען גרויסע בוהאַי. מענ־שען האָבען ניט פאַרגונען!... דער קאַוואַליער שטעהט אַ געפּענ־טעטער. און זי אַליין — מוה! וועה צו איהרע בהמהשע יאָהרען... זי ווייסט, אַז מ׳האָט שוין עמיצען אַוועקגעשיקט אויף דער לאַנקע נאָך מיטרען דער פּאַסטוך. אַ פלאַקס־קעפּיגער שגצל איז הענדום־

פענדום אַוועקגעלאָפּען... מוה! און מיטרע וועט מסתמא באַלד קו־
מען מיט דער לאַנגער קבאַקעדיגער בייטש, וועלכע דערלאַנגט ווייט,
און „בייסט" זיך פאַר אַ מייל...

אָבער די מענשען אונטערן באַרענבוים האָבען זיך, ווייזט אויס,
וועניג וואָס געקימערט איבער דער קוה און איהר געליבטען. א"יפן
שלעכט־אָפּגעהובעלטען טיש איז געווען אָנגעשטעלט די גאַנצע
ברכה פון דאָרף: אַן אָנגעהויבענער לאַבען האַלב־פרישער קאָרענער
ברויט אויסגעטונקט אין צוגעברענטען מעהל, איבערגעצויגען מיט
ברוינע שפּעלטעלעך און פאַרלענגערט, אויף איין זייט, דורך אַ רוי־
הען זשליפּיעץ. די גאַנצע געשמאַקייט האָט דאָ דאָכט זיך, אויס־
געשאָסען אין דער הייסער אויוועז; דורך מעהל און ברויט־קאָרע
דורכגעריסען זיך און אַזוי פאַרבאַקען געוואָרען...

גרינע אוגערקעס מיט בולבעוואַטע זיסע נעזער און מיט פאַר־
צויגענע ביטערע נאָפּלען, אָקאָרשט פון בייט. אַזוי ווי זיי וואַקסען
סוף־זומער אין גאָרטען אַזוי זיינען זיי דערלאַנגט געוואָרען...

אַ בכבודיגער רעטאַך, אַזוי גרויס און לאַנג און שפּיציג ווי
מיקיטעס באָרד... זיין גרינע טשופּרינע, מיט אַ שטיק האַרטען קאָפּ,
האָט קאַטערינאַ אָפּגעשניטען. אַ געקעפּטען דערלאַנגט צום טיש. און
זיין געזונטע ווייסקייט האָט זיך אַצינד אַרויסגעטיילט פון דער ער־
דיגער שאָלעכץ, ווי אַ קיילעכדיגער שטיק מירמעלשטיין פון
אַ שוואַרצען רעמעל.

געבאַקענע קאַרטאָפּליעס אין די פעלצלעך. לעדערדיגע און
קנאַקענדיגע. שווערע ערדיגע בייטעלאַך פול מיט שפּייז און אָהן
אַ שלעסעל... זייער ערד־ריח לאָזען זיי הערען ערשט דאַמאָלסט,
ווען מען גיט זיי אַפּעטיטליך אַ קייקעל צווישען ביידע דלאָניעס
זיי זאָלען ווייכער ווערען... און אַז מען ברעכט זיי אויף, גיבען זיך
אַ שפּאַר זייערע מעהליגע געדערים, פון דער אַשיגער שאָלעכץ
אַרויס, אין אַ לייכטער שמעקעדיגער פאַרע. אַזוי באַזאַלצט מען זיי
און אַזוי דערטראָגט מען זיי, ווי איבערגעפילטע בעכער צו די
ליפּען. מן פון הימעל קען מחיהדיגער ניט זיין!

אייער, האַרט־געקאָכטע אין ציבעלע שאָלעכץ, אויפן דאָרפּי־
שען שטייגער, כדי צוצוגעבען זייער טויטער ווייסקייט אַ קאָליר

פון פלייש. אַזאַ אָפּגעפּאַרבטע שאָלעכץ פון אַן איי בּרעכט זיך אויף מיט גאָר אַן אַנדער חשק, און די גלאַנציק־בּלויליכע ווייסקייט פון האַרטען ווייסעל — קוקט אַרויס לעבּעדיגער, אַנציהענדער. ווי אַ געזונטע בּרוסט פון אַ קופּערנעם פּאַנצערעל.

אין אַ טונקעל־גרויער ערדענער שיסעלע האָט געלבּליך געלויכטען די פעטע דאָרפישע סמעטענע. פול מיט דער קיהלקייט פון פירהויז, פון וואַנען קאַטערינאַ האָט עס אַרויסגעטראָגען, און מיט דער זאַטקייט פון זומערדיגער פּאַשע.

אַ בּינטעל גרינע ציבּעלעס מיט איבּערגעצייטיגטע „סטרעלקעס״ צווישען די גרינע הילזען, האָט זיך ווייס־גרין און בּיטער־זיס צופּעכערט אויפן עק טיש און ממש געבּעטען זיך, מען זאָל אָפּבּייסען די וואָרצעלדיגע ווייסע בּערד און טונקען אין זאַלץ.

אין אַ הילצערנעם רוסיש־געלאַקטען שיסעל האָט זיך געטורעמט אַ גרויסער הויפען מאַלאָסאָלנע אוגערקעס, וואָס האָבּען שוין פאַרלאָרען זייער גרינקייט און געוואונען אין געשמאַק און ריח. זיי זיינען געווען איבּערגעגאָסען מיט ווייניגען ראָסעל און בּאַשאָטען מיט „אוקראָפּ״־קערענדלעך.

אַ גרויסער ליימענער קרוג, מיט בּרויט־קוואַס, איז דאָ אויך געשטאַנען. און אין קרומליכע, צוויי־קאָפּיקענע גלעזער האָט ער זיך געגאָסען ווי מוטנער אַלטער בּורשטין. זיין גרינליכער שוים האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטען. ער איז בּאַלד נאָכן אָנגיסען צוגאַנגען אין דער אייגענער שטאַרקייט און קיהלקייט.

אַלס אַ פאַרבּייסען האָט קאַטערינקאַ צוגעטראָגען, אין אַ קליין מולטערל, דעם בּעסטען דאָרפישען „קאָמפּאָט״ — פרישע בּיהנען־האָניג אין „סאָטעס״, וואו די זעקס־קאַנטיגע אידעלע וואַקס־קעמערלעך, גאַנצע און צובּראָכענע, קלעטערען שטאָק אויף שטאָק. פון אַלע „שטאָקען״ פליסט האָניג און אַלע קעמערלעך שווימען אין אַ דורכזיכטיגע זיסע פליסיגקייט. לויטן אויסזעהן און ריח האָט מען געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דער אמתער „ליפּיעץ״, וואָס די בּיהנען קלייבּען צונויף בּשעת די ליפּעס (לינדען) בּליהען. אַ האָניג, וועלכער צוקערט קיינמאָל ניט און נעמט דורך די בּיינער מיט זיין אָנשטעקעדיגען, פעטליכען גערוך. און ווירקליך, ווי נאָר קאַטערינ־

קאַ האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס פולע מולטערל האָט ער גלייך פאַר־שמעקט דעם גאַנצען טיש און פּאַרטויבט די גראַבליכע ריחות פון די אַנדערע שפּייזן. אַפילו די מאַלאָסאַלנע אוגערקעס און גרינע ציבעלעס האָבן זיך גענומען אָפּגעבען מיט „ליפּיעץ״.

איבער אָט די אַלע ריחות, קאָלירען און טעמים האָט זיך אַצינד אויסגעטיילט, גאַר באַזונדערס, קאַטערינאַס לאַכענדיגער פּנים, איה־רע קיילעכדיגע פּלייצעס, איהרע טאַנצענדיגע היפטען, איהרע טיף־רויטע ליפּען איבער די שאַרפע ציינער און איהרע בלאַסע קרעלען איבער איהר אָפּגעברענטען האַלז. איהרע קאַרע אויגען אונטער לאַנגע באַגולדעטע וויעס און איהרע קופּערנע עקעלעך האָר פּ׳ן אונטער דער שוואַרצער קאָפּ־כוסטע מיט ראַזעווע מאָהן־בלומען. מ׳האָט באַשיינפּערליך געזעהן, אַז ז י איז דאָס דער פּועל־יוצא פון אָט דער גאַנצער קאָלירטער שפע אויפן טיש. אויף אָט די אַלע ברכות פון דער ערד האָט זי זיך אויפגהאָדעוועט און זיי אַלע־מען אַריינגענומען אין איהרע יונגע אברים. די ווייסקייט פון רע־טאַך, די ברוינקייט פון ברויט, די זאַפטיגקייט פון אוגערקעס, די פעטקייט פון סמעטענע, די ווייכקייט פון די מעהליגע הייסע בול־בעס און די האַרטקייט פון די געקאָכטע אייער. און דער איבער־פלוס פון געזונט און יוגענט גיסט זיך זיס און דורכזיכטיג, ווי דער ליפּיעץ־האָניג, איבער איהרע לאַכענדיגע ליפּען.

זינט פּאַנדרע און שמחהלע זיינען אַוועק אין אָסטראָג, האָבען זיי ביידע אַזאַ פאַרביגע, שמעקענדיגע און זאַפטיגע שפע אויף איינ־מאָל ניט געזעהן. אַלע פינף חושים פון אונזערע באַפרייטע אויס־געהונגערטע אַרעסטאַנטען האָבען זיך אויפגעעפענט, אַזוי צו זאָגען, כדי איינצוזעהמען אין זיך די ברכה פון דאָרף. וואָס מעהר זאַפט און זומער אַריינגעמען אין זיך, נאָך אַנדערהאַלבען יאָהר חזירשען באָרשץ אין טורמע. יעטוועדער חוש האָט זיך אַצינד געקוויקט אויף זיין שטייגער. די אויגען האָבען זשעדנע געשלונגען די זאַטע שוואַרצ־קייט פונם קאַרענעם ברויט מיט דער מעהליגער קאַרע פון אויבען; די געפּאַסעקטע גרינקייט פון די זיסע אוגערקעס, דעם גאַלדענעם גלאַנץ פון האָניג, די העלפאַנטביין־ווייסקייט פון דער סמעטענע און דעם פאַרצעלייענעם גלאַנץ פון די האַרט־געקאָכטע, האַלב־געשייל־

טע אייער. די אויגען זיינען איבערגעלאָפען פון קאַליר צו קאַליר און ביט געוואוסט אויף וואָס פריהער אָפצושטעלען זיך. די מתנות פונם זומער האָבען זיך דאָ צופעכערט אויפן פוירעשען טיש, ווי דער עק פון אַ פּאָווע, אַראָפּגעהאַנגען איבער זיינע ברעגעס, ווי פון אַן אי־בערגעלאָדענער קאָרב, פול מיט גוטע זאַכען.

די נאָזלעכער האָבען טיף אין זיך געצויגען די באַזונדערע און געמישטע ריחות: די קיצעלדיגע ביטערקייט פון די ציבעלעס, די זויערליכע. שטאַרקייט פון קוואָס, דעם יערענדיגען אוקראָפּ־גערוך פון „מאַלאָסאָל‟... די הענט האָבען געציטערט, קייקלענדיג די גע־באַקטע קאַרטאָפּליעס, ברעכענדיג די דיקע לוסטעס ברויט, טונ־קענדיג די ציבעלע־קעפּלעך אין גראָבען זאַלץ, גיסענדיג דעם שוימיגען קוואָס אין די קרומע גלעזער. און די אייגענע אויע־רען האָבען זיך צוגעהערט ווי דער האַרטליכער רעטאַך קנאַקט אונטער די באַק־ציינער, ווי די מעהליגע ברויט־קאָרע קרעכצט ווען מען בייסט זיך אין איהר איין, ווי די געלכלעך פון די האַרטע אייער מאַהלען זיך שטאָפּיג און געדיכט מיט דער געשמאַקער זויערקייט פון קאָרענעם ברויט. עס קוויטשעט אַזש אויף די יאַסלעס און דער קוואָס מאַכט גול־גול־גול אין צוהיצטען דורשטיגען האַלז. היינט די צונג און דער גומען! וועגען זיי איז אָפּגערעדט! די האָבען זיך צעזונגען און געזונגען...

אַ ניגון האָבען זיי געזונגען!... אָט דעם וואונדערליכען שטור־מען ניגון פון געשמאַקען עולם־הזה קענען נאָר געזונטע, גוט־אויס־געהונגערטע מענשען, וועלכע געהען אָפּ אַ פּופצעהן וויאָרסט אויף דער ניכטער, שוויצען זיך גוט דורך און באָדען זיך דערנאָך אויס. ווענינגסטענס האָט די דאָזיגע מוראדיגע הנאה געפּיהלט אַצינד בח פּאַנדרע, וועלכער האָט זיך נאָך, אויסערדעם, אַזוי שטאַרק אָנגע־שטרענגט ביים ראַטעווען ר׳ זימלען און ביים אָוועקלעגען דעם בייזען בזהאַי. ער האָט פיבערדיג אַריינגענומען אין זיך די לייב־ליכע הנאה, און געפּיהלט, מיט אַלע אברים געפּיהלט, אַז זי קומט איהם, ווי לעקאַך — אַ מחותן... די אמתע בעל־שמחהטע איז אָט די קאַטערינקאַ. צוליב איהר איז די גאַנצע סעודה. און ער רייבט אַריין... נישקשה, זאָל זי אַביסעל אַרומפּאַדיען אָט די געשמאַקע

גויקע, אַ געזונט אין איהרע זייטעלעך... טפו! אַזוי, להבדיל, פלעגט ער אַמאָל ווינשען מערען. אַך, דער אַסטראַג! דער אַסטראַג ליגט איהם נאָך אין די ביינער.

אויסגעשוויצט פון געהן און פון אַקסענקאַמף ווי ער איז געווען, האָט ער זיך ניט אַזוי גיך אַנגעזעטיגט מיטן קיהלען קוואָס. דערפאַר האָט אָבער דערנאָך אַ זעץ־געטאָן דער אמתער וועלפּישער הונגער. צוויי הענט, צוויי אויגען און צוויי און דרייסיג געזונטע ציין האָבען זיך פאַרוועט. איין גלוסטעניש, צו דעם אָדער יענעם מאַכל, איז געלאָפען וועט־געלויף מיט דער אַנדער גלוסטעניש. איין מויל בסך־הכל און אַזויפיל גוטע זאַכען, אָהן עין־הרע... און קאַטערינקאַ, די אויסגערוהטע און זאַטע דאָרפישע בת־יחידה האָט מיט אַ פעטינקען שמייכעלע צו־געזעהן און צו־געהערט זיך ווי אַלץ וואָס זי האָט אָנגעשטעלט, פאַר איהרע אַנגעלעגטע געסט, ברעכט זיך און שניידט זיך און קנאַקט און ווערט צומאַלען און פאַרשלונגען, אַז ס׳איז אַ מחיה צו קוקען. אמת, שטאָטישע לייט עסען אַביסעל צו גיך. אין דאָרף, ווי הונגעריג מען זאָל ניט זיין, איילט מען זיך ניט אַזוי. אָט דער מאָגערער פאַרשוין, נאַ׳ס חבר, שלינגט שוין אַביסל צו גיך; ווי אַ סאָראָקע אין ווינטער שלינגט ער. דערפאַר אָבער נאַי (נח), אָט דער איליאַ מוראָמעץ*) וואָס איז פון וואַלד אַרויסגעשפּרונגען, און געקומען צו לויפען ראַטעווען זי — אַלץ וואָס ער טוט איז שען. יעדע באַוועגונג זיינע נאָגט זי זיס אונטער דער הויכער ברוסט, קיצעלט זי אין זייט. עס ווילט זיך איהר זאָגען איהם אַ גוט־וואָרט, נאָר זי שעמט זיך. רעדט זי פערשטעלטערהייט צו ביידע געסט, און ווינשעוועט פאַר איינע הוצאות שמחהלען אויך:

— עסט, עסט, גוטע מענשען! עסט געזונטערהייט!

פיהלט זיך דערפאַר שמחהלע אַלס אַ גאָר נאָהענטער מחותן, ביי אַזאַ חתונה, אינמיטען העלען טאָג. ווינקט ער אונטער מיט איין אויגעל און רעדט צו פאַנדרען, מיט אַן אַנגעשטאָפּטען מויל:

— נו, נחקע! האָסט דאָך געוואָלט פאָהרען מיטן פאַרעכאָד, האָסטו דאָך געוואָלט! וואָס האָסטו אַנגעוואָרען? אַ שלעכטער אַנ־

*) אַ רוסישער לעגענדאַרער גיבור.

בייסען אפשר? און מיט דער שיקסע, זאָג איך דיר, קען מען זיך אויך ניט פאַרסמען... הען ווי זי וואַרפט קוקערס! איך זאָל געווען זיין דו... אויף ד יי ן אָרט...

— פרעס! — שלאָגט איהם פאַנדרע איבער, און אַ היץ גיט איהם אַ זעץ אין פנים. כאַפּט ער און בייסט אָפּ אַ ציבעלע דעם גאַנצען קאָפּ, כדי שמחהלע זאָל מיינען, אַז דערפון איז איהם הייס געוואָרען...

2.

ערשט נאָכן אָוועקלעגען דעם בוהאַי, ווען קאַטערינקאַ האָט זיך דערוועגט אַרויסצוגעהען פון דעם שמאָלען בלומען־גערטעל, איבער דעם איינגעריסענעם צוים, ערשט דאָ האָט זי אין דעם ברייט־פליי־ציגען גיבור דערקענט דעם „נאַי" (נחן) פון דער אידישער יאַטקע. דער זעלבער „נאַי", וועלכער האָט אַמאָל געקניפּען אַלע דינסט־מיידלעך, בשעת אויסטיילען חלקים פלייש פון קלאָץ. זי איז נאָך דאַמאָלסט געווען אַ יונגע שיקסעל און פלעגט זיצען ביים טאַטען אין וואָגען. דער טאַטע מיקיטאַ פלעגט צעהן מאָל מאַכען אַן אָב־שטעל, אַז ער געהט אַוועק, און פלעגט זיך הייס דינגען איבער אַ פרישען זאַדעק אויף חגא. און זי איז געזעסען אין שטרוי. ווי אַ קוואָקעכע, און צוגעקוקט זיך. אָט דער זעלבער „נאַי" איז איהר שוין דאַמאָלסט געפעלען געווען מיט זיין שוואַרצער טשופּרינע, מיט די פרעהליכע גרויע אויגען און מיט זיין מוראדיגער גבורה ביים צוהאַקען די גראָבסטע קנאָכענס. זי האָט זיך ניט געוואונדערט וואָס די מוידען שטופּען זיך אַזוי צו זיין קלאָץ און קוואַקטשען אונטער זיינע גראָבלענדיגע פינגער, ווי די געכאַפּטע הינער. זי האָט כמעט מקנא־געווען די שטאָטישע מיידלעך, וועלכע זיינען אַזוי פריי און ניט שעמעדיג און קויפען איין ביי וועמען ז יי געפעלט. אָט, ביי אידען קויפען די מאַנסבילען קיין פלייש ניט איין, ווי דער טאַטע איהערער, ס'איז אַ ווייבערישער עסק...

די דאָזיגע ערוואַנערונגען האָבען צוגעגעבען איהר דאַנק־

באַרקייט, פאַרן ראַטונעק וואָס נאַי האָט איהר געגעבען, אַ באַ־זונדערע מיידעלשע וואַרימקייט, אַ שוועבענדיגע לייכטקייט — אַלע איהרע באַוועגונגען. און פאַנדרע, מיט זיין גאַנצער אויס־געהונגערטער מאַנסבילשאַפט, האָט דאָס געפיהלט אין יעדען קעהר פון איהר היפט, אין יעדען בויג פון איהר קאָפּ, אין יעדען צולויפען צום טיש — צי מען דאַרף צי מען דאַרף ניט. ער האָט זעהר גוט געזעהן, אַז קאַטערינקאַ וואָלט זיך געקענט איינשפּאָרען ניט איין טרחה, אַז זי וואָלט געקענט דערלאַנגען עטליכע עסענזאַכען אויף איין מאָל. נאָר זי צוטיילט דאָס אומישנע, כדי וואָס אָפטער צוצוגעהן צום טיש און וואָס נעהנטער אָנזעהן דעם, וועלכער האָט זיך געשטעלט צווישען איהר טויט־שרעק און צווישען ווילדען בוהאַי. און אַזוי גיך ווי זיין ערשטע דורשט און הונגער האָבען זיך גע־שטילט, האָט זיך אַן אַנדער הונגער אויפגעכאַפּט, אַ נאַגענדיגער, אַ הייסער, אַ ביי־נשמה־ציהענדיגער. זיסע מורעשקעס זיינען איהם געלאָפען איבערן רוקען, פאַרקליבען זיך אין די פינגער און געמאַכט זיי ציטערען; און כדי צו פאַרמאַסקירען אָט דעם נייעם הונגער האָט ער זיך געוואָרפען, בשעתן עסען, פון כמורער שוויגעדיגקייט אין אי־בערגעטריבענער פרעהליכקייט, און פון זשעדנעם שלינגען אין אַ פאַרקלערטען קייען.

אַריינרייבענדיג געשמאַק, האָט איהם שמחהלע געמוזט אָנ־קוקען פון דער זייט מיט פאַרדאַכט. ער האָט באַמערקט, אַז פאַנ־דרע אַכלט עפּעס ניט ווי ער וואָלט באַדאַרפט צו אַכלען, נאָך אַזאַ וועג און נאָך אַזאַ אָנהאָרעווען זיך. פאַרקוועטשט ער, שמחהלע, ממזריש איין אויג און ווינקט אונטער מיט דער צווייטער:

— דו מעלה־גרהסט מיר עפּעס ווי אַ מילכיגע קעלבעל, נחקע! האָסט דאָך געשריען, אַז דו שטאַרבסט עסען, האָסטו...

— איך עס ניט?... — וואונדערט זיך פאַנדרע און כאַפּט רייבען מיט אימפּעט אויף בּיידע באַקען און אַ רויטקייט שפּאַרט איהם אָן אין דער אָפּגעבּרע[illegible]ער הויט פון פנים.

נאָר מיט אַמאָל צורייצט איהם דאָס לאַכענדיג פּייערל אין שמחהלעס אויגען און ער צעברומט זיך:

— טאַפּסט מיך, אַז? וואָס בין איך דיר? אַן אָקס אויף ברייז?... פּרעס!

אָבער שמחהלע ווערט אַ האָר ניט נתפּעל:

— איך אויף דיין אָרט וואָלט איך אומזיסט־אומנישט דעם לעבען ניט איינגעלעגט. מילא, ר׳ זימלען אַרויסשלעפּען פאַרן באָרד — אַ מצוה־זאַך. אָבער דו, קאַטערינקאַ־מאַלאָדיצאַ, כ׳האָב דיך אָפּ־געשלאָגען פון בוהאַי? — באַצאַהל! האָסט אַנגעקליבען ברוסניצעס פאַר דיין חתן? — כ׳וויל אויך ברוסניצעס...

— הענג דיך אויף, טורערו!...

פאַנדרע האָט זיך אַנגעכמורעט און גענומען עסען מיט אַ גע־מאַכטער זשעדנעקייט. שמחהלע איז איהם דאָ אַביסעל איבעריג געוואָרען. וואָס דאַקוטשעט ער איהם? דאָס — געהט מען צו גיך אויפן שליאַך. דאָס — זיצט מען צו לאַנג. דאָס געפעלט איהם ניט ווי ער עסט. דאָס טשעפּעט ער זיך מיט איהם סתם אַזוי, ווי מיט אַ אינגעלע...

נאָר אינמיטען בייזערען־זיך גיט ער אַ הויב די אַנגעכמורעטע אויגען, פאַרגעסט אינגאַנצען, אַז טורערו קוקט איהם נאָך יעדען ריהר מיט דער ברעם, און צולאַכט זיך פון פולען האַלז. וואָרים ער דערזעהט ווי קאַטערינקאַ נעמט צוזאַמען ביים פאַרקאַן, די צעשאַ־טענע ברוסניצעס, קלייבט אַרויס די גאַנצע פון די צעטראָטענע, אין דער צובראַכענער קערבעלע פון בעראַזעווער קאָרע קלייבט זי זיי צונויף... און, אינמיטען אויפקלייבען, מאַכט זי פלוצלינג אַ קולאַק דעם געפענטעטען בוהאַי, וועלכער האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן:

— או—או! טרעקליאַ—אַטי! (או, או, פאַרפלוכטער).

די צוזאַמענגענומענע רעשטלעך יאַגדעס האָט קאַטערינאַ, לאַ־כענדיג, אויך דערלאַנגט איהרע אורחים. אַבי נאָך אַן איבעריגען מאָל צודריקען זיך, מיט איין קיילעכדיגען זייט, צום טיש, נעהענטער צו פאַנדרען. זי האָט שוין אַ פּנים אינגאַנצען פאַרגעסען, אַז זי האָט דאָס געקליבען אין וואַלד צוליב איהר חתן, וועלכער דאַרף קומען פון שטאָט, נאָך היינט פאַרנאַכט... צווישען אַלע קאַלירען און רעשטלעך שפּייזען אויפן טיש, האָט דאָס רעשטעל ברוסניצעס אויפגעלויכטען מיט אַ קאָראַלענער רויטקייט, ווי די קרעלען אויף

קאַטערינאַס האַלז, פאַרבלאַסט אַלע אַנדערע קאָלירען אויפן טיש און צוגעגבען איהם עפּעס יום־טובדיגס. אַ שיכּורע פרעהליכקייט פון אַ יאַריד.

פאַנדרעס פינגער האָבען זיך ניט־ווילענדיג אַ ציה־געטאָן צום נייעם כּיבוד, און געבליבען אַזוי אויסגעצויגען ביים ראַנד פון דעם צובראָכענעם קערבעלע. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט... שמחה־לע איז טאַקע גערעכט. מיקטאַ האָט, דאַכט זיך, אויך געזאָגט אין פעלד, אַז דאָס האָט קאַטערינאַ געקליבען פאַר איהר „נאַזשיצאַני״ (חתן)...

— מען מעג פאַרזוכען? — האָט ער קווינקלענדיג אַ פרעג געטאָן.

— פאַרזוך גוטער מענש, פאַרזוך! — האָט איהם קאַטערינאַ שעלמיש־לאַכענדיג אַריינגעקוקט אין די אויגען. איהר שפּילעוודיגע מינע איז אָבער גלייך פאַרפלויגען. צום צעהנטען מאָל האָט זי היינט פאַרחידוש דאָס, וואָס אַזאַ גיבור אַ מאַנסביל האָט אַזעלכע אינגעל־שע גרויסע אויגען. און אַזוי פרעמד איז זייער גרויער בּליאַסק אונ־טער די שוואַרצע וויעס. פּונקט אַזוי פרעמד זיינען די צו־וויסע ציין אונטער די שוואַרצע ווענסעלאַך. אַ זשיד ניט זשיד. אַ ציגיי־נער ניט ציגיינער. און ביי איהר „נאַזשיצאַני״ זיינען די וויעס ווי ראַגאָזשע און די וואָנסעס ווי ראַגאָזשע...

— איז אַצינד — שרעקט זי איבער שמהלעס געמיינער קולכעלע — אַצינד, קראַסאַוויצע, האָסטו שוין ניט מורא פאַר אונז?

„ער נעמט זיך שוין אויך אַריין אין כלל״, בייזערט זיך פאַנדרע אין האַרצען. „אונז״!

דער גויעס אויגען לויפען אום. זי פאַרשטעהט ניט וואָס שמחהלע מיינט צו זאָגען.

— פריהער אין וואַלד, — פאַרטייטשט איהר שמחהלע — האָסטו זיך דערשראָקען פאַר אונז. ווי פון גזלנים ביסטו אַנטלאָפען.

— דאַ טאַק אוזש... (שוין איינמאָל אַזוי) — מורמעלט קאַ־טערינאַ, פאַרלעגען — ניט געוואוסט, ניט דערקענט אַז... אַז ס׳איז „נאַי״.

— אַזוי? נאַי? — חזרט איבער טורערו מיט אַ געזאַלצענעם שמייכעלע.

קאַטערינאַ דרעהט זיך אויס אַביסעל ברוגזלעך און געהט אָפּ פון טיש. אויך איהר וואָלט לייכטער געווען, ווען אַט דער מיאוסער מענש וואָלט דאָ ביים טיש ניט געזעסען. וואָס קוקט ער איהר נאָך? וואָס שטעכט ער זי אַזוי מיט די „פּאַהאַנע" אויגעלעך? נאָר ס'איז נאָיס חבר. זי קען דאָ גאָרנישט מאַכען.

פונם ברוגזדיגען גאַנג ווערען איהרע היפּטען נאָך בויגיגער. דער רוקען גלייכט זיך אויס. דער יונגער קאָפּ מיט דער געבלומטער כוסטע פאַרוואָרפט זיך. מען זעהט אַפילו די שטראַמע „בייט" צווישען איהרע פלייצעס. פאַנדרע לאָזט אָפּ די זויערע ברוסניצעס און פאַרקוקט זיך אויף דעם רוקען. ער עסט איהם מיט די אויגען. איהם אַרט שוין גאָרניט וואָס שמהלע קוקט איהם נאָך.

אָפּנים, כדי מעהר ניט צו רייצען דעם צוגעבונדענעם בוהאַי האָט קאַטערינאַ, נאָך פאַרן גרייטען דעם טיש, אויסגעטאָן איהר מאַלינע-רויטע קאַצאַווייקע. און איהר געפּאַסעקטע קליידעל, וואָס זי האָט צוריסען איבערן צוים, פאַרביטען אויף אַ ווייסען לייווענ-טענעם. נייע לאַפּטיעלעך האָט זי אַרויפגעכאַפּט אויף איהרע באָר-פיסע פיס און פאַנדרע האָט מיט ערשטוינונג דערזעהן, ווי אַן אמת-שענער פּאַסט אַלץ, וואָס זי זאָל ניט אָנטאָן. פאַרקערט, יעדע נייע אָנטועכץ מאַכט בולטער אַ נייעם חן, אַנטפּלעקט אַן אונבאַקאַנ-טען רייץ. קאַטערינאַס שענקייט איז אַצינד אַרויס פון איהרע קאָ-לירטע שאָלעכצען, וועלכע ער האָט געזעהן אין וואַלד און דאָ, הינטער צוים פון בלומען-גערטעל. זי איז אַריין אין אַ נייער ווייַ-סער שאָלעכץ. דערפון איז קאַטערינאַ געוואָרען אַ ביסעל גרעסער, דערוואַקסענער, ווייבערישער. איהר ווייסע „כאַלאַסטינקע" (ליין) איז אַראָפּ נעהנטער צום לייב און איהרע שטאַרקע בריסט האָבען נאָך מעהר אָנגעשפּאַרט, מיט זייער צייטיגקייט, אונטערן זויבערען לייווענט, ווי איבערגעוואַקסענע גרויסע יאַדרעס אין אַ דורכזיכטי-גער פּרי. נאָר איין רויטע שנירעל, וואָס איז געווען דורכגעצויגען אין דער כאַלאַסטינקע ביים האַלז, האָט הייס באַלויכטען אָט די קיהלקייט פון געוועב. און דער בלויער אָפּגעבליאַקעוועטער גאַר-

טעל, וואָס האָט פויל אַרומגעכאַפּט איהרע היפּטען, האָט זיך שפּילעוודיג און פויעריש־חנדעלדיג געבאָמבעלט ביים געהן, מיט זיינע אַראָפּגעהאָנגענע פּרענז, אין איהר פולען שויס און אויף איהר יונגען אָנגעצויגענעם בויך. און די שען־פאַרבונדענע, שוואַרצע און געבלומטע כוסטע אויפן קאָפּ, האָט געשאַפען אַ שניידיג־שאַרפען קאָנטראַסט צו דער ווייסער כאַלאָסטינקע און צום בלאָס־רויטען בייטש קרעלען... צווישען אַט די קאָנטראַסטען האָט דער האַלז און נאַקען אַרויסגעקוקט אַזוי פאַרפיהרעריש און אַזוי וואַרים, אַז ביי פאַנדרען האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט פון דער גויעס אַוועקגעהן, מעהר ווי פון איהר צוגעהן...

שמחהלע האָט דער ברוגז־געוואָרענער קאַטערינאַ עפּעס נאָכגערופען, אַז זי איז אַ „האַרנאַ דיעווקאַ'', אַ שענע מויד הייסט דאָס. און זי דאַרף גאָר ניט ברוגז ווערען... און פאַנדרען האָט ער, דערביי, אַ ביסעל שטילער, אַ זאָג געטאָן אַ פּאָר גראָבע ווערטער וועגען דער גויעס בוזים און אַנדערע טיילען... נאָר פאַנדרע האָט איהם גלייך אָפּגעשטעלט. אַ טורקע געטאָן איהם מיטן איילענבויגען און אויך אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, קאַטערינושקאַ!

אויף ז ײ ן קול האָט זיך קאַטערינאַ גלייך אָפּגערופען און צוריקגעקעהרט זיך צום טיש. אין איהרע ברוינליכע אויגען האָט געלויכטען אַן איבערגעגעבענקייט פון אַ טרייען הונט און אַ פרייד פון אַ יונג־בלוט נאָך אַן איבערגעלעבטער גרויסער געפאַהר.

אָנווייזענדיג אויפן טיש, וואָס איז נאָך געוועזען געדיכט פאַרשטעלט מיט שיריים פון אַ רייכען דאָרפישען מאָהלצייט, און סטאַרענדיג זיך דער קול זאָל ברומען וואָס ווייכער, האָט זי פאַנדרע אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאָר, קאַטערינושקאַ, וואו האָסטו זיך דאָס אויסגעלערנט אַזוי גרייטען צום טיש?

— אַ ווידאָמאָ, — לאַכט צו איהם קאַטערינאַ — ביי אידען! דער טאַטע האָט געוואָלט נאָך אַמאָל חתונה האָבען און אַריינגעמען אַ שטיפמאַמע אין שטוב. בין איך אַוועק קיין שקלאָוו און געשטעלט זיך דינען ביי אידען. איז דער טאַטע דערנאָך געקומען און

מיך אָפּגענומען. „כ'וועל מעהר ניט חתונה האָבען". זאָגט ער...

— ביי וועמען האָסטו דאָרט געדינט? — ווערט פּאַנדרע שטאַרק נייגעריג.

— אַ ווייעדאָמאַ! — מאַכט קאַטערינקאַ — ביי חיימען. אַ רייכער איד, חיים. וואָס אַקעגען די יאַטקעס...

מויל האָט זיך איהם אַזש אויפגעעפּענט פון בייזער פאַרוואונדערונג, האָט זיך איהם אַזש אויפגעעפענט פון בייזער פאַרוואונדערונג. און און דאָ זיצט נאָך שמחהלע און גיסט בוימעל אויפן פייער:

— דו הערסט דאָך ביי וועמען? ביי ד יי ן נייעם נגיד! ווי איך בין אַ איד. נו?

— לאַנג האָסטו דאָרטען געדינט? — פרעגט פּאַנדרע שטי־לערהייט און דערקענט ניט זיין אייגענעם קול. אַזוי הייזעריג איז ער מיט אַמאָל געוואָרען.

— ניין. ניט לאַנג. ניט קיין גוטער מענש איז ער, חיים. כ'האָב מורא געהאַט צו בלייבען מיט איהם אַליין אין שטוב. ווי איך בלייב מיט איהם אַליין — אַזוי אַלערליי ווערטער אַזעלכענע... קריכט נאָך מיט זיין שטוב־כאַלאַט. טשיקעוועט איך קיך אַריין. אַ פליך ביז די אויערען. קינדער — דערוואַקסענע. און אַליין — טפו! ניע דאַי באָזשע! (באַהיט גאָט!)

— דו הערסט? — מאַכט שמחהלע מיט אַ שלעפערדיג־ביי־זער מינעלע — געהערט וואָס אַ מערידאַלניק פאַרגינט זיך? יונגע שיקסעס גיב איהם? און אַ מכה וויל ער ניט?

פּאַנדרען האָט שאַרף אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען פון שמחה־לעס פּירוש. ער האָט אַזש אַ ליפּ פאַרביסען. די אַלע חשבונות מיטן נייעם־נגיד זיינען אין איהם מוטנע אויפגעשוואומען און ווי הייוועז אין אויפגערודערטען וויין. די שלימזלדיגע שרפה האָט זיך איהם קלאָר דערמאָנט, דאָס ראַטעווען דעם נייעם־נגידס בהמה, דאָס שטעלען זיך אַקעגען פּריסטאַוו. דאָס בעטלען פון ר' סענדערן, עליו השלום, דער נייער־נגיד זאָל געבען צו־שטייער אויפן משפּט. און די צוויי דריי־רובעלדיגע וואָס יענער האָט ר' סענדערן צוגעוואָרפען פון קאָרטען... אַלץ וויסט ער דורך מערעס בריף און פון שעפּטעלען. און אָט דער דאָזיגער נפש האָט נאָך אַן עזות צו קריכען צו... צו

יונגע גויעס. צו קאַטערינקען!... ווי אַ וואַנץ דאַרף מען איהם צו־
רייבען! טורערו איז געריכט!... שאַ, פאַנדרע! און אין פלוג געבנו־
מען, וואָס איז דאָס דיין עסק? אַ שומר פון דאָרפישע שיקסעס ביכטו
געוואָרען? און פונדעסטוועגען — פאַרוואָס פאַרדריסט דאָס אַזוי?
פאַרוואָס זעגט דאָס אַזוי איבערן לונג און לעבער?

אויפֿגעפּרעסט די ברוסניצעס

1.

פֿאַנדרעס ווערטלען זיך מיט קאַטערינושקען האָט איבערגעריסען מיטרע דער פֿאַסטוך. ער איז אַנגעלאָפֿען פֿון דער לאָנקע מיט זיין בֿלעכערנער טרובֿע און מיט דער לאַנגער בייטש — פֿאַרוואָרפֿען אויפֿן אַקסעל. און, כּדי אָנצושרעקען זיינע אַנטלאָפֿענע קעסט־קינדער — מיקיטאַס שוואַרצע קוה און דעם ווייסען בּוהאַי, האָט ער נאָך, פֿאַרן אַריינקומען אין טויער, אַ שברים־תּרועה געטאָן אין זיין לאַנגער טרובֿע; אַ פֿאַסטוכישען שטייגערעל אויסגעדרעהט...

ווי אַ פֿאַרבֿיינקטער אָפּקלאַנג פֿון טויאיגע לאָנקעס און גראָזיגע פֿליינען האָט זיך דער טרובֿ אָפּגעגעבֿען אין די לאַנגע אויערען פֿון דער קוה און פֿון איהר געפּענטעטען „קאַוואַליער”. „טרו־טאָ־טאָ...” די פֿעלדער רופֿען, די גרעזער ווינקען...

אָבֿער גלייך נאָכן טרובֿען האָט זיך דערהערט דער שאַרפֿער קנאַל פֿון מיטרעס לאַנגער און קניפּעלדיגער בייטש. ווי אַ שאָס אָהן פֿולווער איז עס איבערן פֿאַרקאַן אַריבערגעפֿלויגען. דער שולדיגער בּוהאַי האָט אַ ציטער געטאָן, אַ ריס געטאָן זיך. אָבֿער דער קורצער סלופּ און די שטאַרקע שטריק האָבֿען איהם פֿעסט געהאַלטען. האָט ער גענומען טרייסלען מיטן גרויסען האָרניגען קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּשאָקלען פֿון זיינע שלעכטע מעשׂים און פֿון דער שווע׳ער בּאַצויבֿערונג וואָס פֿאַנדרעס קראַפּט האָט אויף איהם אַנגעוואָרפֿען.

און מיקיטאַס שוואַרצע קוה, מיטן ווייסן פלעק אויף דער ליטקע, האָט זיך עפּעס אויך געפיהלט ניט מיט אַלעמען. אומרוהיג האָט זי זיך איבערגעשטעלט אויף איהרע קלאָהען, געדרעהט מיט די לאַנגע אויערען און טרויעריג געמוקעט. ס'הייסט: „מיטרע לאַ־בען! דער בוהאַי איז גאָט די נשמה שולדיג! איך, איך! איך אַליין...״

און דאָ איז שוין מיטרע־פּאַסטוך מיט זיינע כלים און לאַפּ־טשעס אַריינגעשפּרייזט אין מיקיטאַס הויף, און — פּאַדאַוואַי זיד־לען און שילטען דאָס אַנטלאָפענע „פּאַרל״, יעטוועדערען באַזונדער.

— אַך דו סטערוואַ! — ווענדעט ער זיך מיט שוים ביים מויל, ווי מען ווענדעט זיך צו אַן אויסגעלאַסענער מויד, ווען מען כאַפּט זי ביי אַן עבירה, — דו שוואַרצע פּאַסקודע! דו ווייס־לאַפּיקדיגע פּיסנאַהע דו! ווייניג דיר, דו אַזוינע און אַזוינע, אין פעלד? דאַרפ־סטו נאָך, דו נפקא, פאַרפיהרען דעם בוהאַי צו זיך אַהיים, אין דיין מאַמען אַריין! פאַר דיר אַליין ווילסטו דעם בוהאַי האָבען? פאַר־גינסט ניט, הייסט דאָס, טאָמער וועלען זיך אויך אַנדערע בהמות „לויפען״ מיט אָט דעם גולם? טו, נאַ־זשע דיר! און נאַ דיר!...

אַזוי לאָזט אויס מיטרע פּאַסטוך זיינע שטראָף־רייד מיט אַ קנאַל פון דער לאַנגער בייטש איבער דער בהמהס רוקען. אַ לאַנגער געד־ראַלענער פלעק שפּרינגט אַרויס אויף דער בהמהס פעל, און, פאַר־רייסענדיג דעם עק און בריקענדיג פון וועהטאָג, רייסט זי זיך אַרויס פון אָפענעם טויער.

— און דו? — ווענדעט זיך אַצינד מיטרע־פּאַסטוך צום שע־נעם „בחור״ — האָסט ניט, דו אויסוואורף, וואו דיין בויאַנסטוואַ אַהינצוטאָן? פאַרקאַנעס איינוואָרפען, וויבער שטויסען, דו „ניע־כריסט״? נאָך רויטע קאַצאַוויקעס יאָגען זיך? דיין גלייכען זיינען זיי?... וואַרט, וואַרט! לאָמיך דיך קאָרשט אָפּפענטען, דו הילצערנע מאַרדע! וואַרט, וואַרט!...

פאַנדרע, שמחהלע און קאַטערינושקאַ האָבען זיך געהאַלטען פאַר די בייכער צוהערענדיג, ווי מיטרע טענהט זיך אויס מיט זיינע קעסט־קינדער. דער ערשטער איז פאַנדרע אַנטשוויגען געוואָרען. ער האָט זיך פאַרחידושט, ווי רוהיג און זיכער מיטרע דער פּאַסטוך פענטעט אָפּ דעם האַרניגען ריז. אָט די זעלבע ווילדע חיה, וואָס איז

ערשט מיט אַ שעה צוריק געווען אַזוי געפּעהרליך, אַזוי ווידער־שפּעניג, אויף וועלכער ער, פֿאַנדרע, האָט אַזוי פיל כּחות אַוועקגעגעלעגט, דרעהט אַצינד אונטערטעניג מיט די האָריגע אויערען, לאָזט זיך אָפּפּענטען, און לויפט אַרויס פון הויף, אונטער מיטרעס אָנגעשריי, מיט דראָבנע טריטעלעך. אָפּנים דער ריח פון מיטרעס אַנטועכץ אין אַן אַנדערער. ניט קיין שטאָטישער. אַ לייבליכער ריח פון איך און דערזעלבער משפּחה. פּונקט אַזוי, ווי היינט דער בּוהאַי, האָבען אַמאָל ר' סענדערס פערד פיינט געהאַט זיינע קצבישע בּגדים. געבּיסען זיך, געדריגעט...

מיט אַ חברשען קוק האָט פֿאַנדרע אַרויסבאַגלייט דעם גרויסען בּוהאַי. מיט אַזאַ קוק באַגלייטען אודאי עהרליכע און שטאַרקע קעמפער זייערען אַ באַזיגטען געגנער, ווען מען פיהרט יענעם אַרויס, אונטער די הענט, פון דער אַרענע אין צירק... אַ שטומע צונג אפילו, אָט דער גרויסער בּוהאַי. אָבער אַ בּכבודיגער האָרן־שטויסער און בויך־אויפשפּאַלטער! ניין. זיין בּייקישען כּבוד, דעם כּבוד פון אַן עלטסטען אין סטאַדע און פון אַ „הערצער־ברעכער", ביי אַלע בּהמות, האָט ער פאַרט ניט געלאָזען פאַרשוועכען... מוה—ה!

אָנגעלאַכט זיך אַ פולען בויך, ווישט זיך שמחהלע אָפּ די אָנגעלאָפענע טרערען, פאַרקירעוועט ממזריש אייך אויגעל אונטער דער באַראַשקענער היטעל און מאַכט שטילערהייט צו פֿאַנדרען:

— מילא דו און קאַטערינקאַ לאַכען — פאַרשטעה איך נאָך. ס'איז אייך פרעהליך. אָבער וואָס לאַך איך?

אויף זיין רעטעניש־שפּראַך האָט איהם נאָר פֿאַנדרע אָפּגעענטפערט מיט אַ האַרטען קוק, ווי מען קוקט אָן אַן איבעריגען און פאַרזעסענעם גאַסט.

— נאַ, — לאָזט שמחהלע בורטשענדיג אַראָפּ די אויגען אונטער דעם דאַזיגען שטיפען קוק — איך זעה דאָך שוין, אַז דיר און דער שיקסע האָט אַנגעשפּאַרט... היינט וואָס פּלאָנטער איך זיך דאָ? איז לאָמיך בעסער געהן צושפּאַרען זיך ביז די היץ וועט אָפּפאַלען...

פֿאַנדרע שווייגט אַן אַנגעכמורעטער.

— אַ דאַנק דיר! — ווענדעט זיך שמחהלע אויף גויעש צו

דער שיקסע, מיט אַ באַהאַלטענעם שפּאָט — אַ דאַנק דיר, קאַטע־ריגקאַ, פאַר ברויט און זאַלץ! צו דיין חתונה וועל איך דיר פאַר דיין כיבוד שענקען אַ גוטען זאַדיק. האָב קיין מורא ניט!... ווייז! וואו קען מען זיך דאָ צושפּאַרען אַביסעלע.

— אַט דאָרטען! — ווייזט איהם קאַטערינושקאַ און אָן אַטעמט לייכטער אויף — אַט דאָרטען אין גערטעל, וואו די פּאָד־סאָלנוכעס... (זון־בלומען). אַ גרינגע בייט איז דאָרטען פאַראַן אין שאָטען. סיי ווי סיי האָט דער בוהאַי צוטאָפּטשעט. ניטשאָווא!

שמחהלע האָט גענומען זיין קלומיק און, זינגענדיג עפּעס אַ געמיין ניגונדל, אַוועקגעשפּרייזט צום בלומען־גערטעל מיטן איינ־געריסענעם צוים. נאָר עטליכע מאָדנע ווערטער מיט אַן אויסטער־ליש־פאַרדרעהטען גמרא־ניגון, האָבען דערגרייכט צו פאַנדרעס אויערען:

— אַי, שור שנגח את השי־ווי־ווי־י־ק־קסע!*)

פאַנדרע האָט אָבער קיינמאָל קיין משניות ניט געלערנט און שמחהלעס מיין ניט פאַרשטאַנען.

.2

ווי נאָר שמחהלע איז פאַרשוואונדען הינטערן קיהלען וואויב־געל פון כאַטע, האָט פאַנדרען שטאַרק גענומען קלאַפּען דאָס האַרץ. אַזאַ אינגעלשע האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער שוין ניט געפיהלט זינט ער האָט חתונה געהאַט. נאָר בשעת ער איז נאָכגעלאָפען מערען און יענע האָט איהם ניט געוואָלט — דאַמאָלסט יאָ.

— ווי קום איך צו פאַרגלייכען אַ שיקסע מיט מערען?... בייזערט זיך פאַנדרע אין האַרצען, אָבער עפּעס איז דאָ שטאַרקער פון איהם. ער בייזערט זיך און דאָס האַרץ קלאַפּט פון בלייבען אויג אויף אויג מיט קאַטערינושקען. ניט די מידקייט פון געהן צו פוס

*) אַי, אַן אָקס וואָס האָט אַ שטויס־געטאָן אַ שי—יק—סע! איבער־געדרעהט פון שור שנגח את הפרה.

אַזאַ ווייטען וועג אין אַזאַ היץ, ניט דאָס טרינקען זיך מיט זימלען צוזאַמען, ניט דער קאַמף מיטן בוהאַי, ניט דאָס שטאָפּיגע דאָרפישע עסען — זיינען בכח איינצושלעפערן די מאָדנע אומרוהיגקייט וואָס האָט איהם אַצינד אַרומגענומען. און דאָ שטעהט נאָך קאַטערינושקאַ אַזוי נאָהענט, בלוט־און־מילך און זון, און דערצעהלט לאַכענדיג, ווי דער בוהאַי איז זי פריהער באַפאַלען. זי באַמערקט אַפילו ניט, ווי איהר ניט־געקינצעלטער אָפענער לשון גיסט בוימעל אויפן פייער, מיט איהר פויערשען הומאָר, וואָס גיט זיך אָפּ מיט גראָז און שטאָל און נאַטירליכע באַדערפענישען, דערצעהלט זי, אַז שוין באַלד אַ חודש ווי די יונגע בהמה זייערע ברענגט מיט זיך אַראָפּ, אַלע עטליכע טעג, אויף כיבוד דעם ווייסען באַיק פון סטאַדע. אַ נייעם בוהאַי האָט מאַקאַראָווקי געקויפט „אויף פלאָד״. אויפן לעצטען פאַסכע־יאַריד האָט מען איהם איינגעהאַנדעלט. אַ גוטע פאָראָדע אויסגעזוכט. אַלע פויערים האָבען געגעבען צושטייער... איז אָט האָט ער זיך פאַרנאַדיעט דער זעלבער בוהאַי. שלעפּט זיך נאָך, אַזאַ גרויסער האָרניגער זכר נאָך זייער שוואַרצער בהמהלע. אַ „פּאָטיכע״ צו קוקען! עפּעס ווי דער סטאַראָסטע פון דאָרף זאָל זיך געווען נאָכשלעפּען נאָך אַ קליין מיידעלע... טיאָפּ־טיאָפּ מיט אַלע פיער קלאָהען. און אַן אַקט מיט איהר, מיט דער בהמהלע! זי ווייסט גוט, די הולטאַיקע, ווען אַלע אַרבייטען אויפן פעלד. גראָד דאַמאָלסט ברענגט זי אַראָפּ דעם ווייסען חתן איהרען. וועלכער איז צעהן מאָל גרעסער פאַר איהר. פאַרן זיידעלע אונזערען האָבען זיי אויך קיין מורא ניט. וואָס קען ער מאַכען דער אַלטעטשקער? יאָגען זיך אפשר נאָך זיי, מיט זיינע קראַנקע פיסלעך? זיצט ער אויף דער פריזבע און קרעכצט... קומט ער זיך אַזוי גאַנץ רוהיג, דער טייערער חתן, עפּענט אויף דעם טויער מיט די הערנער, זליאָקעט אויס דער בהמהס פּאָילע, פּרעסט אויף איהר היי, צעטאָפּטשעט איהר אונטערלעגער. און זי, די שוורצע כלה זיינע, שטעהט נאָך דערביי אַ הונגעריגע און מוקעט. אַזאַ שטיק נאַר דאָס איז! ווינשעוועט נאָך, קענטיג, אַז ס׳זאָל איהם זיין צו געזונט. און פּאַטשט זיך מיטן עק אין ביידע באָקעס. און ווי נאָר ער פּרעסט זיך אָן דער בוהאַי, אַזוי הויבט ער זי אָן צו האַליובען אונזער בהמהלע...

— אָ? — מאַכט זיך פאַנדרע תּמעוואַטע — ווי אַזוי האָליר־בעט ער זי? — גיט ער שטיל און הייזעריג אַ פרעג און פיהלט ווי דאָס גאַנצע לייב ברענט אויף איהם.

— אַ וויעדאָמאָ (מען ווייסט)! — ערקלערט איהם קאַטערי־נושקאַ פראָסט און פשוט — שטעלט זיך דיבאָם און מיט די פאַ־דערשטע קלאַהען — אַ וואַרף זיך איבער דער בהמהלע. אונזע־בהמהלעס רוקען גיט זיך אַזש אַ בויג און אַ קנאַק אונטער אַזאַ „מאַכינע״. אַט־אַ ברעכט ער זי איבער, אַזאַ בוהאַי! נאַר „גיטשאַ־וואַ״. זי האַלט אויס...

— און היינט, — דערצעהלט קאַטערינושקאַ, ניט אָפּשטע־לענדיג זיך — היינט קומט זי פּלוצלינג אַהיים. אין וואַלד האָט זי ברוסניצעס געקליבען, אין פעלד — דעם טאַטען געהאָלפען און פאַרלאָפען אַהיים געבען דעם ציידעלען עסען. ערשט — אַהאַ! די בהמהלע מיט איהר בוהאַי זיינען דאָ! האָבען, קענטיג, זיך גאַר ניט געריכט אויף איהר... הויבט זי אויף, אויף קאַטאַוועס, אַ שטיק האָלץ און טוט אַ פּאַך אויפן בייק. געמיינט, ער וועט זיך דערשרע־קען. „ניאַ טוט־טאַ בילאַ!״ (עס הויבט זיך גאַר ניט אָן) אַז ער גיט זיך דאָס ניט אַ מאַרדעווע אויף איהר, דער בייק! איהר רויטע קאַ־צאַווייקע האָט איהם, זעהט אויס, די בייקישע אויגען אויסגעשטאָ־כען, די רויטע ברוסניצעס — אין קערבעלע... זי האָט אָן דעם איינגאַנצען פאַרגעסען.

— יאַק נאַפּרעטש (ווי ער שטורעמט דאָס אָן)! — מאָלט איהם קאַטערינקאַ דאָס בילד און מאַכט צושראָקענע אויגען — ווי ער האָט דאָס פאַרריסען דעם עק, ווי ער האָט דאָס אָנגעצילט די הערנער! אַ באַהאָרנטע באַרג פלייש איז אויף איהר אָנגעלאָפען. מיט איין טראַסק — איינגעוואָרפען אַ שטיק פלאַנקען, אָט דעם זעלבען שטיק, לעבען טויער, וואָס „נאַי״ האָט אויך געהאָלפען פאַרריכטען. אַ גליק האָט איהר געטראָפען, וואָס זי האָט זיך פון ערשטען קלאַפּ אַרויסגעדרעהט. זי ווייסט אַליין ניט ווי ס׳האָט זיך איהר איינגעגעבען. אַזוי האַסטיג איז דער קלאַפּ געווען... האָט זי זיך געלאָזען לויפען צום טיר פון כאַטע. געוואָלט איינשליסען זיך. אָבער דער בוהאַי איז איהר דעם וועג פאַרלאָפען. מיטן ברייטען

הינטען פאַרשפּאַרט דעם אַריינגאַנג. אַ גליק איז איהר געשעהן, וואָס איהר איז איינגעפאַלען אַ וואָרף צו טאָן דאָס קערבעלע ברוסני־צעס. פּאַדאָוואַי זעצען דאָס קערבעלע מיט די נאַרישע הערנער און דריגען מיט די קלאָהען איבער די צושאָטענע יאַגדעס! דערווייל־וואָס האָט זי פּאַספּעיעט אַריבערדראַפּען זיך מיט די באָרפיסע פיס איבערן צוים פון בלומען־גערטעל. אַ שטיק קליידעל אָפּגעריסען, אַ קנעכעל צושונדען. וועז ניט די ברוסניצעס ווייסט זי ניט וואָס פון איהר וואָלט געוואָרען. דער בוהאַי האָט זי אָבער אין גערטעל אויך דערשמעקט. דערנאָך איז ער, „נאַי", אַנגעלאָפען...

—און אויף דיר, קאַטערינושקאַ,—גיט פּלוצים פאַנדרע היי־זעריג אַ פרעג און נעמט זי אָן ביי דער האַנט — אויף דיר האָט זיך קיינמאָל אַ מענש... אַ מאַנסביל אַזוי ניט געוואָרפען?

קאַטערינושקאַ פאַרשאַרט די ברעמען אונטער דער כוסטע פון אַזאַ פּלוצליכער שאלה און פון פאַנדרעס קוק. זיינע אויגען זיינען אַצינד מוטנע און מיט בלוט פאַרלאָפען, ווי פריהער ביים צעוויל־דעוועטען בוהאַי. זי גיט ניט־ווילענדיג אַ ריס איהר האַנט פון זיין האַנט:

— טשאַהאַ (ווי)? איך פאַרשטעה ניט. וואָס הייסט אַ... מענש וואַרפט זיך?

—דיין חתן — דער סאָלדאַט! — מאַכט פאַנדרע שטיל און פרעך, און פיהלט ווי דאָס אַמאָליגע קצבישע גראָבקייט צו ווייבער קעהרט זיך צו איהם אום.

אַ געדיכטע רויטקייט פאַרגיסט קאַטערינאַס פּנים. דאָס צו־זעהן, אַמאָל אין יאַטקע, ווי „נאַי" קנייפּט די יונגע דינסטמיידלעך, דאָס אַנטלויפען פון איהם היינט אין וואַלד ווי פון אַ בראָדיאַגע, דאָס ראַטונעק וואָס ער האָט איהר היינט געגעבען, אַלץ מישט זיך ביי איהר צונויף אין איין גרויסער אומרוהיגקייט.

— זשאַנאַטי! (אַ באַוויבטער) — אַזוי שאָקעלט זי מיט איהר געבלומטער קאָפּ־כוסטע — ווי שעמסטו זיך ניט „נאַי"?... אָט וועל איך נעמען און דערצעהלען היינט מיין חתן...

— דערצעהל, דערצעהל! — לאַכט פאַנדרע מיט יאַשצער־קעס — אויך מיט איהם וועלען מיר זיך ספּראַווען...

ער פיהלט, אַז דער שיקסעס אָרענטליכקייט האָט איהם אָרי־בערגעוואויגען. קאַטערינושקאַס צוריקגעהאַלטענקייט איז אָבער ניט אויף אַזוי פיל „געפעהרליך" ער זאָל זיך אינגאַנצען אָפּקיהלען. ער האָט נאָר פאַרגעסען ווי צו רעדען מיט אַזעלכע צו־יונגע שיקסעס.

און אָנשטאָט צו בּאַרוהיגען זי רייצט ער זי נאָך מעהר:

— און פאַרוואָס האָסטו מיר אָוועקגעגעבען אָט די רעשטלעך ברוסניצעס? האָסט דאָך פאַרן חתן געקליבען. דער טאַטע דיינער האָט מיר געזאָגט. אָט וועל איך נעמען און אינגאַנצען אויפעסען. אַ יאַגדע זאָל איהם ניט בּלייבען... אַ?

3.

קאַטערינושקאַ גיט פאַרדריסליך אַ וואָרף מיט די אַקסלען. אָבער פון טיש געהט זי ניט אַוועק. די דאָזיגע אומצופרידענע בּאַ־וועגונג קיהלט פאַנדרען אָפּ. בּאמת, וואָס האָט ער זיך צו איהר צו־געטשעפּעט?... די מידקייט פון היינטיגען טאָג און די זאַטקייט פון פויערשען אָנבּייסען קומען אויף איהם אָן ווי אַ בּאַרג. די שווערע אויגען־הייטלעך ציהען זיך אַראָפּ. עמיצער אַ פוכיגער, אַ וואַרימער, אַ זיס־שיכּורער קיצעלט איהם, דאַכט זיך, אין זייט, שעפּטשעט איהם אויפן אויער:

— שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען...

פאַנדרע גיט געשמאַק אַ געניץ.

אַצינד, אַז פאַנדרע איז שוואַכער געוואָרען, איז די נקבה אין קאַטערינושקאַן שטאַרקער געוואָרען, הייסער געוואָרען, נייגעריגער.

— קום בּעסער, נאַ! — מאַכט זי צו איהם מיט אַ בּאַרמ־הערציגען שמייכעל, אַזוי ווי עס שמייכעלט אַן עלטערע שוועסטער צו אַן אינגערען שטיפערישען ברודער — קום, כ'וועל דיר בּעסער געבּען אַן אָרט אין היי־שפּייכלער. ווייך, קיהל. וועסט זיך אויסרו־הען. און אָט — די זון וועט אַראָפּ, וועסטו דיר אַוועקגעהן קיין שקלאָוו, צו דיין ווייב... זאָג, אַ שען ווייב האָסטו עפּעס?...

— אַ שענע, גאָר אַ שענע! — לאַכט פאַנדרע, ציהענדיג זיך אויף אַלע ביינער.

— אַ?—איז כלומרשט צופרידען קאַטערינושקאַ—נו, און גע־לויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט!

נאָר פאַנדרע דערכאַפּט אין איהר „לויבען גאָט" — אַ באַ־האַלטענע ווייבערשע פאַרדראָסיגקייט, וואָס ער האָט אַזוי גוט גע־קענט אין בחורשע יאָהרען... און די הייסע אומרוהיגקייט כאַפּט זיך אין איהם ווידער אויף.

ווי דורך אַ שיכורן נעבעל איז נאָך איהר פאַנדרע נאָכגעגאַנ־גען, פיהלענדיג אַ שלעפּערדיגקייט און אַ באַגעהר אין אַלע אברים: דורך דער קיהלער פירהויז זיינען זיי אַריין אין אַ מין שמאָלען בערוועגע־קאָרידאָרעל, צווישען צוויי הילצערנע טירלעך. רעכטס— צום שטאַל, לינקס — צום־היישפּייכלער. אַ שטאַרקער שנאָרכען פון אַ פערד ביים זאַשעק האָט זיך דערהערט אין דער האַלב־טונ־קעלקייט.

— אַ פערד? — וואונדערט זיך פאַנדרע — אַרבייט גאָר ניט שניטצייט אין פעלד?

— אונזערער אַ זשערעבטשיק! (לאַשעק) — ערקלערט איהם קאַטערינקאַ — נאָך ניט קיין אָנגעפּאָדקאָוועטער. דער טאַטע כאַ־ליעט איהם. ווילסט איהם זעהן?

— באַווייז! — מאַכט פאַנדרע מיט אַן אויפגעקאָכטע זשעד־נעקייט. די באַלעגאַלישע בענקשאַפט נאָך דער וואַרימער נאָהענט־קייט פון אַ פערדעל האָט זיך אין איהם אויפגעוועקט. שוין אַנ־דערטהאַלבען יאָהר ניט געפּאַטשט אַ סוס איבער דער ציטערדיגער ליטקע.

קאַטערינושקע האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס רעכטע טירעל. און אין דער קאַרגער ליכטיגקייט פון שטאַל האָט פאַנדרע גלייך דער־זעהן אַ שענעם יאָהריגען לאַשעק, מיט אַן אויסגעצויגענעם בויך, מיט אַ מאָגערליכער שפּיציגער מאָרדע איבערן זאַשעק און מיט דינע פיס—אין שטרוי פון געלעגער. זיין גרוי־גלאַטע פעל האָט זיך איבערגעגאָסען אַן אַ זילבערדיגען גלאַנץ און אין טונקעל־גרויע מאַ־טאָווע „עפּעל"... אויף דעם דאָזיגען אַטלאַסענעם גרוי האָט נאָך

וואונדערליכער און פרעמדער אויסגעזעהן די ברוינע ניט־געשוירענע אויפגעברויזטע גריווע. פונקט פון אַזאַ פרעמדער „מאַסט" (פאַרב) איז געווען דער רייכער, נאָך ניט־אויגעוואַקסענער עק. צוויי פאַר־שידענע „בלוטען" האָבען געשפּילט אינם לאָשעק. פאַנדרע איז נשתּומם געוואָרען:

— ווי קומט צו אייך אַזאַ צאַצקע? ס'איז דאָך אַ פּריצישע פאַראַדע...

— אָך, יאָ! — גיט אַ לאַך קאַטערינושקאַ — ניט דו דער ערשטער וואונדערט זיך. אַ סלוטשאַי (צופאַל) אַזאַ געווען. דעם פאַמיעשציקס אָגער איז באַפאַלען אונזער יונגע קליאַטשע דאָ אין הויף. דער פאַמיעשציק האָט איהם אַ ווילדע אויסגעשפאַנט פון קאַ־רעטע. אַ האַלאַבליע געדאַרפט פאַרריכטען. און זיין אָגער האָט גלייך דערשמעקט אונזער קליאַטשעלע. האָט ער זיך אָפּגעריסען פון צוימעל און אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעריסען זיך אין הויף. אוי־אוי האָט ער געהירזשעט!... דער פּריץ האָט זיך דערנאָך געטשעפעט צום טאַטען. געלט געמאָנט ביי איהם. פאַר אַזאַ „אַרבייט", מאַכט ער, וואָלסטו ביי מיר, מאַכט ער, אין פערדען־זאַוואָד באַצאָהלט אַ פינף־און־צוואַנציגער...

— איז אַרויסגעשפּרונגען אַזאַ לאָשעק! — בליאַסקעט פאַנדרע מיט זיינע לאַכעדיגע אויגען.

און לאַכענדיג אַזוי, לעגט ער אַרויף זיין האַרטע לאַפּע אויף דעם האַרטען הינטען פון פערדעל. די גרוי־זילבערנע פעל האָט זיך דריבנע געצאַפּעלט אונטער די מאַזאָליעס פון האַנט, ווי אַ לעבע־דיגער וואַרימער אַטלאַס. דאָס האָט פאַנדרען דערמאָנט אָן דעם אומגעקומענעם „שמענדריקען", סענדערס „איידימעל אויף האָ־בער". זיין גלאַטינקע פעל, זיין ציטעריגקייט, אָבער ד י איז נאָך איידעלער, נאָך פייערדיגער. יעדער נייער גלעט האָט אַרויסגערו־פען אַ נערוועאישען צוקען אין די הינטערשטע פיס. און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ראַסאָווער לאָשעק ציהט און ציהט די אַטלעסענע טריקאָ־הויזען איבער זיינע שלאַנקע ליטקעס און קען זיי ניט אַרויפציהען... פאַנדרע האָט שוין אַליין ניט געמערקט אַז ער גלעט נאָך אַלץ. ווי אַ פאַרשיכורטער איז ער געשטאַנען. דער

וואַרימער ריח פון שטאָל האָט איהם געקיצעלט אין נאָז. אַט דער־זעלבער ריח, וועלכען ער האָט אַזוי אָפט געשפּירט אין די בחורשע יאָהרען, נאָכלויפענדיג, אין די פרייע פּאַרנאַכטען, נאָך דאָרף־שיקסעס. אַט דאָ ניט לאַנג, דאַכט זיך, איז עס געוועזן... דאָס שטרוי האָט שטיל געשאָרכעט אונטער דעם לאַשעקס אומרוהיגע, ניט־גע־פּאַדקעוועטע קלאָהען. און פּאַנדרען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אימי־צער ליגט דאָ צעוואָרפען איהם צופוסען, הייס און נאַקעט, און שוש־קעט מיט טרוקענע ליפען: „נאַי, ראַדנאַי! קום צו מיר!"...

ווי אַ ווייטער פאַרשוואומענער ווידער־קול פון ליבליכע ווער־טער און הייסע זיפצען האָט איהם דאָס שאָרכען פון שטרוי אָפּגע־קלונגען. און דער שאַרפער ריח פון שטאָל און זאַשעק איז געוואָ־רען שטאַרקער פון אַלע געטראַנקען אין דער וועלט. ס'איז געוועזן דער ריח פון זיבּד, פון יונג־בּלוט און פון האַסטיגע מאַנסבּילשע און ווייבערשע כחות, וואָס מישען זיך שטורעמדיג צוזאַמען.

און פּלוצלינג, גלעטענדיק אַזוי דעם לאַשעק, טרעפט ער נאָך אָן, אין דער האַלב־טונקעלהייט, קאַטערינושקאַס האַנט. זי גלעט אויך. אויף דעם לעבּעדיגען אַטלאַס פון דער ליטקע האָבען זיך זייערע ביידע הענט צוזאַמענגעטראָפען. די דאָזיגע באַריהרונג איז געוועזן אַזוי אומגעריכט און אַזוי פייערדיג — ווי אַ בּליץ האָט זי געטראָפען...

ווי דער פּריצס אָגער אויף דער פויערשער יונגער קליאַטשע, אַזוי האָט זיך פּאַנדרע געוואָרפען אויף קאַטערינושקאַן. ער האָט זי ווילד געגעבען אַ פּאַק אין ביידע שטאַרקע אָרעמס און פּיבערנ־דיג, מיט דער גאַנצער אויסגעהונגערטער, אויסגעבייגקטער הויט פון לייב, דערפיהלט איהר פרישע דאָרפישע זאַפטיגקייט. אונטער דער דינער און קיהלער כאַלאַסטינקע האָט זיך געצאַפּעלט אַ לעבּע־דיגער באַהעלטער פול מיט יוגענט. די כאַלאַסטינקע גליטשט זיך איבערן רונדען מיידעלשען לייב ווי אַ פיינע שאָלעכץ אויף אַן אַי־בּערגעצייטיגטער גרויסער פלוים. זי צאַפּעלט זיך, דאַכט זיך, קאַ־טערינושקאַ, און רייסט זיך. פונדעסטוועגען שווייגט זי... ער גיט זי אַ הויב אַביסעל העכער און וואונדערט זיך וואָס זי איז אַזוי לייכט.

אַז מען לאָזט זיך ניט, ווי קאַטערינקאַ מאַכט אַן אָנשטעל, איז מען דאָך אַ סך שווערער...

—ניע טרעבאַ, נאַי, ניע טרעבאַ! — אַזוי בעט זי זיך שטיל זיין געפאַנגענע און שטופּט איהם כלומרשט אָפּ מיט איין רונדער פּלייצע, און מיט די הענט נעמט זי איהם אַליין אַרום, זיין האַלז־און־נאַקען. איהרע אַראָפּגעהאַנגענע קרעלען אויפן האַלז גיבען אַ ריהר־אָן זיין צוהיצטען פּנים און בריהען אָפּ מיט זייער קיהלער גלאַטקייט. דאָס בלוט גיט איהם אַ זעץ אין קאָפּ.

4.

האַסטיג טרעט פאַנדרע אַרויס פון לאַשעקס שטעלכעל און איינגעבויגען, כדי ניט אָפּקלאַפּען זיך און קאַטערינושקאַן אַן פּריטעלקע, גיט ער אַ שטויס די אַקעגענדיגע טירעל און כאַפּט זיך אַריין, איינגעקאָרטשעט און פאַרטאַיעט, ווי אַ רויבער מיט זיין גזלה אויף די הענט, אין היי־שפּייכלער. אַ לעקאַכדיגע דושנעקייט נעמט איהם אַרום און אַ שאַרף פון טרוקענע גראָזען. ער וויל אַראָפּלאָזען זיין רויב און קען ניט. קאַטערינושקאַ האַלט איהם שטאַרק אַרומגענומען, ווי איינע וואָס טרינקט זיך — אַן אַ בערוועגע. פאַנדרעס שטאַרקער האַלז איז איהר לעצטער האַלט אין ים פון היי... „ניע טרעבאַ״, שושקעט זי איהם הייס אויפן אויער, „ניע טרעבאַ!״

אַ זודיגע בייזקייט נעמט איהם אַן. מיט איין שאָקעל וואַרפט ער זי אָפּ אין היי. זי מאַכט אַ פּאָר גרויסע אויגען און שרייט אויף, ווי פריהער, ווען דער בוהאַי איז זי באַפאַלען אין בלומען־גערטעל. נאָר אַצינד — אַ סך איינגעהאַלטענער, שטילער:

— טאַטקאָ! (טאַטעלע).

— שוייג! — גיט פאַנדרע פונקט אַזוי שטיל און איינגעהאַלטען אַ ברום איבער איהר, און רייסט פון איהר איהר לייוונטענעם אַנטועכץ. איהר לייב איז בויגיג, האַרט און הייס; און עס שמעקט פון איהם מיט יענעם ריח פון אונבאַריהרטער מיידעלשאַפט, וואָס

קיין ריח אין דער וועלט קען זיך מיט איהם ניט פאַרגלייכען. ער באַטויבט אַפילו דעם היי־געררוך.

פאַנדרע, וואו ביסטו? פון אַסטראַג טראַגסטו דער ווייב דיינער, דיין מערען, די גאַנצע גבורה דיינע! אַנדערטהאַלבען יאָהר האָסטו זי געזאַמעלט, פאַרטאַיעט אונטער די אַרעסטאַנטען־קליידער. אַ פרעמדער דאַרפישער גויע גיסטו אָפּ מערעס חלק. ווי דעם פריצס אַגער באַפּאַלסטו אַ פויערשע קליאַטשע. וואַרט, וואַרט! דער פריץ וועט נאָך קומען מאַהנען פאַר דעם טייערען כח פון זיין אַגער.

פאַנדרע הערט ניט מעהר דעם קול, וואָס רופט איהם ערגעץ־וואו, פון דער טיף פון היי, פון די ליכטיגע שפּעלטעלעך אונטער דער קראַווקע. זיין זעעל איז אַוועקגעשוואומען, מערע — אַוועקגעשוואומען. און זיין לייב שווימט באַזונדער, „אָהן אַ קאָפּ", אין די דושנע כוואַליעס פון היי. אַ קורצער אויסגעשריי. אַ שושקעניש פון טרוקענע גראָזען. קרעכצען. און דער לאַשעק אין דעם אָקעגענדיגען שטאַל הירזשעט זאַט און צופרידען: „הי—אי! אַט אַזוי לעבט מען אויף דער וועלט..."

אין פאַנדרעס אָרעמס קנאַקען קנאַכען אַלע קנאָכען פון זיין לעבעדיגען רויב. אַזוי נאַכגיביג האָט אודאי געקנאַקט דער רוקען פון מי־קיטאַס יונגער קוה, ווען דער גרויסער בוהאַי האָט זי באַדעקט. „ניטשאַוואָ זי האַלט אויס..." שווימען דורך אין נעבעלדיגען זכרון אַ פּאָר ווערטער פון קאַטערינאַס פריהערדיגער ערצעהלונג. קאַטערינאַס זיפצען און שטיקען זיך רייצען איהם אַצינד. ער קריצט אויף איהר מיט די ציין אין זיין הייסער בייזקייט. ער שעפּטשעט איבער איהר מאַדנע אָפּגעריסענע ווערטער. ווי פון היץ שעפּטשעט ער צו איהר:

— שווייג, אַ... זאָג איך דיר... כ'האָב געוואוסט אַז דו וועסט זיין היינט מיינע. אַנטלאָפען ביסטו פון מיר אין וואַלד, אַ? שווייג! די גאַנצע ברוסניצעס דיין סאָלדאַט אַוועקגעטראָגען... „איך וויל אויך ברוסניצעס!" שמחהלע האָט דאָס מיר געזאָגט... די גאַנצע ברוסניצעס וויל איך... שווייגען זאָלסטו!

ער ווייס שוין אַליין ניט וואָס ער רעדט. ער ווייסט אַליין ניט, אַז דאָס רעדט פון איהם דאָס נקמה־נעמען פון דער גאַנצער טרפה־

נער גויעשקייט, וואָס האָט איהם אָנדערטהאַלבען יאָהר געמוטשעט, זיין לייב אויסגעהונגערט און זיין זעעל אָפּגעריסען פון גאָט און מענשען, צווישען איהם און מערען אַן אייזערנע גראַטע געשטעלט. סענדערען דערטרונקען, חרוב־געמאַכט די שטוב, געפּטרט אַלע דריי פערד, אַלע דריי ברויטגעבער אין איין האַלב יאָהר. געפּטרט אַ? איז נאָט אייך, חזירים! איהר קענט מיך אָפּשליסען פון דער גאָרער וועלט. אָבער פאַר אייערע טעכטער בלייב איך אַלעמאָל — פאַנדרע. נח פאַנדרע. אייערע בת־יחידהס זיינען פאַר מיר די כּפּרה. איך בין ביי זיי בילכער ווי אייערע סאָלדאַטען... שוויג, סטערוואַ!

— אַך טיעך־טיעך! — זיפצט פויעריש אַף קאַטערינושקאַ און גלעט איהם פונדעסטוועגען.

— טשעפּע ניט! — גיט ער איהר גראָב אַ שטויס די האַנט.

אַ ניט־פאַרברויכטע ווילדקייט ברויזט נאָך אין איהם. ער האָט זיך היינט אָנגעשטעקט פון בוהאַי, קעמפּענדיג מיט איהם. מיט הערנער, ווען ער וואָלט זיי געהאַט, וואָלט ער איצט קאַטערינושקאַן געשטויסען. מיט די קלאָהען געטראָטען. מיט אַ שליימיגער בער־שטעל־צונג לעקען איהר געזיכט... די כּחות פון בהמה און חיה שטעהען אין איהר אַצינד דיבאָם. זיי זיינען די שטאַרקערע. און דאָס מענשליכע אין איהם איז שוואַך, גאַר שוואַך. קוים וואָס ער עטעמט צווישען קלאָהען און ציינער און הערנער און בלוטיגע אויגען.

נאָר ביסלעכווייז געהט דער ערשטער טשאַד אַוועק. דאָס מענש־ליכע באַפרייט זיך. דער מוגש שטאַרקט זיך איבער דער בהמה. דאָס געפיהל פון מוטנער נקמה געהט־איבער אין אַ טיפער בענק־שאַפט. אין אַ זיסען וועהטאָג אין האַרצען, אין אַ זודיגען רחמנות:

— קאַטינקאַ, קאַטערינושקאַ! — בויגט ער זיך איבער איהר איבער נאָכאַמאָל.

קאַטערינאַ כליפעט שטילערהייט.

— וויין ניט! — בעט ער זיך ביי איהר — דו האָסט דאָך אויך געוואוסט אַז אַזוי וועט זיין. שוין היינט אין וואַלד. דערפאַר ביסטו אַנטלאָפען?... זאָג, זאָג, קאַטערינושקאַ!

די זעלבע ווערטער ווי פריהער, נאָר זיי קלינגען גאַנץ אַנ־

דערש. זי נעמט איהם אַרום מיט איין האַנט. איהר געבלומטע שוואַרצע כוסטע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט. איהרע קרעלען זיינען פאַרוואָרפען. איהרע רויטליכע האָר מישען זיך מיט היי. איהר שמייכלען מישט זיך מיט טרערען.

נח פאַנדרע טרייסט זי. און דאָס בלוט צופלאַקערט זיך אין איהם ווידער אַמאָל. „פּאַיעטאָנטשיק״, „צעפּצעכעלע״, אַזוי שעפּטשעט ער צו איהר. און באַמערקט אַפילו ניט, אַז דאָס זיינען די זעלבע ליבליכע צונעמענישען וואָס ער איז געוועהנט געווען צו שעפּטשען, פאַרליבטערהייט, מערען אויפן אויער. „טערמאָמעטע־רעל״, „דייזשקעלע״...

ער איז ווי איינער, וואָס זיין הייס געליבטע ווייב איז ביי איהם געשטאָרבען. און, נעמענדיג אַ צווייטע, כדי צו טרייסטען זיך, רעדט ער צו איהר, אין דער טונקעלהייט, ווי צו דער געשטאָר־בענער; רופט זי מיט באַגראָבענע נעמען.

אַי, פאַנדרע, פאַנדרע! דאָס אויך אָוועקגענומען ביי מערען און אָוועקגעגעבען אַ פרעמדער? פריהער די גלוט פון די אָדערען, די אָנגעזאַמעלטע גבורה, אַצינד — די זיסע צונעמענישען אויך, די יאָדערדיגע פאַרליבטע ווערטער פון קצב און באַלעגאָלע...

נאָר ס׳איז איהם אַצינד אַלצאיינס. ווי אַ פאַרפאַלענער שיכּור, בשעת מען דערלאַנגט איהם אַ נייע כוסע. מעהר געשיכורט, ווע־ניגער געשיכורט — ס׳איז אַלצאיינס!

ער באַגרייפט נאָר, ניט גאַנץ קלאָר, אַז אַלץ קעהרט זיך אום ווי אין אַ כשוף־ראָד, אַלץ חזרט זיך איבער אויף ד ע ר וועלט: די וואָלפיכע — אין טשורילאָ־קאַטאָרזשניק, דאָס שלעגעריי מיט טשור־רילאָן — אינם קאַמף מיטן בוהאַי, און די היי־שפּיכלערס און שיקסעס פון פאַר דער חתונה — דאָ אין מיקיטאָס שפּייכלער און אין קאַטעריניושקאַן. אַלץ גלגולט זיך. פון וואַנענט מען קומט, אַהין געהט מען. נייע באַגעגענישען, נייע צוזאַמענטרעפענישען. אָבער די אַקס איז דיזעלבע. אָט איז ווייטער דיזעלבע זינד, דאָס זעלבע גליק אויף דער ערד, ווי אַמאָל! איבער מערעס קאָפּ האָט זיך עס אַריבערגעוואָרפען ווי אַ כוואַליע. שעפּטעלע גנב איז אפשר אויך

געֶרעכט. „ווער ס'איז אַמאָל געזעסען אין אָסטראָג וועט נאָך זיצען...” אויך גערעכט. גיטאָ וואָס אָנצווערען!

„נאָך, נאָך!” צושרייט זיך אין איהם דאָס בלוט. אַריינגעמען אין לייב וואָס מעהר פרעמדע ליידענשאַפט! אָט אַזוי ווי פריהער ביים עסען — וואָס מעהר טעמים און ריחות... צונויפפלעכטען זיך! צוזאַמענגיסען זיך! ווער האָט דאָס געשטעלט פאַפירענע גרענעצען צווישען פאָלק און פאָלק, צווישען געשלעכט און געשלעכט, צווישען יוגענט און גבורה — ווען דער פייער פון באַפרוכפערונג נעמט זיי אַרום? ווער וואַרפט זיין מלבוש צווישען לייב און לייביכע, בשעת זיי לעכצען איינער צום צווייטען?

זי גיט נאָך. קאַטערינאַ. זי כליפעט ניט מעהר, זי זיפצט ניט מעהר. זי האָט זיך אָנגעפאַסט אָן נחן מיט איהר ווייבערישען נאַטור־געפיהל. אַ בעריאָזקע אין שטורעם, אַז עס וויל ניט צובראָכען ווערען מוז עס זיך בויגען; בויגען זיך מיט צעפלאָשעטע גרינע צעפ וואוהין עס וואַרפט און ציהט. פון פאַרבלאָנדזשעטע בוימער אין גרויסען פעלד האָט דאָס קאַטערינושקאַ געלערענט. אַזוי איז זי גאַנץ געבליבען.

די צוויי געגענזאַצען, וועלכע שלאָגען זיך אַרום אין יעדען מענשען, דער גוטער גייסט און שלעכטער גייסט, דער יצר־הרע און יצר־טוב, זייגען געזעסען אין תפיסה מיט פאַנדרען צוזאַמען. איינגעשפאַרט, ווי ער אַליין, זייגען זיי געזעסען און געביינקט נאָך פרייע לופט.

שטאַרקער פון אַלע שטעטלשע אידען איז נח פאַנדרע. פונקט אויף אַזוי פיל זייגען אין איהם אַלעמאָל שטאַרקער געווען דאָס גוטע און דאָס בייזע. און פונקט אויף אַזוי פיל מעהר האָט זיי געשטיקט דער אָסטראָג.

און אָט, בשעת ראַטעווען זימלען און קעמפען פאַר קאַטערינושקאַן מיטן בייק, האָט זיך דער יצר־טוב באַפרייט מיטן גאַנצען אימפעט אויפגעאָטעמט, נאָך אָנדערטהאַלבען יאָהר תפיסה, מיט זיין גאַנצער ברייטהאַרציגקייט. דער שטן אָבער איז נאָך אַלץ געבליבען פאַרשפאַרט אין דער פינסטערניש פון לייב, אַ געקייטעטער, אַ זינדיגער, אַ פיעל־אויגיגער, מיט טויזענט מיילער פון גלוסטעניש.

אָפּגעריסען זיך פון קייט האָט ער זיך ערשט ביי מיקי־טען אין טונקעלען היי־שפּייכלער. ערשט דאָ האָט ער זיך צע־בליאַסקעט מיט אַלע זיינע אויגען־ווייסלען, צעטשמאָקעט און צע־נאָשט זיך מיט אַלע זיינע פעט־רויטע מיילער: נאָך, נאָך און נאָך וויל ער! אויך איהם מוז מען באַפרייען. ביזקעל סוף באַפרייען. אַלע זיינע קייטען צוברעכען. נאָך, נאָך!

בעט זיך ביי איהם, ביים שטן, קאַטערינושקאַ:

— לאָז מיך!

ענטפערט ער איהר שיכור און פאַרפרעסען. מיט האַלבע, פאַר־כלינעטע ווערטער ענטפערט ער:

— ניין, איך לאָז דיך ניט אָפּ, קאַטערינושקאַ! אַ בוהאַי בין איך אַ פליישיגער. אַן אַגער פונם פריצס פערד־זאַוואָד. באַפרייען זיך. באַפרייען זיך. נאָך, נאָך!

— נאַי, ראַדנאַי! — זיפצט זי טיף אָפּ און נעמט איהם אַרום. דער קרבן נעמט אַרום דעם פייניגער, מיט ווייבליכער אונטערטע־ניגקייט, מיט יסורים און דאַנקבאַרקייט. אַ צושטורעמטע פעלד נעמט נאָר אַזוי אויף דעם האַסטיגען זומער־רעגען.

ווי האָט זי געזאָגט: „נאַי ראַדנאַי?‟ נאָר דאָס האָט נאָך גע־פעהלט פון אַמאָל... און אָט האָט אויך דאָס אָפּגעקלונגען פון תבואה־שייערס און שפּייכלערס, פון פאַר־חתונה־יאָהרען. אָפּגעשלוקערצט זיך פון די בהורשע הולטאַיסטוואָס. אַלץ חזרט זיך איבער.

אַצינד איז שוין די מאָס אינגאַנצען פול געוואָרען. דער קרייז האָט זיך געשלאָסען. דאָס עפּעלע האָט זיך איבערגעזעטיגט מיט זאַפט און זון. אָפּגעריסען זיך. אַוועקגעקייקעלט זיך.

פונקט אַזוי גיט זיך קאַטערינושקאַ אַ ריס פון נחן און קיי־קעלט זיך פון איהם אַוועק איבערן היי:

— ניע, ניע! לאָז! נאַזשיצאַני פרידעט! דער חתן וועט באַלד קומען פון שטאָט... דער טאַטע — פון פעלד... ניע, ניע!

פאַנדרעס אויסגעשטרעקטע זשעדנע אָרעמס לאָזען זיך אָפּ, קאָרטשען זיך איין, ווי רידזיגע פּיאַווקעס. אַ האַלב־געחלשטער, אַ טויט־מידער גליטשט זיך שווער אַראָפּ דער קאָפּ. זיין באַוואַוסט־

זיין דערטרינקט זיך אינם שמעקעדיגען היי ווי אין אַ גרינעם שוים. ער שלאָפט איין אַ האַרטען שלאָף, אָהן חלומות, ווי אַ מסוכן־קראַנ־קער נאָך אַ שווערען קריזיס. — — —

.5

אַ האַנט טרייסעלט איהם. האַרטע פינגער שטורכען איהם. עמיצער אַ שוואַרצער, אַן אומבּרחמנותדיגער שטעהט איבער איהם איינגעבויגען און רייסט איהם פון שלאָף אַרויס, ווי ער — ר׳ זימ־לען פון גרינעם דניעפּער־תּהום. „האַ? ווער איז דאָס? וואָס ווילט איהר?״

אַ באַקאַנטער גראָבּער קול ברומט איבער איהם:

געגוג צו פאָפען און געגוג צו דריכבּיען! קום!

שמחהלעס קול דאַכט זיך, ווי קומט ער אַהער?

פאַנדרע טרייסעלט זי אויף, זעצט זיך, רייבט זיך די אויגען און פרעגט הייזעריג, ווי אין הינהערפּלעט:

— וואָ—אָס?

— אַ נאָז! — ענטפערט איהם שמחהלע צום גראַם. — אַהיים קום!

„אַ היים קום...״ עס רעדט זיך נאָר אַזוי. ער האָט דען נאָך אַ היים? די פענסטערלעך פון סענדערס הייזקע זיינען אויסגעלאָשען פאַר איהם. מערעס בעט איז קאַלט... אין די ביינער פרעסטעלט עפּעס. אַך, ער וואָלט נאָך אַזוי געלעגען און „געדריכביעט״. פאַרגעסען זיך! שלאָפען. שלאָפען!

נאָר די אומבּרחמנותדיגע האַנט רייסט ווידער:

— קום!

— שוין שפּעט? — פרעגט פאַנדרע אַ דערשלאָגענער.

— מ׳קומט באַלד פון פעלד. מיקיטאַ וועט באַלד קומען. קענסט נאָך האָבּען אַ חתונה.

— וועלכע חתונה?

— מיינסט אודאי כ׳האָב גאָר ניט געהערט ווי דו האָסט גע־

ראַבאַטעוועט! אָדער צוליב וואָס, למשל, האָט מיך די גויע אָפּגע־שיקט אין גערטעל שלאָפן?... בין איך אַ גוטער חבר, צי ניט?... זאָג כאַטש: „אַ דאַנק!"

ווי פון אַ שלאַנג געביסען שפּרינגט פאַנדרע אויף פון היי. ער ציהט כמורנע די ברייטע פּלייצעס, ווי אַ שמשון וואָס וויל אויף זיך צורייסען די געהיימניספולע שטריק און קען ניט... קיין שום גבור איז בכח צו צו רייסען די פּעטליעס פון בייזע מעשים.

אַצינד האָט ער זיך שוין אינגאַנצען אויסגעטשוכעט. ער גע־דענקט קלאָר, אַז ער האָט פאַר מערען, פאַר זיין מערע־מעריינע־לען געטראָגען עפּעס אַ גרויסע, גאָר גרויסע מתנה, וואָס ר' זימעלס תחינות און מעשה־ביכלעך, אין זיין קלומיק, קענען זיך גאָר דער־מיט ניט פאַרגלייכען. נאָר אימיצער אַ ניט־פאַרגינער האָט זיך אריינגעמישט, אַ שטויס־געטאָן זיינע אָרעמס, צעפּליוכעט דאָס טייערע, דאָס פייערדיגע אין אַ פרעמדען שויס. און אָט דער שמחה־לע, אָט דער מנוול, האָט אויך שטילערהייט געהאָלפען, באַהאַלטען זיך, געטשיקעוועט און אונטערגעהאָרכט הינטערן וואוינגעל. אַצינד וואָלט ער נאָך געוועון אַ בעלן מ'זאָל איהם באַצאָהלען פאַר זיין חברשאַפט... אפשר גאָר דערלאַנגען איהם אין באַק אַריין?

אַ פּנים שמחהלע האָט באַמערקט דעם בייזען פייער אין פאַנדרעס אויגען. וואָרום ער האָט גענומען אָפּטרעטען אויף הינטען, אַ בורטשע געטאָן אַ ביסעל ווייכער:

— וואָס גלאָצטו מיך אָן, וואָס? נעם דעם קלומיק און קום!

אויף די ציפּקעלעך, ווי גנבים, געהען זיי ביידע אַרויס פון דער האַלב־טונקעלער פירהויז. די זון האַלט ביים פאַרגעהן. אַ הונט צעהאַווקעט זיך. רופט עמיצען: „האַוו, האַוו, קוקט! זיי גע־העז דאָך טאַקע אַוועק, אָהן אַ גוטען טאָג, די שענע לייט!..."

ביים אַרויסגעהן פון טויער גיט פאַנדרע אַ וואָרף מיט ביידע אויגען צום פענסטערל פון כאַטע, וואָס געהט אַרויס אין הויף. דאָר־טען זיצט אַ קאָפּ. קאַטערינאַס קאָפּ, אָהן אַ כוסטע, באַגלייט איהם אַרויס. די אויגען איהרע זיינען רויט. זי האָט ערשט, דאַכט זיך, געוויינט. פונדעסטוועגען באַגלייט זי איהם מיט אַ טרויעריגער ליב־שאַפט, מיט אַ צעדריקטען שמייכעל אויף די פולע ליפּען.

דרויסען, אויף דער פריזבע, זיצט דער „דיעד״, קאַטערינאַס זיידעלע. ער וואַרימט נאָך אַלץ די קראַנקע פיסלעך אויף דער לעצ־טער זון.

דערזעהן, אַז די אָנגעלעגטע געסט, וואָס האָבען גערײטעוועט זיין אייניקעל, געהען אַוועק איינגעטונקען אין הוי, צעשמייכעלט ער זיך מיט אַ פאַרוועלקטען מויל און מיט איין געלבען צאָהן:

— גוט געשלאָפען?

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, זעמליאַקעס? אַט מיקיטאַ וועט באַלד קומען פון פעלד, וועט ער אייך באַדאַנקען. מ׳עט נעמען צו גלעזעלעך.

— ניטאָ קיין צייט, דיעד! אין שקלאָוו וועט מען זיך זעהען.

* * *

אַ הונדערט קלאַפטער ווייט פון דאָרף, דאָרט וואו דאָס שטע־געלע צו מאַקאַראָווקי גיסט זיך צונויף מיטן גרויסען שליאַך, באַ־געגענען ביידע פוסגעהער אַ סאָלדאַט. יענער געהט ניט פעסט אויף די פיס. קענטיג — אַביסעל אָנגעשניאַשקעט. זיין צונויפגעוויקעל־טער שינעל איז איהם אָנגעטאָן איבער זיין פלייצע און אונטער־אָרעם, ווי אַ קרומער בייגעל. אַ שענער דאָרפישער יונג, מיט געלב־ליכע וואָנסעלעך, מיט שפּיציגע רויטע באַקענביינער. אין איין האַנט האַלט ער אַן אַרומגעבונדענע האַרמאָשקע און מיט דער צוויי־טער האַנט האַלט ער זיך פאַרן זעלנערישען לעדערנעם גאַרטעל מיט אַ רינג. זעלנערישער האָנאָר פון איין זייט און גרייטע „מוזיק״ פון דער צווייטער זייט, אַזוי, ווייזט אויס, וויל ער דאָס אַריינמאַר־שירען אין דאָרף און באַצויבערען אַלע מאַקאַראָווקער שיקסעס.

שמחהלע קוקט זיך שאַרף איין אין דעם זעלנערס פאַרגאָסענע אויגען. און פאַנדרען גיט אַ טיאַכקע אין האַרצען. ער קעהרט אָפּ דעם קאָפּ.

איבערגעקוקט זיך מיט חשד. פאַרבייגעגאַנגען — פאַרשטאָפּט

ויך שמחהלע דעם גראַב־צעשמייכעלטען מויל מיט איין דלאָניע און, אָפּגעהענדיג אַזוי ווייט, אַז דער סאָלדאַט זאָל ניט קענען דער־הערען, גיט ער פּלוצלינג אַ שאָס אַרויס מיט אַ דערשטיקטען זליד־נעם געלעכטערל און אַ וואָרף מיטן קאָפּ און מיט איין אויגעל צו זיין חבר.

פאַנדרע כמורעט זיך אָן. ער ווייסט וואָס דאָס מיינט... קוקט ער אַוועק און בורטשעט פאַרלעגען:

— וואָס שוין ווייטער פאָ... פאַר אַ שטיק? טורערו!

— איך לאָך! — שטיקט זיך שמחהלע מיט זיין פלומרשט תמעוואַטען געלעכטערל — געקליבען, געקליבען, זאָג איך קאַטע־רינקאַ... ברוסניקעס געקליבען פאַר איהר חתן דעם סאָלדאַטשוק... און לסוף האָט זיי גאָר נחקע פאַנדרע אויפגעפרעסען! כאַ־כי־כי־כי־ססס ...

אַ פולער וואָגען בייעס

.1

פאַרשעמט, ווי אַ גרויסער אינגעל, וועלכער האָט אנגעטראָפען דעם, וועמען ער האָט פון הינטען־אַרום אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה, אַזוי האָט זיך פאַנדרע דער־ווייטערט פונם זעלנער אַראָפּ־שליאַך. אויף קאַטערינקאַס בראָך וועט ער אַצינד מוזען שפּילען. אָט דער בלאָנדער שגץ מיט זיין האַרמאָשקע!...

אַ זיסליכע שוואַכקייט איז איהם געשטאַנען אין אַלע אברים, אַ ווייכע טרויעריגקייט — ווי נאָך שטעלען געהאַקטע באַנקעס, ווען עס ווילט זיך אויסציהען די פיס, ליגען רוהיג, זופען הייסע טיי און ניט טראַכטען. אַפילו דער האַרטער שלאָף אין היי־שפּייכלער האָט איהם ניט אָפּגעפרישט.

לויט אָט דער ניט־זיכערקייט, אין גאַנצען גוף, האָט פאַנדרע ערשט אַצינד דערפיהלט וואָס ער האָט קאַטערינושקען אַוועק־געשענקט. ווען ער וואָלט ניט געווען אַזוי זשעדנע — אַ גבור וואָלט דערפון געקענט געבוירען ווערען ביי מערען זיין ווייב. ניט קיין ממזר אין מאַקאַראָווקי...

אַצינד איז שמחהלע טורערו דער גוטער פוסגעהער. און ער, פאַנדרע, ער זאָל זיך ניט געווען שעמען, וואָלט ער זיך אויסגע־צויגען אין די טרוקענע בוים־נאָדלען, ביים שליאַך, און וואָלט געלאָ־זען דעם אָוועגט קומען איבער זיך.

אָבער דער וועג קיין שקלאָוו איז נאָך גאַנץ וויט. מען מוז גען, גען...

אין די וואָלקענדלעך איבערן וואַלד האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ לייכטע רויטקייט. סאָראָקעס האָבן זיך גענומען ציִען אַהיים. הויך און באַפרייט פון טאָגיגער פליהעניש, פון כאַפּן און גזלנען. און זייער זשעדנער געשריי איז אַצינד געוואָרן וויכער, קיילעכדי־גער. פונם האַרטען „קרראַ" איז געוואָרן „קכאַ, קכאַ", פונקט ווי זיי וואָלטן געגאַידערט פאַרביינקטערהייט. קכאַ, קכאַ! צו די נעס־טען, צו די קינדער! קכאַ!

טיף אין וואַלד האָט זיך צעשריִען אַן אומבאַקאַנט פויגעל. אָפּגעציִמבעלט איינס נאָך איינס: „צאָס־צאָס־צאָסו" און גלייך אַנט־שוויגען געוואָרן. ס'האָט זיך אָנגעהערט, ווי אַן אונגעדולדיגער כּלי־זמרל וואָלט זיך ניט דערוואַרט ביז די גאַנצע קאַפּעליע פון על־טערע וועט אָנשטעלן איהרע כּלים. איז ער אַרויסגעשפּרונגען מיט דריי אייליגע קלעפּלעך אין זיין מעשענעם „באָם־ציק־צאָק" און פאַרשעמט זיך פאַר זיין אייגענער אומגעלומפּערטקייט...

אַלץ קולות, וואָס זאָגען־אַן דעם פאַרנאַכט אין וואַלד. אָבער גראָד אָט די פאַרנאַכטיגע קלאַנגען האָבן פאַנדרען נאָך טרויעריי־גער געמאַכט. וואָס נעהנטער צו שקלאָוו, אַלץ שווערער אויפן האַר־צען. שמחהלע, דער ביטערער גראָבער יונג, מיט זיינע שטעכעדיגע ווערטלעך האָט זיך שלעכט אַריינגעפּאַסט אין אָט דער אומעטיגקייט. נמאס און מאוס איז עס פאַנדרען געוואָרן. כאָטש איין באַקאַנטער איד וואָלט אָנגעקומען מיטן שליאַך. מ'וואָלט געגאַנגען אַ פּאָר וויאָרסט צוזאַמען. מ'וואָלט זיך דורכגעשמועסט.

אַ פּנים דער רבונו־של־עולם אַליין האָט דערהערט זיין שטיל געבעט. אַ פּאָר וויאָרסט ווייטער האָבן אַקעגען גענומען פאָהרען גויעשקע פוהרלעך.

— אַטקעדעווא, זעמליאַקי? (פונוואַנען, לאַנדסלייט?) — האָט זיי שמחהלע האָפערדיג אַ פרעג געטאָן.

— אָט... פון שקלאָוער מאַרק! — האָבן איהם קודלאַטע גויים אָפּגעענטפערט מיט מאַכאָרקע רויך, אַרויסגעזויגען פון די גרויסע פּיפּקעס, און ווייטער געפאָהרען.

גאַר אומגעריכט איז אָנגעפאָהרען אַ אידישער וואָגען פול מיט בעבעכעס. אַ ברייטע אידענע איז געזעסען אויף אַ צוזאַמענגעבונדענער פערינע, מיט צוויי קינדערלעך פוןביידע זייטען. אַ אינגעלע און אַ מיידעלע. דער באַפערדעלטער אָנטרייבער אויף דער קעלניע איז פּאַנדרען אויסגעקומען באַקאַנטלעך. די לאַנגע האָר זיינע פון אַ לאַטיש — אויך. און ווי ער קוקט זיך אַזוי איין, מאַכט דער אָנטרייבער „טפּררו!" און שרייט אַראָפּ מיט אַ גאַר באַקאַנטען, אָנגעשפּאָלטענעם קול:

— פּאַנדרע, דו, שלום־עליכם!

פון די געלבע און רויטע האַרמאָשקע־קנייטשלעך, אַרום די אויגען, האָט זיך גענומען אַרויספּרייגען אַ פריינטליכער פּאַרוואונדערטער קוק. און ביי דער ברייטער אידענע אויפן פּנים איז אַרויסגעשוואומען אַ שמייכעלע. נאָר עפּעס האָט זיך פּאַנדרע אָפּגעוועהנט אין אָסטראָג פון אידישע פּנימער. ווי פאַרשטעלטע האָבען זיי איהם אַלע אויסגעזעהן.

— ס'איז דאָך ר' זונדעלי! — גיט איהם שמחהלע אַ טורקע מיטן איילענבויגען.

— אַ—אַ!... עליכט־שלום! — דערפרעהט זיך פּאַנדרע ווי מיט גאַר אַ נאָהענטען, מיט היימישער וואַרימקייט גיט איהם אַ שלאָג פון דעם אָפּגעבערענטען צוקנייטשטען פּנים אויף דער קעלניע, מיט דער פרייקייט ביים ברעג דניעפּער און מיט הכנסת־אורחים, וואָס זונדעל פּראַוועט אַ גאַנצען יאָהר אין זיין אָרימער ברעטער־הייזקע.

— אַ—אַ! — מישט איהם זונדעל איבער — דערקענסט שוין ניט קיין אידען?... היינט פון אָסטראָג? וואָס?

— היינט ראַנעצקע! — ענטפערט פּאַר איהם שמחהלע.

— ניט מיטן פּאַרעכאָד?

— ניט געגלוסט זיך עפּעס...

— גוט געטאָן! — לויבט ר' זונדעל ביידע פוסגעהער — דעם רבינס פּאַרעכאָד געהט ניט, שוין באַלד אַ וואָך. צו מיעלקע (פּלאָך) איז דאָס וואַסער.

— און איהר, ר׳ זונדעל, וואוהין? — פרעגט פֿאַנדרע — קיין מאַהליוו? אַזוי שפּעט?

— אין אַזאַלכענע היצען איז ניט שפּעט. אַנדערש האָט דער באַלעבאָס פון פערדעל ניט געוואָלט... אַט, מיין שנור מיט די איי־ניקלעך באַגלייט איך. פון דאָרטען פאַהרען זיי אויף פּאַסעליעניע. מיין קאַפּעל — ווייסט דאָך...

דער זיבעניאָהריגער יענקוץ, זונדעלס אייניקעל, וואָס איז ביז איצטער געזעסען מיטן פינגער אין נאָז און זיך גוט איינגעהערט, האָט זיך מיטאַמאָל געגעבען אַ שטעל־אויף אויף די דינע פיסלעך, איבער דער פּעריגע, און, באַריהמעריש, מיט אַ קינדישען קוויטש, אויסגעשריען:

— איכ׳ל, איכ׳ל טאַקע געפאָהרט צום טאַטען טאַקע! אין, אין „סימביך״״! אוי, אוי, סאַכאַ ווי—טקייט!

ס׳הייסט: ער פאָהרט טאַקע צום טאַטען קיין סיביר, אוי ס׳אַראַ וויטקייט!...

2.

דרייזע, די מאַמע זיינע, האָט איהם, מיט אַ גוטען פּאַטש אי־בער דער פּלייצקע, צוריק אָוועקגעזעצט אויף דער פאַרבונדענער פּעריגע. יענקוץ האָט אָבער ניט געוויינט. ער איז נאָר געבליבען זי־צען אַ רויטער, אַ פאַרשעמטער, וואָס זיין גרויסע „מודעה״ מיטן קוויטש איז אַזוי מיאוס דורכגעפאַלען. כדי צו טרייסטען זיך אַבי־סעל, האָט ער צוריק אַריינגערוקט דעם פינגער אין נאָז.

— יאָ, כ׳האָב עפּעס געהערט! — מאַכט פֿאַנדרע לאַכענדיג. די היימישע סצענע, וואָס ער האָט דאָ געזעהן אין וואָגען האָט איהם צעקיצעלט — געהערט האָב איך. שפּעטעלע האָט עפּעס אי־בערגעגעבען, אַז מ׳האָט אייער קאַפּלען פאַרשיקט. נאָר וואָס, ווער, וועמען — ווייס איך ניט.

— באַלד נאָך דיין אַרעסט, — שאָקעלט זיך זונדעל פרום פון דער קעלניע אַראָפּ — איבער כישין דעם דאָקטאָר... אַ נייעס

ביי קאַפּלען דורכצופאָהרען־זיך אויף אַ... געליהענעם שליטען. גראָד מוז דאָס טרעפען אום שבת. נו, נו, איז איהם אויסגעפאַלען באָקאָם — קאַפּלען. און אַט, אויף די עלטערע יאָהרען, מוז איך זיך שלעפען באַגלייטען מיינע אייניקלעך. גאָט ווייסט וואוהין... צי וועל איך זיי נאָכאַמאָל זעהן... געוואַרט, געוואַרט ביז דער דניעפּער האָט אויסגעטריקענט, שלעפּ זיך אַצינד!...

— און פאַראַן כניאַקעס, — ווינקט שמחהלע מיט זיין אויגעל — וואָס קליגען זיך נאָך טרינקען אין אַ אויסגעטריקענטען דניעפּער.

— טרינקען זיך? — כאַפּט זיך ר׳ זונדעל אויף פון זיין פאַרזאָרגטקייט — אויף אַן אמת? ווער?

— וואָס דען אויף צו פלייסען? — זימעל!

— זימעל פאַקענטרעגער? ווי קומט ער?

— באַשערט געווען פאַנדרען אַ טרחה! — ווינקט אונטער שמחהלע אויף זיין חבר — ווי אַ נאַסען וויעכיטש האָט ער איהם אַרויסגעשלעפּט דעם כניאַק. שוין געמיינט — אויס ר׳ זימעל!

— כ׳וויס וואָס! — פאַרשעמט זיך פאַנדרע — און פאַרוואָס, ר׳ זונדעל, זיינט איהר בעסער ניט געפאָהרען מיטן פאַרעכאָד פון דער קאָמפּאַניע?

— מיטן גויעשקען פאַרעכאָד? אַן אומזיסטען בילעט וועלען זיי דיר אַצינד אַ אידען געבען?... האָב איך בעסער אויסגעבאָרגט אַ פערדעל מיט אַ וועגעל אין צעך און פאָהר מיר פּאַוואָליע.

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל? — וואונדערט זיך פאַנדרע — ביים גויעשקען פריסטאַן פלעגט איהר דאָך פאַרקויפען קיכעלעך...

— וואָס רעדסטו וואָס? זינט אַנשעל פאַראַמשציק איז נהרג געוואָרען —

— אַנשעל פאַראַמשציק? ווי? אַט דער —

— אונז צו לאַנגע יאָהר! אַנגעלאָפען אַ פאַרעכאָד, פון אַט דער שענער „קאָמפּאַניע״ בשעת אָפּלאָזען דעם קאַנאַט, און צעטרושצעט אַנשלען דעם שאַרבען, מיט דין אייגענעם ראָד, ווי אַ וועלשענעם נוס, נעבעך. ניט פאַר אונז געדאַכט, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט! שוין אַ מעשה באַלד צוויי חדשים. נו האָבען דאָך

אידען עדות געזאגט, אַז ס׳איז געווען בכיון... אַ פּראָטאָקאָל האָט מען דער קאָמפּאַניע געמאַכט און אַ משפּט געהט. ס׳האָט זיי שוין, מאָהל דיר אויס, אָפּגעקאָסט אַ רעכטע מטבע. אַז אידען ווילען מיט דער קאָמפּאַניע ניט פאָהרען — איז שוין אָפּגערעדט. דער שענער קאַפּיטאַן איז אויך אַרויס אַ געניזוקטער. דער זעלבער טראַסק, וואָס האָט געממיתט אַנשלען, עליו השלום, האָט דעם גוי מיט דער קאָ־קאַרדע אויך געבראָכען רוק און לענד. ליגט נאָך דער חזיר, אין שפּיטאָל אין מאָהליוו און ער וועט נאָך מירצעשעם הינקען!... נו, איז אַוועק פון דאַמאָלסט אָן אַ שנאה מיט דער קאָמפּאַניע...

פאָנדרען האָט פארקוועטשט דאָס האַרץ אויף דער מיתה־משונה פון אַנשעל פאַראָמשציק. אויף זיך אַליין. אַט אַזעלכענע זאַ־כען האָבען זיך אָפּגעטאָן אין שטאָט און ער האָט ניט געוואוסט. באַגראָבען לעבעדיגערהייט איז ער געוועזען.

פרעגט שמחהלע:

— יאָ, ווי קומט עס אָבער, ר׳ זונדעל, איהר זאָלט פאָהרען אויף מאָהליוו? מיט דער אָרשער באָהן פאָהרט מען, דאַכט זיך, אויף „סימביר״. דער קאָפּ האָט זיי געדאַרט, די באַלעגאָלעס אין צען?

— הערסט דאָך, — מאַכט „זונדעל־גאָטס־גנב״ — אויף דעם קלאָג איך דאָך! דרייזע מיט די קינדער פאָהרען דאָך ווי פּאָסעליענ־צעס מיט אומזיסטע בילעטען. כלאָפּאָטשען מיר שוין אַזוי אַ שענע פּאָר חדשים. כאָטש קומען קומט דאָס איהר על פּי זאָקאָן. נאָר פּאָניע קוואָס! געה טענה זיך מיט איהם אויס! דערווײלע־וואָס איז שוין באַלד אַוועק דער זומער. אַריינפאָהרען אין „סימביר״ מיט קליינע קינדער אין די גרויסע קעלטען איז אויך ניט פון די גע־שמאַקע זאַבען. און די פּאַפּירען ליגען שוין גרייט ביים מאָהליווער גובערנאַטאָר אין קאַנצעלאַריע. נאָר ביז דער שקלאָווער פּריסטאַוו, ימח שמו זאָל ער ווערען, וועט זיי אַרויסטרעבעווען — איז אויס זומער. וועט זיך דאָ דרייזע מוטשען וואַלגערען נאָך אַ האַלב יאָהר אויב מ׳פאָהרט ניט גלייך... אָט יענער דאַרטען, קאָפּעל, האַלט אין איין האַקען בריוועלעך: קום און קום! פּאָדאָוואַי ווייב און קינדער

זאָל מען איהם! ניט געדאַרפט, אַזאַ תכשיט, פאָהרען אום שבת אין כישין דעם דאָקטאָרס שליטען, ניט געדאַרפט. אָט!

.3

יענקוץ איז ווידעראַמאָל אויפגעשפרונגען אין וואָגען, אויף די דינע פיסלעך. דעם זיידענס באַרעדעוודיגקייט האָט איהם צע־וואַרעמט. דער זיידע דערצעהלט דאָ אַלץ זאַכען, וואָס ער, יענקוץ, ווייסט זיי ווי זיינע שמוציגע פינף פינגערלעך. ער ווייסט בעסער!... פאַרגלוסט זיך איהם אויך אַריינשטעלען אַ וואָרט. אַ פול קעפעל מיט סצענעס האָט ער און אַזוי ווייניג ווערטער. צעקרייעט ער זיך און צעזאַאיקעט זיך קינדיש און אין גרויס איילעניש:

— אוי, אוי, ביי אונז טאַקע געווען דער פּכיסטאַוו. אוי, ס׳אַראַ איוואַנסקי קנעפּ! די מאַמע טאַקע געוויינט, די מאַמע. איכ׳ל ניט מורא, איכ׳ל...

ס׳הייסט, ביי זיי אין שטוב איז טאַקע געווען דער פּריסטאַוו. אַ געוואַלד וויפיל יונ׳סקע קנעפּ ער האָט! די מאַמע האָט געוויינט, נאָר ער, יענקוץ, האָט ניט מורא געהאַט...

אַ פּלעם איבערן מויל פון דרייזעס פּולער האַנט האָט איהם צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער פּערינע. נאָר איהר אינגעלס „אויס־זאָגען פון חדר״ האָט זי צערייצט. און טאַקע, פאַרוואָס קומט דאָס עפּעס סענדערס טאָכטער זאָל האָבען דעם מאַן, דעם אָסטראָזשניק, שוין היינט ביינאַכט ביי זיך? און זי, דרייזע, דער זעלבער יחוס, דאַכט זיך, ווי מערע, מוז נאָך וואָגלען חדשים לאַנג צו איהר קאָפּ־לען, ערגעצוואו אין דער גויעשער פּרעמד. שלעפּען זיך אויף וועגענער, פאַרעכאָדען און באַהנען... ס׳איז מעהר ניט, ווייל סענדער האָט געבאַמקעט אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, האָט זיך שטאָט איינגעשטעלט פאַר זיין איידימעל. און קאָפּלען, זונדעל־גאָטס־גנבס בנאָק, האָט שטאָט פּיינט. האָט מען איהם פאַרהוקעט און פאַרטור־קעט. אַ פינגער אין קאַלטע וואַסער האָט קיינער ניט אַריינגעטאָן איהם צו ראַטעווען פון פאָניעס הענט...

אָנקוקענדיק אַזוי פון וואָגען אַראָפּ פּאַנדרעס געזונטען פּנים, זיינע ברייטע פּלייצעס, האָט זיך אין איהר אויפגעכאַפּט אַ גראָבע קנאה, אַ בייזער ווילען אַ שטאָך צו טאָן די, וועלכע זיינען גליקליכער ווי זי. מאַכט זי אַ זיסע מינעלע, פאַרציהט פרום די עקען פון טיכעל אויפן קאָפּ, שמייכעלט כלומרשט אַראָפּ צו פּאַנדרען און די אויגען ברענען ביי איהר:

— פרעגסט זיך גאָר אויף קיינעם ניט נאָך?... כ'קען דיר אָפּגעבען אַ גרוס פון מערען, קען איך דיר. זי איז היינט נאָך אַנביי־סען געווען ביים פּריסטאַן. געוואַרט, ווי אַלעמאָל, אויפן פאַרעכאָד...

דרייזעס זיסליכע און צוויידייטיגע מינעלע האָט פּאַנדרען אויסגעזעהן פאַרדעכטיג. אין זיין פאַרזינדיגטקייט געגען מערען האָט איהם אַזאַ פּלוצליכער גרוס געטראָפען, ווי אַ שטויס אין האַרצען. איהם האָט זיך גלייך אויסגעדוכט, אַז פרעמדע הענט מישען זיך אין זיינע משפחה־זאַכען. האָט ער מיט אַ האַלבען מויל, ווי אַ פאַרשעמטער אינגעל, קוים אַרויסגעבורטשעט:

— אַז... אַזוי? ביים פאַרעכאָד? איז... איז וואָס מאַכט זי?

— וואָס זאָל זי מאַכען? — פרעגט איבער דרייזע און איהר שמייכעלע ווערט נאָך האַניגדיגער און דער קוקעלע ברענט ביי איהר ווי ביי אַ וואָלפיכע, — זי טראָגט זיך אַרום מיטן אינגעלע אויף די הענט. אַ שענער אינגעלע, נאָר דער רויטער לאַפּיק (לאַטקע) אויפן העלזעל...

— אַ, דער פלעק? — שפּיצט זיך פּאַנדרע אָן — ס'איז גאָרנישט! ס'איז פון דער שרפה... זי האָט זיך דערשראָקען...

— זי נעמט זיך אָבער צום האַרצען. אַ מאַמע! זי נעמט זיך אַלץ צום האַרצען. אפילו קושקע דעם פּרעסערס שטיקלעך... זי קען איהם נאָך אַלץ אין די אויגען ניט קוקען...

— קושקע בראַנד? — ווערט פּאַנדרע אומרוהיג —וואָס שוין ווייטער דאָרטען?

— וואָס זאָל זיין? ער האָט זיך ניט זעהר שען באַנומען. אָט, וועסט קומען אַהיים וועסטו שוין הערען...

— אידענע!—שרייט אויף דרייזען אָן זונדעל־גאָטס־גנב — אידענע, שוויג שוין בעסער!

— וואָס איז דאָ וואָס צו שווייגען? — וואַרפט צו דרייזע דעם שווער איהרען אַ פּאָר פרומע אויגעלעך — גאַנץ שטאָט ווייסט, אַז... מערע האָט קושקען געפּאַטשט אינמיטען דער נאַכט און פון שטוב אַרויסגעוואָרפען...

פאַנדרע וויל אַ שפּרונג טאָן צום וואָגען, אָנכאַפּען דרייזען ביי ביידע פעטע אָרעמס, אַ טרייסעל טאָן זי אַזוי, אַז אַלע באַהאַל־טענע און שוואַרצע רכילותלעך זאָלען פון איהר אַרויסשפּרינגען מיט איין מאָל, ווי די צייטיגע קערענדלעך פון אַן אָנגעפּוילטען מאָהן־קאָפּ. נאָר ער האַלט זיך איין. ער ווערט נאָר בלאָס, און פרעגט זיך געלאַסען:

— גאָר אַזוי? ע... ווען איז דאָס געווען?

אַ זלידנע פרייד צעטאַנצט זיך אין דרייזעס פאַרביטערט האַרץ. לויט פאַנדרעס בלאַסקייט און לויט זיינע געצעהלטע ווערטער זעהט זי, אַז ס'איז איהם גוט אַריין אין לעבער. זינגט זי זיך אַזוי, כלו־מרשט, אָהן אַ שום כוונה, און קוקט ערגעצוואו אין וואַלד איבער פאַנדרעס קאָפּ:

— ווען זאָל עס זיין?... נאָך דער סעודה אין חברה־לויה איז עס געווען. אָנגעזויפען זיך — קושקע און אוועקגעטראָגען, כלו־מרשט, מערען איהר חלק פיש און גענזעס. אויסגעזוכט אַ צייט... האַלבע נאַכט קלאַפּען אין לאָדען, קריכען צו שטרויענע אלמנות...

— נו, ני, אידענע! — צעשרייט זיך שוין זונדעל ניט אויף קאַטאָוועס און ווינקט צו איהר מיט די אָנגעקנייטשטע אויגען.

און באַלד נאָכן אָנשרייען גיט ער זיך, מכלומרשט לאַכענדיג, אַ קעהר צו פאַנדרען:

— וואָס איז דאָ וואָס צו דערצעהלען? גאַנץ שטאָט האָט גע־לאַכט פון, פון... קושקען. אַי־אַי האָט זי איהם געבאַיקערט, זאָג איך דיר!...

— מיט... מיט... מיט אַ „סטיוועל" טאַקע! — שפּרינגט אויף יענקוץ. אוי־אוי „צי" איהם „געסלאָגען"!

נאָר אַצינד באַשטראָפט ניט מער דרייזע דעם תכשיטל איה־רען. זעצט איהם ניט מעהר אַוועק אויף דער פעריגע מיט אַ פלעם איבערן פּיסקעל. פאַרקעהרט, זי גיט איהם אַ גלעט מיט אַ פּאָר

מאַמע־אויגען, באַדאַנקט איהם שטום, דעם אַנטיקעל, וואָס העלפט איהר אַזוי גוט אין איהרע רכילות.

דערקענט פאַנדרע אַן דעם קעצישען בליאַסק אין דרייזעס אויגעלעך, אַז מיט אָט דער צעשוואָומענער, זיס־זויערער אידענע איז ניטאָ וואָס צו רעדען, און אַז קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויס־קומען. גיט ער פלוצלינג אַ זאָג: „פאָהרט געזונטו!״ צו זונדלען אויף דער קעלניע, דרעהט זיך אויס מיטן רוקען צו דרייזען און לאָזט זיך געהן, אַראָפּ שליאַך, מיט געלאָסענע אָבער פעסטע טריט. און שמחהלע מיט זיין קלומיק — נאָך איהם.

זונדעל־גאָטס־גנב ציהט אויס דעם קאָפּ פון דער קעלניע און קוקט אַ ווילע נאָך ביידע פוסגעהער, פינטלענדיג, ווי ער וואָלט זיינע אויגען ניט געגלויבט. דערזעהן, אַז פאַנדרע איז טאַקע אַוועק, צעקאָכט ער זיך און צעפּאָכעט זיך מיט דער בייטש איבער זיין שנור אויף דער פערינע אין וואָגען:

—אַז — או! דו גראָבע דייטשע! דו טרפהנער מוילו! דיין שבתדיגע טיכעל האָט דיר דאָך טאַקע קאָפּעל געקויפט פאַר כי־שינס געגנבעטען פערד! שוויגען דאַרפסטו! דו! צו... צו מערען גלייכסטו זיך?..: טפו!...

נאָר אָנשטאָט אַראָפּלאָזען די בייטש אויף דרייזען לאָזט ער אויס זיין האַרץ צום אויסגעבאָרגטען פערדעל. שמיץ־נאָך־שמיץ און ציה־נאָך־ציה פאַר די שטריקענע לייצעס:

— ניאָ, ניאָ, ניאָ! פאַדלע! צו אַלדי שוואַרצע יאָהר. ניאָ! —

האַצע קירזשנער איפּו שליאַך

1.

אַוועקגעגאַנגען פון זונדעל־גאָטס־גנבס פוהרעל — האָט זיך פאַנדרעס פנים פאַרצויגען מיט אַ פינסטערניש. די נאָדעל, מיט וועלכער קאָפּעלס אידענע האָט איהם ווייבעריש־כיטרע אַ שטאָך געטאָן, איז זיך צעוואַקסען, צעשלענגעלט זיך, דערקראָכען ביזן האַרצען און געטאָטשעט: „קושקע־בראַנד... מערע... מערע, קושקע בראַנד...״ אומעטום קושקע! דאָ כאַפּט ער אויס „שודאַקעס״, דאָ מאַנטשעט ער אויס „שמענדריקען״ ביי סענדערן און פאַרשמייסט איהם. אַצינד קריכט ער נאָך צו מערען אויך?... שוין לאַנג געדאַרפט איהם אָפּרייסען די ראהקע! אָט ביים אָרשער באַהן האָט שוין אַמאָל, פאַרן „זיצען״, געהאַלטען דערביי. עס האָט זיך אָנגעהויבען פון קאַלטער רעטשקענער קאַשע מיט מילך, וואָס קושקע האָט געגעסען פון האַלאַטשיק און ער, פאַנדרע, האָט ביי איהם געבעטען פאַרזוכען... געדאַרפט שוין דאַמאָלסט מאַכען פון איהם אַ פליישיגע קאַשע. האָבען זיך אָבער גוטע ברידער — באַלעגאָלעס אַריינגעמישט. נאָר אַצינד, ווי נאָר ער קומט אַהיים —

דער אונבאַקאַנטער וועהטאָג פון אייפערזוכט האָט פאַנדרען געטריבען, צוגעגעבען האַסטיגקייט זיין טראָט און אַ פרישען ברען — זיינע אויגען. זיין אָפּגעלאָזענקייט איז אינגאַנצען אַוועק. און שמחהלע האָט אַצינד קוים פאַספּעיעט נאָך איהם. פונקט ווי היינט אינדערפריה, באַלד נאָכן אַרויסגעהן פון אַסטראָג.

— האָסט זיך דאָך שוין אָנגעגעסן! — בורטשעט שמחהלע קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם — היינט וואָס לויפסטו?

פאַנדרע האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט ניט. נאָר וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ שוואַכער איז געוואָרען זיין כּעס. די מוטנע טרויעריגקייט האָט זיך אומגעקעהרט. אָט ערשט האָט ער זיך דאָ, אַליין ניט געקענט באַהערשען. נאָכגעגעבען דעם שטן. און אָט צאָהלט זיך עס שוין אָפּ... דער שוואַרץ־יאָהר האָט אָנגעטראָגען זונדעלס פוהרעל מיט זיין שנור!... ווער האָט זי געצויגען פאַר דער מיאוסער צונג?... יאָ, מערע האָט טאַקע קושקען געבראַכען די ביינער מיט ר׳ סענדערס אַ שטיוועל. וואָס אמת איז אמת. אָבער אַריינלאָזען איהם אינמיטענדערנאַכט האָט זי לכתחילה ניט געדאַרפט. ניין! בשום אופן ניט געדאַרפט...

און דער וואָרים האָט געטאָטשעט און געטאָטשעט.

אַ וויאָרסט פינף פאַר שקלאָוו האָט אַ שמעק געטאָן מיט „אונטערבאָרג״, וואו דער דניעפּער און די אָזערע גיסען זיך צוזאַמען אונטער דער הרעבליע פון גרויסען מיהל. אַלס ערשטע שטאַפּעטע, פון די דאָזיגע מקומות, זיינען אָנגעפלויגען עטליכע ווילדע קאַטשקעס, אין איין שמאָלען דריי־עק. ווי באַפליגעלטע פיילען זיינען זיי געפלויגען, ערגעצוואו אַהיים, אין אַ געמויזעכץ אַריין. מען האָט קלאָר געהערט דאָס פייפענדיגע פאָכען פון זייערע פליגלען. אפילו ביי שמחהלען דעם גראָבען יונג, דעם אָפּלאָכער, האָבען זיך אויפגעבלאָזען די נאָז־לעכער. ער האָט דערשמעקט די היים אין דער נאָהענט און איז אונרוהיג געוואָרען, ווי אַ חיה אַרום דער פאַרלאָרענער לאָך צו איהר נאָרע.

און גאָר אומגעריכט, פאַרקערעוועדיג מיטן אויסבויג פון שליאַך, דערזעהט פאַנדרע אינם ראָזעווען אָוונט־נעבעל פון וואַלד, ווי אימיצער הינקט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שוואַרצער קוליע, און אַ ווייסער לייכטער קלומיק באַמבעלט זיך ביי יענעם אויפן רוקען.

דערהערענדיג טריט הינטער זיך, גיט דער פאַרשוין אַ קעהר דעם קאָפּ איין מאָל און צוויי מאָל, און הויבט אָן צו האַצקען זיך פאַמעליכער.

דאָס האָט פֿאַנדרען אויסגעזועהן, ווי ווען דער הינקעדיגער פּוסגעהער וואָלט גוט געוואוסט, אַז ער און שמהלע דאַרפֿען אָנקומען פֿון הינטען, מיטן זעלבען שליאַך... און אַן אָנשטעל וויל יענער מאַכען, אַז ס'איז נאָר אַזוי־זיך, אַ צופֿאַל אַזאַ.

דערנעהנטערט זיך — וואַקסט פֿון ווייסען קלומיק אויס אַ בּרודיגע טוך, פֿון וועמעס גראָב־צוזאַמענגעבונדענע שפּיצען עס שטופּען זיך, ווי שוואַרצע שעפּסען פֿון צוים, גויעשע וואַטאָווע מאַגערקעס. דער קאָפּ הינטער דעם דאָזיגען קלומיק גיט זיך ווידער אַ דרעה־אום און... פֿאַנדרען גיט עס פֿרעהליך אַ טיאָכקע אין האַרצען. ער דערקענט די פֿייערדיגע אויגלעך אונטערן שוואַרצען דאַשעק, די וועלפֿיש־שפּיציגע אויערלעך איבערן פֿאַרשמאָלצעוועטען ראַנד פֿון קאַרטוז. ניין, דאָס מאָל האָט איהם טאַקע גאָט אַליין צוגעשיקט דעם, וועגען וועמען ער האָט ניט איינמאָל געטראַכט אין אָסטראָג... ס'איז האַצע דער הינקעדיגער קירזשנער גופֿא. טאַקע אָט דער „ציציליסט‟, דער קהלשער טרפֿה לעפֿעל, דער שטילער מאַכער פֿון אַלע רייסערייען צווישען באַלעבאַטים און באַלמעלאָכעס; פֿאַר וועמען אַלע אַרבּייט־געבער אין שטאָט עס האָבען מורא, ווי פֿאַר פֿייער, און וועמען קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט געכאַפּט בּיי דער האַנט. אַפֿילו דער נייער פּריסטאַוו, דער המן, וועלכער לעגט זיך אין דער לענג און אין דער בּרייט אויסצוגעמען בּיי נאַטשאַלסטוואָ, אַפֿילו איהם האָט זיך נאָך דערווײַלע ניט איינגעגעבען צו באַשטראָפֿען איהם, דעם הינקענדיגען חברה־מאַן. פֿליקט ער זיך, דער פּריסטאַוו, די דראַטענע וואַנצעס, קריצט מיט די וועלפֿישע ציין, און האַצע דער הינקענדיגער שטעקט איהם אַרויס אַ צונג הינטערן זילבּער־גרויען שינעל מיט די רויטע עפּאָלעטען:

— ישקני!... איך נעה גויעשקע היטלעך נעה איך... און טהו מיר עפּעס!

פֿאַנדרע געדענקט גוט, אַז זינט דעם משפּט זיינעם אין אַקרוזשנאָי־סוד האָט ער זיך געקליבען דורכצושמועסען מיט דעם הינקעדיגען חברה־מאַן אויף דער פֿריי, פֿרעגען בּיי איהם, אפשר ווייסט ער וואָס עס טהוט זיך דאָ אויף דער וועלט? פֿאַרוואָס מען פֿאַרמשפּט מענשען פֿאַר גאָרנישט מיט נישט? פֿאַרוואָס אָנצוריהרען

דעם אַרבעל פון אַ פריסטאַוו איז אַ שווערערער חטא ווי אונטערציי־דען. וואָרים אַט האָט דאָך שמחהלע טורערו באַקומען מיט דריי חדשים אָסטראָג ווייניגער ווי ער... חאַצע נעמט זיך דאָך אָן פּאָר עולות, אַ פאַרזאָרגער פון אַרימעלייט איז ער דאָך פון תמיד־אָן, מוז ער וויסען. אַדרבא, זאָל ער טאַקע זאָגען וואָס ער טראַכט ווע־גען אַזעלכע זאַכען.

אַנגעזאָלצען, ווי עס איז איהם אַצינד געווען, פון דרייזעס רכילותן, האָט זיך פאַנדרע דערפרעהט, וואָס ער וועט דאָ קענען אַראָפּרעדען פון האַרצען. און ווי אַ וואונדער און אַ גוטער צייכען האָט איהם אויסגעזעהן דאָס, וואָס זיין באַהאַלטענער וואונש איז מקוים געוואָרען, באַלד נאָכן אַרויסגעהן אויף דער פריי, עטליכע וויאָרסט פאַר שקלאָוו...

2.

חאַצע דער קירזשנער בלייבט שטעהן און קוקט אַרויס פון אונ־טערן דאַשעק, שאַרף און פאַרטאַיעט, אויפן געזונטען פנים, וואָס געהט אויף איהם אָן מיט אַזאַ ברייטע פריינטליכקייט.

— אַ גוט־נאַווענט! — צעשמייכעלט זיך פאַנדרע — אַ שקלאָווער איד, דאַכט זיך?

— אַ שקלאָווער, אַ שקלאָווער! — ענטפערט חאַצע אַפּ פריינט־ליך, אָבער צוריקגעהאַלטען.

— אוי, אַ כאָלערע! — גריסט אויך שמחהלע טורערו אויף זיין שטייגער — וואו מען זייעט דיך ניט — דאָרטען וואַקסטו!

פאַנדרע שטופט אָפּ שמחהלען מיט איין האַנט, און די צווייטע לאָפּע זיינע לעגט ער ווייך אַראָפּ אויף חאַצעס מאָגערער פּלייצקע:

— האָסט מיך דערקענט?

— המ... — מאַכט חאַצקע און שאָקעלט פון זיך פאַוואָליע אָפּ פאַנדרעס האַנט — דיך ניט דערקענען?

ער נעמט פעסט אָן זיין שוואַרצע קוליע אונטערן אָרעם און

הויבט אָן צו האַצקען זיך אַראָפּ־שליאַך. ווי איינער זאָגט: „איך האָב ניט קיין צייט צו באַלאַבאָטשען.״ זיין לייכטער קלומיק מיט די היטלען באַמבעלט זיך ביי יעדען טראָט; און פוןביידע זייטען, ווי די אונטערפיהרער, געהען איהם נאָך שמחהלע און פאַנדרע.

פאַנדרע איז אַביסעל פאַרשעמט פון חאַצעס קיהלען קבלת־פנים. ער האָט גלייך באַמערקט, אַז יענער מיידט־אויס זיין צו־נאָהענטע גוט־ברודערשאַפט. הייגט פאַרוואָס האָט ער זיך פריהער אַזוי אומגעקוקט?...

— וואָס הערט זיך עפּעס אין שקלאָוו? — פרעגט פאַנדרע גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

— גאָרנישט,— ענטפערט חאַצע און האַצקעט זיך ווייטער— דער גרינער קלויסטער שטעהט אויפן זעלבען אָרט. יאַשקע דער שערער שטופּט זיך נאָך אַלץ צום נייעם פּריסטאַוו. נאָר דער אדון, באַטש גיב איהם אַ קרענק, וויל קיין אידישע פיש ניט פאַרזוכען!... אָבער דו, נח, זאָרג זיך ניט, וועסט זיין אַן אַנגעלעגטער גאַסט!

— ביי וועמען? — שפּיצט זיך נח אָן.

— ביי אַלעמען... ביי דיין ווייב, למשל.

פאַנדרען דאַכט זיך אָבער, אַז דער קירזשנער האָט איהם גע־געבען אַן אָנצוהערעניש. לאָזט ער איהם ניט גליטשען זיך:

— און ביי וועמען נאָך?

— ביי אַ סך אַנדערע — ענטפערט שוין חאַצע אַביסעל קלאָ־רער — אַלע ווייסען דאָך, אַז מ׳האָט דיך פאַרמשפּט פאַר... פאַר גאָרנישט.

ווי אַ בוימעל צוגיסען זיך חאַצעס ווערטער איבער פאַנדרעס האַרצען. דער פאַרטאַיעטער ווייטאָג נאָך דרייזעס רכילותן לינדערט זיך. ער פיהלט, אַז חאַצע נעמט איהם שטילערהייט אַריין אין קאָמ־פּאַניע מיט אַלע באַעולהטע, פאַר וועלכע ער שטעלט זיך איין דאָס גאַנצע לעבען — רופט ער זיך אָפּ פאַרטראַכט, ווי אַ מענש וואָס רעדט צו זיך אַליין:

— און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דו ווייסט שוין, אַז מיר קומען אָן... פריהער, ווען דו האָסט זיך אומגעקוקט...

— אודאי האָב איך געוואוסט, — זאָגט חאַצע פראָסט און

פשוט, — כ׳האָב דיך שוין היינט געזעהן אין מאַקאַראָווקי. אַלטע „באַבעס״ האָבען זיך געשטופּט אַ קוק טאָן דורך אַ פּאַרקאַן. האָב איך זיך אויך אַריינגעשטופּט. אַ בוהאַי, זאָגען זיי, האָט זיך דאָ פריהער צעיושעט, שיער אַ שיקסע ניט צוטרייבערט. און אַ איד פון שטאָט האָט איהם אָוועקגעלייגט...

— אַך, דאָס! — לאַכט פּאַנדרע פאַרשעמט.

— זעה איך, — מאַכט חאַצע און שפּיצט אָן זיינע אויגע־לעך, — זעה איך ווי דו זיצט אונטער אַ בוים, ווי אַ טערק אין גן־עדן, און אַ יפה־פע (אַ שענהייט) טראָגט דיר אונטער פון פויגעל־מילך...

נאָר דאָ מישט זיך אַריין שמחה׳לע טורערו. ער איז אומצו־פרידען, וואָס חאַצע רעדט די גאַנצע צייט מיט פּאַנדרען און ניט מיט איהם, און דערפאַר וואָס שקלאָוו וואַרט אויף פּאַנדרען און ניט אויף איהם. גיט ער אַ בורטש:

— מען ווייסט, יאָ, אומעטום שטעקסטו די נאָז דיינע!

— פאַרקעהרט, — ענטפערט חאַצע זעהר רוהיג — איך שטעק גאָר ניט. דערפאַר טאַקע בין איך אַוועק.

— ניט אָנגעשטאַנען דיר צו וואַרטען אויף אונז? — טשע־פּעט זיך שמחהלע.

— מיט מיין קאַווילע (קוליע) וואָלט איך סיי ווי סיי ניט גע־קענט נאָכלויפען נאָך אייך. איך געה מיר פּאַמעלעך. וואָס ביי אייך אַ שעה איז ביי מיר — דריי. פונדעסטוועגען, — ווענדעט ער זיך ווידער צו פּאַנדרען, — פונדעסוועגען האָב איך גערעכענט, אַז מיטן שליאַך וועט איהר אָנקומען, הינטער מיר, אַ סך פריהער...

— גע... געכאַפּט אַ דרעמעל, — פאַרענטפערט זיך פּאַנדרע און קוקט בשעת מעשה איבער חאַצעס אויגען, אין הימעל אַריין.

שמחהלע גיט אַ מעקע אין זיין קאַלטאַנאַוואַטען בערדעל: „יאָ, ר׳ אברמל — אַ דרעמעל! מיט אַ קאַץ אויף אַ קעמעלן!״ און צו חאַצען גיט ער זיך אַ קעהר אַזוי שפּיציג־כיטרע:

— און דו, תנא־ברא מיינער? פונוואַנען — דו? וואָס שלעפּט זיך עפּעס אַ הינק... אַ קירזשנער אַרום אינמיטען טאָג אויפן שליאַך?

ס׳האָט אויסגעזעהן ווי ווען יעדער איינער וואָלט געווען טאָפּען ביים צווייטען „אין וואַגען״ און קיינער לאָזט זיך ניט. דער קירזש־נער איז דאָך אָבער אַ געשאָסען פויגעל — ענטפערט ער שטיל און גלייכגילטיג:

— עס געהט דאָך עפּעס צו אָסיען. געה איך מיר פּאַוואָליע איבער די דערפער. כ׳פאַרקויף ווינטער־היטלעך די גויים. אייגע־נע אַרבייט. אין שטאָט זיצט מען אָהן אַ שטאָך מלאכה. הייגט וואָס דאַרף איך וואַרטען ביז גויים וועלען קומען אויפן יאַריד? אַזוי פאַרקויפט זיך בעסער, אָהן טומעל...

— און מעהר גאָרנישט? — פאַרקוועטשט שמחהלע איין אויגעל.

— וואָס טשעפּעסטו זיך, וואָס? — גיט אויף איהם פאַנדרע אַ ברום.

— זעהט נאָר ס׳אַראַ פאַרליבעניש! — גיט שמחהלע אַ וואָרף מיטן קאָפּ — זינט ווען ביסטו דאָס געוואָרען אַזאַ מחותן מיט, מיט...

— מחותן, ניט־מחותן — כמורעט זיך שוין פאַנדרע אָן — לאָז אַ מענשען ריידען. מ׳רעדט דאָך ניט צו דיר.

— איך זאָג, — פאַרקרימט שמחהלע דעם גרויסען מויל זיי־נעם — צוליב היטלען אַליין, זאָג איך, וואָלט ער זיך אויף זיין קאָווילע ניט אַרומגעשלעפּט, זאָג איך, אין אַזאַ היץ. ל׳קסיי דעם דעסיאַטניק קען ער דאָס דערצעהלען, ניט מיר...

חאַצע דער הינקעדיגער, וועלכער האָט ביז אַהער געשוויגען אָדער געענטפערט מיט אַ האַלבען מויל, דרעהט זיך מיטאַמאָל אויס אויף זיין קאָווילע, ווי אויף אַן אָקס, און זיינע אויגעלעך שטעכען פון אונטערן דאַשעק ווי אַנגעגליהטע נאָדלען.

— און דו — מאַכט ער שאַרף צו שמחהלען — ביסט אפשר אַן אָנגעשטעלטער ביים פּריסטאַוו? יאַשקע דעם מסורס אַ חבר אפשר? שעם זיך ניט. זאָג שוין דעם אמת!

— כאַ־כאַ! — כאַפּט זיך פאַנדרע פאַר די זייטען — אַ קלאָג צו דיר, טורערו! גוט אַריינגערעדט אין דיר, וואָס?

דער טרפהנער נאָמען פון גוי, וועלכער האָט איהם אַריינגע־

פּאַקט אין חד־גדיא און האַצעס ספּעציעלע מינעלע, טרעפען שמחה־לען ווי אַ פּליאַסק מיט אַ נאַסער שמאַטע אין פּנים. ער וויל עפּעס אַ זאָג טאָן אַ גראָבקייט און קען ניט, ווי פאַרכלינעט מיט ברודנע וואַסער.

זיין צוטומעלטקייט נוצט נאָך האַצע דער הינקעדיגער אויס און שפּילט אויף איהם מיט ברענענדיגע אויגען און מיט שטעכיגע ווערטער:

— און טאָמער ביסטו נאָך ניט דעם נייעם פּריסטאַווס באַ־העלפער, קענסטו אַצינד ווערען. יאַשקע דער שערער האָט נאָך אַלץ ביים נייעם פּריסטאַוו קיין הצלחה ניט. אפילו פאַרמסרן לייזש־קע דעם פאַקענטרעגער האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען... איז אַט, שמחהלע, פּרוב דו אַקאַרשט! אפשר וועט זיך ד י ר איינ־געבען...

— נו־נו־נו! — געהט איבער שמחהלע פון צוטומעלטקייט צו גרימצאָרן — שפּרינג, הינקעדיגער טשאָרט! וואָרום איכ׳ל, איכ׳ל... כ׳וועל דיך באַלד...

3.

פּאַנדרע שטעלט זיך צווישען זיין אויפגערעגטען חבר און צווישען האַצע דעם קירזשנער, ווי צווישען צוויי צוקריגטע הענער. אַ קלוגעטשקער שמייכעל שליינגעלט זיך אויף האַצעס ליפּען אונטער די שיטערע וואָנסעלעך... ער ווייסט, אַז ער האָט אָנגע־טאַפּט דעם שוואַכען אָרט ביים צולאָזענעם חברה־מאַן. אין וויג־קעל האָט ער איהם פאַרשטופּט. קיין פּיפּס וועט ער מעהר ניט טאָן. אַצינד קען ער ריידען פריייער, דאַרף זיך מעהר ניט פאַר־טאַיען פון שמחהלעס שפּיציגע אויגען און פון זיינע שאַרפע אויערען.

לאָזט מען זיך ווידער אָוועק זאַלבעדריט מיטן שליאַך. נאָר אַצינד הינקט שוין ניט מעהר האַצע קירזשנער אינדערמיטען,

נאָר בײַ פֿאַנדרעס רעכטער האַנט. און פֿאַנדרעס אינדערמיטען טײלט איהם אָפּ פֿון זײַן צאָרענדיגען חבר.

— אָט ערשט אַרויס פֿון פֿאָניעס הענט און שוין אײַנגעשטעלט זיך פֿאַר פֿאָניען? — אַזוי מוסרט פֿאַנדרע שמחהלע טורערו — עס געהט דיר אום לעבען, טאָמער טשעפּעט אימיצער פֿאָניע־גנבס מלוכה?... און איך, חאַצע! — אַזוי גיט ער זיך אַ קעהר צום קירזשנער — ווי איך בין אַ איד!... כ׳האָב דיך געוואָלט זעהן. כ׳האָב געחלשט דיך זעהן.

— דו מיך? — שטעלט אויס חאַצע קירזשנער אַ פּאָר פּאָר־שענדיגע אויגען.

— איך דיך! וואָס וואונדערסטו זיך? נאָך בשעתן משפּט אין אָקרושנאָי־סוד האָב איך געטראַכט אַז, אַז... ווי איך בין אַ איד! כ׳האָב געזאָגט, אַז מ׳מוז בײַ דיר אַ פֿרעג טאָן וואָס דו זאָגסט... דו האַלסט דאָך ניט, זאָגט מען, פֿון פּראַוויטעלסטווע. איז אָט... וואָס זאָגסטו צו פֿאָניעס יושר אין מײַן דיעלאָ? און בכלל —

— און אין מײַן דיעלאָ?... — שטעלט שמחהלע אָן אַ פּאָר גזלנישע אויגען.

— אין דײַן דיעלאָ אויך! — גיט פֿאַנדרע אַ בויטש מיטן קאָפּ. — אָבער דו, דאַכט זיך, אַזוי צו זאָגען, שטעלסט זיך דאָך אײַן פֿאַר פֿ—

— דיך אַרט דאָך — כאַפּט אונטער חאַצע דער הינקעדי־גער — וואָס איך געה איבער די דערפער מיטן פּאַק היטלען און... לאָמיך דיר זאָגען גאַנץ קלאָר וואָס דו מיינסט, און איך רייד מיט די גויים איבעריגע זאַכען... ווי?

— איך? — גיט זיך שמחהלע אַ מאָרדעווע ניט צו פֿאַנדרען, ניט צו חאַצען, נאָר צו זיי ביידען — איך שטעל זיך אײַן? מיר אַרט פֿאַר פֿאָניעס מלוכה, נאָכדעם ווי... ווי... טפֿו!

— טאָ טשעפּע זיך ניט! — לאַכט פֿאַנדרע און פּיהלט, אַז מיט זײַן לאַכען האָט ער אינגאַנצען אָפּגעקויפֿט חאַצעס האַרץ. און חאַצע דער הינקעדיגער ווערט טאָקע זעהר נײַגעריג און טרײַבט איהם אונטער:

— נו, נו! און וואָס איז ווײַטער געוואָרען? נאָכן משפּט...

— ווייטער, אין אַסטראָג, האָט מען גערעדט מיט שעפּטעלעך. אַ גנב אפילו, אָבער זאָכען האָט ער גערעדט וואָס דו האָסט זיי אויך געמעגט זאָגען. כ'האָב אָבער קיינמאָל ניט געוואוסט ווען עס רעדט פון איהם דער גנב און ווען דער עהרליכער מאַן. האָב איך בּיי דיר געוואָלט דערגעהן דעם רעכטען אמת...

— דערגעה, דערגעה! — שמייכעלט חאַצע און האַצקעט זיך גאָר האַפּערדיג אויף זיין קאַווילע. אַט אין שטאָט, — מאַכט ער אַ ביסעלע שטילער און קוקט זיך אום אויף שמחהלען — אין שקלאָוו, וועל איך דיר אַמאָל שבת זאָגען וואו צו קומען, אין פּראַנצאַווקער וואַלד אפשר, אָדער הינטער די אָרשער ברעמלעך...

— פאַנדרע, — כאַפּט אָן שמחהלע זיין חבר ביים אָרבּעל,— קריך ניט, זאָג איך דיר, וואו מען דאַרף ניט! מעהר פעהלט דיר ניט...

— האָסט דאָך עפּעס געזאָגט, — נאָדעלט איהם חאַצע מיט די שוואַרצע אויגלעך פון אונטערן דאַשעק — אַט ערשט האָסטו דאָך געזאָגט, אַז דיך אַרט ניט! האָסט אפילו אויסגעשפּייט...

— לאָז איהם! — פאַרגלעט נח פאַנדרע — ער האָט זיך נאָר ליב צו טשעפּען — שמחהלע. איך קען איהם בעסער. אַז מען דאַרף ניט, וועט ער ניט ריידען... נאָר דו, חאַצע, זאָג מיר בעסער אַ וואָרט, עפּעס דיינעם אַ וואָרט זאָלסטו מיר זאָגען...

— אַ וואָרט? — טראַכט נאָך חאַצע דער קירזשנער — וואָס פאַר אַ וואָרט?...

— עס זאָל מיך נעמען! — צוהיצט זיך פאַנדרע — עס זאָל מיך טרייבּערען! עס זאָל מיר אין די ביינער אַריין!

— נו אָט, למשל — האַצקעט זיך חאַצע — אַט ביסטו אָפּ־געזעסען פאַר אַ בלבול, פאַר גאָרנישט... וויפיל ביסטו אָפּגעזעסען?

— אַנדערטהאַלבען יאָהר!

— און אָפּטריטען געריינינגט — גיט צו שמחהלע — ב י י ד ע...

— איז אַט זעהסטו דאָך! — שאָקעלט צו חאַצע קירזשנער— ווען דו וואָלסט אויפגעהויבען אַ האַנט גלאַט אַזוי אויף איינעם, אויף אַ „גאַש־בראַט", וואָלסטו אויך אָפּגעזעסען מיט כל־ערליי

גנבים און גזלנים? מ'וואָלט שוין בײ אַ טרונק בו'אַנפֿען דורכגע־
קומען... עס טרעפֿט זיך. ווי? און דאָ—אַ פֿיאַניצע אַן ערל, וויבאַלד
ער טראָגט אַ שינעל מיט קנעפּ, איז עפּעס אַנדערש. טו איהם אויס
דעם שינעל — בלײבּט אַ פֿיאַניצע. און פֿונדעסטוועגן... אַנדערט־
האַלבּען יאָהר, זאָגסטו, ביסטו אָפּגעזעסען? האָסט אפשר אַ טראַכט
געטאָן וואָס אין אַזאַ צײט קען אַ מענש אויפֿטאָן? אַזאַ געזונטער
יונג ווי דו! ווער האָט דאָס די העזה צו פֿאַרשפּאַרען דעם כּח פֿון
אַ געזונטען אַרבּײטער גאַנצע אַכצעהן חדשים נאָכאַנאַנד, פֿאַר...
פֿאַר אָנריהרען אַ פֿינף־קאָפּיקענעם יונסקען קנעפּעל? ווי? אַזאַ כּח
געהערט אַלעמען! מען באַהאַלט ניט קײן פֿײער אונטער אַ באַק־
דײזשע. אָדער דער פֿײער לעשט זיך אויס, אָדער די דײזשע צינדט
זיך אָן.

— וועלכע דײזשע? — פֿאַרשטעהסט ניט פֿאַנדרע.

— דעם אָסטראָג מײן איך! — גיט שאַרף אַ זאָג חאַצע
דער הינקעדיגער און בלײבּט שטעהן. זײנע אויגען בּרענען. ער
אָטעמט גיך און אין זײן שטילינקען קול מישט זיך צו אַ מין אײנ־
געהאַלטענער הײזעריגער בּרום פֿון אַ חיה. — איך מײן אַ ל ע
אָסטראָגען, אַ ל ע זאַקאָנעס, אַ ל ע פּריסטאַוועס! דו, זאָגסטו,
האָסט געטראַכט אין אָסטראָג צו רײדען מיט מיר? און איך האָב
געטראַכט צו רײדען מ י ט ד י ר, ווען דו וועסט קומען צוריק...

— דו מיט מיר? — ציטערט פֿאַנדרע אויף פֿון אַ טיפֿער
פֿרײד — ס'איז אַן אמת?... הער, חאַצע, זאָל איך אַזוי געזונט זײן!
זאָל איך שטאַרבּען... זאָל... וואו? אין פּראַנצקאָווער וואַלד?... ווען?
מאָגסט זאָגען! שמחה איז אַן אײגענער מענש.

נאָר חאַצע איז שוין ווידער געלאַסען, אײנגעהאַלטען. ער האָצ־
קעט זיך פּאַמעליך אויף זײן קאַווילע און באַטראַכט יעדעס וואָרט:

— קאָך זיך ניט! מ'עט דיר שוין זאָגען!

— פֿאַנדרע! — גיט איהם שמחהלע ווידער אַ שלעפּ פֿאַרן
אַרבּעל — מײנסט טאַקע מיט אַן אמת?

— נו, גוטע בּרידער!—בּרעכט פּלוצלונג חאַצע דער קירזשנער
אָפּ, אָבער מען זעהט, אַז אַ פֿרײד גלימערט בּײ איהם אין די
שוואַרצע אויגען און די אויערלעך בּרענען בּײ איהם פֿון בּײדע

זייטען קאַרטוז ווי צוויי שפּיציגע פלעמלעך — קריגט אייך געזונטערהייט צווישען זיך!... אַזוי גיך, ווי איהר מיט אייערע רגלים, קען איך סיי ווי סיי ניט געהן. און... ס'איז בעסער מען זאָל אונז ניט זעהן צוזאַמען אַריינגעהן אין שטאָט.

רופט זיך אָפּ שמחהלע:

— כע! אַ מאָדנע זאַך. שעפּטעלע גנב האָט פריהער פונקט אַזוי געזאָגט: נאָר ניט צוזאַמען!...

— שמחה! — שטעלט אויף איהם פאַנדרע אָן זיינע גרויע אויגען — ווי קענסטו פאַרגלייכען?

חאַצע קירזשנער האָט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ. „אַ גוטען!" הייסט דאָס. פאַרקלענערט זיין הינקעדיגען טראָט און גענומען אָפּשטעהן. אין פינף מינוט אַרום איז ער שוין געבליבען וויט הינטער די צוויי געזונטע פוסגעהער.

נאָר סיי שמחהלע סיי פאַנדרע, ביידע האָבען זיי געהאַט אַ געפיהל, אַז ביי זיך אין האַרצען איז חאַצע־דער־קירזשנער אויסער זיך פאַר פרייד. און אַז ער איז פון זיי אַצינד אָפּגעשטאַנען בכיון, פונקט אַזוי, ווי ער האָט זיי פריהער אָפּגעוואָרט אויפן שליאַך... און צופרידען איז ער, חאַצע דער „ציציליסט", ווי איינער וואָס האָט דאָס זייניגע אָפּגעטאָן...

שמחהלע האָט זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט און באַטראַכט דעם אָפּגעשטאַנענעם קירזשנער. פון דערווייטענס האָט ער איהם מיט זיין הינקען אויסגעזעהן ווי אַ פאַרזיכטיג־שפּרינגענדיגער מענשפין, וואָס קריכט צוריק אין נאָרע און לעגט דערווייל אויס זייַנע דינגע שטאַרקע נעצען, מיט קלעפּיגע פּעטליעס, אויף שליאַכען און דערפער, אויף וועלדער און שטעגען אַרום שטאָט. און עס פאַרטשעפּען זיך אין זיי באַלמלאָכעס און פויערים, אינגלעך און מיידלעך. אַפילו אַזאַ זיבען־פודיגער „העכט", ווי נח פאַנדרע, האָט זיך אויך פאַרפלאָנטערט... ניט פריהער—שפּעטער וועט איהם אָט דער חאַצע קירזשנער אַ ציה טאָן נאָך זיך, און וועט איהם פאַרשלעפּען ערגיץ־וואו, וואו ס'איז פריי און געפעהרליך... היט יזך, נח פאַנדרע!

פֿאַרלאָרען קרעדיט...

.1

אַ וויאָרסט צוויי פֿאַר שקלאָוו איז שוין אין סאָסנע־וואַלד געוואָרען גוט טונקעל. נאָר די ראָזעווע וואָלקענדלעך אין דערווייטענס האָבען נאָך שוואַך באַלויכטען דעם וועג און אומגעביטען אַלע פֿאַרבען — דער ברוינליכער קאָרע פֿון די שטאַמען צוגעגעבען אַ קופּערנע רויטקייט און די גרינע נאָדעל־קרוינען אַ בלויליכע שוואַרצקייט. דער דיקער שטויב אויפֿן וועג איז געלעגען ווי טרוקענער ליים, און דער ברייטער פּאַס הימעל איבערן קאָפּ האָט אויסגעזעהן וויאָלעט.

דער שליאַך האָט זיך אַצינד צושלענגעלט און גענומען געהן אַראָפּ צום „אונטערבאַרג" צו. ס'הייסט: צו שקלאָווער פֿאָרשטאָט פֿון מאָהליווער זייט, וואו דער דניעפּער און אָזערע גיסען זיך צוזאַמען ביי דער גרויסער מיהל. טאַקע צוליב דעם וואָס דער וועג איז דאָ אַזוי משופּעדיג, איז ער געבראָכען אין ציקצאַקען, כּדי שווער־באַלאָדענע פֿוהרען זאָלען דאָ, אָהן געפֿאַהר, קענען אַרויפֿפֿאָהרען און אַראָפּפֿאָהרען. בּפֿרט אָסיען־צייט און סוף ווינטער, ווען דער שניי איז נאַס און דער באַרג־אַראָפּ איז מוראדיג גליטשיג.

די סאָסנע־ביימער האָבען זיך דאָ צועפֿענט אין איין גרויסען טויער, ווי פּאַר מאַקאַראָווקי, אַנטלאָפֿען אויף צוריק און איבערגעלאָזען דעם וועג די יונגע האָריגע יאָדלעס און ווילדע קוסטעס,

זיי אַליין, הייסט דאָס, זאָלען באַגלייטען די פוסגעהער ביז סאַמע „אונטערבאַרג״...

אויף פאַנדרען מיט שמחהלען האָט אַ וועה־געטאָן מיט נאָ־ הענטקייט פון שטאָט און מיט סמאָלענעס פון געברענטען סכך. עטליכע קלאַפּטער ווייטער, לינקס, האָט זיך אין דער טיף וואַלד באַוויזען אַ ווייסער שמעקעדיגער רויכעל. וועלכער איז געקראָכען איבער דער ערד. דאָס האָט איהם דער אָוועגט־ווינטעל געצוואונ־ גען, דעם פּעכיגען רויכעל, ער זאָל קריכען צווישען די קוסטעס „אויפן בויך״.

שמחהלע האָט זיך אָנגעשפּיצט, ווי אַ וואָלף וואָס דערנעהנ־ טערט זיך צו אַ ישוב. ער האָט גענומען ציהען מיט זיין קרומלעך־ שאַרפער נאָז.

— קאַליאַדעס *) אַפּנים.

— קאַליאַדעס? — איז פאַנדרע מסופק, — אַזוי נאָהנט פון שטאָט?

— אָדער פאַסטוכער האָבען צולעגט אַ פייער.

— אָט!... די סטאַדע איז שוין לאַנג אינדערהיים.

— וויפיל אַ זייגער קען יעצט זיין?

פאַנדרע האָט פאַרוואָרפען די אויגען, ווי אַ געניטער באַלע־ גאָלע וואָס איז געוואוינט צו דערקענען די צייט לויטן אויסזעהן פון הימעל:

— שוין אודאי זיבען אַ זייגער.

און ווי זיי טרעפען אַזוי ביידע, איז שוין דאָס רויכעל געבלי־ בען הינטער זיי און זיי האָבען אָן איהם פאַרגעסען.

אין דער ראָזעווער טונקעלהייט פון בין־השמשות האָט זיך באַוויזען דער גאַנצער אידישער ישוב פון „אונטערבאַרג״, ווי אַ געמאָלטע קאַרטינע. איינגעשלאָסען אינגאַנצען צווישען פראַנצאָוו־ קער וואַלד, צווישען הויכען ליימיגען באַרג און אויסגוס פון דער אָזע־ רע. בסך הכל איז דער גאַנצער אונטערבאַרג איין געסקע, נאָר אין דער שפּיץ פון שליאַך־געשלענגעל האָט דאָס אונזערע פוסגעהער אויס־

*) קאַליאַדעס הייסט אין רייסען — דאָס ברענען אויף אַ לויזע מייער פּעטע וואָרצלען און צווייגען און דאָס אַרויסציהען פון זיי פּעך און דיעגאַכץ, אויף אַ זעהר פּרימיטיווען אופן.

געזעהן ווי אַ גאַנצע שערענגע פון טונקעלע מענשען נעסטען, וואָס האָבען זיך איינגעטוליעט אין אָווענט־שאָטען און אין אָפּגלאַנץ פון וואַסער. און אין די דאָזיגע נעסטען לעבט מען און מען זאָרגט; מען פרעהט זיך, מען קינדעלט און מען דאַווענט... און ווייטער, איבערן „אונטערבאַרג״, אויף י ע נ ע ם זייט אויסגוס פון אָזערע, האָט זיך צעוואָרפען שקלאָוו מיט איהר געמויערטער גרינער שול פון יעקאַטעריגאַס צייטען, מיט איהר גרינעם פינף־קעפּיגען קלויסטער, להבדיל, מיט איהרע אַלטע בתי־מדרשים און מיטן קיילעכדיגען טורם־קאָפּ פון סטאַן, וואו מ׳האָט איהם, פאַנדרען, איינגעזעצט צום ערשטען מאָל, אין דער נאַכט פון שרפה ביים נייעם נגיד...

אַרום אָט די גרויסע בנינים האָבען זיך די געוועהנליכע הייזקעס געטוליעט ווי די שוואַרצע שעפּסען. דאָך איבער דאָך האָבען זיי אַרויסגעקוקט, און קוימען איבער קוימען האָבען נייגעריג געצויגען די ציגעל־רויטע און די געווייסטע העלזער: „האַ? וואָס? ווער? וואו?״... ניט קיין הייזער, נאָר אַ שטומער איינגעלויף פון ווייבערשע באַשעפּענישען, מיט דעכער אָנשטאָט פאַטשיילעס און מיט אויסגעגלאָצטע פענסטערלעך אָנשטאָט אויגען. און אַלץ איז געווען אַזוי מאָדנע באַלויכטען מיט אַ לעצטען שטראַהל, וואָס לויכט, דאַכט זיך, אי פון מערב אי פון דער טיף אָזערע אַרויס, וואו ער שפּיגעלט זיך אָפּ.

די געוועזענע אַרעסטאַנטען האָבען זיך כּמעט פאַרשעמט פאַר אַזאַ זשעדנער נייגעריקייט פון די ווייטע הייזקעס. זיי האָבען געכאַפּט אַראָפּלאָזען די ווינטערדיגע פלודערען איבער די כאָלאַוועס, איבערבינדען די גאַרטלען, אָפּפּאָכען זיך מיט די וואַרימע היטלען; כּדי אָפּצוקיהלען זיך אַביסעל פון וועג, כּדי אויסצוזעהן אַביסעל אָנשטענדיגער, שטאָטישער... גאַנצע אָנדערטהאַלבען יאָהר אָפּגעריסען פון דערהיים, ווי זיי זיינען געוועזען, האָבען זיי די ווייטע טונקעלע קופּעס הייזער אויסגעזעהן אַצינד פּריציש איינגעשלאָסען אין זיך, באַלעבאַטיש גאוהדיג. דאָס האַרץ האָט זיי פאַרקוועטשט. און צוזאַמען מיטן אָווענט־ווינטעל, וואָס איז צו זיי אַרויפגעקראָכען פון אָזערע־פלאַך, האָט אויף זיי געוועהט אַ טרויער, וואָס האָט ניט קיין נאָמען. אַ טרויער, וואָס נאָר געפאַלענע ביי זיך אַליין

קענען איהם; געפאַלענע, וואָס קעהרען זיך אום צו די מקומות פון זייער געוועזענם כבוד.

וואָס נידעריגער זיי זיינען אַראָפּ פון הויכען שליאַך־געשלענ־געל, אַלץ גראָבער און ממשותדיגער זיינען געוואָרען די הייזקעס פון דער פאַרשטאָט. פאַרחושכטער, רויהער. נאָר איבער די ווייטע שקלאָ־ווער הייזער, אויף יענער זייט אָזערע, האָט נאָך געשוועבט דער חן פון בין־השמשות. און פלוצלינג האָט זיך דער שליאַך שניידיג אַ קעהר געטאָן און צוקושט זיך מיט דעם אָנהויב פון דער שטויביגער געסקע — „אונטערבאַרג".

ווי פון אונטער דער ערד איז אַרויסגעוואָקסען די זעלצער־וואַסער־בודקע פון אַלטע געהובעלטע ברעטער, מיט אַ שוואַרצער עקיגער לאָך פון אַן אָפענער טירעל, מיט אַן אַראָגעהאָנגענעם איי־זערנעם פרענט, צום אָפשליסען דאָס טירעל. די זעלבע בודקע וואו פאַנדרע פלעגט, אַלע שבת נאָך טשאָלענט, לויפען קיהלען זיין הייסע ליבע צו מערען מיט קאַלטע זעלצערקע, און וואו וואָוקע דער ממזרוק מיטן געגאָלטען קעפּעל פלעגט געבען אויף באַרג...

פון דער עקיגער בודקע־לאָך האָט זיך אַרויסגערוקט אַ געשוי־רען קעפּעל מיט גרויסע אָפגעשטאַנענע אויערען. לעבעדיגע אויג־לעך האָבען אָנגעקוקט די צווי משונהדיגע פוסגעהער, אָנגעקוקט און באַהאַלטען זיך.

דאָס האַרץ האָט פאַנדרען געגומען קלאַפּען פון אַזאַ „באַגע־געניש" מיט דער אַלטער בודקע. ער האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ מצבה אויף די בחורישע יאָהרען, אין וועמענס געהיימניספולען, טונקעלען „אינווענינ" עס לעבט נאָך אַלץ דער קליינער שומרל — וואָוקע. טאָג און נאָכט זיצט ער דאָרטען און וואַרט אויף פאַנדרעס נשמה, זי זאָל זיך אומקעהרען פון אָסטראָג. און אָט האָט ער זיך אומגע־קעהרט.

פאַנדרע האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט אַ טרוקעניש אין מויל און אַ גלוסטעניש נאָך אַ גלאָז זעלצער־וואַסער. די מידקייט פון וועג, די אָנשטרענגונגען פון טאָג, דאָס ביטערניש פון די רכילות וואָס האָבען צו איהם גיפטיג אַראָפּגעטריפט פון זונדעל־גאָטס־גנבס וואָגען, דאָס אַלץ איז זיך אַצינד צוזאַמענגעלאָפען אין איין פאַר־

שטעלונג פון אַ קופּערנעם אָנגעקיהלטען סיפּאָן, פון געצאַצקעטע צוויי־העגטעלדיגע גלעזער, און אין איין שאַרפער גלוסטעניש נאָך דאָס בלעזעלדיגע, קיצעלדיגע, דעם אָטעם־פאַרכאַפּענדיגע זעלצערקע.

— איך שטאַרב אַ טרונק! — גיט ער טיף אַ זיפץ צו שמחה־לען — קום, לאָמיר אַריינגעהן!

.2

שמחהלע האָט זיך ביז אַרומגעקוקט צי די אונטערבאַרגער אידען זעהען ניט זייער אָנקומען ווי האָלאַדראַנצעס, אין וואַרימע מלבושים, מיט די קלומיקעס אויף די פּלייצעס, און ווי אַזוי די אונ־טערבאַרגער אידען קוקען אויף דעם... ער האָט נאָך ניט פּאַספּיעט צו באַשליסען, צו אָפּרוהען זיך דאָ, ביים „אונטערבאַרג״ צי ניט, ערשט פון בודקע לויפט אַרויס זאַוועל, דער געוועזענער שמייסער ביי קושקע־בראַנד. די שוואַרצע טשופּריגע רייסט זיך ביי איהם, ווי אַ וויכער, פון אונטערן היטעל מיטן צובראָכענעם קאָזיראָק. אָפּגעריסען איז ער און דינע שטיוועל זיינען גראָב פאַרלאַטעט. לאַטע אויף לאַטע.

— ברודער נח! — אַזוי פאַלט ער צו צו פאַנדרען, ווי צו אַ גאָר נאָהענטען קרוב — אַ גוטשינקען שלום־עליכם דיר! וואָוקע זאָגט מיר אַז דאָס ביסטו... גלויב איך ניט. ערשט איך גיב אַ קוק — ווי איך בין אַ איד — דו!

פאַנדרע האָט קושקע־בראַנדס שמייסער געקענט פון באַלע־גאָלשען צעך. נאָר אַז מען זאָל זיין אויף „דו״ און אויף „גוט־ברודער״ געדענקט ער עפּעס ניט. די שנאה צו קושקען און צו אַלץ וואָס געהערט זיך אָן מיט קושקען וועקט זיך אין איהם אויף. מעסט ער אָפּ זאַוועלען, פון דער ווילדער טשופּרינע ביז די פאַרלאַטעטע שטיוועל, און גיט אַ פרעג מיט פאַרדאַכט:

— וואָס טהוסטו דאָ? — טרייבסט גאָר ניט קושקעס פערד?

— כע־הע! — שאַרט זיך צו איהם זאַוועל שמייסער און מאַכט מיטן עק — איך — ביי קושקען? ס׳איז שוין אַ מעשה.

ברודער־נח, פון ווינטער־אָן. זינט דיין מערע האָט איהם געבוי־קערט מיט אַ שטיוועל, האָט ער אויסגעגאָסען דעם כּעס צו מיר. אַזאַ פּרעסער!

די ניט־גוטקייט פון דרייזעס רכילות, אויפן וואָגען, האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט. ווי אַ גיפט האָט זיך די שפּלדיגקייט צוגאָ־סען אין פאַנדרעס אויפגעקאָכטע האַרץ. געוואָלט האָט ער אויסדרע־הען זיך צו זאַוולען מיטן רוקען און אַריין אין בודקע אָפּקיהלען זיך, אָבער די ברענענדיגע נייגעריגקייט איז געווען נאָך שטאַרקער גיט ער אַ רעד, כּלומרשט פאַרבייגעהענדיג, מיט אַ האַלבען מויל:

— יאָ, זונדעלס שנור האָט מיר עפּעס געזאָגט... וואָס איז דאָס דאָרטען געווען?

אויף אַזאַ פראַגע האָט זיך, ווייזט אויס, זאַוועל שמייסער קוים דערוואַרט. נאָר ער האַלט איין דעם אימפּעט. ער פאַרריכט דאָס היטעלע אויף די טרוקענע האָר, באַלעקט זיך ווי אַן אַכלער פאַר אַ נייעם געריכט, קוקט זיך, כּלומרשט, אַרום צי קיין זייטיגע אויע־רען הערען ניט וואָס ער וויל דאָ אַנטפּלעקען, און צעהלט ווערטער מיט אַ פאַרשושקעטען קול:

— וואָס איז געווען? אַ שענע מעשה איז געווען. אַט וועסטו הערען. כ׳וועל דיר דערצעהלען כּסדר וואָס פאַר אַ גוטען פריינט דו האָסט: ווי נאָר מ׳האָט דיך אַרעסטירט, האָט קושקע בראַנד מיט כּלערליי קונצען אויסגעבאַרגט „שמענדריקען" ביי דיין שווער, עליו השלום, און האָט איהם פאַרשמיסען אויף טויט, צוקאַליעטשעט שמענדריקען. ר׳ סענדער, עליו השלום, האָט איהם דערנאָך געמוזט פאַרקויפען מאיר פענטען פאַר זיבען קאַרבען. מ׳האָט איהם שוין לאַנג אָפּגעשונדען שמענדריקען. אַט דאָ, אין פראַנצאַוקער וואַלד, ביים אַזערע, וואַלגערען זיך נאָך דיביינער זיינע.

— דאָס ווייס איך! — מאַכט פאַנדרע אונגעדולדיג.

נאָר זאַוועל שמייסער לאָזט זיך ניט אַרויספיהרען פון שפּאָן. ער איילט זיך ניט. ער ציהט אַרויס וואָס מ׳קען פון יעדען וואָרט. ער דערצעהלט כּסדר:

— און נאָך דעם ווי ר׳ סענדער, עליו השלום, איז געוואָרען

אַ קדוש, ווייסטו דאָך מסתמא וואָס קושקע־בראַנד האָט פּאַנאַנדער־געבלאָזען אין צעך?

— כ׳ווייס ניט, — גיט פּאַנדרע אַ זאָג הייזעריג־דערשטיקט.

— „זעהר רעכט״, האָט קושקע בראַנד געזאָגט. ר׳ סענדער מיט זיינע ברידער האָבען אַמאָל געהרגעט אַ מענשען אין וואַלד און באַגראָבען. אַ גוי אפילו, אָבער אַ מענש... באשר, אַ מעשה — דער גוי איז געווען איינער פון די גוים, וואָס זיינען אַמאָל באַפאַלען זייער טאַטענס בויד, בשעת פיהרען די פּאָטשט מיט אַרשער שליאַך. האָט מען זיך, הייסט עס, מיטן ערל אָפּגערעכענט. איהר מייגט, מאַכט קושקע, ר׳ סענדער איז אַלעמאָל געווען אַ פרומאַק? כע־הע!... איז בלוט, מאַכט קושקע, צאָהלט זיך אָפּ...

פּאַנדרע האָרכט מיט פּאַרקלעמטע ציין. ער טראַכט: אָט ערשט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין שטאָט און שוין פּלאָנטערט מען אַרום איהם רכילות, קלעפּיגע פעדים, ווי שפּינען אַרום אַ פליג... אַ גאַנצען טאָג איז מען געגאַנגען מיטן וואַלד און ס׳איז געווען גוט און פריי. און דאָ — איינער אויפן צווייטען, איינער אויפן צוויי־טען... עס פאַרגלוסט זיך איהם שטאַרק אַראָפּצולאָזען זאָוולען אַ פליאַסק איבערן חוצפּהדיגען שוואַרצען פּנים. נאָר ער האַלט זיך איין און פרעגט, כלומרשט, זעהר געלאַסען:

— און וואָס האָט צעך געזאָגט?

— צעך האָט איהם, מאָהל דיר אויס, גוט אַריינגעזאָגט. ביז היינטיגען טאָג זאָגט מען דאָס איהם: „וואַרט, וואַרט, קושקע! אָט פּאַנדרע וועט קומען פון אָסטראָג, וועט ער זיך מיט דיר אָפּ־רעכענען.״

— המ!... — מאַכט פּאַנדרע אַביסעל געקיהלט.

— נאָר דאָס איז אַלץ גאַרנישט, — שעפּטשעט זאָוועל און קוקט זיך כלומרשט אַרום צי זייטיגע אויערען הערען ניט. דערזעהט ער וואָוקעס געשווירען קעפּעלע און גיט אויף איהם אַ מרוק:

— גאָ, וואָוקע! דו קריך צוריק אין בודקע! ניט דיין עסק!...

— דאָס איז נאָך אַלץ גאַרניט, — גיט זיך זאָוועל ווידער אַ קעהר צו פּאַנדרען, און מאַכט אַ פאַרסודעטען פּנים — פאַריגען ווינטער, נאָך דער סעודה אין חברה־לויה, מאַכט ער צו מיר, קושקע

בראַנד, קום, מאַכט ער, זאַוועל, מירן אָפּטראָגען מערען איהר חלק פּיש און געזונטס, מאַכט ער. נו, ער איז דאָך באַלעבאָס און איך בין שמייסער. בין איך געגאַנגען. נאָר פאַרן טיר לאָזט ער מיר שטעהן אויפן גאַס. וואַרט, זאָגט ער, כ׳וועל איהר אַליין אָפּגע־בען — מערען! און קלאַפּט אָן אין לאָדען...

— אזוי האָט ער געזאָגט? — כריפּעט פּאַנדרע.

זאַוועל זעהט גוט מיט זיינע ממזרשע אויגען פון אונטערן צובראָכענעם דאַשעק, וואָס פאַר אַ שווערען איינדרוק זיינע געצווי־גענע ווערטעלעך מאַכען אויף פּאַנדרען. בלייבט ער בכיון אַ ווײַלע שטעהן, כדי נאָך מעהר אָנצושפּאַנען נחס אונגעדולדיגקייט:

— און מערע? — קען זיך פּאַנדרע ניט דערוואַרטען — זי האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט... אויפצומאַכען?

— וואָס זאָל זי מורא האָבען? — באַלעקט זיך זאַוועל שמיי־סער שטילינקערהייט — אַז קושקע בראַנד קלאַפּט אין פירהויז מיט דער קליאַמקע און טענהט: די מאַמע דיינע האָט דיר געשיקט דיין חלק פון דער סעודה. די מאַמע, זי וואַשט נאָך אין לויה־בית־מדרש דאָס געפעס, די מאַמע. זי וועט ערשט קומען פאַרטאָג... איז וואָס האָט מערע געדאַרפט מורא האָבען?

זאַוועל פאַרשאַרט דערביי תּמעוואַטע בײדע שוואַרצע ברעמען אונטערן דאַשעק, גיט אַ הויב מיט די פּלייצעס, און אין האַרצען קוועלט ער אָן וואָס פּאַנדרע איז אַזוי צורייצט. נאָר באַלד כאַפּט ער זיך, אַז זיינע לעצטע ווערטער האָבען פּאַנדרען געקענט אַביסעל באַרוהיגען. עס לעגט זיך אויפן זינען: די מאַמע האָט געשיקט, היינט וואָס זאָל דאָ מערע האָבען פאַר אַ באַזונדערע כונות?... ציהט זאַוועל צוריק און צעהלט ווערטער:

— געבליבען איז ער דאָרט זיצען, קושקע דער פּרעסער, אַ... רעכטע ווײַלע. כ׳האָב געמיינט מען זיצט און מען שמועסט. מערע בייסט צו און קושקע שמועסט. מיר האָט ער דאָך ניט גע־הייסען אַריינגעהן. איז מיר געוואָרען גוט קאַלט אויף דער גאַס. כ׳האָב שוין געוואָלט אָנרוקען דעם קאַלנער און אַוועקגעהן. ערשט מיטאַמאָל פּראַלט אויף די טיר —

— אונזער טיר? — פרעגט איבער פאַנדרע ווי אַ דער־שטיקטער.

— אייער טיר.ביידע טירען פון שטוב און פון פירהויז און מערע מיט איין באַרוועסען פוס שפּרינגט אַרויס און... טראַך—טאַראַראַך, זאָג איך דיר! טוראַך—טאַראַ—ראַך!... און קושקע לויפט אַרויס איינגעבויגען, מיט אַ לעדיגען קאַשיק. אַ טריאַטער געווען צו קוקען. ווי איך בין אַ איד!

3.

אַ גראַבליכער שמייכעל האָט זיך דורכגעשליינגעלט אויף שמחהלעס בייזען פּנים. נאָר פאַנדרע האָט אפילו קיין שמייכעל ניט געטאָן. זיינע גרויע אויגען זיינען שטאַר און קיילעכדיג געווען אָנ־געשטעלט אויף זאַוועלס פּנים. ער האָט שווער געאָטעמט. דעם גע־וועזענעם שמייסער איז פון אַזאַ קוק געוואָרען אַביסעל קאַלעמוטנע: צי האָט ער ניט איבערגעכאַפּט די מאָס ביים אויפרייצען אַזאַ יאַט ווי פאַנדרע? האָט ער זיך דעריבער ווידער אַ כאַפּ געטאָן אויף צו־ריק, גענומען פאַרגלעטען:

— נאָר דאָס איז נאָך גאַרניט. דיין מערע האָט איהם נאָך אָפּ־געטאָן אַ שענערע מעשה. באַלד נאָך די קלעפּ מיטן שטיוועל האָבען גענומען פליהען אויפן שניי די חלקים גענזענס און פיש און טיי־געכץ. און איין פעטע בלינטשע — פאַטש רבי קושקע בראַנד אי־בערן פּליך!... ווי מיט אַ נאַסע שמאַטע זאָג איך דיר. אָהן זייטען האָט מען געקענט בלייבען.

אָבער שמחהלע טורערו גלויבט ניט אַלצדינג. שמחהלע טו־רערו האָט אַ שאַרפערען קוק:

— זאָג מיר נאָר — שלאָגט ער איבער דעם שמייסער — זאָג מיר נאָר. תּנא־ברא מיינער, אַז דו ביסט שוין יאָ אַזאַ תּכשיט, היינט פאַר וואָס־זשע האָט דיך קושקע בראַנד פאַרט אַרויסגעוואָר־פען?

זאַוולען דעם שמייסער פאַלט אַזאַ קלאָץ־קשיא אַראָפּ ווי אַן אומגעריכטע שטרויכלעניש אין מיטען צולויפען זיך:

— פאַר וואָס... ע־ע... פאַר וואָס מיך? ער... קושקע?

פון... פון זיין קאָפּ זאָל איך אַזוי וויסען. ער האָט זיך פון דאַמאָלסט אָן אָנגעזעצט אויף מיר, האָט ער. דערפאַר וואָס איך האָב געזעהן ווי אַ אידענע בזיקערט איהם מיט אַ שטיוועל איבערן קאָפּ. ס׳איז איהם ניט אָנגעשטאַנען...

— און מעהר גאָרנישט? — שפיצט שמחהלע אָן די אויגעלעך זיינע.

— וואָס נאָך זאָל זיין? — מאַכט זיך זאַוועל תּמעוואַטע.

נאָר דערזעהענדיג ווי שמחהלעס שאַרפע אויגען עקבּוירען איהם, פאַלט איהם איין דאָס הארץ, זאַוולען דעם שמייסער. צוכּני־קעט ער זיך בכיון, רעדט מיט אַ וויינענדיגען קול, כּדי צו פאַרדע־קען זיין צוטומלעניש:

— אַז אין צעך האָט ער אויף מיר ביי אַלעמען אָנגערעדט, דער געלער פּרעסער! אָהן אַ ביסען ברויט געלאָזען מיך. שלאָג איך זיך אַזוי אַרום אַ גאַנציקען זומער. דאָס ביי די פאַרעכאָדען, דאָס אונטערן באַרג...

קריגט פאַנדרע רחמנות אויפן שמייסער, וועלכען שמחהלע פאַרהערט ווי אַ דרדקי אינגעלע. צו דער ביטערניש פון די אויס־געהערטע רכילות מישט זיך צו אַ צופרידענקייט מיט מערעס גבורות. דער דורשט הויבט איהם ווידער אָן צו פייניגען.

— נו — מאַכט ער צו זאַוולען מיט פאַראַכטונג — מירן נאָך ריידען מכּח דעם. קום, טרינקען אַ גלאָז זעלצערקע!

ווי אַ ווילדער הונט וואָס לויפט פאַראויס דעם לייב, דער־שמעקט פאַר איהם רויב און ווייזט איהם דעם וועג, אַזוי איז זאַ־וועל שמייסער אונטערטעניג אַריינגעלאָפען דער ערשטער אין בודקע און מיט גרויס פּרסום אַ ביל געטאָן אויף וואַיוקען:

— גיכער, וואַווקע! פאַנדרע געהט. דריי גלעזער! פאַר אונז אַלעמען...

אַבער וואַווקע דער ממזורוק האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

די ברעטער־בודקע מיטן לייכטען דיל האָט זיך אַ שאָקעל גע־טאָן אונטער פאַנדרעס אייזערנעם טראָט. ער האָט זיך שווער אַראָפּ־געלאָזט אויף דעם הילצערנעם באַנק,ביים וועגטעל, און באַלד פאַר־געסען צוליב וואָס ער איז אַריין. די טונקעלקייט אין בודקע האָט

איהם אַרומגעכאַפּט ווי אַ שלייער. ער האָט זיך פאַרטראַכט. טריף און זיס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט מערעס לייב, ערגעץ־וואו אין דער טונקעלקייט. דער חשד איז נאָך אינגאַנצען ניט צוגאַנגען. יאָ, ברעכען די ביינער, האָט זי קושקען געבראָכען. אָבער ווי אַזוי האָט זי זיך דאָס דערוועגט אַריינלאָזען אַ פרעמדען מאַנסביל, אַ שונא, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? און ער, פאַנדרע, האָט זיך פון מאַקאַראָווקי אָן דאָס לעבען גענומען, וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיגט געגען איהר, אָפּגעגעבען זיין כח קאַטערינושקאַן...

— נו!... וועקט איהם אויף שמחהלעס קול.

ער גיט זיך אַ כאַפּ אויף. וואָווקעס געשוירען קעפּעל מיט די אָפּגעשטאַנענע אויערען בלייכט זיך הינטערן סיפּאָן און סטאַיקע. דער פּנים ווי ביי אַ בוילע. די שפּיציגע באַוואַקסענע שלייפען — ווי די הערנער ביי גאָר אַ יונגען בייקעל. נאָר עפּעס ניט אַזוי פריינטליך ווי אַמאָל, פאַרן אָסטראָג, איז אַצינד וואָווקע דער שבתניק. אויף וואָס וואַרט ער ראָ?

— נו, וואָווקע! — אַזוי געהט פאַנדרע אַרויס מיט דעם אַמאָליגען צולאָזענעם שבת־ברייטליכען לשון, — פליוכע מיר אָקאָרשט אָן אַ גלאָז זעלצערקע, אָבער פון די אמתע זעלצערקע! עס זאָל בורטשען אין בויך, וואָווקע! עס זאָל בייסען די צונג. אַלעמען צו גלאָז. וואָווקע! דריי גלעזער.

פאַנדרע האָט אָבער זיין אייגענעם קול ניט דערקענט. זיין באַלעגאַלישע ברייטליכקייט פון די בחורישע יאָהרען איז אַצינד, נאָכן אָסטראָג, אין די אָווענט־שאָטענס, אַרויסגעקומען עפּעס צו הילכיג און ניט זיכער. ווי אַ צו הויכע „יעלה" ביי אַ פאַרקיהלטען חזן. און ס'האָט אויך ניט געהאַט די אַמאָליגע ווירקונג, וואָרים וואָווקע האָט זיך ניט געכאַפּט צום צאַפּען פון סיפּאָן. ער האָט נאָר געטאַפּט די פינגער זיינע און פאַנדרען מיט זיינע געסט אָנגעקוקט מיט קענטיגען חשד:

— יאָ... — גיט ער אַ מעקע — דע... דע... דער טאַטע —

— וואָס זאַאיקעסטו מיר דאָ? — שטעלט זיך פאַנדרע אויף— וואָס פאַר אַ „טאַטע" וואָס?

זאַוועל שמייסער שטעלט זיך אויף און העלפט פאַנדרען
ווי אַ משורר אַ חזן.

— אויך מיר אַ נפש!... גיס אַן זאָגט מען דיר!

— איך... איך קען ניט געבען אויף באָרג! — רעדט וואָווקע
קוים אַרויס.

— אַך, דו, סוקין־סין! — בייזערט זיך פאַנדרע און זיין טרוי־
עריגע גוטמוטיגקייט קעהרט זיך צו איהם ווידער אום — ביי דיר,
אַזאַ צוציק, האָב איך שוין אויך פאַרלאָרען מיינע נאמנות? פאַנדרע
וועט דיר ניט אָפּצאָהלען?

— אַך, דו פאַסקודניק, דו! — העלפט איהם זאַוועל שמיי־
סער — דו קענסט נח פאַנדרען צי דו קענסט איהם ניט?...

טרעט וואָווקע אַרויס אַקעגען זאַוולען גאָר חוצפּהדיג:

— דו... איהר קומט מיר דאָך דריי קאָפּיקעס פאַר זעלצער־
קע, קומט איהר דאָך!

זאַוועל גיט פאַרלעגען אַ קוק אויף זיינע פאַרלאַטעטע שטי־
וועל, דערנאָך אויף פאַנדרען און שמהלען. נאָר פאַנדרע מאַכט
איהם אַ צייכען ער זאָל זיך אַנידערזעצען און שווייגען. און אַליין
שאָקעלט ער מיטן שווערען קאָפּ, ניט אויף זיך אַליין, ניט אויף
וואָווקען.

— אַן אַסטראָזשניק בין איך ביי דיר געוואָרען? ווי? וויש
דיר פריהער אָפּ די נאָז, וואָווקע!... פייף מיר אַן, זאָג איך דיר, דריי
גלעזער פאַר אַלעמען. דו הערסט? זאַוועלס דריי קאָפּיקעס וועל
איך דיר אויך באַצאָהלען. וואָרים, וואָרים... איך צוקוועטש דיר דאָ
באַלד דעם סיפאָן דיינעם ווי אַ פאַרעפּושטע איי!

.4

וואָווקע פאַרקרימט זיך און גיט אַ כליפּ. ער האָט מורא פאַר
פאַנדרעס קול און פאַר שמחהלעס גזלנישע אויגען אָבער אַנגיסען
זעלצערקע גיסט ער פאָרט ניט אַן. ער האָט פאַרלאָרען דעם צוטרוי
צום אַלטען קונד.

— נאַ דיר! זעה, דו סוקין־סין! — ווערט פאַנדרע נאָך ווייכער און כאַפּט זיך צו זיין קלומיק. ער שלעפּט פון דאָרטען אַרויס שעפּטעלעס פּאַפּירענע רובעלס און גיט זיי אַ וואָרף אויף דער סטאָיקע:

— זעהסט, צוציק? געלט איז דאָ ווי שפּענער!

שמחהלע פאַרקוועטשט איין לאַכעדיג אויג אויף פאַנדרען:

— צוניצגעקומען? וואָס? געוואָלט אָוועקוואַרפען...

נאַ, צאַהלי! — וואַרפט איהם פאַנדרע צו די פּאַפּירלעך — ווערג זיך מיט זיי!...

דער אַנבליק פון אַזוי פיל געלט באַרוהיגט וואָווקען. ער גיט אַ וויש די פאַרטערטע אויגען, פאַרענטפערט זיך:

— אַז דער טאַטע האָט געזאָגט, דער טאַטע —

— פייף! — גיט אויף איהם פאַנדרע אַ ברום.

דער קופערנער סיפאָן צוכריפּעט זיך, צוקוויטשעט און צו־כאַרכעלט זיך און פילט אָן דריי טיפע גלעזער, אַ ה ן הענטלעך. אַזעלכע גלעזער זענען באַשטימט פאַר בעסערע קונדען. די אַנדע־רע גלעזערנע כּלים מיט צוויי הענטלעך — זיינען אויף אָפּצונאַ־רען. דאָרטען געהט אַריין מעהר גלאָז ווי זעלצער־וואָסער...

אַלע דריי קונדען, שמחהלע, זאָוועל שמייסער און פאַנדרע, טרינקען דורשטיג. דעם שטאַרקסטען אָטעם האָט אָבער פאַנדרע. טרינקט ער אויס זיין גלאָז גיכער פאַר אַלעמען.

— אַי, וואָווקע, — מאַכט ער און פאַסמאַקעוועט זיך — ס'איז עפּעס ניט דאָס! עס בייסט גאָר ניט אויף דער צונג, עס בורטשעט ניט. עס גרעבּסט זיך ניט. דו האָסט זיך מיר עפּעס גאָר אויסגעוועפּט, וואָווקע!

עס גלוסט זיך איהם גאָרניט צו חכמענען זיך. ער וויל דאָס נאָר נאָכמאַכען די אַמאָליגע שטיקלעך פון פאַר דער חתונה, כּדי אַרויסצורופען דעם אַמאָליגען טעם אין זעלצער־וואָסער, די אַמאָ־ליגע פרייד פון לעשען דעם שבתדיגען דורשט. נאָר שוין ביי דער צווייטער גלאָז דערפיהלט ער קלאָר, אַז יענע פרייד איז מעהר ניטאָ און וועט שוין, אפשר, קיינמאָל מעהר ניט זיין. ווער האָט דאָס אָוועקגעגנבעט פון איהם? דער אָסטראָג? דער וויטער וועג? צי דאָס...

וואָס מערע האָט אַזוי שפּעט געעפּענט די שטוב־טיהר אַ פרעמדען מאַנסביל? ער ווייסט דאָס אַליין ניט. נאָר זעהן זעהט ער באַשיינ־פערלעך, אַז דאָס טרינקען אַצינד זעלצערקע איז פּונקט ווי עסען טשאָלענט אינמיטען וואָך. ס׳איז ניט ד אָ ס. אַ רעהר איז ערגעץ־וואו פאַרשטאָפּט געוואָרען...

בלייבט ער זיצען פאַרקלעהרט. הערט זיך צו צו זיך אַליין. מיטן פינגער ווייזט ער נאָך וואָוקען אַן, יענער זאָל אָנגיסען דריי פרישע גלעזער.

זאָוועלס חניפהדיגער קול וועקט איהם אויף. זאָוועל האָט זיך אָפּגעפרישט מיטן טרונק און צוריקגעקראָגען זיין חוצפה און זיין לשון:

— גוט וואָס איך האָב דיך געטראָפען, נח. זאָל איך אַזוי גע־זונט זיין! איך קוק שוין לאַנג אויף דיר אויס. דער פּאַיעטאָן סענ־דערס איז נאָך גאַנץ. די שליטען אויך. שטעהען ביי אייך אין שטאָל. נאָר כאָמעטען וועסטו מוזען קויפען נייע...

— פאַרקויפט די כאָמעטען? — כאַפּט זיך פאַנדרע אויף.

— וואָס האָבען מערע און דיין שוויגער געזאָלט טאָן?... נאָר האָב קיין צער ניט, נח! אַט וועסטו זעהן, אם ירצה השם, וועסט באַלד צוריק אַרויף אויף דער קעלניע. דער נייער נגיד וועט מוזען געבען צו שטייער...

— א י ך וועל נעהמען ביי א י ה ם ? — גיט פאַנדרע אַ וואָרף מיטן קאָפּ —ביי אַט דעם?... טפו!

— צעך וועט דיך אויך ניט פאַרלאָזען! קושקע בראַנד וועט, זאָג איך דיר, צופּלאַצט ווערען. אַט וועסט זעהן!

נאָר אינמיטען רעדען אַזוי זיס, פאַרגעסט זאָוועל אינגאַנצען, אַז ער טרייסט פאַנדרען, דעם צוריקגעקומענעם אָסטראָזשניק. זיי־נע אויגען צינדען זיך אָן מיט זשעדנעקייט:

— זעה, פאַנדרע, לאָמיר מאַכען שותפות. לאָמיר צוזאַמען שפּאַנען פּאַיעטאָנען, פיהרען סחורות און „שודאָקעס" צום באַהן אין אָרשע. קושקע בראַנד זאָל צולאָפּניעט ווערען!

שמחהלע צולאַכט זיך מיט זיין געזאָלצענעם געלעכטערל:

— לאמיר! העֶן... לאמיר! וואָס גיבסטו, ר׳ זאַוועל אין נדן? די צוריסענע שטיוועל דיינע?

פאַנדרעין אַליין געפעלט אויך ניט אַזאַ שידוך. זאַוועלס איי־בערשפּרינגען פון רכילות צו גוט־ברודערשאַפט און פון טרייסט צו שותפות־מאַכען געפעלט איהם ניט. ער זעהט, אַז זאַוועל שמיי־סער באַהאַלט עפּעס פון איהם. אפשר ווייסט ער נאָך ערגערע זאַ־כען ווי די, וועלכע ער האָט דערצעהלט מיט אַ שושק און מיט אַ האַלבען מויל?

אַ הייסע בייזקייט צוברענט זיך אין איהם. אַ נס וואָס אין בוד־קע איז שוין טונקעל און מען זעהט ניט איינער דעם אַנדערען אין די פּנימער.

פייערלעך צינדען זיך אָן אויף דער גאַס, אין די אידישע פענסטערלעך. זומערדיגע מעריב־פייערלעך. ווייבער האַקען לעבער אויף וועטשערע. האַקמעסער פּלייסען זיך: האַק־האַק־האַק.

וואָוקע הויבט זיך אָן פּאַרקען ביי אַ לעמפּעל. דרעהט אַ קנויט.

—מ׳דאַרף ניט!—גיט פאַנדרע פינסטער אַ מאַך מיט דער האַנט. ער וויל אַצינד מעהר קיין מענשליכע אויגען ניט זעהען. אַ טיפע בענקשאַפט נאָך מערען נאַגט אין איהם און אַ בייזע צורייצטקייט פון אין דער פריה. יאָ, אַנדערש וועט דאָס היינט ביינאַכט ניט געהן! אַ טראַסק־טאַן מיטן קולאַק אין טיש וועט ער, ווי נאַר ער פאַלט אַריין אין שטוב. דערצעהלען מוז זי איהם אַלץ. און נאָך היינט ביי־נאַכט, ווי און וואָס איז געווען, ביז אַ האָרעלע... אַן אַרעסטאַנט איז דייך מאַן געווען, טאַ נאַ־דיר אַן אַרעסטאַנט!

אויף דער שטילער „אונטערבאַרג״־געסקע, הינטער דער דינער וועגטעל פון בודקע שרייען אויף פאַראיינצעלטע קולות:

— אַט קוקט, קוקט!

—אַי־אַי־אַי!

— געררויכערט, געררויכערט און אַנגעכאַפּט זיך!

— עס דערקלייבט זיך אַראָפּ־באַרג!

— זעהט, זעהט!

און גלייך נאָכדעם לויפען זיך אַ סך קולות צונויף אין איין הר־האַ. אַן אַפּשיין פון אַ וויטען פייער צופלאַטערט זיך אין דער

שוואַרצער טונקעלהייט פון בודקע, ווי אַ צובראָכען פליגעל.

פאַנדרע רוקט אַרויס דעם קאָפ פון בודקע און קוקט זיך אום. אין די אויגען גיט איהם אַ בלענד אַ מין פייערדיגע, צובראָכענע קרוין. איבער דער שוואַרצקייט פון די הויכע סאָסנעס אין וואַלד איז די קרוין אַנגעטאָן. איבער דעם אָרימינקען ישוב פון „אונטער־באַרג“, מיט זיינע געלינקע פייערלעך, קיניגט די זומער־נאַכט אַליין. שאָקעלט מיט איהר העלישער קרוין. און פונקען ווי צושמאָלצענע גאָלד, קייקלען זיך פון איהר מלוכה־קרוין אין דער רויטליכער שוואַרצקייט פון באַרג־אַראָפּ.

דער וואַלד ברענט!

.1

ווי אַן אויסלעזונג פון זיין שווערען געמיט איז פאַר פאַנדרען געקומען דאָס ברענען פון וואַלד. אויפן שוואַרצען גרונט פון דער נאַכט האָט דאָס צו איהם געוואונקען מיט אַ העלישער פרייד. ער האָט זיך אַן דעם אָנגעכאַפּט ווי אַן אַ גאָב פון הימעל. אַט איז אַצינד אַן אָרט וואו אויסצובושעווען דעם פאַרטאַיעטען כעס אויף קושקע־בראַנד, אויף זאָוועלס רכילות, די בייזע מחשבות — איבער מ׳ערען...

פאַר די צוזאַמענגעטוליעטע הילצערנע הייזקעס פונם „אונ־טערבאַרג״ איז נאָך דערווייל די סכנה געווען ווייטלעך. איבערן הויכען געשליינגעלטען שליאַך איז נאָך דער פייער געשטאַנען, ביז די קוסטעס פון משופּעדיגען באַרג־אַראָפּ נאָך ניט דערקליבען זיך. נאָר אין זיין אַראָפּגעפאַלענקייט און אין זיין ניט־געזונטער מורא, צו געהן אַהיים מיט אַזאַ אָנגעלאָדען האַרץ, האָט נח געזוכט איינ־צושמועסען זיך אַליין, אַז די סכנה פאַרן „אונטערבאַרג״ איז שוין מוראדיג גרויס.

האָט ער זיך געגעבען אַ ווענד צו זיינע חברים ביים זעלצער־וואַסער טיש:

— זעהט, קינדער, וואָס עס טהוט זיך!... קומט!

און האַסטיג אַרויסגעשפּרונגען פון דער הילצערנער בודקע. שמחהלע האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין קלומיק און אויך אַרויסגע־

לאָפּען. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזעהן דעם פייער איבערן שוואַר־צען וואַלד, האָט ער זיך צושריען:

— וואָס „קומט"? וואוהין „קומט"?

— מירן העלפען לעשען! — מאַכט פאַנדרע, ווי איינער וואָס רעדט פון אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער זאַך.

— וואַ־אַ־אָס? — ציהט אויס שמחהלע מלא רציחה — מ י ר'ן לעשען? וואָס פאַר אַ „מיר'ן" וואָס?

ער איז שטאַרק צורייצט שמחהלע. דער פייער איבערן וואַלד דערמאָנט איהם דעם נייעם נגידס ברענענדיגע שטאַל... די בייזע עדות געגען איהם, דער משפט... ער איז ווי אַן אָפּגעריסענער פון תליה, ווען מען באַווייזט אַ נייע פעטליע...

— איך — לעשען? — צושרייט ער זיך נאָכאַמאָל — אַ שרפה?... בין איך ניטאָ!

— האָסט דאָך געזאָגט, — זוכט איהם פאַנדרע צו באַרוהי־גען — האָסט דאָך פריהער אין וואַלד געזאָגט, אַז עס איז „קאַליאַ־דעס"... שענע קאַליאַדעס! איין האַלאַוועשקע און גאַנץ „אונטער־באַרג" געהט אַוועק מיטן רויך.

נאָר שמחהלע לאָזט זיך מעהר ניט איינרעדען. די הענט ציטערן ביי איהם פון אויפרעגונג. ער פאַרוואַרפט זיין קלומיק איבערן פלייצע און רוקט אַן דאָס וואַרימע היטעל איבער די אויגען. מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס האָט עפּעס פעסט באַשלאָסען:

— איז געהסטו? — מאַכט ער צו פאַנדרען האַרט און קורץ— צי דו געהסט נ י ט?

— וואוהין? — מאַכט זיך פאַנדרע תמעוואַטע.

— וואו־הי־ין? — קרימט איהם איבער שמחהלע און שטשי־רעט זיינע שלעכטע ציין אַקעגען פייער פון וואַלד — אַ... אַהיים צו אַל־די־קאַדיק!

— און לאָזען אידען ברענען? — פרעגט איבער נח פאַנדרע גאַנץ שטיל.

שמחהלע דרעהט זיך צו איהם אויס מיטן רוקען און מאַכט אַ פּאָר האַסטיגע טריט. דערנאָך בלייבט ער שטעהן. ער איבער־לעגט זיך.

נאָר פון דער פינסטערניש, ביי דער גרויסער מיהל, און פון דעם וואַסער־געוויש אין דער הרעבליע שווימט פּלוצלינג אַרויס אַ ווילדע פיגור אין טראַנטעס. איהרע פאַרזאָרגטע קנייטשעלעך זיינען רויט באַלויכטען. אויפן אָרעם, ביי דער ברוסט, וויגט זי אַ העלען פּעקעלע, ווי מען וויגט אַ שרייענדיג קינד:

אַ—אַ—אַ בּיאינקע—ע
אוינעלעך האָסטו שענעקע.

זי וואַרפט אַ פלינקען קוק אויף שמחהלען און פאַנדרען. זי דערקענט זיי גלייך מיט איהרע משוגענע דורכדרינגענדע אויגען. זי בינדט זיי, דאַכט זיך, גלייך צוזאַמען מיט דער סביבה: מיט דער בודקע, מיט וואָווקען, מיטן ברענענדיגען וואַלד. איהרע גראָבע ליפּען עפענען זיך אויף, איהרע חיה־ציין גיבען רויט אַ גלאַנץ אַקעגען דער שרפה. איהרע פאַרטאַיעטע לאַך־קנייטשעלעך צוטאַנצען זיך אַרום איהרע בולטע אויגען און מויל. און אַ פאַסקודנינקע, פאַנפאַטע לידעלע צוגיסט זיך איבערן שיטערען טומעל פון „אונטערבאַרג״:

ניטשיינע האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ אויכעט דאָ!
פאַרן פאַנדרע, פאַרן שמחה
דאָ, טאַקע דאָ.
צוויי אָסטראָזשניקעס פון מאָהליוו
דאָ, אויכעט דאָ.
פאַר די זעלנער, פאַר דער בודקע —
איכאַ, איכאַ, כאַ!
מיטן וואַלד און מיטן פייער
איכאַ—איכאַ—איכאַ—כאַ!

שמחהלע שרעקט אויף אינמיטען נאַכטראַכטען, ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטאָן. די בייזע היימישע נביאטע דערמאַנט

איהם איינגאַנצען אַן דער נאָהנטקייט פון ווייב און שטוב. אומזיסט וועט חיה־שרהקע די משוגענע קיינמאָל ניט זינגען. מסתמא זאָגט זי אַן עפּעס אַ נייע צרה....

גיט ער ווידער אַ קעהר זיין פאַרביסענעם, רויט־באַלויכטענעם פּרצוף־פּנים.

— איז געהסטו ניט? נייִן?

און, ניט וואַרטענדיג אויף פאַנדרעס ענטפער, פאַרענדיגט ער אַזוי:

— איז ווער דאָ פאַרברענט מיט חיה־שרהקען צוזאַמען!

אין דער דאָזיגער בייזקייט איז דאָ אַ באַהאַלטענער פאַרוואורף, וואָס נאָך אַ גאַנצען יאָהר צוזאַמענזיין אין אָסטראָג מוז ער אַצינד געהן אַהיים איינער אַליין, איבער די פינסטערע גאַסען. און נאָגענדיגע געוויסענביסען איז דאָ, וואָס ער לאָזט איבער אַ אידישען ישוב אונטער אַ ברענענדיגען וואַלד און אַנטלויפט צום ווייב... אָבער די מורא פאַר חיה־שרהקעס נביאות און פאַרן נייעם פּריסטאַוו, וואָס האָט זיך ליב צו שטופּען אויף אַלע שרפות, איז נאָך גרעסער. כאַפּט ער דערפאַר די פיס אויף די הענט און אַנטלויפט צו דער פינסטערער מיהל צו, צום בריקעל וועלכער פיהרט אין שטאָט אַריין. און דער פייכטער רעש פון דער הרעבליע שלינגט איין זיינע אייליגע טריט.

.2

פאַנדרעו טהוט אַ ווילע באַנג וואָס ער לאָזט זיין חבר פון אָסטראָג אַוועקגעהן איינעם אַליין אין דער נאַכט אַריין. אָבער באַלד כאַפּט איהם אַרום אַ צופרידענקייט, וואָס אַצינד, נאָך אַזוי פיל חדשים פון טרעטען איינער דעם צווייטען אויף די נאַגניאַטקעס, פון רעכענען זיך איינער מיטן צווייטען, איז ער אינגאַנצען פריי. פריי פון יעדער חברשאַפט, פון יעדען נאָכקוקען... ער איז צופרידען וואָס קיינער טרייבט איהם מעהר ניט אַהיים. און ער וועט דאָ קענען אויסבושעווען זיין בייזע קראַפט, זיין האַרצווייטאָג, זיינע פאַרדאַכטען... איינער אַליין.

— נאָ, — מאַכט ער צו וואָוקען — באַהאַלט דאָ מיין פּע־קעלע!

און אַליין גיט ער זיך אַ וואָרף צום פייער אויפן באַרג. ער מישט זיך אויס מיט אַ גאַנצער כאַפּטע אונטערבאַרגער אידען, וועלכע לויפען שוין באַרג־אַרויף מיט לאַפּעטעס און קאַטשערעס און גראָב־אייזענס.

— אוי, אוי! — שרייט עמיצער סאַפּענדיג — עס דער־קלייבט זיך, עס דערקלייבט זיך...

— שפּילען זיך אין פלאַקערס!

— וואַרפען ברענענדיגע ציהאַרקעס אין אַזאַ טריקעניש!

— „פּאַד־סוד" דאַרף מען זיי אָפּגעבען אַזעלכע חברה־לייט!

— ס'וואָלט ניט געשאַדט פּאַקען זיך!

— מאַלע וואָס!... זאָל גאָט היטען!

— מען פּאַ־אַקט זיך שוין!

און דורך אַלע קולות זעגט זיך דורך חיה־שרהקעס פּאַנפּאַטע לידעלע:

א־א—אה באַי־אינקע!
אָט—אָ ברענט אַ וועלדעלע!
מיר פאַר דיינע אויגעלעך!
באַלד וועט זיין אַ שרפהלע
דאָ, טאַקע דאָ! — — —

— די משוגענע! — סאַפּעט אַ איד און שפּאַרט זיך אָן אויף זיין לאַפּעטע.

— געדאַרפט איהר פּלעטען דעם מח! — קריצט עמיצער מיט די ציין.

די צורייצטקייט גיט זיך איבער ווי דער פייער אין וואַלד. אַ דריטער כאַפּט אַ קאָם טרוקענע ליים, צילט אָן אויף חיה־שרהקעס קול און גיט אַ שליידער אַראָפּ־באַרג, אין דער טונקעל־הייט אַריין.

— אָי! — דערהערט זיך אַ דערשראָקענער קוויטש און דאָס לידעלע ווערט גלייך פאַרשטומט.

די אידען מיט די קאַטשערעס צולאַבען זיך. זיי ווערען זיכע־רער ביי זיך. מען גיט זיך אַ לאָז מונטערער צום ברענענדיגען וואַלד.

עמיצער דערלאַנגט פאַנדרען אַ גרויסען גראַב־אײַזען. און פאַנדרע פאַרוואַרפט איהם איבערן פלייצע, ווי אַ זעלנער זיין ביקס. אַזוי לויפט ער אַרויף־שליאַך, פון וואַנען ער האָט זיך, דאָ נישט לאַנג, אַראָפּגעלאָזט מיט שמחהלען צוזאַמען. ער לויפט אין געשליינגעל פון באַרג־אַרויף און איהם דוכט זיך, אַז שוין לאַנג לאַנג, אַ זר־מער־טאָג אַ יאָהר און אַ שטיק אָוועגט, זינט ער איז אַרויס פון אָסט־ראָג. פלאָנטערט ער זיך אין אַלע אויסבויגונגען פון שליאַך און וואַלד און קען זיך נישט אַרויספּלאָנטערען. אַ כּישוף האָט מען איהם אָנגעטאָן: ער לויפט אַהיים צו מערען און דער וואַלד ציהט צוריק, צוריק... אַ סך שלוחים האָט דער וואַלד: זימעל דעם פּאַקענטרעגער, דעם בוהאַי, קאַטערינושקאַן... אַצינד — דעם פייער.

און אָט לויפט ער צוריק צום וואַלד, מיטן גראַב־אײַזען אויף דער פלייצע, און פרעגט ביי זיך אַליין: ווי וואָלט געווען ווען קאַטע־רינושקאַ וואָלט איהם ניט אַריינגענומען אין איהרע פויערשע אָרעמס, ווען זי וואָלט איהם אַזוי ניט אויסגערויבט, וואָלט ער דען געקענט לאָזען וואַרטען מערען און לויפען צוריק, אַרויף־באַרג צום וואַלד?

— ניין! — ענטפערט ער זיך אַליין מיט אַ מין צדוק־הדין און מיט אַ כּעס — רעכט אויף דיר, פאַנדרע! לעש, ממזר! ווער פאַרברענט!

וואָס נעהענטער צו די ברענענדיגע שוואַרצע סאָסנע־קרוי־נען, אַלץ צוריסענער און צוזייטער ווערט דאָס פייער. ער אַנט־פּלעקט זיך אין צושאָטענע גרופּעס, ווי אַ שונא וואָס פאַלט אָן... די שטיוועל לויפען אַריין אין אַ מין פעלד פון רויטער גרויזאַמער ליכטיגקייט. עס דערהערען זיך די קראַקערייען פון דורכגעברענטע צווייגען, די זיפצען פון דער פעכיגער קאָרע. די געפּלאַצטע צאַפּען פון די יאָדלעס שיסען ווי קינדערשע ביקסעלעך. אין דעם ברע־נענדיגען מאָך זידט עס און עס שיפּעט און שושקעט און עס שלענ־געלט זיך. די רויהע היץ פון דער שרפה שלאָגט זיך דורך דורך

דער קיהלקייט פֿון אָוונט, ווי אַן אָנגעגליהטער פּרעס-אײַזן דורך אַ דורכזיכטיגען טיול. דוכט זיך פֿאַנדרעןַ, אַז דאָס איז בלויז אַ מין פֿאָרטזעצונג פֿון דער בײַטאָגיגער היץ, אַן אויסטערלישׂ אָפּשפּיגלען פֿון דער גרויסער חמימא היינט אין וואַלד. אין מערב איז די זון פֿאַרגאַנגען, צווישען העלישע וואָלקענס, און אָט איז זי שוין ווידער אויפֿגעגאַנגען אין פֿינסטערען וואַלד, פֿון דער צווייטער זײַט...

קורצע בליצען, פֿלאַטערנדיגע שמאַטקעס-פֿײַער טראָגען זיך איבער פֿאַנדרעס קאָפּ און ער פֿאַרשטעהט ניט וואָס דאָס איז. נאָר אַביסעל נעהנטער דערקענט ער אָן דעם צושראָקענעם קוויטשען און פּיסקען, אַז דאָס זײַנען די אונטערבאַרגער שוואַלבען. פֿון זייערע טיפֿע לעכער אין דעם אָפּגעשפּאָלטענעם ליים-באַרג זיינען זיי דאָס אַרויסגעפֿלויגען אויסצופֿאָרשען, וואו עס האַלט מיט דער שׂרפֿה. מענשען לויפֿען אונטען, זיי — אויבען. ס'איז איין סור-מאַטאָכע. און באַלויכטען פֿונם פֿײַער אין וואַלד בליצען זייערע ווײַסע בײַכלעך און בלויע פֿליגלען אַהין און צוריק. קרײַצען זיך דורך אין איין בײַזען אָנזאָג: צוויץ, צוויץ!... ערגעצוואו ווײַט, אין די ניט-באַריהרטע בוים-קרוינען, שרײַען הייזעריג סאָראָקעס. ווי אויפֿגעוועקטע ניט-כשרע פֿאַרשווינדלעך, דערשמעקענדיג פּאָליציע, אַזוי שרײַען זיי זיך איבער אין דער פֿינסטער, וואָרענען איינער דעם צווייטען:

— אַ בררראַק! אַ בררראַק! קרראַ!

און אַ סאָווע, אַ מכשפֿה, צוכאַכאָטשעט זיך אַ סך ווײַטער, נאַכטיג-פֿאַרשוואומען און מאוימדיגער:

— או —הו — האָ — האָ!

ס'הייסט מקוים געוואָרען מײַן שוואַרצע נבואה? אָ! נאָט אײַך!

ווי אַ לעכעלדיגע טישטוך מיט העלע שלענגעלדיגע פּרענז, אַזוי פּויזעט דער פֿײַער איבער די טרוקענע גראָזען און נאָדלען אויף דער ערד און דערקלײַבט זיך צו די שטאַמען פֿון די סאָסנעס. פֿונם פֿלאַכען פֿײַער שטעקט זיך אַרויס אַ צונג און הויבט אָן זשעדנע צו לעקען די פּעכיגע שאָלעכצדיגע קאָרע. אַ גאָלדענע וועווערקע טײַלט זיך אָפּ פֿון דער ערד, גיט אַ שפּרונג און קאַראַבקעט

זיך גיך־גיך איבערן ברוינעם שטאָם. זי דערקלייבט זיך ביז דער טונקעלער קרוין פון דער סאָסנע און באַהאַלט זיך דאָרטען ווי אין אַ נעסט. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום גיט אַרויס פון „נעסט" אַ שטראָהל פייער, אַ צווייטער און אַ דריטער. אַ גאָלדענער ריזען־קאַם באַרשט די טונקעל־גרינע קודלעס פון דער סאָסנע, ביז זיי צעפּאַטלען זיך אין פייערדיגע קרויזן. פון זייערע אַראָפּגעהאַנגענע שפּיצן הויבט עס אָן צו שיטען מיט ראַקעטן. שטעהט דאָ נאָהענט אַ צווייטע סאָסנע — אַזוי ציגדט זיך אָן קרוין פון קרוין. און די גאָלדענע וועוועריקע באַוויזט דאָ ניט אַריינצולויפען אין אַ פינסטערען „נעסט", נאָר זי טרעפט אַריין אין אַ העלישען פלאַם. אָדער זי באַגעגענט זיך, שוין אין מיטען שטאַם, מיט אַ צווייטער וועוועריקע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, מיט אַ בייזען זידען און מיט פונקען, איהר אַקעגען.

און ווייטער, אין דער טיעף־שרפה, צווישען די אָפּגעברענטע פאַרקויהלטע שטאַמען, מיט גליהענדיגע פונקעלעד־רובינען אויסגעזעצט, טוען זיך אָפּ עפּעס מאָדנע זאַכען. דאָרטען זיינען זיך מתדמה מיני נאַקעטע פייערדיגע לייבער, משוגע־טאַנצענדיגע ענטבלויזטע נקבות, העלישע קאַטערינושקאַס מיט שפּיציגע בריסט און מיט פלאַטערנדיגע געבלימטע כוסטעס און מיט, אין פייער־שאָטען און רויך־געפּאַסקטע, צוריסענע קליידלעך. דער וואַלד ברענט און דאָס האַרץ ברענט. קושקע בראַנדס רויטע האָר קרייזלען זיך איבער אַ מוראדיגען העלישען פליך. מערע לאַכט צו איהם געמיין און זינדיג. איהר אַנטבלויזט לייב איז זיס און גיפטיג ווי די זינד אַליין. זי לאַכט פון פאַנדרען מיט אָן אָפּענעם הולטייסקען מויל און מיט גליהענדיגע ציין: „אַהאַ, אַזוי לאַנג געזאַמט זיך אין אָסטראָג? אויפן שליאַך געהולטאַיעוועט? געלאָזען וואַרטען אויף זיך? איז מיר קושקע אויך גוט!..."

.3

כדי צו פאַרטומלען אין זיך אָט דעם גאַנצען מיש־מאַש פון

פּיבערדיקע פאַרשטעלונגען, כאַפּט זיך פאַנדרע צו צום גראָבען, מיט אַ גאַנצער שורה אידען פון לינקס און רעכטס.

לעשען אַ ברענענדיקען וואַלד איז דאָך ניט שייך צו זאָגען. נאָר איין מיטעל איז דאָ פאַראַן: אויסצוגראָבען אַ ברייטע קאַנאַווע, מאַכען אַ טיפען גרענעץ צווישען דעם פייער און צווישען די נאָך ניט־באַריהרטע קוסטעס און בוימער. און אַזוי האָבען די אונטער־באַרגער אידען, מיט פאַנדרען אָן דער שפּיץ, אויך געטאָן. זיי האָבען געמאַכט אַ פּראָנט צווישען אונטערבאַרג און צווישען ברע־נענדיקען וואַלד. גראָב־אייזענס און לאָפּעטעס אויף און גראָב־איי־זענס און לאָפּעטעס אָפּ. דער וואַלד האָט אויף זיי געשאָסען מיט ברענענדיקע שישקעס. מיט הייסען פּריסיק און פונקען די אויגען געוואָלט אויסברענען. און די שוואַרצע מענשעלעך האָבען איהם צוריק געשאָטען מיט זאַמד און שטיקער ערד; עקשנותדיק אַראָפּ־געבויגען די רידלעס. און אַלץ ברייטער און טיפער גענומען אָפּגרע־ניצען זיך פון זיינע ברענענדיקע ליידענשאַפטען, ווי פון אַ מגפה.

שווער איז צו שטעהן און גראָבען אויף אַ משופּעדיגען באַרג־אַראָפּ. מען מוז אונטערשפּאַרען דעם גוף מיט איין פוס און אַזוי אַרבייטען. די גאַנצע משא פון קערפּער און שוואונג פון גראָב־אייזען פאַלען אויף איין אָנגעשפּאַרטער ליטקע. מוז מען זיך אַלע ווייילע בייטען. פון איין פוס איבערשטעלען זיך אויף דער צווייטער.

און דאָ שלאָגט נאָך די היץ אין פּנים ווי פון אַ קאַלך־אוי־ווען, זי דרינגט דורך די גראָבע קליידער, די הויכע כאַליאַוועס. פון פאָרענט סמאַליעט, פון הינטען איז קאַלט.

אָבער פאַנדרע האַלט זיך פעסט. אין עטליכע מינוט האָט ער זיך שוין צוגעוועהנט צו אַזאַ האַלב־איינגעבויגענעם שטאַנד, און ער האַלט אין איין ווארפען דעם אויסגעגראָבענעם זאַמד דעם לאָ־כענדיג פייער „אין פּנים אַריין”. ביז אַ גרויסע קאַנאַווע טיילט איהם אָפּ פון דער וואַלד־שרפה.

עפּעס ניט קיין גרויסע חיה, אַ פוקס, ווייזט אויס, שפּרינגט אַרויס פון די פונקען, פון יענער זייט קאַנאַווע. איהרע שוואַרצע אויגעלעך זיינען באַלויכטען פון טויט־שרעק און פונם פייער. זי שפּרינגט אַריין אין דער אויסגעגראָבענער גרוב און לויפט ווידער

אַרויס. אין מויל טראָגט זי בײם פעלכל פון האַלז, אַ נאָך קלענע־רע חיהלע. איהרס אַ מוזיניקעל אַפּנים... פאַר מענשען האָט זי אַצינד קיין מורא ניט. די שרפה פון וואַלד איז פאַר איהר שרעק־ליכער.

— אַטו, אַטו־ו! —שרייט איהר פאַנדרע נאָך, בּלומרשט צו איבערשרעקען זי. און אין האַרצען ווינשט ער איהר: „לויף געזונטערהייט"! די סצענע איז אַזוי ריהרענד, אַז ער קוקט איהר נאָך אַ ווײלעטשקע, אין דער פינסטער אַרײן, מיט אַ ברייט־צושמייכעל־טען פּנים. די אַנטלאָפענע פוקס, מיט איהר קינד אין מויל דער־מאָנט איהם אַ צווייטע פוקסעל, וואָס ער האָט איינמאָל, נאָך פאַרן אַסטראָג, דערזעהן, זיצענדיג אויף ר' סענדערס קעלניע. ער האָט זי דערזעהן אין וואַלד צווישען די שטאַמען פון די סאָסנעס. אַליין ברוין ווי קאָרע איז זי געשטאַנען, אויף דריי לאַפּקעס, צוגעטוליעט צו פונקט אַזאַ ברוינעם שטאַם פון אַ סאָסנע — און געהאָרכט. געמיינט, אַז אויפן דאָזיגען גרונט, וועט קיינער איר פעלכעל ניט דערקענען. אָבער ווי נאָר זי האָט דערהערט פאַנדרעס געלעכטער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ „באַהעלטעניש" איז ניט זיכער. האָט זי אַראָפּגעלאָזט פון בויך אַ פערטע לאַפּקע, אַ שאַר געטאָן מיטן רייבען הארינען עק, אַ שפּרינג געטאָן פייל פון בויגען אוין.. פאַר־שוואונדען.

פאַנדרע גיט זיך צוריק אַ נעם צו זיין גראַב־אייזען און דער־שרעקט זיך אַליין: עפּעס אַ האַריגער קנויל, אויסגעטונקט אין אָנ־געשטאָכענע בוים־נאָדלען און בלעטער ריהרט זיך איהם צופוסען. איהם דאַכט זיך, אַז די אַנטלאָפענע פוקס איז גאָר ניט אַנטלאָפען. נאָר פאַרטאַיעט זיך דאָ, אין קאַנאַווע, און טשאַטעוועט אַ ביס צו טאָן... ער הויבט שוין אויף דעם גראַב־אייזען צו שלאָגען און האַלט זיך איין, בויגט טיפער אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרשעמט זיך פאַר זיין שרעק. ער דערקענט, אַז ס'איז גאָר אַ גרויסער שטעך־חזירל, וואָס איז פאַרקראָכען אַהער פון ברענענדיגען וואַלד, אָפּ־געשלאָגען זיך אָן זיינע שטיוועל און זיך פאַרקנוילט.

נעמט איהם פאַנדרע אַרויף אויף זיין גראַב־אייזען, ווי אַ בעקער נעמט אָן אַ לאַבען ברויט אויף זיין לאָפּעטע, און לאָזט

איהם, דעם שטעך־חזירל, ער זאָל זיך פריי אַראָפּקייקלען באַרג־אַראָפּ, צווישען די פינסטערע קוסטעס.

— גאָ! — שרייט ער איהם נאָך — מאַרש צום אונטערבאַרג! גאָר זעה, צוברעך מיר ניט דעם „פליישיגען טעפּעל“!

— אַהער, אַהער! — שאַלען פלוצלינג אויף עטליכע קולות פון איין זייט. מען איז דאָרטען הינטערשטעליג געבליבען אין גע־ראַנגעל מיטן פייער און מען רופט נאָך הילף.

— אַהער, אַהער, אַהער! — שרייט מען פון אַ צווייטער זייט.

פאַנדרע קוקט זיך אַרום און דערזעהט, אַז נאָר ער אַליין האָט זיך אַריינגעגראָבען אין צענטער פון ברענענדיגען וואַלד. אָבער פון רעכטס און לינקס האָט זיך דער פייער אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ העלישע פאָדקאָווע, מיט די שפּיצען צום טונקעלען „אונטערבאַרג“.

ניט אַלע כחות זיינען גלייך. ניט אַלע קענען אַזוי האַסטיג און אָהן אויפהער גראָבען. ניט אַלע זיינען זיך אַזוי מוסר־נפש ווי פאַנדרע... האָט זיך דער פייער אַריבערגעוואָרפען איבער די שמאָ־לע קאַנאַווקעס, וואָס יענע האָבען באַוויזען אויסצוגראָבען, און פאַר־כאַפּט די קוסטעס אַראָפּ־באַרג. בלייבט פאַנדרע שטעהן מיטן שווע־רען גראָב־אייזען אין האַנט און ווייסט ניט וואוהין פריהער צו לויפען.

זאַוועל דער שמייסער וואַקסט פלוצלינג אויס לעבען איהם. פאַנדרעס הייסער אימפעט, נאָכן אַרויסגעהן פון אָסטראָג, נאָך אַ גאַנצען טאָג וואַגלען איבערן אַנגעגליהטען שליאַך, האָט איהם גע־מאַכט שטוינען, אויפגעוועקט אין איהם די בעסטע מענשליכע כחות. זעהט ער נאָכצוטאָן פאַנדרען ווי אַ לערן־אינגעל טוט נאָך אַ מייסטער.

— דו? — פרעגט פאַנדרע פאַרוואונדערט — כ'האָב גע־מיינט, אַז דו זיצט נאָך אין בודקע.

און אין האַרצען טראַכט ער זיך: „אפשר איז ער גאָר ניט אַזאַ פּאַרך, ווי ס'האָט זיך מיר פריהער געדוכט?...“

זאַוועל פאַרשטעהט מיטן קוק וואָס פאַנדרע טראַכט וועגען איהם און וואָס זיין פאַרוואונדערטע פראַגע באַדייט. ענטפערט ער איהם אָפּ פאַרסאַפּעט, אָבער באַשיידען.

— איך לעש דאָ די גאַנצע צייט.

— דאָ — מאַכט צו איהם פאַנדרע — וועט שוין דער פייער ניט אַראָפּגעהן. לויף דו רעכטס, איך — לינקס. אָבער געגראָבען זאָל ווערען!

— אָהער, אַהער! — שאַלען ווידער אויף פאַרשטיקטע קולות.

פאַנדרע און זיװעל צולויפען זיך אויף ביידע זייטען. זייערע שאָטענס צופלאַטערען זיך, וואַקסען אויס מאוימדיג אינם רויטען שיין. און באַלד ווערען די פאַרברענט, ווי שוואַרץ פּאַפּיר, אין דער הייסער ליכטיגקייט. רעכטס און לינקס גיסט זיך דער פייער אַראָפּ־באַרג, ווי צושמאָלצען גאָלד און צינגעלט, נאַשענדיג די פאַרטריקענטע קוסטעס.

פאַנדרע וואַרפט זיך ווידער אַריין מיט לייב און לעבען אין פייער און אין רוס. הייסער פּריסיק שיט זיך אַרום איהם און פונ־קען מיט רויכיגע עקעלעך שיסען איהם אין די אויגען. דאָס זיינען סאָסנע־נאָדלען וואָס ווערען צו גיך פאַרברענט. מוז פאַנדרע אַראָפּ־רוקען די טיפע וואַטאָווע היטעל זיינע איבער די אויגען און אַרויפ־ציהען די הויכע אָנגעקנייטשטע כאָליאַוועס. אַזוי אַרבייט ער פאַר־בלענדט און פאַרפאַנצערט, ר׳ סענדער, עליו־השלום, פלעגט זאָגען, אַז גאָט באַשאַפט די רפואה פאַר דער מכה. ס׳איז טאַקע אַן אמת! אַ גאַנצען טאָג האָט ער, פאַנדרע, געפּלוכט און געשאָלטען, וואָס ער מוז אויף זיך שלעפּען די ווינטער־קליידער. פאַניע־גנב מיט זיין אָסטראָג איז שולדיג! דער פּריסטאַוו איז שולדיג! אַלע זיינען שולדיג. און אַט זיינען איהם די גראָבע מלבושים צוניץ־געקומען. ווי וואָלט ער דאָ געקענט שטעהן און לעשען אָהן זיי? געלויבט דער אויבער־שטער אויבן דערפאַר!

4.

ער גראָבט געשמאַק און שפּירט די סמאָלענעס פון זיינע אייגע־נע מלבושים, דעם פאַרעדיגען שווייס פון זיין אייגענעם לייב. דער אָטעם ברענט ווי אין קדחת. די אָדערען שלאָגען אין די שלייפען. אָבער פאַנדרע טרעט ניט אָפּ.

— נאָך, נאָך! — מונטערט ער זיך אַליין און צעוויגט שטאַרקער זיין גראָב־אייזען.

— נאָך, נאָך, נאָך! — חזרט ער איבער ליידענשאַפטליך, ווי בשעת אָפּגעבען זיך מיט קאַטערינושקען היינט בייטאָג, אין מיקיטעס טונקעלען היי־שפּייכלער. דער פּיין פון לייב און די שווערע האָרעוואַניע געהען ביסלעכוויז איבער אין אַ טעמפּער הנאה פון מסירת־נפש, פון פאַרגעסען זיך אַליין. וואָס מיר אָסטראָג? וואָס מיר ווייב און קינד? דער איינגעשלאָפענער פאָזשאַרניק פון אַמאָל וועקט זיך אין איהם אויף מיטן גאַנצען כּוח. דער זעלבער פאָזשאַרניק, וועלכער האָט איבערגעלאָזען מערען איינינקע אַליין אין שטוב, בשעת זי איז געווען אין די חדשים, און אַליין איז ער אַוועקגעלאָפען געבען ראַטונעק דעם נייעם־נגיד... דער רעשט אָנגעזאַמעלטע קראַפט, וואָס איז איהם איבערגעבליבען נאָך ראַטעווען זימלען, גאָכן בוהאַי און נאָך קאַטערינושקען, מוז אויסגעבושעוועט ווערען ביז אין דעק! עס מוז אויסגעגאָסען ווערען, אָט דאָ, אין טייכען שוויס, ביז דער „אונטערבאַרג” וועט אָפּגעראַטעוועט ווערען!

ער גיט אַ וואָרף מיטן קאָפּ און אַ שפּיי מיט טרוקענע שפּייעכץ אין די פייערדיגע צינגער אַריין. גויים זאָגען אַפילו, אַז אין פייער טאָר מען ניט שפּייען. ס'איז אַ זינד. נאָר ער מוז דאָס אַצינד טאָן. דעם העלישען שונא אויף צו להכעיס. אַן אַרויספאָדערונג איז דאָס.

הע — עך! — צורעוועט ער זיך אויף ביידע לונגען — אַ רוח אין אייער טאַטענס טאַטען אַריין!

ער האַקט דורך וואָרצלען און וואַרפט זאַמד און שפּענער אין דער לופטען און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער טובלט זיך אין פייער. אַרויף און אַראָפּ מיטן קאָפּ און גראָב־אייזען. אַרויף און אַראָפּ. דעם גאַנצינקען טאָג טובלט ער זיך אַזוי. אויפן שליאַך — אין דער הייסער זון. אין דניעפּער — מיט ר' זימלען, אין היי — מיט קאַטערינושקען. אַצינד די לעצטע טבילה — אין רויטען גלוט פון דער וואַלד־שרפה. אַלע שלעכטע מחשבות אויף מערען מוזען דאָ אויסגעברענט ווערען, אַלע זינד — מיט דער שיקסע אין דאָרף...

— הע — עך, אַ רוח אין אייער טאַטענס טאַטען!

ס׳הייסט: אין אייך פייערדיגע צינגער, נאַכטיגע וואַלד־רוחות, מענשליכע זינד און מענשליכע באַגרענעצטע כּוחות! אין אייך בענקענישען צו לויפען אַהיים מיטן קלומיק ווי שמחהלע! פאַנדרע איז שטאַרקער פאַר אייך. פאַנדרע וועט אייך אַלעמען גובר זיין!

און דער גראַב־אייזען געהט אַלץ האַסטיגער אַרויף און אַראָפּ. אייך הויפען זאַמד פּאַספּעיעט נאָך ניט אַראָפּצופאַלען און דער צווייטער יאָגט איהם אָן. הייסע אַש אַקעגען קיהלען זאַמד און זאַמד אַקעגען אַש... דער דורשט, אַזוי הייס ווי די וואַלד־שרפה, צוברענט זיך אין איהם.

— וואַסער! — גיט פאַנדרע אַ רעווע פון זיין קאַנאַווע אַרויס. ריזיג און געהיימניספול ברומט זיין קול פון די רויטע פלאַמען אַרויס.

עמיצער אַ פאַרסאָפּעטער, אַ שוואַרצער, אַן אונטערבאַרגער איד, ווייזט אויס, טראָגט איהם צו אַ בלעכערנעם עמער גלייך צום מויל. פאַנדרע שאַרט אַרויף זיין אַפּגעסמאַליעטע, וואַטאָווע היטעל און ווי אַ פאַריאָגטער פערד טרינקט ער פון בלעכערנעם גראָבען ראַנד. ער פיהלט דערביי אַז אַ מוראדיגען פיין פון דורשט אַז פונקט אַזאַ מוראדיגע הנאה צו לעשען דעם דורשט. ער מוז זיך פּשוט איינהאַלטען פון זיין וועלען איינבייסען זיך מיט אַלע ציין אין בלעך פון עמער. נאָר פאַרשמיסענע מלחמה־פערד, נאָך אַ גרויסער שלאַכט, קענען אַזאַ דורשט.

דער עמער שווימט אַוועק צו אַנדערע אידען מיט גראַב־אייזענס אין די הענט. און דער גרעאַנגעל מיטן פייער געהט ווייטער.

דער וואַלד הודזשעט פון ברענענדיגעליידענשאַפטען. ער לעקט אַרום זיך מיט פייערדיגע צינגער גרויזאַם־פרעהליך און זשעדנע. דער רויטער אַפּשיין וואַרפט זיך און כאַכאַטשעט שטום. ער האָט דאַכט זיך, ווילד הנאה פון דער סומאַטאָכע וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אין די ליימיגע שוואַלבען־נעסטען פון „אונטערבאַרג״. עמיצער אַ העליש שיכּורער, אַ בייז־צוהוליעטער שפּרייזט פונדערווייטענס. מיטן זעלבען שליאַך, ווי פאַנדרע בייטאָג, קומט ער אָן. מיטן שאַרפען ריח פון פעך און געסמאַליעטען סכך איז ער אַרומגערויכערט, און אַרומגערינגעלט מיט ריהרעוודיגע קאַר־

ליקלעך־משרתים. ער, דער גרויסער, שפּרייזט פייערליך געלאַסען און זיי, די קליינע, האָפּקען און טענצלען און שאָקלען מיט די שפּיציגע פייער־מיצלעך. די אָנגעצונדענע סאָסנע־קרוינען, אויף די שוואַרצע אָפּגעסמאָליעטע שטאַמען, זעהען אויס ווי גרויסע פּאַראַד־פּאַקעלן אין די הענט פון שוואַרצע און זעהר הויכע לאַפּיטוטען, וועלכע מאַכען אַ וואַרע זייער הערשער. די פלינקע פייער־שדימלעך (אָדער אָנגעצונדענע קוסטעס) טאַנצען אַוועק און קומען צוריק. טראָגען נאָך דעם רויט און געלב־שימערדיגען שלעפּ; אָדער זיי פאַרלויפען פאַראויס און שיטען אויס ברענענדיגע שישקעס און פונקען און פּריסיק...

נאָר ער געהט און געהט דער מאוימדיגער און קומען קומט ער אַלץ ניט אָן. ער וויל אַראָפּגעהן צום אונטערבאַרג און קענען קען ער ניט.

פאַנדרע מיט זיין גרויסען גראָב־אייזען שטעהט איהם אין וועג! שטעקט ער אַרויס אַ פייערדיגע צונג פון רויטען פּיסק — שייט איהם פאַנדרע אָפּ מיט קאַלטען זאַמד. גיט ער אַ טראָט — האַקט איהם פאַנדרע אָפּ די פייערדיגע פינגער פון די פיס. כאַפּט ער די צונג צוריק און שפּרינגט אָפּ מיט די רויכערדיגע וואונדען אויף די פיס, קאָרטשעט זיך איין און קוקט זיך ביז אום: די ריהרעוודיגע פייער־שדימלעך זאָלען איהם העלפען.

אָבער ווי אַזוי זאָלען זיי איהם העלפען? אַז די קאַנאַווע, אין וועלכער פאַנדרע לויפט אַרום, ווערט אַלץ ברייטער און טיפער. אָפּגעשטעלט דעם פייערליכען מאַרש אויף דער לינקער זייט, איבערן „אונטערבאַרג".

— אַהער, אַהער! — דערגרייכט זאַוועלס הייזעריגער קול צו פאַנדרעס אויערען.

לאָזט ער איבער זיין קאַנאַווע אויף אויסגערוהטע אידען און לויפט רעכטס אויף זאַוועלס קול. ער געפינט דעם שמייסער זיצנדיג, אַ האַלב־געחלשטען, אין זיין קאַנאַווע. נעמט ער איבער אָט דעם אָפּגעשוואַכטען אָרט און אַרבייט אַזוי לאַנג ביז דער מאַרש פון פייער ווערט אויך דאָ אָפּגעשטעלט און אָפּגעגרעניצט.

פאַרגינט זיך שוין פאַנדרע אויסצוגלייכען דעם רוקען און

אַרויפּציהען די וואַטאַווע היטעל פון אויגען און אויערן. ער קוקט זיך אַרום און האָרכט. ערגיץ־וואו, פון דער טיף, שטייגען ווייזבערישע קולות, אַ קינדערש געוויין און עס סקריפּען פוהרען. דער „אונטערבאַרג" גלויבט נאָך ניט, אַז ער איז געראַטעוועט. דער אונטערבאַרגער ישוב פּאַקט די בעבעכעס:

— חאַ־אַשע! די פּערינע!

— יענקעלע וואו איז?... יענקעלע!

— דעם טאַטענס פּו־ו־טער גי־יב!

— מאַ־אַמע!

פֿאַנדרע זעהט אָבער קלאָר, מיט אויגען פון אַ געניטען פּאַזשאַרניק, אַז די געפאַהר איז אַריבער. דער וואַלד ברענט נאָך טאָקע, אָבער צום „אונטערבאַרג" איז איהם דער וועג אָפּגעשלאָסען. די פייערדיגע שפּיצען פון דער העלישער „פּאַדקעווע" זיינען אָפּגעשניטען. די ליניע פון די ברייטע קאַנאַוועס און פייער האָט זיך אויסגעגלייכט.

און נאָך איינע איז דאָ, וועלכע ווייסט שוין אויך, אַז די געפאַהר איז אַריבער. דאָס איז חיה שרהקע די משוגענע. ווי אַזוי זי האָט דאָס דערשמעקט קען מען ניט וויסען. זי ווייסט אָבער פּאַרט!... איהר פּאַסקודנינקע לידעלע שטייגט שוין, פון דער נאַכט אַרויס, און קלינגט מיט טרייסט און מיט באַדויערען. איהר פּעקעלע אויפן אָרעם שאָקעלט זי, אינמיטען דער סומאַטאָכע פון אונטערבאַרגער ווייבער, און זינגט צו איהם אַזוי:

א—א—א באַאינקע!
מיר פּאַר דיינע אויגעלעך!
ס'וועט נישט זיין קיין שרפהלע
דאָ, טאָקע דאָ!

אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָב־אייזען הערט זיך פֿאַנדרע צו און צולאַכט זיך. ס'איז אפשר דאָס ערשטע מאָל וואָס חיה־שרהקעס בייזע נבואה פון פריהער איז ניט מקוים געוואָרען...

איינער אַליין

א.

שוין באַלד האַלבע נאַכט איבערן רויכערדיקן וואַלד. דער אידישער ישוב איז געראַטעוועט. איבערגעשניטן דעם מאַרש פֿון פֿייער, איבער די קוסטעס, אויפֿן „אונטערבאַרג״.

מיט די שפּיצן אַראָפּ, ווי אַ גרויסע פּאָדקאָווע, איז פֿריהער דער פֿייער געגאַנגען און געשאָסן מיט ברענענדיקע שישקעס. אַצינד האָט איהם אַ ברייטע קאַנאַווע אָפּגעגאַרטעלט און פֿאַריאָגט זיינע העלישע פֿלאַנקען אַרויף באַרג. און דער וואַלד־פֿייער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אַזאַ אָנשטורעם פֿון מענשליכער קראַפֿט און איז אָפּגעטרעטן צוריק אויף מאַקאַראָווקי.

מיט זיין פֿאַרסמאַליעטן אַרבעל ווישט זיך אַצינד פֿאַנדרע אַרום דעם קלעפּיגען, האַלב־פֿאַרטריקנטן שוויס. ער באַמערקט אפילו ניט, אַז ער שמירט נאָך מעהר אויס, זיין פֿאַרשוואַרצטן פּנים, מיט אַש און מיט סאַזשע, און ווערט אַליין ענליך צו אַ פֿאַרלאָשענעם פּיען, צו אַ רוח פֿון אַן אָפּגעברענטן בוים.

פֿאַרגלוסט זיך איהם אַ קוק צו טאָן אויף וויפֿיל דער שונא פֿייער איז פֿאַרטריבן געוואָרען. שפּרינגט ער אַריבער, מיט די גרויסע שטיוואַלעס, די אויסגעגראָבענע קאַנאַווע און קוקט זיך אַרום.

צווישען די אויסגעסמאַליעטע שטאַמען, מיט די אָפּגעברענטע צווייגען און קרוינען, איז די נאַכט דאָפּעלט פֿינסטער. שוואַרצע

נאַכט טוליעט זיך צו די חשכדיגע צווייגען־האַלאָוועשקעס. נאָר רוי־טינקע, איינגעגעסענע פונקען באַלויכטען גרויזאַם די אויסטערלי־שע צייכענונגען פון אָפּגעסמאַליעטע צעצווייגטע בוים־אָרעמס.

אין דער טיף וואַלד טאַנצען נאָך קליינינקע פייער־שדים־לעך — ברענענדיגע קוסטעס. זיי שפּרינגען אויף און לאָזען זיך אַראָפּ. דאַכט זיך, אַז זיי געהען אַ האָפּקע. אויסגעברענטע יאָלקעס רויכערען ווי ליולקעס. זשעדנע, פאַרמאַסקירטע מיילער ציהען פון שוואַרצע טשובוקעס. גלימערט עס אויף און עס שלאָפט איין אונ־טערן אַש, אין די אויפגעברענטע יאָדלע־וואָרצלען.

און גאָר ווייט לויכטען נאָך הויכע סאָסנע־פאַקעלען. דער מלך־פייער האָט זיך אומגעדרעהט מיט זיין בראָקאַטענעם שלעפּ צום „אונטערבאַרג״, און זיינע שוואַרצע און הויכע נעגער־לאַפּי־טוטען זיינען פאַראויס אַוועק, מיט זייערע אָנגעצונדענע פּעכיגע שטאַנגען, צו באַלויכטען איהם דעם וועג אויף מאַקאַראָווקי.

דער גאַנצער שטח פון אויסגעברענטען וואַלד, מיט זיינע אויפ־גלימערנדיגע פונקעלעך און רויכעלעך און קוילענדלעך, זעהט אַצינד אויס ווי אַ גרויסער „ביוואַק״ פון געהיימניספולע, שטומע און סאַזשע־שוואַרצע זעלנער אין לאַנגע שינעלען. צוואָרפען האָ־בען זיי זיך די נאַכטיגע בעל־דברס אין גרופּעלעך, אַרום זייערע אויסגעלאָשענע מאַרש־קעסלען. זייט ביי זייט זיצען זיי שטומער־הייט, דרימלען און רויכערען זייערע איינגעאָשטע ליולקעס און צי־האַרקע־רעשטלעך. די דאָזיגע פייערלעך טליהען אויף אין העליש־רויטע סגל׳ן, צרה׳ס, מלופּים׳ס און קמץ׳ן, רייסען אויף אַ שטי־קעלע נאַכט, באַליכטען מאָדנע בולבעוואַטע נעזער, שטאַרע אוי־גען, פאַרריסענע שאַרפע ברעמען, קרומע ציין, פאַרדרעהטע מיילער און לעשען זיך ווידער אויס.

— זדאַראָוואָ רעביאַטאַ! (זייט געגריסט, קינדער!) אַזוי גלוסט זיך פאַנדרען באַגריסען אַט די אונקערפּערליכע זעלנערס, אַט די שטומע בעל־דברס און בעטען ביי זיי פייער פאַר זיין אייגענער „ציהאַרקע״.

נאָר מיט אַ מאָל, ווי דורך אַ צושטאַרקען ציה פון אַ גרויסען טשובוק, פלאַמט אויף איין ליולקע, און אַקעגען איהר — אַ פּאָר־

לאָשענע ציהאַרקע בליהט אויף מיט אַ רויטליכען צויבער־שיין. און ביי דעם ציטערדיגען בליץ פון דער אויפגעגליהטער וואַלד־סמאַלע דערקענט פאַנדרע, אַז ס'איז ניט מעהר ווי אַן אויסגע־ברענטער קוסט, אַ טליהענדער פּיען פון אַ סאָסנעלע... די גאַנ־צע פאַרשטעלעניש פאַרשווינדט. אויס מיטן „ביוואַק״ און מיט די מאָדנע שטומע זעלנער. נאָר דער אויפגעלעבטער, פרישער פלע־מעל ברענט ווי אַ יאָהרצייט־ליכטעל אין אויסגעסמאַליעטען וואַלד, שמייכעלט פאַרשענדיג אין פאַנדרעס אויסגעשמירטען פּנים:

— וואָס, פאַנדרע? האָסט זיך עפּעס גוט דערשראָקען?

און אַ שטילער נאַכט־שרעק כאַפּט טאַקע פאַנדרען אַרום. ער פיהלט זיך ווי פאַרבלאָנדזשעט אין אַ רעדעל פון רוחות. צווישען חברה כת־לצנים, וואָס שפּילען זיך מיט פינסטערניש און פייער־לעך און פלאָנטערען איהם מיט שוואַרצע קונצען, ניט־געשטויגען ניט־געפלויגען. אַזוי וואַרפט דאָס איהם פון חלום צו וואָהר און פון וואָהר צו חלום. און די אויסגעברענטע פּעכיגע שטאַמען פון יונ־גינקע יאָלקעס רויכערען ווי פייער־פאַנען, טליהען ווי רעשטלעך זינד קעגען מערען זיין ווייב, פאַרגיבען זיינע פאַרדאַ‍טען אויף איהר.

ער דרעהט זיך אויס מיטן פּנים צום „אונטערבאַרג״. דאָרט אונטען האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט. אין דער בודקע פון זעלצער־וואַסער, ביי דעם סאַמע אָנפאַנג פון ישוב, ברענט נאָך אַ לעמפּעל. וואָוקע, ווייזט אויס, וואַרט נאָך אַלץ אויף איהם אָפּצוגעבען איהם זיין קלומיק. און אין דעם קופּערנעם סיפאָן מוז נאָך זיין זעלצער־וואַסער, וואָס זידט אַזוי קיהל און קיצעלט אין האַלז! דער גאַנצער אויסגעשוויצטער, שטאַרקער גוף לעכצט אַזוי נאָך דעם.

2.

אין בודקע טרעפט ער ווידער אַן זאַוולען. זאַוועל וואַרט אויף איהם. ער ווייסט דאָך, אַז פאַנדרע מוז קומען אָפּנעמען זיין קלו־מיק. נאָר דערזעהענדיג איהם ביים שיין פון לעמפּעל, דערשרע־

קען זיך סיי וואָוקע סיי זאַוועל. מיטן גראָבאַייזען אויפן פּלייצע, מיט די פּאַרסמאַליעטע מלבושים און מיטן אויסגעשמירטען פּנים זעהט ער טאַקע אויס ווי אַ שוואַרצער רוח אַ ריז, אַקאָרשט געקו־מען פון צווישען די שוואַרצע בעל־דברס אין וואַלד, וועלכע האָבען מיט איהם דאָרט געשפּילט אין סאַזשע און פייער אין באַהעל־טערלאַך...

אַנגעטרונקען זיך—פּליוכעט איהם נאָך וואָוקע אַן בײדע הױ־פּענס פול מיט זעלצער־וואַסער און פאַנדרע וואַשט זיך דערמיט אָבי־סעל אָפּ. דאָס זעלצער־וואַסער בייסט אין די אויגען, אָבער עס ריי־ניגט בעסער ווי פּראָסטע וואַסער. פאַנדרע באַקומט אַ שטיקעל מענשליכע צורה.

— נאַ, — מאַכט ער צו וואָוקען — עמיצער האָט מיר אַריינ־געדרוקט אין האַנד אַ גראָבאַייזען, ווערסטו אָפּגעבען!

רעדט צו איהם זאַוועל מיט אַ קרום שמייכעלע:

— נו, אַט אַנגעראַבאָטעוועט זיך פאַרן „אונטערבאַרג״... מיינסט זיי וועלען אונז... דיר זאָגען אַ דאַנק?

פאַנדרען געפעלט ניט, וואָס זאַוועל שמייסער האָט איבערגע־נומען שמהלעס ראָל אונטערצושטעכען אַלץ און אַלעמען. און אין האַרצען ווייסט ער דאָך, אַז ניט צוליב דאַנק האָט ע ר אַ ל ײ ן גע־לאָשען דעם ברענענדיגען וואַלד, נאָר כּדי אויסצובושעווען זיין כּעס און זיינע בייזע מחשבות. רופט ער זיך אָפּ אַזוי:

— אויף כּפּרות דאַרף איך זייער דאַנק!

און נאָך אַ ווײלעצקע טראַכטען:

— און איך האָב געמיינט, אַז דו טוסט דאָס אויך ניט צוליב אַ דאַנק... בשעת כ׳האָב דיך געפונען זיצען אין קאַנאַווע.

— איך? — גיט זאַוועל אַ הויב מיט די פּלייצעס — מעהר ניט ווי צוליב דיר האָב איך געלאָשען!...

פאַנדרע קוקט איהם אָן פאַרוואונדערט. אין זאַוועלס אויגען בליאַסקעט אַ פייכטער גלאַנץ, ווי ביי אַ הונט וואָס לאַשצעט זיך צום באַלעבאָס.

— מעהר ניט ווי צוליב דיר, — ערקלערט איהם זאַוועל

שמייסער און קעהרט אָפּ די אויגען — אז דו קענסט לעשען באַלד נאָכן אַסטראַג, אויפן וועג צו דיין ווייב, קע... קען איך אויך!

פאַנדרע לאָזט אויך אַראָפּ זיינע גרויע אויגען. ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוואוינט פון אַזאַ איבערגעבענקייט.

„ער איז אפשר טאַקע גאָר ניט אַזאַ פּאַרך...‟ טראַכט ער זיך, גיט אַ נעם זיין קלומיק און וויל געהן. זאַוועל באַט זיך אָן צו באַגליי־טען איהם. נאָר פאַנדרען גלוסט זיך אַצינד צו זיין אַליין. די אייב־דרוקען פונם לאַנגען זומער־טאָג — דער ערשטער טאָג אויף דער פריי — דריקען איהם:

— אָן אַנדערש מאָל, זאַוועל! איך, איך... לאָז מיך היינט אַליין!

ער רוקט אָן די וואַטאַווע היטעל איבער די אַנגעהיצטע אוי־גען, טראַכט אַ ווײַלע און גיט צו אַביסעל ווייכער:

— און מכּח טרייבען פערד צוזאַמען, וועט מען נאָך זעהען.

און געהט אַרויס. די ברעטער־בודקע גיט זיך אַ וויג נאָך איהם, נאָך זיין אַרויסגעטראָטענעם שווערען גוף, און אַ שאָקעל זיך אויף צוריק, ווי זי וואָלט איהם צוגעוואונשען:

— אַ גוטע נאַכט, נח!

פאַנדרע איז נאָך גוט אויסגעשמירט אין סאַזשע און פאַר־שטויבט מיט אַש. נאָר עס אַרט איהם ניט וואָס וואָקע און זאַוועל קוקען איהם אַזוי נאָך. ער טראָגט אַוועק דעם שמוץ פון דער וואַלד־שרפה, ווי אַ טויט־מידער זיגער — זיינע וואונדען און מעדאַליען אין דער נאַכט אַריין. קיין נייגעריג אויג וועט איהם אַצינד ניט דער־קענען. ס'איז אויך גוט.

ער געהט אַריבער דעם הילכיגען הילצערנעם בריק, איבער דער הרעבליע ביי דער גרויסער מיהל, און שפּרייזט איינער אַליין מיט זיין קלומיק אויף דעם פאַסעק ערד, צווישעןביידע שקלאַווער וואַ־סערען, צווישען דניעפּער און אַזערע. די שטאָט מיט איהרע שי־טערע פייערלעך רוקען זיך איהם אַקעגען.

זיין פּעס אויף קושקע־בראַנד און דער חשד זיינער אויף מערען איז צושאָטען געוואָרען, גראַבאַייזענווייז, צוזאַמען מיטן זאַמד פון קאַנאַווע, אינם ברענענדיגען וואַלד. זיי האָבען אויסגעפּלאַקערט

מיט די פּעכיגע סאָסנעס און אויסגערונען מיטן שוויס. אַ זיסע שוואַכקייט כאַפּט איהם אַרום, אַ קינדערשער אומעט גלעט איהם. די מאַמע זיינע וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט ער אַצינד, קומענדיג אַהיים, געזעצט זיך ביי איהר אויפן בעט און וואָלט געוויינט. אפשר אויסוויינען זיך אַזוי ביי מערען אויפן בעט? ניין. אַ ווייב איז ניט קיין מאַמע.

די שרפה פון אונטערבאַרגער וואַלד האָט אויפגערודערט אַלע נייגעריגע אין שטאָט. ערשט אַצינד, נאָך אַלעמען, האָבען זיך אַלע פּוילּיאַקעס געגומען ציהען אַ קוק טאָן ווי האַלט דאָס מיטן „אונטערבאַרג". אַצינד, אַז דער פייער האָט אָפּגעטראָטען — קען מען זיך שטעהן און קוקען און גענייצען. און קיינער וועט דיר ניט זאָגען: נעם אַ גראָבאייזען און העלף, זיי מוחל, לעשען!...

שאָרט זיך פּאַנדרע פון אָט די נייגעריגע פּוילּיאַקעס אָן אַ זייט. ער געהט האַרט ביים אויסגוס פון אָזערע און כאַפּט אַלע ווייַלע אַ קוק אויף זיין שוואַכען שאָטען, וועלכער גליטשט זיך נאָך איהם, אין שוואַרצען גלאַנץ פון וואַסער.

אינם שלאָפענדיגען וואַסער שפּיגעלט זיך אָפּ דער וויטער פייער פון דער אָנטרונענער וואַלד־שרפה. ווי אַ נשמה טליהעט עס אין אָפּגרונט.

אַ טיאַכקע גיט פּלוצלינג פּאַנדרען אין האַרצען. לויט ווי מען האָט איהם געשריבען און ווערליג ער אַליין איז זיך משער, מוז דאָ ערגעצוואו זיין דער אָרט, דער אָפּגעריסענער ברעג איבער דעם אויסגוס פון אָזערע, וואו זיין שווער, ר' סענדער עליו השלום, איז דערטרונקען געוואָרען צוזאַמען מיט „שמאַרעוואָזען" — זיין לעצטער פערד.

אָט איז אַ משופּעדיגער אָפּריס. אָט דאָ, מן הסתם, האָט זיך שמאַרעוואָזען פאַרגלוסט צו טרינקען... צי טליהעט דאָ ניט ר' סענדערס נשמה פון אָפּגרונט אַרויס? ווי דער וויטער אָפּגלאַנץ פון דער וואַלד־שרפה ווינקט זי צו איהם. גיט איהם אָפּ שלום אויף זיין צוריקוועג אַהיים...

זיינע טרויעריגע נאָכדענקענישען שלאָגט איבער אַ גראָבע גויעשע שטים. אַ באַקאַנטע הייזעריגע שטים און אַ קלונג פון

שווערדען. ער קוקט אַריין אין דער פֿינסטער. אַ זילבער־גרויער שינעל שפּאַנט אַקעגען איהם, מיטן ברעג פון צווייטען וואַסער. אַ הויכע פיגור מיט עפּאָלעטען. און נאָך איהר — אַ צווייטער שי־נעל, אַ טונקעלער, אַ קורצער. די קורצע פיגור רעדט הייזעריג:

— אַשצע האַריטש, וואַשע בלאַהאָראָדיע! (עס ברענט נאָך, אייער הויכגעבורט!)

דערקענט פֿאַנדרע אין די צוויי שאָטענס דעם נייעם פּריסטאַוו און ליקסיי דעם דעסיאַטניק זיינעם. אויסגעשלאָפען האָבען זיי זיך צו מאַכען פאַראָנדקעס אין „אונטערבאַרג״, אַצינד, ווען ס׳איז שוין נאָך אַלעמען. אַפּנים געשיכורט היינט, אַזוי ווי אַלעמאָל, ביים פּאָסט־מייסטער...

דער וועהטאָג איבער ר׳ סענדערס טויט געהט ביי פֿאַנדרען איבער אין אַ צאָרן. די אונטערשטע ליפּ הויבט איהם אָן צו ציטער־רען. אפשר דערלאַנגען אַצינד, גאָר אומגעריכט, דעם שונא־ישראל אין קאַלנער, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין? ס׳איז האַלבע נאַכט און פּאַרסאַזשעט איז ער אויך. ווער וועט וויסען?...

ניין, עס טויג ניט. ער וועט שוין מוזען שלאָגען פאַר איינע הוצאות ליקסיין דעם דעסיאַטניק אויך. וואָס האָט ער צו איהם? האַלט זיך איין, פֿאַנדרע! דיין טאָג וועט נאָך קומען...

שטעהט ער אַזוי אין אַפּריס פון דעם אָזערע־ברעג, מיט פּאַר־קריצטע ציין און מיט אַ גרויסען קולאַק אין קעשענע. נאַ, מאַכט ער אַ פּשרה, וועט זיך דער פּריסטאַוו נעמען טשעפּען, פרעגען ווער עס געהט, וואוהין מען געהט, ווי זיין מיאוסער שטייגער איז, אַזוי וועט ער, פֿאַנדרע, ניט קוקען אויף ליקסיי דעם דעסיאַטניק און וועט דעם אָדון־הגדול דערלאַנגען מיטן קולאַק אין טרפהנעם פּנים אַריין... אלא וואָס דען, ניט? — איז ניט.

צום גליק, צו זיין אייגענעם גליק, עטליכע גאַסען פאַר זיין הוים באַמערקען זיי איהם ניט. ניט דער פּריסטאַוו, ניט ליקסיי דער דעסיאַטניק, דער שוואַרצער שאָטען פון הויכען אָפּגעריסענעם אָזערע־ברעג פאַרדעקט איהם אינגאַנצען. זיי שפּרייזען אַוועק, די

פֿאַראַנדעק־מאַכער, בײדע שטאַרק פֿאַרהאַװעט. נאָר די שפּאַגעס קלינגען זײ נאָך אונטער די שינעלען.

— נאַ, ס׳װעט זיך נאָך מאַכען! — פּאָכעט פֿאַנדרע נאָך מיט זײן האַרטער לאַפּע. — ס׳װעט נאָך גאַנץ זײן!

ער סטראַשעט אין דער פֿינסטער און אַ שױדער לױפֿט איהם איבערן רוקען. ס׳איז דער זעלבער שױדער, װעלכען ער האָט דער־פֿיהלט אַמאָל אין װאַלד, װען ער איז ניצול געװאָרען פֿון טשורילאָ־קאַטאָרזשניקס געװאָרפֿענעם שטײן. אױך דאָ אַצינד איז ער ניצול געװאָרען פֿון אַ גרױסער געפֿאַהר. אױף אײן האָר איז עס געהאַנ־גען ער זאָל באַפֿאַלען „נאַטשאַלסטװאָ" און אָפּרעכענען זיך פֿאַר אַלע איבערגעלעבטע יסורים, פֿאַר סענדערס טױט, פֿאַר די פֿערד, און אַלײן דערבײ אומקומען...

אין דער זעלבער צײט דרינגט איהם עפּעס דורך אַ מאָדנע זיכערקײט, װי אַ װײטע נבואה דרינגט עס איהם דורך, אַז ניט צום לעצטען מאָל טרעפֿט ער זיך דאָ מיטן צורר־היהודים. אָה, אָה, מ׳װעט זיך נאָך באַגעגענען! ס׳װעט נאָך אפשר אױסקומען אױסצובאַהאַלטען זיך אַזױ װי שעפּטעלע גנב באַהאַלט זיך אױס. אָבער ניט גלאַט אַזױ פֿאַר אַ בלבול, אָדער פֿאַר אַן אױסגעטראַכטען אָפּגעריסענעם קנעפּעל... נײן!

.3

און אָט איז דער בלױ־געטינקעװעטער אַפּטײק. אין דער נאַכט זעהט מען ניט די דאָזיגע בלױקײט, נאָר מען פֿיהלט זי. און אָט ציהט זיך שױן דער מאַרק מיט זײנע שורות הילצערנע קרעמלעך. אײנס אױף אײנס אָנגעליפּעט, װי אַ ביהנשטאָק. דער נאַכט־שומר קלאַפּט ערגעץ־װאו מיט זײן קאַלעקאָטקע. אָט גיך־גיך און אָט פּאַ־מעליך: „היט אײך, גנבים! איך יענקעל־דער־שומר בין װאַך! קאַלאַ—קאַלאַ—קאָט! אָט װאָס!...

און אָט איז דער סטאַן מיטן טורעם, װאו מען האָט איהם, פֿאַנדרען, פֿאַרשפּאַרט צום ערשטען מאָל אין זײן לעבען, אינמי־

טען שרפה ביים נייעם נגיד. דער טורעם מיט זיין קיילעכדיגען קאָפּ שניידט זיך אַריין אין אויסגעשטערנטען הימעל. און זיין אָפּגעקראָכענע גרינע פאַרב זעהט אַצינד אויס ווי מיט אַש באַשאָטען, גרוי.

פאַנדרען גיט עס אַ ציה אין האַרצען. ער לאָזט אַראָפּ די אויגען. ווי אַ שונא קוקט אויף איהם דער קיילעכדיגער קאָפּ פון טורעם איבער די קראָמען. ווי אַ שטומער היטער פון גויעשען געזעץ, וועלכער איז בחברותא מיטן נייעם פריסטאַוו:

— דו קומסט שוין, אָסטראָזשניק, דו, אַהיים, אַ?... נאָר איך האָב אויף דיר אַן אויג! איך קוק דיר נאָך אומעטום!...

און אָט זיינען די יאַטקעס.

פאַנדרע דערקענט זיי אָן דעם ריח פון ניט פרישע קנאָכענס און פריש פלייש. די נאַכט האָט אויסגעפילט מיט שוואַרצע שאָטענס דעם פוסטען „חית״ פון די דאָזיגע פלייש־געוועלבלעך. שורה געגען שורה, מיט אַ געשלאָסענעם פינסטערען רוקען. נאָר די אָפּגעשאָבענע קלעצער בלייכען זיך נאָך שוואַך איבנם פינסטערען „חית״ פון פאָרענט.

צעוואָרפען ליגען אומעטום שטיקער לעבען. פון „אונטערבאַרג״ ביז די יאַטקעס וואַלגערען זיך גאַנצע שטיקער פון פאַנדרעס יוגענט. אומעטום וואו ער גיט זיך אַ קעהר צאַפּלען זיי זיך ווי ניט־דערשאָכטענע קעלבער. וואָס ווילען זיי פון איהם? וואָס זויגען זיי איהם זיין בלוט? קנאַפּ אָנגעליטען זיך? ער, פאַנדרע, געהט זיך אַצינד אַהיים פון אָסטראָג. ער איז מיד. לאָזט איהם צורוה!

נאָר זיי לאָזען ניט. אָט דאָ, אויף דער פאַרבלוטיגטער יאַטקע־קלאָץ, פאַר שמחהלעס צוגעשלאָסענעם געוועלבעל, האָט די יוגענט אַוועקגעלייגט איהר קודלאַטען קאָפּ און וויינט אָהן אַ קול: „נחקע! נחקע—ע!״

פאַנדרע גיט זיך שניידיג אַ דרעה אויס. ער קען מעהר ניט קוקען אויף דער אַמאָליגער קלאָץ, וועלכע ער האָט פאַרקויפט שמחהלען, דאַמאָלסט, ווען ער האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון דער יאַטקע... ער דרעהט זיך אויס און דערזעהט דעם נייעם נגידס הויז מיטן גרינעם גאַניק און גרינעם שטאַקעטעל, וואו עס וואַקסען זו־

מער־צייט רויטע בלומען. דאָרטען שלאָפט מען שוין. נגיד און נגידיכע. די אָפּגעברענטע שטאָל איז אָפּגעבויט. איהרע נייע בער־וועגעס טורעמען זיך איבער דעם פאַרלאַטעטען פאַרקאַן. יאָ, אָפּגע־בויט. מיט געלט מאַכט מען אַלץ. און דו, פאַנדרע?...

ער מאַכט אַ קולאַק קעגען די פאַרמאַכטע, ווייס - באַמאָלטע לאָדען:

— נויטיג געדאַרפט... אַ—אַך!

דאָס איז ניט אַזוי אַ דראָהונג קעגען דעם נייעם נגיד, ווי קעגען זיך אַליין.

דאָס באַדייט: אָט, אָפּגעפוילט אַזוי פיל חדשים אין אָסטראָג. צוליב וועמען, צוליב וואָס? צוליב דעם כבוד פון אָט דעם מערי־דאַלניק? אומזיסט אַרויסגעוואָרפענע כוחות! מען וואַרפט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען. איינגעהאַלטען און קאַרג אויף גבורה דאַרף מען זיין, פאַנדרע! וואָס מעהר כוח מען האָט, אַלץ ווייניגער דאַרף מען עס צושענקען. וויל מען רייך זיין, דאַרף מען קאַרג זיין. וויל מען שטאַרק זיין, דאַרף מען קאַלט זיין. אָט וואָס, פאַנדרע. פאַר עפּעס אַ גרויסע זאַך אויסברענגען — איז עפּעס אַנדערש. אָט פאַר עפּעס אַ זאַך וואָס חאַצע דער הינקעדיגער זאָגט...

ווי אַ מגילה האָט זיך אין פאַנדרעס האַרטען און מידען קאָפּ אויפגעוויקעלט דער היינטיגער דורכגעלעבטער זומער־טאָג, פון זעקס אינדערפריה, זינט ער און שמהלע טורערו האָבען פאַרלאָ־זען די טויערען פון דעם מאָהליווער אָסטראָג, ביז אַצינד שפּעט אין דער נאַכט. בילד נאָך בילד האָט זיך עס געוויקעלט, און אויפ־טוי נאָך אויפטוי האָט זיך צעשימערט. דער ראַטונעק וואָס ער האָט געגעבען ר' זימעל־פאַקענטרעגער, דאָס באַגעגעניש און געשפּרעך מיט שעפּטעלען; דאָס אַוועקלייגען דעם צעיושעטען בוהיי; דער מאָהלצייט אונטערן באַרנבוים מיט מיקיטען אין הויף; דאָס אַרומ־נעמען קאַטערינושקאַן אין פרישען היי; דאָס אָנטרעפען אויפן שליאַך זונדעל גאָטס גנבס פוהרעל; דער ערשטער שטאָך פון דריי־זעס רכילות. דערנאָך חאַצע דער הינקענדיגער מיט זיינע דבורים אויפן אָווענטיגען שליאַך. זאַוועל שמייסער אין בודקע. דער מורא־

דיגער צאָרן אויף קושקע־בראַנד און אויף מערעץ. די שרפה אין וואַלד. דאָס לעשען די שרפה עטליכע שעה נאָכאַנאַנד...

ער האָט דאָס אַצינד באַטראַכט ווי דאָס וואָלט געשעהן מיט אַן אַנדערען: געוואַלד, וואָס אין איין זומער־טאָג קען אָפּגעטאָן ווע־רען, ווען מען איז פריי, ווען מען האָט פרייע הענט! היינט וואָס קען אויפגעטאָן ווערען אין אַ חודש, אין אַ יאָהר, אין אַזוי מיאוס געפּטרטע אַנדערטהאַלבען יאָהר! עס הויבט אַזש אָן צו שווינדלען אין קאָפּ. ער האָט פריהער קיינמאָל ניט געטראַכט וואָס הייסט „צייט" און וואָס פאַר אַ טייערע זאַך דאָס איז. ביז אַהער האָט ער, פאַנדרע, גלאַט אַזוי געלעבט פון איין טאָג אויפן צווייטען טאָג, ווי אַן אָקס אויף ברייי, וועלכער קלערט גאָר ניט, אַז דאָס קאָרמעט מען איהם אויף שחיטה...

איז דאָך טאַקע חאַצע דער קירזשנער גערעכט ווי דער טאָג! וואָס פאַר אַ „פּאָלנע־פּראַוואָ" (פולע רעכט) אַזאַ האָבען דאָס ווילד־פרעמדע מענשען צו פאַרשפּאַרען אַ געזונטען יונגען־מאַן ווי ער איז, מיט אַזאַ פאַר געזונטע הענט, פאַר גאָרנישט מיט נישט, פאַר עפּעס אַן אָפּגעריסענעם קנעפּעל ביי אַ שיכּורען פּריסטאַוו? ווער האָט דאָס אַזאַ „פּאָלנע־פּראַוואַ" צו לאָזען פוילען אַזויפיל גבורה און אימפּעט, מאַכען דערפון אַש און בלאָטע, פאַרשמוצען מיט אָפּטריט־פּעסער, מיט צוגעטראַכטער ניט־גויטיגער אַרבייט?... טאָמער וועניג — האָט מען נאָך פאַר אָט דער טייערער פאַרלאָרענער צייט דערטרונקען ר' סענדערען, געפּטרט פערד און וואָגען, פאַרפוילט און פאַרשאַכערט די כאָמעטען. אַצינד הויב אָן אַלץ פון דאָס ניי! אַלץ פון דאָס ניי, נח פאַנדרע!

איז דאָך טאַקע חאַצע דער הינקעדיגער גערעכט! צעהרגענען צעמזיקען און חרוב מאַכען דאַרף מען זיי אַלעמען!... זיי אַלעמען!... אָבער ווער זיינען דאָס די „זיי"? וואו זיצט ער, דער שונא? דאָס האָט חאַצע־קירזשנער ניט געזאָגט. נאָר ער, פאַנדרע, פיהלט דאָס אַצינד אַליין. ווי אַ גרויסע שפּין זיצט דאָס ערגעצוואו אינמיטען דער נאַכט. מיט טויזענטער בייזע אויגעלעך זעהט דאָס אין דער פינסטער און זיינע שפּינוועבס־פעדימער זיינען צעוואָרפען אומע־טום. שטעט און שטעטלעך און דערפער זיינען אין די פאַר־

פלאַנטערט. צעהנדליגער טויזענטער מענשען צאַפּלען זיך אין זיי... חאַצע דער קירזשנער מוז יאָ וויסען וואו עס זיצט. בשעת ער רעדט שמייכעלט ער אַזוי זיכער און געזאַלצען. מסתמא וועט ער דעם סוד אויסזאָגען אויף דער ערשטער סכאַדקע אין פּראַנצאָווקער וואַלד, אָדער אין אַ פּוסטער דירה, ביי די אָרשער ברעמלעך — דאָרטען וואו די „ציציליסטען" קלייבען זיך צוזאַמען אַלע שבת... ער, פּאַנדרע, וועט טאָקע געהן אַהין. ער מוז וויסען. ער מוז דאָס אַלץ דערגעהן ביזקעל סוף...

ער גיט זיך ווידער אַ דרעה אויס צו שמחהלעס יאַטקע־קלאָץ. דאָרטען ליגט אַלץ דער קודלאַטער קאָפּ, זיין אייגענער קאָפּ. אַ טעמפּער און פאַרשטאָפּטער קאָפּ, און וויינט...

ער גיט אַ טאָפּ זיינע אייגענע אויגען. זיי זיינען נאַס. טרערען גיסען זיך איבער די באַקען.

— דו וויינסט באָך! דו חמור דו!... — אַזוי זידעלט פּאַנדרע אויס זיך אַליין.

און ער ווישט זיך די אויגען מיט אַ האַרטען קולאַק און שווערט זיך אין האַרצען: אָט קריינקען זאָל ער, וויטאָגען זאָל ער, פון אָרט זאָל ער דאָ ניט אַראָפּגעהן! אויב ער וועט זיך מעהר איינשטעלען פאַר אַזעלכע צוקראַכענע נפשות ווי דער בייער נגיד, און אויב ער וועט אָפּגעבען זיין גבורה אויף שיקסעס און אויף שלעגערייען מיט גראָבע יונגען. קאַטערינושקאַ איז געווען די לעצטע שיקסע. דער בייער נגיד — דאָס לעצטע אומזיסטע איינשטעלעניש... אָט נאָר פאַר אָרימע, פאַלש־פאַרמשפּטע. פאַר געיאָגטע און געפּלאָגטע דאַרף מען זיך איינשטעלען. פאַר זיי — יאָ!...

ער גיט אַ קוק מיט אויסגעשווישטע טרוקענע און אויפגעלויכטענע אויגען — ערשט דער קודלאַטער קאָפּ אויף דער יאַטקע־קלאָץ, זיין אייגענער קאָפּ פון די יונגע יאָהרען, איז פאַרשוואונדען... דערשראָקען זיך, אַפּנים, פאַר זיין האַרטער שבועה און אַוועק, ווי אַ שאָטען, פון צווישען די פינסטערע יאַטקעס אין דער נאַכט אַריין.

#ביים תנכ'ניק

.1

זינט די תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסען אויפן פּאַראָמשציקס הויז און אַנשעל איז דערהרגעט געוואָרען דורך זיין אייגענעם קאָנאָט, איז דעם נייעם נגידס שקאָלע־בחורל געוואָרען גאָר אַ סטאַטיק. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זיינען אָנגעלאָפען אויף דעם פּאַראָמשציקס ביטערען טויט, און האָט תשובה געטאָן.

צעדראָפּעט ווי ער איז געווען, איז ער קודם־כל אַוועק אַהיים און האָט זיך איבערגעבעטען מיט זיין עלטערער שוועסטער, וואָס טראָגט פּערל־באָמבעלעך אין די אָפּגעצויגענע אויערען און איז שטענדיג מעלה־גרה אַ מאַנדעל־בייגעלע און איז עהבליך צו אַ ציג. צווייטענס האָט ער איהר פון דאַמאָלסט אָן אויפגעהערט צו זינ־גען דאָס פּאַסקודנע לידעלע: „קאָזי־קאָזינע שהלך לגינה ואכל לבאָטשווינע". דריטענס, ווען מערע פּאַנדרעס מיטן קינד אויף די הענט קומט בעטען מען זאָל איהר אָנשרייבען אַ ברי־וועל צו איהר מאַן אין אַסטראַג, דערגעהט עס מעהר ניט, צווישען ברודער און שוועסטער, צו שטויסען זיך מיט די עלענבויגענס: „געה, שרייב דו!"... „ביסט ניט קראַנק אַליין צו שרייבען!" עס דערגעהט אויך ניט דערצו, די זויערע נגידיכע זאָל אָנהויבען קרי־מען איהר פּאַרמעט־געלען פנים. וואָרים דער שקאָלע־בחור לויפט איהר דער ערשטער אַקעגען:

— קומט, איכ'ל אייך שרייבען!

ער באַמיהט זיך אַפילו אויסצופיינען, דער שקאָלע־בחור, פאַר דער פרעמדער יונגער ווייבעל מיט די לאַנגע געטאָקטע פיס, מיטן לאַנגליך־בלייכען פנים און מיט די קאַרע הייסע אויגען אונטער די דינע ברעמען. דאָס זכרל אין איהם האָט זיך היינטיגען זומער גע־נומען ריהרען. און דאָס פרעמדע הויכע ווייבעל זעהט איהם אויס ווי אַ פאַרוואָגעלטע באַטשאַניכע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשלאָגען פון איהר באַשערטען. זוכט זי איהר נעסט, מיט איהר עופּעלע אויף די הענט, און קען ניט געפינען... און אַלעמאָל, ווען זי געהט אַוועק מיטן אַנגעשריבענעם בריוועל אין האַנט, קוקט ער אַריין אין שפּי־געל, דער שקאָלע בחור, צופּט זיך דעם פוך אונטער דעם רויטלי־כען נעזעל: צי שפּראָצען איהם שוין ניט די וואָנסעלעך אַרויס?

בשעת שרייבען מערען דעם אַדרעס האָט איהם אפילו איינמאָל אַנגענומען אַ מאָדנע חשק צו באַריהמען זיך.

— וואוהין שרייבען? — מאַכט ער זיך, אַז ער ווייסט ניט.

רופט זיך אָפּ מערע:

— קיין מאָהליוו. ווייסט דאָך...

— ווייטער מאָהליוו? — גיט ער זיך אַ קרים ווי גאָר אַ גרויסער שרייבער — שרייבט אַמאָל קיין יעקאָטערינאָסלאַוו.

מאַכט מערע גרויסע אויגען:

— וואָס עפּעס יעקאָטערינאָסלאַוו? מיין נח איז דאָך אין מאָהליוו!

— אוי — גיט דער שקאָלניק אַ הויב די פעדער — אוי, וואָלט איך אייך אויסגעדרעהט אַ גרויסהאַנטיגען רוסישען „יע״!...

נאָר באַלד דערפיהלט ער, דער לעקיש, אַז ס'האָט זיך איהם אַרויסגעכאַפּט; אַז די אינגעלשע באַריהמעריי, מיטן גרויסהאַנטיגען „יע״ קען לחלוטין דער הויכער שענער ווייבעל ניט געפעלען וועד־רען. אָט לאַכען שוין איהרע קאַרע אויגען, כאָטש דער פנים איהרער איז בלאָס און שטאַר ווי פריהער.

האָט ער זיך אינגאַנצען צוטומעלט, דער קליינער קאַוואַליער, און גענומען רייבען זיך די רויט־געוואָרענע נאָז. שיער־שיער ניט צעווײנט זיך פאַר בושה. נאָר מערע פאַנדרעס האָט מעשה עלטערע שוועסטער אַ שמייכעל געטאָן. איהר שמייכעל איז אַצינד אַרויס פון

איהרע הייסע אויגען און צוגאָסען זיך איבער איהר גאַנצען פּנים. און לויכטענדיג אַזוי, מיט גוטסקייט און וואַרימקייט, האָט זי איהם נאָכאַמאָל געבעטען ער זאָל נעמען און שרייבען קיין... מאָהליוו.

דער שקאָלע־בחור איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצ־טער. שוין אַ געוויסע צייט פיהלט זי, אַז אַלע מאַנסביל, גרויס און קליין, ווערען עפּעס אומרוהיג ווען זיי געפינען זיך נאָהענט לעבען איהר. זיי עפענען די מיילער, סאָפּען מיט די נעזער, קייען די צונג און פינטלען מיט די אויגען. עס זעהט אויס ווי זיי וואָלטען געבלי־בען שטעהן אינדערהויך, ביי אַן אָפּגרונט, ביי אַ גליטשיגען ראַנד פון אַ ברונעם, און וואָלטען געוואָרען שווינדעלדיג. אַ באַ־זונדער ריח און אַ באַזונדער וואַרימקייט מוז פון איהר אַרויסשטראָ־מען. זי איז ווי אַ לעבעדיגע פייערפאַן פול מיט הייסע קוילען און מיט שווערען ווייה־רויך. ווער עס טרעט אַריין אין איהרע דל״ד־אמות ווערט עפּעס נאַרישעוואַטע און שאַרט זיך אַרום איהר ווי אַ פאַרטשאַדעטער... אָנגעהויבען האָט זיך דאָס שוין סוף ווינטער מים קושקע־בראַנד, נאָך דער סעודה פון חברה־לויה. און וואָס ווייַ־טער אין וויעסנע און אין זומער אַריין ווערט דער טשאַד אַרום איהר אַלץ שטאַרקער. זיינע סימנים האָט זי שוין געמערקט ביי זאַוועל שמייסער אויפן פּנים, בשעת ער האָט זיך געשאַרט צו איהר בוים פאַרעכאַד און, כלומרשט, פאַרענטפערט זיך פאַר איר. זי האָט דאָס געזעהן ביים נייעם־נגיד אויף די בלאַסע אָפּגערונענע באַקען ווען יענער דערזעהט זי ביי זיך אין שטוב. און אַצינד — אפילו ביי זיין אינגעל, אַט ביי דעם צוציק, וואָס געהט נאָך אין שקאָלע און האָט נאָך ניט קיין סימן פון וואָנסעלעך.

מערע איז אין האַרצען שטאָלץ אויף איהר באַהאַלטענעם ווייַ־בערשען כוח. און ניט־קוקענדיג אויף איהר מוראַדיגער ביינקשאַפט נאָך נחן, איהר מאַן, פיהלט זי עפּעס אַ מאָדנע רחמנות אויף אַט די אַלע פאַרטשאַדעטע מאַנסבילען. זי וואָלט זיי געוואָלט אַרויפלעגען אַ האַנט אויפן שטערען און פרעגען מיט אַ קול פון אַ פאַרזאָרגטער מאַמע:

— וואו טוט דיר וועה, קינדעלע? אַט דאָ?...

דעם זעלבען רחמנות־געפיהל האָט זי אפילו צו קושקע־בראַנד,

ווען זי דערזעהט איהם אין מאַרק אָדער ביים ברעג דניעפּער, ווי ער זיצט אויף זיין קעלניע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, און וואַרט, דאַכט זיך, פאַנדרע זאָל צוריקקומען פון אָסטראָג און אָפּרעכענען זיך מיט איהם דערפאַר, וואָס ער איז געקראָכען צו זיין ווייב אינ־מיטען דער נאַכט...

ס׳טייטש! זי ווייסט דאָך זעהר גוט, אַז קושקע איז אַן אייביגער שונא פון סענדערס משפחה. שטענדיג האָט ער באַרעדט און גע־האַוקעט. אָפּגעשלאָגען שודאַקעס. פאַרשמיסען „שמענדריקען״... זי אַליין האָט איהם פאַר זיין גראָבקייט געמוזט בויקאָטען מיט דעם טאַטענס אַ שטיוועל אינמיטען דערנאַכט. און פונדעסטוועגען האָט זי אויף איהם אַצינד שטענדיג רחמנות, ווי אויף אַן אָפּגעשמיסענעם גרויסען אינגעל. און אַז זי דערפיהלט אין זיך די דאָזיגע ניט־זעהר כשרע רחמנות — דערשרעקט זי זיך אַליין. וואָרים מיט איהר עהרליכען ווייבערשען חוש פיהלט זי, אַז נאָר איין טריט טייל׳ט אָפּ אַזאַ מין מוטנע רחמנות פון שוואַרצע זינד.

און טאַקע אָט דער דאָזיגער שרעק, וועלכער חורט זיך אי־בער ביי איהר די לעצטע וואָכען, ווען זי טראַכט וועגען מאַנסבי־לען, טרייבט זי אונטער צו שרייבען פאַנדרען אַ סך אָפטערע בריוועלעך ווי ביז אַהער. דאָס איז אַ מין פאַרשטעלטע וידוי. דאָס איז אַ סאָרט געהאַקטע באַנקעס, אָפּצוצאַפּען פון זיך אַליין דאָס איבער־געקאָכטע טרפהנע בלוט.

אין די דאָזיגע בריוועלעך קלאָגט זי זיך פאַרשטעלטערהייט, אַז איהר איז שלעכט. זעהר שלעכט. אַז איין גאָט זאָל איהר העלפען. נאָר וואָס פאַר אַ מין שלעכטס דאָס איז און פון וואָס דער אייבער־שטער זאָל איהר אַרויסהעלפען — דאָס שרייבט זי ניט. און פאַנדרע פאַרשטעהט טאַקע ניט, וואָס זי מיינט צו זאָגען. ער פערשטעהט ניט דעם עיקר. און ענטפערט גאַרניט צו דער זאַך. וועגען אַלץ אין דער וועלט ענטפערט ער איהר, נאָר ניט מכּוח ד ע ם.

און אָט אפילו אַצינד, ווען זי קומט אויסגיסען דאָס האַרץ אין אַ בריוועל, פאַרענטפערען זיך פאַנדרען פאַר איהרע בייזע מחשבות, האָט זי אויך קיין מנוחה ניט. אינם שקאַלניק באַמערקט זי די זעל־

בע סמנים פון טשאַד און פיהלט צו איהם די זעלבע פאַרדעכטיגע רחמנות. העז, ווי ער כראַבּרעט זיך דאָס, דאָס הענדעל:

— ע... שרייבט בעסער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו!

— הער, — שמייכעלט זי צו איהם ווי אַן עלטערע שוועסטער. נאָר ווי אויף צו־להכעיס קומט ביי איהר דאָס שמייכעלע אַרויס אַ שעלמישער — שרייבּ מיר היינט צו מיין נחן עפּעס... רעכטס. דערצעהלען דאַרף מען קיינעם ניט. וועסט ניט דערצעהלען?

— ניין. — שאָקעלט דעם נייעם־נגידס בחורל מיטן קאָפּ און ווערט רויט. ער פיהלט זיך אָבער ווי אַ שטיקעל העלד אין אַ ליבע־ראָמאַן, וואָס די שוועסטער זיינע, די „ציג״, לייענט שטילערהייט. עס נאָגט איהם ביים האַרצען, וואָס ער איז נאָך אַ אינגעל און נייגע־ריג איז ער אויך.

מערע האָט זיך שוין איינגאַנצען אָפּגעוועהנט צו שרייבען, ווי די שטוב געהט אונטער, ווי די מאַמע שטעהט אַ גאַנציינקען טאָג ביי אַ טישעל אין מאַרק און לייזט גאָרנישט; אַז ס׳איז שוין מעהר ניטאָ ביי וועמען צו לייהען און וואָס צו פאַרקויפען פון דער באַלע־באַטישקייט איז שוין אויך מעהר ניטאָ. דער עיקר איז דאָך ניט דאָס. דער עיקר איז, אַז אַ פייער ברענט אין איהר. אַ ניט־גוטער ווילדעוועט אין איהר. אָבער נח וועט דאָך סיי ווי סיי ניט פערשטעהן.

זי שעמט זיך פאַר די הייסע ווערטער, וואָס ברויזען איהר אין קאָפּ. זי זוכט אַ פּאַסיגען לשון, כּדי ניט אַרויסרעדען זיך, ווי אַ שיכּורע גויע, פאַר אַזאַ בר־מצוה־שנעק.

— איז שרייבּ! — מאַכט זי צום נייעם־נגידס שקאָלניק און פאַררויטעלט זיך נאָך איידער זי זאָגט אַרויס איין וואָרט.

דאָס אינגעל טונקט אונגעדולדיג אין טינטער און מאַכט אַן אָנשטעל פון אַ דערוואַקסענעם, וואָס דערזעהט אומגעריכט, ווי ווייבער באָדען זיך און קוקט ברייטהאַרציג אַוועק אין אַן אַנדער זייט.

— שרייבּ איהם, — אַזוי רעדט מערע קוים אַרויס — שרייבּ איהם אַזוי: „מיין טייערער מאַן, נח־לעבען ע... ע... וואָס מאַכסטו? און און... געשריבען? אַז איך דערמאָן מיך, אַז מיר האָבען זיך צו־שיידט אַזוי גיך נאָך דער חתונה, אַזוי גיסען זיך מיר בלוטיגע

טרערן פון די אויגן. אצינד, אז איך ווייס, אז דו דארפסט שוין באלד קומען אהיים, קען איך זיך שוין גאר ניט דערוואַרטען. ניט דערוואַרטען... און און... ס'איז מיר שלעכט, אז איך קען דיר גאר ניט אַרויסזאָגען. די מאַמע איז אַ גאַנצינקען טאָג אויפן מארק און איך געפין זיך מעהר קיין אָרט ניט. דאָס עסען געהט מיר ניט איין. און ווי איך גיב אַ קוק... אַ קוק... שרייב, ווי איך גיב אַ קוק אויף דעם בעט וואו דו ביסט געשלאָפען, אזוי הויבען מיר אָן צו חלשען די הענט. און ווי עס קומט די נאַכט אַזוי... אַזוי שלאָף איך ניט. עס וואַרפט מיר אין היץ און קעלט. און גאָט זאָל געבען דו זאָלסט שוין וואָס גיכער קומען. וואָרים... וואָרים איך ווייס ניט וואָס פון מיר וועט זיין אָהן דיר, מיין מאַן. און —

— ניטאָ מעהר קיין אָרט אויף דער אָטקריטקע! — אַזוי רופט זיך אָפּ דער שקאָלע־בחור און הויבט אויף צו מערען אַ פּאָר בלאַנדזשענדיגע אויגען.

— מעהר ניטאָ? — וואונדערט זיך מערע. זי איז ווי אין הינהער־פלעט, זי האָט נאָך גאָרניט געזאָגט און מען מוז שוין פאַר־ענדיגען.

— טו שרייב, — זאָגט זי מיט אַ געפאַלענער שטים — שרייב נאָך צו מיט קליינינקע אותיותקעס: „פון מיר און פון מיין מאַמען און פון דיין אינגעלע וואָס לעכצען נאָך דיר...” אַזוי שרייב נאָך צו...

עס ווערגט איהר אין האַלז. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און טרע־רען קאַפּען איהר איבער איהר קינד אין שויס. איהר אַהרט שוין אַצינד ניט וואָס דעם נייעם נגידס בר־מצוה־אינגעל זעהט און וואָס ער קוקט זי אָן מיט דערשראָקענע און באַגייסטערטע אויגען פון אַ בחורל, וועמען אַ פרוי האָט זיך באַוויזען אָדם־נאַקעט צום ער־שטען מאָל אין זיין לעבען.

2.

ווען די גלוטען פון תמוז זיינען שטאַרקער געוואָרען און די פרעש האָבען זיך צושריען מיט שטאָלענע טרילען אין די פאַר־

באַכטיגע זומפּען, ביים ברעג אָזערע, האָט זיך נאָך שטאַרקער צו־
שריען דאָס בלוט אין מערעס אָדערען. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז
די פייערען פון תמוז זיצען ביי איהר אינעווענינ אין לייב, די שטאָ־
לענע סטרונעס פון די פרעש קלינגען ביי איהר אין די אויערען, און
נאָר זי אַליין הערט זיי אַזוי שרייען.

האָט זי גענומען זוכען טרייסט, טרעפען און וועטען זיך מיט
זיך אַליין. אויב ס'וועט דורכפאָהרען דורכן גאָס אַ רויטער פערד,
וועט נח קומען אינמיטען חודש אָב, אַזוי ווי ער באַדאַרף צו קומען.
און אויב אַ שוואַרצער פערד וועט אָנפאָהרען — דאַמאָלסט, דאַ־
מאָלסט... זי וויל גאָר ניט קלערען וואָס דאַמאָלסט וועט זיין. דאָ־
מאָלט וועט זי מעהר ניט אויסהאַלטען.

די בלויע קאָרטען־טרעפּערקע, מיט איהרע ווייַנפערלעך אויפן
שטערען און פינטעלעך אויף איהר בלויען קליידעל, האָט זי צום
ערשטען מאָל אָנגערעדט צו וואַרפען־קאָרטען און „טרעפען". נאָר
די סומאַטאָכע פון אַנשעל פּאַראָמשציקס טויט האָט דאָס איבערגע־
ריסען אין רעכטען מיטען. פון דאַמאָלסט אָן איז מערע צורייצט ווי
פון ניט אַן ערפילטער גלוסטעניש. צו דער בלויער קאָרטען־וואַר־
פערקע געהט זי ניט מעהר. יענע איז עפּעס צו קלוג. ווינקט צופיל
מיט די אויגעלעך, טשמאָקעט צופיל מיט די ליפּעלעך. זי קען נאָך
אַרויסבאַלעבאָטשען דאָס, וואָס ביי מערען איז פאַרשטעקט אין טי־
פען האַרצען. דערנאָך וועט זי דאָס דערצעהלען טעמען, און טעמע
וועט דערצעהלען אַנדערע ווייבער ביים דניעפּער. אָט צו „זנאַכערס"
וואָלט זי יאָ געגאַנגען, צו ציגיינערס, צו גוטע־אידען. נאָר זי שעמט
זיך נאָכצופרעגען אויף זיי. וואָרים ווי זי הויבט אָן צו רעדען מכּוח
דעם, אַזוי דאַכט זיך איהר, אַז אַלע קוקען אויף איהר מיט קעצישע
אויגען, וויסען פאַרוואָס עס ווילט זיך איהר טרעפען. אַז מיינען
מיינט זי דעם מאַן איהרען, אויסלויטערען איהרע שלעכטע מחשבות...
אַזוי געהט זי אום און שטיקט זיך צווישען די מאַנסבילען ביים
ברעג טייך. פון זונדעלס הייזקע צום פאַרעכאָד און פון פאַרעכאָד
צו זונדעלס הייזקע. נאָר איהר קינד ראַטוועט זי. זי האַלט עס שטאַרק
אַרומגענומען, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן
אַ שטרויעלע. אַ טייערע שטרויעלע. אַ ליבינקע שטרויעלע.

איינמאָל דערהערט זי עפּעס רעדען פון אַ תנכ׳ניק און דערמאָנט זיך, אַז אין עק שקלאָוו, ביי די אָרשער בּרעמלעך, וואוינט אַ קורצינקער אידעלע, וואָס מישט אויף אַ תנכ׳ל און טרעפט. און עס לויפן צו איהם אָרימע ביטערע הערצער, פאַרזעסענע מיאוסע דינסטמיידלעך. פאַרנאַכט קומען זיי צו איהם צוגעהן, פאַרוויקעלט אין פאַטשיילעס, כדי קיינער זאָל זיי ניט דערקענען. מען לעגט איהם אַוועק אַ פּיאַטאַקעל אויפן טיש און ער נעמט צו שטילינקערהייט, שטעקט אַריין אַ ביינערנע טייטעל אין פאַרמאַכטען תנכ׳ל און מאַכט אויף. פאַר ווייבּער מישען זיך ביי איהם שטענדיג אויף ווייבּערישע סדרות מיט ווייבּערשע נעמען און פאַר מאַנסבּיל — מאַנסבּילשע סדרות מיט מאַנסבּילשע נעמען. לייענט ער איבּער אַן אויפגעמישטען פּסוק און טייטשט און טרעפט, וואָס עס איז געווען און וואָס עס ו ע ט זיין...

און נאָך אין דעמזעלבען פאַרנאַכט, ווען סענדעריכע איז געקומען פון מאַרק, לאָזט איבּער מערע דאָס קינד אויף דער באָבּעס הענט מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס האָט פאַרגעסען עפּעס אַ זעהר נויטיגע זאַך. און אַליין לאָזט זי זיך לויפען אין עק שטאָט. זי איז פאַרוויקעלט אין איהר שטוב־פאַטשיילע ווי אַ דינסט־מיידעל. זי קוקט זיך אַרום ווי אַ גנב. און אין האַנט האַלט זי גרייט אַן אַנגעוואָרימטען אָפּגעשפּאָרטען קופּערנעם פּיאַטאַקעל. אַזוי פאַרשלייערט און צושראָקען לאָזט זי זיך אַריין צום תנכ׳ניק אין הייזעלע.

דער קורצינקער תנכ׳ניקעל האָט בלויע טרויעריגע אויגען און אַ גרויסען בולטן שטערען, וואָס פאָהרט ביי איהם אַרויס אונטער דער זיידענער יאַרמעלקע. ער נעמט מערען אויף מיט אַ טרויעריגער פריינטליכקייט און מיט אַ שטילינקען קאָפּ־שאָקלען און מיט אַ שמייכעלע, ווי איינער זאָגט: „קוים דערמאָנט זיך אויף מיר?.. שוין לאַנג געדאַרפט קומען...״

מערען פאַרקוועטשט דאָס האַרץ. זי זעצט זיך און פאַרגעסט אַוועקצולעגען דעם פּיאַטאַקעל אויפן טיש. ביי דינסט־מיידלעך איז זיך דער תנכ׳ניק נוהג פריהער צו נעמען דעם פּיאַטאַקעל און ערשט דערנאָך „טרעפען״. נאָר ניטאָ קיין סודות אין שקלאָוו. דער תנכ׳ניק דערקענט מיט זיינע געניטע אויגען, מיט וועמען ער האָט דאָ צו

טאָן. אַ ביטער האַרץ, נאָר אַ שטאָלצע. סענדערס טאָכטער... האָט ער גאָר ניט געזאָגט, נאָר פאַרריכט דאָס זיידענע יאַרמעלקעלע אויפן ווייסן בולטן שטערען און פון אונטער אַ טישטוכעל, ווי אַ חלה נאָך קידוש, אַרויסגעצויגען אַן אַלטען תנכ׳ל, אַ פאַרשמאָלצעוועטען, אײַן לעדער־געבונדען. אַ פלאַכען טייטעל פון הירשביין האָט ער אַ הויב געטאָן, ווי גאָר אַ הויכער סאָרט קלעזמער זיין סמיטשיק; אַרייַנגע־טראָפען מיטן שפּיץ צווישען די פאַרמאַכטע בלעטער פון ספר׳ל און אויפגעמאַכט.

און גאָט האָט געהאָלפען און עס האָט זיך אויפגעמישט, ניט קיין אַנדערע ווי די דרייטיגסטע פרשה אין חומש בראשית, אין דער סדרה „ויצא״. אַ ווייבערשע, ניט קיין מאַנסבילשע פרשהלע.

און דער תנכ׳ניקעל, מיט זיין שטילען פאַרטראַכטען קול, האָט גענומען לייענען די פרשהלע, פערלען יעדעס וואָרט, איינטייטשען אויף זיין שטייגער און טרעפען וואָס עס איז געוועןֿ און וואָס עס וו ע ט זיין...

— „ותרא רחל״... און רחל האָט דערזעהן. „ותרא״ איז אויך פון לשון: זי האָט מורא געהאַט... איך זעה אַ גרויסען שרעק, אַ שרעק פאַר אַ שרפה, וואָס האָט צושטערט דעם שלום פון הויז...

— אַ שרפה... אַן אמת... — זאָגט נאָר מערע און צאַפּעלט זיך אונטער איהר פאַטשיילע. שלוכצען שטיקען זי, ווי אַ פרומען אידען אונטערן טלית, בשעת שופר־בלאָזען.

— הבא לי בנים! — לייענט ווייטער דער תנכ׳ניקעל מיט אַ קוועטש אויפן סוף וואָרט „נים״. איך זעה אַ שלאָס־מם... אַן אָסטראָג, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט! אַ בלבול און אַן אָסטראָג און... און אַ קינד ווערט געבוירען.

— יאָ, יאָ. — וויינט מערע אונטער דער פאַטשיילע.

— און איך זעה ווייטער „ואם אין מתה אנכי״, איז דער טייטש: אַז ניט שטאַרב איך... איהר גאַרט און לעכצט נאָך אייער ליבען מאַן און ווילט שטאַרבען...

מערע זאָגט שוין מעהר ניט נאָך. אַ שלוכץ רייסט זיך אַרויס פון איהר אַראָפּגעפאַלענער פאַטשיילע.

דערזעהט דער תנכ׳ניקעל, אַז ער האָט שוין צו שטאַרק צו־

נומען דאָס היכע שטאָלצע ווייבעל, צושאָקעלט ער זיך ווי אַ מגיד, איבער דעם הייליגען ספרל און צוטרייסט זיך ווי אליהו הנביא:

— שטעהט אָבער אָביסעלע ווייטער: „ויבא אליה״... און ער איז צו איהר געקומען. און די פּרשה איז פּרשה „למד״. למד — איז דרייסיג. אין אַ „מאָנאָט״ אַרום וועט אייער ליבער מאַן קומען צו אייך און איהר וועט פאַרגעסען אַל־דאָס בייז און וועט נאָך האָבען נחת פון קינדער ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. אָמן... דאָס קאָסט פינף קאָפּיקעס!

מערע שוויגט. זי איז אַזוי פערשיכורט פון די זיסע טרייסט־רייד, וואָס גיסען זיך אויף איהר ווי אַ וואַרימער שפּריי־רעגענדעל, זי איז אַזוי פאַרטאָן מיט זיך און מיט איהר מאַן, אַז זי הערט אפילו ניט ווי דער תנכ׳נקעל האָט מפסיק געווען, צוגעמאַכט דאָס ספרל, אַ קוש געטאָן די שפּיצען פינגער און פאַרלאַנגט דיין פּיאַטאַקעל. אַלץ האָט זיך ביי איהר צוזאַמענגעגאָסען אין איין טרייסט. האַ? פינף קאָפּיקעס? אָט!! אַ דאַנק, אַ דאַנק...

מערע איז אַרויסגעלאָפען פון דעם תנכ׳ניקס הייזקע ווי פון אַ שוויצבאָד. ס׳איז שוין געווען פינסטערלעך אויף דער גאָס. זי איז האַסטיג געלאָפען צוריק אַהיים, צום קינד. אוף! געוואָרען לייכטער צו לעבען אויף דער וועלט.

פון איהרע גיכע טריט האָט זיך צופלאַטערט איהר שטוב־פּאַטשיילע. אַהער־געפלויגען איז זי ווי אַ פאַרחושכטע פויגעל מיט אויסגעפליקטע פעדערן. אַצינד שפּראַצען שוין איהר נייע פליגלען הינטער די פּלייצעס... געלויבט איז גאָט. „למד״ איז דרייסיג. דריי־סיג טעג.

זי האָט גענומען צעהלען, גאַרען, שווער, ווי ניט־גלייכע און ניט־קיילעכדיגע בוי־שטיינער האָבען זיך געקייקעלט די טעג און האָבען זיך בשום אופן ניט געוואָלט צוזאַמענשטעלען אין איין וואַנט, אין איין זיכערען בנין. משונה־ווילד האָבען זיך געהויפט די פאַר־גאַנגענע טעג און נעכט. און די קומענדיגע זיינען נאָך געווען וויט. דער דייטשמערישער „מאָנאָט״, וואָס דער תנכ׳ניק האָט געזאָגט, האָט ביי איהר געקלונגען אין די אויערען מיט אַ באַזונדער קלאַנג.

ווען ער וואָלט געזאָגט „חודש", וואָלט דאָס געווען אַ אידישער חודש. אַכט און צוואַנציג טעג. ער האָט אָבער געזאָגט... אַ מאָנאַט. דרייסיג טעג. אין פּינטעל אַריין. על פּי חשבון האָט דאָס טאַקע גע־שטימט. געווען איז זי ביים תּנכניק אינמיטען תּמוז און נח דאַרף טאַקע אַרויסקומען פון אָסטראָג בערך אינמיטען חודש אָב. הייגט וואָס־זשע האָט דאָ דער תּנכניק אויפגעטאָן? ער האָט אָבער געזאָגט „מאָנאַט", פּונקט דרייסיג טעג. מסתּמא אויף געוויס. נחס בריף זיינען אַפילו געווען ניט קלאָר. ער אַליין האָט נאָך ניט געוואוסט וואו ער האָלט מיטן „זיצען". שווער צו דערגעהן אַ טאָלק ביי פּאָניע־גנב אין קאַנצעלאַריע. מען סטאַרעט זיך יאָ פאַר איהם... מערע האָט איהם אָבער געטרייסט: ז י ווייסט אויף געוויס.

נאָר וואָס נעהנטער עס איז געקומען צום סוף פון „מאָנאַט", אַלץ אונרוהיגער איז זי געוואָרען, אַלץ אונזיכערער. אויב דער תּנכניק האָט זי אָפּגענאַרט, וועט זי צו איהם אַריינלויפען אין שטוב, פאַרנאַכטליך, בשעת ער דרש'נט פון חומש פאַר פאַרזעסענע דינסט־מיידלעך. אַלע וויסטע חלומות וועט זי אויסלאָזען צו זיין קאָפּ און צו זיין זיידענער יאַרמעלקע.

זי איז אומגעגאַנגען מיט אַ געשפּאַנטען פּנים פון אַ מענשען, וועמען עס טוען וועה די ציינער און שעמט זיך צו קרעכצען. טאָ־מער וועט מען זאָגען... אַז איהם טוען וועה די' ציינער. זי האָט קיינעם ניט געקענט קוקען אין די אויגען, ווי זי וואָלט זיך באַנאַ־רישט און געטאָן אַ פאַלשען נדר. יעדער איבעריגער וואָרט צו איהר האָט איהר וועה געטאָן, ווי מען וואָלט איהר באַריהרט אַן אָפענע וואונד. קיינער האָט ניט געטאָרט פרעגען ווען נח וועט צוריק־קומען. זי פלעגט שווייגען אָדער ענטפערן בייז, ווי פאַר אַ באַהאַל־טענער באַליידיגונג. אַפילו די מאַמעלע איהרע, סענדעריכע, אַט דאָס דאַרע־קישקעלע אָנגעפּילט מיט טרוקענע צרות, האָט אויך מורא געהאַט צו רעדען מיט איהר אַ וואָרט. זי האָט געפיהלט וואָס דער טאָכטער טוט אַזוי וועה. אויף די שפּיצען פינגער איז זי אַרומגעגאַנגען אין שטוב. אַלץ פאַרשוויגען איהר.

אָבער אויך זי האָט ניט אויסגעהאַלטען:

— וואָס וואַרפסטו זיך, וואָס? — האָט זי איינמאָל אַרויסגע־פּלאַצט, קומענדיג אַן אָנגעהאָרעוועטע און אויסגעהונגערטע פון מאַרק — גענוג צו וואַרפען זיך! וועסט גאַנץ זיין. גיה בעסער אַריין צו חישין דעם דאָקטאָר, וועט ער דיר עפּעס געבען צום איינגעמען!

ביים דאָקטאָר

.1

ניט אַלע טעג זענען גלייך אין דייער אומרוהיגקייט, און ניט אַלע נעכט ברענען מיט זייער שוואַרצען פייער דאָס לייב. נאָר די לעצטע פאַר וואָכען, פאַר פאַנדרעס צוריק־קומען וואַרפט זיך מערע אין די הייסע נעכט פון חודש אָב, ווי אַן אָנגעטראָטענע שלאַנג, ווי אַ יונגע וואָלפיכע, וואָס האָט אַ לאַפּע פאַרקלעמט אין אַן אייזערנער פאַסטקע... זי האָט איינגאַנצען אויפגעהערט צו שלאָפען.

איז סענדעריכע שטאַרקער צוגעשטאַנען צו איהר טאָכטער, זי זאָל אַריין צום דאָקטאָר, ער זאָל איהר עפּעס געבען „צום איינגעמען". זי האָט זיך, אַזוי צו זאָגען, איינגעגעסען אין איהר, ביז מערע האָט נאָכגעגעבען.

וואָס אמת איז אמת. זינט חישין דער דאָקטאָר, דער אַלטער בחור, האָט צוריק געפונען זיין פערד, וואָס קאָפּעל—זונדעלס בנאָק, האָט ביי איהם אַוועקגעגנבעט און זינט ער האָט צוריקגענומען אַרומפאָהרען אין זיין ניי־איבערגעלאַקטער קאַליאַסקע, אַזוי איז ער צוריק אַריין אין פאַטשאָט אין גאַנץ שקלאָוו. און אַז ס'איז געקומען צו וויבאָרעס האָט מען א י ה ם אויסגעקליבען פאַר אַ קאַזיאָנעם ראַבינער, א י ה ם און ניט קראָל דעם בעל־גאוה, דעם צווייטען שטאָטישען דאָקטאָר.

זינט דעם איז חישין נאָך פריינטליכער געוואָרען צום פּראָסטען עולם. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז דאָס האָט ער ז י י צו

פאַרדאַנקען פאַר אַזוי פיל ווייסע „גאַלקעס״.*) האָט ער פון אָרי־מע פּאַציענטען, וואָס קומען צו איהם, אָנגעהויבען נעמען ניט מעהר ווי אַ גילדען. דאָס זעלבע וואָס דער שטאָט־פּערשעל נעמט. אַמאָל דאָס אויך ניט. שלאָגט מען איהם אָפּ, פון דאַמאָלסט אָן, אַלע טיי־רען. און קראָל זיין קאָנקורענט עסט קעסט ביי זיין רייכער מיאור־סער ווייב. מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט צוליב נדן, און ווערט צופּלאַצט.

איינגעוויקעלט איבערן קאָפּ אין איהר גרויער שטוב־פאַטשיי־לע, ווי אַ זינדיגע נשמה, האָט זיך מערע איינמאָל פאַרנאַכט אויס־געקליבען געהן צו דאָקטאָר חישין.

זי איז געגאַנגען שעמעוודיג און פרעסטלענדיג ווי צו דער חופּה. וואָרים זי און סענדעריכע, איהר מאַמעלע, ווייסען דאָך זעהר גוט, אַז די בעסטע רפואה וואָלט געווען — נח זאָל צוריקקומען... נאָר ביי איהר, אַזוי ווי ביי דער מאַמען, איז דאָס געווען אַ מין אָפּ־גערעדטער ליגען: חישין דער דאָקטאָר וועט עפּעס געבען „צום איינגעמען״.

און בשעת מערע איז פאַרנאַכטליך, איינגעבויגענערהייט, אַריין צום דאָקטאָר אין שטוב, איז שוין ביי איהם, אין פאָדער־קאַמער, געזעסען די לעצטע פּאַציענטקע. אַ דיקע צושוואָלענע אידענע, מיט אַ געלבליכען פּנים און מיט לעבעדיגע אויגען, וואָס האָט איהר אַ ביסעל דערמאָנט די קאָרטען־וואָרפערקע ביים פאַרעכאַד.

— רבונו־של־עולם!... — האָט יענע גענומען זיפצען ווי נאָר מערע איז אַריין.

און אַז מערע האָט זיך, פאַרוקט אין אַ ווינקעל, אַוועקגע־זעצט וואַרטען, האָט די אידענע אָנגעהויבען ווינקען מיט איהרע לעבעדיגע אויגען אויף דער צוגעמאַכטער טיר פון דאָקטאָרס קאַ־בינעט:

— רבנות פראַוועט ער דאָרטען היינט, צי וואָס? מען וואַרט

*) די ווייסע הילצערנע גאָלקעס, אָדער קייקלעך, זיינען ביי די וואַ־לען פ א ר, און די שוואַרצע — ג ע ג ע ן.

און מען וואַרט, מען וואַרט און מען וואַרט. אַ חלשות גערהט אונ־טער. און און און —

מערע האָט נאָר אַרויסגערוקט די נאָז פון פאַטשיילע און גע־שוויגען. זי האָט קלאָר געזעהן, אַז די יענטעוואַטע אידענע נודיעט זיך און חלשט פאַרטרייבען די צייט מיט אַ קאַפּעלע רכילות.

נאָר די יענטע האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. געמאַכט אַן אָנשטעל אַז מערע, און ניט זי, האַלט אין איין רעדען, און זי וויל אויך אַרײַנשטעלען אַ וואָרט:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט וואָס איך פאַל איך אַריין אין די רייד... וואָס פאַר אַ „באַלעז" (קרענק) האָט איהר?

— כ'וויס?.. — מאַכט מערע — און באַהאַלט דאָס אַרויסגע־שטעקט שטיקעל פּנים אין פאַטשיילע.

— בלוט און מילך! — רעדט ווייטער די יענטע און באַטראַכט מערען פון קאָפּ ביז די פיס — כ'מיין, וואָס קען איך פעהלען? זאָל דאָס אַלע אידישע טעכטער פעהלען! מסתמא... ווערט דאָס אָנ־גערופען ... אויף דער צייט!... וואָס האָט איהר געזאָגט?

מערע האָט געשוויגען:

— אָך—כאַ! אויף מיר געזאָגט געוואָרען, — מאַכט די אי־דענע און פאַסמאַקעוועט זיך מיט איהרע אייגענע „באַלעזען" — ביי מיר, ברוך־השם, איז וואו איהר גיט אַ נעם און ווי איהר טוט אַ טאַפּ, און ווי איהר גיט אַ ריהר און ווי איהר טוט אַ קוק איז, איז, איז —

דעם דאָקטאָרס קאַבינעט האָט זיך פּלוצלינג געגעבען אַ מאַך אויף און פון דער געעפענטער טיר האָט זיך שטיל, ווי אין פאַנ־טאַפליעס, אַרויסגעמאַכט אַ הויכע ווייבערשע פיגור מיט שענע קיי־לעכדיגע היפטען, וואָס וויגען זיך ביים געהן. דער קאָפּ אַרומגע־וויקעלט אין אַ שטוב־פאַטשיילע, אַזוי ווי מערע. די פיגור איז מערען אויסגעקומען באַקאַנט. זי וואָלט שווערען וואָלט זי, אַז ס'איז מושע, זונדעל גאַטס־גנבס טאָכטער, קאַפּעלס שוועסטער. יאָ, אַט האָט זי אַפילו אַ שלוקערץ געטאָן. הייסט עס, אַז ס'איז צוריק געוואָרען שלום, צווישען איהר און דעם דאָקטאָר. קאַפּעל איהר טייערער ברודער, האָט דאָך אָפּגעטאָן אַ מעשה מיטן דאָקטאָרס פערד

און שליטען, און מ׳האָט זיך צוקריגט... אַצינד האָט זי שוין, אַ פּנים, מוחל געווען וואָס חישין האָט קאָפּלען פאַרשיקט קיין „סימביר״. ער היילט זי שוין ווייטער פון איהר שלוקערץ און לאָזט נישקשהדיג וואַרטען זיינע אַנדערע פּאַציענטען.

מושע האָט, קענטיג, דערפיהלט, אַז מען באַטראַכט זי שאַרף. וואָרים זי האָט זיך אומגעדרעהט און פון דער פאַטשיילע אַרויס־גערוקט אַ שטיקעל שטערען, אַ פּאָר מאַטע אויגען, פליישיגע ליפּען און דערזעהן אַ פּאָר אַנדערע נייגעריגע אויגען, גוט־באַ־קאַנטע קאַרע אויגען.

אַ רגע׳לע האָט זיך מערע און מושע אָנגעקוקט פון אונטער די שטוב־טיכער. מושעס קוק האָט געבליאַסקעט מיט באַהאַלטע־נער אייפערזוכט. זי איז געווען זיכער, אַז אַלע יונגע ווייבלעך גע־העַן אַהער צוליב דער זעלבער זאַך ווי זי. בפרט נאָך אַזאַ שטרויע־נע אלמנה ווי מערע פאַנדרעס.

„דו אויך דאָ, כשרע נשמה מיינע?״ אַזוי האָבען איהרע אויגען געפרעגט.

מערעס וויעס האָבען אַביסעל געגומען ציטערען פון אַזאַ אונ־פאַרשעמטקייט. אָבער באַלד איז איהר קוק האַרט געוואָרען. איה־רע אָפענע הייסע אויגען האָבען שפּאָטיש אָפּגעענטפערט: „האָב נאָר קיין מורא ניט, כ׳וועל דיר דיין מציאה ניט אויסכאַפּען!...״

מושע האָט אַזאַ קוק ניט אויסגעהאַלטען. זי האָט זיך גיך פאַרשלייערט אין איהר פאַטשיילע און אַרויסגעשוואומען אויף די ציפּקעלעך, וויגענדיג מיט איהרע שענע היפטען.

די יענטעוואַטע אידענע, וואָס האָט זיך זשעדנע צוגעקוקט צו דער שטומער סצענע, האָט אַצינד אינגאַנצען פאַרגעסען אויף אַלע איהרע „באַלעזען״, אַ וואָרף געטאָן בײדע קוקערלעך פון די שמאַל־ציגע גריבעלעך, באַלעקט זיך און שוין געהאַט בדעה אַנצוהויבען רכילותן מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. נאָר ס׳איז געשעהן אַ נס. דעם דאָקטאָרס קורנאָסע שטוב־שיקסע, אין אַ ווייסען פאַרטוך, האָט די יענטע אַ רוף געטאָן אין קאַבינעט. מערע האָט לייכטער אָפּ־געאָטעמט און געבליבען זיצען אין ווינקעל איינע אַליין, פאַרווי־קעלט ווי אַ בעל־תשובהטע אין איהר גרויער שטוב־פאַטשיילע.

.2

די אויפגעעפּענט און פאַרמאַכטע טיר פון דאָקטאָרס קאַבינעט האָט אויף איהר אַן אָטעם־געטאָן מיט דעם באַזונדערען געמישטען ריח פון קליינשטעטעלדיגער דאָקטאָריע. מיטן פאַרעלטערטען גערוך פון יאָדאָפאָרם, וואַלעריאַנקע און שלעכטע ציין. אין איהר געדריקטען געמיט איז איהר אונטערגעגאַנגען אַ ניט־גוטקייט פון דעם דאָזיגען ריח, ווי אַמאָל, בשעת טראָגען איהר קינד, אין די ערשטע חדשים...

זיצט זי אַזוי אין דער פאַרנאַכטליכער האַלב־טונקעלקייט און הערט הינטער דער ווייס־אָפּגעפאַרבטען, הילצערנעם טירעל פון קאַבינעט יעדעס וואָרט, וואָס דער דאָקטאָר רעדט צו זיין פּאַציענטקע און אַלץ וואָס די יענטע רעדט אין איהם אַריין. וואונדערט זיך מערע וואָס פריהער, בשעת מושע־זונדעלס איז דאָרט געוועזען, האָט מען קיין פּיפּס ניט געהערט. מסתמא זענען חישין און זונדעלס טאַכטער געווען אַ ביסעלע ווייטער פון קאַבינעט... אפשר גאָר אין שלאָפצימער.

דער וואָרעם וועלכער טאָרעט מערען אין די נעכט, כאַפּט זיך אויף. און עפּעס אַן אונבאַקאַנטע אומרייניגע קנאה ציגדט זיך אין איהר אָן. ווי איבערגוואַלד קריכען איהר אין קאָפּ געדאַנקען, אַז מושע, אָט די אָפּגעפּאָהרענע קראַסאַוויצע, מיט איהרע קיילעכדיגע היפטען און פוסטע אויגען איז פּריי. וואָס זי וויל טוט זי... וויל זי, היילט זי זיך ביים דאָקטאָר אין שלאָפצימער; מאַכט זיך ניט קיין צימעס פון דעם וואָס לייט זאָגען. זאָלען זיי זאָגען! זי איז זונדעלס אַ טאָכטער און שפּייט אויף אַלע שענע לייט...

מערע האָט זיך אַליין געכאַפּט ביי אָט די דאָזיגע מחשבות, און מיט אַ זיסען שווידער פאָרגעשטעלט זיך, אַז דער דאָקטאָר חישין, אָט דער הויכער פאַרזעסענער בחור, מיט דעם שוואַרצען בערדעלע און מיט דער געלבליכער בלאַסקייט פון איידעלען פּנים, ווערט איהר אפשר הייסען אויסטאָן זיך. ער מוז זי דאָך אויסהערען...

כדי צו פאַרטרייבען דעם מאָדנעם שווידער און די ניט־כשרע

מחשבות באמיהט זי זיך אונטערצוהערען ווי די יענטע טענהט זיך אויס מיטן דאָקטאָר.

דעם דאָקטאָרס קול, געלאַסען און ווייך:

— איז „פאַזשאַלעסטע", זיצט רוהיג און דערצעהלט וואָס עס טוט איך וועה!

דער יענטעס קול, פאַרהאַוועט און פאַרזיפצט:

— אַך, גאָספּאָדין דאָקטאָר, פרעגט בעסער וואָס עס טוט מיר ניט וועה! די פיס ציטערען מיר און די הענט טרייסלען זיך מיר. אין די אויערען זשומעט מיר, אין בויך בורטשעט מיר טאָג און נאַכט, און אונטער דער לעפּעלע זויגט מיר. און דאָ, הינטערן רעכטען אויער האָט איך שוין אַ „גוז". און אַליין בין איך, דאַכט מיר, אויך ניט אין גאַנצען געזונט...

דערהערט זיך דעם דאָקטאָרס קול נאָך שטילער, נאָך ווייכער, ווי ער וואָלט דערביי געשמייכעלט אין בערדעל:

— וואָס הייסט „איהר אַליין" זענט אויך ניט אינגאַנצען געזונט?

— א י ה ר, דאָקטאָר, זאָלט ניט וויסען, הײנט ווי אַזוי זאָל א י ך וויסען? אויף דעם שקלאָווער „פערשעל", אָט דעם שוואַרצען „מורזע", און אויף דאָקטוירים געזאָגט געוואָרען, ווי איך ווייס וואָס מיט מיר טוט זיך. זאָל מען זיי שמירען אויף ווייסע חלה אַלע „מאַשצען" (זאַלבען) וואָס זיי פאַרשרייבען מיר. העלפען העלפט דאָס מיר ווי אַ טויטען באַנקעס.

— וואָס טויג איך שילטען דאָקטוירים? דערצעהלט בעסער אַלץ פאָדראָבנע.

— וואָס איז דאָ, ברוך השם, וואָס צו דערצעהלען? אָט ווי איך שטעה אויף אינדערפריה, אַזוי הויבט דאָס מיר אָן, ניט פאַר איך געדאַכט, צו בורטשען אָט דאָ אַ אונטערן בויך: בררר! בררר!... אַזוי ווי זעלצערקע מיט מילך... כאָטש זעלצער־וואַסער נעם איך אין מויל ניט. זאַטשעם (דערנאָך) הויבט דאָס אָן געהן אַרויף צו דער פּאָסילניצע: וואר־אר־אר! וו־וו־וואוי!... אַ וואָיעניש אין קאָפּ, אַז עס ווערט מיר שוואַרץ פאַר די אויגען. אַזוי אַ גאַנצינקען טאָג. אָט זיץ איך דאָך און קוק אויף אייך, מיינט איהר דאָך, אַז איך זעה

אייך? אַלע דאָקט... מיינע שונאים, מיין איך, זאָלען אַזוי זעהען ווי איך זעה. דאַכט זיך ווי קומט דער בויך צו די אויגען?...

— אַט דאָ טוט וועה?

— וואָס דען? עס טוט נ י ט וועה?

— דאָ אויך?

— אפשר ניט? וואָס?

— און ווי איז אייער דופק?

— אַי, דאָקטאָר לעבען, אויף וואָס טויג אייך מיין דופק? קיין קדחת, געלויבט דער אויבערשטער, האָב איך ניט. טוט מיר, זייט מוחל, בעסער אַ טאָפּ אָט דאָ אונטערן אויג. אַ שטעכעניש! די אונ־טערשטע ברעם וואַרפט זיך מיר, וואַרפט זיך, וואַרפט זיך...

— לאָזט זשע אַ קוק טאָן. נעמט צו אייער האַנט! לאָזט!

— אַסטראָזשנע, דאָקטאָר—קוויטשעט די יענטע הינטערן טיר

— ס׳איז דאָך אַן אוי־יג!

— זיצט רוהיג! — דערהערט זיך דעם דאָקטאָרס קול אַבי־סעל גערייצט — ווער וועמען היילט? איך אייך, אָדער איהר מיך?

— אַי, דאָקטאָר־לעבען, איהר לאָזט דאָך גאָר דעם אָטעם ניט כאַפּען, אַ וואָרט ניט אַרויסריידען. וואָס וויל איך דען? איך וויל ברילען? איך לייען נאָך, געלויבט דער אויבערשטער, אָהן ברילען. נאָר זעהט האָט רחמנות! דערקוויקט מיין האַרץ! גיט מיר עפּעס „צום איינבעמען״! וואָרים וואו איהר גיט אַ ריהר און וואו איהר טוט אַ טאָפּ, און איהר גיט אַ פיהר, און־און־און — —

.3

דאָס אינטערעסאַנטע אונטערהאַלטונג הינטערן טיהרעל, צווי־שען פּאַציענטקע און דאָקטאָר, האָט מערען אַביסעל צושטרויט. און ווען ס׳איז געקומען איהר רייהע, די יענטע איז אַרויס און זי איז אַריין אין קאַבינעט, איז זי געוועזן סך רוהיגער. קורץ און געלאַ־סען האָט זי דערצעהלט וואָס מיט איהר איז, ווער זי איז, ווי שלעכט זי שלאָפט ביינאַכט.

דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט מיט יענער באַהאַלטענער נייגעריגקייט פון אַ פאַרזעסענעם בחור, בשעת ער קומט אין דער באַהעלטעניט פון אַ יונגער שטרויענער אלמנה, אונטער פיער אויגען. קוים קוים, אין קרומליכען קוק, איז דאָס געווען צו באַמערקען און... מעהר גאָרניט.

מערע איז אָבער די לעצטע צייט געווען געוואוינט צו אַ גאַנץ אַנדערער אומרוהיגקייט, וואָס זי, מערע, רופט אַרויס כמעט ביי אַלע מאַנסבילען צו וועלכע זי דערנעהנטערט זיך מיט איהר שלאַנקען גוף, מיט איהר וואַרימען אָטעם. כמעט אַלע זיי דערפיהלען גלייך דעם פייער, וועלכער ברענט זי אין די הייסע זומער־נעכט, דעם באַזונדערען ריח פון איהר הויט. אַפילו דעם נייעם נגידס שקאָלע־בחור הויבט זיך אָן צו טאַפּען די נאָז און ציהען איין אויער... אויף אַן עהנליכער מינע ביים דאָקטאָר האָט זי אַצינד געוואַרט, ווי אַ פאַרטאַיעטע קלוגע חיה פון נאָרע אַרויס, און ניט דערוואַרט זיך. דער דאָקטאָר איז געבליבען זעהר קיהל און זעהר לייטיש. געשטעלט פראַגען. ער האָט אַפילו שיער־שיער איינמאָל ניט אַ געניץ געטאָן. דער מויל האָט זיך איהם שוין געווען אויסגעקרימט. נאָר ער האָט זיך פאַרכאַפּט. בלויע קרוהעס זיינען איהם געשטאַנען אונטער די אויגען, און אַ ווייכע מידקייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין געלבליכען אידעלען פנים. ווייזט אויס פון צופיל אויסהערען מושען, זונדעלס טאָכטער...

אַ ווייבערשער פאַרדראָס האָט זיך אין מערען אויפגעכאַפּט: איז זי באמת מיאוסער פאַר אָט דער אָפּגעפּאָהרענער לויפערקע מיט די גראָבע היפּטען?... אַצינד האָט זיך איהר אַליין פאַרגלוסט אויסצופּרובען איהר באַהאַלטענע קראַפט. אָט וועלען מיר זעהן, קלערט זי מיט אַ בייזער שטיפערישקייט, אָט וועלען מיר אַצינד זעהן וואָס ער וועט מ י ר געבען „צום איינעמען"...

זי האָט אויסגעגלייכט איהר איינגעבויגענע פלייצע, געלאָזען אַראָפּגליטשען די שטוב־פּאַטשיילע איבער איהרע קיילעכדיגע אַקסלען. און אויפן גרונט פון דער פאַרנאַכטליכער טונקעלקייט אין קאַבינעט און ביי דער גרויער באַלייכטונג פון פענסטער, איז אַרויסגעשוואומען איהר לאַנגליכער בלאַסער פנים, די קאַרע הייסע אויי־

גען מיט דעם פאַרטאַיעטען טרויער פון אַ וואָלפיכע, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגען פון איהר סטאַדע און פאַרבלאָנדזשעט זיך... פון יע־דען קעהר מיטן קאָפּ, פון יעדען בויג מיטן אַקסעל, האָט אַ וועה־געטאָן מיט דעם איינגעהאַלטענעם פייער אין די איינזאַמע זומער־נעכט.

— ווי געמיין איך בין! — טראַכט זי זיך דערביי — נח זאָל עס געווען וויסען!...

און פונדעסטוועגען חנדעלט זי זיך ווייטער... און אַלץ אַזוי פלינק, כלומרשט — אומגערן, ניט ווילענדיג, אַזוי צו זאָגען...

און באַלד באַמערקט זי די באַקאַנטע אומרוהיגקייט אויף אינם דאָקטאָרס פּנים. ער מאַכט אַ מינע ווי אַלע אַנדערע מאַנס־בילען, וועלכע טרעטען אַריין, די לעצטע צייט, אין איהרע דלד־אמות. די ליפּען האָבען זיך ביי איהם פאַרוואונדערט אויפגעשפּאַל־טען צווישען דער שוואַרצער בערדעל און וואָנסעס, זיין קול איז גע־וואָרען זיסער, זיינע פראַגעס לענגער און קיצעלדיגער: ווי לאַנג געלעבט מיטן מאַן נאָך דער חתונה? ווי לאַנג זי איז שוין איינע אַליין? באַלד אַכצעהן חדשים? אַה?...

פון יעדער ריהר מיט זיין שמאָלער איידעלער האַנט איז גע־וואָרען אַ פאַרשטעלטער קוים־קוים ציטערדיגער גלעט. אַ פרישע באַטיסט־טיכעל האָט ער אַרויסגענומען און באַדעקט מערעס האַרץ איידער אויסהערען זי. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ מין ציטערדיג־קייט פון אַ לייטישען חתן, וואָס באַדעקט זיין כלה פאַר דער חופּה. און צוטוליענדיג איין אויער צום טיכעל און האַרץ האָט ער האַלב־פאַרמאַכט די אויגען. קלאַפּענדיג מיט אַ האַמערעל אונטער איהרעביין־טעלערלעך, אויף די קניע, האָט ער אַביסעל צו שאַרף באַטראַכט איהרע געטאַקטע פויגעלשע פיס ווי זיי שפּרינגען אויף אונטער איהר סיטצענעם זומער־קליידעל. זי איז אַזש רויט גע־וואָרען פונם דאָזיגען קוק און אַראָפּגעצויגען דאָס קליידעל טיפער.

— ס'איז, — מאַכט ער, — גאָרנישט! — און צושמייכעלט זיך כדי צו פאַרמאַסקירען זיין זשעדנע־געוואָרענעם קוק. — ס'זיי־נען נערוועןן... יאָ, ווען קומט אייער מאַן?

זי האָט געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט. נאָר זי רעכענט אין... אין אַ פּאָר וואָכען אַרום.

אַ מין שאָטען איז דורכגעשוואומען איבערן דאָקטאָרס פּנים:

— פאַרוואָס זענט איהר ביז אַהער ניט געקומען? ניט גע־דאַרפט וואַרטען אַזוי לאַנג...

מערע האָט געשוויגען.

— נו — מאַכט דער דאָקטאָר און צושמייכעלט זיך נאָכאַמאָל מיט זיין מאַטען שמייכעל — כ׳וועל אייך עפּעס פאַרשרייבען. און טאָמער וועט דאָס ניט העלפען, קומט, אין עטליכע טעג אַרום, נאָך אַמאָל. איהר... וועט קומען?

מערע האָט אויף דער לעצטער אומגעריכטער פראַגע אויפגע־הויבעןביידע אויגען און דערזעהן דעם זעלבען קוק ווי ביי קוש־קע בראַנד, בשעת יענער האָט זיך צו איהר אַריינגעמאַכט וויג־טער, אינמיטען דער נאַכט. נאָר דער דאָזיקער קוק איז טיפער, שענער, געפעהרליכער...

דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַנצונעמען זי ליב־ליך ביי דער האַנט. ערשט דאָ האָט זיך מערע דערשראָקען און גיך אויפגעשטאַנען פון ברייטען שטוהל. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס שפּיל געהט צו ווייט.

אַרויסגעלאָפען איז זי פונם דאָקטאָרס קאַבינעט מיט אַ רע־צעפּט און מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ אונטער דער פאַטשיילע. זי האָט דערפיהלט, אַז זי איז דאָ געווען אין ניט קיין קלענערער געפאַהר ווי דאַמאָלסט אין דער נאַכט, ווען קושקע בראַנד דער באַלעגאָלע האָט איהר כלומרשט געבראַכט איהר חלק פון דער סעודה... דאָ נאָך געפעהרליכער. וואָרים זי האָט זיך דאָ אַריינגעלאָזט אין אַ שטומען געוועט מיט מושע זונדעל־גאָטס גנבס, מיט אַ לויפערקע. און שיער שיער ניט אויסגעגליטשט זיך אויף דער טונקעלער, באַרג־אַראָפּ שטעגעלע, וועלכע פיהרט פונם דאָקטאָרס קאַבינעט צו זיין שלאָף־צימער...

זי האָט נאָך אין יענעם אָוונט באַשטעלט און איינגענומען די געזאַלצענע רפואה, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהר געגעבען צום שלאָפען. נאָר ס׳האָט אויך ניט געהאָלפען. זי האָט זיך אויפגע־

דעקט און צוגעדעקט און געטאַפּט דעם אָרט אויפן האַרצען, וועל־כען דער יונגער דאָקטאָר מיטן איידעלען געזיכט האָט אויסגעהערט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגען. דער ריח פון יאָדאָפאָרם, וואָס איז געשטאַנען אין דאָקטאָרס קאַבינעט, האָט זיך פון קאָפּ און פון זכרון אַלץ ניט געקענט אויסוועפּען. און ניט פריקרע איז איהר דער דאָ־זיגער ריח געווען, ווי פריהער, ביים אַריינגעהן צום דאָקטאָר, פאַרקעהרט, עפּעס אָנציהענד און מוראדיג קיצעלדיג איז ער אַצינד געווען. אַ מין ווירוד פון שוואַרצע זינד.

— נח! — האָט זי זיך געוואָרפען ווי אָפּגעסמט מיט גאָר אַ נייעם סם פון פאַרפיהרונג און אומריינקייט, — נח! — האָט זי געקריצט מיט די ציין אין הייסען חשך אַריין — דו זאָלסט קומען! דו הערסט? — אַזוי האָט זי עמיצען געסטראַשעט מיט טרוקענע ליפּען. — וואָרים... גאָט ווייסט וואָס פון מיר וועט ווערען. נח! גאָט ווייסט וואָס איך וועל דיר נאָך אָפּטאָן!...

אין יענער נאַכט

.1

אינם זעלבען טאָג, ווען די טויערען פון אָסטראָג האָבען זיך צועפּענט אום אַרויסצולאָזען נח פֿאַנדרען, איז מערע, זיצענדיגער־הייט, איינגעדרעמעלט נאָכן אָנבייסען, און באַלד — אַ כאַפּ געטאָן זיך ווי אַן אָפּגעברענטע... עפּעס אין אַ סטאָג היי ליגט צעוואָרפען אַ דיקע גויע אין אַ רויטען טיכעל, און פֿאַנדרע זיצט אַקעגען איהר, כראָמשקעט אַ גרינע אוגערקע און קוקט אויף דער גויע מיט פֿאַרגאָסענע אויגען...

דאָס האַרץ האָט מערען מוראדיג געקלאַפּט ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט: וואָס איז דאָס עפּעס פֿאַר אַ מיאוסער חלום?... נאָר פּיהלען האָט זי געפיהלט, אַז נח איהר מאַן דערנעהנטערט זיך פון ערגעצוואו, אַז היינט וועט ער געוויס קומען. הייסט דאָס: דער תּנכניק איז פֿאָרט געווען גערעכט. פּונקט דרייסיג טעג זענען היינט געוואָרען זינט ער האָט איהר „געטראָפען”... דאָס איז געווען יענער געפיהל, ביי אַ ליידענשאַפטליכער פּרימיטיווער נאַטור, וואָס גיט זיך איבער אויף ווייטע שטרעקען; ווי דער ריח פון זכרים און נקבות אין די גרינע פּלאָנטערנישען פון וואַלד, ווי די אומרוהיגקייט פון וואָגלענען וואָס גיט זיך איבער, אָסיען־צייט, אַלע וואַנדער־פויגלען. אַפילו די, וואָס זיינען פֿאַרשלאָסען אין אַ שטייג.

מיט איהר קינד אויף די הענט איז זי אַוועקגעלאָפען צום ברעג דניעפּער און מיט אַ נאָגענדיגען געפיהל פון בענקשאַפט —

באגעגענט און ארויסבעגלייט אלע אנגעקומענע און אוועקגעפאהרע־נע פארעכאדען. די היצען פון חודש אב האבען אבער אויסגעטריקענט די וואסערען אין טייך. דער גרויסער פארעכאד פון דעם קא־פוסטער רבין איז איינגאנצען ניט געגאנגען. געלעגען ערגעצוואו אויפן אנקער אין מאהליוו. און אפילו די קלייגע פארעכאדען פון דער גויעשקער „קאמפאניע" זיינען געקראכען אינמיטען דניעפער ווי די שלעפ־בארזשעס. און שקלאווער אידען, וואס האבען געהאט עפעס איילינ, זיינען אוועקגעפאהרען קיין מאהליוו און קיין ארשע מיט פוהרלעך. ניט קיין שלעכטע טעג האבען באלעגאלעס געהאט.

אין זונדעל־גאטס־גנבס הייזקע האט מען זיך געפאקט און אויף א געדונגענער ברעטער־פוהרעל געלאדען. דרייזע, קאפעלס שטרויענע אלמנה, מיט איהרע צוויי קינדערלעך, האבען זיך דאס געקליבען פאהרען צום מאן און טאטען אויף „פאסעלעניע". די באבע טעמע, זונדעלס אידענע, האט זיך געווישט די מאנסבילשע באז און די פארטרערטע אויגען מיטן פארטוך. דרייזע האט געקווי־טשעט, די קינדער האבען זיך געפלאנטערט אונטער די פיס. מו־שע, די אפגעפאהרענע שענהייט, האט מיט א שטעכעדיגען קוק און מיט אנגעבלאזענע פליישיגע ליפען באגעגענט מערען, דאס האט געזאלט הייסען: „נו, צנועה מיינע, ווי איז עס געווען ביי דאקטאר חישין?" נאר מערעס קוק האט איהר צושטרויט אפגעענטפערט: „האלט זיך דיר דיין מציאה! איך האב אנדערע דאגות..."

איין זונדעל גאטס־גנב איז געווען פרעהליכער פאר אלעמען. אן אונטערגעגארטעלטער האט ער געקנאקט מיט דער בייטש אי־בער די קעפ פון זיינע אייניקלעך, כלומרשט כדי אנצושרעקען זיי. און אין דער אמתן, כדי אליין א ביסעל א שפיל טאן זיך. דאס קנאקען פון דער בייטש האט איהם דערמאנט זיינע יונגע יאהרען, ווען ער איז נאך ניט געווען צוגעבונדען צו די שווערע קאשי־קעס מיט עסענווארג, אויף ביידע ארעמס, פאר שקלאווער פאסא־זשירען; ווען ער האט נאך געטריבען פערד אויף יארידען, גע־שפייט אין די דלאניעס, געשווארען זיך און געפליאסקעט ציגיינער אין די הענט אריין.

מערע האט געפיהלט, אז זי איז דא היינט איבעריג. נאר איהר

אומרוהיקייט און איהר שווער געמיט, נאָכן ניט־גוטען חלום, האָט זי געצוואונגען — רייבען זיך אָרום באַקאַנטע מענשען, טוליען זיך צו דער פאַרהאַוועטער הייזקע.

דרייזע און מערע האָבען זיך אויך אָנגעקוקט. איין מזל דאַכט זיך האָט זיי פאַראייניגט, אויסגעגליכען זיי. צווי וואָלפּיכעס, ביידע אויסגעהונגערט נאָך די געזונטע, פאַרוואָגעלטע און פאַרשפּאַרטע מענער. מיט איין אונטערשיד, וואָס מערע וואַרט דאָ אויף איהם, ער וועט קומען צו איהר, און דרייזע פאָהרט אַוועק צו איהר „וואָלף״, אויף וויטע פאַרשנייטע וועגען אין סיביר. חדשים־לאַנג מוז זי זיך נאָך שלעפּען מיט פוהרלעך און מיט אייזענבאַהנען, נאָכשפּירען דעם ריח פון וואָלפס לאַפּעס אין שניי. און די וועלפע־לעך איהרע וועלען נאָכלויפען און וואָיען... יאָ, אויך צווישען איין אומגליק און צווייטען איז דאָ אַ גרויסער חילוק; אויך אין אומגליק איז דאָ וואָס מקנא צו זיין... און מערע האָט די דאָזיגע קנאה קלאָר געלייענט אין דרייזעס ניט־פריינטליכע אויגען.

ווען דער פינף־אַזייגערדיגער פאַרעכאָד איז אָנגעקומען פון מאָהליוו און פאָנדרע איז ניט אַראָפּגעגאַנגען, האָט זיך מערעס פנים אויסגעצויגען. און אין דרייזעס אויגען האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ צופרידענער „אַהאַ״־פייערל. זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פון אַ זלידנעם שמייכעלע, בשעת זי האָט מערען אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי? קומט ער היינט דיין נח, צי ער קומט ניט?

מערע האָט דערפיהלט די פאַרטאַיעטע שמחה אין דרייזעס פראַגעלע און האָט איהר אויף צו להכעיס אָפּגעענטפערט מיט אַ שטייפען קול:

— ער קומט אויף געוויס.

דרייזע איז שווער אַרויפגעקראָכען אויף דעם אָרימען פוהרעל, און מיטן ברייטען געזעס, ווי אַ קוואָקוכע, אַריינגעזעצט זיך אין דער פאַרבונדענער פערינע מיט ביידע קינדער ביי די זייטען — צווי פּיפּסענדיגע פּיסקליאַטעס. אַריינגעזעצט זיך און מיט אַ באַ־זונדער באַטאָנונג אַ קוואָקצע געטאָן צו מערען:

— ער וועט שוין, מסתמא, היינט ניט קומען דיין נח!

— פונוואַנען ווייסטו דאָס עפּעס? — האָט זונדעל אומגעדרעהט

צו זיין שנור צווי רויטליכע בייזע קוקערס. ער האָט איהר דערביי געמאַכט אַ שטומען צייכען — זי זאָל זיך מעהר ניט רייצען מיט מערען.

אָבער דרייזע האָט זיך געמאַכט אַז זי זעהט ניט. און ווי אַ געניטע אשת־חיל פון אַ גנב, וואָס ווייסט אַלע ענינים פון אָס־טראָג, האָט זי זיך גאַנץ געלאַסען געמאַכט אַ זינגענדיגען פירוש צו איהר מיינונג:

— פון אָסטראָג געהט מען אַרויס ראַנעצקע אַ זייגער זעקס. לאָמיך זאָגען, אַז צום ערשטען פאַרעכאַד האָט ער פאַרשפעטיגט. איז ער אַרויסגעפאָהרען אַ זייגער אַכט אײנדערפריה. זעקס שעה געהט דער פאַרעכאַד אַקעגען וואַסער — וואָלט ער שוין דאָ גע־דאַרפט זיין אַ זייגער צוויי...

זונדעל האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין זיינע לאַנגע פעטע האָר פון אַ לאַטיש: גערעכט איז זי גערעכט, די גנבטע, נאָר צוליב וואָס מצער זיין סענדערס טאָכטער?

— זעה נאָר, — רופט ער זיך אָפּ ניט צו דער שנור, ניט צו מערען—זעה נאָר צי קומט ער ניט אָן מיט אַ פוהרעל פון „אונטער־באַרג"...

מערע האָט צו איהם, אויף דער קעלניע, אַרויפגעקוקט מיט דאַנקבאַרע אויגען.

— ער וועט ג ע וו י ס קומען! — האָט זי צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ.

— וויאָ! — גיט זונדעל אַ פאָך מיט דער בייטש. דאָס פוה־רעל מיט קאָפּעלס בעבעכעס און מיט דין משפחה ריהרט זיך פון אָרט.

— שאַ! — דערמאָנט זיך זונדעל און דרעהט אויס דעם קאָפּ צו מערען — מיר פאָהרען דאָך אויך דורכן „אונטערבאַרג" צום שליאַך. עס קען זיין מיר'ן נאָך איהם באַגעגענען...

און דאָס פוהרעל ווערט צעשוואומען אין אַ וואָלקען פון שטויב.

.2

פאַר וועטשערע איז אָנגעקומען דער לעצטער פאַרעכאַד. נח פאַנדרע איז מיט איהם אויך ניט געקומען. מיט אַ פאַרצווייפעלטער איינגעשפאַרטקייט האָט מערע דורכגעלאָזען יעדען פאַסאַזשיר באַזונדער. און אַז די קלאַטקע איז געפאַלען און דער פאַרעכאַד האָט זיך אָפּגעריסען פון פריסטאַן און אַוועק, איז נאָך מערע אַלץ געשטאַנען מיט אויסגעלאָשענע אויגען, אַ פאַרגליווערטע אין איהר אַנטוישונג.

די ערשטע רגע, ווען זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז שטעהן אַזוי ווי אַ גולם איז קיין תכלית ניט, האָט זי זיך געוואָלט לאָזען לויפען צום תנכ׳ניק אויסזידלען איהם. ער האָט דאָך געזאָגט אַ „מאַנאַט״, האָט ער דאָך געזאָגט. פון אַ סדרה אין חומש דערוויזען... נאָר באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אָן זונדעל גאָטס-גנבס טרייסט-ווערטער, אַז נח האָט אפשר גענומען אַ פוהרעל און קומט מיטן שליאַך. אויב אַזוי מוז ער שוין לאַנג זיין אינדערהיים און וואַרט, אפשר, אויף איהר...

דאָס האַרץ האָט איהר גענומען צאַפּלען צווישען האָפנונג און פאַרצווייפלונג. ווי מיט צוויי וואַרימע פליגלען האָט זי אַרומגענומען איהר עופעלע מיט די פאַלעס פון איהר שטוב-פאַטשיילע און געלאָזען זיך לויפען אַהיים, שטעלענדיג פיס, ווי אַ דערשראָקענע פויגעל מיט אונטערגעשניטענע קרילעס, אויף קיינעם ניט אומקוקענדיג זיך.

די אַלטע פינסטערניש האָט זי געטראָפען אין שטוב, די אַנדערט-האַלבען-יאָהריגע פאַריתומטקייט. סענדעריכע איז ערשט געקומען פון מאַרק און קאָכט עפּעס אין אַ פאַררויכערט פענדעלע אויף אַ דרייפוס, איבער אַ פאַנאַנדערגעלעגטען פייער פון שפענדלעך. די שפענדלעך קנאַקען, סענדעריכע האַלט אַריינגעשטעקט אַ פינגער אין באַק, טרויעריג שטעהט זי אַזוי און אָווענטליך פאַרקלערט. דער פייער באַגיסט זי מיט אַ ציטערדיגער ליכטיגקייט פון איין זייט. דערזעהענדיג מערען גיט דאָס פייערל, אויפן פריפּיטשאָק, אַ שטעק-

אַרויס אַ „ציגעל" צו מערען און בייז אַ וואונק פון צווישען די הייסע קויהלען, ווי דרייזע די גנבטע:

— ער וועט שוין מסתמא היינט ניט קומען, דיין נח!

סענדעריכע האָט גלייך דערזעהן דער טאָכטערס פאַרצווייפעל־טע מינע, איהר טאָן אַ וואַרף דאָס קינד אין וויגעלע. איהר אַוועק־זעצען זיך, ווי אַ בליי, אויף אַ שטול; און האָט זי גענומען מוסרן:

— וואָס האָסטו זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז דוקא היינט וועט ער קומען? פאַרוואָס ניט מאָרגען? און וואָס איז די סכנה אַז איבערמאָרגען?

— אַז איך האָב שוין מעהר קיין כוח ניט! — צורעוועט זיך זיך מערע און פאַרדעקט דעם פּנים מיטביידע הענט.

— נישקשה! — רופט זיך אָפּ די מאַמעלע — וועסט גאַנץ זיין!

זי פאַדיעט אַרום איהר טאָכטער, האַלב־באַלויכטען פון פייערל. זי זעהט אויס ווי אַ מעשענע, אַ באַבעלע פון אַלטען, פאַרשוואַרצטען, פאַרקנייטשטען מעש, אָפּגעפּולירט מיט זאַמד נאָר פון איין זייט... זי אַליין איז מעש, און איהרע ווערטער — מעשענע, זיי בעמען ניט.

טרויעריג ציהט זיך די אָרימע וועטשערע אין דער האַלב־טונ־קעלקייט, — און מיט אַמאָל ווערט אויף דער גאַס אַ הודזשעריי. קולות לויפען זיך צוזאַמען אין איין אויפגערעגטען גערייד. מען קוקט אַרויס פון פענסטער — ערשט ערגעצוואו ווייט, איבערן „אונטערבאַרג", ברענט עס און עס רויכערט. די פרייע פּאַזשאַר־ניקעס, שכנים פון דער גאַס, כאַפּען לויפען מיט די העקעלעך אין די גאַרטלען. אַ פוהרעל צעטראַסקעט זיך מיט איהרע ניט־גלייכע רעדער. אַ באַלעגאַלע טרייבט אָן דעם פערדעל, שטעהענדיג אין וואָגען. און ניט מיט אַ בייטש נאָר מיט די לייצעס טרייבט ער אָן: וויאָ־וויאָ!... דאָס גיט צו דער גאַס מעהר צורודערטקייט און דעם ווייטען פייער מעהר וויכטיגקייט, מעהר געפאַהר.

דאָס ערשטע געפיהל ביי מערען, דערזעהענדיג דעם ווייטען פייער, איז אַ גרויזאַמע פרייד אויסגעמישט מיט אַ ווילדען גלויבען: באַלויכטען מיט אַ שרפה איז פּאַנדרע אַוועק פון איהר, מיט אַנדערט־

האַלבען יאָהר צוריק, און דורך פייער פון אַ שרפה וועט ער היינט קומען צוריק... איהר אויפרעגונג וואַקסט צוזאַמען מיט דעם רויטען פלאַם איבערן „אונטערבאַרג״.

— ער וועט קומען! — רייסט זיך ביי איהר אַרויס ניט־ווי־לענדיג און מיט אַ מאָדנעם קול פון אַ בויך־רעדנערין — אַט וועסטו זעהן, מאַמע! ער וועט היינט קומען!...

— דו ביסט שוין גאַר משוגע! — צושרייט זיך די מאַמעלע— טפו זאָלען מיינע שונאים ווערען! אידען ברענען און דו — וואָס רעדסטו וואָס?

און באַלד קעהרען זיך אום די אָקאָרשט אַוועקגעלאָפענע פאַ־זשאַרניקלעך מיט די העקעלעך אין די גאַרטלען. „וואָס איז?״ פרעגט מען זיי, „וואָס עפּעס אַזוי גיך?״

— עט, — ענטפערן זיי — עס ברענען ניט קיין הייזער. עס ברענט דער וואַלד.

— נו יאָ, — פרעהען זיך אידען — טאָ זאָל דער פּריץ זאָרגען!

מערעס באַגייסטערונג פאַר דער שרפה קיהלט זיך גלייך אָפּ. אַצינד וואַקסט אין איהר אַ פּאַרטאַיעטער שרעק: אויב פּאַנדרע קומט מיטן מאַהליווער שליאַך איז איהם דער וועג אָפּגעשניטען. דער וואַלד שטעלט זיך אַקעגען. דער פייער לאָזט איהם ניט צוקומען צום שטאָט... געפרעהט האָט זי זיך איבער אַ פרעמדע שרפה. און אַט איז זי שוין באַשטראָפט.

אַ צוטראָגענע, מיט דער שטוב־פּאַטשיילע איבערן קאָפּ, לאָזט זי זיך אַוועק איבער דער טונקעלער באַרוהיגטער גאַס. שפּאַצירט זיך דורך אויפן ברעג אָזערע איין מאָל און צוויי מאָל. דער אָפּשיין פון רויטען פייער אין שוואַרצען וואַסער — אַט וואַקסט ער אויס און אַט ווערט ער קלענער און קלענער, דערווייטערט זיך. ווייטע, זעהר ווייטע מענשליכע קולות דערגרייכען אַהער פון „אונטער־באַרג״ שווימען איבערן שוואַרצען וואַסער און הערען זיך אַן ווי אַ פּיפּסען און אַ טרייסלען פון פויגלעך:

„סי, סי! מיר האָבען מורא...״ סי־סי! מיר שטעהען אויף דער וואַך. האָט קיין מורא ניט!״...

אַ טויט־מידע קעהרט זי אום אין שטוב, וואַרפט זיך אַריין, ניט קיין אויסגעטאָנענע, אין בעט. נאָר די מאַמע דערלאָזט ניט.

„הער אויף מיט דיינע משוגעתן, מערע! טו זיך אויס!״...

זי טוט זיך אויס אַ פאַרשלאָפענע, ווי אין היגערפלעט. אָט־אָט שלאָפט זי דאַכט זיך איין. נאָר דער פייער פון וואַלד, זיין אָפשפיג־לען זיך אין דער שוואַרצער אָזערע, די אומרוהיגקייט פונם גאַנצען טאָג, איהר אַנטוישטקייט און קומער זידען ווי אַ געמישטער גיפט אין אַלע איהרע אָדערען. זי שלאָפט און שלאָפט ניט. זי וואַרפט זיך און פיבערט. דער צוריסענער חלום פון היינט ביטאָג, נאָכן אָנבייסען, חזרט זיך איבער, נאָר אַ ביסעל אַנדערש. דער סטאָג היי, וואו די צולאָזענע שיקסע האָט זיך געוואַלגערט, ברענט אַציגד. נח פאַנדרע אַנטלויפט און די שיקסע קוקט זיך אום און כאַפט נאָכ־לויפען. „נח,נח!״ — שרייט זי. און נח לויפט אַ פאַרסאָפעטער אַ דערשראָקענער. וואָרים די צעפּאַטעלטע האָר פון דער נפקא זיי־נען ווי דער פייער איבערן וואַלד... ער לויפט ראַטעווען זיך פון איהר און פאַלט אַנידער מיטן קאָפּ אין טיר פון פירהויז: טראַסק! און חלשט... דערשרעקט זיך די מאַמעלע אויף דער לעזשאַנקע, הינטערן פאַרהאַנגעל:

— מערע, מערע! דייך מאַ—אַן!

מערע גיט זיך אַ כאַפּ אויף פונם דאַזיגען קול און זעצט זיך אין בעט.

— מאַמע! — שרייט זי און ווייסט ניט אויף וואָסער אַ וועלט זי איז — דו?

— נח איז דאַכט זיך געקומען! — ענטפערט איהר דער כאַ־מעלעס קול — מ׳האָט געקלאַפּט...

— נח איז געקומען! — חזרט איבער מערע ווי אַ באַנומענע און ריהרט זיך ניט פון אָרט...

— זיי ניט משוגע, — בייזערט זיך סענדעריכע הינטערן פאַר־האַנגעל — געה גיב אַ פרעג!...

דער קלאַפּ אין פירהויז חזרט זיך איבער.

ערשט דאָ קוקט זיך מערע אַרום, אַז ס׳איז ניט קיין חלום. און מיט איין שפרונג, אַ באָרוויסע, אין איין העמד, איז זי שוין אין פיר־

הויזביים ריגעל. נאָר איין רגעלע דוכט זיך איהר נאָך אויס, אַז הע־רען האָט זי אָקאָרשט געהערט דעם אָפּקלאַנג פון קושקע־בראַנדס קלאַפּען אין טיר, ווי אין יענער ווינטער־נאַכט נאָך דער סעודה... גיט זי שטיל און דערשטיקט אַ פרעג:

— נח... דו? דו?

.3

אינם ערשטען טומעל, ביים שיין פון נאַכט־לעמפּעלע, איז פאַנדרע אָנגעקומען אויף זיין ווייב ווי אַ רוח, וואָס איז געקומען איבערשרעקען דאָס לעכצען נאָך איהר מאַן, אָפּלאַכען פון איהר בענקשאַפט. ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ מין ברודיגער מאַסקע. אינגאַנצען פאַררויכערט, פאַרסמאַליעט און אויסגעשמירט אין אַש פון דער וואַלד שרפה, וואָס ער האָט שעות־לאַנג געלאָשען. עס האָט געשמעקט מיט סמאַלענעס פון זיינע וואָלענע ווינטער־קליידער און מיט דעם רויך פון פעכיגע נאַדעל־בוימער.

ווי די פאַרטזעצונג פון בייזען חלום האָט דאָס מערען אויסגע־זעהן. און אפשר איז גאָר נח אין אָסטראָג ניט געזעסען? אין דער שרפה אַריין איז ער מיט אַ סך חדשים צוריק אַוועק פון איהר און פון דער שרפה איז ער אַצינד געקומען אַ פאַרסמאַליעטער. עפּעס זעהר אַ לאַנגע שרפה!... דער טאַטע ר' סענדער איז דערווייל אומגעקו־מען. אַ קינד איז געבאָרען געוואָרען.

פון דער גאַנצער שוואַרצקייט און פאַררויכערטקייט האָבען נאָר ליבליך, ווי בלימעלעך אויף אַ רויער ערד, אַרויסגעקוקט זיי־נע גרויע און פרישע אויגען. נאָר ז י י האָבען מערען אָנגעקוקט אַביסעל היימישער, אין האַרצען אַריין געטראָפען איהר. אַזוי אַז זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע הענט:

— נח, שוין ווייטער געלאָשען שרפות? ווייטער?

פאַנדרעס אויגען האָבען טרויעריג אַ שמייכעל געטאָן פון דער ברודנער מאַסקע. ער אַליין האָט געשוויגען.

— און דיין ווייב פֿאַרגעסען? — האָט זיך מערע ניט געקענט באַרוהיגען. — ווי לאַנג געהסטו שוין פֿון מאָהליוו?

נח האָט פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגען:

— פֿון זעקס אינדערפֿריה...

מערע איז ווילד געוואָרען. פֿון איהר גאַנצע ליבשאַפֿט און אומגעדולד איז געוואָרען איין ווייבערישע פֿאַרביטערונג. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פֿון וויגעלע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פֿון טומעל און צעשריען זיך, און געשטופּט דאָס שרייענדיג קעפּעל אין נחס פֿאַררויכערטען פּנים אַריין, ווי אַ לעבעדיגען פֿאַרוואורף געשטופּט:

— נאַ, נאַ! אַן דיין קינד אויך פֿאַרגעסען!

נח האָט אַנגעקוקט דאָס איהם אומבאַקאַנט נפֿשל און ניט געוואוסט וואָס ער זאָל דאָ טאָן. מערע האָט זיך אַלץ געקאָכט:

— צוליב אַ שׂרפֿה האָסטו זיך אומגליקליך געמאַכט און קריכסט ווידער אין פֿייער. אַזוי לאָזען מיך וואַרטען! נח, נח!

וואָס האָט ער דאָ געהאַט וואָס צו ענטפֿערען — פֿאַנדרע? אין האַרצען האָט ער דאָך גוט געוואוסט, אַז געלאָשען האָט ער דעם וואַלד איבער אונטערבאַרגער ישוב, ניט צוליב איבריגע צדקות, נאָר כּדי צו פֿאַרלעשען, פֿאַר איינע הוצאות, זיין ברענענדיגען פֿאַרדאַכט געגען מערען און זיינע זינד מיט יעקאַטערינושקאַן.

—מ...מע־ר־ע, — האָט ער גענומען שטאַמלען ווי אַמאָל אין די חתן־בחורישע צייטען, — אַט זאָל איך שטאַרבען... אַט דאָ אויף אַן אָרט...

נאָר פֿון זיין שטאַמלען, פֿון זיין נאָכגיביגקייט איז מערע נאָך אויפגערייצטער געוואָרען. די ווילדע קאַץ פֿון פֿאַר דער חתונה האָט זיך אין איהר אויפגעכאַפּט. דראַפּען זיך האָט זיך איהר פֿאַרוואָלט, אָפּרעכענען זיך פֿאַר איהרע יסורים אַ גאַנצען טאָג, פֿאַר אַלע פֿאַרוואָגעלטע נעכט:

— אַ האַרץ פֿון אַ טאַטער האָסטו. אַט!... שוויג שוין בעסער.

ביז סענדעריכע האָט מעהר ניט אויסגעהאַלטען אַזאַ ברוך־הבא און צושריען זיך אויף איהר טאָכטער:

— גיט נאָר אַ קוק ווי זי האָט זיך דאָס צעקוויטשעט! אַפּריהער

אומגעלאָפּען ווי אַ פאַרסמטע מויז... אַצינד -- ש"ס תחינות לייענט זי איהם. גיב איהם בעסער אַרומצוואַשען זיך און לאָז איהם אָט־כאַיען זיך לאָז איהם!...

דער מאַמעס ניכטערער קול האָט אָפּגעקיהלט מערעס כעס. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר מאַמעלען, אַ קוק געטאָן אויף איהר מאַן, און די אונטערשטע ליפּ האָט בּיי איהר אָנגעהויבען שפּרינגען. זי האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר איהר ווייבערישער אכזריות צו באַגעגענען אַזוי אַ מאַן וואָס קומט פון אָסטראָג, נאָכדעם ווי זי אַליין איז אַזוי אויסגעגאַנגען נאָך איהם. זי האָט ניט געוואוכט, אַז דאָס קומט אָפּטמאָל פאַר מיט איבערגערייצטער בענקשאַפט, מיט איבערגעברענטער ליבשאַפט, ווען פון קוש ווערט אַ ביס, און פון פייער — אַ ביטערער רויך...

אַ שטראָם טרעהרען האָט זיך איהר אַ גאָס געטאָן פוןביידע אויגען, און וויינענדיג אַזוי, אָבער מיט אַ לייכטערען האַרצען, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אין וויגעלע און געלאָפען אין דער פינ־סטערער פירהויז נאָך וואַסער.

סענדעריכע האָט זיך געשטעלט ביים פּריפּעטשאָק קאָכען טיי אויפן דרייפוס מיט שפענדלעך, און מערע האָט נחן געהאָלפען אַראָפּ־צוואַרפען פון זיך זיין שוואַרצע העמד, אָנטבלויזט איהם ביזקעל גאַרטעל. דערנאָך האָט זי מיט אַ ליבליכער בייזקייט אַראָפּ־געבויגען זיין פאַררויכערטען קאָפּ איבער אַ ליימענעם שיסעל וואַ־סער. זי האָט איהם אַצינד באַהאַנדעלט ווי אַ גרויסען אינגעל אַ מזיק, וואָס איז דורך דינע שטיפעריַען אַריינגעפאַלען אין בלאָטע און זי, אַ פאַרנומענע מאַמע, מוז איהם רייניגען אינמיטען דער נאַכט.

אָבער באַלד האָט זי מיט איהרע לאַנגע דלאָניעס דערשפּירט נחס האַרטען קאַרק, די פעסטקייט פון זיין אָפּגעבּרענטען האַלז, און האָט אַזש די ליפען פאַרביסען פאַר אויפגעבּרויזטער ליבשאַפט.

— מיין מאַן, מיין מאַן, — האָט זי וואַשענדיג און זייפענדיג איהם געשעפּטשעט, — געזונט זאָלסטו מיר זיין...

זי האָט איבערגעביטען דאָס שוואַרץ געוואָרענע וואַסער, און מיט יעדען נייעם וואַש, וואָס זי האָט געטאָן, איז עפּעס ווי אָפּגעע־שווינקט געוואָרען אַ ניט־ריינע מחיצה צווישען זיי ביידען. ווי

אַ מוטנעקייט אויף אַ פֿאַרפֿרוירענער שויב איז עס צוגאַנגען. פֿון שוים און וואַסער־שפּריצען און שעפּטשעניש האָט זיך אויפֿגעהויבען נחס נאַסער קאָפּ, זיין אָפּגעברענטער האַלז, זיין רויט־אָנגעלאָפֿענער פּנים מיט די אינגעלשע אויגען, זיין מעכטיגע ווייסע ברוסט מיט מאַנסבילשע ציצען וואָס זיצען האַרט אין צוויי פלאַכע לאַבּענס פֿון פֿאַרטאַיעטע מוסקולען. אַ האַלב־נאַקעטער אָדם איז געשטאַנען אינ־מיטען דער נאַכט פֿאַר אַ בלאַסער חוה אין העמד.ביידע פֿול מיט באַגעהר און פֿאַרשעמט, ווי פּ אָ ר דעם ערשטען זינד. די אומגעדולדיגע שלאַנג האָט שוין אויפֿגעהויבען דעם גיפֿטיגען קאָפּ פֿון אונטער די בלעטער. נאָר דערזעהענדיג סענדעריכען, ביים פֿייערעל פֿון פּויפּעטשאָק, האָט זי זיך דערשראָקען און צוריק באַהאַלטען זיך.

נאָכן אָפּטרינקען אַ טעפּעל געלבליכען טיי האָט זיך סענדעריכע, שטילינקערהייט, אַוועקגעמאַכט הינטערן פֿאַרהאַנגעל, וואָס זעהט אויס ווי אַ גרויסער פֿאַרטוך. אויף איהר געלעגער אַרויפֿגעקראָכען. און מאַן און ווייב האָבען זיך ווידער אָנגעקוקט פֿאַרשעמטערהייט ביים שיין פֿון לעמפּעל. אַזוי האָבען זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף מערעס צעוואָרפֿענער בעט. די פֿרוכט פֿון גן־עדן האָט געוואונקען צו זיי און ביידע, ווי פֿאַרזינדיגטע, האָבען קיין מוט ניט געהאַט אָנצוריהרען זי. אָה, ניט אַזוי האָבען זיי ביידע דערוואַרט זייער ערשטע באַגעגעניש נאָך אָנדערהאַלבען יאָהר. שטורעם האָבען זיי דערוואַרט און בליצען. און דאָ בלאָזט גאַר אַ לינדער ווינטעל. און טרויעריגע שאָטענס שאָקלען זיך פֿאַרקלערטערהייט.

4.

פֿאַנדרע האָט פֿאַוואָליע אויסגעשטרעקט זיין האַרטען בינטעל פֿינגער, אָנגעריהרט מערעס שלאַנקען לייב און באַלד צוגעכאַפּט די האַנט. ער האָט דאָס געטאָן, ווי אַ קינד וואָס האָט זיך שוין איינמאָל אין לעבען אָפּגעברענט, און פּרובט אַצינד דאָס פֿייער נאָכאַמאָל צי עס שרפֿ׳עט נאָך, צי ניט.

און באַלד נאָכן ריהר האָט אין איהם אויפגעפלאַקערט אַדמס שנאה וואָס האָט ניט קיין נאָמען. די זעלבע שנאה, וואָס האָט אין איהם געברענט די גאַנצע צייט, זינט ער האָט דערהערט דרייזעס ערשטע רכילות אויפן שליאַך. זיס און גיפטיג האָט איהם גערייצט מערעס לייב אונטער איהר העמד. עס וואַרימט און עס ברענט זיך. איז ער אַזוי געבליבען זיצען לעבען איהר, ווי אַ דורשטיגער לעבען אַ קוואַל, וועלכער ווייסט, אַז דאָס כלומרשט־קלאָרע וואַסער איז פאַרסמט. ער האָט זיך אַזש פאַרביסען אַ ליפּ פון טיפען ווייטאַג. אַפריהער, ביי זיין אָנקומען, איז מערע בייז געווען. איצטער — ער. ווי אַ וואַלד־פייערל אין פייכטען מאָך האָט דאָס אין איהם געטליעט. און דאָ, אויף מערעס בעט, אויפגעפלאַקערט, ווי פריהער די וואַלד־שרפה.

— זאָג! — אַזוי האָט ער, בלייך־ווערענדיג, פּלוצלינג אַ כריפּ געטאָן. — וואָס איז דאָ געווען מיט קושקען?

מערע האָט גלייך געכאַפּט און איינגעוויקעלט זיך אין קאָל־דרע. קאַלט איז איהר מיטאַמאָל געוואָרען און איהר נאַקעטקייט האָט זי אויך דערפיהלט. ווי אַ דערשטיקטע האָט זי קוים־קוים אַרויסגערעדט:

— האָסט שוין געהערט?

— געהערט? — האָט איהר פאַנדרע גראָב איבערגעקרומט — גאַנץ שטאָט ווייסט.

— נו, איז ווייסטו דאָך.

מערעס קול הערט זיך אַצינד אָן פאַרקלעמט, אָבער רוהיגער.

— כ'ווייס גאָרנישט, — פאַלט ביי זיך פאַנדרע אַראָפּ — מ'זאָגט, דו האָסט איהם אײנמיטען דער נאַכט געשלאָגען, אָבער —

— וואָס אָבער?

— איינע אַליין ביסטו אין שטוב געווען, צוליב וואָס... לכתחי־לה אויפמאַכען איהם?...

מערע קלערט אַ ווײלע. דערנאָך ענטפערט זי שטיל, אָבער שטייף:

— געשלאָגען... יאָ. כ'האָב איהם אָבער געוואָלט אויך... שפּע־טער, אַז ער איז אַנטלאָפען. דאָס ווייסטו ניט. איז אָט זאָג איך דיר...

— געוואַלט אויך... — חזרט פֿאַנדרע איבער ווי אַ ווידער־קול, און דאָס בלוט שלאָגט איהם אין די שלייפֿען.

ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ ווי אַ בייק, וועלכען מ'האָט דער־לאַנגט מיט אַ שייט־האָלץ צווישען די הערנער. נאָר מערעס קול קלינגט אויף, עפּעס גאָר אינמיטען דערינען, מיט טרערען אין האַלז. זי בענשט איהם גאָר:

— נח מיין מאַן! געזונט זאָלסטו מיר זיין.

פֿאַנדרע קוקט זי אָן מיט פינסטערע אויגען. ער פֿאַרשטעהט ניט די סמיכות־הפּרשות צווישען אַזאַ שטייפֿען מודה זיין זיך און צווישען אַזאַ ליבשאַפֿט. פרעגט ער איבער הייזעריג און צווייפֿלענ־דיג:

— מעהר ניט ווי געוואַלט?

— נח, נח, — צעוויינט זיך מערע שטילערהייט, — ניט נאָר איהם אַליין... דעם אַפּטייקער וואָס האָט מיר פריהער געשריבען צו דיר די אַדרעסען האָב איך אויך געוואַלט... אַפילו דעם נייעם נגידס אינגעל האָב איך געוואָלט... געריצט איהם...

— געריצט איהם... — זאָגט נאָך פֿאַנדרע ווי אַ ווידערקול.

— חישינען, — רעדט מערע ווייטער מיט אַ קול פון ווידוי פאַרן טויט, — חישין דעם דאָקטאָר — אויך... כ'האָב אַפילו אָנ־געטאָן אַ פרישע העמד ווען איך בין געגאַנגען צו איהם. אַרומגעזייפט דעם האַלז...

— אַרומגעזייפט דעם האַלז...—זאָגט נאָך נח ווי אַ פאַרטשאַדע־טער.

— און צוליב וואָס אַ נייע העמד? — גיט ער זיך הייזעריג אַ כאַפּ.

— כדי איהם בעסער געפעלען ווערען...

נח לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ. און מערע בענשט איהם ווי־דער, איהם און זיין קומער. מיט אַ קול פון געבעט ווינשט זי איהם און עפּעס גאָר ניט צו דער זאַך:

— מיין מאַן, מיין מאַן. געזונט זאָלסטו מיר זיין!

זי ציהט אויסביידע אָרעמס. זי וואָלט איהם געוואָלט אַרומ־

נעמען, און כאַפּט זיי צוריק אַוועק, ווי אַ זינדיגע, וואָס איז ניט ווערט אַרומנעמען אַזאַ צדיק...

— אַז דו ווייסט ניט, — אַזוי מורמעלט זי צו איהם ווייטער ווי פון היץ, — דו ווייסט ניט וואָס הייסט זיין אַ יונג ווייב, ווי איך, איינינקע אַליין... דריי חדשים נאָך דער חתונה. צעבראָכן און צו־פלאַקערט האָסטו מיך און געלאָזען איינע אַליין... אַכצען חדשים... כ'האָב אַלעמען געוואָלט און געקלערט פון דיר, מיין מאַן. אָט דאָר־טען אין פירהויז ליגט נאָך אונזער אַלטער כאָמעט. קיינער האָט איהם ניט געוואָלט קויפען, ווייל ער איז פאַרזשאַווערט. איז ער גע־בליבען. פאַר דער חתונה, ווען איך האָב דיר צעקאַליעטשעט, דיין אויג... האָסטו דיך געזעצט אויף איהם... כ'האָב איהם אַרומגענומען איינמאָל, ווען ס'איז מיר געווען ביטער, און געקושט... מיין מאַן, געזונט זאָלסטו מיר זיין!

פאַנדרע האָט אויפגעהויבן זיין שווערען קאָפּ. מערעס לעצטע ווערטער האָבען איהם צונומען. איז אָט צו וואָס ווייבער קענען דער־גיהן: איבערטאָן נייע העמדער צוליב אַ דאָקטאָרעל אַ כניאַק און קושען פאַרזשאַווערטע כאָמעטען... געה דערגעה אַ טאָלק! אַ מין געצקע האָט זי גאָר געמאַכט פון אַ זאַך, אויף וועלכער ער, פאַנדרע, מיט זיין האַרטען הינטער־חלק איז געזעסען... דער כּעס אויף קושקען און דער שוואַרצער חשד אויף מערען איז צעשוואומען אין עפּעס אַ ליכטיגער מוטנעקייט. אַך, דאָס זיינען דאָך אַלץ אַזעלכע קליינינקיי־טען! אָט זיצט זי סענדערס טאָכטער, מיט איהר פאַרווינטען קאָפּ, פאַרוויקעלט אין קאָלדרע, ווי אַ זינדיגע, און קיינער ווייסט ניט מיט וואָס פאַר אַ „ניט־גוטע" זי האָט זיך דאָ געראַנגעלט אַכצען חדשים נאָכאַנאַנד... און איז גאַנץ געבליבען. ניט ווי ער, פאַנדרע — דער גראָבער יונג...

ער האָט זי אָהן שום ווייטערדיגע הקדמות אַ כאַפּ געטאָן מיט אויסגעוואַשענע שטאַרקע אָרעמס, ווי אַ פּעקעל וואַטע אַ הויב געטאָן זי און דערפיהלט צו איהר דאָס זעלבע רחמנות ווי דאַן, בשעת לויפען מיטן האַק אין גאָרטעל צום נייעם נגידס שרפה. פונקט אַזוי ווי דאַמאָלסט, מיט אַנדערטהאַלבען יאָהר צוריק, האָט ער זי אויך אַצינד פאַוואָליע אַוועקגעלייגט אין בעט, איינגעדעקט און געזעצט

זיך לעבען איהר אַ צופלאָמטער, אַ צוטרייסעלטער אינגאַנצען.

— צעפּצעכעלע, — האָט ער זיך צו איהר געטוליעט מיטן פּייכטען קאָפּ — איך מוז דיר עפּעס אויך זאָגען. איך מוז דיר זאָגען, אַז דיין פּאַדמיאָטקע בין איך ניט ווערט. געגאַנגען בין איך אַהיים צו דיר, מריינעלע, און פאַרקראָכען בין איך גאָר אין היי... צו אַ שיקסעל אין דאָרף...

— אין אַ רויטען טיכעל? — זעצט זיך מערע אַוועק מיט ברייט אויפגעעפּענטע אויגען.

— אין אַ רויטער קאַצאַווייקע. — פאַרריכט איהר פאַנדרע — ווער האָט דיר שוין אונטערגעטראָגען? ניט שמחהלע טורערו?

— וואָס רעדסטו וואָס? — רופט זיך מערע אָפּ מיט גע־חלשטע ליפּען — וואָס עפּעס טורערו? אַ חלום אַזאַ האָט זיך מיר געחלומט. אַ חלום אַזאַ... מיין מאַן, מיין מאַן! געזונט זאָלסטו מיר זיין!

5.

ווען סענדעריכע איז צו מאָרגען אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, ווי איהר שטייגער איז, צו געהן אין מאַרק אַריין, האָט זי איהר פּאָר־פּאָלק געפונען האַרט שלאָפענדיג און פעסט אַרומגענומען, ווי צוויי וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פון אַן אונטערגעגאַנגענעם אָקרענט אויף אַ שמאָלען אינזעל. פאַנדרעס ברוינע און שווערע לאָפּעס זיי־נען געווען פאַרפלאָכטען מיט מערעס בלאַסע אָרעמס און איהר טונקעלער צאָפּ האָט ארומגעוויקעלט נחס קאַרק, ווי אַ צוזאַמענגע־דרעהטע, איינגעדרימעלטע שלאַנג פון גן־עדן, נאָכדעם ווי זי האָט חוהן און אָדמן איבערגערעדט.

סענדעריכע איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרגאַפט, אָנקוקענדיג איהר יונגע פּאָר, שמייכלענדיג מיט איהרע איינגעקנייטשטע לי־פּעלעך און שאָקלענדיג מיט איהר איינגעדאַרטען קעפּעלע. האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט פון איהרע אייגענע יונגע יאָהרען? אָדער איז

זי געווען צופרידען וואָס איהרע קינדער האָבען זיך אַזוי גיך איבער־געבעטען?

שטילערהייט האָט זי זיך גענומען רוקען צום טיר, צוהאַלטענ־דיג איהרע שליסעלעך, זיי זאָלען ניט קלינגען. אָבער, ניט אַריבער־טרעטענדיג דעם שוועל, האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט, געבליבען אַ ווײַלע שטעהן און גיך צוריק אַרײַנגעלאָפען הינטער איהר פאָר־האַנגעל, צווישען אויוועז און וואַנט. פון פאָליצע האָט זי דאָרט אַראָפּגעכאַפּט איהר טייטש־חומש, אָנגעטאָן סענדערס ברילען מיט די מעשענע האָלאָבליעס, וועלכע זי האָט געירשנט נאָך זיין טויט און באַנוצט זיך מיט זיי ניט ערגער פון איהם, עליו השלום...

ביים ליכט פון פענסטערעל, אַקעגען איהר געלעגער, האָט זי גיך גענומען מישען, לעקענדיג געניט איהרע אײַנגעדאַרטע פינ־גערלעך, ביז זי האָט אויפגעמישט די הפטרה פון סדרה „נח" און אַזוי לאַנג געטײַטעלט מיט איין פינגערעל, ביז זי האָט געפונען דאָס וואָס ס׳האָט ערגעצוואו געטליעט אין איהר זכרון. אָה!... אָט איז דאָס טאַקע!

„כי כאשה עזובה... נייערט ווי איין אשה איין פאַר לאָזינע, — אַזוי האָט סענדעריכע שטיל געפּרעפּעלט, — וואָש איהר מאַן צערינט אויף איהר און פאַרלאָזט זי איין ווײַלע און קעהרט זיך ווידער אום צו איהר, אַזוי האָט דיך גאָט גערופין...

און גלייך ווי איין ווײַב וואָש מען האָט פון דער יו־גינט, ווען זי ווערט נמאס אויף איהר מאַן, אַזוי געדיינקט ער זי באַלד און דער באַרימט זיך איבער איהר...

בשצף קצף... מיט גרויס צאָרין האָב איך איין אויגין־בליק פאַרבאָרגין מיין פנים פון דיר און מיט איין אייביגין חסד האָב איך מיך איבער דיר דער באַרימט...

כי מי נח... דען אַזוי ווי די וואַשעד פון נח אַזוי אויך איז דאָש..."

דער צוזאַמענהאַנג צווישען אַזעלכע ווערטער, אין דער הפטרה, און צווישען דעם וואָס איהר פאָר פאָלק האָט זיך אַזוי גיך איבערגעבעטען, נאָך דער נעכטיגער קריגערײַ, און אַזוי „דער־

בּאַרימט״ זיך אײנער אױפן צװײטען, און גראָד דאָס, װאָס די הפטרה געהערט צו סדרה „נח״ און װאָס פֿאַנדרע, איהר אײדעם, הײסט אױך נח — דאָס אַלץ איז סענדעריכען אױסגעקומען װאונ־דערליך, װי אַ פֿאַרשריבּענע נבואה, װי אַ װאונק פון הימעל... זי האָט זיך אַזש דערשראָקען פון אַזאַ אַנטפּלעקונג, אַ קוש געטאָן און גיך אַװעקגעשטעלט איהר אַלטען טײטש־חומש אױף אַן אָרט. װי־שענדיג זיך די אַלטע אױגען מיטן פֿאַרטוך, איז זי אױף די ציפּ־קעלעך אַרױס פון שטוב, כּדי ניט צו שטערען דעם שלאָף פון איהר פֿאַרפֿאָלק. װי אַ שטילע „שמונה־עשרה״ האָט זיך איהר אַצינד אָנ־געהערט זײער טיפער אָטעם אין דער פריהמאָרגענדיגער שטיל־קײט פון שטוב — אַ שטילקײט, װאָס טאָר ניט געשטערט װערען.

קולאיע

1.

אינדערפריה, נאָך סענדעריכעס אָוועקגעהן אין מאַרק, האָט מערע אויפגעפּאַקט פּאַנדרעס קלומיק, צוזאַמען מיט דער ווייבער־שער תחינה און מעשה־ביכעל, וואָס זימעל־פּאַקענטרעגער האָט גע־שיקט פאַר מערען, און צוזאַמען מיטן בלויענקען בענשערעל פאַר פּאַנדרען גופא, זיינען פון קלומיק אַרויסגעפאַלען אַן אָנגעשריבע־נער קאָנווערט און עטליכע רובעלדיגע און דריי־רובעלדיגע פּאַ־פירלעך.

נח האָט אויפגעריסען די אויגען. ביי וואָזוקען אין בודקע, גע־דענקט ער, האָט ער צוגעוואָרפען שמחהלען דאָס ביסעל געלט. האָט איהם, הייסט דאָס, טורערו ווידער אַמאָל אַריינגערוקט אין פּעקעל דאָס ניט־כשרע געלט? אַרויסקריכען קען מען ניט פון אָסטראָג, ניט פון שעפּטעלעס גוט־ברודערשאַפט...

מערע האָט זיך געוועזען אַ כאַפּ געטאָן צו די פּאַפּירלעך, נאָר דערזעהענדיק נחס צומישטקייט האָט זי זיך אָפּגעהאַלטען און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלט?

— שעפּטעלעס! — האָט פּאַנדרע קורץ געענטפערט.

מערע האָט זיך דערמאָנט אָן די פינף רובעל, וואָס שעפּטעלע האָט איהר אַריינגעשטופּט אין האַנט, ביים פּאַרעכאָד. האָט זי זיך

אַליין פאַרשעמט, אַנטשוויגען געוואָרען. פאַנדרע האָט דאָס אָבער אָנגענומען ווי אַ שטומען פאַרוואורף.

— אַז ער האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, — גיט נח אַ הויב מיט ביידע פּלייצעס, — נאָכגעיאָגט זיך אויפן „ליסיפּעד“ (צווייראָד) אין וואַלד. הכּלל: „נעם און נעם!...“ אָט, דעם אַדרעס זיינעם האָט ער אויך געגעבען צו באַהאַלטען, „ס׳וועט דיר, מאַכט ער, צונייץ קומען, נעם!...“ כ׳האָב דאָס געווען אָפּגעגעבען שמחהלען, נאָר ער האָט דאָס מיר צוריק אַריינעשטופּט אין קלומיק.

מערע האָט זיך פאַרזאָרגט. אָן איהר פּנים נאָך האָט נח דערזעהן, אַז זי האָט ניט מיט וואָס דעם טאָג אָנצוהויבען. איז ער ווייכער געוואָרען.

— נאַ, דעם אַדרעס שעפּטעלעס באַהאַלט. און מיט די עטליכע רובּעל איז... ווי דו ווילסט.

האָבען זיך ביידע מיישב געווען, אַז דערווייל זאָל מען דאָס געלט באַנוצען. און אַז גאָט וועט העלפען, זאָל מען שעפּטעלען אָפּשיקען, סיי די פינף רובּעל וואָס מערע האָט גענומען אין איהר נויט, סיי דאָס געלט וואָס נח האָט געבראַכט פון וועג. דעם אַדרעס שעפּטעלעס האָט מען דאָך... דאָס ערשטע פאַרדינסט וועט מען איהם אָפּשיקען. און יוצא פאַר גאָט און פאַר זיך אַליין.

כּדי יוצא־זיין, פאַר איינע הוצאות, פאַר לייטען אויך, זיינען מאַן און ווייב מושוה געוואָרען אַראָפּצונעמען פון שעפּטעלעס געלט אַ צעהן גילדען, מאַכען „קולאַיע“ אויף שבת און פאַררופען גוטע פריינט. ס׳איז דאָך פאָרט אַ שטיקעל נחמה! מען איז אַרויס פון גויעשקע הענט און געקומען געזונטערהייט אַהיים. און די צייט איז אויך די ריכטיגע. עס געהט אַצינד די וואָך נאָך שבת „נחמו“. פאַסט זיך דאָס טאַקע גאַנץ גוט.

אַן אָרימער כּיבוד איז „קולאַיע“, אָבער אַ געשמאַקער. אין שקלאָווער געגענט און אין אַ גרויסען טייל פון רייסען מאַכט מען „קולאַיע“ פון קאָרענע מעהל. און ווייטער, צו ווילנע און גראָדנע־צו, הייסט דאָס „קאַסלוכע“. אין יענע מקומות איז, אַפּנים, קאָרענע מעהל אויך אַ צו־גרויסער וואוילטאָג. מאַכט מען קאַסלוכע פון קאָרענע ברויט־סקאָרינקעס פון פאַסקריאָבע, פון איינגעטריקענטע

„זשליפּצעס״. די מאַטעריאַלען זיינען אַביסעל אַנדערש, אָבער די מאַכעכץ און דער טעם — כּמעט די זעלבע. געמאַכט ווערט „קולאַ־יע״ אָדער „קאָסלוכע״ ווען מען ציהט זיך אַריין אין אַ נייער דירה, אויף אַן אָרימען חנוכּת־הבית. ווען מען שערט אָפּ אַ דריי־יאָהריגען אינגעלע, אָדער ווען מען פיהרט אַריין אַ קינד אין „חדר״. צו אַ בר־מצוה, אָדער ווען אַ קינד האָט חתונה אין דער פרעמד, קומען די עלטערען פון דער חתונה און מאַכען „קולאַיע״ פאַר שכנים. און גלאַט צו יעדער שמחה ווען מען וויל פאַררופען געסט און שפּאָרען געלט. ס'איז אַ ביליגער כּיבוד. דאָס נאַשען אינגלעך און מיידלעך. אַלטיטשקע לייט טוקען די וואָנסעס. באַביצעס באַלעקען זיך און אַלע האָבען הנאה.

איז דאָך אין פלוג די קשיא, וויבאַלד ס'איז אַזוי גוט און אַזוי וואָלוועל, היינט פאַר וואָס־זשע זאָל מען זיך ניט פאַרגינען מאַכען „קולאַיע״, פאַר זיך אַליין און פאַר דער משפּחה, אין אַ מיטען וואָך, גלאַט אַזוי זיך? דער תּירוץ איז: דער עסק צו מאַכען „קולאַיע״ איז צו גרויס. ס'נעמט אַוועק צופיל צייט און געדולד. האָבען דערפאַר שקלאָווער אידען ליב אַ צווייטער זאָל מאַכען און זיי זאָלען עסען. אַזוי וואַרט איין „קולאַיע״־מאַכער אויפן צווייטען. אָבער אינגאַנ־צען אויסדרעהען זיך פון מאַכען „קולאַיע״ דרעהט זיך קיינער ניט אַרויס. פריהער־שפּעטער קומט יעטוועדערען אויס צו מאַכען און מהנה זיין שכנים און גוטע פריינט. וואָרים אין וועלכער אידי־שער הויז, געלויבט דער אויבערשטער, מאַכט זיך דאָס ניט אַ שטי־קעל אידישליכע שמחהלע? סוף כּל סוף דערגעהט צו אַלעמען די רייהע.

אַזוי געהט די „קולאַיע״־מאַכעריי אַ קאַרעהאָד פון הויז צו הויז און פון גאַס צו גאַס; פון דניעפּער ביז דער אָזערע און פון „אונ־טערבאַרג״ ביז די אַרשער ברעמלעך, און קלעפּט צוזאַמען די גאַנ־צע קהילה־קדישה שקלאָוו מיט איין זיס־זויערליכען פּאַפּ.

אַצינד איז די רייהע, פון מאַכען „קולאַיע״, דערגאַנגען צו מערען אויך. האָט זי אויף זיך אַרויפגעכאַפּט די שטוב־פּאַטשיילע, אַוועקגעלאָפען אין מאַרק, געשעפּטשעט זיך מיט איהר מאַמעלען, מיט סענדעריכען, ביים טישעל מיט גויעשקע בולקעס און לעקעכער.

איינגעהאַנדעלט אַ האַלבען פוד קאָרענע מעהל, אַ פּאָר פונט האָניג, אַביסעל געווירצעלעך. געליהען ביי שכנים אַ פּאָר מוראַדיג גרויסע טעפּ. און איינעם אַליין צוגעקויפט, אַ רויטען, אַ געברענטען, מיט שוואַרצע „זומערשפּרינקלעך" פון געברענטקייט... און געמאַכט „קולאַיע".

.2

דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי: „געמאַכט קולאַיע". „קולאַיע" מאַכען איז דיר ניט פאַרקנעטען חלה אויף שבת. „קולאַיע" מאַכען איז אַ פאַראַנטוואָרטליכע אונטערנעמונג, אַ מין עקזאַמען אויף בריהשקייט, וואָס געדויערט אַ וועלכענע פיער טעג ניט ווענ‍יגער. „קולאַיע" מאַכען הייסט: אַרויסבאַקומען אַ מין איינגעמאַכץ פון פּראָסטע מעהל. און ניט אַלעמאָל גיט זיך דאָס איין.

קודם־כל פאַרקנעט מען די קאָרענע מעהל אין אַ גרויסער מול־טער. אויף קאַלט וואַסער פאַרקנעט מען עס, ווי אַ מצה־מיירע, כדי עס זאָל ניט ווערען קיין קליאַצקעס און עס זאָל ניט כאַפּען זויערען. מען קנעט און מען גיסט צו. מען גיסט צו און מען קנעט. ביז אין מולטער צולייגט זיך אַ לייזליך טייג, ווי ראָסצענעס נאָכן יערען.

דאָס לייזע פאַרקנעטאַכץ טוט מען אַריין אין גרויסע ליימענע טעפּ. אויבמעגליך אין נייע טעפּ, כדי עס זאָל ניט אַנציהען מיטן טעם פון אַנדערע געקעכצען. מען גיסט דאָס ווידער איבער מיט קאַלט וואַסער און מען פאַררוקט, נאָכן הייצען, אין אויוועז עס זאָל פּרייען. גאָר גרויסע באַלעבאָסטעס דעקען עס נאָך איבער מיט פּאַק־רישקעס און מיט נאַסען לייהם און פאַררוקען דאָס אין אַ לינדער אויוועז איבער אַ נאַכט. נאָר אויף דעם דאַרף מען צופּיל זיין גע־ניט, אויסרעכענען די וואַרימקייט, עס זאָל ניט כאַפּען טריקענען פון איין זייט. איז גלייכער אַריינצושטעלען אין אַ ניט צו הייסער אויווען אויף עטליכע שעה אין טאָג. איז מען שטענדיג דערביי און מען גיט אַכטונג. דהיינו: אַלע האַלבע שעה שלעפּט מען אַרויס די ביי־כיגע טעפּ מיט גרויסע ווילקעס און מען מישט דורך, דאָס געפּאַ־

רעטע רויטליכע טייג, מיט אַ ריינער הילצערנער קאַטשעלקע. חס־ושלום אויסצומישען דאָס, הייסערהייט, מיט אַ מעטאַלענער זאַך! דאָס מאַלציגע געמישעכץ איז זעהר אַן איידעלער ענין, און האָט אַ שוואַכקייט אַריינצונעמען אין זיך כּל־ערליי פרעמדע טעמים, פון זשאַווער און גרינשפּאַן... מישען מישט מען דאָס אַזוי פלייסיג, כּדי עס זאָל זיך ניט אָנבאַקען אָן די ווענטלעך פון די טעפּ און עס זאָל גוט „זיסען".

און כּדי עס זאָל פאַרטיג ווערען שבת צום כּיבוד, מוז מען עס אָנהויבען צו „זיסען", שפּעטסטענס, מיטוואָך נאָכן הייצען. אַריינ־געדרוקט אין אויוועןאון אַרויסגערוקט און געמישט ביז אין אויווען קיהלט אָפּ. עס טאָר ניט כאַפּען ברענען! וואָרים דאַמאָלסט ציהט עס אָן מיט אַ ביטערקייט, און — געפּטרט די גאַנצע מערכה, די גאַנצע באַטעמטקייט פון „קולאַיע".

איז אויב מען איז באַהאַוועגט און געדולדיג און פאַרזיכטיג, פרייעט דאָס צו ביסלעך און הויבט אָן צו זיסען פון זיך אַליין. מיטוואָך האָט מען עס אָנגעהויבען און דאָנערשטאָג הויבט דאָס שוין אָן צו שמעקען מיט זיסליכקייט, און פרייטאָג פאַרשמעקט דאָס שוין די גאַנצע שטוב מיט מאַלץ פון ביער־ברויז. פונדעסטוועגען, אויפן ריח אַליין טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזען. די קאַטשעלקע, מיט וועלכער מען מישט, זעהט אויס ווי אַ פּענזעל ביים איינבינדער. כאַפּט מען פון איהר אַראָפּ מיט אַ הילצערנער לעפעל, אָדער גאָר מיט אַ פינגער און מען גיט אַ לעק, ווי ס'האָלט מיט דער זיסעניש. אַ מיש און אַ לעק. אין אויוועןפאַררוקט און אַרויסגערוקט און ווי־דער אַ לעק. אַזוי געהט אַ סדרה מישען און לעקען, ביז מען פאַר־רוקט דאָס אין טשאָלענט.

פון דער גלייכמאָסיגער זיסעניש און פרייעניש ווערט דאָס אַלץ לייזער און טונקעלער. עס באַקומט אַן אַפּעטיטליכע ברוינקייט און פון דעם געדיכטען קאַרענעם פּאַפּ ווערט אַ מין שיטערליכער קרעם.

פון דער אייגענער זיסקייט, וואָס דאָס פרייען האָט אויסגע־אַרבייט, קען אָבער די „קולאַיע" ניט געהאַלפען ווערען. פרייטאָג, דער דריטער טאָג זינט מ'האָט די „קולאַיע" פאַרקנאָטען, איז דער יום־הדין, דער קריטישער טאָג. מען מישט אויס און מען פאַרזוכט

צום לעצטען מאָל און מען גיט צו האָניג. ניט אַזוי פיל עס זאָל װע־רען פריקרע און ניט אַזוי װעניג עס זאָל זיך ניט פיהלען. נאָר װי־פיל מען זאָל זיך ניט סטאַרען, װעט דער טעם, נאָכן צומישען האָניג צום הייסען פאַפּ, פאָרט אַרויסקומען פריקרע־זיס. און כּדי צו לינ־דערען די זיסקייט און כּדי צו־צוגעבען איהר אַ מחיהדיגע װייניגקייט, קװעטשט מען אויס אַ פּאָר פונט זשוראַװינעס (קליוקװע), אַז ס'איז דאָ, און מען זייט עס דורך; אָדער מען צולאָזט ציטרינזאַלץ און מען גיסט אַריין אין די טעפּ. בשעת הדחק איז זויערע בוריקעס־ראָסעל אויך גוט. דער זויערער זאַפט פון די זשוראַװינעס צוגיסט זיך, װי אַ העלע בלוט, איבער דער שענער ברוינקייט פון דער האַלב־פּאַר־טיגער „קולאַיע", עס בלייבט שטעהן אין די פּאַפּיגע קנייטשען פון מאַלציגען איינגעמאַכץ, ביז עס װערט פּאַרמישט מיט אונזער באַ־קאַנטער קאַטשעלקע, װעלכע איז שוין, אגב, אַנגעשװאָלען פון טו־קען זיך און טאַנצען, טאָג־איין טאָג־אויס, אין הייסע ראָסצענעס...

דאָס זויערע בלוט פון די זשוראַװינעס װערט איינגעזאַפּט אין דער ברוינליכער מאַסע. דאָס צייג־פינגערעל פון דער באַלעבאָס־טעטשקע שטעקט זיך אַרויס, דערנאָך — איהר צינגעלע, און עס װערט װידער פּרובירט. כּאַפּט עס צו זויערליך, גיט מען צו נאָך אַביסעל האָניג. די קאַטשעלקע צוטאַנצט זיך און דער טעם גלייכט זיך אויס. טאָמער איז מען אָבער פאָרט ניט צופרידען מיט דער איי־דעלקייט פון געשמאַק — און דאָס טרעפט זיך אָפּטמאָל — האָט מען שוין מורא אַליין צו טשעפּען. מיט האַלב־פּאַרטיגער „קולאַיע" טאָר מען זיך צופיל ניט שפּילען... און גלייך אויפן אָרט, איידער פאַררוקען אין טשאָלענט, װערט פּאַררופען אַ באַראַטונג פון שכנ־טעס. אַלץ אַלטע װייבער, געניטע זיס־און־זויער מישערינס, דורכ־געטריבענע „קולאַיע"־לעקערינס. מען כאַפּט פּאָר זיי אַראָפּ פון יעדען טאָפּ אויף טעלערלעך און מען דערלאַנגט זיי. זיי זאָלען איינ־טונקען אַ פינגער און זאָגען מבינות.

3.

מען דאַרף אַנװעהן אַזאַ ערנסטען קאָנסיליום פון אַ דריי־פיער

זוייבער, ביי אָפּענע, פאַרעדיגע טעפּ, מיט דער אָנגעדראָלענער קאַטשעלקע, אַריינגערוקט ביז איבערן נאַפּעל, אין דער זיס־שמעקענדיגער בריי — אַ כפרה טריאַטער! שטעהענדיגערהייט ווערט אַזאַ אסיפה אָפּגעהאַלטען, מיט טיפּזיניג־אַראָפּגעבויגטע, לאָס־טיקענע טשעפּטשיקלעך און מיט פאַרשענדיגע אויגעלעך, וואָס לויפען אום פון די טעלערלעך קולאַיע צו דער באַלעבאָסטע און פון דער באַלעבאָסטע צו די טעלערלעך קולאַיע. און די ניט־גע־ראָטענע גרויסע טעפּ שטעהען דאָ אָנטבלויזטע און דאַמפען מיט האָניג און זשוראַווינעס־זאַפט איבער דער גאַנצער שטוב: „מומעס, ראַטעוועט! אָהן אייך זיינען מיר פאַרלאָרען...״

הויבט זיך אָן אַ שטומע קנייטשעניש פון פאַרוועלקטע פּיס־קעלעך, אַ קרימעניש אויף „גוט״ און „שלעכט״ מיט איינגעפאַלענע בעקלעך, אַ הויבען מיט פּלייצקעלעך, אַן אויפלויכטען און פינסטער־ווערען פון פאַרשייטע אויגעלעך. מען בויגט די פּרוביר־טעלערלעך, כדי צו זעהען די געדיכטקייט פון דער קולאַיע. מען טוקט וואָרצעלדיגע פינגערלעך און מען סמאַקעוועט מיט שנעבעלעך. מען ציהט די לעקאַך־זיסליכע פּאַרע מיט פאַרשפּיצטע נע־זעלעך. ביז איין קולאַיע־פּראָפעסאָרשע ווישט אָפּ איהר פייכטען קאַריאַווען פינגער אָן פאַרטוך, לעגט איהם צו, מיט נאָך אַ פינגער, צום באַק און זאָגט... וואָס זאָל זי זאָגען? ס׳איז אַ מאכל־מלכים... אלא וואָס דען? ס׳איז נאָר אַ ביסעלע צו געדיכט. אַ קאָפּ וואַסער צוגיסען וואָלט ניט געשאַדט. נישקשה אין אויוען וועט עס זיך איינשטעהן...

רופט זיך אָפּ די צווייטע באָביצע: וואו געדיכט? וואָס גע־דיכט? ווען געדיכט? גאָר געדיכט גאָר! אַ משל לעמעשקע! בשעתן פּרייען וועט עס דאָך סיי ווי סיי ווערען שיטערער. ניין. וועדליג איהר שכל, וועדליג זי פאַרשטעהט, מוז מען אַריינטאָן נאָך אַ קאָפּעלע האָניג, כדי אָפּצושלאָגען די זויערקייט. וואָרים קולאַיע האָט פיינט איבעריגע זויערקייט...

זאָגט די דריטע קולאַיע־לעקערקע, אדרבא נאָך אַ בעכערעל סאָק פון זשוראַווינעס וואָלט גאָרניט געשאַדט. מען זאָל איהר מוחל זיין וואָס זי פאַלט אַריין אין די רייד, ווען קולאַיע איז נאָך ניט

אויסגעפּרייעט און איז צו־הייס — דוכט זיך אויס אַז ס׳איז ווייניג. קולאַיע האָט אַ טבע פון ברויט. ניט אויסגעבאַקענער ברויט איז אויך זויער...

זאָגט די פּערטע... הכלל וויפיל צינגעלעך אַזוי פיל טעמימלעך. געה שטעל אַלעמען צופרידען! מאַכט מען אַ פּשרה. מען הערט אויס אַלעמענס עצות און מען נעמט פון יעדער עצה צו קאַפּעלעך. אַביסעלע מעהר האָניג, אַ צעלאָזען שטיקעלע ציטרינזאַלץ אין לעבליכע וואַסער, און מען פאַררוקט מיט מזל די בכבודיגע טעפּ אין טשאָלענט. שלעפּען די ליימענע טעפּ זייערע קיילעכדיגע בייכער, פול מיט הייסער קולאַיע, איבערן אויסגעגלעטען „פּאָד״, און ברומען, דאַכט זיך, פון די קלעפּיגע אָפּגרונטען: „אָסור, אידען, אויב מיר האָבען נאָך כוח צו פאַרען זיך!״ אָבער ווער הערט זיי די ליימענע גולמס? מען פאַרשטאָפּט די הייסע אויוועון מיט דער זאָסלינקע, און די זאָסלינקע לעגט מען אַרום מיט נאַסע וויעכי־טשעס: „פרייעט, טעפּלעך, לכבוד שבת!״

צושפּילען זיך די שבתדיגע מאכלים אין אויוועון. פּאָקרישקעס טאַנצען, צימעסלעך פּיפּסען, געבראָטענס — קוליעט זיך אין שמאַלץ. קוגעלעך האַצקען זיך. און די גרויסע טעפּ מיט קולאַיע שפּילען קאָנטראַ־באַס. זיי שרייען אַריבער אַלע ליימענע און טשוּהונענע כלימלעך מיט זייער בורטשענדיגען „בוף־בוף״ און פאַרטויבען אַלע שבתדיגע ריחות מיט זייער ריח. אַ גאַנצען שבת־צו־נאַכט איז די לופט אין שטוב געזיסט און געווירצט ווי ביי אַ לעקעכמאַכער.

צו־מאָרגען אינדערפריה פאַרן דאַוונען, ווען מען קלעפּט אויף דעם אויוועון און מען נעמט אַרויס די שבתדיגע הליאַקעס צום טיי, רוקט מען אויך אַרויס די גרויסע טעפּ מיט קולאַיע, כדי צו זעהן צי ס׳איז ניט געוואָרען צו־געדיכט. אויב צו־געדיכט — גיט מען גלייך צו אַ ביסעל הייסע וואַסער פון הליאַק. דאָס מאָל קען מען שוין צוגעבען הייסע וואַסער. ווייל די קולאַיע איז שוין אין גאַנצען אויסגעזיסט, און קליאַצקעס זייַנען שוין מעהר ניט און קענען זיך מעהר ניט פאַרקאָכען. דער פאַרשפּאַרטער, געמאַלצטער ריח, פון אַ גאַנצער שבתדיגער נאַכט אין אויוועון, גיט אַ צעטער

געדיכט אַ שפּאַר־אַרויס פון פּריפּעטשאָק — די לאַבאָראַטאָריע פון אַלע פּאַטראָוועס. ער צושפּרייט זיך אין שטוב, ווי אַ זיסער וואָלקען, און נעמט דורך אַלע אברים. ביי קינדער לויפט אָן דאָס וואַסער אין מויל. אַלע שבתדיגע פּלעצלעך מיטן טיי וואָלטן זיי אַוועקגעשענקט פאַר אַ לעק פרישע קולאַיע... נאָר ווער וועט זיי געבן קולאַיע פאַרן דאַוונען? ניט חולה זיינען זיי צו וואַרטן ביז פּיער אַ זייגער בייטאָג. די עלטערע לייט ווייסן דען ווי שווער עס איז צו וואַרטן אַזוי לאַנג אויף אַ נאַשעריי? וואָס פאַר אַ נאַשערס זיי אַליין זיינען געווען, קליינערהייט, האָבן זיי שוין לאַנג פאַרגעסן...

הכלל, די שאַפונג, וואָס האָט זיך געשאַפן פיער אומרוהיגע טעג נאָכאַנאַנד מיט דער הילף פון מולטער, טעפּ און קאַטשעלקעס, לינדע און הייסע אויוונס און כּלערליי פּאַטראָוועס, איז אַצינד געקרוינט, אַזוי צו זאָגן, מיט ערפאָלג. די קולאַיע איז, געלויבט דער אויבערשטער, פאַרטיג!...

שטעלט מען אַראָפּ די הייסע טעפּ אונטערן ביינקעל אין קיך, זיי זאָלן זיך אָפּקיהלען. נישקשה, אַז מען וועט דאַרפן וועט מען זיי אָנוואַרימען. וואַרים קולאַיע ווערט געגעסן אויף צוויי אופנים: קאַלט און וואַרים. ווי איינער וויל. וואָס מעהר מען וואַרעמט דאָס צו, אַלץ באַטעמטער ווערט דאָס, לעקאַכדיגער, זיסער מיט אַ ווייטען טעם פון יערדונג. נאָר איבערטרייבן טאָר מען אויך ניט. עס קען דערפון ווערען אַ שיטערע בראַי פון ברויז.

הייסערהייט גיסט זיך די קולאַיע ווי אַ ברוינער קרעם. און קאַלטערהייט איז עס לעבערדיג, און לעגט זיך אין ווייסען טעלער ווי אַ טונקעל־ברוינער מאַיאָנעז. נאָר וואָס ווייסט שקלאָוו פון מאַיאָנעזען? איז גלייכער מיר'ן זאָגן: ווי האַלב־פאַרקיהלטע פּעטשאַ. אַזוי איז ריכטיגער.

צום קולאַיע־כּיבוד קומט מען שבת נאָכן שלעפעל, אַזוי, בערך, אַ שעה פאַר שלש־סעודות. פרעגט מען ביי די געסט ווי ווילען זיי? הייסע אָדער קאַלטע קולאַיע?

אַלטע לייט האָבן ליב הייסינקע. יונגע לייט — געדיכטערע, קאַלטע. דערלאַנגט מען יעדען גאַסט אויף אַ טעלער, ווי זיין האַרץ

געלוסט. און כדי ס׳זאָל אויסזעהן נאָך שענער און ס׳זאָל זיין באַ־טעמטער, באַשיט מען יעדער פּאָרציע מיט געשטויסענע נעגעלעך און צימרינג. פון די געשטויסענע בשמים ווערט די קולאַיע מאַט, ווי מיט אַ ברוינליכען הויך באַדעקט. און רייצט דאָס אויג און צונג נאָך מעהר.

הייגט דער טעם גופאַ!... געראָטענע קולאַיע האָט אין זיך אַלע טעמים, ווי דער מן אין מדבר, זכרונו לברכה. עס האָט אין זיך דעם תמצית*) פון שוואַרצען פרישען ברויט, דעם ריח פון האָניג, די פיינע זויערליכקייט פון קליוקווע, דעם געהויבענעם בייגעשמאַק פון טשאַלענט, די זיסקייט פון מאַלץ און אַ ווייטע שטאַרקייט פון יערונג. קיין געניטער גאַסטראָנאָם אין דער וועלט, וועלכער קען ניט די סודות פון שקלאָווער קיך, וועט אייך ניט גלויבען, אַז אַזאַ מלכותדיגע באַשעפעניש שטאַמט פון אַ גראָבען מאַטעריאַל, וואָס ווערט, בטבע, געגומען צום פּראָסטען אַלטעגליכען זויערען ברויט. אָט צו וואָס קאָרענע מעהל קען זיך דערהייבען ביי שקלאָווער בריות, אַז זיי ווילען!

שאָרבען אידען און אידינקעס. זיי באַלעקען זיך און קנאַקען מיט די צינגלעך. און יונגע־לייט מאַכען „אָה״ נאָך יעדען זופּ, קוקען מיט באַדויערען, וואָס אין טעלער ווערט אַלץ ווייניגער און ווייניגער, וואַרפען אַן אויג צום קאָכשטוב און חלשען נאָך.

קלוגע לייט זיינען פאָרזיכטיג. אַ גוטע זאַך, זאָגען זיי, דאַרף מען עסען, זאָגען זיי, מיט טאַלק. כדי... הכלל... האָניג, זאָגען זיי, איז אויך ניט גוט צו עסען צופיל.

נאָר וואָס הערען יונגע־לייט אויף אַזעלכע עצות! איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט און ניט אַלע טאָג עסט מען קולאַיע. איז מען אַ געזונטער מענש — וועט עס דאָך סיי ווי סיי ניט פאַר־שאַדען. אלא וואָס דען — ניט? לויפט מען אַ פּאָר טעג...

אלה תולדות קולאַיע... נאָר וואָס וויסען דערפון אַלע היינטיגע קאָנדיטערסקעס און בעקערייען אין די גרויסע שטעט? צו אַל־די־גוטע

---

*) עסענץ.

יאָהר מיט זייערע זיסע שמאַכטעס, פעטע שאָקאָלאַדען און פריקרע אייער־קרעמען! אַלע אידישע צינגער האָבען זיי פאַרדאָרבען, אַלע „גוטע זאַכען״ אויף דער וועלט האָבען זיי פאַרשלונגען, און צווי־שען זיי אויך שקלאָווער „קולאַיע״ און גראָדנער „קאַסלוכע״.

אין לעק... וואס קען עס שאדען?

.1

די גרויסע טעפ מיט „קולאיע״ האבען שוין זינט א פאר טעג געפרייעט און געזיסט אין סענדעריכעס אויוועץ און פונאנדערגע־לאזען אין דער, ביז אהער פאריתומטער שטוב, א באטעמטען ריח פון האניגדיגער זויערליכקייט און פון נייער אויפלעבונג. און צוזאמען מיט דער קולאיע איז, אונטער דער וואליגער שטוב־פאטשיילע, אפ־געגאנגען און זיסער געווארען מערעס הארץ. די אומרוהיגקייט פון איהר קוק איז פארשוואונדען געווארען. קלארער און דייטליכער האט זי דערזעהן זיך אליין, אין דער צוגעשפאלטענער שטוב־שפי־געלע, און — אלעמען ארום זיך.

אזא געפיהל פון אויסלויטערונג קענען נאר די, וועלכע האַ־בען לאנג געהונגערט, אדער אזעלכע, וועלכע זיינען אויפגעשטא־נען נאך א לאנגער קראנקהייט. אויסער דער איבערגעגעבענקייט צום מאן האט אצינד מערע געקוקט, מיט א פארשעמטען שמייכע־לע, אויף איהר פאנדרען, ווי אויף א וואונדער פון גאט געשיקט. וואס זעטיגט זי אין די קורצע זומער־נעכט און בלייבט שטענדיג גאנץ. אפגעריסען אין זאפטיגע פרי און אן אנדערע וואקסט גלייך אויס אויף איהר ארט. און מישענדיג מיט א הילצערנע קאטשעל־קע די פארעדיגע טעפ, האבען איהרע ליפען געשעפטשעט אינם געדיכטען זיסליכען ריח א ציטערדיגע תפילה: „געלויבט דער אוי־בערשטער, נח איז אינדערהיים...״

די ערד איז ווידער פעסט געוואָרען אונטער איהרע הויכע געטאָקטע פיס, און מיט אַ פאַרטאַיעטער אַרויספאָדערונג אין די האַלב אַראָפּגעלאָזענע ניט־אויסגעשלאָפענע ברעמען, מיט אַ מין „פּרוב אַקאָרשט!" האָט זי אַצינד באַגעגענט אַלע די, וועלכע האָבען איהר, נאָך מיט עטליכע טעג צוריק, אויסגעזעהן אַזוי געפעהרליך; וועלכע זי האָט אומרוהיג געמאַכט און אַליין געוואָרען שווינדעלדיג לעבען זיי. עפּעס ווי זי וואָלט געשטאַנען אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט.

אין מאַרק טרעפט זי אָן דאָס דעם אַפּטייקער, וועלכער האָט איהר דאָ אַמאָל געשריבען אַדרעסען. דעם דאָקטאָר חישין, פאַר וועמען זי האָט זיך האַלב־אויסגעטאָן, דאָרטען — דעם נייעם נגידס שקאָלעבחורל. זי לאָזט זיי דורך פאַרביי די אויגען. נעבעלדיג, ווי דורך אַ פאַרשוויצטער שויב, זעהען זיי איהר אויס. און זי קען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי אָט די צוקראָכענע נפשות האָבען זי געקענט אַזוי אומרוהיג מאַכען. זאָט מיט „כשרות", ווי זי איז אַצינד, עקעלט איהר פאַר די פריהערדיגע באַהאַלטענע גלוסטעגישען נאָך „טרפה". און וויינען ווילט זיך איהר פון טיפער פרייד, וואָס אָט די אַלע יסורים האָבען זיך געענדיגט. אין האַרצען ווייסט זי זעהר גוט, אַז קיין גרויסע צדקות איז עס ניט, דאָס וואָס זי וויל אַצינד ניט טרינקען קיין פרעמדע ברודיגע וואַסער, ווען זי איז אָנגעטרונקען פון איהר אייגענעם קוואַל. דערפאַר טאַקע איז זי אַלעמען מוחל פאַר פריהערדיגער גרינגשאַצונג צו איהר. זי איז מוחל דעם אַפּטייקער, דעם דאָקטאָר חישין. אפילו קושקע־בראַנד — דעם פרעסער... אַ ניט־גוטקייט טראָגט זי נאָר קעגען זאַוועל דעם שמייסער. אַ חשד האָט זי, אַז ער, דער ווייבערניק, איז דער אמתער שולדיגער אין קושקעס אָנפאַל אויף איהר אין דער נאַכט נאָך דער „סעודה" פון חברה לויה. דאָס האָט ער, זאַוועל, איהם פאַרשלעפּט און אַליין באַהאַלטען זיך הינטער קושקעס ברייטע פּלייצעס, הינטער זיין אָנגעפרעסענעם בויך, און געטשאָטעוועט דרויסען אויף אַ „ביינדעל", ווי אַ הינטעל — הינטער אַ גרויסען הונט.

איהר איז שוין אַפּילו אויסגעקומען צו אַמפּערן זיך מכח דעם

מיט נחת. פאַנדרע איז אָבער געשטאַנען שטאַל און אייזן פאַר זאַ־
וועל שמייסער:

— זאָלען מיר ביידע אַזוי געזונט זיין, מערע, ווי מיר האָט ער
עפּעס אויך אויסגעזעהן פאַרכעוואַטע. אַ מויל פון אַ אידענע האָט
דאָס. כ'האָב איהם אפילו געוואָלט פאַרפאָהרען אין באַק ביי וואָוועס
בודקע... נאָר וואָלסט זעהן דערנאָך ווי ער האָט זיך דאָס מוסר־
נפש געווען ביים לעשען דעם וואַלד! אַ געחלשטען האָב איך איהם
אויפגעהויבען אין קאַנאַווע...

אָבער מערע מיט איהר ווייבערישען חוש האָט זאַוועלס מסירת־
נפש אַביסעל אַנדערש פאַרשטאַנען:

— דאָס האָט ער מורא געהאַט פאַר דיר. געוואָלט זיך אונטער־
לעקען... איך קען שווערען, אַז ער האָט גאַנצינקע טעג אָפּגעוואַרט
אויף דיר ביים „אונטערבאַרג"; טאָמער קומסטו מיטן שליאַך. פאַר־
כאַפּען די פיש פאַרן גנב האָט ער געוואָלט.

— נו, — פיהרט פאַנדרע פאַנאַנדער מיט די הענט — האָט
ער חרטה...

רופט זיך אָפּ מערע:

— אפשר קושקע אויך?

נאָר גלייך אויפן אָרט כאַפּט זי זיך, אַז דאָס האָט זי ניט גע־
דאַרפט זאָגען. נחס כלומרשט אויסגעלאָשענער כעס טליהעט נאָך
אונטער אַש. קען ער מיינען, אַז זי שטעלט זיך צופיל איין פאַר קוש־
קען און פאַר זיין גראָבקייט.

אין פאַנדרעס אויגען טוט טאַקע אַ בליאַסק אַן אָפּשיין פון
אַ פאַרגעסענעם חשד:

— נייך, אַזאַ אַלטער חזיר! אַ טאַטע פון קינדער!...

— איך זאָג דאָך ניט, — לאָזט מערע אַראָפּ די אויגען —
כ'האָב נאָר געמיינט... אויב שוין — זאָוולען, טו זאָל מען קושקען
אויך פאַרבעטען... און זאָל נעמען אַ סוף... וועלען אַלע זעהן, אַז
ס'איז גאַרניט מיט נישט אַלץ וואָס מען רעדט.

— מיט א י ה ם, — קערט זיך פאַנדרע אָפּ — וויל איך
מעהר אויף איין ברעט ניט שטעהן. אין אָרשע ביים באַהן האָט ער

מיר זיך שוין איינמאָל, באַלד נאָך דער חתונה, צודברט וועגן דיר... ווען ניט דו וואָלט, וואָלט...

— נאָר זעה, נח, — בעט זיך ביי איהם מערע — פאַרפיהר מעהר מיט קושקען ניט קיין געשעפטען! געזונג וועט זיין!...

— וואָס האָסטו אַזוי מורא? — קוקט זיך פאַנדרע אום — נישקשה כ׳וועל מיין שטעטעל באַשטעהן.

ער געדענקט אַפילו, אַז אין דער נאַכט פון אומקעהרען זיך אַהיים האָט ער זיך ביי די יאַטקעס געשוואָרען מער ניט אויסצו־ברענגען זיינע כוחות אויף שלעגערייען מיט גראָבע יונגען. נאָר מערעס ווייכע רייד וועגען קושקען רייצען איהם. קעגען זיין אייגע־נעם ווילען צוקאָכט זיך אין איהם זיין בלוט. וואָס מעהר זי וועט בעטען פאַר איהם, מערע, אַלץ ערגער וועט זיין...

מערע האָט גאָרנישט געענטפערט. אָפּגעזיפצט און געלאָפען צום אויוון מישען די קולאַיע. צוטאַנצט זיך מיט דער קאַטשעלקע אין ברוינליכען געמישעכץ און נאָך אַמאָל אָפּגעזיפצט. אַך, קולאַיע איז דאָך ביי לייטען אַזאַ גוטער זיסער פּאַפּ צוזאַמענצוקלעפּען אַלע ברוגז׳ע... נאָר וואָס זאָל זי טאָן? זי זעהט קלאָר, אַז איהר נח איז ביטערער געוואָרען נאָכן אָסטראָג. דער צינגעלע ביי איהם האָט זיך אויך פאַרשאַרפט. שווער געוואָרען אויסצוטענהן זיך מיט איהם. פאַרן אָסטראָג — זי זאָל איהם געוועזן בעטען — וואָלט ער זי גע־פאָלגט. ניין. אַזוי גלאַט וועט דאָס צווישען נחן און קושקען ניט אָפּ־לויפען.

ערב שבת פון דער סדרה „עקב״, אַ טאָג נאָכן אויסרעדען זיך מיט נחן, טרעפט מערע אָן זאַוועל שמייסער אין מאַרק. מיט קאַל־טע אויגען האָט זי אַצינד אָנגעקוקט זיין שוואַרצע טשופּרינע, וועל־כע רייסט זיך, ווי אַ ווילער, פון אונטער זיין קאַרטוז מיטן צוברא־כענעם דאַשיק, זיינע שטראַמע פיס אין פאַרלאַטעטע שטיוועל. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ יונגערמאַן, וואָס אין פּרנסה־זאַכען איז ער ביי זיך זעהר געפאַלען, נאָר ניט אין ווייבערשע זאַכען... און געוואונ־דערט האָט זי זיך, מערע, אין האַרצען, וואָס אַפילו אויף אָט דעם „האַלאַדראַנעץ״, מיט די חוצפּהדיגע אויגען, האָט זי זיך איינמאָל ביים דניעפּער אויך שיער־שיער ניט פאַרקוקט.

געהט צו איהר זאַוועל שמייסער צו, ווי צו אַ ווייב פון זייגעם אַ גאָר־גוטען פריינט:

— מיט ליב איז איך אייער גאַסט, מערע!

האָט זי געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, כדי צו ווייזען איהם זיין אָרט, און טרוקען אַ שמייכעל געטאָן:

— יאָ, נח האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז ער האָט זיך שוין געזעהן מיט דיר...

— נאָך אַ מין זעהען זיך! — מאַכט זאַוועל און די ממזרישע אויגען זיינע לויערען — מיר'ן דאָך ביידע געלאָשען דעם וואַלד, האָבען מיר...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט דער דרייסטקייט פון אַ מענ־שען, וואָס האָט שוין אַלע שונאים אָנגעשאָטען זאַמד אין די אויגען און האָט מעהר ניט וואָס מורא צו האָבען.

— ער האָט מיר געזאָגט, — ענטפערט מערע קורץ און טרעט אָפּ.

נאָר אָפּגעהענדיג אַ פּאָר טריט, דרעהט זי אום דעם קאָפּ צו זאַוועלען, וועלכער שטעהט נאָך אַ פאַרגליווערטער פון איהר קאַלט־קייט:

— יאָ, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען? נ ח האָט דיך געבעטען שבת אויף קולאַיע.

.2

אין באַלעגאַלישען צעך איז דערווײלע אַוועק אַ גערייד וועגען מערעס און סענדעריכעס כיבוד לכבוד פּאַנדרען. ד ע ם האָט מען פאַרבעטען שבת אויף קולאַיע און י ע נ ע ם האָט מען פאַרבעטען. מען האָט אומישנע גערעדט הויך אויפן קול, כדי, אגב אורחא, זעהען וואָס פאַר אַ מינע קושקע־בראַנד וועט דערביי מאַכען. קושקע־בראַנד האַלט אָבער אויס. ער האָרכט — און זאָל זיך דאָס אפילו אייך אָדערל אַ ריהר טאָן אין זיין רויט־אָנגעגאָסענעם פּנים. ווי מיט דער קולאַיע אַזוי אָהן דער קולאַיע! אַלע אין צעך ווייסען דאָך סיי

ווי סיי, אַז קיין גרויסער פריינט פון ר׳ סענדערן איז ער קיינמאָל ניט געווען. פון פאַנדרען, זיין איידימעל — אודאי און אודאי ניט. הײנט וואָס שטעכען זיי איהם אַזוי מיט דער פאַרדריפּעטער קולאַיע? זאָלען עס זליאָקען אידינקעס וואָס האָבען ניט קיין צאָהן אין מויל...

און כּדי צו דערוויזען, אַז די קולאַיע אַרט איהם ווי דער פאַר אַ־יאָהריגער שניי, ציהט ער זיך פאַוואָליע אַרויס זיין פלאַכע פלע־שעל פון כאַליאַווע. זיי, די באַלעגאָלעס, רעדען דאָרטען, און ער מאַכט: „גול־גול־גול...״ ס׳הייסט געהט אייך לעקען קולאַיע אויב איהר ווילט. איך האָב אַ בעסערע זאַך.

פאַרקאָכען טוט איהם דאָס האַרץ נאָר דאַן, ווען זאַוועל, זיין גע־וועזענער שמייסער, שפּרייזט אַריין אַביסעל האַפּעדיג אין צעך, צע־זעצט זיך ברייטליך און צענעמט זיינע פאַרלאַטעטע קניע און צע־פאַנפעט זיך הויך אויפן קול צו די באַלעגאָלעס:

— איז... וועט מען, הייסט דאָס, שבת מירצעשעם עסען קולאַיע?

— דו אויך? — וואונדערען זיך באַלעגאָלעס.

— אָט, — פאַרדרעהט זאַוועל שמייסער אין באַק, ווי איינער זאָגט: „וואָס דען האָט איהר געמיינט?״ — מערע האָט מיך אָקאָרשט פאַרבעטען. נח, מאַכט זי, האָט דיך געבעטען שבת אויף קולאַיע...

דאָס קלינגט גאָר גאוהדיג. דאָס הערט זיך אַן ווי אַ נצחון פון אַ באַרעדטען בעל־עברהניק, וואָס האָט געוואונען אַ האַרבע דין־תורה, אָפּגעוואַשען, הייסט דאָס, פון זיך די רכילות, אַז ער האָט דאָס קושקע־בראַנד געשלעפּט אָנצוקלאַפּען מערע׳ אין לאָדען אינמיטען דער נאַכט.

אַלע באַלעגאָלעס אין צעך ווערען אַנטשוויגען און אַלע אויגען גיבען זיך אַ ווענד צו קושקען. ס׳הייסט: דו הערסט דבורים? פאַרבע־טען זאַוולען אויף קולאַיע!... איז דאָך דער בעסטער סימן, אַז פאַנדרע אַליין האַלט, אַז שולדיג ביסטו... דו אַליין!

פון אַזאַ האַרטען שווייגען און פון אָט די באַזונדערע קוקעלעך, גיבען זיך קושקע־בראַנד אַ קעהר אַלע בעבעכעס אין בויך. אין האַלז ווערט איהם ביטער. גלויבט טאַקע פאַנדרע דער אַסטראָזשניק, אַז

זאָוועל איז גאָט די נשמה שולדיג?.. און מערע, די חכמה, האַלט איהם אויף פאַר אַ שענעם מענשען...

— הער דו! — שפּרינגט קושקע אויף און לויפט צו זאָוולען— דו פראַנצעוואַטער שלעפּער דו! זאָג איהר... זאָג איהם אַליין, אַז כ'האָב אייך אַלעמען אין דר'ערד מיט... מיט דער קולאַי'ע צוזאַמען!

— גוט, כ'וועל איהם זאָגען! — גיט זאָוועל ממזריש אַ מאַך מיט די אויגען צו די באַלעגאַלעס און באַהאַלט זיך פונדעסטוועגען הינטער זייערע ברייטע פּלייצעס. אויף קושקעס, מיט בלוט־פאַרלאָ־פענעם פּנים, זעהט ער, אַז שטעהן אַצינד צו נאָהענט צו איהם קען שאַדען צום געזונט.

קריצענדיג מיט די ציין קוקט קושקע אָן די בערדיגע און אָפּ־געבּרענטע באַלעגאַלישע פּנימער. אַלץ באַקאַנטע צורות. אַלטע גוטע ברידער פון צעך. נאָר אַצינד זיינען זיי אַלע אַזוי פאַרגליווערט. אָה, די מאָרדעס! שווער דורכצוקוקען זייערע שטיינערנע אויגען. גלוי־בען זיי טאַקע אויך, אָט די גראָבע קעפּ, אַז זאָוועל־גנב, אָט דער אויסוואורף, איז מעהר מחותן מיט מערעס קולאַי'ע ווי ער? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען?...

די האַרטע באַלעגאַלישע פּנימער האָבען זיך אָהן אַ שום מינע אַראָפּגעלאָזט אונטער זיין ווילדען קוק. דאָס האָט געהייסען: „פאַנדרע אַליין קען אויך באַשטעהן זיין שטעטעל. מיר מישען זיך ניט".

קושקען איז איינגעפאַלען דאָס האַרץ. קיינער וויל ניט אַריינ־שטעקען דעם קאָפּ צווישען אַזעלכע צוויי פּיפּערנאָטערס ווי ער און פאַנדרע. אויב אַזוי, קען ער זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזען, נאָר אויף זיך אַליין. ע...עך, אַ בראָך זאָל זיי אַלעמען איינלעגען! ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט!

בורטשענדיג און סטראַשענדיג עמיצען, אַז „ס'וועט זיך גיסען בלוט", איז ער אַרויס פון צעך, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין קעל־ביע און ווילד גענומען טרייבען און שמייסען דעם פערד זייבעם צו זיך אַהיים. יאַגענדיג אַזוי זיין פערדעל האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעל, כדי דער ערב־שבתדיגער ווינטעל זאָל איהם אָפּקיהלען זיין גרויסען פליך מיט די פעקלעך גרויליך־געלבע האָר איבער ביידע

צופלאַמטע אויערן. אָבער אויך דאָס האָט איהם ניט אָפּגעקיהלט. האָט ער זיין גאַנצע היץ אויסגעגאָסען אויף זיין ברויטגעבער: „הי־ניאַ, היניאַ! צו אַל־די שוואַרצע יאָהרן!" אַט גלייך אויפן אָרט מוז ער איבערבייטען די פלאַכע פלעשעל בראַנפען אין כאַליאַווע אויף אַ מעסער... אָדער — ניין! בעסער אין איין כאַליאַווע דאָס פלעשעל בראַנפען און אין דער צווייטער — אַ מעסער. אַזוי איז גלייכער. היניאַ!... בלוט וועט זיך נאָך גיסען אין שקלאָווער גאַסען!

קושקע־בראַנד האָט זיך געקאָכט און די וועלט איז זיך גע־גאַנגען מיט איהר שטייגער. די קולאַיע האָט זיס געפרייעט אין סענ־דעריכעס אויוועז. און צימעסלעך האָבען פאַרשעמט געפּיפּסט ביי מערעס שכנים. וואָרים ווי קענען זיי זיך פאַרגלייכען מיט קולאַיע?

געקומען שבת נאָכן שלעפּעל, האָבען געגומען געהען שבתדיגע קאַפּאָטעס און ווייבערישע טשיפּיקעס צו סענדערס הייזקע. שוין לאַנג האָבען סענדעריכעס טיר־קליאַמקע ניט באַריהרט אַזוי פיל הענט, אָהן עין־הרע.

וואָס קולאַיע קען מאַכען! אַנדערטהאַלבען יאָהר איז סענדערס שטוב געשטאַנען פאַרלאָזען פון גאָט און פון לייטען. אַפילו געוועזענע גוטע־ברידער פון צעך האָבען אָהער ניט געוואָלט אַריינשמעקען. מאַנסביל האָבען מורא געהאַט פאַר אַזעלכע רכילות ווי עס געהען אום איבער קושקע־בראַנד, און ווייבער האָבען מורא געהאַט פאַר זייערע גראָשענס אויף דער הוצאה. מיט העלפען זיפצען אַזאַ פאַר־אָרימטע שטוב, קען מען ניט יוצא־זיין. מען מוז עפּעס געבען צו־שטייער אויך...

און פּלוצלינג האָט דאָס פאַרלאָזען הייזקעלע אָפּגעלעבט. די אַנגעשפּאָלטענע פירהויז־טיר — אַט עפענט זי זיך און אַט פאַר־מאַכט זי זיך. אין דער אָפענער פענסטערעל צום גאַס זעהט מען ווי סענדעריכע לויפט אַרום אויף איהרע קורצינקע פיסלעך ווי אַ וועַ־וועריקע, און מערע שווימט אַרום מיט איהר הויכער געשטאַלט. מאַ־מע און טאָכטער טראָגען פולע טעלער. פון אָפען פענסטערל טראָגט זיך אַ מאַלציגער וואַרימער ריח. און די וועלכע געהן אַרויס פון פיר־הויז באַלעקען זיך נאָך.

אַריין און אַרויס. צו קולאַיע איז מען דאָך ניט מחויב צו קומען

אין אַ באַשטימטער שעה, ווי צו אַ סעודה. ווער עס קומט פרײַהער, דער שאַרבעט אָפּ זיין חלק, זאָגט אַ דאַנק, גיט אַ קוש די מזוזה און געהט געזונטערהייט. ס'איז אַ פאָלקס־כּיבוד ווי אין דער פורימדי־גער מגלה שטעהט: „אין־אונס"... קיינעם נויט מען ניט פון קהל, ווען און ווי אַזוי צו עסען. נייערט יעטוועדער ווי איהם געפעלט און ווען איהם געפעלט.

נו, אַז מ'נאַשט זיך אָן מיט קולאַיע־ קאָן מען דאָך קיין חזיר ניט זיין. מ'מוז ווינשעווען, מ'מוז זיך אַ שפּיל טאָן מיט מערעס אינגעלע, אַ שמונצער טאָן מיט די ליפּען צו דעם יאַטעלע, וועל־כער איז אַ נאָמען נאָך ר' סענדערן עליו השלום. פון גרויס ליבשאַפט גיט נאָר די אַדער יענע שכנטע אַ וויש מיטן פינגער קולאַיע־שיריים פון איהר טעלער און שטעקט אָפּ סענדערקען צווישען די ליפּעלעך. זאָל ער אויך וויסען וואָס פאַר אַ גוטע זאַכען עס זיינען דאָ אויף דער וועלט, און זאָל ער וויסען, דער עכּבּרש, וואָס פאַר אַ בּריות זיין באָבע און זיין מאַמע זיינען.

אַ פאַר מאָל האָט זיך אָפילו מערע געפּרובט אַריינמישען: „גאָט איז מיט אייך, ער איז דאָך נאָך קיין יאָהר ניט אַלט!..."

מאַכט אָבער איין שכנטע אַ זיסען שנעבּעלע:

— איין לעק, מערע קרוין! וואָס קען עס שאַדען?

רופט זיך אָפּ אַ צווייטע באָבעצע, אונטער איהר טשאַרטעוואָ־קאָדשענעם טשעפּטשיק:

— נישקשה, צום ברית האָט מען איהם געגעבען לעקען וויין פון קידוש־בעכער און ס'האָט איהם אויך ניט פאַרשאַדט.

— מצ... מצ... מצ... — צוויטשערס אַ דריטע באָבעלע צו סענדערקען — געשמאַק, אַ? ווילסט נאָך קולאַיע, וואָס?

און סענדערקע, מערעס יאָהריגער בּחורעץ, מיטן פלעק אויפן העלזעל, באַלעקט זיך גאָר נישקשהדיג פון דער ברוינער האָניגדיגער געמישעכץ. און נאָך יעדען לעק בלאָזט ער אָן די אויגעלעך און די ליפּעלעך און מאַכט „בו־בו־בו" און די באַלעגאַלעס פון צעך און די מומישעס פון שכנישע הייזער קאַטשען זיך פאַר נחת און קענען זיך גאָר ניט אָפּוואונדערען פון סענדערקעס חכמות:

— זעהט, זעהט ווי ס'געפעלט איהם דער באָבעס קולאַיע!

— איז אויך צופרידען וואָס דער טאַטע איז געקומען.

3.

שפּעטער פון אַלעמען זענען געקומען די נאָהענטסטע, די בעסטע גוטע־ברידער. שמחהלע טורערו, וועלכער האָט שוין פּאַספּיעט איבערצובעטען זיך מיט פּאַנדרען, נאָך זיין אַנטלויפען פון איהם ביים אונטערבאַרג, איז אַנגעקומען מיט זיין פלוניתטע. וואַיטעק דער בריפטרעגער, וואָס האָט צוגעשטעלט מערען אַלע בריף פון מאָהלי־ווער אַסטראָג און קיין קאָפּיקע קיינמאָל ניט געוואָלט נעמען; זאַוועל שמייסער, פּאַנדרעס נייער גוטער־ברודער זינט דער שרפה אין וואַלד; זונדעל גאַטס־גנב און טעמע זיין ווייב מיטן מאַנסבילשען נאָז. נאָר מושע, זייער טאָכטער, וועלכע איז אויך געווען פאַרבעטען, איז מיט זיי ניט געקומען. זי האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ חשד אויף מערען, אַז יענע האָט זיך געקליבען אָפּשלאָגען פון איהר דעם דאָקטאָר איה־רען, דאָקטאָר חישינען. האָט זי געלאָזט זאָגען, אַז זי האָט קאַפּוויי־טאָג. אַנשטאָט איהר אַליין האָט טעמע, די מאַמע איהרע, געבראַכט פונדערהיים אַ פּאַליוועגעם טעפּעלע מיט אַ פּאַקרישקע, כּדי אָפּצוטראָגען איהר חלק אַהיים. אַזאַ מנהג איז ביי קולאַיע פון קדמו־נים אָן: ווער עס קען ניט קומען, קען שיקען אַ כּלי, נאָר ניט אַ צו־גרויסע כּלי... מען דאַרף וויסען ווי צו האַלטען שטאַט.

פאַר אַט די נאָהענטע געסט האָט מען דערלאַנגט, אַזוי צו זאָגען, אַ היימישע קולאַיע. פּאַנדרע, מערע און סענדעריכע האָבען אויך צוגערוקט אַ ביינקעל צום טיש און געהאָלפען נאַשען. דאָס ברוינע אַפּעטיטליכע געמישעכץ, וואָס זעהט אויס ווי צולאָזענע חרוסת, נאָר פעטער און גלאַנצענדיגער, האָט מען לכבוד אַזעלכע געסט באַ־שאָטען מיט געשטויסענע געווירצעלעך, איז דער טעם געוואָרען גאָר אַ געהויבענער.

נאָר שקלאָווער קבצנים ווועלען דען לאָזען נעמען אַ גוטע זאַך אין מויל אַריין? אויך אין קולאַיע האָבען זיי אומעטום אַ חלק. ביידע שלעפּערקעס, „איקעלע" און „מחיהקעלע" זיינען אַריין אין שטוב

גאַר ברייטליך, מיט גאַר נישקשהדיגע טעפּ. מען זאָל זיי אויך מהנה זיין. נו, שלעפּערקעס זיינען ניט מחויב צו האַלטען שטאַט, האָבען זיי געבראַכט די זעלבע כּלים, מיט וועלכע זיי בעטלען זויער־קרויט, ווינטער־צייט... ביידען האָט מערע אָנגעלעגט מיט דער פולער האַנט. „מחיהקעלע" האָט זיך אַזש באַלעקט פון קוקען אַליין, געגנו־מען ווינשעוועץ און שווערען זיך, אַז מ'האָט זי פּשוט מחיה־געווען, האָט מען זי. דערקוויקט איהר פאַרחלשט האַרץ האָט מען... און „אָי־קעלע", וואָס איז קיינמאָל ניט צופרידען, האָט אַ קוק געטאָן אין איהר טעפּעל אַריין מיט אַ זייטעל און מיט איין אויגעל, ווי אַ הון אויף אַ ווערימדיגען אַרבעס און האָט גיך אָפּגעזיפצט: „אָי־אָי־אָי, אַזאַ קאַפּעלע אויפן דעק?... און זי האָט געמיינט —"

און ווי זי דינגט זיך אַזוי — ערשט אַ נייע קאָנקורענטקע איז דאָ! חיה־שרהקע דער משוגענערס קולכעל צעגיסט זיך פאַנפאַטע אונטער דער אָפענער פענסטערל:

ניטשיינע האָב איך אַ שמעק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
דער אָסטראָזניק מאַכט קולאָיע
דאָ, טאַקע דאָ.
מיר אַביסעל, דיר אַביסעל.
איכאָ, איכאָ־כאָ!

— נאַ, אָט האָסטו זי!... — גיט סענדעריכע אַ קוויטש צו מערען, גיב איהר שוין אָפּ איהר חלק און זאָל זי געהן!

מיט איהר לאַנגליכען פּעקעלע, אָנשטאָט אַ קינד, איז חיה־שרהקע געשטאַנען אונטערן אָפענעם פענסטער און געהוידעט איהם; און איהרע קנייטשעלעך, אַרום איין אויג און ביי די גראָבע לוס־טענדיגע ליפּען, האָבען געטאַנצט. אָט־אָט ווערט זי צופּלאַצט פון איהר איינגעהאַלטענעם געלעכטער. נאָר מיט איין־איינציגען בולטן אויג ווינקט זי. דאָס צווייטע אויג איז פאַרבונדען. וואָרים בשעת זאָגען שוואַרצע נביאות אויפן „אונטערבאַרג", ווען די וואַלד־שרפה האָט זיך דאָרטען אָנגעהויבען, האָט איהר אימיצער געוואָרפען

אַ שטיין פון באַרג־אַראָפּ און געשפּאָלטען איהר דעם מוח. איבער־געריסען איהר פינסטער לידעלע און... אַזוי אַרום, געראַטעוועט דעם גאַנצען אונטערבאַרגער־ישוב.

כדי וואָס גיכער אָפּצוטשעפּען זיך פון דער משוגענער, האָט איהר מערע, אַרויסגעטראָגען אַ פולען טעפּעלע מיט הייסע קולאַיע. און דאָס טעפּעלע אויך אָוועקגעשענקט איהר. וואָרים ווער, וועט דאָס געהן געברויכען אַ ליימענע כלי נאָך אַ משוגענער?

חיה־שרהקע האָט דאָס זשעדנע אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע שוואַרצע הענט, ווי מיט לאַפּקעס, און, לעקענדיג מיט אַ לאַנגער צונג גלייך פון טעפּעלע, ווי אַ חיה, האָט זי געכאַפּט לויפען, פּונקט ווי זי וואָלט מערען אָקאָרשט אָפּגעטאָן עפּעס זעהר אַ מיאוסע מעשה און האָט מורא פאַר קלעפּ...

וואונדערט זיך מערע: אויף אַזאַ משוגעת האָט זי זיך ניט גע־ריכט. אַפילו משוגעים זאָגען אַ דאַנק, אַז זיי זיינען צופרידען... נאָר באַלד האָט זיך חיה שרהקעס אַנטלויפען אויפגעקלערט. ביים צוים פון אַ גרויסען קרויט־גאָרטען, אויף יענער זייט גאַס, האָט זיך חיה־שרקה אָפּגעשטעלט און ערשט דאָ האָט זי אַרויסגעשאָסען מיט איהר איינגעהאַלטענעם, גאָרגעלדיגען פּאַסקודנינקען געלעכטערל: „כי־הי־הי און הי־הי־קכי". און באַלד נאָכן געלעכטערל האָט זיך אויסגעגאָסען איהר ניט־דערזונגען לידעלע:

מיר קולאַיע, דיר קולאַיע
דאָ, אויכעט דאָ.
אָי, אַ מאכל, אָי, דער בייכעל!
דאָ, טאַקע דאָ.
נאָכן סענדער, מיטן סענדרוק
איכאַ־איכאַ־כאַ!

מערען האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצען. זי האָט זיך אָנגע־שפּיצט. וועמען מיינט זי דאָס „סענדרוק" — די משוגענע? א י ה ה סענדערקען אפשר? ער איז דאָך אַ נאָמען נאָכן טאַטען...

נאָר מ'האָט זי ניט געלאָזען אַריינטראַכטען זיך אין חיה־שרה־

קעס געזאָנגעלע. די געסט אין שטוב זיינען געוואָרען אונגעדולדיג און מ'האָט זי אַריינגערופען פאַרענדיגען די פולע טעלער מיט היי־סער קולאַיע.

4.

די הילצערנע לעפעל פון די לעצטע בכבודיגע געסט זיינען זיך ווידער צולאָפען. לעפעל איין און לעפעל אויס, ביז אין טיפע טעלער איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען. „ווער וויל נאָך?" — האָט סענדעריכע אויסגערופען — „שעמט זיך ניט!"

זאַוועל שמייסער, זונדעל און שמחהלע טורערו מיט די פלונית־טעס האָבען זיך צומעקעט און צוכיכיקעט: „ע... יאָ. המ... אויב, הייסט דאָס, ס'איז דאָ איז — כי־כי־כי!..."

— מיר האָבען געגעסען הייסע, — מאַכט סענדעריכע — אַצינד לאָמיר פאַרזוכען קאַלטע אויך.

ווי שטיקער האַניגדיגער לעבער האָט זיך געלעגט די קאַלטע קולאַיע גלייך פון טאָפּ אין די גרויסע טעלער. די אורחים האָבען זיך אַזש די הענט גענומען רייבען פון פאַרגעניגען. ניין, אַזאַ געראָ־טענע קולאַיע האָט מען שוין לאַנג אין שקלאָוו ניט געזעהן. כאַטש נעם און שנייד פון איהר צוקערלעך.

אָנגעגאַשט זיך, הויבט דער ערשטער אויף דעם קאָפּ זונדעל גאַטס־גנב. ער איז אַן אַלטער איינגעפונדעוועטער קולאַיע־עסער. איז ער גיכער פאַרטיג געוואָרען. און זיינע בלישטשענדיגע אויגע־לעך, און די טיפע האַרמאָשקע קנייטשעלעך, האָבען געהאָט אַן אויס־דרוק, ווי אויסגעטשוכעט פון אַ טיפער שכורער הנאה. מיט אַ פאַר־שוואומענעם קוק האָט ער אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער שמחהלע טור־רערו און איבער וואָיטעקן. ביידענס וואָנסעס זיינען געוועזן אויסגע־שמירט ווי מיט שיטערען ליים... דערזעהענדיג אַזאַ שפּע, האָט זיך זונדעל דערמאָנט, אַז אויך ער האָט וואָנסעס, וועלכע זיינען מסתמא אויך ניט אין אָרדנונג.

— אַח, אַ מחיה, — מאַכט ער — ווי איך בין אַ איד! — און

זויגט בשעת־מעשה אָפּ די אויבערשטע וואַנסע מיט דער אונטער־שטער ליפּ, ווי מען איז זיך נוהג מיט הבדלה־ווייַן: פּט... פּט...

דערזעהט זיידע וואַיטעק, אַז דער עולם פּוצט זיך שוין, טוט ער דאָס זעלבע, פּאַוואָליע, מיט געצויגענער הנאה, און זיינע אויסגעבליהטע פּיאָלעטע אויגען לויכטען דערביי מיט גוטסקייט.

— נו, — מאַכט ער — געלויבט דער אויבערשטער, אַ וואָך נאָך „שבת נחמו״ מעג מען זיך אָנטאָן אַביסעל וואוילטאָג.

ביסלעכווייז צורעדען זיך אַלע אַכט אַנטיילנעמער, און אַלע זעהען אויס, איז דער גרויער ליכטיגקייט פון פּאַר שלוש־סעודות. נאָך די צוויי טיפּע טעלער קולאַיע, הייסע און קאַלטע, ווי ס׳וואָלט זיי אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגען.

— העז, — מאַכט זאַוועל פאַרחידושט, — וואָס פון קאַרענע מעהל קען ווערען!

שמחהלע טורערו איז זאַוועלס פלוצליכע גוט־ברודערשאַפט מיט זיין חבר פון יאַטקע און פון אַסטראָג, מיט נח פאַנדרעוו, אַ האָר ניט געפעלען. פויקט ער איהם אויס זיין ניט־צופרידענקייט גלייך אויפן אָרט:

— פונקט וואָס פון אַן אַרויסגעטריבענעם שמייסער קען ווערען...

צינדט זיך זאַוועל אָן ווי אַ פייער:

— מ׳רעדט דאָך ניט מיט דיר, לאַטרע!

דערזעהט זיידע וואַיטעק, אַז ס׳פאַרנעמט זיך אויף אַ קריג, שלאָגט ער גלייך איבער:

— ששאַ... מיט קולאַיע איז דאָך ווי מיט יענעם יון, וואָס איז אַריינגעפאַלען אַ הונגעריגער צו אַ קאַרגער פויערטע. ניטאָ, מאַכט זי, ביי מיר גאָרנישט. קיין גרייפּעלע האָב איך ניט. כ׳האָב אַליך ניט וואָס צו עסען!... אַ האַק האָסטו כאָטש? — פרעגט דער יון. אַ האַק איז דאָ! גיב אַהער, וועלען מיר בראָטען דעם האַק. נאָר בראָ־טענדיג דעם האַק פאַרלאַנגט ער ביסלעכווייז, דער יון, דאָס ציבע־לעס, דאָס גרויפּען. די פויערטע איז מוראדיג טשיקאַווע, גיט זי איהם, כסדר, אַלץ וואָס ער בעט, אַבי צו זעהן ווי פון אַן איי־זערנער האַק ווערט אַ געבראָטענס. לסוף, אַז ס׳איז פאַרטיג געוואָ־

רעז, האָט דער יון אַרויסגעוואָרפּען דעם האַק און דאָס גאַנצע געקעכץ אויפגעגעסען... וואָס־זשע איז די רבותא וואָס פון קאָרענע מעהל ווערט אַזאַ מאכל? מישט אויס האָניג מיט סאָק פון „זשוראַווינעס" און וויקעט איין זיי אַן סקאָרינקעס און באַשיט זיי מיט פּיסאָמים (בשמים) וועט איהר אויך לעקען די פינגער.

רופט זיך אָפּ שמחהלע טורערו און ווישט זיך די וואָנסעס:

— אַצינד, אַז מיר האָבען זיך אָנגעזליאָקעט מיט קולאַיע, וואָלט נאָך געווען גוט אַ פיינער בעכערל מיט ביינציגער און אַ שטיק לעקאַך. קולאַיע ביי לייטען איז דאָך ווי אַ הערינג פאַרן עסען. איהר ווייסט דאָך, מסתמא, ווי מ'עסט אַ גוטען הערינג?

— ס'אַראַ קצבישע קישקע!... — גיט זאַוועל אַ בורטשע. דאָס רעכענט ער זיך מיט איהם אַצינד אָפּ פאַר פריהערדיגען טשעפּען זיך.

נאָר שמחהלע טורערו קוקט אַפילו ניט אין זיין זייט און רעדט ווייטער:

אַ הערינג דאַרף מען עסען מיט שכל. מ'דאַרף זיין אַ קענער אויף הערינג, דאַרף מען. מען מוז זעהן, אַז דער הערינג זאָל האָבען אַ דיקען רוקען און אַ בלויליכע הויט, ווי די מאָרדע ביי אַ גלות (ביי אַ געגאָלטיין). וואָס בלויער דער רוקען — אַלץ פעטער איז ער. ס'איז אַ שמאַלץ־הערינג. און מילך מוז ער האָבען אין בויך, ניט קיין רויג. פון אַ הערינג מיט רויג בלייבט גאָר ניט אין מויל און עס ברענט אויפן האַרצען. אַז מען קריגט אַזאַ רעכטען הערינג, הייסט מען איהם אויסטאָן די ראַצעמאָרענע קאַפּאָטע און מ'ציהט פון איהם אַרויס די מילך. אויף וואָס טויג אַ הערינג אַ זכר מילך? מילך איז גוט פאַר נקבות. די מילך צורייבט מען מיט עסיג און מען באַגיסט דעם אָדם־נאַקעטען הערינג און מען לעגט איהם אַרום מיט ציבעלע־רינגעלעך. מיט רעדעלעך פון אַ פרישער אוגערקע. מיט געקאָכטע בולבעס, מיט הייפעלעך פעפער. דערנאָך וואַשט מען זיך. מען מאַכט המוציא. מען צושניידט דעם הערינג, מען עפענט זעהר שעהן אויף דעם פענסטער און מען וואַרפט אַרויס דעם גאַנצען הערינג מיט אַלע פּאַטראַוועס אויף דער גאַס... און תיכף, אויפן

אַרט, גיט מען אַ האַק אין טיש, מ'רופט צו די ווייב און מ'הייסט דערלאַנגען דעם גוטען שטיקעל געבראַטענס מיט יויך און מיט בול־בעסלעך און מיט ציבעלקעס. מ'רייבט אַריין אַזוי ווי גאָט האָט גע־באָטען. מ'וויזט אָן אויפן אָפענעם פענסטער און אויפן אַרויסגע־וואָרפענעם הערינג און מ'זאָגט: „אָט דאָס איז אָן עסען!" און מ'ווייזט אויפן טעלער מיט געבראָטענס און מ'זאָגט אַזוי: „אָט ד אָ ס איז אָן עסען!"...

דער וואונק אויף מערעס כיבוד איז אָפילו ניט געווען אַזוי אידעל, פונדעסטוועגען האָבען אַלע געלאַכט. אויסער זאַוולען.

— אַזוי וואויל — מאַכט ער — צו קצבים, וואָס ווי זיי קו־מען פון אָסטראַג האָבען זיי שוין קעלבערנע יוצרות אין יאַטקע. אָבער וואָס זאָלען טאָן באַלעגאָלעס וואָס זיינען געבליבען מיט איין בייטש־שטעקעלע?

ווערען שמחהלעס אויגען שאַרף ווי די נאָדלען:

— ווען לעקסטו דאָ, דו? לעק בעסער די קולאַיע פון טע־לער. האָסט שוין, מסתמא, לאַנג ניט געגעסען. זאָג דעם אמת.

כדי אָפצוקיהלען דעם כעס צווישען זאַוועל־שמייסער און צווי־שען שמחהלען, הויבט אָן טעמע, זונדעלס אידענע, צו שמונצערען מיט די ליפּעלעך צו סענדערקען און צו קנאַקען מיטן צינגעלע. הען, אַ אינגעלע, אָהן עין־הרע, אויסגעוואַקסען! קאַפּענע דער טאַטינקע. מצ... מצ... מצ... קולאַיע האָסטו שוין געגעסען, קולאַיע?

און שמונצערענדיג אַזוי, גיט זי קונציג אַ וויש־אויס איהר טע־לער מיטן קאַריאַוועו פינגערל און שטעקט אַריין סענדערקען גלייך אין מיילכעל.

— אַך, גיט זיך מערע אַ כאַפּ — איך בעט אייך!... וואָס טוט איהר וואָס?

— איין שמיר ביים ליפּ, — מאַכט טעמע, און איהר מאַנס־בילשע נאָז צושמעלצט זיך אין זיסקייט — וואָס קען עס שאַדען?

— ריינע מעהל מיט האָניג! — באַשטעטיגט שמחהלעס פלוניתטע — און שטופּט סענדעקען אויך אַריין אַ שפּיץ פינגער אין מיילכעל.

סענדערקע באַלעקט זיך, בלאָזט אָן די אויגעלעך, און מאַכט „בו־בו״.

— הען, ווי ס׳געפעלט איהם! — געהט צו זיידע וואָיטעק — מצו... מצו... מצו... צוציק מיינער!

און איז איהם אויך מהנה מיט אַ טראָפּען קולאַיע.

— האָט גאָט אין האַרצען! — שטעלט זיך מערע צווישען די גוטע מענשען און צווישען איהר קינד. אין קאָפּ פליהט איהר מיט אַ מאָל דורך חיה־שרהקעס פּאַסקודנע לידעלע „אַי, אַ מאכל, אַי דער בייכעל!...״

שרייט זי אויף אַ דערשראָקענע:

— זעה, מאַמע! מ׳מעג אַ קינד געבן קולאַיע?

— איין לעק... — באַרוהיגט זי סענדעריכע — וואָס קען עס שאַדען?

סענדערקע איז פאַרבײ

1.

אינמיטען דער נאַכט, נאָך דער גרויסער קולאַיע, האָט זיך מערע אויפגעכאַפּט פון אַ שאַרפען קוויטש. איהר אינגעלע האָט געשריען.

זי איז געשלאָפען געשמאַק, ווי עס שלאָפט זיך אַלעמאָל נאָך אַ טומעלדיגען טאָג, פול מיט געסט און לויפעריי און גערייד. און דער ערשטער געדאַנק איהרער, ביים אויפכאַפּען זיך, איז געווען חיה־שרהקעס אַנצוהערעניש אין איהר מיאוסער לידעלע:

„אָי אַ מאכל, אַי דער בייכעל,
דאָ, טאַקע דאָ!...”

איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט אַ דערשראָקענע. און ס'איז טאַקע ניט געווען קיין געוועהנליכער געוויין פון אַ קינד, וואָס דערשרעקט זיך אינמיטען דער נאַכט, אָדער וועלכער האָט עפּעס אָפּגעטאָן אַ מעשה אין די וויקעלעך און פיהלט זיך ניט געהויבען. דאָס איז געווען אַ פאַרגעהען־זיך, אַ פאַרכלינען־זיך פון אַ קינד וואָס וויל איבערשרייען אַ שאַרפען וועהטאָג.

ביים וויגעלע, לעבען דער הרובע, האָט זי זיך אָנגעשטויסען אויף סענדעריכען. יענע האָט זיך שוין, ווייזט אויס, פריהער אויפגעכאַפּט און געשטאַנען איינגעבויגען, מיט איהר אויסגעדאַרטען גופעלע איבער די קישעלעך, אין האַנט — אַ האַלבע גלעזעל מיט

געזיסטען שוואַכען טיי. נאָר דאָס קינד האָט ניט גענומען. ס׳האָט געבראָכען.

— אוי, מאַמע!... האָט מערע אויסגעשריען ביטער און אימי־צען מיט אַ פאַרוואורף — זעהסט? וואָס האָב איך געזאָגט?...

— נישקשה — האָט די סענדעריכע גענומען באַרוהיגען — לאָז איהם נאָר אַ ביסעל אָפּברעכען. דאָס בייכעלע, אָפּנים.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז אַ לעק קולאַיע קען ניט שאַדען. אָט איז דיר „אַ לעק"!...

— אַז יעדער איינער, — פאַרענטפערט זיך סענדעריכע — אַז יעדער איינער וויל זיין דער גוטער... נאָך אַ לעק און נאָך אַ לעק... נאָר נישקשה, ער וועט גאַנץ זיין.

— שוין לאַנג, אַז ס׳קינד שרייט אַזוי? — טומעלט זיך מערע.

— שוין אַ היבשע ווילע. לאָז!... אָט מ׳עט איהם צולעגען אַ הייסע פלעשעל צום בייכעל. נישקשה.

סענדעריכע לויפט אַוועק אויף איהרע פלינקע פיסעלעך אין קאַכשטוב. פאַנדרע שלאָפט געשמאַק. און מערע בלייבט אַליין ביים קינד. זי קען עס אין וויגעלע ניט באַרוהיגען — נעמט זי דאָס אויף די הענט, הוידעט, טוליעט עס צו זיך. און ערשט דאָ באַמערקט זי, אַז דאָס נפשל איז אינגאַנצען נאַס פון שוייס און קאַרטשעט זיך פון וועהטאָג.

— אָי, אָי, — לאָזט מערע אַראָפּ דאָס קינד צוריק אין ווי־געלע און כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ — וואָס האָבען זיי געהאַט צו מיר? וואָלטען בעסער זייער גוטסקייט באַהאַלטען פאַר זיך אַליין...

— שאַ—שאַ! — שרייט אויף איהר סענדעריכע פון קאַכ־שטוב — לייענסט שוין תחינות, לייענסטו? גיב נאָר אַ קוק! אַ נייע בײ אַ קינד דאָס בייבעל...

פון דער סומאַטאַכע כאַפּט זיך פאַנדרע אויף און לויפט צו אַ פאַרשלאָפענער. ער דערזעהט ווי דאָס קינד קאַרטשעט זיך און איז בלויליך אין געזיכט. פאַר די צעהן טעג, זינט ער איז געקומען פון אָסטראָג, האָט ער נאָך ניט באַוויזען צוצוגעוועהנען זיך צו זיין אינגעלע, עס ליב באַקומען. ביי מאַנסבילען קומט אַזאַ צערטליכקייט פּאַמעליכער. עס מוזען אַריבערגעהן וואָכען. אַצינד דאָ ביים וויגעלע,

צום ערשטען מאָל, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דאָס פאַרקרימטע פּנימל, אויף די אָנגעבלאָזענע בלויע אָדערען אויף דאָס שרייענדיגע העלזעל, און אַ טיפער רחמנות האָט איהם אַ טאַרע געטאָן ערגעצ־וואו ווי אַ וואָרים. דאָס טאַטע־געפיהל האָט אָנגעקלאַפּט אין האַרצען ווי אַ פאַרשפּעטיגטער אורח. און גראָד דאַן, ווען דאָס קינד האָט פאַרלאָרען זיין חן, זיין זיסע שפּילעוודיגקייט... דער רויטער גע־בורטס־פלעק ביים קינד אויפן העלזעל האָט אָצינד געברענט ווי אַ פייערדיגער שטעמפּעל, ווי אַ הייסער פאַרוואורף פאַנדרען אין די פאַרשלאָפענע אויגען אַריין. אָט, בשעת ביים נייעם נגיד האָט גע־ברענט, האָסטו מיך געלאָזען איינינקען אַליין ביי דער מאַמען אונ־טערען האַרצען... איצטער וועסטו מיך אויך לאָזען אַליין? טאַטע!

האָט ער דאָס עופעלע אַ כאַפּ געטאָן מיט זיינע שטאַרקע הענט צו זיך אויף דער ברייטער ברוסט, וועלכע ברומט אַצינד, ווי אַ באַנ־דורע פון פאַטערליכע רחמנות. ווי אַזוי האָט ער דאָס ביז אַהער זיין אייגען בלוט־און־פליישׁ געקענט לאָזען אָן אַ זייט, זיין אַזוי קאַלט צו זיינע שמייכעלעך, צו זיין שפּילען? ניט געגלעט, ניט גע־קושט, ניט געוויגט אויפן קניע — אַזאַ גראָבער יונג ווי איך בין!...
ער האָט דאָס אַצינד געוואָלט גוט־מאַכען, פאַרגלעטען זיין האַרט־קייט קעגען קינד, קעגען מערען, קעגען זיך אַליין. נאָר זיין גאַנ־צער רחמנות האָט איצט ניט געהאָלפען. עס האָט דאָס עופעלע נאָך מעהר צוריצט, געשאָטען זיך ווי זאַלץ אויף אַ וואונד. דאָס קינד האָט מוראדיג געשריען.

מ׳האָט סענדערקען צוגעלעגט אַ הייסע פלאַש צום בייכעל. דאָס קינד האָט איינגעדרעמעלט מעהר פון אָפּמאַטערונג ווי פון דערלייכטערונג. וואָרים פון אונרוהיגען שלאָף האָט דאָס אַלע ווייַ־לע אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפען, צוצויגענעם און דערשטיקטען קרעכץ. אונטער אָט די דאָזיגע האַרצרייסענדע טענער פון קינדישע יסורים איז מערע אַריינגעפאַלען אין אַ ניט־געזונטען, מוטנעם דרימעל.

זי גיט זיך אַ כאַפּ־אויף, ביי דער שיטערינקער מאָרגען־ליכ־טיגקייט, און לויפט גלייך צו סענדערקעס וויגעלע. דאָס קינד דריי־מעלט עפּעס מאַדנע מיט האַלב־אָפענע פאַרגלאָצטע אויגלעך אוז, שלאָפענדיג אַזוי, לאָזט עס אַלע ווײַלע אַרויס אַ געצויגענעם קול

דורכן נעזעל, וואָס הערט זיך אָן, ווי אַ זעהר ווייטער פּייף פון אַ באַהן. אַזאַ פּייף האָט זי שוין איינמאָל געהערט, אין אָרשע, ביינאַכט אויפן וואָקזאַל...

זי ריהרט אָן דאָס אָנגעשפּאַנטע העלזעל אונטערן קאָמטעלע און גיט די האַנט אַ כאַפּ צוריק, ווי אָן אָפּגעברענטע. עס ברענט ווי אונטער אַ פליגעל ביי אַ קראַנקער טויב.

— מאַ—מע! — שרייט מערע אויף — סענדערקע איז דאָך אַ פאַרבייאיגער!

אין שטוב ווערט ווידער אַ טומעל. פאַנדרע, אַ ניט־געוואַשע־נער, טאַפּטשעט זיך אויף איין אָרט. נאָר איין סענדעריכע איז רו־היגער, איינגעהאַלטענער.

— אָט דאָס — מאַכט זי — איז מיט אַלע מאַמעס, וואָס האָ־בען נאָר איין קינד. ווי נאָר עפּעס אַ האָר פאַרלירען זיי דעם קאָפּ. מען וועט איהם צולעגען אַ ביסעל קאַמפער־בוימעל צום בייכעל וועט דאָס איבערגעהן...

.2

האָט מען מיט סענדערקען געטאָן אַלץ וואָס די באָבע האָט גע־הייסען און ס'האָט ניט געהאָלפען. דאָס קינד האָט געברענט ווי פייער.

סענדעריכע איז שוין אין מאַרק ניט געגאַנגען. אַרומגעלאָ־פען איבערן שטוב ווי אַ וועוויערקע און, שטילינקערהייט, אַז מערע זאָל ניט הערען, אָפּגעזיפצט מיט איהר דריבנעם צרהדיגען זיפצע־לע: אוי־אוי־אוי.

דערכאַפּט מערע איינעם אַזאַ זיפצעלע און ס'הערט איהר פינס־טער פאַר די אויגען. אויב די מאַמע זיפצט אַזוי, איז אַ סימן, אַז ס'איז שלעכט... גיט זי אַ נעם די שטוב־פאַטשיילע און פאַרוואַרפט דאָס איבער די פּלייצעס:

— כ'וועל לויפען רופען דעם פערשעל.

וואונדערט זיך סענדעריכע:

— אויב שוין רופען, רופט מען דעם דאָקטאָר חישין. ביי אָרימעלייט נעמט ער, דאַכט זיך, ניט מעהר ווי דער פּערשעל.

כאַפּט מערע אַ קוק אויף נחן, איהר מאַן, און לאָזט אַראָפּ די אויגען:

— צו איהם געה איך ניט מעהר.

דערמאָנט זיך פאַנדרע וואָס מערע האָט איהם דערצעהלט, ווייּנענדיג, די ערשטע נאַכט, נאָך זיין צוריקקומען אַהיים. ווי אַזוי זי האָט געבעטען ביים דאָקטאָר עפּעס איינצונעמען צום שלאָף און ווי אַזוי דער אַלטער בחור האָט זיך באַנומען... רעדט ער ניט קיין וואָרט, ציהט אָן זיין פאַדיאָווקע און לאָזט זיך אַוועק, מיט זיינע שטאַרקע באַשטיוועלטע פיס, צום דאָקטאָר.

דערזעהענדיג אַזאַ גידול, ווי פאַנדרע איז, מיטן פינסטערען און געזונטען פנים, ביי זיך אין שטוב, האָט זיך דאָקטאָר חישינען אָפּגעריסען אין האַרצען. זיין שטענדיג געלבליכע הויט איז געוואָרען גרין. ער האָט דערשפּירט, אַז מערע האָט עפּעס דעם מאַן איהרען געמוזט דערצעהלען. אויף זיין אָפענעם האַרטען פנים און אין די גרויע אויגען איז עס אָנגעשריבען. המ... איז וואָס וויל ער דאָ דער אָסטראָזשניק?

נאָר אויסהערענדיג נחס בורטשענדיגע רייד, אַז זיין קינד איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרען און ער בעט דער דאָקטאָר זאָל אַזוי גוט זיין און קומען, איז איהם, דעם אַלטען בחור, אַ ביסעל גרינגער געוואָרען. פון גרויס שמחה האָט ער אַזש געבעטען פאַנדרען אַ ווייּלעטשקע וואַרטען. אָט באַלד! מען וועט איינשפּאַנען וועט מען פאָהרען צוזאַמען אין פאַיעטאָנדעל.

נאָר פאַנדרע האָט זיך פון אַזאַ כבוד אויסגעדרעהט. כ'וועל, מאַכט ער, לויפען אַהיים... מערע איז אַליין. זי איז אויס מענש.

און דר. חישין האָט טאַקע געהאַלטען וואָרט און לאַנג ניט געלאָזען וואַרטען אויף זיך. באַלד נאָך נחס צוריקקומען פון גאַס, איז ער אָנגעפאָהרען מיט זיין אָפגעלאַקטער בריטשקע, וועלכע ער האָט אָפגעראַטעוועט פון קאָפּעל גנבס הענט, און מיטן גלעקעל איבער דער דוהע.

אין דער גרויסער אָרימקייט פון סענדערס אָפגעלאָזטער שטוב

און אין איהר אָפּגעניצטער פּאַטשיילע, האָט מערע אויסגעזעהן נעבעכדיגער און מיאוסער ווי ביי איהם אין קאַבינעט. די זאָרג איבער איהר קינד האָט איהר אויסגעצויגען די נאָז, איינגעבויגען איהר וואוקס. איהרע אָרעמס האָבען זיך עפּעס אָפּגעלאָזען; ניט־ווייבליך און צו־לאַנג זיינען זיי געוואָרען. זי האָט איהם אויך ניט געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין. און ער האָט זיך געוואונדערט, ווי איהם, אַזאַ געפּיעשצעטער אויסקלייבער, האָט זיך געקענט פאַרגלוסטען אַזאַ אָפּגעפליקטער באַטשאַן אין אַ קליידעל... ער האָט אויסגעהערט דאָס קינד, באַמיהענדיג זיך צו זיין וואָס אויפריכטיגער, ערנסטער. אין זיין איבערגעטריבענער מינע פון איבערגעגעבענקייט איז אָבער געווען פאַרשטעקט דער דאָרן פון אויספּיינען־זיך אַקעגען מערען: „נאָ, זעהסט! האָסט דאָך מיך אָפּגעשטויסען? און איך טו מיין זאַך עהרליך, נאָך עהרליכער ווי אַן אַנדערען...”

נאָר פלוצלינג, גאָר אומגעריכט, האָט ער זיך באַגעגענט מיט מערעס אויגען, וועלכע האָבען נאָכגעקוקט מיט מוטערליכען שרעק אַלע זיינע באַוועגונגען. אָט די גרויסע קאַרע מאַמע־אויגען, זיינען אויפגעשניטען אונטערן גלאַטען, קלאָרען שטערען ווי צוויי לאַנגע מאַנדלען. אַ וואַרימקייט האָט פון זיי געשטראָמט און אַ געבעט צו ראַטעווען איהר קינד...

פון׳ם דאָזיגען קוק איז אַוש דעם אַלטען בחור באַפאַלען אַ זיסע שווינדלעניש. ער האָט פאַרלאָרען די רעכענונג פון קינדס האַרצקלאַפּען. זיין כלומרשטע חרטה־האָבען אויף זיין לייכטזיניגקייט ביי זיך אין קאַבינעט, זיין כלומרשטער אָפּלאַכען אין האַרצען פון מערעס פאַרפיהרערישקייט — זיינען זיך צופלויגען ווי רויך. ער איז זיך אַליין פאָרגעקומען ווי יענער פוקס אין פאַבעל, וואָס קוקט אַרויף, אונטער אַ צו־הויכען צוים, צו די צייטיג־אָנגעגאָסענע הענגלעך וויינטרויבען. אָט הוידען זיי זיך און ברענען ווי די הויפענס רובינען!... זיי זיינען אָבער עסיג־זויער, גאָספּאָדין דאָקטאָר! ווי זאָגט איהר? מען קען זיך נאָך חס ושלום אַן אַסקאָמינע אָנשלאָגען... כאַ־כאַ!... און גלאַט ווי קומט דאָס עפּעס צו אַ באַלעגאָלטשיצע אַזעלכע אויגען, אַזאַ הויט, אַזאַ איידעלע לאַנגליכקייט פון געזיכט?. די אָרימקייט אַרום איהר איז נאָר ווי אַ וואונדערליך־געשניצטע מיט

פליגען און מיט ראַצען באַפלעקטע ראַם. ווען ער האָט שטודירט אין פּעטערבורג האָט ער אין ערמיטאַזש געזעהן אַזעלכע בילדער. ווי קומט די פליישיגע מושע, זונדעלס טאָכטער, צו אָט דער בלאַסער היכער ווייבעל? טאָג און נאַכט.

— וואו... ווע... ווען? — האָט זיך דאָקטאָר חישין אַזש פאַר־זאַאיקעט פון באַוואונדערונג — ס'הייסט: ווען איז דאָס קינד קראַנק געוואָרען?

אין עטליכע ווערטער האָט איהם מערע דערצעהלט די מעשה מיט דער קולאַיע און ווי יעטוועדערער פון די שכנים און גוטע־פריינט האָט, מחמת גרויס פריינטשאַפט, געגעבען איהר אײנגעלע אַ לעק־טאָן.

— אַי—אַי—אַי!...— האָט דאָקטאָר חישין געשאָקעלט מיטן קאָפּ ווי אַ אידענע. אונטער מערעס אומעטיגען קוק האָט ער איבּ־גאַנצען פאַרלאָרען זיין דאָקטאָרשען האָנאָר און דערביי אַליין גע־פיהלט, אַז ער אַיקעט ווי אַ אידענע.—אַי—אַי—אַי, ווי דערלאָזט מען דאָס אַזאַ זאַך? קולאַיע, זאָגט איהר, פריעט אין אויוועז אַ טאָג פיער נאָכאַנאַד? מעהל מיט זשוראַווינעס מיט האָניג?... אַי־אַי!

פון אַזאַ היימישען לשון האָט זיך אויסגעלויטערט דער נעבעל, וואָס איז נאָך געשטאַנען צווישען דאָקטאָר און זיין געוועזענער פּאַציענטקע. מערע האָט דערפיהלט זיין אונבאַהאָלפענקייט, זיין באַ־האַלטענע פאַרליבטקייט און האָט שוואַך אַ שמייכעל געטאָן צו איהם, וואונדערנדיג זיך אַליין, ווי אַזוי זי קען נאָך טראַכטען פון אַזעלכע זאַכען ביים וויגעלע פון איהר קראַנק קינד. „אַ ניט־גוטער שטעקט אין מיר...” קלערט זי זיך און איהרע ליפּען זאָגען גאָר עפּעס אַנ־דערש, פאַרענטפערן זיך:

— כ'האָב מיך איינגעשטעלט. נאָר געה מאַך, אַז יעדער איי־נער זאָגט: „אַ לעק... וואָס קען עס שאַדען?...”

דאָקטאָר חישין האָט געהייסען באָדען דאָס קינד אַלע עטליכע שעה. פאַרשריבען אַ רעצעפּט. ביים אַוועקגעהן האָט איהם מערע אַריינגערוקט אין האַנט זיין געוועהנליכען שכר־טרחה אין אָרימע הייזער — צוואַנציג קאָפּיקעס. האָט ער ניט געוואָלט נעמען, אַ מאַך־געטאָן גרויסמוטיג מיט דער האַנט. אָבער מערע האָט אויף איהם

אַזוי שטרענג און דורכדרינגענד אַ קוק געטאָן, אַז ער האָט ניט־ווי־לענדיג אַ כאַפּ געטאָן די צוויי גריוונעצקעס און, ווי איינער וואָס ברענט זיך מיט הייסע קויהלען, אַראָפּגעוואָרפען אין אַ זייט־גער קעשענע און גיך אַרויס.

3.

דריי טעג זיינען שוין אַריבער נאָך סענדערקעס קראַנק ווע־רען און ס׳איז איהם בעסער ניט געוואָרען. פאַרקעהרט, ס׳האָט זיך נאָך פאַרערגערט. אַלע פאַרנאַכט האָט זיך ביים קינד אויפגעהויבען די היץ ביז איבער פערציג גראַד. דאַן פלעגט סענדערקע אָנהויבען צו קראַמפּירען, וואַרפען זיך און אָטעמען ווי אַ פאַריאָגטע חיהלע.

כּדי איינצושטילען די קרעמפען, האָט מען עס געמוזט אַריינזעצען אין אַ צעבער מיט וואַרים וואַסער. ביים לעצטען מאָל אָפּרייניגען דאָס קינד האָט זיך באַוויזען בלוט... איז מען געלאָפען נאָכן דאָק־טאָר אינמיטען דער נאַכט. חיטינס פּנים איז געוואָרען פאַרזאָרגט. ער האָט גלייך געהייסען קריגען אייז און צולעגען אַ פענכער צום קינדס קעפעל. וואָס עפּעס מיט אַמאָל אייז? אויף דעם האָט ער קיין קלאָרע תשובה ניט געגעבען. יאָ... אַ מוחל ביי אַ קינד איז אויך ניט פון אייזען. ביי אַ קינד איז אַפילו אַ הויכע טעמפּעראַטור ניט אַזוי געפעהרליך ווי ביי אַ דערוואַקסענעם. פונדעסטוועגען — און איז אַוועק.

ס׳איז ניט אַזוי לייכט צו קריגען אייז סוף־חדש אב אין אַ קליינשטעטל; דערצו נאָך אינמיטען דער נאַכט. אַ גוטע צוויי שעה האָבען סענדעריכע און פאַנדרע געקלאַפּט אין פאַרמאַכטע לאָדענס, ביז זיי האָבען געקראַגען אַן עמער מיט קרוכלע צופאַלענע שטיק־לעך אייז ביי קאַלמע דעם וויין־מאַכער אין פייכטען קעלער.

דאָס קינד איז דערוויל געלעגען ווי אין היגהער־פלעט, מיט האַלב־אָפענע אויגלעך, דאָס קעפעל פאַרוואָרפען. עס האָט גיך גע־אָטעמט און געצאַפּעלט זיך אינגאַנצען, ווי אַ געבונדענע, האַלב־געשאָכטענע טויב. מערען איז דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען פאַר ווייי־

טאָג. די ליימענע טעפּ, וואָס זי האָט נאָך מיט עטליכע טעג צוריק אַנטליהען אויף „קולאַיע״, ביי גוטהאַרציגע שכנים, זיינען נאָך גע־שטאַנען לידיגע און ניט־געוואַשענע אונטערן ביינקעל אין קאָכשטוב. ווי די גולמס זיינען זיי געשטאַנען און רויט און טעמפּ געגלאָצט אויף דער סומאַטאָכע אין שטוב. קאַליע געמאַכט אַ קינד און גאַרנישט... זיי האָבען מערען געשטאָכען די אויגען מיט זייערע שוואַרץ־גע־ברענטע פלעקען איבערן רויטען ליים, מיט דער פאַרטריקענטער קולאַיע ביים ראַנד, אונטער די פּאַקרישקעס. די שוואַרצע פלעקען האָבען איהר אויסגעזעהן ווי סימנים פון עפּעס אַ קלעפּיגע מגפה און די צוגעברענטע ריטשקעלעך קולאַיע איבערן ליים — ווי פאַר־טריקענטע ראָפּע... קוקען אויף די דאָזיגע גולמס האָט זי מעהר ניט געקענט. וואָלטען דאָס געווען איהרע אייגענע טעפּ, וואָלט זי זיי, מיט די אָפּצאָסען פון די שיך, פון שטוב אַרויסגעקייקעלט און אויפן מיסט צובראָכען.

געבראַכט דעם עמער אייז און צוגעלייגט אַ פענכערעל צום קינדס מוחל, האָט מען זיך שוויינגענדיגערהייט צוגעטוליעט יעדער אין זיין ווינקעל. סענדעריכע האָט זיך געפּיהלט אַ ביסעל שולדיג אַקעגען איהר טאָכטער. צו לייכט האָט זי לכתחילה גענומען סענ־דערקעס שרייען. אין איהרע יונג־ווייבעלשע יאָהרען האָט מען שוין יאָהריגע קינדער געגעבען ברויט מיט הערינג און ס׳האָט זיי ניט געשאַדט. און היינט — אַ לעק קולאַיע ביים ליפּעלע און ס׳קינד איז פאַרביי. באַשערט אַן אומגליק.

און פאַנדרע האָט זיך כמעט ווי געשעמט אַרומפּאַדיען אין דער טרויעריגער שטוב מיט זיינע האַמעטנע רגלים. אַזעלכע גרויסע שטאַרקע אברים ווי ער האָט און זיי נוצען צו גאַרניט, ביי אַזאַ איי־דעלע זאַך ווי די קראַנקהייט פון אַ קינד. דאָ דאַרף מען האָבען דאָקטוירימלעך, שפּריצעלעך, טערמאָמעטערלעך, פענכער־לעך, פלעשעלעך... זיין רחמנות צום קינד איז געוואַק־סען וואָס קראַנקער דאָס קינד איז געוואָרען. נאָר געהט טו־אַהין אַזאַ גרויסע רחמנות ביי אַזאַ קליין ווינעלע. געה שטופּ אַריין אַ פערינע אין אַ מילך־סאָסקעלע!... זיץ שוין, פאַנדרע, אין ווינקעל אַז דו זיצסט, און שוויג בעסער!...

אינדערפריה גיט ער זיך אַ כאַפּ אויף פון מערעס אַ הילכיקן געשריי:

— מאַמע, נעם אַוועק די טעפּ פון מיינע אויגען!

אַ דערשראָקענער איז צו איהר פּאַנדרע צוגעלאָפען. געמיינט זי איז פון זיגען אַראָפּ:

— וואָס איז מיט דיר, מערע? וועלכע טעפּ?

— אָט די! — האָט מערע אָנגעוויזען אויף די רויטע בייכיגע כלים אונטערן בייגקעל און ווילד געדרעהט מיט די אויגען — מיין קינד אָפּגעסמט... נעם אַוועק!

— נו־נו־נו! — האָט זיך אויף איהר פּאַנדרע אָנגעבייזערט און אַליין געכאַפּט און אַפּגעטראָגען די טעפּ צו די שכנים, געבעטען מוחל זיין וואָס צוליב דער סומאַטאָכע אין שטוב האָט מען זיי פאַרגעסען אָפּצעווייקען, אויסצעוואַשען פון די פאַרדאַרטע רעשטלעך קולאַיע.

אַז די רויטע טעפּ זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען פון קאָכשטוב, איז מערען געוואָרען אַ ביסעל לייכטער. די פינסטערע איינבילדונג, אַז די קולאַיע־טעפּ זיינען פאַרטאַיעטע שונאים־גולמס, איז צופלויגען געוואָרען. אָבער סענדערקען איז דערפון לייכטער ניט געוואָרען. די היץ האָט אויף עטליכע שעה אָפּגעלאָזט. און ווי נאָר די זון האָט זיך אָנגעהויבען אַראָפּצולאָזען, איז די היץ ווידער געשטיגען. דאָס קינד האָט מעהר קיינעם ניט דערקענט. גאָרנישט מעהר ניט געקענט אַראָפּשלינגען. „סענדערקע, סענדערקע!" — האָט איהם מערע פאַרצווייפעלט גערופען. סענדערקע אַהער און סענדערקע אַהין. אַ פאַרבייאיגער איז סענדערקע. ס'האָט נאָך ניט קלאָר געפּיפּסט, דאָס קראַנקע פויגעלע מיטן רויטען געבורט־פלעק אויף דער אויסגעמאָגערטער העלזעל. און די היץ פון אָרימינקען קערפּערעל האָט געשלאָגען, ווי פון אַ פייערקע.

4.

פאַרנאַכט, נאָך אַזאַ שווערען טאָג, איז פאַנדרען אויסגעגאַנ־

גען די לופט אין שטוב. ביי דער יאָהרענלאַנגער שווערער אַרבייט אין אָסטראָג האָט ער זיך אָפּגעוואוינט צו זיצען גאַנצענע טעג אָהן באַוועגונג. און דאָ נאָך אַ צוגאָב דאָס שווערע אָטעמען פון קינד, מערעס נעמען זיך דאָס לעבען, סענדריכעס אַרומלויפען ווי אַ מייזעלע... איז ער אַרויסגעגאַנגען דורכלופטערען זיך אַביסעל און איז אַוועק מיט הינטער־געסלעך, כדי מיט קיינעם ניט באַגעגענען זיך. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט געוואוינען צום אַלעמענס נייגעריקייט, צו די נאַרישע שאלות: וואָס ער קלערט איצטער אָנהויבען צו טאָן? און צי דער נייער נגיד וועט איהר גאָר ניט אויסהעלפען — ער, פאַנדרע, זאָל זיך קענען איינהאַנדלען אַ פערד און שטעלען זיך צוריק אויף די פיס?... ס'איז באמת אַן עולה! דעם לעבען איינגעשטעלט פאַר אַזאַ מערידאַלניק, און וואָס איז ווערט די טיראַלער בהמה אַליין? ווען ניט ער — וואָלט דאָך פון דער בהמה געוואָרען אַ געבראַטענס...

פריקרער ווי אַלעמאָל וואָלט איהם אַצינד געווען אַזאַ חול־המועד'יגער שמועס. האָט ער דעריבער געזעהן אויסצובאַהאַלטען זיך פון אַלע קלעפּיגע קליינשטעטלדיגע מיילער. אָבער ווי אויף צו להכעיס, לעבען דער ניט־געהייצטער וואָכעדיגער באָד, שטויסט ער זיך אָן אויף חאַצע דעם קירזשנער.

פון אונטערן ווינקעל איז איהם יענער אויסגעוואַקסען מיט זיין שוואַרצער קאָווילע (קוליע). און פונקט ווי אויפן מאָהליוער שליאַך, אַזוי האָט זיך אויך דאָ פאַנדרען אויסגעדוכט, אַז דער היבּקעדיגער „ציציליסט" האָט איהם דאָ אָפּגעוואַרט, אויסגעקוקט די העלישע אויגעלעך אויף איהם.

— אַך, נח! — הינקט צו איהם חאַצע־קירזשנער צו, — גוט וואָס איך האָב דיך דאָ געטראָפען.

פאַנדרע קוקט איהם אָן, פינטלענדיג מיט די גרויע אויגען, ווי אויפגעוועקט פון אַ שווערען חלום.

— היינט ביינאַכט האָבען מיר אַ סכאָדקע, — רוימט איהם חאַצע אַריין אין אויער, — לעבען די אָרשער ברעמלעך... וועסט קומען?

פאַנדרע באַוועגט מיט די לאַנגע וויעס און ענטפערט ניט.

חאַצע דער הינקעדיקער מאַכט אָבער אַ צופרידענע מינע, ווי ווען פאַנדרע וואָלט איהם גלייך צוגעזאָגט, אַז ער וועט געוויס קומען, און גיט איהם אַן אַלע סימנים ווי אַזוי צוצוקומען צו יענער הויז מיט די פאַרמאַכטע גריגע לאָדענס. אַט טאַקע דאָרטען וואו דער דערטרונקענער אַמסטערדאַם האָט אַמאָל געוואוינט, דער נכתב... פאַנדרע געדיינקט דאָך מסתמא? אין דער פינסטערער פירהויז וועלען שטעהן צוויי יאַטען מיט „קנאַקערס". זאָל ער, פאַנדרע, זאָגען נאָר איין וואָרט, „בעני" זאָל ער זאָגען — וועט ער דורכגעהן...

פאַנדרע האָט אויסגעהערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַט איז געקומען דאָס, אויף וואָס ער האָט אין דער שטיל געגאַרט זינט זיין משפט אין מאַהליווער אַקרוזשנאַי־סוד. אַט דאָ וועט ער אפשר דערגעהן דעם אמת. אַט דאָ וועט מען איהם אפשר געבען צו פאַר־שטעהן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט...

— אפשר אַן אַנדערש מאָל? — רעדט פאַנדרע קוים אַרויס— ווייסט? מיין אינגעלע איז אַ פאַרבייאיגער...

— כ'ווייס, — מאַכט חאַצע דער הינקעדיגער קורץ און קוקט ערגעצוואו איבער פאַנדרעס קאָפּ — פונדעסטוועגען — קום!

און עפּעס, ווי רחמנות־האָבענדיג, גיט ער צו אַביסעלע ווייכער:

— ווער ווייסט צי מיר וועלען זיך אַזוי גיך קענען טרעפען אַן אַנדערש מאָל אויף אַזאַ אָרט. עס ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג. מיר האָבען ידיעות, אַז דער נייער פריסטאַוו האָט פון מאָה־ליוו אַראָפּגעבראַכט איבערגעטאָנענע זשאַנדאַרניקעס. הונדערט אויגען האָט ער, דער מיאוסער גוי.

פאַנדרען דוכט זיך, אַז חאַצע טרייבט אומישנע איבער, כדי אויסצופּרובען איהם, זעהן צי ער איז אַ שרעקעוודיגער צי ניט. איז איצטער די רעכטע צייט צו דערוויזען חאַצע דעם הינקעדיגען, אַז אויף איהם, אויף פאַנדרען, קען מען זיך יאָ פאַרלאָזען, אַז מ'מעג איהם יאָ אַריינגעמען אין חברה. נאָר ער דערמאָנט זיך גלייך אָן דעם חשך אין שטוב, זיפצט ער שווער אָפּ און לאָזט זיך געהן.

חאַצע דער קירזשנער טרעט אָבער ניט אָפּ. ער הינקט נאָך אויף דער שוואַרצער קאָווילע. ער וואַרט.

גיט פאַנדרע אַ הייב מיט די ברייטע פּלייצעס:

— כ׳קען מערען ניט לאָזען איינע אַליין. פאַרשטעהסט דאָך...

האַצע־קירזשנער בלייבט שטעהן, דרעהט אויס זיין גאַנצען גופּעלע אויף דער קוליע, ווי אויף אַן אַקס, קוקט אריין שאַרף אין פאַנדרעס פאַראומערטע אויגען. פון אונטערן דאַשעק קוקט ער איהם אַן ווי אַ נאַכט־פויגעל, און זיינע ווערטער זיינען האַרט און געצעהלט:

— אויב דו ווילסט זיין מיט אונז, מוזטו קומען. אויפן שליאַך האָסטו אַליין געבעטען און אַצינד — ווייב. קינד.

נח קוקט צוריק מיט זיינע גרויע קינדערשע אויגען. פאַר־וואונדערט קוקט ער, אינווייניג צוזאַמענגעקלעמט, און הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי ער, פאַנדרע, אַזאַ ברייטפּלייצעדיגער, שווער־אַרעמדיגער, שטאַרק־פיסיגער האָט אַזאַ געהיימע מורא, אַזאַ פאַרטאַיעטען דרך־ארץ פאַר אַט דעם צוקראַכענעם הינקעדיגען קירזשנערעל. עפּעס אַ מאָדנע שליטה האָט איבער איהם אַט דער נפש מיט די שיטערינקע שוואַרצע באָרד און ווענסעלעך, מיט די שאַרפינקע הייסע אויגעלעך. און יענער ווייסט, אַז ער האָט די שליטה... אויפן מאַהליווער שליאַך האָט ער איהם ווי אַ גרויסע שפּין אַרומגעפּלאָנטערט און דאָ, ביי דער קאַלטער שקלאָווער באָד, ציהט ער שוין די פעדימער. ער בעט ניט. ער באַפעהלט:

— ביי אונז איז ניטאָ קיין קינד. ביי אונז איז ניט שייך ווייב. מיר שטעהען אַלע טאָג און נאַכט אין געפאַהר. איך אַליין האָב אַ קראַנק ווייב מיט פיער קינדער. און כ׳ווייס ניט וואָס מיט זיי וועט זיין, ווי נאָר מען זאָל מיך כאַפּען און אַריינזעצען... דער בייער נגיד וועט אפשר זאָרגען פאַר זיי? ווי?

שטאַמעלט פאַנדרע:

— אָבער איך... ביי מיר... איצטער...

— אָהן אָבער! — שלאָגט איהם האַצע איבער און לאָזט זיך ווייטער הינקען — אָדער היינט אָדער קיינמאָל ניט. דוקא אַצינד דאַרפסטו באַווייזען, אַז דו מיינסט דאָס... אַז דו ביסט נח פאַנדרע. פאַרשטעהסט! אַלע אונזעריגע ווייסען וואָס עס טוט זיך ביי דיר אין שטוב. און דוקא איצטער וועלען זיי גלויבען, אַז מען קען זיך אויף

דיר פאַרלאָזען. אַלע פישער זאָלען וואַרטען, ביז ס'וועט מער קיין ווינט ניט בלאָזען, וואָלט קיינמאָל קיין שאַלעכץ פיש אויפן מאַרק ניט געווען...

ווי מאָדנע־ניי די ווערטער קלינגען, ווי זיכער ער איז דאָס ביי זיך דער הינקעדיגער קירזשנער. ס'אַראַ לשון דאָס האָט! רוקט זיך צו איהם פאַנדרע נעהנטער צו, געהט מיט איהם זייט ביי זייט, אינ־גערלש צוגעטוליעט. ווי ער וואָלט זיך שטום געבעטען ביי איהם: אדרבא, רעד! מונטער מיך, קירזשנערוק.

און חאַצע פיהלט, דאַכט זיך, וואָס מען פאַרלאַנגט פון איהם. שטעלט ער זיך אָפּ, דרעהט זיך אום אויף דער קאַווילע, ווי אַ לע־בעדיגער צירקעל:

— אַ סך באַלעגאַלעס זיינען שוין אומגעקומען פון וועלף. נו, איז דערפאַר ביסטו קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָהרען ווינטער אין אויס־געשנייטען וואַלד?... מיר דאַכט, דו האָסט אַפילו איינמאָל דערהרגעט אַ וואָלפיכע, ווי?

— אַלץ ווייסטו. — גיט פאַנדרע שוואַך אַ שמייכעל.

— מיר ווייסען אַלץ.

חאַצעס קוק איז דערביי נאָך שאַרפער, נאָך דורכדרינגענדער געוואָרען. ער וועט בשום אופן ניט איינגעהן אויף פשרות אַט דער הינקעדיגער קירזשנערעל. ניין.

אונטער אַט דעם שפּיציגען קוק האָט פאַנדרע געמוזט אַראָפּ־לאָזען זיינע גרויע אויגען. אַ פרעמדער ווילען האַלט איהם, ווי אַ ציגיינערעל האַלט אַ גרויסען בער אויף אַ קייט. מיינט טאַקע חאַ־צע, אַז ער, פאַנדרע, איז אַזאַ שרעקעדיגער? אַז ער האָט מורא פאַר אַ „קנעפעל"? אַז נאָר מחמת ד ע ם וויל ער זיך אויסדרעהען מיטן תירוץ וואָס סענדערקע איז טויט־קראַנק, וואָס מערע איז אויס־מענש?...

— כ'וועל קומען. — גיט פאַנדרע אַ זאָג קורץ, כמעט פלוצ־לונג.

חאַצע גיט אַ שאָקעל מיטן קעפּעל. זיינע שפּיציגע אויערלעך, איבערן פאַרשמאָלצעוועטען אָקאָלישעק פון היטעל, גליהען רויט, ווי צוויי פלעמלעך פייער. זיין טרוקענער שאָקעל־טאָן מיטן קאָפּ

באַדייט, אַז קיין דאַנק קומט איהם ניט, פֿאַנדרעך, פֿאַר זיין צוזאָג. ער, חאַצע, נעמט דאָס אָן, ווי אַ זאַך וואָס קומט איהם פון לאַנג־אָן, ווי אַן אָפּצאָהל אויף אַ קוויטעל, וואָס פֿאַנדרע האָט אונטערגעשריי־בען נעמט ער דאָס אָן. ער איז אפילו ברוגזלעך, וואָס מען האָט זיך מיט איהם געדונגען... דערפאַר האָט ער אפילו קיין „גוטען־אָוועגט" ניט געזאָגט, אַוועקהאָצקענדיג זיך אויף זיין שוואַרצער קוליע.

אױסגעמידען קושקעס מעסער

.1

אַ קורצע װײלע נאָכדעם, װי פֿאַנדרע איז אַרױס כאַפּען לופֿט, איז אין שטוב מיטאַמאָל געװאָרען מאָדנע־שטיל. דאָס קראַנקע קינד האָט אױפֿגעהערט אַרױסצולאָזען, דורכן נעזעלע, זײַנע געצװױגענע קװיטשען. מערען איז דאָס קשה געװאָרען. זי איז צוגעלאָפֿען צום װיגעלע. דאָס קינד איז אַצינד געלעגען אױפֿן רוקען מיט ברײט אױפֿגעריסענע אױגלעך און געאָטעמט מיטן מײַלכעל װי אַ פֿיש אָהן װאַסער.

מאָדנע שװאַרץ האָבען אױסגעזעהן די קינדערשע אױגען. די בלױקײט אַרום די שװאַרצאַפּלען איז געװען פֿאַרשװאונדען. די שװאַרצאַפּלען האָבען זיך צוגאָסען און ס׳האָט זיך באַקומען אַן ערנסט־פֿאַרטראַכטער שטאַרער קוק, פֿון אַ דערװאַקסענעם, װאָס קוקט, דאַכט זיך, אַרײַן אין האַרצען און... זעהט גאָר ניט. אַן אונענדליכער קוק ניט פֿון ד ע ר װעלט. „צי האָט דאָס קינד, חס ושלום, ניט געחלשט?״ דאָס איז געװען מערעס ערשטער געדאַנק. נײן. עס אָטעמט דאָך! דער אָטעם איז אפֿילו געװאָרען רוהיגער, געצױגענער, נאָר מיט אָפֿענע ליפּעלעך. עס האָט זיך כמעט ניט געגלױבט, אַז די קלײנע אױסגעפֿיבערטע ברוסט פֿון קינד האָט נאָך אָקאָרשט געאַרבײט, װי אַ קלײנער בלאָז־זאַק און דאָס הערצעל האָט געקלאַפּט װי אַ קאָלעקאָטקע. ס׳האָט אַצינד אױסגעזעהן װי סענדערקע װאָלט מיד געװאָרען צו קעמפֿען מיט זײַן שװערער קינדער־

שער חולאת. און אַט רוהט ער זיך אַ ביסעל אויס, קוקט אין דער וועלט אַריין. און זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין...

אַליין ניט־וויסענדיג פאַרוואָס, האָט דאָס אויסזעהן פון קינד ערשיטערט מערען ביזקעל מאַרך פון די ביינער. און גאָר אומגע־ריכט האָט זי אַ וואָיע־געטאָן ווי אַ וואָלפיכע, פון וועלכער אַ ביי־זער יעגער טראָגט אַוועק איהר קראַנקען וועלפעלע ווייט ווייט... אָה, דער דאָזיגער שטאַרער קוק פון קינד הערגרייכט שוין צו איהר פון דער פרעמד, פון אַן אונבאַקאַנט לאַנד...

סענדעריכע איז צוגעלאָפען מיט איהרע וועווערקע־פיסע־לעך, אַ קוק־געטאָן, אַ שאָקעל געטאָן מיטן טשעפּטשיקעל און גיך אומגעזעהן זיך נאָך פאַנדרען. ער איז אָבער אין שטוב ניט געווען. ניט רעדענדיג קיין וואָרט, איז זי אַרויסגעלאָפען, ווי זי שטעהט און געהט, אין פאַרטוך און אין די לעדערנע שטוב־פאַנטאָפעל, גע־לאָזען זיך לויפען צום דאָקטאָר, אין עק מאַרק.

מיט גיכע טריט האָט זיך דערווייל פאַנדרע אומגעקעהרט אַהיים. נאָכן געשפרעך מיט חאַצע־קירזשנער, הינטער דער קאַל־טער באָד, איז איהם עפּעס געוואָרען קאַלעמוטנע: געלאָזען מערען מיטן טויט־קראַנקען סענדערקען אין שטוב...

האַרט ביים פירהויז האָט ער פונדערווייטענס דערזעהן דעם דאָק־טאָרס פאַיעטאָנדעל. „עפּעס ווייטער אַ צרה!” גיט ער אַ קלער און לויפט צו. פון פאַיעטאָנדעל האָט גראָד געהאַלטען ביים אַרויסקרי־כען דאָקטאָר חישין. פון פירהויז האָט אונגעדולדיג אַרויסגעקוקט סענדעריכע.

— וואָס איז? — דערשרעקט זיך פאַנדרע און לויפט איבער מיט זיינע אינגעלשע אויגען פון סענדעריכען צום דאָקטאָר און פון דאָקטאָר צו סענדעריכען.

— וואָס אי—ז? — קרימט איהם איבער סענדעריכע — ווען מען דאַרף עפּעס ביסטו קיינמאָל ניטאָ.

אינמיטען שטוב איז געשטאַנען מערע מיט פאַרבראָכענע הענט. איהר הויכער וואוקס איז געווען איינגעבויגען ווי אַ בוים אין שטורם. די קאַרע אויגען האָבען געבלאָנדזשעט. איז אויף איהר חישין אָנגעגאַנגען מיט אַ געמאַכטען גוטמוטיגען שמייכעל. ס'הייסט:

„שרעקט זיך ניט. מיר'ן באַלד מאַכען אַלץ אין אָרדנונג...״ אָבער דאָס העפּליכע שמייכעלע איז איהם באַלד אָפּגעשטאָרבען אויף די ליפּען, ווי נאָר ער האָט זיך איינגעבויגען איבערן וויגעלע. „מצ...״ גיט ער ניט־ווילענדיג אַ שמונצער און גלייכט זיך אויס.

האָט זיך סענדעריכע מעהר ניט געקענט איינהאַלטען:

— זעהט, דאָקטאָר, וואָס קוקט אַזוי דאָס עופעלע?

— נעמט דאָס קינד אַרויס! — האָט חישין געהייסען — זעצט זיך מיט איהם אַט דאָ! נעהנטער צום פענסטער...

די אויגעלעך ביים קינד זיינען אויך ביים ליכט פון פענסטער געבליבען שטאַר און אָפען. די לאַנגע וויעס האָבען אפילו קיין ציטער ניט געטאָן. וואונדערליך־שען און טרויעריג האָבען זיי אויסגעזעהן אויפן אויסגעמאַטערטען בלאַסען פּנימעל.

די פאַרנאַכטיגע ליכטיגקייט פון פענסטער איז אָבער אַ פּנים געווען צו קנאַפּ. וואָרים דאָקטאָר חישין האָט אַרויסגעכאַפּט פון זשילעט־קעשענע אַ זילבערנע פושקעלע, אָנגעריבען אַ שוועבעלע און גענומען צוטראָגען צום קינדס אויגעלעך אַלץ נעהענטער און נעהענטער.

דעם קינדס אויגען האָבען זיך ניט באַוועגט. שטאַר זיינען זיי געבליבע שטעהן מיט צוגאָסענע שוואַרצאַפּלען. דאָס אָפענע מיילכעל האָט געאָטעמט.

דאָקטאָר חישין האָט עפּעס אַ מורמעל געטאָן. אַ קוק געטאָן אויף מערען, אויף דער באָבען און פאַרלעגען אַ הויב געטאָן איין פּלייצע. דערנאָך אַ וואונק געטאָן פאַנדרען ער זאָל איהם נאָכגעהן און אַליין אויסגעדרעהט זיך צום טיר. מערע האָט אָבער שוין דערפון אַליין פאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד איז פאַרלאָרען און אויסגעבראָכען מיט אַ יאָמערליכען געוויין. דר. חישין האָט זיך אפילו ניט אומגעדרעהט צו באַרוהיגען זי מיט איין וואָרט. אַזוי שלעכט האַלט דאָס מיט סענדערקען?

פאַנדרע איז נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר ווי אַ באַנומענער. סענדעריכע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויך אַרויסגעלאָפען אין איהרע לעדערנע פאַנטאָפעלעך.

אַריינגעזעצט זיך אין פאַיטאָנדעל, האָט זיך נאָך דער געלב־

בלאַסער דאָקטאָר ארומגעקוקט צי די מאַמע פון קינד קוקט ניט אַרויס פון אַ פענסטערל. מיט אָפּגעשטאָרבענע ליפּען האָט סענדע־ריכע אַ פרעג געטאָן:

— וואו האַלט דאָס, דאָקטאָר?...

חישין האָט נאָר שטום אַ וויג געטאָן מיט זיין איידעלער האַנט. ס'הייסט:

„ניטאָ מעהר וואָס צו מאַכען!"

— ווי... וו... וואָס הייסט? — האָט פאַנדרע געגומען שטאַמלען.

חישין האָט איהם אָנגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט די אויגען. פאַנדרעס גרויער קוק איז געווען אַזוי אינגעלש־אונבאַהאָלפען. דעם דאָקטאָר האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַזאַ שטאַרקער יונגאַטש קען האָבען אַזעלכע קוקערס.

— נאָך... אַ בלוט־שלשול — האָט דער דאָקטאָר געגומען קלייבען ווערטער — נאָך אַזאַ זאַך ביי קליינע קינדער... קומט אָפּטמאָל אַ מוח־אָנצינדונג. איז אָט...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און צופיהרט מיט ביידע הענט. באַלד דערמאָנט זיך עפּעס און צוגעגעבען:

— איהר זיינט אַ מאַנסביל, מעג מען אייך זאָגען.

סענדעריכע איז זיך פאַרגאַנגען אין פאַרטוכעל און מיט אַ שטילינקען דריבנעם געוויין פון אַלטיטשקע לייט, וואָס הערט זיך אַן ווי געמישט מיט אַ משונהדיג געלעכטערל: בו־בו־בו...

חישין האָט גלייכגילטיג אַ קוק געטאָן אויף דער באָבעס קע־פּעלע, וואָס איז איינגענורעט אין פאַרטוכעל, און מיט רחמנות אָפּ־געשטעלט זיך אויף דעם גרויסען געזונטען פאַנדרען מיט זיין אונ־באַהאָלפענער מינע אויפן אינגעלשען פּנים:

— נאָר זאָגט איהר, דער ווייב אייערער, זי זאָל זיך צופיל דאָס לעבען ניט נעמען... דאָס קינד הערט שוין מעהר ניט און זעהט ניט מעהר. עס ליידט שוין מעהר ניט...

און ניט וואַרטענדיג, וואָס דער ברייט פּלייציגער „אינגעל" וועט אויף דעם זאָגען, האָט ער מיט גאָר אַן אַנדערער ניכטערער שטימע באַפוילען דעם קוטשער זיינעם:

— נו, פראַכאַר! פאַשאָל אויף קאַרפּיליקע־גאַס!

אַ הויב־געטאָן דעם קאַפּעליוש און אַוועקגעפאָהרען.

.2

מערע איז זיך פאַרגאַנגען אין די הויכע טענער פון דער ערשטער פאַרצווייפלונג. סענדעריכע האָט איהר געריבען די שלייפען מיט שוואַכען עסיג. און פאַנדרע האָט זיך אַרומגעדרעהט אין שטוב, געמעקעט עפּעס און ניט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן זיין כּוח און זיין רחמנות. געוואונדערט האָט ער זיך נאָר אויף זיך אַליין: ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס ווען עס קומט אויס צו העלפען אַ פרעמדען, דעם בייעם נגיד, זימעל דעם פאַקענטרעגער, אַ גויע, להבדיל, אַזוי האָט ער, פאַנדרע, אַ כּוח אַ פאַרשטאַנד; און פלינק ווערט ער ווי סענדעריכע זיין שוויגער אויף איהרע וועוויערקע־פיסעלעך. נאָר ווי עס קומט צו אַן אייגענעם, צו אַ קינד, צו אַן אייגען ווייב, אַזוי ווערט ער אַ שטיק ליים, אַ גולם... ער קען אַצינד אַזוי טרייסטען און באַרוהיגען מערען, אַזוי ווי ער האָט איהר אַמאָל געקענט ערקלערען, דאָ אין פירהויז אויף די כאָמעטען, ווי פאַרליבט ער איז אין איהר.

— נו־נו־נו, מע־רינקע! — אַזוי האָט ער אויך אַצינד עפּעס אָנגעהויבען צו פאָנפען. נאָר ניט מערע און ניט סענדעריכע האָבען איהם געהערט.

דערמאָנענדיג זיך, אַז ער האָט נאָך צוגעזאָגט צו קומען היינט בייַנאַכט, אויף דער „סכאָדקע", אין דער שטוב מיט די פאַרמאַכטע גרינע לאָדענס, האָט ער געקריצט מיט די ציין. ער האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון אַ מאָדנעם שרעק־געפיהל, אַז דער הינקעדיגער קירזשנער האַלט איהם ווי אַ בער אויף אַ קייט און ער מוז געהן. ער האָט צוגעזאָגט אויף געוויס — מוז ער.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף מערען אין דער צעוואָרפענער בעט, מיטן קאָפּ איינגענורעט אין קישען, אויף סענדעריכען וואָס שטעהט איינגעבויגען איבער איהר מיט אַ פייכטען האַנטוך, און האָט זיך דערפיהלט ווי צווישען צוויי פייערען, דאָ אין שטוב, מוז ער בלייבען ביים גוססדיג קינד, און אַהין, צו יענער שטוב, מיט די

פאַרמאַכטע לאָדן מוז ער אויך לויפן. חאַצע דער הינקעדיגער וואַרט דאָרטן אויף איהם. אַן איינגעזעסענער נפש אָט דער חאַצע!

כדי אָפּצושוואַכן אַ ביסעל איין „מוז״, האָט ער זיך גענומען בעטן, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— מערע, מערײנעלע איז... איז זײ מענש! זײ אַ מענש...

נאָר מערע האָט איהם אפילו ניט געענטפערט... מיט איהר ניטענטפערן האָט זי איהם אַפּנים געוואָלט באַטאָנען, אַז פון זיין האַמעטענעם באַלעבאָטשען טוט איהר נאָר וועה; אַז ער, פאַנדרע האָט ניט געגנוג רחמנות ניט אויף איהר, ניט אויפן קינד. אָפּגעוועהנט זיך אין אָסטראָג פון אַלעמען... אַז ניט — וואָלט ער בעסער געשוויגן, אָדער אַליין געוויינט.

צווישען איין געוויין־קראַמף און צווייטען זיינען איהר פיבערדיג דורכגעלאָפען אין אָנגעוועהטאָגטען קאָפּ: דאָס פאַרקנייטשט פנימל פון קינד ווען ס׳איז געבאָרען געוואָרען. דאָס ערשטע שמייכעלע, נאָך אַ צוויי וואָכען זויגען, וואָס האָט זיך ווי אַ בליץ דורכגעטראָגען איבערן קינדס געזיכט און פאַרשוואונדען. דאָס שאָקלען מיטן קעפּעלע, ווי אַן אַלטיטשקער, ניט קענענדיג האַלטען שטייף דאָס שוואַכע העלזעל. דער ערשטער פאַרשטאַנד אין די אויגען, דאָס צוהערען זיך צום קלאַנג פון דער באָבעס שליסעלעך אין גאַרטעל פון פאַרטוך... ווי שווער דאָס איז אַלץ אָנגעקומען. וואָס ווייכען דערפון אַלע מאַנסבילען?... און איהר נח, וועלכער האָט דאָס אַלץ מיט די אויגען ניט געזעהן, ווייסט אַודאי ניט. און ווי גיך דאָס אַלץ וועט איצטער אויסגעלאָשען ווערען, אַלע חנ׳דעלעך, אַלע מינעלעך, איבער אַ גאָרנישט, איבער אַן איבעריגען לעק קולאַיע, אָה, די קורלאַיע! די מיאוסע קולאַיע...

— סענדערקע, מיין זוהן! — האָט זי פּלוצלונג ווילד אויפגעשריען און איהר לאַנגער גוף האָט זיך ווי אין קאָנוואולסען געוואָרפען אין בעט.

אין איהר פאַרצווייפלונג האָט זי זיך גענומען גריבלען, אויסזוכען כלערליי חטאים, פאַרוואָס עס קומט איהר אַזאַ שטראָף. נאָך איידער איין אומגליק איז אַוועק, איז שוין דאָס צווייטע אומגליק געקומען. איז נח צוריקגעקומען אַהיים, נעמט ביי איהר גאָט אַיועק

דאָס קינד. פאַר וואָס און פאַר ווען? אפשר איז שולדיג דאָס ניט־כּשרע געלט, שעפּטעלע דעם גנבֿס געלט, וואָס פֿאַנדרע האָט גע־בראַכט אהיים, וואָס זי אַליין האָט אַמאָל געגומען ביי שעפּטעלען, לעבען פאַרעכאָדז?... אפשר איז דאָס אַ שטראָף פאַר איהרע אייגענע זינד, וואָס זי האָט אין האַרצען געזינדיגט אַקעגען איהר מאַן. ווי אַ הור אָפּגעגעבען זיך אין מחשבה אַ סך מאַנסבילען. קושקען, חי־שינען, אפילו דעם נייעם נגידס שקאָלע־אינגעל. רעכט אויף מיר, רעכט! אָבער וואָס האָט מען צו איהר קינד?

— סע־ענדערקע!

מ... מערע, מערע! — האָט פֿאַנדרע נאָכאַמאָל געפּרובט מע־קען און ניט־זיכער צוגעגאַנגען צום בעט.

נאָר זי האָט זיך אָפּגעטרייסעלט מיט פיס און הענט פון איהם און פון זיינע שטאַמעלדיגע ווערטער:

— געה אַוועק פון מיר, נח! האָב רחמנות, טשעפּע מיך ניט! אַ—אָה!

סענדעריכע האָט אַנגעצונדען דאָס נאַכט־לעמפּעלע מיטן פאַר־רויכערטען גלעזעל. און זיין געלער פלוצליכער שיין האָט פֿאַנדרען געטראָפען ווי אַ רוף פון הינטער די אָרשער ברעמלעך, פון דאָרטען וואו חאַצע דער הינקעדיגער וואַרט אויף איהם.

— עס מוז שוין זיין אַ זייגער אַכט, האַלב־ניין, — האָט ער זיך משער געווען און אומגעקוקט זיך מיט שרעק אויף מערען אין בעט, אויף דעם וויגעלע. און מיט איין זייט, ווי אַ פּאַראַליזירטער, גענומען רוקען זיך צום טיר. אין באַנומענעם קאָפּ האָבען גע־בלאַנדזשעט שטיקלעך־ברעקלעך פון חאַצע דעם הינקעדיגענס ווערטער: „ביי אונז איז ביטאַ קיין קינד... ביי אונז איז ניט שייך — ווייב...“

דער פּאַדים, וואָס דער הינקעדיגער האָט איהם אַנגעבונדען אויפן מאַהליוער שליאַך, האָט זיך איצט אַנגעצויגען ווי אַ סטרו־נע, און שלעפּט איהם ווי אַ העכט פון וואַסער, צו די ברעמלעך, צו די אָרשער ברעמלעך...

אין דער פינסטערער פירהויז האָט ער נאָך דערהערט הינטער

זיך סענדעריפּעס גיפטיגען נאָכשעפּטשען מיט גאַלע „סמך'ן" און „צדיק'ן":

— וואוהין געהסטו דאָס איצטער אַוועק? ג—ח!

— איך קום באַלד! — גיט נח אַ זאָג אָפּ, מורא־האָבענדיג אפילו אומצוקוקען זיך, כדי ניט צו באַגעגענען זיך מיט סענדע־ריכעס שאַרפע אויגעלעך און ניט פאַרלירען דעם מוט. „אָט באַלד קומט ער, יאָ", טוט אַ שפּרייז איבערן שוועל פון פּירהויז און דערשפּירט אַ וועהטאָג, ווי ווען אַן אָנגעצויגענער אָדער וואָלט זיך איבערגעריסען צווישען איהם און די שטוביגע.

ער מאַכט צו גיך די פּירהויז־טיר און שפּרייזט אַוועק האַלב־לויפענדיג. דער איבערגעריסענער אָדער טריפט מיט בלוט. אַ קאַל־טער שווייס באַדעקט איהם דעם שטערען.

ער לאָזט זיך לויפען צו די אָרשער ברעמלעך, ווי אַמאָל צו דער שרפה ביים נייעם נגיד. מיט אַנדערטהאַלבען יאָהר צוריק האָט ער פּונקט אַזוי געלאָזען מערען אַליין, אין איהרע ערשטע חדשים פון טראָגען סענדערקען. דאַמאַלסט איז ער געלאָפען ראַטעווען פרעמדע האָב־און־גוטס, אַ בהמה... אַצינד ביים גוססן פון קינד לויפט ער אויך אין סכנה, אויף אַ שרפה אָהן אַ פייער און אָהן רויך.

„מיר שטעהען אַלע טאָג און נאַכט אין געפאַהר" האָט חאַצע גע־זאָגט, „מיר האָבען ידיעות, אַז דער פּריסטאַוו האָט אַראָפּגעבראַכט איבערגעטאָנענע זשאַנדאַרניקעס פון מאָהליוו..."

איהם האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדוכט, אַז אימיצער לויפט איהם נאָך פון הינטען. ער קוקט זיך אום: באמת, עפּעם אַ שאָטען פון אַ מענשען שאָקעלט זיך ווייט הינטער איהם, צווישען די הייז־קעס מיט די באַלויכטענע פענסטערלעך. צי יאָגט איהם דאָס ניט נאָך סענדעריכע און וויל איהם אומקערען אַהיים?

כדי אָפּטאָן זיין זאַך ביזקעל סוף, האָט ער געכאַפּט לויפען, אַ קער געטאָן זיך אין אַ געסקע פון צוויי פּלאַנקעס, צווישען קרויט־גערטנער, און ניטאָ!... ער האָט אַפּילו ניט געוואוסט, נח פאַנדרע, פון וואָס פאַר אַ סכנה ער איז אין דעם מאָמענט ניצול געוואָרען.

3

אין קושקען האָט געברענט אַ העלישער כעס. זינט מ׳האָט זאַװלען פאַרבעטען אויף קולאַיע און איהם ניט, איז ער געװען זיכער, אַז אין סענדערס שטוב האָט מען געמאַכט יד־אחת מיטן אויסװאורף, מיט זיין שמייסער, װעלכער האָט איהם פאַרפיהרט, בשעת ער, קושקע, איז געװען שיכור... אַצינד האָט ער מעהר ניט װאָס צו האָפען אויף שלום װערען מיט פאַנדרען, אָפּװאַשען פון זיך דעם פלעק װאָס ער איז געקראָכען צו זיין װייב, בשעת יענער איז געזעסען אין אָסטראָג...

מיט אַ מעסער אין איין כאַליאַװע און מיט אַ פלאַכער פלאַש בראַנפען אין דער צװייטער, האָט ער גענומען אַרומפאַדיען פאַרנאַכט־צייט אַרום סענדערס הויז, אויסקוקען אויף פאַנדרען. ער האָט כמעט װי אויפגעהערט צו געהן אין צעך. װאָרים דאָרטען קומט אַלע טאָג צוגעהן זאַװעל דער ממזר. דאָס היטעלע מיטן צובראָכענעם קאָזיראָק — אויף אַ זייט, און מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער באַלעקט זיך נאָך פון דער זיסער קולאַיע, װאָס ער האָט זיך אָנגעגעסט ביי סענדערן אין שטוב, ביי איין טיש מיט מערען און מיט פאַנדרען. אויף יעדען פאַל באַהאַלט ער זיך הינטער די פלייצעס פון די עלטערע באַלעגאָלעס, מאַכט העויות און גיט אָנצוהערעניש, אַז אָט... סענדערקע, נחס אינגעלע, װעט זיך נאָר אַביסעל פאַפראַװען, װעט נח אָנהויבען געהן אין צעך. נו... װעט ער שוין װיסען װאָס ער האָט צו טאָן.

אָפּגעזאָגט, גיט ער אַ װאונק מיט איין באַק צו די באַלעגאָלעס און אַ װייז מיט די גנבישע אויגען אויף קושקען. ער טוט דאָס אָפּ פליגק און פויגעלדיג, װי אַ פאַסקודניקער אינגעלע אין חדר, אַ מסור און אַן אָפּלאַכער, װאָס װינקט צו זיינע חברימלאַך, אַז אָט באַלד װעט קומען דער רבי און מ׳װעט דעם אָדער יענעם אינגעלע אָפּשמייסען, װייל ער פאָלגט ניט דער מאַמען.

— יאָ, — מאַכט זאַװעל הויך אויפן קול און באַלעקט זיך — װען ניט דאָס אינגעלע, װאָלט ער שוין דאָ לאַנג געװעזען...

ניט קענענדיג מעהר אויסהאַלטען אָט די אַלע רמזימלעך און

שטעך־ווערטלעך און דאָס באַלעקען זיך, האָט זיך שוין קושקע־בראַנד איינמאָל געוואָרפען מיטן מעסער אויף זיין געוועזענעם שמייסער. נאָר באַלעגאָלעס האָבען בחברותא אָפּגעראַטעוועט זאַווּ־לען. און קושקען אַרויסגעשטופּט מיט פאַראייניגטע כּוחות פון צעך, מוסרנדיג איהם פאָטערליך־גראָב:

— קושקע פּרעסער... שיכּור ביסטו צי משוגע? געה, געה, שלאָף זיך אויס!...

קושקע איז אַוועק אַהיים, געמאַכט ווייגען פּעסיען זיין ווייב, נאָר אויסגעשלאָפען איז ער זיך ניט. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז מעהר ניט בכּוח אויסצוהאַרען ביז נחס אינגעלע וועט געזונט ווערען און ביז דער טאַטע זיינער, דער אַסטראָזשניק, וועט קומען איהם „אָפּשמייסען”... מחמת אַזאַ נאַגענדיגער געשפּאַנטקייט האָט ער שטאַרק גענומען שיכּורן.און ווי נאָר דאָס פלאַכע פלעשעל אין כּאַ־ליאַווע האָט געהאַלטען ביי לעדיג ווערען, איז ער געלאָפען צו חיים־יוסף „טרעטי בייק”, דעם שענקער, אָנצופּילען עס. אויסטרינקענדיג די שיריים ביי חיים־יוסף אויפן גאַניק.

אינם נעבעל פון שיכּרות און מיטן נאַגענדיגען אומעט אין האַר־צען, האָט ער ביי זיך באַשלאָסען, אַז ס'איז ניטאָ מעהר וואָס צו וואַרטען ביז נח וועט איהם שלאָגען בפרהסיה אינמיטען מאַרק, אָדער אין צעך פאַר אַלע באַלעגאָלעס אין די אויגען. ניין. ניט דער־לעבען וועט ער, דער אַסטראָזשניק! ס'איז אַ סך גלייכער, אַז ער אַליין, קושקע־בראַנד זאָל איהם זאַטשעפּען. און בינו לבינו, איידער וואָס ווען, אַריינפאַהרען איהם מיטן מעסער אין זייט. נישקשה, פאַר שטעכען אַן אַסטראָזשניק קומט ניט קיין גרויסע שטראָף. דאָס ווייסט ער, קושקע, אויף געוויס...

דעריבער האָט ער זיך היינט פאַרנאַכט אונטערגעגנבעט היב־טער סענדערס געבויטע סוכּה, הינטער דער זעלבער סוכּה, וואו זאַ־ווצל־שמייסער האָט זיך אַמאָל אינמיטען דער נאַכט באַהאַלטען, ווען ער, קושקע, האָט, אַן אָנגעפרעסענער און אַן אָנגעזויפּענער, אָנגעזע־קלאַפּט צו מערען... אָט דאָ—אָ וועט ער פאַנדרען אָפּוואַרטען און לערנען מיט איהם בלק. אָט דאָ—אָ!

ער האָט דערזעהן פאַנדרען אָנקומען פונדערווייטענס, און האָט

שוין אָנגעטאַפּט דעם מעסער אין כאַליאַווע. נאָר אין דערזעלבער צייט איז דאָקטאָר חישין צוגעפאָהרען. סענדעריכע איז איהם אַרויס אַקעגען און דער גאַנצער פּלאַן פון פאַרטשעפּען פאַנדרען, אויג אויף אויג, איז דערווייל צורונען געוואָרען. נאָר אַוועקגעהן פונדאַנען, געהט ער, קושקע, ניט אַוועק! בלאָטע.

מיט דער עקשנות פון אַ האַלב־שיכורן, וואָס האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין ניט־קלאָרען פול־בלוטיגען קאָפּ, האָט קושקע גענומען אָפּוואַרטען, טשיקעווען פון הינטער דער סוכה אויף אַ צווייטען צופאַל. און כדי אונטערגעבען זיך מוט — אַלע ווײַלע געצויגען פון פלאַכען פלעשעל און מיט אַ בייזען געמורמעל צוריק אַריינגעשטעקט אין כאַליאַווע.

דעם דאָקטאָרס פאַיעטאָנדעל איז אַוועקגעפאָהרען, די פירהויז האָט זיך פאַרמאַכט; און פון סענדערס שטוב, האָט צו קושקעס פאַר־גאָסענע אויערען דערגרייכט מערעס ביטערער יאָמער.

— ס׳פאַרגעהט זיי אַ וועהטאָג! — האָט ביי זיך קושקע גע־טראַכט מיט אַ שיכורער צופרידענקייט — זעהר רעכט! זאַוולען אָנ־געשנאַפּט מיט קולאַיע. מיך — פע... איז נאַט אייך קולאַיע, כאַ־כאַ!

ער האָט דערפיהלט אַ דערלייכטערונג, אַ זעטיגונג פון זיין זשעדנער פאַרשיכורטער נקמה; איז, הייסט דאָס, יאָ עמיצער פאַ־ראַן, וועלכער שטראָפט פאַר אַזעלכע עולות. זאַוולען געמאַכט פאַרן שענעם מענשען און קושקען פאַרן אויסוואורף — איז נאַט אייך!

עס איז שוין געוואָרען גוט פינסטערלעך אויף דער גאַס. אין סענדערס פענסטערל האָט זיך אָנגעצונדען אַ געל פייערל. און קוש־קע־בראַנד האָט זיך דערפיהלט זיכערער אין זיין פינסטערן ווינקעל, צווישען דער געבויטער סוכה און פוסטען שטאַל. אַמאָל האָבען דאָ דריי פערד געהירזשעט איבער די פולע זאַשיקעס, הינטער דער זעלבער בערוועגע וואַנט. שמענדריקע, שמאַראָוואָז און דזשירקע־ליכע די קליאַטשע. אַצינד ניטאָ קיין פערד. נאַט אייך!

מערעס יאָמער אין שטוב האָט זיך איבערגעחזרט.

קושקע האָט זיך צוגעהערט און דערפיהלט פּלוצלינג אַ ברע־נענדיגע ליידענשאַפט צו מערען, ווי אין יענער נאַכט, ווען זי האָט אַ האַלב־נאַקעטע צוגענומען ביי איהם די חלקים פיש און געגוסענס

און טייגעכץ. ווענמען וועט זי דערצעהלען מעשות? זי האָט דאָך איהם געוואָלט, די הויכע נפקא. געלאָזען לכתחילה אַרומנעמען צו ניט? כאַ־כאַ, ער געדענקט...

דאָס פאָרשטעלען זיך די הייסע סצענע פון פאַר־אַ־יאָהרען ווינטער אינמיטען דער נאַכט, האָט אויפגעבלאָזען זיין אַביסעל איינגעשטילטען כעס. פון אכזריות צו לײדענשאַפט איז אַלעמאָל איין טראָט. און פאַרקערט אויך... מיט באַגעהר און אכזריות האָט ער אַצינד איבערגעמישט מערען, איהר פאַרצוויפעלטען יאָמער. ער האָט זיך דערביי פאָרגעשטעלט, אַז ער איז דער באַלעבאָס און מערע זיין נאָכגיביגע דינסט.

— מיע—ע—ע!... — האָט ער איהר איבערגעקרימט הינטער דער סוכה — יאָמער, יאָמער! ביסטו אַזוי גוט ווי דיין אָסטראָזשניק. באַלד וועסטו נאָך מעהר יאָמערען, דו נפקא! סענדערס טאָכטער, אין דיין טאַטען אַריין!

איבערקרימענדיג און בורטשענדיג אַזוי, טאַפּט ער אָן דאָס הענטעל פון מעסער אין דער כאַליאַווע... אָט דאָ וואַרט ער. אָט דאָ וועט זיין אַ טויט איהם אָדער דעם אָסטראָזשניק!

ער פאַרקלערט זיך אַ רגעלע איבער דער בלוטיגער קאַשע וואָס ער וויל דאָ פאַרקאָכען. און כדי איינצושטילען דאָס האַרץ־קלאַפּעניש, ציהט ער אַרויס דאָס פלאַכע פלעשעל, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און הויבט אָן ציהען.

אין דערזעלבער רגע גיט זיך די פירהויז־טיר אָן עפען אויף. „אָט באַלד קום איך...” דערהערט קושקע אַ באַקאַנטען קול.

פּאַנדרעס גרויסע פיגור כאַפּט זיך אַרויס פון דער פינסטער און אין דער טונקעלהייט פון דער זומער־נאַכט איילט זי אַוועק. קושקע פאַספּעיעט אַפילו ניט אַריינצורוקען די פלאַש און אַרויסכאַ־פּען דעם מעסער. ווען ער קוקט זיך אַרום, איז שוין פּאַנדרע אַוועק עטליכע הייזער ווייטער.

מיט זיין שווערען בויך און מיט די קלאָציגע פיס נעמט קושקע־בראַנד נאָכיאָגען זיך נאָך זיין שונא. ער פאַרלירט נאָך איין ווײ־לעטשקע, כדי צו ציהען זיין וואָפען.

מיטן מעסער אין איין האַנט און מיט דער ניט־פאַרשטאָפּטער

פלאַש אין דער צווייטער האַנט לויפט ער נאָך, ברומט פאַר זיך און כראַברעט זיך, און קומט זיך אַליין פאַר עפּעס נאַרישעוואַטע און אומגעלומפּערט, ווי אַן אָקס וואָס יאָגט זיך נאָך אַן אָגער. ניט אַזוי באַפאַלט מען אַזאַ יונג ווי פאַנדרע איז. „וואַרט, וואַרט!" סטראַשעט ער אימיצען פונדערווייטענס און פּיהלט, אַז בעצם איז ער צופרי־דען, וואָס פאַנדרע האָט זיך איהם אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט און וואָס דאָס דערשטעכען איהם מוז מען אָפּלעגען אויף אַן אַנדערש מאָל.

— נישקשה, כ'וועל זיך דערקלייבען צו דיר! — אַזוי פאַר־כעט ער מיטן מעסער נאָך פאַנדרעס אַנטרונענעם שאָטען. און אַליין בלייבט ער שטעהן מיט ברייט־צושפּרייטע האַמעטנע פיס, ווי אַ שיכורער פויער אויפן יאַריד, וואָס האָט אָנגעהויבען אַ נויטיגע באַ־דערפעניש הינטער אַ וואָגען און דער וואָגען האָט זיך פּלוצלינג אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַוועקגעפאָהרען.

און צווישען די לאַנגע קרויט־גערטנער איז פאַנדרע פאַר־שוואונדען, ניט־וויסענדיג פון וואָס פאַר אַ סכּנה עס האָט איהם גע־ראַטעוועט זיין איילען זיך צו דער „סכאַדקע" ביי די אָרשער ברעמ־לעך.

ניט קיין בעסערע „חתונה" האָט אויף איהם געוואַרט אין יע־נער שטוב, מיט די פאַרמאַכטע לאַדענס. נאָר דאָס האָט ער אויך ניט געקענט וויסען.

אין דער שטוב מיט די גרינע לאָדען

.1

די געהיימניספולע שטוב הינטער די „ברעמלאַך״, וואוהין האָצע קירזשנער האָט פאַרבעטען נח פּאַנדרען, איז אין שקלאָוו גע־ווען גוט באַקאַנט. מ׳האָט זיך פון איהר געהאַלטען אַן אַ זייט; מיט אַ שושקען און מיט אַ שמונצערן געסודעט זיך פון איהר. און נאָך אַלעמען — איז עס געווען ניט מעהר ווי אַ גויעשקע הייזקע, אָהן אַ גאַניק, נאָר מיט אַ גרויסע פירהויז און מיט אָפּגעבליאַקעוועטע גרינע, שטענדיג צוגעמאַכטע לאָדענס. מיט יאָהרען צוריק האָט דאָרטען געוואוינט אַמסטערדאַם דער „ציציליסט״, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון סיביר און צוגעשריבען זיך צו שקלאָוו און גע־ווען „פאַד נאַדזאָר״. עס הייסט: ער האָט זיך אַלע טאָג געמוזט יאַ־ווען אין סטאַן, צום פּריסטאַוו. פון איהם, פון אַט דעם „נכתּב״ (צוגע־שריבענעם) האָט זיך דאָס אָנגעהויבען אַלע צרות אין שטעטעל, אַלע סכאַדקעס און אַלע שטרייקען...

נאָר ס׳האָט געטראָפען... פאַר וועמען אַ נס פאַר וועמען אַן אומגליק, און דער געפעהליכער בעל־דבר האָט זיך דערטרונקען אין דניעפּער, אין די ליימיגע גריבער הינטער די קאַכעלניעס. זינט דאַמאָלסט שטעהט די דירה זיינע, אָט די דאָזיגע הייזקע, אַ פאַר־מאַכטע. אָפּגעזונדערט שטעהט זי, מיט בלינדע פאַרלאָדענטע פענ־סטערלעך, אַרומגעצוימט מיט אַ צוים פון פלעקענער; און אַ שלע־סעל הענגט אויף דער פירהויז־טיר. און דאָס פלאַכע קוקערל, אויף

איהר משופּעדיגען שינדעל־דאַך, שצורעט זיך ווי אַ גרויס אויג פון אַ זשאַבע: „אַסטראַזשנע, אידען, דאָ האָט אַמאָל געוואוינט אַ ציציליסט!...” פאַר אומזיסט וועט זיך אַהער אויך קיינער ניט אַריינציהען. וואָרים ווער וועט דאָס געהן וואוינען אין אַ דירה, וואו ס'האָט געלעבט אַזאַ ווילד־פויגעל, וואָס איז אַהער פאַרפלויגען פון סיביר, געוועזן „פּאַד נאַדזאָר” און דערצו נאָך — דערטרונקען זיך?...

נאָר עמיצער מוז יאָ האָבען אַ שליסעל צו אָט דער אַרויסגעשטויסענער הייזקע, מיט די גרינע לאָדענס. וואָרים זעלטען־ווען, ביינאַכט, זעהט מען דאָרט ווי אַ שפּיצעלע שיין שטעכט דורך אַ לאָדען שפּאַלט. און ווער עס האָט געדולד און וואַרט אָפּ ביים צוים, דער קען דערהערען אַ הודזשעריי פון מענשען, אַ זינגען פון אַן אונבאַקאַנט ליד. געהען דאַמאָלסט אידען פאַרביי און לעגען אַ פינגער צום מויל. ס'הייסט: „גלייכער איז מען זאָל שוויגען”.

דער נייער פּריסטאַוו מיט זיינע צוויי סטראַזשניקלעך, וועלכע ער האָט אָנגעטאָן אין נייע גאַרניטערס, מיט רויטע לאַמפּאַסען, כדי מ'זאָל פאַר זיי דרך־ארץ האָבען, האָט שוין געפּרובט מאַכען אָבלאַוועס אויף דער פאַרדעכטיגער הייזקע. נאָר איידער נאָך ער באַוויזט זיך ביי די ברעמלאַך, ווערט דאָס ליכט אין די לאָדען־שפּאַלטען אויסגעלאָשען. ערגעצוואו גיט דאָס אַ פייף. שאָטענס הויבען אָן צו שפּרינגען איבער די צוימען. און אַז דער פּריסטאַוו, מיט די דראָטענע וואָנצעס קומט אָן, געפינט ער אַ שלעסעל אויפן צוים פון גאָרטען און אַ שלעסעל אויף דער טיר פון פירהויז. ביידע שלעסלעך הענגען פון דרויסען און וועמען צו אַרעסטירען איז ניטאָ. קען אַזוי דער נייער פּריסטאַוו, דער המן, בשום אופן ניט באַווייזען נאַטשאַלסטוואָ זיין איבערגעבענהייט און זיין טריישאַפט צום קיסר, ירום הודו. פאַר כעס האָט ער שוין איינמאָל געהייסען אָפּרייסען די כיטרע שלעסלעך, און אַריינגעשפּריזט ביד רמה, מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך און מיט אַ קלונג פון סאַבליעס אין דער פאַרמאַכטער הייזקע. נאָר וואָס האָט ער דאָרטען געפונען? ס'איז אַ חוזק צו דערצעהלען: פיר נאַקעטע ווענט. אַ פּוסטע קורצע פעסעל, אַ הילצערן ביינקעל, אָפּגעפּאַלענע טינקע. מעהר גאָרנישט. פאַר גרויס האַרצוועהטאָג האָט אַזש דער נייער פּריסטאַוו געמאַכט אַ רו־

סישען „מי־שברך" אין דער פוסטער פינצטערער שטוב, און מיט די שפּיצען פון זיינע לאַקירטע שטיוועל, דערלאַנגט די ביידע סטראַזשניקלעך זיינע אין אַ ווייכען אָרט. פּונקט ווי ליקסיי און סטע־פאַן וואָלטען געווען שולדיג, וואָס ער איז אַזאַ בלייענער פויגעל און וואָס די אונבאַקאַנטע חברה־לייט זיינען אַזעלכע גליטשיגע שלייענס.

ווער עס ווייסט מעהר פון אַלעמען, וואָס אין שטוב קומט פאָר, דאָס מוז זיין יאַשקע דער שערער. הערט ער דערצעהלען, אַז נעכטען איז ווידער געווען אַן אַבלאַווע און מ'האָט ווידער גאָרניט געפונען, צעלויפען זיך זיינע חוצפּהדיגע אויגלעך אונטער די אויסגעקראַ־כענע וויעס, ער גיט אַ פּוץ זיין אַרומגעשוירענע באָרד, מיט וועלכער ער שטאָלצירט, ווי מיט זיין גרעסטער שאַפונג אין לעבען, און צו־כיכיקעט זיך פאַלש און דריבנע; נייך, אַז מ'וואָלט ביי א י ה ם גע־פרעגט וואָלט ער, מאָלט אייך, עפּעס יאָ געקענט דערצעהלען...

נאָר קיינער, ווי אויף־צו־להכעיס, פרעגט איהם ניט. קיינער איז ניט נייגעריג, אויף דעם וואָס ע ר ווייסט. אַפילו אידען מיט בערד, וועלכע זיינען פייער און פלאַם אויף די היינטיגע דינסטען און אויף די היינטיגע באַלמעלאַכעס, און אויף די אַלע וואָס הויבען אַ האַנט אויפען קיסר ירום הודו, אַפילו אַזעלכע אידען רוקען זיך אויך אָפּ פון יאַשקען דעם שערער, ווי נאָר ער הויבט זיך אָן צו באַ־ריהמען, צו אונטערכיכיקען, אַז ער ווייסט עפּעס יאָ. עס רופט זיך אין זיי אָפּ דער אייביגער שרעק פאַר מוסרים פון אַלע צייטען, וועל־כע זיי שילטען דריי מאָל אַ טאָג אין דער שטילער שמונה־עשרה; „ולמלשינים אל תהי תקוה..." (מוסרים זאָל קיין האָפנונג ניט האָבען).

אַזוי זיינען זיך נוהג בכבודיגע אידען. נו, און דער נייער פּריס־טאַוו גופא, וועלכער זוכט אויסצופיינען זיך ביי דער העכערער באַ־טשאַלסטוואַ אין מאַהליוו, איז דאָך גלאַט אַ בעל־גאוה. ער קען נאָך יאַשקע דעם שערער עד היום ניט מוחל זיין, וואָס יענער האָט איהם געוואָלט אונטערקויפען מיט גאָלען זיין „יעהאָ בלאַהאָראָדיעס" מאָרדע אומזיסט, דערנאָך — מיט מזומן געלט; זיין פּריסטאַווי־כע — מיט פעטע גענז, און סטעפאַנען, זיי דעסיאַטניק און משרת אין שטוב — מיט געפילטע פיש און מיט בראַנפען. איז וואָס־זשע

קומט דערפֿון אַרויס? לאַכט טאַקע די שטוב־מיט־די־גרינע־לאַדענס מיט איהר זשאַבעקוקערל אויפֿן דאַך פֿון זייערע ביידענס קעפּ.

.2

צו אַט דעם דאָזיגען שטוב האָט זיך דאָס אַצינד פֿאַנדרע גע־אײַלט מיט זײַנע געזונטע אָבער לײַכטע טריט. בײַ די געמויערטע אָרשער „ברעמלאַך״, וועלכע שטעהען פֿון ביידע זײַטען שליאַך, ווי צוויי קליינע קלויסטערלעך אָהן צלמים, האָט ער אין דער שיטערער טונקעלהייט פֿון דער זומער־נאַכט דערזעהן צוויי מענשליכע שאָ־טענס. און ווי נאָר ער האָט זיך דערנעהנטערט, אַזוי זײַנען איהם די שאָטענס געקומען אַקעגען און אײַנגעקוקט זיך איהם אין פּנים. איין געזיכט איז איהם אויסגעקומען באַקאַנט. ער וואָלט געקענט שווערען, אַז אַט דער שוועבעלדיגער קוק פֿון אַ קאָטער געהער ניט קיין אַנ־דערען ווי פּיישקע דעם גערבער. ס׳איז איינער פֿון פעטער־זשאַמעס באַלמעלאָכעס און חאַצע דעם קירזשנערס „באַהעלפער״. אַלע „פּאַטשטען״ ברענגט ער איהם אַט דער פּיישקע מיט די אייביגע זומער־שפּרינקלעך. און וואו חאַצע, דאָרטען איז ער אויך דאָ.

אַרײַנגעקוקט פֿאַנדרען אין די אויגען, מאַכט פּיישקעלע דער גערבער: „אַה״, אַ ווינק צום צווייטען שאָטען; און פֿאַנדרע געהט דורך צווישען די געמויערטע ברעמלעך, ווי דורך אַן אָפֿענעם טויער. און ס׳דאַכט זיך איהם, אַז ווען ניט פּיישקעלעס „אַה״, וואָלט ער די ברעמלעך געפֿונען פֿאַרצוימט... הייסט דאָס, אַז עמיצער האָט שוין דאָ פּיישקעלען געוואָרענט, אַז פֿאַנדרע וועט דאָ דורכגעהן. ער פֿאַרקירעוועט זיך צו דער סטיעזשקעלע, וואָס פֿיהרט צו דער הויז מיט די גרינע לאַדען און שטויסט זיך אָן אָן אַ פּלעקענער־צוים.

דורך אַ הילצערנעם טירעל פֿון פֿאַרצוימטען גאָרטען האָט זיך פֿאַנדרע דורכגעקראָגען. דאָס פֿאַרזשאַווערט שלעסעל, וואָס העננט דאָ אַלעמאָל, איז אַצינד ניט געווען. דאָ איז אויך עמיצער געשטאַ־נען אויף דער וואַך, אײַנגעקוקט זיך. און ניט רעדענדיג קיין וואָרט דורכגעלאָזען פֿאַנדרעס ברייטען גוף דורך דעם שמאָלען טירעל.

דערפאַר אָבער, בײַ דער טיר פון פירהויז, האָבען איהם שוין גאַנ־צע צוויי יונגעלייט פאַרשטעלט דעם וועג. אין די הענט בײַ זײ האָט עפּעס געבליאַסקעט. מ׳וואָלט קענען מיינען — פּיסטאָלעטען...

— וואוהין? — האָט עמיצער שטיל און האַרט אַ פרעג געטאָן.

— ב... בעני — האָט פאַנדרע אָפּגעבורטשעט דעם צייכען, וואָס חאַצע דער הינקעדיגער האָט איהם געגעבען און איז פריי דורכ־געגאַנגען.

די גאַנצע פאַרסודעטקייט אַרום דעם שטוב מיט די פאַרמאַכטע גרינע לאָדען, האָט פאַנדרען אַביסעל צושטרויט און אָפּגעקיהלט דעם ברענענדיגען וועהטאָג פון איבערלאָזען אינדערהיים סענדערקען, וועלכער איז פאַרבײַ, און מערען זיין ווייב, וועלכע באַקלאָגט שוין דאָס קינד, ווי מען באַקלאָגט אַ טויטען.

אין דער פוסטער אָפּגעלאָזענער שטוב איז קיין מעבעל ניט געווען. קאַרג־באַלויכטענע פאַרשוינען זיינען דאָ געשטאַנען אין קופּ־קעס אָדער געזעסען אויף דער הוילער פאָדלאָגע און געשמועסט שטילערהייט. אין איין ווינקעל איז נאָר געשטאַנען אַ מין דייזשע, צי אַ קורצע ביר־פעסעל, איבערגעדעקט מיט אַ טונקעל־רויטען ליי־ווענט, און לעבען אָט דער ברייטער פעסעל — אַ פראָסט ביינקעל, איינער פון יענע ביינקלעך, וואָס זעהען אויס ווי „קאָזלעס" און שטעהען בטבע אין קאָכשטוב. דאָס איז, אַפּנים, געווען צוגעגרייט אַלס אַ מין באַלעמער פאַר די רעדנער. נאָר וואו זיינען זיי די רעד־נער?

ביסלעכווייז האָבען פון דער האַלב־טונקעלהייט גענומען אַרויס־שווימען געשטאַלטען און פּנימער; פונקט ווי אַמאָל מיט אַנדערט־האַלבען יאָהר צוריק, צום ערשטען מאָל אין מאָהליווער אָסטראָג... און פאַנדרען האָט זיך אין דער ערשטער מינוט אויסגעדוכט, אַז דאָס איז אַ משונהדיגע אָפּשפּיגלונג פון אַ פאַרגאַנגענער צייט, פון אַ גע־זעהן בילד. דער אָנפאַל פון דער וואָלפיכע אין וואַלד האָט זיך שפּע־טער איבערגעחזרט אין טשורילאָ־קאַטאָרזשניק, און די גרויע אָסטראָזשניקעס בײַ דער פאַרטאָגיגער ליכטיגקייט חזרן זיך איבער, מיט זייער גאַנצער פרעמדקייט, אַצינד אין די דאָזיגע פאַרשוינען

פון דער „סכאָדקע״, ביים געלבען שיין פון אַ פּאָר חלבנע ליכט־לעך. מאָדנע ווי אַלץ חזרט זיך איבער!

— צי בין איך אפשר ניט אינגאַנצען געזונט? — גיט זיך פאַנדרע אַ וויש דעם פייכטען שטערען און באַמערקט, אַז עס שווינ־דעלט איהם אַביסעל פאַר די אויגען. פון אַלע אויפרעגונגען היינט פאַרנאַכט, באַנעמט איהם אַ דריקענדע שפּלדיגקייט, ווי בשעת ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין גרינעם גרונט פון דניעפּער צו ראַ־טעווען זימעל־פּאַקענטרעגער און דער דערטרונקענער האָט איהם געכאַפּט ווערגען... אוף! ניטאָ קיין לופט!

נאָר פונקט ווי אַלעמאָל אין אַ מינוט פון געפאַהר און ראַנגלען זיך, האָט זיך פאַנדרע אויך אַצינד געצוואונגען צו ווערען רוהיגער, באַטראַכטער:

— האַלט קאָפּ, נח!

פון אָט דער נייער אָנשטרענגונג איז איהם גלייך געוואָרען לייכטער אין מוח. די געהיימניספולע, פאַרפלאָנטערטע פּנימער אַרום איהם האָבען זיך גענומען פאַנאַנדערקניפּלען. נעזער און אוי־גען זיינען בולטער געוואָרען. אָט די צוויי בחורים זיינען דאָס משה דעם טאָקערס אַרבייטער. אָט די יונגעלייט טרעפט מען שטענדיג, אין אַ מארק־טאָג, צווישען די קראָמען. עס זיינען דאָ באַקאַנטע לייַ־מער, גלעזער און סתם יונגעלייט. ער דערקענט אַפילו אַזעלכע נפ־שות, אויף וועלכע ער וואָלט זיך דאָ ניט געריכט. אָט איז אברהמעלע אַרע־מאָטעס, אַ געוועזענער גאַסען־יונג, וואָס האָט אַ שם פאַר אַ גזלניש האַרץ. וואָרים איינגעלוויז האָט ער געקוילעט די קאַץ פון שטוב אויפן ברעג אָזערע. גלאַט אַזוי, כדי צו זעהן ווי ס'עס זעהט אויס אַ געקוילעטע קאַץ וואָס וויל ניט פגרן. און אָט איז דעם נייעם נגידס שקאָלע־בחור און נאָך עטליכע שקאָלע־בחורים פון עלטסטען קלאַס. נעמט מען אַזעלכע שנעקעס אויך אַריין אין חברה? אַפנים אַז יאָ. פונקט ווי אין אָסטראָג איז דאָ נישטאָ קיין יחוס און קיין שום אונטערשיד צווישען איינגער אָדער עלטער. דאָ דרעהט זיך אַרום אַפילו „מאָדיע מיטן אמת״ — אַ געוועזענער ישיבה־בחור מיט אַ גרויסען קאָפּ, וואָס האָט אַמאָל אַלעמען געזאָגט דעם אמת אין די אויגען און שטענדיג געקראָגען דערפאַר געשלאָגען מכת־רצח.

ער דינגט זיך, למשל, איבער אַ הערינג. מאַכט ער צו דער פאַר־קויפערקע: „מילא, די צוויי קאָפּיקעס וועל איך אייך באַצאָהלען; נאָר זאָגען מוז איך אייך דעם אמת, אַז אייער טאַכטער האָט מען אַמאָל געכאַפּט גנבענען סחורה ביים שניט־קרעמער...‟ ער מ ו ז דאָס זאָגען. אָהן דעם אמת איז זיין לעבען קיין לעבען ניט! און ער וואונדערט זיך נאָך מאָדיע־קאָפּ, וואָס אָנשטאָט צו דאַנקען איהם פאַרן אמת, איז איהם די פאַרקויפערקע מכבד מיטן נאַסען הערינג איבער דער מאָרדע. אָדער: דער פאַרשציק פאַרעט איהם פאַר אַ קאָפּיקע מיטן גוטען בעזים, אין באָד אויף דער הייסער פּאָליצע. „שמייס, שמייס!‟ רופט זיך אָפּ „מאָדיע מיטן אמת‟ ליגענדיג אויפן בויך, „אָבער דעם אמת מוז איך דיר זאָגען. אַלע אין שקלאָוו וויסען דאָך, ווי אַזוי דו ביסט געוואָרען אַ פאַרשציק. אַמאָל ביסטו גאָר געוועזן אַ בעקער און האָסט פאַרשיכּורט ביז אַ פּאָדעשקע אין שטוב...‟ ער מוז דאָס זאָגען! און מאַכט נאָך קולות־געוואָלדען, מאָדיע מיטן אמת, איבער דער גאַנצער באָד, ווען דער זעלבער פאַרשציק וואָס האָליובעט איהם, נעמט פּלוצלינג אָן דעם בעזים פאַר די בלעטער און שלאָגט איהם מיט דער האַרטער הענטעל איבערן צופאַרעטען געזעס.

אַ סך אונבאַקאַנטע פּנימער דרעהען זיך דאָ אויך אַרום. אַפּנים די וועלכע אַרבייטען אויף די קאַכעלניעס און קומען זעלטען ווען אין שטאָט. אַלע זיינען דאָ אויסגעמישט. באַלעבאַטישע קינדער שמועסען מיט יאָקע דעם שינדערס לערן־אינגעל. מען איז צווישען זיך גאַנץ היימיש. און אַ מאָדנע זאַך! קיינער פון זיי אַלעמען האָט זיך אפילו ניט געוואונדערט וואָס אַזאַ גרויסער יונגאַטש און אַזאַ ווילד־פרעמדער, ווי פּאַנדרע, איז דאָ פּלוצלינג אויסגעוואַקסען צווי־שען זיי אין דער שטוב מיט די פאַרמאַכטע גרינע לאָדען. ווי באַלד דו ביסט דורכגעגאַנגען דורכן פּירהויז מיט דער שמירה, ביסטו מסתמא אָן אונזעריגער... טאָ זעץ זיך אויף דער פּאָדלאָגע אָדער שטעה! מיר זיינען ניט בייגעריג.

3.

האַצע דער הינקעדיגער גופא, אָט דער זעלבער האַצע, וועלכער

האָט ווי אַ גרויסער מאַגנעט אַוועקגעצויגען פֿאַנדרען פֿון ווײַב און קינד און מיט זײַן געהיימען כּח פֿאַרשלעפּט איהם אַהער אין שטוב. איז אַצינד געשטאַנען אין אַ ווינקעל אָנגעלעהנט אויף זײַן שוואַרצער קאָווילע. עפּעס גאָר באַשיידען, ווי פֿאַרטאַיעט, איז ער געשטאַנען און שטיל געשמועסט מיט אַן אונבאַקאַנטען יונגענמאַן, ניט קיין היגער ווייזט אויס. דער אונבאַקאַנטער האָט געהאַט אָפּגעהאַנגענע שוואַכע פּלייצעס, אַ גרויסען געגרייזעלטען קאָפּ מיט אַ פּליכעל אײַנמיטען, בולט׳ע, טרויעריגע אויגען און עפּעס אַ פֿרומען טרוקענעם פּנים פֿון אַ למדן, אַ פּרוש. צו דעם האָבען זיך גאָר ניט געפּאַסט, ניט זײַן טונקעל־רויטע רוסישע העמדעל איבער די הויזען, ניט דאָס רויטע גאַרטעלע מיט די פֿרענז אַרום די שוואַכע לענדען, ניט דאָס שטעהן דאָ אָהן אַ היטעל.

ווי נאָר חאַצע קירזשנער האָט דערזעהן פֿאַנדרען און זײַן אַרומקוקען זיך אַזוי פֿרעמד און פֿאַרלעגען, האָט ער זיך אָפּגעריסען פֿון אונבאַקאַנטען און גלייך צוגעהאַצקעט זיך צו פֿאַנדרען. חאַצע האָט דערבײַ כּלל ניט געהאַט קיין שײַנענדיגען פּנים דערפֿאַר, וואָס ער, פֿאַנדרע, האָט געהאַלטען וואָרט. און ניט געוואונדערט האָט ער זיך אויף פֿאַנדרעס מוט אָפּצורייסען זיך, אין אַזאַ ביטערער שעה, פֿון דער היים און אַוועקלויפֿען — דער גוטער יאָהר ווייסט וואוהין. ער האָט דאָס, קענטיג, אָנגענומען ווי אַ זאַך וואָס קומט איהם. וואָרים אַ פּנים האָט ער געהאַט אַזוי טרוקען און פֿרום, ווי ביים אונבאַקאַנטען למדן אין רויטען העמדעל, מיט וועלכען ער האָט געשמועסט. צוגעהונקען — און אָהן שום הקדמות אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס בײַ דיר?

פֿאַנדרע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען, ווי אײַנער וואָס שעמט זיך צו קוקען אין פּנים אַרײַן דעם צווייטען, וועלכער האָט איהם געהאָלפֿען אָפּצוטאָן ניט קיין שענע מעשה.

— מײַן אינגעלע איז... איז... ער גוססט.

רופֿט זיך פּונקט אַזוי שטיל אָפּ חאַצע דער קירזשנער:

— נו, נח, געה אפשר טאַקע אַהיים. ועסט אפשר אַן אַנדערש מאָל קומען. מ׳עט דיר שוין זאָגען.

וואו איז אַצינד אַהינגעקומען חאַצעס האַרטקייט. זיין שניידי־גער קול, זיין שטעכיגער „דו מוזט"? ווייך איז אַצינד זיין קול און זיינע אויגען — וואַרים.

פאַרשעמדיג חאַצעס שפּיציג פּנימל מיט די אונטערגעשוירענע שוואַרצע ווענסעלעך, האָבען פאַנדרעס גרויע אינגעלשע אויגען גע־בלאַנדזשעט: צי לאַכט ער דאָס? צי מיינט ער דאָס, דער הינ־קעדיגער „טשאַרט", מיט אַן אמת?

און פּלוצלינג האָט זיך פאַנדרעס געשפּאַנטער פּנים אָנגע־גאָסען מיטן בלוט:

— הער נאַר, חאַצע, דו שפּילסט זיך מיט מיר? ס'איז ניט קיין שפּיל איז דאָס. דו... דו הערסט?

— איך... שפּיל זיך? — גיט זיך חאַצע אַ האַצקע צוריק אויף זיין קאַווילע — וואָס רעדסטו וואָס?

— אַפריהער טרענסטו מיר אָדערען, — טרעט צו איהם פאַנ־דרע צו מיטן רויטן פּנים און קוקט אויף איהם ווי אַ הונגעריגער וואָלף אויף אַ הענדעל — אַפריהער: „קום און קום!" און אַצינד „געה־געה?" האָסט שוין חרטה געקראַגען? וואָס מיינסטו עפּעס?

צושמייכעלט זיך חאַצע קירזשנער אונטער זיין פאַרשמאָלצע־וועטען דאַשיק פון היטעלע:

— כ'האָב דיר נאַר געוואָלט זאָגען, חבר נח, ווי איך בין אַ איד... דו ביסט אַ וואוילער יונג! אָט דאָס נאַר האָב איך געמיינט זאָגען.

בלייבט פאַנדרע ווידער אַמאָל שטעהן פאַרגאַפט. דער מויל עפענט זיך איהם אויף. דאָס בלוט לויפט אָפּ צום האַרצען. הען, אַ קיר־זשנערוק מיט אַ שיטער בערדעלע! אין קאַלט און אין וואַרעם וואַרפט ער איהם דאָך אַרום.

און חאַצע דער הינקעדיגער בויגט זיך צו איהם צו, רוימט איהם אַריין:

— נעם זיך ניט צום האַרצען. מיר פּרובען אַלעמען אַביסעל אויס. איז אָט... כ'האָב קיין טעות ניט געהאָט!... געה, נח, אַהיים! בישקשה.

נאָר פאַנדרע איז נאָך אַלץ פאַרשטאַרט, ווי יענער האָן, וואָס

אַ גאַנצען טאָג איז ער געלעגען אַ געבונדענער אויפן מאַרק, ביים גוי אויפן וואָגען, און פאַרנאַכט, ווען די באַלעבאָסטע ברענגט איהם שוין מיט מזל אַהיים און פּענטעט איהם אָפּ, ליגט ער נאָך דער שלאַק, ווי אַ פאַרכישופטער, און ריהרט זיך ניט פון אָרט. איהם דאַכט זיך אַלץ, אַז די גויעשקע פענטע שניידט איהם נאָך אונטער די אָנגעווייטאָגטע פליגלען.

חאַצע באַטראַכט איהם דורכדרינגענד, פון אונטער זיין דאַשיק, און זיינע שפּיציגע אויערען פלאַמען ווי אַלעמאָל בשעת אַ גרויסער באַגייסטערונג:

— נו, נו, ווי דו ווילסט. געדענקסט דאָך מסתמא, אויפן מאָהליווער שליאַך האָסטו געבעטען, איך זאָל דיר זאָגען אַ וואָרט עס זאָל דיך נעמען, עס זאָל דיך „טרייבערען״, עס זאָל דיר אין די ביינער אַריין...

— יאָ, יאָ, — שמייכעלט פאַנדרע פאַרשעמט.

— איז אָט חבר „בעני״ וועט דאָס דיר דאָ היינט זאָגען... אַלעמען דאָ וועט ער דאָס זאָגען. דו וואונדערסט זיך וואָס דאָס איז דער זעלבער נאָמען ווי דער סימן וואָס איך האָב דיר געגעבען? ס'איז טאַקע געווען דער סימן פונם גאַסט וואָס מיר האָבען דאָ היינט. קום, כ'וועל דיך מיט איהם באַקענען.

ער האָט איהם צוגעפיהרט צום זעלבען יונגענמאַן מיטן למדנישען פּנים און מיט דעם רויטען העמדעל איבער די הויזען, מיט וועלכען ער, חאַצע, האָט אָקאָרשט געשמועסט. אַן איידעלע שמאָלע האַנט האָט אָנגעכאַפּט פאַנדרעס לאַפּע. טרויעריגע אויגען האָבען איהם אָנגעקוקט. אַ ברוסט־קול האָט צו איהם ווייך גערעדט:

— חבר חאַצע האָט מיר שוין דערצעהלט פון אייך. עס איז אַ... גרויסע גבורה, וואָס איהר זיינט היינט געקומען אַהער, בשעת ביי אייך אין שטוב... נאָר לאָמיר דערפון ניט רעדען! ס'איז גוט, חבר, וואָס אין אייער געזונטען גוף זיצט אַזאַ געזונטע נשמה. איך דאַנק אייך אין נאָמען פון אַלע אונזעריגע, דאָ און אומעטום.

דער וואַרימער דרוק פון דער פרעמדער, ניט־האָרעפּאַשנער האַנט, דער קול מיט וועלכען מ'האָט דאָ צו איהם גערעדט, דאָס „איהרצען״ איהם, דאָס אַלץ האָט איהם געמאַכט פיהלען, אַז מען

פּאַרטרויט איהם דאָ ווי אַן אייגענעם, אַז מ׳האָט איהם שוין אַריינגענומען אין קאָמפּאַניע. ווי אַ בוימאייל האָט זיך די דאָזיגע נייע און אומבאַקאַנטע גוט־ברודערשאַפט צוגאָסען איבער זיין פּאַרטאַיעטען וועהטאָג און זאָרג פאַר זיין היים, איבער דעם פּאַרטאַיעטען שרעק פאַר דער סכּנה, וועלכע לויערט אויף איהם דאָ, פון אַלע שאַטענס אַרום די ברעמלעך, פונם פּריסטאַוו מיט זיינע איבערגעטאָנענע סטראַזשניקעס, פון וועלכע חאָצע האָט באַקומען ידיעות. אַז זיי זיינען אָנגעקומען פון מאָהליוו און לויערען ערגעצוואו... אָט איז ער, פאַנדרע, דער באַלעגאָלע, דער גראָבער יונג, דער אָסטראָזשניק, שוין באַצאָהלט פאַר דער גרויסער אָנשטרענגונג וואָס ער האָט געמאַכט איבער זיך, צו קומען היינט אַהער.

פון גרויס באַגייסטערונג, וואָס אַן אומבאַקאַנטער איידעלער מענש גיט איהם אָפּ אַזאַ כּבוד און רעדט צו איהם אַזעלכע איידעלע ווערטער, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעכאַפּט דעם געגרייזעלטען יונגעמאַן פאַרן האַנט:

— איהר הערט, חבר בעני, זאָל איך קרענקען, ז...אָל איך שטאַרבען, דאָ אויף אַן אָרט, אויב, אויב...

פונקט אַזוי האָט ער זיך שוין אַמאָל פאַרזאַאיקעט, ווען ער האָט מ ע ר ע ן געוואָלט ערקלערען ווי ליב ער האָט זי, ווי איבערגעגעבען ער וועט איהר זיין.

די אָבלאַווע

1.

אַז דער ריידנער פון מאָהליוו, חבר בעני, איז אַרויף אויף דער איבערגעקעהרטער דייזשקע, מיטן רויטליכען סיטץ באַדעקט, האָט ער קודם־כל אָפּגעגעבען כבוד דעם אָנדענקען פון אַמסטערדאַ־מען *) — דער דערטרונקענער גכתב, וועלכער איז מיט יאָהרען צוריק געקומען אַהער פון סיביר און געוואוינט אינם זעלבען הויז, מיט די גרינע פאַרמאַכטע לאָדען, וואָס קיינער וויל זינט דאַמאָלסט ניט דינגען, און וואו די „סכאָדקע” קומט אַצינד פאָר. יאָ, ער האָט זיך דערטרונקען, דער וועלכער האָט זיך אויסגעפייניגט אין סי־ביר און געליטען הונגער און קעלט פאַרן אמת און פאַר אַלע די, וועלכע זיינען דאָ כלומרשט פריי און ליידען ניט־וועניגער ווי ער אַליין, ביז צו היינטיגען טאָג... פון די ליימיגע דניעפּער־גריבער איז אַרויסגעשוואומען דער מאַרטירער־גייסט פון דעם דערטרונקע־נעם און אָנגעטיילט די גאַנצע יוגענט אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטעל מיט זיין ווילען און מיט זיין פייער. אָט חבר חאַצע, וועל־כער זיצט דאָ, מחמת זיין קראַנקען פוס, אויפן איין־איינציגען ביינ־קעל, איז געווען אַן עדות פון דער טראַגעדיע וואָס האָט זיך אָפּ־געשפּילט אויפן ברעג דניעפּער. ער איז אויך געווען איינער פון

*) איינער פון די ערשטע אידישע רעוואָלוציאָנערען אין ווייס־רוס־לאַנד אין די 90־טע יאָהרען. דערטרונקען געוואָרען אייניגע יאָהרען שפּעטער נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר.

די, וועלכע האָבן באַשאָטען מיט רויטע בלומען אַמסטערדאַמס קבר, פאַרטאָג, אויפן אידישען בית־עלמין, און געזונגען דאָס ער־שטע רעוואָלוציאָנערע ליד, וואָס שקלאָוו האָט נאָך ביז דאַמאָלסט ניט געהערט. אַזוי אַרום אויפגעוועקט אַלע די, וועלכע זיינען שוין געווען איינגעשלאָפן מיט אַ זיכערען און צופרידענעם שמייכעלע אויף די ליפען, וואָס מ'איז שוין, געלויבט דער אויבערשטער, פּטור געוואָרען פון געפעהרליכען „נכתב״ און אַז מעהר וועט ער שוין ניט שטערען זייער באַלעבאַטישע רוה, ניט קאַליע מאַכען זייערע קינדער און ניט איינריידען זייערע באַלמעלאָכעס צו סטרייקען. יענער געזאַנג אויף זיין קבר איז געווען אַן אָנזאָג, אַז אַמסטער־דאַמס גייסט לעבט און אַז ער וועט נאָך קומען אָנקלאַפּען אַלע נאַכט אין די פאַרמאַכטע לאָדענס און ניט לאָזען שלאָפען ניט דעם אַלטען דור, ניט דעם יונגען...

נאָך אָט די הויכע ווערטער, האָט זיך חבר בעני עפּעס אַ ביסעלע פאַרשעמט, זיינע טרויעריגע אויגען האָבען זיך צעפינטעלט. ער האָט אָפּגעהוסט און, מיט אַ מעהר באַשיידענעם טאָן, דער־קלערט, אַז צום אָנדענקען פון דעם ערשטען רעוואָלוציאָנער אין שקלאָוו, וועט חבר חאַצע, נאָכן רעפעראַט, פאַרטיילען ליטעראַטור. און מ'בעט די חברים נאָכן איבערלייענען אָפּגעבען צוריק, כּדי מ'זאָל דערנאָך קענען פאַרטיילען אין אַנדערע שטעטלעך. וואָרים אַראָפּברענגען ליטעראַטור ווערט אַלץ שווערער און שווערער. מען זוכט און מען נישטערט אין יעדער ווינקעלע. דער היגער נייער פריסטאַוו האָט זיך גענומען, ניט אויף קאַטאָוועס, אויסצורייניגען די אידישע „קראַמאָלע״. ער, בעני, איז זיכער, אַז מיט איהם אויף דעם זעלבען פאַרעכאָד פון מאָהליוו זיינען געפאָהרען איבערגע־טאָנענע זשאַנדאַרניקעס. נאָר אונזערע חברים! — אַזוי האָט בעני אויסגערופען מיט זיין פריהערדיגען געהויבענעם קול, אונזערע חברים וועלען וויסען ווי צו געבען דעם ריכטיגען ענטפער, ווען ס'וועט האַלטען ביי עפּעס...

ווי אַ מין פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבען פאַר פאַנדרעס בלאָנדזשענדיגע אויגען. דאָס וואָס אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, נאָך פאַר דער חתונה, האָט אויסגעזעהן אַזוי פאַרסודעט, איז פּלוצלונג

געוואָרען פראַסט און פשוט. וואָרים אַלע אין שקלאָוו געדענקען נאָך זעהר גוט דעם בלאָנדען שלאַנקען פאַרשוין מיט די גרינע אַביסעל בולטע אויגען, וועלכער איז אומגעגאַנגען איבער די גאַסען אַזוי האָפּערדיג, אָהן אַ היטעל, מיט די לאַנגע האָר פאַרוואָרפען אויפן קאַרק. ער האָט אַזוי לייכט געטראָגען אויף זיך אַלע בייזע בליקען פון פּריסטאַוו, פון פאָטשטמייסטער און פון די דעסיאַטניקעס, און די חשדים פון חשובע באַלעבאַטים און קרעמער. ער האָט דאָס אַלץ געטראָגען מיט פּונקט אַזאַ לייכטקייט, ווי זיין לאַסטיקענע זומערדיגע העמדעל איבער די הויזען, ווי זיין גאַרטעלע מיט די פרענז.

יאָ, דאָס אַלץ האָט ער, פאַנדרע, אַצינד גוט פאַרשטאַנען. נאָר דאָס וואָס בעני פון מאָהילעוו האָט ווייטער גערעדט, וועגען די וואָס אַרבייטען, וועגען די וואָס גיבען אַרבייט און וועגען מענשען מיט קאַפּיטאַל וואָס נוצען אויס פרעמדע פראַצע — האָט ער ניט זעהר קלאָר פאַרשטאַנען. אפשר דערפאַר — ווייל די צרות איינדערהיים האָבען איהם געדריקט ווי אַ בליי, סענדערקעס אָפענע אויגען פון אַ גוסס האָבען פאַר איהם אויך דאָ אַרומגעשוועבט; מערעס פאַרשטיקטע שלוכצען האָבען געקלונגען אין די אויערען און ניט געלאָזען צולעגען קאָפּ צו דעם, וואָס דאָ ווערט געזאָגט. אמת, פון צייט צו צייט פלעגט איהם אין בעניס ווערטער אויפבליצען אַ באַקאַנט וואָרט. ער, פאַנדרע, וואָלט געקענט שווערען, אַז ענליכע זאַכען האָט ער שוין געהערט אין אָסטראָג פון שעפּטעלע דעם גנבס מויל. אויך שעפּטעלע האָט גאַנץ אָפט גערעדט אַקעגען אַנגעפרעסענע גבירים, אַקעגען רייכע ליידיגגעהער וואָס היילען זיך כלומרשט אין די בעדער אַרום דאַנציג און שפּילען גאַנצענע טעג אין קאָרטען. און וואָס פאַר אַ ווילדע הנאה ער, שעפּטעלע, האָט, ווען ער באַגנבעט זיי; שוין אָפּגערעדט פון דעם פאַרגעניגען פון „האָבען פּרנסה"... נאָר ביי שעפּטעלען איז דאָס אַלעמאָל אַרויסגעקומען ווי אַ מין פּריוואַטער צו־להכעיס, און צוליב אייגענע נוצען. און דאָ, ביים בחור מיט דער רוסישער העמדעל איבער די הויזען, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט צו זיינע שמאָלע אָפּגעהאַנגענע פּלייצעס פון אַ למדן און צו זיין דרעה מיטן בלאַסען פינגער בשעתן ריידען, ביי איהם קו־

מען די זעלבע ווערטער אַרויס גוטמוטיגער, ברייטער, אַ טובה — ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַלעמען...

און אָט דערצעהלט ער, בעני, אויף דער איבערגעקעהרטער דייזשקע, עפּעס גאָר אַן אויסטערלישע זאַך, אַז אין מאָהליוו זעצט מען אַריין אין אָסטראָג די אַרבייטער פון פאַבריקען נאָר דערפאַר, ווייל זיי פאַרלאַנגען אַ הוספה און זאָגען זיך אָפּ צו אַרבייטען פאַרן אַלטען לוין. זיי סטרייקען און הונגערען מיט ווייבער און קינדער און מ׳זעצט זיי נאָך דערפאַר אַריין אין אָסטראָג. דאָס הייסט גאָר, אַז זיי „בונטעווען זיך“. און פאַרוואָס מיינט איהר הייסט דאָס אַזוי? ווייל די פאַבריקאַנטען מיט דער פּאָליציי זיינען יד־אחת. אָט די דאָזיגע אכזריות, זאָגט בעני פון מאָהליוו, איז שוין צו ווייט פאַרגאַנגען. עס האַלט שוין דערביי, אַז אַרבייטער ווערען באַהאַנדעלט ווי די קנעכט, וועלכע מ׳קויפט אין ווילדע לענדער אויפן מאַרק. און ס׳איז ניט ווייט דער טאָג, סטראַשעט בעני מיט זיין אייזערנער האַנט, ס׳איז ניט ווייט דער טאָג ווען אַלע אַרבייטער, גויים און אידען, קליין און גרויס, וועלען זיך אויפהויבען און שטורעמען אָט די אַלטע פינסטערע געזעצען פון די שטאַרקערע קלאַסען, אַזוי ווי דאָס פאָלק פון פאַריז האָט אַמאָל געשטורעמט די באַסטיל...

באַסטיל? עפּעס גאָר אַן אויסטערליש וואָרט! אַלע, ווייזט אויס, האָבען זיך געשעמט צו פרעגען, האָט זיך פּאַנדרע אויך געשעמט... נאָר איין „מאָדיע מיט דעם אמת“ האָט זיך גראָד ניט געשעמט. אַ שענעם דאַנק איהם דערפאַר! „מאָדיע מיט דעם אמת“ האָט צוגערופען: חבר בעני זאָל איהם מוחל זיין. ער, מאָדיע, פאַרשטעהט ניט וואָס איז באַ... באַט... באַטסיל. ער, מאָדיע, האָט האַלט צו זאָגען דעם אמת...

און בעני האָט זיך ניט געפוילט און... פינטלענדיג מיט די קורצזיכטיגע אויגען פון אַ למדן, דערצעהלט ווי דעם 14־טען יולי 1789 האָט מען אין פאַריז געצויגען דעם גרויסען שטורעם־גלאָק און דאָס גאַנצע באַוואָפענטע פאָלק האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פינסטערען אָסטראָג, הינטער פאַריז, וואָס האָט געהייסען באַסטיל, און געשטורעמט די דאָזיגע פעסטונג, מיט קאָטשערעס און ביקסען און מיט גראָבאייזענס, און מיט אַלץ וואָס האָט זיך געמאַכט אונטער

דער האַנט. אונטער אַ האַגעל פון זעלנערישע קוילען האָט מען גע־שטורעמט און באַזיגט די כאַלדאַטען, וועלכע האָבען דאָרט גע־האַלטען די קייזערליכע וואַך; אויפגעבראָכען אַלע שלעסער און טי־רען און אַרויסגעראַטעוועט האַלב־געחלשטע אויף אייביג־פאַר־משפּטע, אין קייטען געשמידטע, וואָס דער פראַנצויזישער טיראַן און זעלבטהערשער לודוויג דער 16־טער האָט געהאַלטען פאַר שונ־אים פון זיין טראָהן. אַט פונקט אַזוי, האָט בעני פאַרענדיגט מיט פייער, פונקט אַזוי מוז זיך אויך דאָ ביי אונז דאָס גאַנצע פאָלק דערהויבען און שטורעמען די אַלטע געזעצען וואָס די שטאַרקערע און רייכערע האָבען געמאַכט. דער חורבן פון דער באַסטיל — דאָס איז אַ מוסטער פון מוט פאַר אַלע פאַרשקלאַפטע, פאַר אַלע דערנידעריגטע. און פריהער־שפּעטער וועט דאָס זעלבע געשעהן, אין אַלע אָפּגעשטאַנענע לענדער, אויף דער גאַרער וועלט...

און פאַנדרע הערט מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל און דערמאָנט זיך, אַז בשעת דער פאַלשער משפּט, וואָס איז איבער איהם פאָרגעקומען אין מאַהליוועער אַקרוזשנאַי־סוד, האָט איהם אין די אויערען אָפּ־געקלונגען, ווי אַ ווידער־קול פון אַן אַנדער וועלט, אַן אַלטער, פאַר־געסענער פּסוק פון חדר:

„פאַרשרייב אין אַ בוך און טו אין די אויערען פון יהושע, אַ מעקען און אָפּמעקען וועל איך עמלק׳ס געדעכעניש פון אונטער די הימלען...״

צי הויבט דאָס ניט אָן מקוים צו ווערען אָט די נבואה וועגען עמלקן? וועגען אָט דעם זעלבען עמלקן, וועלכער האָט איהם אַזוי לאַנג געמוטשעט אין אָסטראָג פאַר אָפּרייסען אַ קנעפּעל ביים נייעם פּריסטאַוו, וואָס בעצם איז דאָס אויך געווען שקר וכזב. ניט מיט אַזעלכע יונגען ווי קושקע־בראַנד דאַרף מען זיך שלאָגען, נאָר אָט מיט דעם עמלקן, וואָס טוט אָן אַלעמען צרות פון משהס צייטען ביז אַצינד. געדיינקי פאַנדרע, וואָס דו האָסט זיך געשוואוירען ביי די פינסטערע יאַטקעס, קומענדיג צוריק אַ פאַרסמאַליעטער, אַ פאַר־מאַטערטער פון אָסטראָג! און אָט האָט ער אַצינד אָנגעטאַפּט דאָס וואָס ער האָט געזוכט. ער ווייסט אַצינד מיט וועמען צו שלאָ־

גען זיך. פון אַט דער שטוב, מיט די גרינע פאַרהאַקטע לאָדענס און פון נאָך אַ סך אַזעלכע הײזער, װעט אַרױסגעהן אַ גרױסער בראָך אױף עמלקס קאָפּ און אױך ער, פאַנדרע, װעט דאָ האָבן אַ האַנט. אױך ער.

.2

בעני פון מאַהליװ האָט פאַרענדיגט זײנע רײד מיט אױסרופען, װעלכע הױבען זיך אַלע אָן מיט „דאַלאָי" און ענדיגען זיך מיט דאָס איבערשטע פון שטױסעל, מיט ניקאָלאַי דעם צװײטען אַלײן. כאָרן אָסטראָג האָט שױן פאַנדרע געהערט כל־ערליי מינים „דאַלאָי". בשעת די שבתדיגע דעמאָנסטראַציעס װאָס די „ציציליסטלעך" פלעגען מאַכען האָט ער עס געהערט. אָבער דאַמאַלסט, װען די גאַנצע מאַסע פון העגט און „רובאַשקעס" און קעפּ איז געװען צוזאַמענגעקנױלט אַרום אַ רױטע פאָהן, האָט דאָס געקלונגען שטאַרק, ס'האָט איבערצײגט, ס'האָט זיך געגלוסט מיטשרײען. פונקט אַזױ האָט זיך איהם אײנגעלױיז געגלוסט מיטצושרײען „הוראַ", װען דער נײער פריץ איז געקומען מיטן פאַרעכאַד און שקלאָװער אידען זײנען אַרױס איהם מקבל פנים זײן... אָבער דאָ אַצינד, בײ אַט דעם בחור מיטן פנים פון אַ למדן און מיט דעם רוסישען העמדעל איבער די הױזען, קומט דער „דאַלאָי" אַרױס עפּעס אומבאַהאָלפען, צו הילכיג און פאַלש. פונקט װי אַ קלױזניק װאָלט פאַרדרעהט דעם דאַשעק אױפן נאַקען און װאָלט גענומען מאַרשירען מעשה סאָלדאַט.

פאַנדרע לאָזט אַראָפּ די אױגען. מיט זײן געזונטער נאַטור פיהלט ער, אַז אָהן דעם „דאַלאָי" װאָלט אפשר די דרשה פון מאָהליװער בחור בעסער געװען פאַרענדיגט. און אַפּנים, אַז חאַצע דער הינקעדיגער האָט דאָס אױך דערפיהלט, װאָרים ער איז גלײך אױפגעשפּרונגען מיט זײן קאָװילע פונם אײן־אײנציגען בײנקעל אין שטוב און געגעבען אַ צײכען.

דאָס גרעסטע טײל פון די יונגע־לײט אױף דער סכאָדקע הױבען אָן צו זינגען שטיל און אײנגעהאַלטען, מורא האָבענדיג

אַפּנים מ׳זאָל ניט דערהערען אין די פרעמדע הייזקעס, הינטער די פּאַרצוימטע קרויט־גערטנער. נאָר ביי אַלעמען טליעט נאָך אַ פּייערעל פון בענים רייד און דאָס לידעל צעגליהט זיך, און דער חשק פון זינגען נעמט אַלעמען אַרום. אַלע מיילער שפּאַלטען זיך אויף:

אָטרעטשאַמסיאַ אָט סטאַראָווא מי־ירא,
אָטראַכניאָם יעוואָ פראַך ס׳נאַשיך נאָג!

— ש־ש־ש־אַ! חברים! — ווערט חאַצע קירזשנער אַבּיסעל אומרוהיג — אַ ביסעלע שטילער!

נאָר דער צוהיצטער עולם שטעהט אויף, און אַלע אויף די פיס, און זייערע פאַראייניגטע קולכער פאַרשלינגען חאַצעס הייזעריגע מורא, אין איין ניט־גלייכען כאָר:

מי ניע ליובים ז׳לאָטאָווא קומי־ירא!

מאָדנע ווערטער! מיט זיין ביסעל פויערישען רוסיש, וואָס פּאַנדרע קען, איז ער ניט בכוח אַריינצודרינגען אין תוך פון אַזאַ הויכען סאָרט לשון. נאָר באַקאַנט זיינען איהם די ווערטער יאָ באַקאַנט. וואו האָט ער דאָס אַ שטייגער געהערט? אַך יאָ, פאַרן אָסטראָג, פאַר דער חתונה האָט ער דאָס ווען ניט ווען געהערט אין ר׳ ישיעלעס חורבה אויף דער שול־גאַס און אין פראַנצאָווקער וואַלד. דאַמאָלסט איז ער נאָך אויסגעגאַנגען נאָך מערען, וועלכע האָט אַפילו ניט געוואָלט קוקען אין זיין זייט. פלעגט ער זיך אָנטרינקען מיט זעלצערקע אויף באָרג, ביי וואָווקען אין בודקע, און אַוועקלאָזען זיך אין וואַלד מיט חברים שמייסער און באַלעגאָלעס. פלעגט זיך זיי אָפטמאָל דערטראָגען, פונדערווייטענס, דער אָפּקלאַנג פון דעם זעלבען ליד. געהיימניספול, מסוכנדיג, עמיצען אַרויספאָדערענדיג האָט געקלונגען דאָס ליד. איז אָט דאָס, הייסט דאָס, זיינען איהרע ווערטער?...

מי ניע ליובים זלאָטאָווא קומי־ירא!

שקלאָווער איינוואוינער האָבען פאַר דאָס ליד מורא געהאַט. ווי אַן אָנזאָג פון בייזע נבואות האָט זיי דאָס געקלונגען אין די אויער־

רעז. ר׳ סענדער עליו־השלום אַליין פלעגט אויסשפּייען, דערהערענ־דיג דאָס געזאַנגעכץ. נאָר פֿאַנדרע האָט געמערקט, אַז אפילו ביי ר׳ סענדערן קלעמט דאָס האַרץ בשעתן אויסשפּייען. ער האָט, דאַכט־זיך, מורא געהאַט און פונדעסטוועגן בייגעריג צוגעהערט זיך... וואָרים ר׳ סענדער האָט געהאַט בשעת־מעשה פּונקט אַזאַ זיס־זויער פֿאַרקרימטען פּנים, ווי בשעת צוהערען זיך צו דער אָרגעל־מוזיק אין שקלאָווער קאָסציאָל...

אויך שעפּטעלעס לידלעך אין אָסטראָג זיינען געווען טייער. אָט, למשל, דאָס לידעלע: „מ׳האָט דאָך מיר אַ שטריק געפלאָכ־טען, אָהן אַ מעסער אָפּגעשאָכטען. פֿאָניע, פֿאָניע גנבו!”... ס׳האָט גע־קלונגען אַזוי פֿאַרביינקט און דערשטיקט צווישען די גליטשיגע „נאַ־רעס” אין אָסטראָג! אויך די פּויערטעס, ווען זיי יעטען די ברייטע קרויט־גערטנער און זינגען אויסציהענדיג די העלזער, ווי די גענז, צו דער האַלב־פֿאַרגאַנגענער זון — צופּט דאָס ביים האַרצען. אָבער ווי קומט דאָס אַלץ צו אָט דעם פרעמדען, נישט־פֿאַרשטענדליכען ליד, מיט די האַלב־טערקישע ווערטער? —

ניעגאַוויסטען נאַם צאַרסקי טשערטאָג
מאַרש, מאַרש, וו׳פּעריאָד!...

אַזאַ געשמאַקע וואַרימקייט ברומט אין די ווערטער, ווי אין ווינט אויפן שליאַך, וויעסנע־צייט, ווען מען פֿאָהרט באַרג־אַראָפּ און מען צויאָגט דעם פערד, כּדי צו לאָזען אויף זיך זשומען די גאַנצע זיסקייט און פרישקייט פון וויעסנע. ס׳איז אַ שיכּרות ניט קיין ליד! עס גיסט אָן די הענט מיט כּוח, עס גלייכט אויס די פּלייצעס, עס מאַכט פֿאַרגעסען אַלע קליינע צרות אינדערהיים. און עס דאַכט זיך איהם, פֿאַנדרען, אַז עס ברענט ערגעצוואו, און מען רופט איהם בחברותא: לאָמיר לויפען ראַטעווען! נאָר ניט די שטאָל ביים נייעם נגיד ברענט דאָס, ניט אַ טיראָלער קוה פֿאַרסמאַליעט זיך די פעל. די וועלט ברענט, פֿאַנדרע! לאָמיר לויפען ראַטעווען זי. —

מאַרש, מאַרש, וו׳פּעריאָד!...

אָבער ניט באַשערט געווען, אַ פּנים, פֿאַנדרען, אויסצוהערען

דאָס שענע ליד ביזקעל סוף, אָנזעטיגען זיך מיט איהר, אויסטאָן זיך, מיט איהר כוח, פון אַלע דאגות אינדערהיים. וואָרים אין רעכטען מיטען פון איהר דערהויבענקייט, ווען די שקלאָווער שקאָלע־יונגען מיט זייערע אינגעלשע קולכער און „מאָדיע מיטן אמת״ מיט זיין ברומיגען באַס, זיינען זיך פאַרגאַנגען אין די הויכע טענער, האָט ער־געצוואו אין גאָרטען, הינטער די פאַרמאַכטע לאָדענס, שאַרף אַ פייף געגעבען, איין מאָל און צוויי מאָל—דריי מאָל נאָכאַנאַנד. און באַלד נאָכדעם האָט דאָרטען שטאַרק אַ קנאַק געטאָן. עפּעס צווישען אַ קנאַל פון אַ פיסטאָל און אַן איינברוך אין אַ הילצערנער טירעל פון אַ צוים. אפשר ביידע זאַכען צוזאַמען. און אַ לויפעריי פון עטליכע פּאָר פיס האָט זיך דערהערט.

אַ פּנים, אַז אַט די שאַרפע צוויי פייפען זיינען געווען אַן אָפּגערעד־טער צייכען. וואָרים דאָס געזאַנג איז גלייך פאַרשטומט געוואָרען, ווי מיט אַ מעסער אָפּגעהאַקט. פאַרגולמט און האַלב־אָפען זיינען גע־בליבען די מיילער. און חאַצע קירזשנער האָט זיך אַ האַצקע געטאָן אויף זיין קאווילע, ווי אַ גרויסע גריל, וועלכע מען כאַפּט אַן ביי איין פיסעל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ גרילצענדיגע ריגלעריי. די יונגען, וועלכע זיינען געשטאַנען שמירה ביי דער פירהויז־טיר, האָבען די פיר־הויז נאָך שטאַרקער פאַרריגעלט, פאַרהאַקט מיט אַ דיקען דראָנג, אַליין אַריינגעלאָפען, צוגעהאַקט און פאַרקייטעלט די שטוב־טיר אויך. און באַלד האָט אַן איינגעהאַלטענער טומעל, ווי אַ שוידער, אַלעמען דורכגענומען, און אַ שושקעריי איז דורכגעלאָפען אַלע פאַרזאַמעלטע און איבערגעגעבען זיך, פון מויל צו מויל ווי אַ שטויס פון אַ פלוצליכען ווינט איבער אַ וואַסער:

— אַן אַבלאַווע, חברים!

3.

נאָך איין רגע צוטומלעניש האָט חאַצע אַ געשריי געטאָן, מען זאָל זיך האַלטען רוהיג. און אַליין, שטאַרק הינקענדיג אויף זיין קוליע, צוגעשטופּט זיך צו אַ פאַרלאָדענטען פענסטער הינטער

דעם גרויסען אויווען און, אומדרעהענדיג דעם קאָפּ, אַ זאָג געטאָן מען זאָל אויסלעשען די חלבנע ליכטלעך... מ'האָט זיי גלייך אויס־געלאָשען.

אין דער פינסטערניש, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע סכאָדקע, האָט מען געהערט, ווי האַצע טאַפּט אָן די קייטעלע פון דעם אייזערנעם פּרענט, ווי ער ציהט אַרויס דעם אייזערנעם פאַר־דשאַווערטען קייל ביים לאָדען־לאָך, ווי ער קייטעלט האַסטיג אָפּ די צוויי האַלבע פענסטער און שטויסט פּאַוואָליע דורך די פאַר־מאַכטע לאָדען פון אינוועניג. „חברים אָהער!" האָט ער אַ שושקע געטאָן. און באַלד נאָכדעם האָט קיהל און פריש אַ שפּאַר געטאָן אין דער הייסער שטוב־לופט דאָס נאַכטיגע גאַרטען־ווינטעל. און ווי עס וואָלט האַצען אונטערגעהאָלפען: „גיכער זיכער!"

אַלע האָבען זיך שטיל און פלינק, ווי די קעץ, אַ וואָרף געטאָן צו דעם אויפגעריסענעם פיער־עק הינטערן אויווען. ביי דעם גרויען שיין פון די זומערדיגע געדיכטע שטערען האָט זיך האַרט, ביים אָפענעם פענסטער, באַוויזען אַ מין באַגראַזטע שמאָלע קעסטעלע, איינגעקלעמט צווישען צוויי שורות פון הויכע פאַרשפּיצטע פּלעקע־נער. אין פלוג האָבען דאָך די דאָזיגע פּלעקענער פאַנאַנדערגעטיילט אַ גרענעץ־בייט צווישען צוויי גרויסע קרויט־גערטנער. נאָר אַ פּנים האָט דאָס געהאַט, ווי אַ קונציג־אויסגערעכענטע און באַשיצטע שטעגעלע צום אַנטלויפען, ווען מען באַדאַרף, פון דער פאַרדעכטי־גער הייזקע מיט די גרינע לאָדענס.

אין דער פירהויז־טיר האָט מען זיך שוין שטאַרק געבראָכען. אין דעם דאָזיגען טומעל זיינען פאַרשלונגען געוואָרען די ווייכע שפּרונגען אויף דעם טויאיגען גראָז. מיט בלויזע פּיסטאָלען אין די הענט זענען די ערשטע אַרויסגעשפּרונגען, דורכן פענסטער, די יונגען וואָס האָבען פריהער אָפּגעהיט די פירהויז־טיר. טאָמער דאַרף מען, הייסט דאָס, וועלען זיי שוין וויסען וואָס זיי האָבען צו טאָן... דערנאָך — די אַנדערע. פּאָרווייז און איינציגווייז. שפּרונג, שפּרונג נאָך שפּרונג.

ניט באַנוצענדיג זיין גרויסע קראַפט, מיט וועלכער ער וואָלט אַלעמען געקענט פאַנאַנדעררוקען ווי די זאַנגען אין פעלד און

אַרויסשפּרינגען דער ערשטער, האָט זיך פֿאַנדרע קוים צוגעשטופּט צום פֿענסטער, און געלאָזען די שוואַכערע שפּרינגען. אָבער ווי נאָר חאַצע האָט איהם באַמערקט, האָט ער צו איהם שאַרף און דער־שראָקען אַ שושקע געטאָן:

— דו?... שפּרינג, שפּרינג!

דאָס האָט זיך אָנגעהערט ווי אַן אָנבייזערען זיך אויף אַ מענ־שען וועמענס אחריות ער, חאַצע קירזשנער, טראָגט אויף זיך אַ סך שווערער ווי די אחריות פֿאַר אַלע אַנדערע.

— נו, און דו? — האָט פֿאַנדרע צוריק אַ שושק געטאָן.

— איך? — האָט זיך חאַצע אַ כאַפּ געטאָן — האַ? שפּרינג, שפּרינג זאָג איך דיר?

און, ניט אָפּוואַרטענדיג ביז פֿאַנדרע וועט טאָן זיין באַפֿעהל, האָט זיך חאַצע אַ האַצקע געטאָן אויף זיין קאַווילע. איין מאָל און צוויי מאָל, און מיטן דריטען הינקענדיגען שפּרונג איז ער שוין גע־שטאַנען ביים פּריפּעטשאָק פֿון פֿאַרלאָזענעם גרויסען אויוועז. ביים שיין פֿון חאַצעס אַן אָנגעצונדענעם שוועבעלע האָט פֿאַנדרע דער־זעהן אַ הייפעל געדרוקטע פּאַפּירלעך, וואָס חאַצע קנייטשט פֿיבער־דיג מיט איין האַנט און צינדט אונטער מיט דער צווייטער האַנט.

פֿאַנדרע האָט אויסגעגלאָצט ביידע אײנגעלאָשענע אויגען זיינע און זיך ניט גערירט פֿון אָרט. דורכן פֿענסטער, לעבען איהם, שפּרינגען שאָטענס אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט אַריין, און אויפֿן פֿאַרלאָזענעם פּריפּעטשאָק, אַקעגען איהם, קאָרטשען זיך און קראַמפּירען אין רויטליכען פֿייער די דינינקע געדרוקטע בלעט־לעך. זייער שיין טאַנצט אויף דער סטעליע משונהדיג, און מאַכט בולטער די מענשליכע שאָטענס, וואָס לויפֿען דורכן פֿענסטער. פֿון אָט די צאַפּעלדיגע באַוועגונגען איז פֿאַנדרען פּלוצלינג באַפֿאַלען אַ טויט־שרעק. איין קאַפּ האָט זיך איהם גענומען דרעהען: „ווייטער אַסטראַג... נאַרעס... אַפּטריטען רייניגען... אַ משפּט...״ ער האָט זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן צום אָפֿענעם פֿענסטער און מיט איין רוק פֿון די אָרעמס פֿאַנאַדערגעשטופּט די עטליכע איבערגעבליבענע פֿון דער סכאָדקע, וואָס האָבען זיך נאָך געטומעלט ביים אַנטלוי־פֿען. ער האָט אַרויפֿגעשטעלט איין שטיוועל אויפֿן פֿענסטער־שוועל

און שוין געהאַלטען ביים אַרויסשפּרינגען. נאָר דאָ האָט ער באַ־מערקט, אין דער האַלב־טונקעלהייט, בעניון... דעם זעלבען בעני פון מאָהליוו. מיטן פּנים פון אַ למדן און מיט דעם רוסישען העמ־דעל איבער די הויזען, וועמעס שוואַכע האַנט ער האָט פריהער גע־דריקט און געשוואוירען זיך אַזוי אומגעלומפּערט: „אַז... אַז אַ ניכפּה זאָל איהם, פאַנדרע, טרעפען, אויב, אויב...”

ווי אונבאַהאָלפען ער זעהט אַצינד אויס בעני! ער איז צוגע־דריקט צום פענסטער־ראַם, ער קאַראַבקעט זיך מיט זיינע שוואַכע אָרעמס צווישען די שטאַרקערע, אינגערע, פלינקערע, און קען זיך צו דער אָפענער פירקאַנטיגער לאָך ניט דערשלאָגען. פאַנדרע איז אַזש רויט געוואָרען פאַר בושה. ס'איז נאָך גוט וואָס קיינער זעהט ניט, אין דער פינסטער, ווי רויט ער איז געוואָרען. ער האָט זיך אָבער גלייך אויסגעניכטערט פון זיין אייגענעם שרעק און, אַנשטאָט אַרויסשפּרינגען, צוריק אַ כאַפּ געטאָן זיין באַשטיוועלטען פוס אין שטוב אַריין און אין איין אויגענבליק אַרויסגעכאַפּט בעניין פון צווי־שען אַלע די, וועלכע האָבען אָנגעפּראַלט צום אָפענעם פענסטער. ווי מען כאַפּט אַרויס אַ לייכטען בינטעל שטרוי פון אַ נאָהענטען פייער, כדי ער זאָל זיך ניט אָנצינדען, אַזוי האָט ער בעניין אַרויס־געכאַפּט, און פלינק אַראָפּגעלאָזט איהם, אונטער די פאַכוועס, אי־בערן פענסטער־שוועל, אין פייכטען גראָז אַריין:

— לויפט, לויפט!

אָט די דאָזיגע הילף, וואָס ער האָט באַוויזען צו געבען אַ שוואַכערען, אין אַזאַ קריטישער מינוט, האָט פאַנדרען צוריק־געבראַכט צו זיינע אינערליכע כוחות, צו זיין אַלטער פאַנדרישער מסירת־נפש פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. פאַר אַ טיראָלער קוה וואָס ברענט אין אַ פאַרשפּאַרטער שטאַל. צי, להבדיל, פאַר אַ מענ־שען... מיט אַ זיסען שוידער, וואָס האָט איהם אַלעמאָל פאַרשיכורט, ווי וויין, און וואָס איז געווען אַ מין געמיש פון סכנת־נפשות און פון רחמנות, האָט ער זיך, אַנשטאָט אַרויסצושפּרינגען גלייך נאָך בעניין, אַ מאָרדעווע געטאָן אויף צוריק, צו חאַצע דעם הינקעדיגען, ביים פאַנאַדערגעלעגטען פאַפּירענעם פלאַקער אויפן פּריפּעטשאָק. חאַצע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין שוואַרצער קוליע צו־

געדריקט מיטן בויך צום אויוועו און מיט די בלויזע הענט ציטערנ־דיג געשאַרט די ברענענדיגע פּאַפּירלעך, אויפהויבנדיג זיי, כּדי זיי זאָלען בעסער ברענען. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ לאָמער מכשף ביי אַ פייערקע און איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיין זאַך, אַז ער האָט גאָרנישט געזעהן, וואָס עס טוט זיך אַרום איהם.

פאַנדרע האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן פון הינטען מיט זיין שוואַרצער קוליע צוזאַמען, אַרויפגעוואָרפען איהם ווי אַ לעבעדיגע טאָרבע אויף דער ברייטער פּלייצע און צוגעשפּרונגען צום אָפענעם פענסטער.

נאָר זעה אַ מעשׂה אַביסעל! אָנשטאָט אָנהאַלטען זיך און לאָזען זיך אַרויסברענגען פון שטוב, האָט איהם גאָר חאַצע גענומען שלאָגען מיט זיין איינאיינציגען פוס און מיטביידע פאַרסאַזשעטע הענט:

— לאָז מיך, לאָז!... וואָס טוסטו? נאָך ניט אַלץ פאַרברענט, לאָז!

פון אַזאַ פאַרצווייפעלטען און צאָרנדיגען רייסען־זיך האָט זיך פאַנדרע דערשראָקען, ווי איינער וואָס ראַטעוועט אַ כּלי מיט נאַפּט און די כּלי צינדט זיך אָן ביי איהם אין די הענט. כאַפּט ער און לאָזט איהם צוריק אַראָפּ פון פּלייצע. פון דער האַסטיגער באַוועגונג אויף צוריק האָט זיך די קאַווילע אַרויסגעגליטשט פון חאַצעס אָרעם. אָבער האַצע קירזשנער, כּדי ניט צו פאַרלירען קיין רגלע, האָט זיך אָפּילו ניט איינגעבויגען אויפצוהויבען זי, נאָר אויף איין פיסעל אָוועקגעשפּרונגען צוריק צום פייערל אויפן פּריפּעטשאָק. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ אינגעל בשעת שפּילען אַ געוויסע שפּיל: „ק... ק... קום אַהער!” אָנגעכאַפּט זיך אָן פּריפּעטשאָק — האָט ער מיט אַ האַסטיגען גרימצאָרן אַרויסגעכאַפּט פון בוזים נאָך אַ הייפעל בלעטלעך און אַריינגעוואָרפען אין פייער, און גענומען שאַרען די ברענענדיגע בלעטלעך מיט ביידע הענט, ווי פון זינען אַראָפּ.

אין דער טיר פון פירהויז האָט מען זיך שוין, ווייזט אויס, דורכגעבראָכען. וואָרים אַצינד האָט מען אַ טראַסק געטאָן מיט אַ שייט האָלץ אין שטוב־טיר, און דעם נייעם פריסטאַווס האַרבער לשון האָט ברומיג אויסגערופען:

— אימענעם זאַקאָנאַ!... (אין נאָמען פון געזעץ!).

נאָר אַזוי ווי קײנער האָט פון שטוב ניט געענטפערט, האָבּן זיך די שײטען־האָלץ צעטראָסקעט ווי אין אַ הילצערנעם פויק אַרײַן. און די שטוב־טיר האָט זיך גענומען שאָקלען אויף איהרע פּעטליעס.

ערשט דאָ האָט זיך חאַצע דער הינקעדיגער אומגעדרעהט און ווידעראַמאָל דערזעהן פֿאַנדרען.

—ביסט נאָך דאָ? — האָט ער זיך צושריען — שלימזל! לויף זאָגט מען דיר!

האַצע האָט ווילד געפּאָכעט מיט אײן פרײער פּאַרסאַזשעטער האַנט און זיין גרילצענדיגער קול האָט אַצינד באַפוילען צו אַנט־לויפען, פּונקט ווי ער האָט מיט עטליכע שעה צוריק, הינטער דער קאַלטער באַד, באַפוילען צו ק ו מ ע ן. ס׳איז געווען דער זעלבער כוח, די זעלבע עקשנות, וואָס לאָזט זיך ניט זאָגען עפּעס אַקעגען.

פֿאַנדרע האָט געפּאָלגט. ער האָט ג ע מ ו ז ט פּאָלגען. אין שטוב איז שוין אויסער איהם און חאַצען קײנער ניט געווען. צווי־שען די הויכע פּאַרשפּיצטע קאָליעס, פון ביידע זייטען אויפגעריי־סענעם פּענסטער, האָבּן נאָך ווייך געטופּעט די פיס פון די אַנט־לאָפענע; און שאָטענס זיינען געשפּרונגען איבער אַ ווייטען צוים, עק גאָרטען. מיט שאַרפען רחמנות האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט אויף דעם קאָליקע ביים פּאָפירענעם פלאָקער, אויף דער טיר וואָס שאָקעלט זיך אויף איהרע פּעטליעס, און מיט אײן שפּרונג איז ער שוין געווען איבערן פּענסטער־שוועל.

דאָס איז געווען אַ וועהטאָגדיגער קוק פון אַ געטרייען מאָט־ראָס, וועלכער ראַטעוועט זיך אויפן לעצטען שיפעל, אויף שטורעמ־דיגע נאַכטיגע וואַסערען, בשעת דער בראַוועד פּאַרוואונדעטער קאַ־פּיטאַן בלייבט איבער איינער אַליין, אויפן זינקענדיגען אַקרענט. די האַלב־אָפּגעריסענע טיר, אין דער פּאַרלאָזענער שטוב מיט די גרינע לאָדען, האָט פּונקט אַזוי אונבּרחמנותדיג געשטורעמט הינ־טער איהם, ווי בייזע וואַסערען אַרום אַ זינקענדיגען אַקרענט.

ער וועט שוין מעהר ניט שיסען!

.1

נח פאַנדרע האָט זיך אָקאָרשט אַרויסגעכאַפּט פון פענסטער, נאָר ער האָט נאָך ניט פאַספּעיעט אָפּצולויפען אַ וועלכע צעהן טריט, ווי הינטער איהם, אין דעם פאַרלאָזענעם הויז מיט די גרינע לאָדען, האָט עס הילכיג אַ בראַזג געטאָן. דורך די דורכגעשטופּטע, אויס־געשטרעקטע לאָדענס, צום גאָרטען־צו, האָט זיך נאָך די דאָזיגע הילכיגקייט פאַרשאַרפט; ווי פון אַ פּוסטען קעלער אַרויסגעשאָסען: „בראַ—אַך!״

ניט אַנדערש, אַז די צוגעקייטעלטע שטוב־טיר איז אויסגעריסען געוואָרען פון איהרע פּעטליעס... און גלייך נאָכדעם האָט אַ גויעשקער האַרטער באַס אַ ברום געטאָן פון אויפגעריסענעם פענסטער אַרויס:

— דערזשי יעהאָ! (האַלט איהם!)

טאָמער ווייניג — האָט נאָך אימיצער שווער אַ שפּרונג געטאָן אין גראָז און גענומען יאָגען־זיך נאָך פאַנדרען מיט טופּענדיגע, אָבער זעהר פלינקע פיס. אַצינד האָט זיך שוין דערזעלבער פאַר־קיהלטער, אָנגעשפּאָלטענער באַס איבערגעחזרט אַ סך נעהנטער:

— דערזשי יעהאָ!

ניט אומקוקענדיג זיך, איז אַצינד פאַנדרע געלאָפען, צווישען די צוויי לאַנגע שורות פון פאַרשפּיצטע צוזאַמענגעצוימטע פלעקע־נער, צום עק גאָרטען. דער גויעשקער קול, וועלכער ברומט אַזוי

עקשנותדיג פון הינטען, איז איהם אויסגעקומען ניט באַקאַנט. שאַרף איז דאָס געהער פון די איינוואוינער אין קליין־שטעטעל. מען דער־קענט דאָ יעדערענס תנועה פונדערווייטענס, ניט נאָר די שטים. אַזאַ הייזעריגען באַס האָט אָבער ניט ליקסיי דער דעסיאַטניק, ניט אַנטאָן דעם פּריסטאַווס משרת אין סטאַן. און לויפען אַזוי גיך קענען זיי אוודאי ניט מיט זייערע פויערשע רגלים. ס'איז אַ גע־לויף פון אַ געניטען יעגער־הונט, און דער „דערזשי" הערט זיך אויך אָן ווי אַ הייזעריגער בילען. ניט אַנדערש, אַז ס'איז איינער פון די איבערגעטאָגענע זשאַנדאַרניקעס, וועלכע זיינען אַראָפּגע־בראַכט געוואָרען צו מאַכען אַבלאַוועס. איינער פון די חברה־לייט, וועלכע זיינען מסתמא מיטגעפאָהרען מיט חבר בעניך, אויפן זעל־בען פאַרעכאַד פון מאָהליוו.

צום אַריבערקלעטערן דעם צוים, עק גאָרטען, בשעת אימיצער יאָגט זיך אַזוי נאָך, איז שוין קיין צייט ניט געבליבען. נח פאַנדרע, מיט זיין גבורה און ריהרעוודיגקייט בשעת אַ געפאַהר, וואָלט דאָס נאָך אפשר יאָ דערוויזען, נאָר, ווי אַלעמאָל, האָט איהם די נאָהענטקייט פון אַזאַ געפאַהר באַנומען ווי אַ פרעהליכע שיכרות. די לעצטע שפורען פון שרעק זיינען אין איהם פאַרשוואונדען. גע־בליבען איז נאָר די זעלבע נעבעלדיגע שטיפערישקייט, ווי דאָ ניט לאַנג, בשעת אָנכאַפּען דעם צווילדעוועטען בוהאַי פאַר די הער־נער, אין מיקיטאַס הויף... עפּעס ווי ניט ער לויפט דאָס דאָ, נאָר אָן אַנדערער, אַ אינגעלשער פאַנדרע, פון די אַמאָליגע יאָהרען אין יאַטקע. און ער, דער אמתער פאַנדרע, דער דערוואַקסענער, דער חתונה־געהאַטער, לויפט נאָר נייגעריג מיט, און קוקט — וואָס דאָ וועט זיין.

און באַלד טאַקע האָט דער אינגעלשער, ניט־דערוואַקסענער פאַנדרע אַרויסגעוואָרפען איינע פון זיינע שטיקלעך: ער האָט אָנ־געפּראַלט, אינמיטען צעלויף, מיט איין פּלייצע אויפן צוים, וועלכער האָט זיך איהם אָקעגענגעשטעלט אין עק קרויט־גאָרטען.

דאָס שטאַרקע געפלעכט פון פלעקענער האָט אַ קרעכץ גע־טאָן. „ווי דער צוים אונטער דעם בוהאַיס הערנער..." איז פאַנדרען

דורכגעלאָפען דורכן קאָפּ. דעם צעטרייסעלטען איינגעבויגענעם צוים האָט פאַנדרע אַ כאַפּ געטאָן מיט צוויי לאַפּעס, ווי אַ רויב־פויגעל מיט די נעגעל אַ כאַפּ געטאָן, און מיטביידע אָרעמס אויפגעריסען, ווי מען רייסט אויף אַ שטיק אַלטען זאַק. די איינגעדאַרטע, פאַרקלעמטע לאָזעס אַרום די פלעקענער זיינען זיך, מיט אַ טרוקענעם קנאַק, צעפלויגען ווי שטרוי. דער הויכער צוים האָט אויפגעפענט אַ מויל; אונטען שמאָל אויבען ברייט, ווי אַ גרויסע אויפגעמאַכטע שער, וועמענס קלינגען עס זיינען אַזוי לאַנג, ווי די קאַליעס פון צוים. דורך אָט דעם צעפענטען „מויל" איז פאַנדרע דורכגעשפּרונגען. און באַלד, ווי אַלעמאָל בשעת אַן אימפּעטיגען גראַנגעל, געכאַפּט זיך, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעהלער. וואָרים דעם זעלבען צוים, וואָס ער האָט דורכגעבראָכען פאַר זיך אַליין, האָט ער דאָך אויפגעפראַלט פאַרן נאָכיאָגענדיגען זשאַנדאַרניק אויך.

דער פועל־יוצא פון דעם דאָזיגען פעהלער איז געווען ניט קיין גוטער. די פּאָר סעקונדען וואָס פאַנדרע האָט פאַרברויכט אויף זיין געפעהליכער שקאָצעריי, האָט דער נאָכיאָגער אויסגענוצט. אַרויסגעשפּרונגען נאָך איהם פון הינטער דעם צוריסענעם צוים, ווי אַ בייזער הונט, און שרייענדיג „סטאָי"! (שטעה) — אַ כאַפּ געטאָן פאַנדרען פאַרן רעקעל פון הינטען. לויט די האָפערדיגקייט פונם „סטאָי" וואָלט מען באמת געקענט מיינען, אַז ער האַלט עפּעס אַ מין פּיסקליאָניק אין ביידע הענט, אַז דער געכאַפּטער וועט שוין גאָר קיין העזה ניט האָבען אַ ריהר צו טאָן זיך...

גראָד דאָס האָט ניט־ווילענדיג אַרויסגערופען אַ שמייכעל אויף פאַנדרעס פאַרשוויצטען פנים, אין דער טונקעלקייט. ניט אויסדרעהענדיג זיך, כדי דער נאָכיאָגער זאָל ניט דערזעהן וועמען ער האָט דאָ געכאַפּט, גיט פאַנדרע אַ קוויטש „אַי־אַי" צום גראַם פון „סטאָי" אַפּנים כדי צו שטיפען נאָך אַביסעלע, אָדער כדי דער כאַפּער זאָל באמת מיינען, אַז ער האַלט דאָ אַ שוואַכינקען, אַ געבראָכענעם נפש און זאָל אַביסעל אָפּלאָזען די לאַפּעס. פאַנדרע האָט בשעת מעשה אַליין ניט געוואוסט צי ער שפּילט דאָ און רייצט זיך, צי ער רעכענט אויס... אפשר ביידע זאַכען צוזאַמען. נאָר פּלוצים טוט ער זיך אַ ריס, מיט אַ כוח, וואָס פאַסט זיך גאָרניט צום גע־

בעכדיגען „אַי־אַי״ און דער געזונטער גוי ציהט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אין טויאיגען גראָז.

2.

אַצינד נוצט שוין פּאַנדרע אויס דאָס באָברען זיך מיט הענט און פיס פון זיין נאָכיאָגער און אַנטלויפט. אָבער דער פאַר־פּאָלגער זיינער שפּרינגט אויך באַלד אויף. „טופּ, טופּ, טופּ״ הערט ווידער פּאַנדרע, אין גראָז הינטער זיך, די געניטע נאָכיאָגעריי. „אוי״ — קלערט ער אַנטלויפענדיג — „דער ערל איז דאָך גאָר פון מיינע מענשען, ער קען דאָך די מלאכה בעסער...״ און דער־פיהלט, אַז די שפּיל קען זיך דאָ ביטער ענדיגען. עס קען ווידער אויסקומען צו שלאָגען זיך מיט פּאָליציי, ווי אַמאָל ביי דער שרפה. און דאָס ווילט זיך איהם זעהר שטאַרק ניט. פאַרדאַפּעלט ער זיינע קרעפטען און לויפט פייל פון בויגען איבער אַ שטיק פעלד, וואָס פוסטעוועט לעבען אַקאַרשט־פאַרלאָזענעם קרויט־גאָרטען, און וועל־כער איז איינגאַנצען באַוואַקסען מיט ווילדע הויכע גראָזען.

אָבער אויך די עקשנות פונם נאָכיאָגער פאַרדאַפּעלט זיך. ווערסט, הייסט דאָס, פון מיינע הענט ניט אַרויס, דו סוקין־סין! נאָר צו שרייען „לאָווי, דערזשיי!״ פאַרפעהלט איהם איצט אָטעם. ער איז צופיל פאַרסאָפּעט און פאַרקייכט. אַנשטאָט דעם לאָזט ער פּלוצלינג אַרויס הינטער פּאַנדרען אַ שאַרפען פייף פון אַ פּאָלי־צייאישער פייפעל מיט אַן „אַרבעסעל״, וואָס צושניידט די נאַכט־שטילקייט — ווי מיט אַ לאַנגען ציטערדיגען מעסער. נאָר אין מאָהיליווער אָסטראָג, בשעת די קאָנוואָיניקעס רופען צוזאַמען די אַרעסטאַנטען פון דער אַרבייט, אָדער ווען זיי האָבען געוואָלט אָנ־בייזערען זיך אויף די אַרעסטאַנטען פונדערווייטענס — האָט פּאַנ־דרע געהערט אַזאַ סאָרט פייפען.

אַ פּאָר פענסטערלעך אין די צעוואָרפענע כאַטקעס, אַרום די גערטנער, כאַפּען זיך אויף, לעבען אָפּ מיט געלבע פייערלעך. טונ־קעלע קעפּ רוקען זיך אַרויס פון די באַלויכטענע פייער־עקעדיגע

לעכער. און פֿאַנדרע דערזעהט, אַז נאָך איין מינוט און ער איז פֿאַרלוירען. ווארים ער לויפֿט דאָך גלייך „אויף מענשען". און אַפֿילו, ווען עס וועט איהם געלינגען צו אַנטלויפֿען, וועט איהם שוין וועד־ניט־איז דערקענען. ווער קען דאָס ניט פֿאַנדרען? כאַ־כאַ, אַקאָרשט געקומען פֿון אָסטראָג און פֿאָליציי יאָגט זיך שוין נאָך איהם ווידער אַמאָל!... און מאָרגען וועט גאַנץ שטאָט וויסען, ווער ס'איז געלאָפֿען אַ פֿאַרסאָפּעטער איבער די גערטנער און ווער ס'האָט זיך נאָכגעיאָגט. פֿאַרן נייעם פּריסטאַוו, וועלכער איז איהם אַ דם־שונא, איז עס גענוג...

האָט ער לויפֿענדיג אַזוי, אויפֿן פּוסטען שטיק ערד צווישען די פֿאַרצוימטע גערטנער, גענומען זוכען אַן אויסוועג, וואָס פֿיהרט ניט צו די הייזקעס מיט די נייגעריגע אַרויסגעשטעקטע קעפּ, נאָר צום פֿרייען פֿעלד אַרויס.

הינטער אַ הויכען צוים, ביי דער זייט, האָט ער פּלוצלינג דערקענט אַ גרויסע פֿעלד־באַרנטע מיט אַ דיקען שטאַם און מיט צוקרימטע, שווערע צווייגען. דאָס איז געווען די זעלבע באַרנטע, צו וועלכער ער פֿלעגט זיך אַמאָל, אַלס חדר־אינגעל, דערקלייבען מיט זיינע חברימלעך, על־פּי־רוב שבת נאָך טשאָלענט, ווען די טאַטעס שלאָפֿען און די גויים אַרבייטען אויף די פֿעלדער און די כּל־נדרי־באַרלעך ווינקען פֿון צווישען די צווייגען מיט זייערע גרינע קעפּלעך אויף די לאַנגע שטאַנגעלעך. אמת, די שענע באַ־רלעך האָבען געהאַט אַ טעם פֿון האָלץ מיט עסיג. פֿונדעסטוועגען. כּדי צו טרייסלען זיי, פֿלעגט מען געהן פּשוט אויף קדוש־השם, שטע־לענדיג אין קאָן אי די שבתדיגע הויזלעך אי ביידע אינגעלשע אויערען...

ער האָט זי דאָ דערקענט, אין דער טונקעלהייט, די גוטע אַלטע באַרנטע, וואָס פֿלעגט אַמאָל איבער זיך לאָזען מאַכען וואָס נאָר די קליינע חברה־לייט האָבען געוואָלט. ער קריגט מוט ווי אַ חדר־אינגעל, נאָך ווען שקצים יאָגען זיך נאָך און ער דערזעהט זיין מאַמען פֿונדערווייטענס. אַ פּלאַן בליצט איהם אויף אין קאָפּ. ניין, אָהן קלעפּ וועט ער זיך שוין ניט אָפּטשעפּען פֿונם פֿאַסקודנעם אי־בערגעטאַנענעם זשאַנדאַרניק! נאָר דאָס מאָל מוז ער שוין מכבד

זיין ווי פון „הינטער אַ פלייצע", מ׳זאָל ניט וויסען וואָס, ווער, וועמען. ס׳איז ניט זיין שטייגער, נאָר מען מוז...

און דאָ צושרייט זיך נאָך דער גוי מיט זיין קייכענדיגען, מיאוסען קול:

— סטאָ—אָי! סטערליאַט בודו! (שטעה!... כ׳וועל שיסען!)

און באַלד טאַקע האָט די שיטערע פינסטערניש איבער פאַנדרען אַ פינטעל געטאָן, ווי מיט אַ גרויסען אויג און מיט לאַנגע האָריגע וויעס, און אַ טרוקען־דונערדיגער און קורצער קנאַל האָט אויפגעשפּאָלטען די נאַכט הינטער איהם. טאַקע אויסגעשאָסען פון הינטען, כדי אָנצושרעקען איהם, אָדער כדי צו דערהרגענען אויפן אָרט.

סאָפּענדיג, ווי אַ פאַרעכאָד אַרויף־וואַסער, גיט זיך פאַנדרע האַסטיג אַ קעהר צום צוים מיט דער באַרגטע און חזרט איבער דעם זעלבען קונץ ווי פריהער. נאָר האַסטיגער און פלינקער און פאַרצווייפעלטער. ער שטיפּט שוין ניט מעהר.

פיהלענדיג אַ קאַלטען שווידער אין ברייטען רוקען צוטרייסעלט ער דעם צוים מיט אַ שטויס פון פלייצע און מיט אַ ריס אויף די הויכע פלעקענער מיט די פאַרקלעמטע איינגעטריקענטע לאַזעס אַרום זיי, ווי אַ שמשון — דעם מויל פון אַ הילצערנעם לייב...

בראָך!... אין דער אויסגעשטערענטער זומער־נאַכט אַריין, און פאַנדרע לויפט דורך דער עפענונג. ער פאַרלויפט הינטער דעם ברייטען אָנגעשפּאָלטענעם שטאָם פון דער באַרגטע און באַהאַלט זיך, ווי אַן אַנטוואָפענטער זעלנער הינטער אַ זייל פון אַ חרובער פעסטונג. ער כאַפּט זיך גלייך אָן פאַר אַ נידעריגען אָפּגעבראָכענעם צווייג מיט דער לינקער לאַפּע זיינער און גרייט אָן די פרייע רעכטע האַנט:

— נו, אַצינד וועט מען דיר שוין דערצעהלען די מעשה...

און כּך־הוה. פאַנדרע האָט נאָך ניט פאַספּעיעט אָפּצואָטעמען זיך פון זיין ווילדען געלאָף, ווי דער איבערגעטאָענער זשאַנדאַרניק איז אויך אָנגעלאָפען דורך דעם צוריסענעם צוים.

צוזאַמענגיסענדיג זיך מיטן בוים אין איין שטיק חושך, האָט

אַצינד פֿאַנדרע, צום ערשטען מאָל פֿון גאַנצען גײעג, געכאַפּט אַ קוק אויפֿן אונבאַקאַנטען בעל־דבר. ער איז געווען בײגעריג אויף דעם, וועלכער האָט איהם מיט אַזאַ עקשנות, כּמעט בלינדערהײט, פֿאַר־פֿאָלגט פֿון דער „הויז מיט־די־גרינע־לאָדען" ביז אַהער. געוואַלד! ווי קען מען נאָכלויפֿען נאָך אַ מענשען, וועלכען מען קען ניט און מען ווייסט ניט, שרײען „סטאָי", פֿײפֿען, שיסען?

בײם שיטערינקען שײן פֿון די שטערען האָט פֿאַנדרע דער־זעהן אַ פּאַרסאָפּעטען הויכען גוי, שטאָטיש אָנגעטאָן, נאָר מיט די הויזען אין לאַנגע שמאָלע כאָליאַווען, מיט אַ שטאָטישען קאַפּע־ליושעל אָנגערוקט איבער די אויגען. אין זײן אויסגעשטרעקטער טונקעלער האַנט האָט עפּעס זילבערדיג אַ גלאַנץ געטאָן. אַפּנים דער פּיסטאָל... פֿאַנדרע האָט דערהערט אַ צורײצטען קײכענדיגען סאַפּען. לויפֿענדיג און וואָרטשענדיג ווי אַ הונט, וועלכען מען שטערט אײנמיטען כאַפּען אַ בײן, האָט דער בעל־דבר געדרעהט מיטן קאָפּ און קאַפּעליושעל. די הויכע האַלז איז געגאַנגען ווי אויף שרויפֿען. געזוכט, ווײזט אויס, אין דער טונקעלהײט, וואו דער אַנטרונענער איז פּלוצלינג פֿאַרשוואונדען געוואָרען פֿון זײנע הינ־טיש־שאַרפֿע אויגען.

3.

נאָר ווײטער לויפֿען איז איהם שוין מעהר ניט אויסגעקומען. וואָרים ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעגלײכט מיט דעם באַרנבוים, אַזוי האָט איהם פֿון הינטער דעם ברײטען שטאַם געטראָפֿען אַ זעץ איבערן גאַנצען לינקען באַק און אויער. מיט דער וואוכט פֿון אַ וואָרף־שטײן האָט דאָס איהם געטראָפֿען און מיט דער אומגע־ריכטקײט פֿון אַן איבערגעוויגטען בעזמען, וועלכער האָט דאַכט זיך אָקאָרשט געהאַלטען אין שטילען גלײכגעוויכט, ווי די שטיל־קײט פֿון דער נאַכט אַלײן. די פּלוצליכקײט איז געווען אַזוי שרעק־ליך, אַז ס'האָט זיך אויסגעדוכט — די אַלטע באַרנטע האָט, דורך אַ כּישוף, באַקומען אַ שווערע חיהשע לאַפּע אָנשטאָט אַן אויסגע־

קרימטען צוויג. ס׳האָט אַ קנאַק געטאָן ווי אַ פייכטע חזירשע ביין
וואָלט זיך איינגעבראָכען. דאָס לויפען אָקעגען אַזאַ מתנת־יד האָט
נאָך דעם מוראדיגען פּאַטש פאַרשטאַרקט. פונ׳ם קלאַפּ אין דער ליינ־
קער באַק האָט זיך נאָך די ר ע כ ט ע אָפּגעשלאָגען אָן דער האַר־
טער קאָרע פון שטאַם. אַ צוטומלעניש איז ווי פון הימעל אַראָפּגע־
פאַלען. דאָס קאַפּעליושעל איז אַוועקגעשפּרונגען, און דעם גאַנצען
פּנים האָט בריה געטאָן אַ ווערהטאָג, ווי אַ פליוך זודיגע וואַסער פון
אַ קאָכיגען קעסעל. אַ מין שווערער קנויל ליים, אָנגעפּיקעוועט
מיט שטיקלעך צובראָכענע ציין, האָט זיך אַ קייקעל געטאָן צום
גאָרגעל. דער בעל־דבר האָט, אָנשטאָט אַ געוואַלד־געשריי, גע־
קענט אַרויסלאָזען נאָר איין דערשטיקטען שפּלדיגען „בע—ע״, ווי
אַ טויט־שיכורער ביים ברעכען. „בע—ע״... און אַ פאַל געטאָן
אויף צוריק. קיין פּיפּס מעהר ניט געטאָן.

דאָס איז דוקא געווען איינער פון פאַנדרעס קלעפּ „מיט
רחמנות״, ס׳הייסט: מיט אַן אָפענער דלאָניע און מיט אויסגע־
שפּרייטע פינגער. וואָרים אויב פאַנדרע וואָלט איהם אַזוי דער־
לאַנגט מיט גאַנצען פאַרקלעמטען קולאַק, וואָלט פון יענעמס פּרצוף־
פּנים קיין שריד ופליט ניט געבליבען. פונדעסטוועגען האָט פאַנדרע
צו זיין שרעק דערפיהלט, אַז זיין „רחמנות״ האָט דאָ קיין סך ניט
געהאָלפען, אַז אונטער זיין פּאַטש איז די חזיריש־האַרטע באַק איינגע־
פאַלען און אַז אַ קלעפּיגע הייסע נאַסקייט האָט איהם באַגאָסען די
גאַנצע דלאָניע. ער טראָגט צו זיין האַנט נאָהענט צו די אויגען,
כּדי צו זעהן וואָס דאָס איז, און דערקענט אין דער טונקעלהייט,
אַז זי איז אינגאַנצען שוואַרץ פון בלוט. מיט אַ געפיהל פון ניט־
גוטקייט כאַפּט ער ווישען די האַנט אין טויאיגען גראָז איין מאָל
און צוויי מאָל און דריי מאָל. די פרישע קיהלקייט פון גראָז באַרו־
היגט איהם אַביסעל. רוקט ער זיך פאַוואָלי׳ע אַרויס פון הינטער
דער באַרנטע און בויגט זיך איין איבער יענעמס פּרצוף. יענער
ליגט אַ פאַרדמטער. איין וואָנצע שטעקט אַרויס העל־געלבלעך,
די צווייטע טוקט זיך אין טינטיג־שוואַרצען בלוט. דער אָנטבלויז־
טער קאָפּ איז פאַרוואָרפען און אין אונגאַטירליך צוקרימטען מויל
מיט איין באַק צוקנייטשט ווי בלעך — בלעזעלט זיך אַ גויאישער

רוף נאָך הילף. „קאַראַאול״ ווייל דער גוי שרייען, נאָר מעהר ווי „קאַראַ־קאַראַ״ פון אַ גרויסען פּראַש, באַקומט זיך ביי איהם ניט אַרויס.

— סטרעליאַט בודיש? (וועסט שיסען?) — מישט איהם פּאַנ־דרע איבער מיטן זעלבען גאַרגעלדיגען כאַרכלען.

נאָר באַלד דערשרעקט ער זיך אַליין, פאַר זיין אכזריות אי־בער אַ געפאַלענעם שונא, און מאַכט פּיס. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געריצט מיט זיינע געשלאָגענע אָנפאַלער. קיינמאָל ניט זינט ער לעבט. נאָר אָט ד ע ר דאָ איז דאָך ערגער פון אַלע שונאים אין דער וועלט! ניט ער קען איהם, ניט ער ווייסט איהם, ניט ער האָט איהם אַ האָר געקרימט. גלאַט נאָכגעלאָפען ווי אַן אָנגערייצ־טער כלב נאָך אַ ווילד־פרעמדען. רעכט געוועזן צו דערשיסען אין דער פינסטער — אַזאַ ראַזבאַיניק! איז נאַ־דיר! ליג!... געדאַרפט אפשר אויפהויבען דעם ערלס קאָפּ און אָנשפּאַרען אָן בוים, ער זאָל זיך אָטכאַיען. נאָר... ווער ווייסט ווער הינטער איהם לויפט נאָך? אפשר נאָך אַ סך זשאַנדאַרניקעס? טו ליג־זשע, אַז דו ליגסט!

פאַזע מיט דער באַרנטע איז פאַנדרע ווידער געלאָפען איבער אַ גאָרטען, אַריבערגעקלעטערט אַ צוים און אַרויס אין פרייען פעלד. ערשט דאָ האָט ער זיך פאַרגונען אָפּצואָטעמען, צוהערען זיך...

שטיל. מען לויפט ניט מעהר. קיינער יאָגט זיך ניט מעהר.

אָבער ווי ער ווישט זיך אַזוי דעם הייסען שוויס און כאַפּט אָטעם — פאַלט איהם איין דאָס האַרץ: פון ביידע זייטען וואַקסען אויס צוויי מענשליכע שאָטענס. ער גיט זיך אַ וואָרף אויף צוריק. אָבער אַ פאַרזיכטיגער קול באַרוהיגט איהם. מ׳פרעגט איהם אויף מאַמע־לשון:

— אַ חבר?

שטויסט זיך פאַנדרע אָן, אַז דאָס מוזען זיין אַנטלאָפענע פון דער „סכאָדקע״, פונקט אַזוי ווי ער, מאַכט ער פאַוואָליע אַ טראָט צו זיי, און זיי — צו איהם. מען קוקט זיך איין איינער אין צווייטען מיט טונקעלען פאַרדאַכט; ביז פאַנדרע דערקענט, אַז דאָס זיינען די צוויי יאַטען, וועלכע זיינען געשטאַנען שמירה, ביים שטוב מיט

גרינע לאַדען, מיט די פּיסטאָלען אין די הענט. זיי האַלטען נאָך די זעלבע פּיסטאָלען גרייט אויך אַצינד.

דאָס געשפּרעך צווישע זיי אינמיטען נאַכטיגען פעלד איז געווען אַ קורצער:

— אַלע אַנטלאָפען? — פרעגען יענע.

— דאַכט זיך... אַלע — קווינקעלט נח פאַנדרע — ניין. חאַצע ניט...

— אײ־אײַ!

— אַז ער האָט ניט געוואָלט אַרויס, דער שלאַק, — פאַרענט־פערט זיך פאַנדרע — כ'האָב איהם שוין געהאַלטען אויפן פּלייצע...

— נו, און ער?

— האָט מיך געשלאָגען כ'זאָל איהם אָפּלאָזען... פּאַפּירלעך אַזעלכענע האָט ער געברענט...

— אײ, אײַ!

— פאַרפאַלען אונזער האַצע!

אַ ווײַלע שווייגט מען. מען קוקט זיך אַרום. נאַכט. פעלד. פײַ־ערלעך פלימלען אין דערווייטענס.

— און ווער האָט דאָס דאָרטען געשאָסען — פרעגט איינער פון די יאַטען.

— איהר האָט געהערט? אַ זשאַנדאַרניק, דאַכט זיך.

— וואו? — שפּיצען זיך יונגען אָן.

— אָט דאָרטען הינטערן צוים, ביי אַ בוים ליגט ער...

די יאַטען מאַכען אַ באַוועגונג צו לויפען. נאָר פאַנדרע באַרו־היגט זיי:

— נישקשה... ער וועט שוין מעהר ניט שיסען, דער חזיר.

אין די נאַכטיגע פאַרגרעסערטע אויגען פון די צוויי יונגען לויפט דורך אַ שוואַרצער פּחד. מען קוקט זיך איבער און מען פאַר־שטעהט. מען איז חושד מעהר ווי ס'איז געשעהן... וואַרים פאַנדרע ווישט זיך איין האַנט מיט אַן אויסגעריסענעם הייפעל גראָז.

— חברים, — באַפעהלט איינער — יעדער אין אַ באַזונדער זייט. ששאַ!

און באַלד צופֿויזען זיך דריי שוואַרצע שאָטענס איבערן טוי־איגען פֿעלד. איינער אַ ברייטער, אַ גרויסער שאָטען און צוויי קלע־נערע. יעדער שאָטען אין אַ באַזונדער זייט.

ביים קינדס וויגעלע

.1

פאַרשעהמט און דערדריקט, ווי אַ נאַסער הונגעריגער צוציק, וועלכער איז געווען אַנטלאָפען פונדערהיים און אַרומגעלאָפען אַ האַלבע נאַכט מיט פרעמדע הינטעלעך, אַזוי האָט זיך פאַנדרע אומגעקעהרט פון דער ניט־געלונגענער סכאָדקע.

באַדעקט מיט שוויס איז ער געווען אינגאַנצען, פונם מוראדיגען אומוועג, וואָס ער האָט געמאַכט איבער פעלדער און גערטנער; צושליסען און צודראַפעט פון קלעטערען איבער צוימען, בשעת אַנטלויפען פון דער אָבלאַווע... און שוין ניט ווייט פון זיין שוויגערס שטוב האָט אויף איהם אַ וועה געטאָן מיט ברענענדיגען ארמעט און מיט גזר־דין.

— סענדערקע...

ווי ביי יעדער קינדיש־רויער נאַטור איז ביי פאַנדרען דער איבערגאַנג פון היציגקייט צו געפאַלענקייט געווען זעהר שטאַרק. און שוין, דערקענענדיג אין דער נאַכט־טונקעלקייט דעם איינגעהויקערטען קוימענדעל אויף זיין שטוב, האָט זיך אין איהם אָפגעלאָזען יענע קראַמפּט פון אויפטו און מסירת־נפש, וואָס חאַצע דער קירזשנער האָט אין איהם אַריינגעטאָן, ווי אַ פּאַטראָן אין אַ ביקס, און געצוואונגען געהן צום ערשטען מאָל אויף אַ געפעהרליכער סכאָדקע אין אַ פרעמדען הויז; ביינערען, הערצען, שפּרינגען דורך פענסטער, קריכען איבער פלעקענער צוימען, פּאַטשען אַ זשאַנדאַרניק...

אַצינד האָט זיך דאָס אַלץ אָפּגערוקט אַן אַ זייט ווי אַ בייזער חלום. דאָס א י י ג ע נ ע הויז איז אויסגעוואַקסען אין איין באַגענדיגען חוב און וועהטאָג, אין איין עגבערדיגען געדאַנק:

— וואָס טוט זיך מיטן קינד? מיט מערען? וועה-וועה!

ער איז דערפאַר צוגעגאַנגען צו דער פירהויז־טיר מיט ניט זי־כערע טריטעלעך. געשטאַנען אַ ווײַלע און מורא־געהאַט אַנצוריהרען די קליאַמקע, ווי אַ פרישע וואונד... פון דער קליאַמקע־לאָך האָט גע־בלאָזען אַ שטוביגע וואַרימקייט אין דער קיהלקייט פון דער נאַכט. נאָר פאַנדרעך, אין זיין געפּאַלענקייט ביי זיך, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז דער אָטעם פון אבלות, דער איינגעהאַלטענער זיפץ פון אַן איינגעדרימעלטער שטוב, וואו איינער איז פאַרמשפּט צום טויט. דאָס שפּיזעל־שיין פון נאַכט־לעמפּעל, דורך די פאַרמאַכטע לאָדענס, נעמט איהם דורך אַזוי שפּאַטיש און מיט שטעכיגען פאַרוואורף:

— מיט נייע חברימלעך אַנגעהוליעט זיך, פון פענסטערלעך געשפּרונגען, מיט זשאַנדאַרניקלעך געלאָפען וועט־געלויף. אַצינד... לעג זיך, פאַנדרעלע! באַקום דיין לוין! סענדערקע געהט אויס...

מיט פאַרקלעמטע ציין, ווי מען באַריהרט אַ האַלב־אָפּגעריי־סענעם נאָגעל, אַזוי האָט ער אַ קוועטש געטאָן די קליאַמקע. די טיר פון פירהויז האָט ער געפונען אַ ניט־צוגעריגעלטע און זי האָט גלייך נאָכגעגעבען. ער האָט נאָך דעם שוועל פון שטוב ניט אַריי־בערגעטראָטען, און סענדעריכע, זיין שוויגער, איז איהם שוין געקו־מען אַקעגען, פון איהר אַלעקערעל. פאַרלייגענדיג די מעשענע טרוקענע און גלאַנצענדיגע הענטלעך אויפן דאַרינקען בויך, האָט זי זיך צושאָקעלט אויף איהם מיט איהר איינגעדאַרט קעפּעלע און מיטן ברוינעם לאַסטיקענעם טשעפּטשיקעל, און קיין וואָרט צו איהם ניט אַרויסגערעדט. דאָס איז אָבער געווען אַ סך ערגער און ביטערער ווי אָוועקלייגען איהם אויף אַ ביינקעל און אָפּשמייסען, ווי זידלען איהם און מוסרן. וואָרים אין סענדעריכעס איינגעקנייטשטע טיפע אויגלעך האָט געברענט יענער צער פון אַ קלוגער באָבען, וועלכע ליידט פאַר איהר קינד און פאַר איהר קינדס־קינד, און וועלכע האָט ניט איבעריג פאַראיבעל אויף איהר איידימעל, וואָס איז סוף־כּל־סוף אַ „פרעמדער“. פרעמד בלוט און פרעמדע משפחה. אָט!... אַוועקגע־

לאָפּען פון שטוב, דער גראָבער־יונג, ווען עס טוען זיך דאָ אַזעלכע זאַכען...

אין צעוואָרפענעם בעט איז מערע געלעגען אַן אָנגעטאָנענע און עפּעס מאָדנע געקרעכצט. ניט מיטן מויל, נאָר מיט די נאָז־לעכער. פאַנדרע האָט גלייך געוואָלט צוגעהן צו איהר. נאָר סענ־דעריכע האָט איהם געמאַכט אַ שטומען צייכען, צולייגענדיג אַ ציטערדיג פינגערעל צום מויל.

אויף פאַנדרעס פינסטערען און פרעגענדיגען קוק האָט זי איהם אַ שעפּטשע געטאָן:

— ס'איז פון שלאָף. לאָז זי!

— און סענדערקע? — האָט פאַנדרע צוריק אַ שושקע געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

אָנשטאָט ענטפערען איהם, האָט סענדעריכע פינסטער אַ קוק געטאָן אויף דעם צוגעדעקטען וויגעלע, אַ קוק — אויף פאַנדרען, און איהר קעפּעלע האָט זיך ווידער צושאָקעלט, ווי אַ ליימענע ליאַלקע אויפן יאַריד. און, שאָקלענדיג אַזוי און איינגעבויגען אין דרייען, האָט זי זיך ווי אַ קראַנקע מורעשקע אַוועקגעשאַרט הינטערן פאַרהאַנגעל, אין איהר אַלקערעל אַריין, צווישען אויוועו און בלינ־דער וואַנט פון שטוב. דאָרטען וואו איהר געלעגערעל שטעהט, וואו איהר טייטש־חומש און קרבן־מנחה שפּאַרען זיך אָן קרום אויף דער פּאָליצקע, און וואו ר' סענדער עליו השלום אַליין האָט זיך געוועזן אַריבערגעקליבען נאָך מערעס חתונה.

2.

אין פאַנדרעס אויערען האָבען נאָך געקלונגען: דאָס פאַרבאָ־טענע געזאַנג אין שטוב מיט די גרינע לאָדען, דער טומעל, דאָס פּייפען און שיסען איבער די פּוסטע פעלדער, דאָס לויפען איבערן פּייכטען גראָז, דאָס קנאַקען פון די צובראָכענע צוימען. דאָס אַלץ האָט זיך געמישט און געברויזט אין אויפגערעגטען קאָפּ. אין דער גע־שפּאַנטקייט פון אבלדיגען שטוב האָט זיך דאָס נאָך שטאַרקער צו־

קלונגען, ווי אויף אַנגעצויגענע סטרונעס... אָט, אָט פּלאַצט ביי איהם אַ קליאַפּקע אין מוח.

פון מידקייט און, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן מיט זיין גרויסען גוף אין דער עלענדקייט פון שטוב, וואו קיינער וויל אַפילו ניט ריידען מיט איהם, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קרעכצענדיגען ביינקעל, ווי אַן אָפּגעשמיסענער; און אַליין גענומען שאָקלען מיטן גרויסען קאָפּ; ניט ווילענדיג נאָכגעמאַכט סענדעריכען, באַדויערענדיג זיך אַליין...

ערשט דאָ האָט ער דערהערט, ווי צו מערעס דערשטיקטע קרעכצען פון שלאָף מישט זיך צו אַ מין טרוקענער טאָן, אַ מין הייזעריג גראַגערען. ער קוקט זיך אַרום: ווער קען דאָס דאָ אַרויסלאָזען פון זיך אַזעלכע שטרויענע קולכער? און שטויסט זיך פּלוצלונג אָן, אַז דאָס טרוקענע גראַגערן געהט אַרויס פון דעם איבערגעדעקטען וויגעלע.

כדי קיינעם ניט אויפוועקען — ציהט ער שטילערהייט אַראָפּ די פּייכטע שטיוועל, וועלכע זיינען דורכגעווייקט מיט טוי פון פעלדער. באָרוויסערהייט דערנעהנטערט ער זיך שטיל צו דעם פאַרדעקטען וויגעלע אין ווינקעל, און הויבט אויף די טוך.

דאָס ליכט פון נאַכט-לעמפּעלע, וואָס ברענט איבער דער גליטשיגער לעזשאַנקע מיט די גרינע אויסגעגלעטע קאַפּליעס, פאַלט אַריין אין אַ פּאָר קינדיש-אויפגעריסענע אויגען מיט לאַנגע וויעס און מיט צוגאָסענע שוואַרצלען, וועלכע גיבען אַפילו קיין ציטער ניט פונם פּלוצליכען שיין. די דאָזיגע בלינד-געוואָרענע און פאַרשטאַרטע אויגען האָט שוין פאַנדרע פריהער געזעהן, פאַרן אַוועקלויפען צו דער סכאָדקע. וואָס עס דערשרעקט איהם אַצינד — דאָס איז דאָס מיילכעל, וועלכער איז אַצינד אויך אָפען ווי אַ שנעבעלע פון אַ האַלב-טויטען פּיסקליאָניק. און פון איין זייט מיילכעל ציהט זיך אַ דינינקע ריטשקעלע מיט פאַרטריקענטער ראָפּע. די בעקלעך ברענען מעהר ניט פון איבעוועניגסטער היץ. זיי זיינען גרינליךבלאָס, פונם בליאָסק וואָס די גרינע קאַפּליעס גיבען צו, צי פון זיך אַליין?... דאָס גאַנצע פּנימל איז איינגעפאַלען, די שלייפען איינגעזונקען, די אָפענע [illegible] — אַריין אין גרינע לעכער. אַ שרעק,

ווי דאָס קינד איז מאָגער געוואָרען פאַר די לעצטע עטליכע שעה, זינט ער האָט דאָס פאַרלאָזען.

אָט פון דעם דאָזיגען אָפענעם מיילכעל, מיט די פאַרשרפעטע ליפען און מיטן אויסגעטריקענטען העלזעל אָהן שפייעכץ, ציהט זיך דאָס טרוקענע גראָגערען, וואָס גראָבעלט אַזוי און קלימפּערט ווי אַן אַרבעסעל איבער שטרוי. ס'איז אַ קול פון אַ קאַליע־געוואָרענעם בלעכערנעם זייגערעל וואָס אַלע האָבען זיך שוין פון איהם אָפּגעזאָגט: דער דאָקטאָר, די באָבע, די מאַמע אַליין... אַ קאַליע־געוואָרענער, וואַלוועלער וואַנט־זייגערל וואָס וויל שלאָגען און קען ניט.

— כר... כר... כר... — כריפעט דאָס נאָך אין סענדערקעס ברוסטעלע. אַמאָל עטליכע כריפקעס נאָכאַנאַנד. אַמאָל איבערגעהיפּט, אָפּגעריסען; און אַמאָל בלייבט עס אינגאַנצען שטעהן. אויס סענ־דערקע! אָבער ווידער הויבט אָן צו כריפען דאָס גוסטדיג מענשעלע־זייגערעל. לאָזט זיך אויף „שלאָגען". און שלאָגען קען עס ניט:

— כרר... כר... כר...

ווי אַ זעלבסט־פייניגער, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אויסצוזופען דעם ביטערען בעכער ביזקעל דעק און מיט קיין ברעם ניט אַ ציטער טאָן, אַזוי איז פאַנדרע געשטאַנען איבערן וויגעלע און אַ גרויסער צער איז אין איהם געווען אויסגעמישט מיט אַ גרויזאַמער נייגעריקייט: זעה, נח, זעה ביזקעל סוף, ווי דאָס קינד מאַטערט זיך און אויפגעזהן אינגאַנצען קען דאָס ניט! זעה ווי צוזאַמענגעפלאָנטערט עס זיינען נשמה און גופעלע. אַזוי פיל פּעדימער דורכגעריסען! אָבער ערגעצוואו האַלט זיך עס נאָך אויף איין קני־פעלע און צאַפּעלט זיך, צאַפּעלט... און די, פאַנדרע, ביסט אַזוי גע־זונט, אַזוי שטאַרק און קענסט ניט העלפען. וואָס פאַר אַ רעכט אָזאַ האָסטו, אַזוי געזונט צו זיין, ווען דיין קינד געהט אויס?...

אַ קנויל פון טרעהרען און רחמנות וואַקסט אין איהם אָן, שטעהענדיג אַזוי, און קייקעלט זיך איהם צו ביזקעל האַלז. אָט־אָט צעוואָיעט ער זיך ווי אַ געשלאָגענער הונט. אָבער וויינען קען ער ניט. עס שטיקט איהם ווי אַ ניט־צוקייטער געזאָלצענער ביסען, ניט אַרויף און ניט אַראָפּ. ערשט איצטער פאַרשטעהט ער, נח, וואָס פאַר אַ גזלנות עס איז געווען פון חאַצע דעם הינקעדיגען אַוועקצוריסען

איהם אין אַזאַ צייט פונדערהיים. שיער־שיער ווידער ניט איבער־געגעבען איהם אין גויעשקע הענט, פונוואַנענט ער האָט זיך ערשט דאָ ניט לאַנג באַפרייט. קיין רחמנות ניטאָ ביי אַזעלכע חברה־לייט. ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד. ווי סאָלדאַטען אויף דער מלחמה ווערען אַלע געטריבען, אויף סכאַדקעס, אויף געפאַהר: „דו מוזט קומען! דו מוזט!"...

דער קנויל אין האַלז הויבט זיך אָן צו שמעלצען. נאָך אַלע אָפּשפּאַנונגען פון היינטיגען אָוועט פיהלט ער, אַז די כּוחות גיבען נאָך. ער וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָלט ער אַרויס מיט אַ געוויין איבער סענדערקעס וויגעלע. נאָר ער דערזעהט מערען אין בעט, איהר פאַרצוויפּעלטען דרימעל, איהר פאַרוואָרפענעם קאָפּ, און האַלט זיך איין מיט אַן אומנאַטירליכער קראַפט. אמת, די מידקייט און צורודערונג פון היינטיגען אָוועט האָבען אין איהם אויסגעזויגען אַלע כּוחות צו געוועלטיגען איבער זיך. אָבער מערע טאָר זיך ניט אויפכאַפּען! זי טאָר ניט.

ער נעמט שטילערהייט אַ ביינקעל, רוקט צו פּאַוואָליע צום אָפּענעם וויגעלע, זעצט זיך און וואַרפט אַריין דעם פּנים איןביידע צושונדענע דלאַניעס. אַזוי זיצט ער פאַרשטיינערט און דאָס שטרוי־ענע גראַגערען פון סענדערקעס אויסגעבערענט העלזעל געהט אי־בער איהם, ווי אַ שטילער שטראָם פון יסורים, ווי אַ וואַליק נאָדלען פון אַ קראַץ־מאַשין איבער זיין קודלאַוועז קאָפּ. יעדער האָר אין קאָפּ טוט וועה פון אָט דעם גראַגערען.

און דאָס מענשעלע־זייגערעל געהט אויס. אַ קאַליע־געוואָ־רענער װעקערעל. די ספּרוזשינע ווערט אַלץ לויזער, שוואַכער. שטעלט זיך אָפּ אַ ווײלע. דערמאָנט זיך, אַז עפּעס כּוח איז נאָך גע־בליבען, מוז מען עס אויסלעבען ביזקעל סוף. אַ טראָפּען זאָל ניט בלייבען פאַר דער וועלט...

— כּרר... כּר!.. און די קינדער־אויגען קוקען פאַרוואונדערט און בלינד אין חלל אַריין: אָט צוליב דעם האָט זיך דאָס געלוינט צו לעבען דאָ, צו זויגען חדשים־לאַנג, כּדי צו שטאַרבען פון אַן איבעריגען לעק קולאַיע... אָט צוליב דעם האָט זיך דאָס געלוינט אַרויסצוגעהן פון איין תּוהו־ובהו, כּדי צו זינקען אינם צווייטען?

סך־הכל איין יאָר געהוידעט זיך אין וויגעלע, צווישען אָט די צוויי ימים פון גאָרנישט... סך־הכל! צולב וואָס? טאַטע, מאַמע, גיט מיר אַן ענטפער! איך האָב מעהר קיין כוח ניט צו פרעגען. איך האָב ניט קיין ווערטער! ראַטעוועט מיך! כר־כר־כר...

3.

וויפיל ער איז אַזוי געזעסען נח פאַנדרע ווייסט ער ניט. איינגעקאָרטשעט אין זיך אַליין איז ער געווען, ווי אַ גרויסער שטעך־חזירל, מיט די נאָדלען אין אייגענעם פלייש אַריין; אַזוי איז ער געזעסען ביים קינדס וויגעלע און די יסורים מקבל־באהבה געווען. פאַר זיינע זינד, פאַר זיינע גרויסע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען צו פאַרלאָזען אין אַזאַ פאַרנאַכט ווייב און קינד... אונטער דעם ניט־רעגעלמעסיגען כאָרכלען פון קינד דרימעלט ער איין. נאָר איינמיטען שיטערן שלאָף דערפיהלט ער, מיט זיין איינגעשלומערטען באַוואוסטזיין, אַז עפּעס פעהלט... עפּעס איז שטעהן געבליבען. עפּעס גראָגערט דאָ ניט מעהר. ער ווייסט, אַז מען דאַרף געהן אויפוועקען די שוויגער הינטערן פאָרהאַנג אין אַלקערעל. נאָר ריהרען זיך פון אָרט קען ער ניט. מיט בליי זיינען ביידע באָרוויסע פיס אָנגעגאָסען, און ביידע דלאָניעס ברעכען זיך אונטער דער שווערקייט פון אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

נאָר פלוצלינג גיט ער זיך אַ כאַפּ פון אַ שניידיגען וואָיען און שפּרינגט אויף, ווי גרויס ער איז, אויף זיינע באָרפיסע פיס.

דאָס האָט זיך מערע אויסגעטשוכעט פון איהר קריינקליכען הינ־טערפלעט, פון איהר אומרוהיגען דרימעל אַזוי ווי עס דרימלען מאַמעס ווען זייערע קינדער זיינען פאַראומגליקט, און פאַרמשפטע צום טויט — פאַר דער תליה. דאָס געפיהל פון אומגליק איז פלוצלינג אַדורכגעדרונגען דורכן דינעם שלייער פון פאַרגעסענקייט, און דער וועהטאָג, וואָס איז וואָך געוואָרען, האָט זי אָנגעכאַפּט, ווי אַן אָנגעגליהטע צוואַנג אויפן פאַלטער־באַנק.

— אָי־אָי־אָי! — צעוואָיעט זי זיך אינמיטען דער נאַכט איבער פאַנדרעס איינגעבויגענעם גוף.

דאָס טרעפֿט פֿאַנדרעז, אין זיין שלומערן ביים וויגעלע, ווי אַ דונערנער שאָס אין נאַקעז, ווי אַן אונבּרחמנותדיגער שאָס פֿון אימיצעז, וואָס יאָגט זיך נאָך איהם נאָך אַ גאַנצענע נאַכט און לאָזט איהם ניט צורוה. פֿריהער — איבער די קרויט־גערטנער, און אַצינד — דאָ... אַ צוקאַליעטשעטען האָט ער איהם דאָך געלאָזען ליגען הינטער דער אַלטער בּאַרנטע אָט דעם „אימיצעז", און יע־נער לעבּט נאָך און שיסט...

— מערע! מערע! — שרייט ער אויפֿציטערנדיג מיט אַלע שטאַרקע אברים זיינע — מערע!

— אַוועק! אַוועק! — וואַרפֿט זיך מערע צוריק מיטן קאָפּ אין קישען. אַ שטיין ביסטו, אַ האַרץ פֿון אַ גזלן...

דער אָנגעדראָלענער קנויל פֿון געוויין און רחמנות פּלאַצט אַצינד אין פֿאַנדרעס האַלז. ווי אַ שאַרף פֿון מעסער אין אַן אָנגע־גאָסענעם פענכער האָט איהם מערעס פֿאָרוואורף געטראָפֿען. ער האָט אויך מעהר ניט צוליב וואָס און צוליב וועמען איינצוהאַלטען זיין וועהטאָג.

—מע־רע,—צעוויינט ער זיך ווי אַ גרויסער אינגעל —נעם, נאָ, קוילע מיך!... קוי־לע! בּו־בּו־בּו...

פֿון אַזאַ וועהטאָגדיגען אויפֿשרייען ביי איר נחן, ביי אָט דעם שטאַרקען יונג, וועלכער שטעהט אַ בּאָרפֿיסער אינמיטען שטוב, דערשרעקט זיך מערע אַ סך מעהר, ווי פֿאַר דאָס ש ט י ל ש וו יי־ ג ע ן אין סענדערקעס וויגעלע. זי איז בּלאַס ווי קרייד. זי דער־קענט אין פֿאַנדרעס „בּו־בּו־בּו" ווי וועה עס טוט איהם. און זי האָט געמיינט, אַז עס אַרט איהם גאָרניט, אַז זיין האַרץ איז פֿאַר־גרעבּט געוואָרען. אַך, וואָס פֿאַר אַ בּאַטרעף האָט איהר אייגענער שמערץ אַקעגען זיינעם! אַ צוטראָטענער וואָרים אַקעגען אַ פֿאַר־וואונדעטען לייבּ. „בּו־בּו" בּרומט דער וועהטאָג אין זיין בּרוסט, ווי אַן אָנגעשטויסענע בּאַגדורע.

זי לויפֿט צו איהם צו, די האָר צופּלאָשעט, די אַרבּעל פֿאַר־וואָרפֿען, און ציטערענדיג מיטן גאַנצען שלאַנקען גוף פֿאַלט זי איהם אַרויף אויפֿן האַלז:

— נח, נח! לאָז מיך ניט אַליין! קיינמאָל ניט, נח, נח!

שטעהענדיג אַזוי אַרומגענומען אינמיטען שטוב יאָמערען זיי ביידע. דער אַנגעשוואָלענער קנויל רחמנות אין נחס פאַרקראַמפּטען האַלז לויפט אָפּ אין טרערען אויף מערעס אַנטבלויזטען אַקסעל. עס ווערט איהם גרינגער. אַ געדאַנק לויפט איהם אויף אין קאָפּ.

— דו הערסט, מערע?—וויינט ער — קיין זכר מעהר פון דער שרפה... אַלץ פאַרברענט. קיין טאַטע, קיין קינד, קיין פערד... ל... ל... הבדיל. אַלץ פונדאַסניי. אַלץ, מערע!...

ער האָט איהר דערמיט געוואָלט זאָגען, אַז ס׳איז דאָס לעצטע קאַפּיטעל פון אַ בייזער ערצעהלונג. דער סוף פון דער שרפה ביי דעם נייעם נגיד. אַצינד — אַ סוף. ער האָט איהר דערמיט געוואָלט טרייסטען, אַז אַצינד וועט מען אָנהויבען לעבען פונדאַסניי. אַלץ פונדאַסניי. און גאָט וועט העלפען, ער מוז זיך אַצינד דערבאַרימען איבער זיי ביידען.

נאָר קיין איבעריגע ווערטער דערצו האָט ער ניט געהאַט.

פון פאַרהאַנגעל, צווישען איוועןן און וואַנט, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קעפּעלע. סענדעריכעס מעשענע קעפּעלע אין טשעפּטשיקעל און געשאָקעלט זיך, געשאָקעלט. וואָס האָט זי דערמיט געמיינט? צי האָט זי שטומערהייט מסכים געווען מיט פאַנדרעס האַלבע ווערטער? אָדער פרום באַדויערט, וואָס מען האַלט זיך גאָר אַרומגענומען, אינמיטען דער נאַכט, ביים וויגעלע פון אַ טויטען־קינד? אפשר טאַקע ביידע זאַכען צוזאַמען.

מ׳איז פֿאַנדרען מנחם־אָבל

.1

„מאָדיע מיטן אמת״

צו־מאָרגען פֿריה האָבען זיך איבער גאַנץ שקלאָוו, צווישען אָזערע און דניעפּער, צעטראָגען ניט־גוטע נייעסען. פֿון מויל צו מויל האָבען זיך די הערענישען איבערגעגעבען, און פֿון אויער צו אויער; מיט אַ שושק און מיט אַ שמונצערן און מיט פֿאַרקוועטשען אַן אויג.

ערשטענס — אַז דער נייער פּריסטאַוו האָט סוף־כּל־סוף געכאַפּט האַצע דעם הינקעדיגען, ביים פֿאַרברענען ניט־כּשרע פּאַפּיר־לעך, און האָט איהם אַרעסטירט. נאָר מורא־האָבענדיג חברה זאָל איהם ניט אָפּשלאָגען מיט געוואַלד, האָט מען איהם אין דער נאַכט אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין מאָהליוו, און די ניט־גוטע שטוב מיט די גרינע לאָדען האָט מען פֿאַרחתמעט.

ווייטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ביי אַ בוים אין פֿעלד האָט מען געפֿונען ליגען אַ זשאַנדאַרניק, מיט אַ צעמזיקטען פּרצוף־פּנים און מיט אויסעהאַקטע ציין, און מ׳האָט איהם אַוועקגעפֿיהרט אין שפּיטאָל. ליגט ער דאָרטען, דער חזיר, אין היץ און ווייסט ניט אויף וואָסער וועלט ער איז. אַפּילו ווער ס׳האָט איהם מכבד געווען ווייסט ער אויך ניט...

האָבען באַלעבאַטים אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, ביי דער

אַזוינע, און באַלעבאַטים אין צייטלינס בית־מדרש, ביים דניעפּער, גאַר אַנגעקוואָלען: נאַ, מ׳האָט זיך גענומען פאַר „די דאָזיגע״ — ווערט דאָס אָנגערופן!... ניטאָ קיין מכּה אָהן אַ רפואה. דער נייער פּריסטאַוו איז אַפילו אַ צורר־היהודים, נאָר אפשר וועט זיך איהם איינגעבן צו מאַכן אַ טאָלק מיט דער שענער חברהצקע, וואָס ס׳האָט זיך דאָ פאַרפיהרט. דער הינקעדיגער „ציציליסט״ ליגט שוין אַלעמען אין די ביינער. אומעטום האָט ער אַ האַנט און קיינער האָט איהם קיינמאָל ניט געקענט דערטאַפּען. געכאַפּט אַזאַ העכט — וועט דער פּריסטאַוו אפשר ווייכער ווערן צו שטאָט, וואָס שטעלט זיך ניט און קלערט ניט צו שטעלן זיך אַקעגען קיסר ירום־הודו.

און נאָך אַ נייעס האָט מען זיך אינם זעלבן אינדערפריה דערוואוסט, ניט אַזאַ גרויסע און ניט אַזאַ וויכטיגע, נאָר פון וואָס צו ריידען איז געווען. דערוואוסט האָט מען זיך, אַז ביי פאַנדרען, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען פון אָסטראָג, האָט זיך, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אָוועקגעפּאַקט זיין יאָהריג קינד און אָט ווי אַזוי ס׳איז געשעהן: פון גרויס שמחה, וואָס דער מפרנס איז צוריק אַהיימגעקומען, האָבען די באַלעגאָלטשיקעס אָנגעקאָכט „זיבעצען״ טעפּ מיט קולאַיע. אַליין איבערגעגעסען זיך און דאָס קינד איבערגעשטאָפּט. נו־נו!

— אָט דאָס זיינען קבצנים! — האָט מען ביים נייעם־נגיד געשמועסט. מיט אַ געלען שמייכעלע פון אידעלע מענשען מיט שוואַכע געדערים האָט מען געשמועסט. מענשען וואָס האָבען אין לעבען אויסגעגעבען אויף רפואות אַ מטמון מיט געלט, און זיינען דערפאַר זעהר באַהאַוועט אין אַלע ענינים פון קאַליע מאַכען זיך דעם מאָגען.

— זיי אַליין, די קבצנים, האָבען אַ קישקע אָהן אַ דעק, מיינען זיי, אַז פיצלעך קינדער — אויך...

ביי פאַנדרען אין הייזקע האָט מען אָבער פון אָט די אַלע באַשולדיגונגען און באַריידערייען ניט געוואוסט. דער סוף־זומערטאָג איז, אין די קליינע פענסטערלעך, אויפגעגאַנגען אַ ליכטיג־טרויעריגער. עפּעס פאַרשטויבט האָט ער געלויכטען, ווי אַ לאַנג ניט־געברויכטער שפּיגעל. שפּינוועבסען זיינען געשוואומען אין דער

לופט, ווי פעדימער פון אַ צופליקטען זיידענעם טלית. און באַ־
האַנגען מיט אַזעלכע פעדימער איז פון חברה־לויה געקומען מלך־
„מעבר־יבק״. דער זעלבער מלך, וועלכער פעקעלט אַריבער אַלע
פאַרבייאַיגע אויף יענער וועלט, אַפּוואַרטענדיג ביי טויט־קראַנקע
דעם לעצטען אָטעם מיט אַ פעדערעל אין האַנט. דיק און שוואַרץ
און האָריג און געגרייזעלט האָט ער זיך אַריינגעקויקעלט אין סענ־
דערס הייזקע, מיט אַ שוואַרצער אויסגעבעטער קערבעלע אונטערן
פאַכווע. און באַלד האָט אין שטוב אַ ווען געטאָן מיט „לויה״ און
מיט „בית־עלמין״; און ס׳האָט אויסגעבראָכען אַ ווייבערשער יאָ־
מער. אָבער מלך איז דערפון ווייניג וואָס נתפעל געוואָרען. ווי אַ גע־
ניטער מעבר־יבק־מייסטער האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט זיינע ביס־
טרע אויגעלעך אונטער די מאָכיגע ברעמען. און דאָס בעריש־כיטרע
פּייערעל אין זיי האָט, דאַכט זיך, אונטערגעוואונקען צו די אבלים
אין שטוב: „נו, וואָס הערט זיך עפּעס?... כ׳האָב דאָך אייך געוואָ־
רענט, אַז סוף־כל־סוף וועט איהר צו מיר אַלע מוזען אָנקומען...״

רייסט מלך־מעבר־יבק אויף מיט כוח די דראָטענע שוואַרצע
און סיווע גרייזעלעך פון באָרד און וואָנסעס, וועלכע זיינען ביי איהם
אַלעמאָל צוזאַמענגעריגעלט. צערויטלען זיך אינם דאָזיגען גע־
פלעכט אַ פּאָר פליישיגע לעפצען, און אַ קול פון אַ נקבה — מלכס
קולכעל, צעקוואַקטשעט זיך:

— נו... וואו איז דאָס דאָרטען?

סענדעריכע, פאַנדרעס שוויגער, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט
ביידע מעשענע הענטלעך, און פונדעסטוועגען — צוגעלאָפען, ווי
אַ וועוויערקע, און אָנגעוויזען ר׳ מלך׳ן אויף דעם איבערגעדעקטען
וויגעלע.

מערע אַליין איז געלעגען איינגענורעט אין קישען און גע־
וויינט. נאָר בשעת מלך־מעבר־יבק האָט, שאָקלענדיג מיט זיינע ווייִ־
בערשע ליטקעס, גענומען אַרויסטראָגען דאָס גרין־געוואָרענע
גופעלע, אינם שוואַרצען לויה־קערבעלע, האָט מערע ווילד אַ קוויטש
געטאָן, פונקט ווי מען וואָלט איהר גראָב אַ ריס געטאָן אַן אָנגעווייִ־
טאָגטען צאָהן. זי האָט אַפילו גענומען לויפען נאָך מלך׳ן, פונקט ווי
יענער וואָלט זי געשלעפּט פאַר אַ קראַנקען ניט־איבערגעשניטע־

נעם אָדער. אָבער, ניט־דערלויפענדיק צום ט״ר, איז זי געפאַלען און געחלשט אויף פּ אַ נ ד ר ע ס אויסגעשטרעקטען אָרעם.

פאַרנאַכטליך, בשעת די אָנגעצונדענע נשמה־ליכט נאָך סעג־דערקען האָט מיט אַ כּשרער טרויעריגקייט געברענט, און פּאַנדרע, אין בלויזע זאָקען אויף אַ נידעריגען פוס־בייַנקעלע, איז געבליבען זיצען שבעה איינער אַליין, האָט זיך אין שטוב אַריינגעכאַפּט אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסען קאָפּ. פּאַנדרע איז געווען געשפּאַנט פון אַלע איבערלעבונגען, זינט עטליכע טעג. האָט ער פון די שטילע אומגעריכטע טריט אַ שוידער געטאָן. נאָר אַז ער האָט זיך איינגע־געקוקט האָט ער דערזעהן, אַז ס׳איז מאַדיע, „מאַדיע מיטן אמת״, וועלכען ער האָט נעכטען געזעהן אויף דער סכאָדקע. און איהם האָט זיך געדוכט, אַז מאַדיע האָט ער־געצוואו הינטער אַ שטוב־ווענגעל אָפּגעוואַרט, געטשיקעוועט, ווען פּאַנדרע וועט אַ ווילע בלייבען איינער אַליין. וואָרים ווי נאָר ער איז אַריין האָט ער זיך גענומען אַרומקוקען, און ווי אַ פאַרשווערער שטיל און געהיימניספול אַ פרעג געטאָן:

— קיינער ניטאָ?

— מערע וועט באַלד אַריין. — ענטפערט פּאַנדרע.

— נאַ, — שאָקעלט מאַדיע מיט זיין גרויסען קאָפּ — גוט־נאָוועגט״ וועל איך דיר ניט זאָגען. ביסט דאָך אַן אָבל. נאָר דעם אמת מוז איך דיר זאָגען. אַלע חברים ריידען פון דיר. זיי זאָגען, אַז דו ביסט דער איינציגער וואָס האָט נעכטען עפּעס אויפגעטאָן... וואָרים די שומרים אונזערע מיט די פּיסטאָלען האָבען דאָך געמאַכט פליטה. האָבען קיינעם ניט געדעקט און די ערשטע געשפּרונגען פון פענסטער...

— הם... — הוסט פּאַנדרע אָפּ פאַרלעגען, מייַנענדיג אַז מאַ־דיע מיינט דעם צעפּאַטשטען זשאַנדאַרניק. — מ׳דאַרף דערפון ניט ריידען...

— הוסט ניט, — שטעלט איהם אָפּ מאַדיע, — דעם אמת מוז איך דיר זאָגען. אַלע זיינען אויסער זיך וואָס דו האָסט געהאַט אַזאַ גבורה צו לאָזען אַ פאַרבייאיג קינד און קומען צוגעהן. ביסט אַפילו שיער אַליין ניט אַריינגעפאַלען. איבער האַצען, מיט איהם צוזאַמען...

— אַז ער האָט זיך ניט געלאָזען! — פאַרענטפערט זיך פאַנדרע און ווערט רויט. איהם דוכט זיך, אַז ער איז דאָ נאָך עפּעס שולדיג. ער וואָלט זיך ניט געווען דערשראָקען פאַר חאַצעס וואַר־פען־זיך — וואָלט ער איהם פאַרט אַרויסגעראַטעוועט.

— ער האָט געמוזט בלייבען. — באַרוהיגט איהם מאַ־דיע. — ניט אַזוי די געדרוקטע בלעטלעך, וואָס חבר בעני האָט געבראַכט פון מאָהליוו, ווי די רשימה פון אַלע שקלאָווער און קאַ־פוסטער חברים. געווען געשריבען מיט טינט...

— מיין נאָמען אויך? — בלייבען פאַנדרעס אויגען שטעהן.

ערשט אַצינד באַגרייפט ער פאַרוואָס חאַצע האָט זיך אַזוי גע־וואָרפען, אַזוי געזידעלט זיך, העגגענדיג ביי איהם, מיט זיין קורצען פיסעל, אויף איין פלייצע.

— מס—תמא!... — טראַכט מאַדיע אויפן קול — נאָר האָב קיין צער ניט! דערפון איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען. מ'וואָלט דאָס פאַפּירעל געפונען ביי איהם, וואָלטען מירביידע דאָ ניט גע־זעסען, נאָר גאָר אין אַן אַנדער אָרט... — וואו חאַצע איז ווייסטו דאָך מסתמא?...

— יאָ, די שוויגער האָט דערצעהלט.

— ער ליגט אין פּעקעל. ער איז שוין אין מאָהליוו. ער וואָלט בעסער געזעסען דאָ אין סטאַן!.. אָט! מיט די צוויי דעסיאַטניקעס וואָל־טען מיר זיך שוין ספּראַוועט, האָסט שוין געהערט? — לאָזט פלוצלינג מאַדיע אַראָפּ דעם קול — איינעם פון די איבערגעטאָנענע מאָהלי־ווער זשאַנדאַרניקלעך האָט מען געפונען אַ געניזוקטען. מען רעדט, אַז אין דער פינסטער, שיכּורערהייט אפשר, איז ער אָנגעלאָפען אויף אַ בוים. געה ווייס אַ טאָלק!

— אָ! מאַכט פאַנדרע קורץ און קוקט אַוועק.

— נו, איך מוז געהן. — ווערט מאַדיע אומרוהיג — נאָר דעם אמת מוז איך זאָגען: אַזוי גלאַט וועט די נעכטיגע אַבלאַווע ניט אָפּלויפען.

שוין אַרויסגעהענדיג, לויפט מאַדיע צוריק צו פאַנדרעס בייג־קעלע:

— דעם אמת מוז איך דיר זאָגען, נח! ווייסט וואָס האַצע האָט פון דיר געזאָגט?

— האַצע? ווען האָט ער דאָס פּאַספּעיעט זאָגען?

— נאָך איידער דו ביסט געקומען צו אונז. אַ רויע טייג, זאָגט ער, איז אָט דער פּאַנדרע. לעגט נאָר אין איהם אַריין היוזען, וועט איהר האָבען ברויט. נו, קיין „גוטע נאַכט" וועל איך דיר ניט זאָגען.

2.

זאַוועל שמייסער

נאָך דער אבלדיגער וועטשערע — אַ געקעכץ פון מאָגערע לינזען — איז געקומען זאַוועל, קושקעס געוועזענער שמייסער. ער איז ברייטליך אַנגעקומען מיט זיינע פּאַרלאַטעטע שטיוועל און מיטן צובראָכענעם דאַשיק איבער די פייערדיגע, ממזרישע אויגען. און ווי אַן עכטער עם־הארץ אַ מרוקע געטאָן:

— גוט־נאָוונט, נח! — וואָס מאַכסטו?

דערמאָנט איהם סענדעריכע פון דער גרינער לעזשאַנקע מיט די אויסגעגלעטע קאַכליעס:

— אַן אָבל זאָגט מען ניט „גוט־נאָוענט"

צעמישט זיך זיוועל שמייסער פון אַזאַ שטרייגען מוסר־קולכעל. און פון צעמישטקייט גיט ער זיך ברייטליך אַ זעץ אויף אַ ביינקעל אַקעגען פּאַנדרעס שבעה־ביינקעלע.

— וואָס זאָגסטו, — גיט ער אַ פאָהר אַריין אין אַן איידעלען און פּאַסיגען שמועס — וואָס דו זאָגסט, נח, וואָס קולאַיע קען אָנ־מאַכען!...

— ששש! — זידט סענדעריכע פון לעזשאַנקע און ווינקט צו איהם מיט איין מעשענעם פינגערעל. אַ דייטליכער צייכען איז דאָס, אַז מ'רעדט ניט פון אַ שטריק אין אַ שטוב פון אַ געהאַנגענעם.

העז, אַ מעשה אַביסעל! די אַלטע סענדעריכע, אָט דאָס טרו־קענע מייזעל, לאָזט דאָך גאָר אַ קאָפּ ניט אויפהויבען, אַ וואָרט ניט

אַרויסריידען, ווי די נייע בגידיתטע קרימט זי זיך. ער, זאַוועל, וויל דאָך נאָר אַריינלאָזען זיך אין אַ גוט־ברודערישען שמועס, מנחם־אָבל זיין. נאָר וואו ער גיט דאָ אַ געה, דאָרטען טרעט ער אַריין אין דיעגאַכץ.

דאָס צורייצט איהם זיין באַלעגאָלישען האָנאָר. ער פאַרלירט דעם קאָפּ. דער באַלעגאָלישער מויל צעלאָזט זיך און ער לויפט אַריין ראַפּטום, ווי אַ בלינדער פערד אין קאַנאַווע.

— איך מיין ניט סענדערקען, — בורטשעט ער צו סענדעריי־כען אויף דער לעזשאַנקע — איך מיין קושקען מיין איך. אָט וואָס איך מיין מיט דער קולאַיע... איז הער! — גיט ער זיך אַ דרעה אויפן ביינקעל צו פאַנדרען — הער, ברודער נח, ס׳איז אפשר ניט די רעכטע צייט... כ׳בין אַ פּראָסטער חי־וקים בין איך. ביי אַזעלכע זאַכען פּראַוועט מען ניט קיין חסידישע שטיק...

— וואָס שוין ווייטער? — שפּיצט זיך מערע אָן. זי לאָזט אָבער אַראָפּ איהרע פאַרוויינטע אויגען. אַלעמאָל ווען מען רעדט פון קושקען פיהלט זי זיך ניט גוט.

ניט ווענדענדיג דעם קאָפּ צו מערען פינסטערט זאַוועל אָן די ברעמען און רעדט צו פאַנדרען אַזוי:

— זאָלסט זיך היטען, זאָג איך, פאַר קושקען זאָלסטו...

רופט זיך אָפּ סענדעריכע פון לעזשאַנקע, מיט אַ גרין שמיי־כעלע:

— ווייסט וואָס, זאַוועל? לאָז דאָס אפשר גאָר אויף אָן אַנ־דערש מאָל!

— ניין, — גיסט זיך זאַוועלס פנים אָן מיט בלוט — ניט אויף אַן אַנדערש מאָל. אָט טאַקע היינט זאָל דאָס נח וויסען. זינט דו האָסט געמאַכט קולאַיע, — גיט ער זיך ווידער אַ ווענד צו נחן — זינט דער קולאַיע, אויף וועלכער דו האָסט איהם ניט פאַר־בעטען, ברענט ער און בראָט, קושקע. טראָגט זיך אַרום מיט אַ מעסער אין כאַליאַווע. שיכורט און סטראַשעט...

דערהערט אַזעלכע קלאָרע דבורים, פלאַטערט שוין מערע אויף, אונטער איהר שטוב־פאַטשיילע, אין וועלכער זי טוליעט זיך און שוידערט אין איהר טרויער. ווי אַ קוואָקוכע, ווען מען גיט אַ טשעפּע איהר לעצטע פּיסקליאַטע, שוידערט זי אויף. זי גלאָצט

אויס איהרע פאַרוויינטע, קאַרע אויגען. זי פאַרגעסט אַפּילו אַ רגע אויף איהר אומגליק.

— זעהסט? — מאַכט זי — נח, כ׳האָב דיר פריהער געזאָגט!

פאַנדרע שווייגט פינסטער. נאַר, דערזעהענדיג די אַנגסטען אין מערעס אויגען, דערשטיקט ער אין זיך דאָס ניט־גוטע געפיהל, וואָס קושקעס נאָמען רופט ביי איהם אַרויס, זינט ער האָט זיך דער־וואוסט ווי אַזוי קושקע איז געקראָכען צו זיין ווייב —:

— נו־נו, מערע!

און צו זאָוולען גיט ער זיך אַ קעהר און — אַ הויב מיט איין פּלייצע:

— מיר ליגען איצטער אַנדערע דאגות אין קאָפּ.

שטעלט זיך זאָוועל אויף, ווי גאָר אַ געטרייער באַשיצער, וואָס קיין זאַך שטערט איהם ניט אַרויסצווייזען זיין געטריישאַפט. מעג זיין דאגות, מעג זיין שבעה־זיצען:

— און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: היט זיך פאַר קושקע בראַנד! דו זיצט דאָ אויף אַ ביינקעלע און ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך. אין צעך ווייסען אַלע. זינט די קולאַיע — שיכורט ער און באַריהמט זיך, אַז ער וועט ניט וואַרטען וועט ער...

— אויף וואָס ניט וואַרטען?—פרעגט מערע איבער מיט צו־שראָקענע אויגען.

— ער וועט ניט וואַרטען ביז נח וועט איהם קומען, זאָגט ער, שלאָגען זאָגט ער. איידער וואָס ווען — מיטן מעסער צווישען די ריפּען! פאַר אַן אַסטראָזשניק, זאָגט ער, צאָהלט מען נאָר דריי רו־בעל שטראָף...

— אַ קבצן טאָר קיין הנאה ניט האָבען! — צעווויינט זיך פלוצלינג מערע — אין אַ פינסטערער שעה האָט זיך מיר פאַר־גלוסט קולאַיע. טאָמער ווייניג מיין סענדערקע איז, איז, איז...

— מערע! — שרייט אויף איהר פאַנדרע און מיט געבעט.

נחס וואָרימער קול שטאַרקט זי אַביסעל. ווישט זי אויס ביי־דע אויגען מיטן ברעג פאַטשיילע:

— אפשר האָט מען גאָר געדאַרפט זאָגען דעם פּריסטאַוו?

— איך — דעם פּריסטאַוו? — שטעלט זיך פאַנדרע אויף —

איך — איהם זאָגען? — אַ האָס ברענט אין זיינע גרויע אויגען ביים אָפּשיין פון סענדערקעס נשמה־ליכט. — צו אַט דעם גוי וועל איך זיך געהן קלאָגען? משוגע ביסטו, מערע!

— אַט, — גיט ער זיך אַ ווענד צי זאָוולען אַביסעל שטילער און זעצט זיך צוריק אויפן ביינקעלע — לאָז מיך נאָר אָפּזיצען שבעה! כ'וועל זיך שוין מיט איהם אַליין ספּראַווען...

—ווען דו געהסט אַרויס,—וואָרענט איהם זאָוועל—טאָ קוק זיך אַרום! כ'האָב איהם שוין נעכטען געזעהן הינטער אייער סוכּה...

— הינטער אונזער סוכּה? — מאַכט מערע גרויסע אויגען.

די סוכּה דעמאָנט איהר אַן אַנדער נאַכט און אַן אַנדער אַנגסט, ווען קושקע בראַנד האָט אַנגעקלאַפּט צו איהר אין לאָדען און הינ־טער דער סוכּה האָט זיך באַהאַלטען דער יעצטיגער באַשיצער—זאָ־וועל שמייסער, קושקעס דאַמאָלסטיגער באַהעלפער... די דאָזיגע פאַרוואַנדלונג דערשרעקט זי אַצינד ווי אַן אָפּשפּיגלען פון אַ פאַר־געסענעם בייזען חלום. זי ווייסט שוין אַליין ניט וועמען צו גלויבען און וועמען ניט. זי ווייסט נאָר, אַז מ'איז שטענדיג אַרומגערינגעלט מיט בייזוויליגע גראָבע־יונגען, שרייט זי צום מאַן:

— נח, נח, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? נויטיג געדאַרפט! געקענט שלום־מאַכען... איבער אַ לעפעל קולאַיע... נח!...

פאַנדרע קוקט זי דורכדרינגענדיג אָן. און מערע לאָזט אַראָפּ די אויגען און פאַרוויקעלט זיך שטאַרקער אין איהר וואַליגער שטוב־פאַטשיילע. זי פאַרשטעהט וואָס דער האַרטער קוקט מיינט: נאָכ־דעם ווי קושקע איז צו דיר געקראָכען—זאָל איך קריכען צו איהם? פאַרבעטען איהם צו מיין טיש? פאַר וועמען האַלטסטו דיין פאַנדרען, דו, אידענע איינע!

3.

יאָשקע דער שערער

צו מאָרגען, נאָכן אָפּדאַוונען שחרית אין ליובאַוויטשער

בית־מדרש, נאָך פאַרן אָנבייסען, איז אין סענדערס אָרימער הייז־קע אַראָפּגעקומען אַ גאַר־אומגעריכטער מנחם־אַבלניק: יאָשקע דער שערער.

ווי אַלעמאָל איז יאָשקע געווען אַרומגעשווירען, די באָרד פיר־קאַנטיג און פלאַך, ווי אַ נייע לאָפּעטע. און אינגאַנצען אויסגעפּוצט, ווי אַ דאַמסקער שניידער, וואָס קומט אָקאָרשט פון פאָטאָגראַפירען זיך.

דערזעהן זיינע בוימעלדיגע אויגלעך, אונטער די אויסגע־קראַכענע וויעס, האָט פאַנדרען אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצען. דער צובלוטיגטער זשאַנדאַרניק האָט זיך איהם דערמאָנט הינטערן באַרנבוים אין פינסטערען פעלד... און אָט דער דאָ האָט זיך דאָך, זאָגט מען, שטענדיג געריבען אַרום שקלאָווער נאַטשאַלסטוואָ.

מאַכט יאָשקע דער שערער אַן אָנשטעל, אַז ער זעהט גאָר ניט נחס פאַרוואונדערטע אויגען מיטן פאַרטאַיעטען חשד אין דער טיף פון די שוואַרצאַפּלען. זיין אויסגעפּאַשעטער פּנים לויכט איהם פון דער פירעקיגער באָרד אַרויס ווי פון אַ האַריגער ראַם. שטעהט ער אַזוי אינמיטען שטוב, קוקט זיך אַרום. און די כיטרע אויגלעך אונטער די אויסגעקראַכענע וויעס שווימען אין טרייסט און פריינטשאַפט.

— איך זעה, — הויבט ער אָן געלאַסען, — אַז דו וואונ־דערסט זיך גאָר וואָס מ׳קומט צו דיר מנחם־אָבל זיין. וואָס איז די מעשה? פאַרגינסט אפשר ניט אַ מצוה? אַ קינד! דאָס ערשטע קינד. אַך—יאָ—יאָ!... און דאָ, עטליכע טריט פון ליובאָוויטשער בית־מדרש, נאָכן צווייטען מנין... קלער איך: לאָמיך אַריינגעהן. שכנים זיינען מיר אַפילו ווייטע. נאָר פונדעסטוועגען... נו, באַשערט איז באַשערט. נאָר מ׳קען ניט זאָגען... אַ שענעם צוריקקומען פון אָסט־ראָג האָסטו ניט געהאַט. גאָט זאָל שוין טאָקע שומר ומציל זיין!

פאַנדרען דוכט זיך, אַז יאָשקעס מויל רעדט און קלערען קלערט ער פון עפּעס אַנדערש. פונדעסטוועגען ווערט ער ביי זיך אַביסעל רוהיגער. אפשר האָט זיך איהם, פריהער אַביסעל, אויס־געדוכט, ווייל חאַצע קירזשנער האָט אַזוי שלעכט גערעדט פון אָט דעם יאָשקען.

— זעצט זיך! — מאַכט ער צום שערער — וואָס שטעהט איהר?

לאָזט זיך יאָשקע ניט בעטען. נעמט בנעימותדיג אַ שטוהל און זעצט זיך אַקעגען פֿאַנדרעס ביינקעלע. גיט זיך אַ גלעט די אַרומגעשוירענע לאָפּעטע זיינע און זאָגט אַזוי צו זאָגען:

— אַ האַרץ אויף דיר האָב איך יאָ געטראָגען. אַצינד מאָג מען דיר ברוך־השם זאָגען. דו געהסט אַרויס פון גויעשקע העגט, קומסט גאָר ניט אַריין אָפּשערען זיך. ניטאָ יאָשע. געשטאָרבען יאָשע. לויפּסטו גאָר שערען זיך אין מאַרק, שדים וויסען צו וועמען. מיך אַרט דען דער פּיאָטאַק? נאָר גלאַט אַזוי. מען פרעגט, מען דער־צעהלט. אָנדערטהאַלבען יאָהר ניט געזעהן זיך... ניט שען! דיין שווער, עליו השלום, האָט פון מיר דוקא יאָ געהאַלטען...

— ס'האָט זיך עפּעס ניט געמאַכט! — זאָגט פֿאַנדרע פאַר־לעגען.

— מיר קענסטו דאָך זאָגען ווי אַן אייגענעם מענשען! — רוקט יאָשקע צו זיין ביינקעלע נעהנטער — זאָג שוין דעם אמת, מ'האָט דיך אודאי געוואָרענט האָט מען דיך, אַז איך האַלט ניט פון היינ־טיגע אידישע בחורים מיט זייער איינשטעלען זיך פאַרן גויעשען פּוי־ער, אָדער פאַר די פאַרסמאָדרעטע באַלמעלאָכעס פון קאַכעלניע. ווי? איז מילא חאַצע דער הינקעדיגער איז ברוגז, מסתמא ווייסט ער פאַרוואָס. נאַ זלאָדזי שאַפּקאַ האַריטש *)... אָבער דו, ר' סענדערס, עליו השלום, אַן איידים. אויף סכאָדקעס געהסטו ניט און מיט אַזעלכע נפשות ווי חאַצע דער קירזשנער חברסטו זיך ניט, ווי קומסטו צו דערווייטערען זיך אַזוי פון מיר?...

פֿאַנדרע קוקט ווידער אָן דעם „אייגענעם מענשען" מיטן פריהערדיגען פאַרוואונדערטען קוק. איהם דוכט זיך עפּעס, אַז „סכאָדקעס" און „חברן זיך מיט חאַצען" האָט דער „אייגענער מענש" באַזונדערס אַ קוועטש־געטאָן.

נאָר יאָשקעס קוקערלעך זיינען אַזוי עניוותדיג אַראָפּגעלאָזט אונטער די אויסגעקראָכענע אויגען־פאַרטעכלעך. ווי פון אַ שפּעל־

*) אויפן גנב ברענט דאָס היטעל.

טעלע שפּאַרט זיך נאָר אַרויס אַ פאַרשוואומענער קוק פון אַ יאַשצורקע. און פון מויל, מיט די שצאָגעלסקע אונטערגעשוירענע וואָנסעס, טריפען זיסע ווערטער פון אַן אמתן אייגענעם מענש:

—זעהסטו... ס׳איז דאָך טאַקע אַ סך גלייכער וואָס דו האָסט זיך מיט חאַצען נ י ט געחברט. אַט אייערנעכטען בייגאַכט האָט מען דעם בעל־דבר געכאַפּט ביי זיינע מעשים־טובים. אין בעקעל וועט מען איהם דערפאַר נ י ט אַ גלעט טאָן... און צווישען אונז ריידענדיג: מ׳האָט דאָך פון דעם הינקענדיגען שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. פרעג ביים זשאָמע דעם סקאָרניאַק! ווער האָט אויף איהם אָנגערייצט אַלע זיינע באַלמעלאָכעס?—חאַצע. פרעג ביים קופּאַלשציק: ווער האָט איהם אין אַ פינסטערען געסעל מכבד געוועזן מיט דער קוליע איבערן האַלז און נאַקען? — חאַצע. אַ טענה: הלמאַי דער קופּאַלשציק האָט אַמסטערדאַם דעם „סיבירניק” ניט געלאָזען באָדען זיך אין קופּאַלניע. דערפאַר, הייסט דאָס, האָט זיך אַמסטערדאַם דערטרונקען אין דניעפּער... און ווער מיינסטו האָט מיר געשריבען אהובי־ידידי בריוועלעך אָהן אַ חתימה אַז, אַז... הכלל מ׳עט מיך ממיתן? — אַלץ חאַצע.

גיט פאַנדרע אומגדולדיג אַ הויב מיט די פּלייצעס:

— צוליב וואָס זאָגט איהר מיר דאָס אַלץ?

— איך זאָג דאָס, — מאַכט יאָשקע — אַקעגען דעם, אַז אַצינד, ווען גאָט האָט דיר געהאָלפען, ביסט צוריקגעקומען פון אָסטראָג און ביסט, צווישען אונז ריידענדיג, פאַרשריבען אַלס איינער אַזעלכער, וואָס האָט אויפגעהויבען אַ האַנט אויף אַ „קנעפּעל”, איז אַ סך גלייכער, זאָג איך, וואָס מיט אַזאַ צאַצקע, ווי חאַצע דער הינקעדיגער איז, האָסט זיך נ י ט געחברט, וואָרים —

דאָ בלייבט יאָשקע דער שערער אַ ווילעטשקע שטעהן, עפּענט אויף די יאַשצערקע־אויגען און קוקט אָן פאַנדרען מיט אַן־אַ־זייט־פאַרוואָרפענעם קאָפּ, ווי דער תּם אין דער הגדה:

— וואָרים... האָסט דאָך מסתּמא געהערט, וואָס אייערנעכטען, נאָך אַרעסטירען חאַצען... וואָס מ׳האָט געפונען הינטער אַ בוים אין פעלד?...

— אַ זשאַנדאַרניק מיט אַ צעמזיקטער באַק! — העלפֿט איהם פֿאַנדרע קרייען מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס אויסגעמישט מיט פֿאַרטאַיעטען שרעק. ער האָט דאָס האַסטיג אַ זאָג געטאָן, און אַליין געוואונדערט זיך דערבּיי אויף זיין קאַלטבּלוטיגקייט און חוצפּה, אויף אַזאַ דרייסטען אונטערהעלפֿען יאַשקען, בשעת יענעמס שלייִמיגע אויגלעך עס לוגען אויף יעדען ריהר וואָס ער טוט, און יענעמס הינטישע אויערען שפּיצען זיך אויף יעדען וואָרט זיינעם. כאָטש מאַכען מאַכט ער, אַז ער הערט גאָר נישט און זעהט גאָר נישט. דאָס געזונטע נאַטור־געפיהל האָט אָבער פֿאַנדרען אונטערגעזאָגט, אַז אַזאַ האַלטונג איז אַצינד דאָס איינציגע מיטעל ניט אַרויסצוגעבען זיך. אַך, יאָ! ווען ניט די אבלות נאָך סענדערקען זיין קינד, וועלכע דריקט אַזוי אויף איהם און פֿאַרשטאַרט דאָס בּלוט אין די אָדערען, וואָלט ער אַזוי מאַסקירען זיך נ י ט געקענט. רויט ווי צונט, אָדער בּלאַס ווי די וואַנט וואָלט ער געוואָרען. ער וואָלט ווענינגסטענס ניט געוואוסט וואו די אויגען אַהינצוטאָן.

אַצינד קוקט יאַשקע א י ה ם אָן פֿאַרוואונדערט, ווי ער וואָלט פֿאַנדרען, אויפֿן שבעה־זיצען בּיינקעלע, דערזעהן היינט צום ערשטען מאָל.

— צומזיקט, —מאַכט ער — צו צומזיקען איז ניט גלייך. דו האָסט אַ פֿאַניאַטיע (אַ באַגריף) וואָס הייסט צומזיקט? די בּיין פֿון באַק געבּראָכען. אַ צאָהן אין מויל איז דעם זשאַנדאַרניק ניט געבּליבען. די אויגען פֿאַרשוואָומען פֿון געשווילעכץ. העןּ אַ פּראַשק!

אַזוי לאָזט יאַשקע דער שערער אויס מיט אַ קוויטש פֿון באַגייסטערונג.

נאָר באַלד לאָזט ער אַראָפּ דעם באַגייסטערטען טאָן און גיט צו, כמעט שושקענדיג און מיט האַלב אָפענע יאַשצורקע־אויגען:

— דאַוועןּ איך מיר היינט אַזוי און קלער.. ס'איז מעהר ניט וואָס גראַד איירערנעכטען האָט בּיי דיר געטראָפֿען אַזאַ בּיטערע מעשה מיט דיין קינד געבּאָך. וואָרים אַז ניט — ווער ווייסט וואָס מען וואָלט געקענט מיינען...

— וואָס געקענט מיינען? — פֿרעגט פֿאַנדרע מיט פֿינסטערע

אויגען און ריהרט זיך אויפן ביינקעלע — וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן קינד?

— מאַלע וואָס שונאים קענען מיינען, — בויגט זיך שוין יאָשקע דער שערער צו און שושקעט פאַנדרען גלייך אין אויער אַריין, — אַזאַ פּאַטש קען געבען נאָר איין מענש אין גאַנץ שקלאָוו. אַ פּראַשק, וואָס ברעכט איין אַ גויעשע ביין? וואָס רעדסטו וואָס? גאָט איז מיט דיר!...

— ווער קען געבען? — פרעגט איבער פאַנדרע ווי אַ פאַרשטיינערטער. אין האַלז איז איהם מיטאַמאָל טרוקען געוואָרען און שעפּטשען טוט ער ווי זיין אומגעבעטענער מנחם־אַבלניק.

— ווער זשע אויב ניט פאַנדרע? — ענטפערט יאָשקע דער שערער מיט גרויס עניוות. נאָר זיינע האַלב־פאַרמאַכטע יאַשצורקע־אויגען גלאַנצען אַצינד אויף מיט זשעדנע נייגעריגקייט. די אויגען־פאַרטעכלעך אָהן וויעס פאַרשטאַרקען נאָך דעם דאָזיגען אויסדרוק.

פאַנדרע לאָזט אַרויס פון די נעז־לעכער אַ הייזעריגען דער־שטיקטען ברום, ניט אַ הוסט, ניט אַ זיפץ. און גאָר פלוצלונג צינדט זיך אָן אַ העלישער פייער אין זיינע גרויע טרויעריגע קוקערס. אַזוי שאַרף ווערט דער דאָזיגער קוק, אַז די עניוותדיגע זשעדנעקייט אין יאָשקע דעם שערערס אויגען געהט איבער אין אַ דערשראָ־קענעם פינטלען. דער שערער הויבט זיך אָן פּאַוואָליע צו הויבען פון שטול און פאַנדרע — פון ביינקעלע.

גיט פאַנדרע אַ צווייטען ברום, אַצינד קלאָרער און קירצער:

— וואָס זיינט איהר אַהערגעקומען פּראַווען היגטישע שטיק? אַרויס מיט לשון, יאָשקע!

דער דאָזיגער ברום צעטרייסעלט יאָשקען ווי אַ לעכערדי־גען זאַק מיט ווערעמדיגע אַרבעס. כדי צו אַפּוועַנדען פאַנדרעס כעס, שיט ער אַצינד גיך, גיך, ווי אין אַ מעדניצע אַריין.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקען וואָס? איך וועל דיר אפשר געהן מסרן? גלויבסט אודאי וואָס אַזעלכע שענע מענשען ווי חאַ־צע זאָגען? ער וועט שון מעהר ניט זאָגען! נאָר גלאָט אַזוי... איך געה מיר פון דאַוונען — פאַלט מיר איין: אַזוי מכבד־זיין קען נאָר מכבד זיין סענדערס איידעם. נאָר ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז דו ביסט גאָר

— אַ גאַנצינקען אָוונט געזעסען אין שטוב. דיין סענדערקע געבאַך — דיין עסק?

— כ׳בין נאָר אַריין מנחם־אָבל זיין בין איך. קלער איך: אויף טשיקאַווּעס... כ׳וועל אַ פרעג טאָן. כ׳מיין, מ י ר קענסטו דאָך זאָגען ווי אַן אייגענעם מענשען. אַ רעטעניש איז דאָס דאָך. סענדערס איי־דעם וועט זיך דאָך ניט חברן מיט אַזאַ נפש ווי דער... ווי חאַצע. אויף זיינע סכאַדקעס געהסטו ניט, היינט ווי קומסטו צו די סטראַזשני־קעס ווע... ווע... וועל...

ער האָט אַלע זיינע ווערימדיגע ווערטער ניט באַוויזען אויסצושׂי־טען. אויף דעם וואָס ס׳איז פּלוצלונג געשעהן האָט זיך דער „אייגענער מענש״ גאָר ניט גערעכט. ניט ג ע ק ע נ ט ריכטען זיך פאַנדרע זאָל זיך דערוועגען צו טאָן אַזאַ זאַך אינמיטען שבעה־זיצען...

מיט אַ ברום פון אַ צורייצטען לעמפּערט האָט זיך פאַנדרע אַ וואָרף געטאָן. און אין דער זעלבער רגע האָט יאַשקע דערפיהלט, אַז ער הענגט אויף זיין אייגענעם קאָלנער, ווי אַ הערינג אויף די זשאַברעס, און באַמבעלט אין דער לופטען מיטביידע געפּוצטע שטיוועלעך. פון דער אויסגעכאַליעטער, אַרומגעשווירענער, אויס־געפלאַכטער, האָר־אין־האָר אויסגעפּרעסטער לאַפּעטע־באָרד ווערט גאָר אַ צעפּליאַשעטע פּאַמיעלע. און באַמבלענדיג אַזוי און שטי־קענדיג זיך אין אייגענעם קראַגען שווימט ער האַסטיג אין אַ פּוס־טען חלל, פון שטוב אין פירהויז, פון פירהויז אינדרויסען. אַ באַ־סאָווער קול ברומט איהם דערביי אין האַלז און נאַקען: „דו מסור, דו!... אין דיין טאַטענס טאַטען אַריין!...״ סענדעריכע לויפט נאָך, פאַרלויפט פאַראויס און מאַכט עפּעס מיט די טרוקענע גלאַנציגע הענטלעך. אַפּנים כדי צו ראַטעווען איהם, יאַשקען. נאָר זי פאַספּע־יעט ניט. וואָרים גלייך נאָכדעם פליהט ער ערגעצוואו, אָהן פליג־לען, און גיט אַ פאַל אין נייעם שצאַגעלסקען זומער־גאַרניטער אינמיטען גאַס. אין דיקען שטויב באַברעט ער זיך אַ ווילע, ווי אַ פאַרזינדיגט הינטעל. אַ פירהויז־טיר פאַרהאַקט זיך הינטער איהם. סענדערס פיר־הויז־טיר הפנים.

ער קוקט זיך אַרום, צי קיינער זעהט ניט זיין שאַנד, און דער־זעהט אַ פּאָר באַרוויסע חברהשע איינגלעך לויפען צו איהם, כדי צו

אַנקוקען אַביסעל נעהענטער, ווי אַזוי אַזאַ בכבודיגער אויסגעפוצטער איד קען אַזוי פליהען און אינמיטען דרינען אַנידערפאַלען... גאַר־טעלט ער זיך אונטער יאַשקע דער שערער, שפּרינגט אויף און היג־קענדיג און אָכצענדיג טראָגט ער זיך אָפּ אין אַ שמאָלער געסקע, צווישען צוויי פלעקענער־צוימען. דאָ גלייכט ער זיך אַביסעל אויס, פּוצט אָפּ די שצאָגעלסקע הויזען, גיט אַ קאַם די צעפּאַטעלטע לאָ־פּעטע־באָרד און קוקט אַריבער, איבער די קאָליעס, צו סענדערס הייזקע. מיט שפּאָט קוקט צו איהם אַראָפּ דער רויטער ציגעל־קוי־מען אונטערן מיט מאָך־באַוואָקסענעם הויקערדיגען דעכעל. מאַכט אויף איהם יאָשקע מיטן צושוונדענעם קולאַק און מיט טיפער שנאה:

— וואַרט, וואַרט! ווער האָט געממיתט דעם זשאַנדאַרניק? איך וויי—ס!...

אין האַרצען איז איהם אָבער קלאָר, אַז ער סטראַשעט דאָ מיט אַ צו־געפעהרליכען געוועהר. די ערשטע וואָרנונג האָט ער שוין דאָ באַקומען. און ווייטער שפּילען זיך — איז גאָר אַ גרויסע סכנה. מען ווייסט גאָר ניט ווען עס קען נאָך טרעפען. פּאַנדרען, דעם אָסטראָזשניק, צי טאַקע איהם אַליין...

„אברעמעלע-די-געקוילעטע-קאַץ"

.1

אינם זעלבען טאָג, נאָכן אַרויסוואַרפען יאָשקע דעם שערער, איז ווייטער געשעהן דאָס זעלבע, וואָס מיט אַ טאָג פריהער. דהיינו: ווי נאָר מערע איז אויף אַ ווײלע אַרויס פון שטוב, האָט זיך אימיצער אַרייננעמאַכט שטילערהייט, אָהן אָנצוקלאַפּען אין פירהויז־טיר, אָהן אַ וואָרט צו זאָגען. דאָס מאָל איז עס געווען ניט „מאָדיע מיטן אמת", נאָר „אַברעמעלע אָרע־מאָטעס".

אַ נאָז האָט ער געהאַט, אָט דער אַברעמעלע, אַ שפּיציגע. דער סאַמע שפּיץ באַזאַלבט מיט אַ גיפטיג שמייכעלע. און דוקא אין זיי־נע אויגען איז ניט געווען קיין סימן פונם זעלבען שמייכעלע. אַ ווייס־ליכען פאַרשטאַרטען גלאַנץ האָבען זיי געהאַט, די דאָזיגע אויגען. פונקט ווי די ווייסלען וואָלטען זיך צוגאָסען איבער די שוואַרצ־אַפּלען און זיי מילכיג־געמאַכט. אַ פאַרטאַיעטע שאַרפקייט, אַ שי־מער פון אַ האַק האָט אין זיין געדרימעלט. ניט אומזיסט האָט מען פון איהם דערצעהלט, אַז נאָך אַלס חדר־אינגעל האָט ער איינמאָל, מיט אַ צוראַצטען מעסער, געשאָכטען אַ קאַץ אויפן ברעג אָזערע. קומט, קינדער! — מאַכט ער צו תלמוד־תורה אינגלעך אין טאַ־טענס חדר — כ'זועל אייך, מאַכט ער, ווייזען ווי עליע דער שוחט קוילעט אַ קעלבעלע!...

און ווען אַלע אינגלעך זיינען זיך צולאָפען מיט גרויס שרעק, איז ער אַליין געבליבען, אַראָפּגעזעצט זיך אויף די ציפּקעלעך

און מיט מערדערליכער נייגעריגקייט צוגעקוקט זיך, ווי די פאַרבלו־טיגטע חיה וואַרפט זיך אין די טראַסטינעס און וויל ניט פגרן.

אמת, דער טאַטע זיינער, אָרע־מאַטע דער מלמד, האָט איהם פאַר אַזאַ כשרער שחיטה אַזוי צוקאַטעוועט, אַז אַברעמעלע האָט דערנאָך, אַ וואָך צייט נאָכאַנאַנד, ניט געקענט ריהרען מיטן געזעס. ס'איז אָבער אויך אמת, אַז אַברעמעלע גופא האָט די האַרבע שטראָף אויפגענומען מיט ניט־קינדערשער פאַרביסענקייט. ער האָט אַפילו ניט זעהר שטאַרק געשריען, בשעתן שמייסען. ווי איינער זאָגט: „ס'האָט זיך געלוינטן!“... אַבי איינמאָל אויסגעפירט דעם בייזען רצון ביזקעל סוף, ניט געשאַנעוועט אַ לעבעדיגע זאַך און גרויזאַם הנאה געהאַט...

דער צושונדענער געזעס האָט זיך פאַרהיילט, אָבער ניט אָב־רעמעלעס נייגונג צו ווילדע מעשים. אַלע קינדער אין שטאָט האָ־בען פאַר איהם געציטערט. וואָרים דאַרטען, וואו אַנדערע אינגלעך באַנוגענען זיך מיט אַ שטורך, פלעגט „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ“ מכבד־זיין מיט אַ האַלבען ציגעל איבערן קאָפּ. וואו אַנדערע גיבען אַ קניפּ — קראַצט אַברעמעלע אויס אַן אויג, אָדער ער רייסט אויס אַ שטיק פלייש מיט זיינע ניט־ריינע נעגעלעך. ניטאַ קיין קאַ־טאָוועסען ביי אַברעמעלען. היינט ווער־זשע וועט זיך מיט איהם אָנהויבען? דאָס איינציגע וואָס פאַרטשעפּעטע אינגלעך פלעגען זיך יאַ ערלויבען, איז אַ געשריי טאָן: „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ!“ און אַנטלויפען. דאָס שענע צונעמעניש איז איהם אַזוי פאַר־בליבען ביז אין די בחורשע יאָהרען.

און ניט אָהן אַ גרונט. וואָרים צוזאַמען מיט איהם זיינען גע־וואַקסען זיינע מעשים־טובים. מ'האָט איהם אַפילו, שפּעטער מיט יאָהרען, חושד געווען, אַז דאָס האָט ער, ניט־איינמאָל, פאַרשלעפּט חיה־שרהקען די משוגענע אין ר' ישיעלעס חורבה און געשפּילט זיך מיט איהר. וואָרים ס'איז געווען זעהר קשה, וואָס חיה־שרהקע מיט איהר געבוירען קינד אויף די הענט, פלעגט זיך אַוועקשטעלען אונטער אָרע־מאַטע דעם מלמדס פענסטערלאַך און צולאָזען זיך מיט איהרע ספּעציעל־פאַרפאַסטע לידעלעך:

ניטשיינע האָב איך אַ האָב געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פון אַברעמעל מיטן שוועמעל
דאָ, טאַקע דאָ.
ניט קיין איינגעל, ניט קיין מיידעל
איכאַ־איכאַ־כאַ.

מיט פלעקענער האָט מען זי ניט געקענט פאַרטרייבען. און אַפילו דערנאָך, ווען זי האָט שוין, ווי איהר שטייגער איז, דאָס ניי־געבוירענע קינד אויסגעבאָדען אין דער פערד־קאָרעטע ביי אַ ברו־נים און דערטרונקען, פלעגט זי נאָך עטליכע טעג נאָכאַנאַנד קומען אויסוויינען איהר משוגענע האַרץ אונטער אַרע־מאַטעס פענסטער־לעך:

ניטשיינע האָב איך אַ באָד געטאָן
דאָ אויכעט דאָ!
נאָכן איגגעל מיטן צינגעל
דאָ, טאַקע דאָ.

משוגע איז זי טאַקע חיה־שרהקע און ניט־קלאָר. נאָר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין וועט זי ניט באַזינגען און ניט באַוויינען איהר קינד אונטער פרעמדע פענסטער, וואו מען וואַרפט איהר שערבלעך אין קאָפ אַריין. מסתמא מוז דאָך עפּעס זיין!...

צו יענער צייט האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ הילוך ביי „אברע־מעלע־די־געקוילעטע־קאַץ“, אַ ספּעציעלער גאַנג פון אַ וואוילען־יונג, וועלכער וואַרפט זיך איבער, ביי יעדען טראַט, פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס. מעשה גיבור, הייסט דאָס, ביי וועל־כען די ערד ציטערט אונטער די פיס. כאָטש אין זיין מאָגערען בול־בע־בלאָסען האַלז און אָרעמס האָט זיך קיין באַזונדער גבורה ניט אָנגעזעהן. אינם דאָזיגען האַלב־געמאַכטען גאַנג, מיט האַסטיגע וואַקעל־טריט, האָט זיך אָבער דייטליך געפיהלט דער אימפּעט פון געפּאַהר־זוכעריי און דער פייער פון אַ מוראדיגער חוצפּה. ס׳איז

געווען געגנוג צוקוקען זיך און צוהערען זיך צו איהם איין ווילע, כדי צו טרעפען, אַז ניט נאָר אויף זוכען געפאַהרען אויף פאַרבאָטע־נע סכאָדקעס טויג ער זיך, נאָר אפילו אַרויסצופיהרען פערד פון פרעמדע שטאַלען קען מען זיך אויף איהם אויך פאַרלאָזען; און־טערצושיסען אימיצען, אָדער אונטערצינדען. — וואָלט ער זיך אויך אונטערגענומען. אַבי ס׳זאָל זיין פאַרבונדען מיט סכנה און מיט רי־זיקע. אַבי דאָס אומרוהיגע בלוט זאָל זיך וואַרפען אין בלאָסען קאָפּ און פנים און פאַרשיכּורן, וואָרים איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט!...

האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז „אַברעמעלע־די געקוילעטע־קאַץ” האָט זיך גראָד באַגעגענט מיט האַצע־דעם־קירזשנער. און י ע נ ע ר האָט איהם אַריינגעצויגען אין נעץ פון געפאַהר און קאָנ־ספּיראַציע. אויפגענומען איהם אין חברה ווי אַ קרומען, משונהדי־גען וואַפען פון אַ ווילדען, וועלכען מ׳וועט פריהער־שפּעטער קע־נען אויסנוצען, און וועלכען מ׳האָט טאַקע שפּעטער אויסגענוצט...

מיט דעם זעלבען ערפאָלג וואָלט „אַברעמעלע־די געקוילעטע־קאַץ” געקענט אַריינגעצויגען ווערען אין שעפּטעלע־גנבס גוטער קאָמפּאַניע אויך. נאָר ס׳האָט זיך נ י ט געמאַכט.

2.

מיט אַ פאַרטאַיעטען געפיהל פון פריקרעקייט האָט איהם פאַנדרע דערזעהן ביי זיך, אין פאַר׳אבל׳טען שטוב. ס׳איז קודם־כּל געווען דאָס נאַטירליך געפיהל פון אַ געזונטען פול־בלוטיגען מענשען צו אַ קרענקליכען נפש, מיט משונהדיגע נייגונגען, מיט צו־פריה אי־בערגעקאָכטער און איבערגעזויערטער „יוכע” פון אַן אויסוואורף. אַ געפיהל פון אַ גראַדער, עהרליכער נאַטור צו איינעם וואָס פאַסט זיך אָן צו אַלץ און צו אַלעמען, אַבי געפעהרליך און אויסטערליש זאָל עס זיין... נאָר ער, פאַנדרע, האָט איהם איירנעכטען געזעהן אויף דער סכאָדקע אין דער שטוב מיט די גרינע לאָדען, ווי ער שטעהט אַזוי, אַברעמעלע־די־געקוילעטע־קאַץ, מיט האַלב־פאַרגלאָצטע מיל־

כיגע אויגען און לעכצט נאָך יעדען וואָרט וואָס „בעני״ רעדט אַרויס. בעני רעדט זיינע האַרבע ווערטער געגען דער מלוכה און נגידים, און אַברעמלע שלינגט דעם גאָרגעל, נאָך יעדען געלונגע־נעם זאַץ, מיט אַ זשעדנעקייט פון אַ שיכּור, וואָס האָט שוין לאַנג אַביסעל משקה אין מויל ניט געהאַט. אָפּטמאָל האָט ער דערביי גע־סקאָליעט די ציין אַזוי, אַז די מאָגערע קינבאַקען זיינע האָבען זיך ביי איהם אָנגעשפּיצט. דעריבער האָט שוין נח פאַנדרע אויך אַציגד געמוזט גובר זיין אין זיך דאָס ניט־חברישקייט און אויפנעמען אברעמעלען אַזוי, ווי אַן אבל איז בכּוח אויפצונעמען אַ גאַסט אין שטוב. פאַרפאַלען! חבר איז חבר.

אָהן שום הקדמות איז אברעמעלע צוגעטרעטען צו נחן און גיך אַ זאָג־געטאָן:

— דאָ איז ביי דיר היינט געוועזן יאָשקע? וואָס האָט ער דאָ געטאָן, דער מסור?

פאַנדרע האָט אַ הויב געטאָן איין פּלייצע:

— כ׳ווייס?... געקליגעלט זיך.

— גוט, — מאַכט אַברעמעלע — וואָס דו האָסט איהם גע־געבען האַלז און נאַקען... אינגאַנצען ניט געדאַרפט אַריינלאָזען —

— ביסט מסכּים? — כמורעט פאַנדרע אָן די שוואַרצע ברע־מען — כ׳דאַרף דיר אָפּגעבען חשבון?

פאַרלירט אַברעמעלע זיין ברייטליכקייט. ער הויבט אָן צו קלייבען ווערטער:

— פריהער ניט. נאַר... זעהסטו?... ביסט געוועזן מיט אונז? איז עפּעס אַנדערש.

— מיט „אונז״? — קרימט נח אַביסעלע איבער — פאַראַן אַלערליי סאָרטען „אונז״.

— ניין, — שלינגט אַברעמעלע אַראָפּ דעם שטאָך און דרעהט מיטן שפּיציגען קאָפּ — ניטאָ קיין אַלערליי „אונז״. חברים איז חברים.

שוויגט מען אַ ווילע. נח זעהט באַשיינפּערלעך, אַז אַברע־מעלע־די־געקוילעטע־קאַץ האָט נאָך עפּעס צו זאָגען, אַז ניט צו־

ליב יאָשקען אַליין האָט ער זיך אַריינגעמאַכט אין שטוב און גראַד דאַ־מאָלסט, ווען מערע איז ניטאָ.

הויבט אויף איהם פּאַנדרע אויף די גרויע, אָפענע אויגען:

— ווילסט מיר עפּעס זאָגען?

אַזאַ קוק קען אַ געוועזענער גאַסען־יונג ווי אַברעמעלע ניט פאַרטראָגען. ער לאָזט אַראָפּ זיינע מילכיגע קוקערס און רעדט, כמעט שעפּטשענדיג:

— ניט „עפּעס"... כ׳האָב היינט אינדערפריה געזעהן איינעם פון אונזערע „באַיעוויקעס" (שלעגער), וואָס האָבען געהיט דעם אַריינגאַנג צו דער סכאַדקע, וויסט דאָך. האָבען זיי מיר דער־צעהלט —

— זיי — דיר? — הויבט זיך פּאַנדרע אויף פון זיין שבעה־ביינקעלע און קוקט זיך אַרום — ס׳איז פון זיי... פון זיי... אַ חזירייַ איז דאָס!

— האָסט אַ טעות, — צושמייכעלט זיך אַברעמעלעס שפּיץ נאָז — כ׳בין אויך אַ „באַיעוויק"...

ניט־וואַרטענדיג פּאַנדרע זאָל איהם גלויבען אויפן וואָרט, ציהט ער אַרויס פון דער טיפער פלודערען־קעשענע אַ פּיסטאָל און שפּילט מיט איהם אויף די קני:

— ס׳האָב איך באַקומען פון חאַצען. און זיי אויך.

דערזעהענדיג, אַז אַזאַ כלי האָט אויף פּאַנדרען יאָ געמאַכט אַ שטיקעל איינדרוק, דערפיהלט אַברעמעלע אַ באַדערפעניש צו כראַברען זיך אַביסעל:

— אַז מ׳דאַרף אימעצען דערצעהלען יענע־מעשה, בין איך דער ערשטער. אויף דער סכאַדקע איז ניט געווען מיין „אַטשע־רעד" (רייה). נאָר איך קען מיר ניט מוחל זיין, וואָס איך בין ניט געווען מיט דיר צוזאַמען. אויב שוין אַזוי מכבד זיין אַן איבערגע־טאַנענעם „שפּיק" און אין דער פינסטער איז — ביזקעל סוף... צו־ליב וואָס איבערלאָזען אַן עדות?

פאַרטראַכט זיך פּאַנדרע:

— אַן עדות? ער האָט מיך ניט געקענט זעהן. פון הינטער אַ

דיקען בוים האָט ער געקראָגען... כ'האָב נאָר מורא פאַר יאַשקע דעם שערער, ער ווייסט עפּעס יאָ, דאַכט זיך...

— יאַשקע? — פון וואַנענט ווייסט ע ר?

— דערשמעקט אַפּנים. דאָס איז ער היינט, פאַרן אָנבייסען, געקומען אויספרעגען. אַהער געדרעהט, אַהין געדרעהט. אַזאַ פראַשק... מאַכט ער, קען דערלאַנגען נאָר סענדערס אידים. איך — הייסט דאָס. מיר האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט, אַז ער פרעגט אויס און לאַכט פון מיר אָפּ, שפּילט מיט מיר אין באַהעלטערלעך. דער־פאַר טאַקע האָב איך איהם אַרויסגעוואָרפען. אַזאַ פאַרך אַ איד!

— נאָר דערפאַר?... און דאָס וואָס ער קען מסרן?

און ניט אָפּוואַרטענדיג וואָס פאַנדרע וועט אויף דעם ענטפע־רען, שפּרינגט אַברעמעלע־די געקוילעטע־קאַץ אויף און ענטפערט זיך אַליין:

— ער וועט נ י ט מסרן. אַ פּיפּס, אין זיין טאַטען אַריין, וועט ער ניט טאָן. אַ מסור אַפילו, לעקט אַלע „קנעפּלעך", אָבער אַ טרוס — אַ נישקשהדיגער... איך געה צו איהם באַלד אין קרעמעלע. ביים גאָלען וועט מען זיך שוין ד ו ר כ ש מ ו ע ס ע ן. עס האָט שוין אַמאָל אַזוי געהאַלטען מיט חאַצע דעם הינקעדיגען. דאַמאָלס האָב איך זיך מיט יאַשקען אויך ד ו ר כ ג ע ש מ ו ע ס ט.

דאָס וואָרט „דורכשמועסען" האָט אַברעמעלע־די געקוילעט־טע־קאַץ אַרויסגערעדט מיט אַזאַ באַטאָנונג, מיט אַזאַ זידענדיגען גיפט און מיט אַזאַ מעסער־גלאַנץ אין די ווייסליכע אויגען, אַז פאַנ־דרען איז ניט־ווילענדיג דורכגעלאָפען אַ קעלטעל דורכן רוקען. ער האָט קלאָר געזעהן, אַז דאָס זיינען ניט גלאַט אַזוי ווערטער. ניט נאָר אַ קאַץ, נאָר אַ אידען מיט אַ געכאַליעטער באָרד, ווי ביי יאַשקע דעם שערער, וועט ער אויך קענען שעכטען ביים ברעג אָזערע אין די טראַסטינעס. אַ ברעם וועט ביי איהם דערביי ניט אַ ציטער טאָן... און ניט־קוקענדיג אויף אַזאַ אַנטפּלעקונג, האָט זיך פאַנדרע פאַר זיך אַליין געוואונדערט וואָס, אין זיין שפּלדיגקייט, צו אַברעמעלעס גאַנצען מהות, מישט זיך אַצינד אַ מאָדנע דאַנקבאַר־קייט אויך. ער איז כמעט ווי צופרידען וואָס אַברעמעלע באַפרייט איהם פון אַזאַ בלאָטיגער שטיקעל אַרבייט ווי „אַנצושרעקען"... נאָ. פון

דער זייט איז ער פאַרט געזיכערט. יאַשקע וועט מורא האָבען...

— נאָר זעה, מאַכט ער, די אונזעריגע זאָל ניט צופיל באַלע־באַטשען. פאַרשטעהסט דאָך...

אַברעמעלע דערפיהלט זיך אַביסעל האָפערדיגער, וואָס אַזאַ גבור ווי פאַנדרע שפּאַרט זיך אויף איהם אָן, פאַרלאָזט זיך אויף איהם:

— זאָלסט נאָר קיין צער ניט האָבען, נח!

ער מאַכט אַ באַוועגונג אָוועקצוגעהן און דרעהט זיך ווידער אום צו נח'ן. „אָך, יאָ — מאַכט ער — אַצינד האָט ער זיך דער־מאָנט. מ'האָט היינט גערעדט פון איהם, פון נח'ן... חאַצע דער הינקעדיגער איז ניטאָ. פאַרשפּילט חאַצען. האָט „מאָדיע מיטן אמת" איבערגענומען זיין אָרט. „בעני" האָט געמוזט שטילערהייט צוריק אוועקפאָהרען קיין מאָהליוו, כדי ניט צו וואַרפען זיך דאָ צו־פיל אין די אויגען... האָט מען גערעדט דערפון, אַז ער, פאַנדרע, זאָל אַריין אין דער גרופּע פון די „באַיעוויקעס" און מיט הוילע הענט ניט שלאָגען זיך. אַ „שפּייער" וועט ער אויך קריגען...

— מ'וועט נאָך זעהן! — שאָקעלט זיך פאַנדרע אָפּ פון אַזאַ כבוד. אַ געפיהל פון עקעל האָט ער אַלעמאָל געהאַט צו מעסערס און פיסטאָלען, מיט וועלכע שוואַכינקע באַוואָפּענען זיך, ווי אַ טכויר באַוואָפּענט זיך מיט זיין שלעכטען ריח...

— צוליב וואָס זעהן? — טרעט צו איהם אַברעמעלע צו נע־הענטער — אַ קנאַקער איז אַ קנאַקער. ס'וועט דיר צוניץ קומען.

— צוליב וואָס אַ פיסטאָל? — פאַרקרימט זיך פאַנדרע — אַז מ'וועט דאַרפען וועל איך מיר שוין אַזוי אויך אַן עצה געבען.

— נו,נו! — גיט אַברעמעלע אַ גלאַנץ מיט די גזלנישע אוי־גען — ניט אַלעמאָל קען מען געהן מיט הוילע הענט.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — שפּיצט זיך נח אָן — עס ברענט דאָך ניט.

— עס קען יאָ ברענען. — שעפּטשעט אברעמעלע געהיימ־ניספול און ווערט פלוצלונג אַנטשוויגען. וואָרים עס דערהערען זיך טריט. די פירהויז־טיר זינגט אויף, און מערע, איינגעוויקעלט אין איהר שטוב־פּאַטשיילע, טרעט אַריין מיט אַ מינע פון אַ מענ־

שען, ווען ס׳איז קאַלט, אַפּילו אין אַזאַ שענעם זומערדיקן טאָג;
קאַלט פון אבלות און קאַלט פון אַ באַגעדיקטע ווערטאַג...

.3

— וואָס האָט ער דאָ געטאָן „די געקוילעטע קאַץ״? — שטעלט מערע אַן איהרע קאַרע אויגען אויפן מאַן, ווי נאָר אַברעמעלע געהט אַוועק.

— גאָרנישט, — מורמעלט פאַנדרע אויף זיין שבעה־ביינקע־לע — געקומען מנחם־אָבל זיין איז... ער.

— נח, נח, — צושאָקעלט זיך מערע מיט איהר אָנגעפּאַ־טשיילעטען קאָפּ — סודות האָסטו! מיינסט — איך זעה ניט?

— וואָס ווילסטו, מערע? — כמורעט זיך פאַנדרע און קוקט זיך אַליין צווישען די וואָלענע אבל־זאָקען — א י ך האָב איהם גע־רופען?

— נעכטען „מאָדיע מיטן אמת״, היינט — אָט דער אויס־וואורף. עפּעס אַלץ נייע פּאַרשוינען געהען צו דיר.

מאַכט זיך פאַנדרע תמעוואַטע:

— ס׳אַלעמאַל אַזוי. אַז עמיצען טרעפט אַן אומגליק, שטופּען זיך אַלע אַ קוק־צו־טאָן. אַפּילו יאַשקע דער מסור ווערט אַ נאָהענ־טער מענש...

פאַרטראַכט זיך מערע. ס׳אַראַ לשון איהר נח האָט געקראָגען זינט ער איז אַרויס פון אָסטראָג! ניטאָ קיין שלעכטס אויף דער וועלט אָהן אַ גוטער פּעולה. פריהער האָט נח אַ וואָרט מיט אַ וואָרט ניט געקענט צוזאַמענבינדען. געברומט האַלבע ווערטער ווי פון אַ פוסטער פאַס אַרויס. מ׳האָט זיך געמוזט אַליין אָנשטויסען וואָס ער מיינט. איז דאָס שעפּטעלע־גנב געוועזן אַזאַ גוטער רבּי?

— פונדעסטוועגען, — אַזוי מאַכט זי צו איהם שטיל נאָך אַ ווײלע שווייגען — חבר זיך ניט צופיל מיט אַזעלכע פּאַרשוי־נען. קיין גוטס און קיין כבוד וועט דיר דערפון ניט אַרויסקומען. זעה, נח, איך בעט דיך!

און פאַנדרע הערט אויס און שעמט זיך אויסצוזאָגען, אַז איהם אַליין איז לייכטער געוואָרען, ווען אַברעמעלע איז אַוועק פון שטוב. ס'וואָלט געווען פרעהליכער אויפן הארצען, וואָלט ער אויפגע־מאַכט אַלע פענסטער, כדי אויסצולופטערען זיך און אָפקרעכצען אַ לאַנג־געצויגענעם „אוף!"

צוהילף איז איהם, גאַר אומגעריכט, געקומען זיידע לייזערעל וואַיטעק. ווי אַ קיהל ווינטעל האָט אַ וועה געטאָן אין שטוב, ווען וואַיטעק איז אַריבערגעטראָטען דעם שוועל, מיט זיין אונטערגע־גאַרטעלטער זומערדיגער אויסגעגרינטער „כאַלמידע", מיט זיין קאָרענער פיפקע, מיט זיינע מילכיג־גרינע האָר פון באָרד און פאות און מיט זיין גאַנצען אָנבליק פון אַ מאָכיגען אַלטען פיען, אין אַן אָסיענדיגען וואַלד... זיידע וואַיטעקס טונקעל־בלויע, אַלעמאָל פרעהליכע אויגען האָבען דאָס מאָל געבלאָנדזשעט, פון מערען אויף פאַנדרען און פון פאַנדרען אויף מערען. ער איז עפעס געווען ניט מיט אַלעמען, לייזערעל וואַיטעק. פאַרשעמטערהייט איז ער אַריינ־געגאַנגען און פאַרשעמט האָט ער אָפגעקרעכצט.

רופט זיך אָפ מערע:

— וואָס קרעכצט איהר, זיידע? זעצט זיך!

זויגט זיידע וואַיטעק זיין פיפקע ווי אַ קינד אַ סאָסקעלע. פון די לעכעלעך, אין דער קופערנער היטעלע פון ליולקע, שליינגלען זיך בלויע רויכעלעך, און פון וואַיטעקס מאָכיגע נאָזלעכער קריי־זעלט זיך אַ געלב־ווייסער רויך. מישען זיך די רויכעלעך צוזאַמען מיט זיין באָרד און פאות, וועלכע זיינען מילכיג־גרין ווי „פוטער־שוועמלעך". אָפגערויכערט אַזוי אַ ווילע, האָט ער גענומען זוכען ווערטער, ביז ער האָט נחן און מערען שעמעוודיג דערצעהלט, אַז די באַלעגאַלעס אין צעך האָבען היינט געהאַט אַן אסיפה. מ'האָט גערעדט, הייסט דאָס, דערפון, אַז מ'זאָל איהם, פאַנדרען, אויס־בּאַרגען אַ פערד. אויב ער וויל, איז אויף אויסצאַהלען אויך רעכט. מ'האָט איינער דעם צווייטען אויפגעוואָרפען, וואָס מ'האָט ביז איצ־טער געשוויגען. סענדערס איידים געהט אַרויס פון גויעשקע הענט און האָט ניט קיין פרנסה — שוויגט מען? ס'איז סדום!.. זאַוועל, קושקעס געוועזענער שמייסער, האָט וועלטען איינגעלעגט. אַז מ'עט

דאַרפֿען, זאָגט ער, וועט ער ווערען פֿאַנדרעס שמייסער, אָהן שכירות, נאָר פֿאַרן עסען אַליין. ביז נח, זאָגט ער, וועט זיך שטע־לען אויף די פֿיס. ס׳איז גאַנץ פֿיין פֿון אַזאַ יונגען־מאַן ווי זאַוועל, וואָס געהט אַליין אום אָהן פּרנסה... איז ער, וואַיטעק, געקומען זאָ־גען נחן, ער זאָל בײַ זיך ניט אַראָפּפֿאַלען. וואָרים כּל זמן אַ מענש לעבט — הע־הע, בנאמנות...

אַזוי האָט וואַיטעק געקליבען ווערטער און זײַנע אויגען האָבען זיך צובליהט ווי פּיאַלקע־בלימלעך פֿון קאַלטען מאָך אַרויס, און זײַן גוטער אַלטיטשקער שמייכעל האָט זיך צושײַנט. אָבער ווי נאָר מערע האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעקעהרט, איז וואַיטעקס שמייכעל אויס־געלאָשען געוואָרען. און ער האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך אויסגעקוועטשט אַן אַנגעוועהטאָגט אָרט אין לײַב.

— וואָס — מאַכט ער שטילינקערהייט — זאָל איך דיר זאָ־גען, נח. מײַן קינד? אין די אויגען קען איך דיר ניט קוקען. מ׳רעדט, אַז ס׳איז דײַן סענדערקען עליו־השלום געקומען פֿון דער קולאַיע... איך אַליין האָב דאָך געשטופּט דעם קינד אין מויל אַן אײַנ־געטונקטען פֿינגער. נאָכגעטאָן די אידענעס. וועה איז מיר, וואונד איז מיר!

— פֿאַרפֿאַלען, זיידע. — טרייסט איהם פֿאַנדרע און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ — ד ע ר איז שולדיג, י ע נ ע ר איז שולדיג. קיינער איז ניט שולדיג. באַשערט אַזוי...

— אַך, נח, נח! אַזאַ וואויל קינד געוועזען, אַ רוהיגס. אויף מע־רעס הענט איז דאָס געלעגען און מיך אָנגעקוקט. קאָפּענע דו גע־ווען. איך זיץ אַזוי בײַם לעמפּעל און דערצעהל מערען אַ מעשה. ווינטער איז דאָס געוועזען. זי האָט מיך געבעטען. און סענדערקע, עליו־השלום, קוקט מיך אָן. אַ מענשעלע פֿאַר צוויי קאָפּיקעס. איך קען מיר קיין אָרט ניט געפֿינען. מנחם־אבל זײַן בין איך צו דיר געקומען, און איך באַדאַרף גאָר אַנדערע זאָלען מ י ך מנחם־אבל זײַן...

— זיידע, — שעפּטשעט נח צו מיט פֿאַרלאָפֿענע אויגען — לאָמיר בעסער ניט ריידען דערפֿון. מערע קאָן נאָך דערהערען — וועט ווייטער זײַן אַ „חתונה״. איהר זעהט ווי זי דרעהט זיך אַרום

אין קאָכשטוב? אַ גיבורטע איז זי, מען מעג זיך ביי איהר לערנען. נאָר דעם ערשטען טאָג און נאַכט האָט זי געגוואַלדעוועט. כ'האָב געמיינט מיר ביידע וועלען פון זינען אַראָפּ. אַצינד זעהט נאָר, ווי זי האַלט זיך. זיפצט ניט כלומרשט. וויינט ניט. זי טרייסט מיך אפילו. טרייסט די שוויגער... אָבער זי וועט דאָך מיך ניט נאַרען. זי מיינט איך ווייס ניט צוליב וואָס זי לויפט הינטערן שטוב, אין גערטעל אַריין. זי וויינט זיך דאָרטען גוט אויס. נעכטען אַזוי. היינט אויך אַזוי...

— סענדערס טאָכטער! — שאָקעלט־צו לייזערל וואָיטעק — שפּילסט זיך מיט סענדערס טאָכטער? ר' סענדער עליו השלום —

נאָר נח פאַנדרע האָרכט מעהר ניט וואָס דער אַלטיטשקער רעדט וועגען ר' סענדערן עליו השלום... ער פיהלט זיך אַצינד מאַט און דערדריקט פון דער אומרוהיגקייט, אין וועלכער ער גע־פינט זיך, זינט חאַצע דער קירזשנער האָט איהם פאַרבעטען קו־מען צו דער „סכאָדקע". עס איז דאָך מאָדנע! קלערט ער, — פון גויעשקע הענט אַרויס, אין אידישע — אַריין. אין מאָהליוו, אין אָסטראָג, ניט געוועזען באַלעבאָס איבער זיך אַליין און דאָ, ביי חאַ־צען מיט זיין חברה — אויך ניט! „אַברעמעלע די געקוילעטע קאַץ" האָט איבער איהם אויך אַ שליטה. געוואַלד, וואוהין פיהרט מען דאָס מיך!

ער קוקט אָן וואָיטעקן, די רויכעלעך פון זיין קאָרענע פּיפּקע, ווי ער זיצט זיך אַזוי בנעימותדיג און שמועסט מיט זיין אַלטער רוהיגקייט, פון די קינדערשע און בחורשע יאָהרען. און עס גלוסט זיך נחן צוצודריקען דעם האַרטען, צוטומעלטען קאָפּ צום „זיידענס" גרינליך־ווייסער באָרד, ווי צו אַ קיהלען מאָך. ער זאָל איהם באַ־רוהיגען, ער זאָל שמייכלען צו איהם... אָבער די אינגעלשע בייגק־שאַפט זיינע דריקט זיך אויס גאָר אַנדערש:

— זיידע! — שלאָגט איהם נח איבער.

פאַנדרע מאַכט דערביי אַ פאַרסודעטען פּנים. וואָיטעק פאַר־שטעהט איהם אויפן וואונק און בויגט זיך צו איהם צו.

— ניט אַזוי צוליב מיר, —שעפּטשעט ער—ווי צוליב מערען. זי איז דאָך אויס מענש... פאַררעדט איהר דעם ציינווייטאָג... דער־

צעהלט עפּעס! זי לעקט דאָך די פינגער פון אייערע מעשות...

לזיכטען ווידער אויף וואַיטעקס פּיאַלקע־אויגען אונטער די מאַכיגע ברעמען:

— על פּי דין — מאַכט ער — טאָר מען דיר און מערען קיין מעשות ניט דערצעהלען. אַפילו תורה טאָר אַן אבל ניט לער־נען. ווייל די תורה דערקוויקט די נשמה... נאָר „איוב״ מעג מען יאָ לערנען. איובס פּורעניות — דאָס יאָ.

לאָזט פאַנדרע אַראָפּ דעם שווערען קאָפּ. ער האָט גרויס כּוח אין די פּלייצעס, נאָר מיט דינים קען ער זיך ניט ראַנגלען. דינים זיינען אַלע מאָל געווען שטאַרקער פאַר איהם. דאַכט זיך קליינע שוואַרצע אותיותקעס — און שטאַרקער...

— נאָר איך, — ווישט זיך זיידע וואַיטעק די אויגען — איך וועל היינט עובר זיין אויף אַ דין. סענדערס טאָכטער... נישקשה, איך נעם די עברה אויף מיר!

— מערע! — רופט נח, ווי מען רופט אַ קינד פאַרזוכען אַ גו־טע זאַך.

אָבער מערע רופט זיך ניט אָפּ. אין קאָכשטוב איז זי מעהר ניטאָ.

— וואו ביסטו? — שטעהט נח אויף און טרעט ווייך אין זיי־נע וואָלענע אבל־זאָקען. איך ווייס דאָך צוליב וואָס דו באַהאַלטסט דיך ביי דיין מאַמען אין אַלקערעל... מע־רע! גענוג וועט דיר שוין זיין... קום אַהער בעסער! קום, טייערינקע, אַהער!

דרך־ארץ פאַר אַ בער

וואָיטעקס אַ נייע מעשה

.1

די מעשה וואָס לייזערעל וואָיטעק האָט דערצעהלט אין יענעם פאַרנאַכט, כדי צו טרייסטען מערען און נחן, איז געווען גאָר אַ זעלטענע. און אַזוי האָט זי זיך אָגעהויבען:

— דו קענסט דאָך, נח, דעם שענק אין אַלעקסאַנדריע, אויפן מיטען וועג קיין אָרשע, אויפן לינקען זייט פון שליאַך? אַצינד האַלט איהם, דעם שענק, שכנא דער למדן מיט די אָפּגעפּרווירענע פּיס, און חיה זיין ווייב. ר׳ שכנא באַריהמט זיך ביז היינטיגען טאָג מיטן זילבערנעם יעקאַטערינאַ־רובעל, וואָס זיין זיידע האָט באַקומען פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען, ווען יענער איז דאָרטען דורכגעפאָהרען... איז אָט דאָס, וואָס איך דערצעהל אייך, האָט טאַקע געטראָפען מיט שכנאס זיידע — ר׳ שבתיל, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען.

ר׳ שבתיל איז געווען אַ פייערדיגער חסיד און נאָך אַ גרעסערער למדן, זאָגט מען, פון ר׳ שכנאן. ער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין שענק און אין דער באַלעבאַטישקייט. טאָג און נאַכט געזעסען און געלערענט. די גאַנצע בריה איז געווען הדסה זיין ווייב, סיי אין שטוב, סיי ביי דער סטאַיקע פון שענק,

אין שטאָל און אין הויף. דאַרף מען איינקויפען אין אָרשע, קויפט זי איין. אַלץ זי. אַן אשת־חיל פון אַמאָליגע צייטען!

נאָר ווען ס'איז געקומען די צייט. מ'האָט געדאַרפט איינצאָהלען פאַכטע, האָט זיך ר' שבתיל געמוזט אָפּרייסען פון לערנען און אַרויספאָהרען צום פּריץ, אין הויפעל, אויף זיין אייגענער פוהר.

פאַכטע צאָהלען איז ניט קיין ווייבערשע זאַך, בפרט — ס'איז אויסער הדסהן ניט געווען אויף וועמען צו לאָזען די שטוב אַן אײ־בעריגען טאָג. און טאַקע אויך דערפאַר ווייל הדסה איז, אויסער איהר בריהשקייט געווען אַ אידענע אַ קראַסאַוויצע. הויך און געזונט. אַ ליכטיגער פנים. איז מאַלע וואָס פאַר אַ משוגעת אַ פּריץ קען איינפאַלען... מיט אַ פּריץ שפּילט מען זיך ניט. אַמאָליגע צייטען!

כ'געדענק נאָך ווי היינט, איידער מ'האָט מיך אָוועקגעגנבעט פון דער מאַמען און אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ, כדי אָפּצוגעבען מיך פאַר אַ יון, האָט מען אין דער קצבישער שול געלאַכט אין די הויפענס פון דעם אַפּטייקערס אַ חכמה. אַ גלוח און אַ לץ איז יאַניע דער אַפּ־טייקער געווען. איז ער איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט, בשעת אַ גרוי־סען פראָסט, אָנגעפאָהרען מיט דער בויד אין אַלעקסאַנדריע. דער־זעהן הדסהן אין שענק איינע אַליין ביי דער סטאָיקע, האָט ער זיך גענומען שאַרען אַרום איהר ווי אַ קאָטער; געמאַכט אָנשטעלען, אַז ער איז גאָר דערפרוירען געוואָרען. „האַ־האַ, באַלעבאָסטעצקע! אַי־אַי, אַ פּרעסטעלע, טייערינקע!״... האָט זיך הדסה גענומען רו־קען פאַרשעמטערהייט צום אויוועו. „נאָך פאַראַן — מאַכט זי — אין הרובע הייסער קרופּניק. דערלאַנגען?״

— אַזאַ שענע אידענע, — רופט זיך אָפּ יאַניע דער אַפּיקורס— ר' שבתילס אַ ווייב און אַזאַ עם־הארצקע! קיין וואַרימערע זאַך ווי קרופּניק מיינט איהר איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ? דוד־המלך, אַז איהם איז קאַלט געוואָרען אין בעט אויף די עלטערע יאָהרען, האָט ער, מיינט איהר, ניט געקענט דאַקאַזשען הייסען קרופּניק? מסתמא האָט איהם אַזאַ מויד ווי אבישג השונמית בעסער געוואַרימט...

גאָר וואָס טויגען אייך די אַלע מעשות? מ'זאָגט אייך אַ קראַ־סאָוויצע איז הדסה געווען און געפיהרט דאָס גאַנצע רעדעל.

מיט אַמאָל האָט מען גענומען ריידען דערפון, אַז אין די גע־דיכטע דאַמאָלסטיגע וועלדער, צווישען אָרשע און אַלעקסאַנדריע, האָט זיך פאַרנאַדיעט אַ בער. דאָ אַ בהמהלע אַוועקגעטראָגען, דאָ אַ פאַרפּעגטעט פערדעלע צוריסען. האָט מען מורא געקראָגען אַרויס־צוטרייבען די סטאַדע צו־ווייט אין וואַלד; און פאַרקירעווען זיך פון שליאַך אויף אַ זייטיגער וועג האָט מען אויך מורא געהאַט. מ'האָט אָבער באַלד דערהערט, אַז דער פריץ, טאַקע דערזעלבער פריץ פון געגענט, וועמען ר' שבתיל צאָהלט פאַכטע, האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ כאַפּטע יעגערס און הינט אויף אַן אַבלאַווע, צו כאַפּען דעם בער אַ טויטען אָדער אַ לעבעדיגען. האָט מען זיך אַביסעל באַרו־היגט. אַ גאַנצער פלאַקענשיסער איז יענער פריץ געווען...

קומט אָן אַ פרייטאָג, פאַר אַנבייסען. ס'איז זומער. שטעהט הדסה ביים אויווען און קאָכט פיש אויף שבת. ר' שבתיל זיצט ביי דער אָפענער גמרא און לערענט. מיט אַמאָל רייסט זיך אַריין אין שענק אַ פאַרסאָפּעטער פיעטרוק, דער שבת־גוי, וואָס באַדינט גויעשע דורכפאָהרער אום שבת און ווענט אָפּ היי און האָבער פאַר אידישע באַלעגאָלעס, און כאָהרט, אַז מען דאַרף, קיין אָרשע מיט הדסהס אַ צעטעלע אָפּצונעמען סחורות. היינט ראַניעצקע איז ער טאַקע געווען אַרויסגעפאָהרען אויפן אָרשער שליאַך.

— כאַזשאַיִן! — שרייט ער — ראַבין כאָלשצאַוואַי!... או שליאַכו נאַשאָוו!...

ס'הייסט: באַלעבאָס!... דער „לייוועגטענער" רבי!... ביים שליאַך געפונען!...

דערהערט אַזאַ נאָמען — דער „לייוועגטענער", שפּרינגט ר' שבתיל אויף פון דער גמרא און הדסה רייסט זיך אָפּ פון פיש־פּענ־דעל: וואו? וואָס? ווען?

און פיעטרוק, רויט און פאַרשוויצט, בוקט זיך און באַלעבאַ־טשעט האַלבע ווערטער; ער שווערט זיך, אַז אויף אַ פּיען אין וואַלד האָט ער דעם רבין געפונען זיצען און האָט איהם געבראַכט אַהער־ייר־צו.

און וויסען דאַרפט איהר זיין, אַז דער „לייוועגטענער" האָט אין יענע צייטען געהייסען ר' שלמהלע דער ליובאַוויטשער, וועלכער האָט כל ימיו געטראָגען נאָר לייוועגטענע מלבושים, כדי צו פאַר־היטען זיך פון „שעטנז", פאַרן קלענסטען געמיש פון וואָל און לאַין, וואָס איז אַ גרויסער איסור... ר' שלמהלע דער „לייוועגטענע־נער" האָט דאַמאָלסט געשמט פאַר אַ גוטען־אידען און בעל־מופת. ער פלעגט זיך באַווייזען אין אַ שטעטעל און פאַרשווינדען. זיין לייוועגטענעם אַנטועכץ מיט דעם שמויסען שטראַימעל, סיי זומער סיי ווינטער, האָט מען אומעטום געקענט. אפילו גויים פלעגען פאַר איהם רייסען דאָס היטעל פון קאָפּ... פאַרשטעהט איהר דאָך אַצינד פאַר־וואָס ר' שבתיל איז אַזוי אויפגעשפרונגען.

לויפט דאָך דער שענקער אַרויס, נאָכן גוי ניט־טויט ניט־לע־בעדיג און גלויבט ניט די אויגען זיינע. אינמיטען אַרומגעצוימטען הויף פון שענק שטעהט דער „לייוועגטענער", זאָל געזונט זיין. זיין פּנים לויכט אונטערן שמויסען־שטראַימעל און זיינע ווייסע ליי־וועגטענע מלבושים מיטן ווייסען גאַרטעל לויכטען. און פון ביידע זייטען, ווי אומעטיגע אונטערפיהרער, שטעהט אַ שמש אין שוואַר־צען און אַ פאַרקרימטער באַלעגאָלע מיטן בייטש־שטעקעל אונטער דער פאַכווע. נאָר ר' שבתיל האָט דען כח און צייט צו באַטראַכטען זיי? אַז יעדער אבר צאַפּעלט אין איהם: „שלום עליכם, רבי! שלום עליכם, אידען! וואָס שטעהט איהר אינדרויסען? איך בין גאָר ניט ווערט אַזאַ כבוד, בין איך ניט..."

.2

אַריינגעפיהרט אַזעלכע דערהויבענע געסט אין שטוב — דער־וויסט זיך ר' שבתיל פונם רביגס שמש, וואָס דאָ איז געשעהן און פאַרוואָס דער באַלעגאָלע איז, רחמנא לצלן, אַזוי טרויעריג: מ'איז פאַרטאָג אַרויסגעפאָהרען פון אַ נאָהענטער שטעטעל מיט דער פוהר. און ווי נאָר די זון האָט געגומען אויפגעהן, האָט דער „לייוועגטע־נער", זאָל געזונט זיין, געהייסען אָפּשטעלען דעם פערד. אַראָפּגע־

קראַכען, געוואָשען די הענט אין טוי אויפן גראָז און געשטעלט זיך דאַוונען, אַזוי ווי זיין שטייגער איז, ביחידות און מיט דבקות; אַ שטאַם פון אַ סאָסנע־בוים — אָנשטאָט אַן עמוד. קוקענדיג אויפן רבין און אויפן שמש, האָט דער באַלעגאָלע צוגעבונדען זיין פערדעל אַן דער זייט, אַרויסגעשלעפּט פון שטרוי זיין פאַרשמאַלצוועטען תפילין־זעקעלע און זיך אויך געשטעלט דאַוונען.

אָבער אינמיטען דער שטילער שמנה־עשרה, בשעת אַלע דריי זיינען געשטאַנען ווי געפּעטעטע, להבדיל, גראָד דאַמאָלסט האָט דער פערד געבומען דרעהען מיט די אויערען, פירכען און רייסען זיך. און גאָר פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ ברום פון אַ חיה... דער פערד האָט מוראדיג אויפגעהירזשעט. אַ ריס געטאָן דעם שוואַכען ציימעל, ווילד צוטראָגען זיך, אַראָפּ פון שליאַך און אַריינגעריסען זיך, משוגענערווייז, צווישען די בוימער. איין טראַסק אַן אַ בוים— און אָפּגעשלאָגען איין האַליאַבליע. נאָך אַ טראַסק — אַ ראָד מיט דער צווייטער האַלאַבליע. און אין איין בלויזען כאַמעט און מיט אָפּגעריסענע לייצעס, וואָס שלעפּען זיך נאָך, איז ער פאַרשוואונדען געוואָרען צווישען די בוימער, איבערלאָזענדיג הינטער זיך אַ הורבע ברוכוואַרג פון וואָגען־ברעטער און רעדער.

דער „לייוועגטענער", זאָל געזונט זיין, האָט אָבער חס ושלום ניט מפסיק געווען. פאַרקעהרט, דערהערענדיג אַזאַ ברום מיט אַזאַ טאַראַראַם, האָט ער זיך, מיט נאָך מעהר דבקות, צושאָקעלט ביים בוים, ווי ביי אַ הויכען עמוד. עפּעס גאָר ניט ווי בשעת אַ סכנה, נאָר ווי ווען אַן עם־הארץ וואָלט, הינטער איהם צו פריה אויסגעגאַנגען שמנה־עשרה און אָנגעמאַכט אַ טומעל...

קוקענדיג אויפן רבין האָט ער, דער שמש, זיך אויך ניט דערוועגט מפסיק צו זיין. וויבאַלד דער רבי, זאָל לעבען, האָט קיין מורא ניט, הייגט וואָס זאָל ע ר מורא האָבען?... האָט ער פאַקוועטשט די אויגען און צושאָקעלט זיך ווי דער „לייוועגטענער" אַליין.

נאָר דער איין באַלעגאָלע, אַ פּראָסטער חי־וקים, ווי ער שטעהט אַזוי שמנה־עשרה, איז ער אַרויסגעלאָפען אינמיטען מיט די תפילין אויפן קאָפּ און אַ לאָז געטאָן זיך נאָכיאָגען און שרייען: „אַי־אַי, דער פערד!" און „אַי־אַי דער וואָגען!"...

נאָר אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז שוין דערזעלבער באַלעגאָ־לע געקומען צולויפען צוריק, ניט־טויט ניט־לעבעדיג. דער „לייווענטענער", זאָל געזונט זיין, האָט שוין גראָד געהאַלטען ביים אויסגעהן שמנה־עשרה.

— רבי! — שרייט צו איהם דער באַלעגאָלע, דער עם־הארץ — ראַטעוועט מיך! כ'האָב דורך די בוימער געזעהן — אַ גרוי־סער בער יאָגט זיך נאָך נאָך מיין פערד... רבי!

דער „לייווענטענער", האָט איהם, אָבער, דעם עם־הארץ, גע־געבען אַ צייכען ניט צו ריידען מיט איהם ביזקעל סוף דאַווענען. און רוהיג, ווי ביי זיך אין קלויז, אָפּגעזאָגט אַלע נאָך־שמנה־עשרה תפילות, וואַרט ביי וואָרט. און דער באַלעגאָלע שטעהט מיט טרעה־רען אין די אויגען און שלינגט יעדען וואָרט. ער וואַרט און קען זיך ניט דערוואַרטען...

אויסגעשפּייט צו „עלינו", אָפּגעדאַווענט — רופט זיך אָפּ דער „לייווענטענער", זכרונו לברכה:

— ניט געדאַרפט מפסיק־זיין, מיין זוהן!

— רבי, — וויינט דער באַלעגאָלע, — מיין פערד... מיין פרנסה! זעהט וואָס פון מיין וואָגען איז געוואָרען...

האָט דער „לייווענטענער" אויף דעם גאָרנישט ניט געענטפערט, נאָר פּאָר זיך געשמייכעלט. צוזאַמענגעלייגט זיין טלית און געמאַכט: בים־באַם־באַם... די זון האָט איהם געשיינט אין שענעם פּנים, באַ־לויכטען די לייווענטענע זשופּיצע, דעם אָפּגעלייגטען חסידישען קאָלנער. ניט־ריידענדיג קיין וואָרט האָט זיך דער רבי געלאָזען געהן מיטן שליאַך צופוס. און דער שמש און באַלעגאָלע, ווי די שטומע אונטערפיהרער, פון ביידע זייטען. אָפּגעגאַנגען אַ וועל־כענע צווי ווייאָרסט האָט ער, זכרונו לברכה, זיך ווידער צושמיי־כעלט און צוגעזעצט זיך אויף אַ פּיען אָפּצורוהען. אין דער זעל־בער רגע האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון אַ גלעקעל. פּיעטרוק דער גוי פון ר' שבתילס שענק איז אָנגעפאָהרען מיטן וועגעל און אַלע דריי, מיט גרויס כבוד, אַראָפּגעבראַכט אַהער...

— אָפּנים, — זיפצט אָפּ ר' שבתיל — דער פריץ האָט נאָך דעם בער פּאָרט ניט דערשאָסען...

ער זיפצט נאָר אַזוי אָפּ פון יוצא װעגן. אַלע ביינער קװעלן אין איהם. מ׳זעהט באַשיינפערליך, אַז ער האָט הנאה װאָס דער בער אין װאַלד לעבט נאָך און װאָס דורך אַ פאַרצוקטען פערדעלע פון אַן אָרימען באַלעגאָלע, האָט ער זוכה געװען צו אַזאַ גדולה, דער „לייװענטענער״ אַליין זאָל צו איהם אַראָפּקומען אין שענק. באַמערקט אָבער דער רבי ר׳ שבתילס הנאה און כמורעט אַן די ליכטיגע אויגען אונטערן שמויסען שטריימעל.

.3

איהר קענט אַליין פאַרשטעהן װי ר׳ שבתיל און הדסה זיין אשת־חיל האָבען אַרומגעפּאַדיעט אַרום אַזאַ געהויבענעם אורח. װאָס ס׳איז נאָר געװען אין שטוב און אין שענק האָט מען אַרױפגעטראָגען אויפן געדעקטען טיש צום אָנבייסען. פון גרויס שמחה האָבען זיי אָפּילו פאַרגעסען אַן דעם באַלעגאָלע, װעלכער איז געזעסען אין אַ װינקעלע מיט טרעהרען אין די אויגען און מיטן בייטש־שטעקעלע אויף די קניע, װי איינער זאָגט: „אַרויסגעפאָהרען מיט אַ גאַנצען פערד און מיט אַ בייער פוהר, און אָט װאָס פון דעם איז געבליבען...״ פאַר אַזאַ פאַרגעסען האָבען אַפּנים דער שענקער און שענקערקע שפּעטער באַקומען זייער שטראָף, אַזוי װי איהר װעט הערען...

הדסה די שענקערקע האָט זיך אַזוי צװואַרימט, אַז זי האָט אַזש אַרויפגעטראָגען אויפן טיש דעם גאַנצען פּאַלומעסוק מיט געפילטע פיש, װאָס זי האָט אָקאָרשט אָנגעקאָכט. נאָר דער „לייװענטענער״, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען, האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ביין״ און האַרבליך אַ זאָג געטאָן: „אָה, אָה... לכבוד שבת!...״ און אַליין ניט צוגעריהרט זיך צו אַלע גוטע זאַכען װאָס מ׳האָט איהם דאָ אָנגעשטעלט, נאָר באַגנוגענט זיך מיט אַ שיסעלע זויער־מילך און מיט אַ פענעצעל קאָרנעם ברויט. און אויך דאָס האָט ער אַליין ניט געװאָלט עסען, נאָר אַפריהער געבעטען רשות ביי ר׳ שבתיל דעם שענקער, װי ביים באַלעבאָס פון

טיש, דערנאָך צוגערופען דעם באַלעגאָלע, געהייסען איהם וואַשען זיך און מאַכען המוציא. אָפּגעגעסען זויער־מילך מיט ברויט, האָט דער „לייוועגטענער" מכבד געווען דעם באַלעגאָלע מיט „רבותי, מיר וועלען בענשען"... איהר הערט אַ מעשה? ניט דעם שמש זיינעם און ניט ר׳ שבתילען, נאָר דעם באַלעגאָלע! אַלץ כדי צו טרייסטען איהם...

און גיב נאָר אַ קוק! מ'האָט נאָך ניט פּאַספּיעט אָפּצובענשען— ערשט פּיעטרוק לויפט ווידער אַריין, מיט אַ נייער בשורה: „כאַ־זשאַין!" — שרייט פּיעטרוק און בוקט זיך. גיט מען דאָך איהם אַ צייכען, ער זאָל שווייגען און וואַרטען ביז מ'וועט אָפּבענשען. נאָר פּיעטרוק קען זיך ניט איינהאַלטען און שיט אויס אין איין אָטעם, אַז דאָ אין אַ נאָהענטען דערפעל, צוויי וויאָרסט פון אַלעק־סאַנדריע, האָט מען נאָר וואָס געכאַפּט אַ פאַרבלאָנדזשעטען פערד. פון וואַלד איז דער פערד אַנגעלאָפען, איינגאַנצען באַדעקט מיט שוים און מיט שטיקער קאָרע אין דער צעפּלאָנטערטער גריווע, מיט אַ כאָמעט און מיט צוויי אָפּגעריסענע לייצעס. לויט אַלע סימנים— דעם באַלעגאָלעס אַנטרונענער פערד.

דער „לייוועגטענער" מאַכט זיך ווי ער הערט ניט. בענשט מיט כונה. און קוקענדיג אויף איהם — דער שמש און ר׳ שבתיל דער שענקער. נאָר דער באַלעגאָלע קען מעהר ניט בענשען. ער שפּרינגט אויף אינמיטען און פאַלט צו צום רבינס פיס אין שיך־און־זאָקען:

— מיט אייער זכות, רבי, איז מיין פערד גאַנץ! מיט אייער זכות!...

מאַכט איהם דער „לייוועגטענער" אַ צייכען „נו, אַה". ער זאָל, הייסט דאָס, אויפשטעהן און לאָזען אָפּבענשען.

פאַרטיג געוואָרען מיט ברכת המזון, זיצט אַ ווייל דער רבי פאַרטראַכט, און ערשט דערנאָך ווענדעט ער זיך צום באַלעגאָלע און דער פנים לויכט ביי איהם:

— איז דעם פערד האָט דיר דער אויבערשטער אומגעקעהרט און פאָרן וואָגען וועל איך דיר באַצאָהלען...

וויינט דער באַלעגאַלע. — „רבי, ווי אַזוי זאָל איך איך אָפּ־דאַנקען?... מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט?"

ברוגזט זיך פלומרשט דער „לייוועטענער" אָן:

— שאַ! ביסט מיין שליח געווען. קומט דיר על פּי דין! נאָר... אינמיטען בענטשען האָסטו ניט געדאַרפט מפסיק זיין...

— רבי, — פאַרשעמט זיך דער באַלעגאַלע — די ביטערע פּרנסה... כ'בין דאָך געווען געבליבען ביים בייטש־שטעקעל...

גיט דער „לייוועטענער" אַ מאַך מיט דער האַנט:

— נו־נו, פאַרשעמען אַן אָרימאַן איז אַ האַרבערע עבירה...

בלייבען אַלע זיצען ביים טיש און האָבען מורא אַ ריהר צו טאָן זיך. וועמען מיינט דאָס דער רבי? — גיט ר' שבתילען דעם שענקער אַ טיאַכקע אין האַרצען: אפשר מיינט מען דאָס איהם? אפשר איז ער ניט יוצא געווען? נאָר דעם רבינס שמש לאָזט איהם לאַנג ניט טראַכטען. ער מאַכט אַ צייכען מען זאָל שווייגען. דער רבי, זאָל געזונט זיין, וויל עפּעס זאָגען. ווערט שטיל אין שענק. אַ פליג הערט מען ניט. און דער קול פון „לייוועטענעם" קלינגט אויף, ווי אַ יום־טובדיגע הפטורה:

— גרויס איז די מצוה פון הכנסת־אורחים... נאָר דער צער פון אַ אידען, וואָס בלייבט אָהן פּרנסה, איז אַ העכערע זאַך... המ... המ... ווי גרויס דער פּראָסט זאָל ניט זיין, טאָר מען ניט וואַרימען די הענט ביי אַ שׂרפה! אידען ברענען!.. מ'קומט דערפאַר אָפּ...

שטעהט הדסה די שענקערקע ביי דער סטאַיקע מיט אויסגע־גלאָצטע אויגען און ר' שבתיל אַליין זיצט ניט־טויט ניט־לעבעדיג. שוין צו גרויס איז געווען זיין הנאה וואָס דער „לייוועטענער" איז אַריינגעפאַלען צו איהם אין שענק. ער האָט זיך אַפילו ניט אומ־געקוקט אויף קיינעם. פון גרויס פרייד געלאָזען שטעהן דעם אָרי־מען באַלעגאַלע אָן אַ זייט, ביז דער רבי אַליין האָט זיך דערמאָנט אָן איהם און גענומען רשות צו טיילען מיט איהם זיין שיסעלע זויער־מילך. וועט ער דערפאַר מוזען אָפּקומען?

נאָך קיין סך צו קלערען און תשובה צו טאָן אויף אַן אָרט לאָזט מען איהם ניט. דער „לייוועטענער" רעדט ווייטער, און עפּעס גאָרניט צו דער זאַך:

— און פאַראַן מינים חיות — זאָגט ער — געהען זיי אויף צווֵיי פיס, ווי אַ מענש, להבדיל. בערען, למשל. זיינען דאָס פאַר־לאָרענע נשמות, גאָט זאָל אונז שומר ומציל זיין. גלגולים זיינען דאָס, וואָס לויטערען זיך אַ צווייטען מאָל אויף דער וועלט אין גע־שטאַלט פון אַ חיה. גאַרען זיי, אַזעלכע חיות, מ׳זאָל זיי מהנה זיין מיט אַ שטיקעל חלה, מיט אַ טראָפּען משקה וואָס איז איבערגע־בליבען פון קידוש. אַזוי זיינען זיי מתקן זייער נשמה...

פאַרטראַכט זיך דער רבי אַ ווײַלע, און אַלע זיצען אין אימה און וואַרטען וואָס דער רבי וועט ווייטער זאָגען.

כאַפּט זיך פלוצלונג אויף דער „לייוועגטענער״ און גיט זיך אַ ווענד צו ר׳ שבתיל דעם שענקער, קוקט איהם אָן זעהר שאַרף און רעדט צו איהם, ווי ער וואָלט איהם געוואָרענט:

— דרך־ארץ, ר׳ שענקער! דרך־ארץ פאַר אַ בער!

— רביניו, — בלייבט ר׳ שבתיל אַ פאַרציטערטער — וואָס מיינט איהר דערמיט?... וואָס דאַרף איך טאָן?

נאָר דער „לייוועגטענער״ ענטפערט ניט מעהר. ניט געווען זיין שטייגער צו ריידען אַ סך, מאַכען פּירושים. ער שטעהט אויף פון טיש, ווינשעוועט די באַלעבאַטים פון שענק אַ כשרן שבת, גיט אַ קוש די מזוזה און לאָזט זיך געהן אינדרויסען.

אין הויף שטעהט שוין געשפּאַנט ר׳ שבתילס פוהרעל מיטן באַלעגאַלעס אַנטרונענעם פערדעל, וועלכען מ׳האָט אָפּגעבראַכט פון נאָהענטען דאָרף. ביז קאָפּוסט האָט ר׳ שבתיל אויסגעבּאָרגט זיין פוהר, וואוהין דער „לייוועגטענער״ פאָהרט צו זיינע קרובים, די שניאורסאָנס, האַלטען שבת. שטעהט אַזוי ר׳ שבתיל ביים אַרויסבאַ־גלייטען דעם רבין און ווייסט ניט צי האָט ער יוצא געווען פאַר זיינע געסט, צי ניט? צי האָט איהם דאָס דער „לייוועגטענער״ גע־בענשט, צי חס־ושלום געשאָלטען? אפשר ביידע זאַכען צוזאַמען. נאָר איין זאַך ווייסט ער אויף געווים, אַז מ׳האָט איהם געוואָרענט פאַר אַ בער...

און דאָ ענדיגט זיך דער אַריינפאָהר צו דער מעשה. און די אמתע מעשה הויבט זיך ערשט אָן.

בערישע קונצען

1.

געהען אַריבער אַ פּאָר חדשים זינט דער „לייוועגטענער" רבי האָט באַזוכט ר׳ שבתילס שענק. ס׳וועדט ימים־נוראימדיג און ס׳קומט אָן די צייט איינצוצאָהלען חכירה־געלט דעם פּריץ. רייסט זיך אָפּ ר׳ שבתיל פון דער גמרא, טוט אָן די שבתדיגע זשופּיצע און איבער דער זשופּיצע — אַ פּראָסטע כאַלמידע, דער אַטלעסענער בגד זאָל ניט פאַרשטויבט ווערען אונטערוועגס. הדסה זיין ווייב פאַרנעהט איהם אין אַ לייוועגטענעם זעקעלע די אַפּותיקו, טוט אָן ר׳ שבתיל די לייוועגטענע טאָרבעלע אויפן האַלז אונטערן העמד, לאָזט אַראָפּ די שפּיצען פון ברייטען חסידישען קראַגען, גאַרטעלט זיך אונטער און זעצט זיך אַריין אין פּיעטרוקס אויסגעבעטען וואָגען.

פאָהרט ער אַזוי דורכן וואַלד אויף אָרשע. ס׳איז שוין אַפילו סוף־זומער, נאָר דער וואַלד איז אַ וואַלד. די סאָסנעס שמעקען מחיהדיג. אַ גאַנצען זומער קוקט דאָך ר׳ שבתיל ניט אָן די ליכטיגע וועלט. טשוכעט ער זיך אַצינד אויס. און אַלץ וואָס ער זעהט איז איהם אַ חידוש. שטעהט אַן אַלטע יאָדלע. וואונדערט זיך ר׳ שבתיל ווי זי וואַקסט. אָט פון דעם מאַכט מען דאָס פּאָמיעלעס? פרעגט ער ביי פּיעטרוקן. „פון דעם כאַזאַשאַין!" שאָקעלט צו פּיעטרוק. און ר׳ שבתיל דאַנקט דעם אויבערשטען וואָס ער האָט באַשאַפען אַזעלכע פאַרטיגע גרינע בעזימער. פשוט משיחס צייטען! און ווי, אַ שטייגער,

וואָלטען דאָס אידישע באַלעבאַסטעס אויסגעקעהרט די אַנגעהייצטע אויוועגס אויף באַקען חלות, ווען ניט אַזעלכע פּאַמיעלע־בוימער? דערזעהט ער אַ וועוויערקע שפּרינגט. פרעגט ער ביי פּיעטרוקן: וואָס דאָס איז פאַר אַ מין חיה אַזאַ? זי בייסט זיך? „ניין, ניין! — מאַכט פּיעטרוק — ס'איז אַ פייעלע, אַ גאָטס באַשעפעניש, קנאַקט ניסלעך בעסער ווי אַ מענש!..." ווערט ר' שבתיל ווייטער נתפּעל. פאַהרט מען אַריין אין די אַפּגעפּאַלענע געלבע בלעטער פון בער־יאַזעס. פאַדיעט דאָרטען אַרום עפּעס אַ גרויסע פעטע מויז מיט שטעכיגע האָר ווי אויף אַ קיילעכדיגען לאָמפּ־בערשטעל. דער־הערט דעם גלעקעל פון פוהר, קנוילט זיך די חיה צוזאַמען. דער־שרעקט זיך ר' שבתיל: זעה, זעה פּיעטרוק! און וואָס איז דאָס? „דאָס, כאַזשאַין, איז אַ יאָזש"! (אַ שטעך־חזירל) א־אַ... וואָס? דערשרעקט זיך ר' שבתיל נאָך מעהר, אַ יאָזש איז דאָך אַ מוראדיגע חיה...

אַז אַ „יאָזש" איז אַ מסוכנדיגע חיה ווייסט ר' שבתיל פונם קאָפּוסטער מגיד, וועלכען ער האָט ניט־איינמאָל געהערט דרשה־נען ימים־נוראים־צייט. דער קאָפּוסטער מגיד גיט אַלעמאָל אַ משל אָקעגען יצר־הרע, אַלעמאָל דעם זעלבען משל. אַמאָל, מאַכט דער קאָפּוסטער מגיד, איז געווען אַ גרויסער מלך. האָט דער מלך צו־זאַמענגענומען אַלע זיינע יעגער, אַלע זיינע הינט. אַלע ביקסען און האַרמאַטען און פּיסטאָלען און פּיסטאָלעטלעך און אַרויסגעלאָזען זיך אין פינסטערען וואַלד כּדי צו שיסען — אַ „יאָזש"...

אָבער פּיעטרוק, דער שענק־גוי, לאַכט גאָר פון דער דאָזיגער חיה. חוזק־חזוקות מאַכט ער פון ר' שבתילס שרעק. ער שטעלט אפילו אָפּ דעם וואָגען און קיצעלט דעם צוזאַמענגעקנוילטען „יאָזש" מיטן בייטש־שטעקעל. „אַ טינוף אַ חיה!" אַזוי באַרוהיגט ער ר' שבתילען. „שטעכט זיך נאָר אַביסעל און איז פול מיט פליי... נאָר ציגיינער עסען אַזאַ מיאוסקייט. לעגען איהם אַרום מיט פייכטען ליים און בראָטען איהם אויפן פייער, די ניעכריסטען. טפו!"

צושמייכעלט זיך ר' שבתיל אין זיין באָרד אַריין און אויפן האַרצען ווערט איהם פרעהליכער: מילא, איז דער קאָפּוסטער מגיד ניט אַזוי באַהאַוונט אינם עניין פון וואַלד־חיות... אַבי דער משל מיטן יצר־הרע קומט ביי איהם גוט אַרויס. אַזוי ווי דער גרויסער מלך

האָט צוזאַמענגענומען אַלע יעגערס און ביקסען און האַרמאַטען און פּיסטאָלען און פּיסטאָלעטלעך, כּדי צו שיסען דעם יאוש, אַזוי זאָלען די מאַנסבילען מיט זייערע תּפילות און די ווייבער מיט זייערע תּחינות צוזאַמענגענעמען זיך און דערשיסען דעם יצר־הרע... אַן אַנטיק אין דער וועלט! אַצינד איז דאָך טאַקע ימים־נוראים־צייט, וואָלט אַ סך גלייכער געווען, ער, ר' שבתיל, זאָל בלייבען זיצען ביי דער גמרא, איידער פאָהרען איבער וועלדער און צוקוקען ווי אַ „יאוש" באַב־רעט זיך אין פוילע בלעטער. נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אַז גראָד אין דער זעלבער צייט קומט אַלעמאָל אויס צו צאָהלען פּאַכטע. דער פּריץ איז אַצינד אויך זיין אימעניע. אַלע תּבואות קומען אַריין אין די שפּייכ־לערס. גיט ער אומעטום אַכטונג דער פּריץ. נעמט צו, צאָהלט אויס. ניט ווי די היינטיגע פּריצים, וואָס הולטאַיעווען אַ גאַנצינקען יאָהר אין פּיטערבאָרג...

פאָהרט אַזוי אָפּ ר' שבתיל אַ פּאָר וויאָרסט און שעפּט נחת ניט־ווילענדיג. וויל זיך אַריינטאָן אין פרומע מחשבות און די עולם־הזה קריכט, אַזוי־צו־זאָגען, פון אַלע שפּאַרונקעס. ער וויל טראַכטען פון תּשובה־טאָן, פון לערנען אַן איבעריגען בלאַט גמרא, און עס שטעלט זיך איהם גאָר פאַר ווי ער וועט דאָס אָפּצאָהלען פּאַכטע ביים פּריץ אין קאַנטאָר. ווי ער וועט שטעלען בראַנפען דעם פּריצס משרתים, ווי ער וועט איבערנעכטיגען אין אַרשע, און מאָר־גען נאָכן דאַוונען איינהאַנדלען וואָס מען דאַרף אויף די ימים־טובים, שיכעלעך די קינדער און הדסהן אַ זיידען טיכעל מיט טערקישע קווייטען. שוין לאַנג אַז זי בעט ביי איהם אַזאַ טיכעל...

2.

נאָר עפּעס גאָר פּלוצים אינמיטען אַזעלכע מחשבות: טרראַך! דאָס פוהרעל טוט זיך אַ זעץ אַן אַ גרויסען שטרויכעל אינמיטען שליאַך, צעהאַצקעט זיך און בויגט זיך אָן אויף אַ זייט. זידעלט זיך פּיעטרוק אויס, אויפן גויעשקען שטייגער, אין דער מאַמען אַריין און אין דער מאַמעס־מאַמען אַריין און קוקט אַראָפּ פון קעלניע.

דערזעהט ער, אַז איין הינטערשטע ראָד האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אַקס. דער פאַרדיעגעכצטער אייזערנער שפּונט איז ערגעצוואו אַרויסגעשפּרונגען... ער קוקט זיך אום, אַן וואָס דער וואָגען האָט זיך דאָס אַזוי געקענט אָפּקלאַפּען און בלייבט זיצען מיט אַן אָפּגעבעם מויל.

— וואָס איז געשעהן? — פרעגט ר' שבתיל.

און פּיעטרוק קראַצט זיך אין פּאַטילניצע און דברט:

— דער „פּיען", טריאַסצאַ יעהאָ מאַטערי! יענער דערזעלבער פּיען, אויף וועלכען כ'האָב געפונען זיצען דעם לייזוועגטענעם ראַבין דיינעם!...

בלייבט ר' שבתיל זיצען אין וואָגען אַן ערשטוינטער. אַ פּרעסטעל געהט איהם דורכן רוקען דורך. ער גלויבט ניט די אייגענע אויערען זיינע. און פּיעטרוק איז זיך דערווייליע־וואָס מטריח, קריכט אַראָפּ און זוכט דעם אייזערנעם שפּונט. ער געפינט איהם ביים סאַמע פּיען, אַן וועלכען מ'האָט זיך אָקאָרשט אָנגעקלאַפּט. בורטשענדיג טוט ער אַן די ראָד, פאַרשטאָפּט די לאָך אין אַקס און לאָזט זיך ווייטער פאָהרען. מען פאָהרט אָבער ניט אָפּ קיין צוויי מינוט ערשט — האָפּ! אַ נייע צרה. דער שווערער כאָמעט אויפן פערדס האַלז עפענט זיך אויף און די דוהע מיטן גלעקעל מיט ביידע האַלאָבליעס שטעלען זיך דיבאָם. צעזידעלט זיך ווייטער פּיעטרוק. לאָזט אויס דעם פויערשען כעס צום פערדס קאָפּ: „קאָליב טאַביאַ פּראַנצי!" און „קאָליב טאַביאַ וואָווקי זאַיעלי!..."*) נאָר וואָס איז דער פערד שולדיג? שטעהט ער, נעבעך, אַ פאַרפּלאָנטערטער און פּירכעט, ווי מ'וואָלט איהם געוועזן מכבד־זיין מיט שמעק־טאַבאַק. איז זיך פּיעטרוק מיט זיין אייגענעם כבוד ווידער אַמאָל מטריח, ער קריכט אַראָפּ פון וואָגען און טאַפּט אַרום דעם אויפגעעפענטען כאָמעט. דערזעהט ער, אַז די אייזערנע שרויף אין פאַרשלאָס איז ניטאָ. אַרויסגעשפּרונגען ערגעצוואו. הויבט ער זי אַן צו זוכען אויפן שליאַך. ניטאָ. געה זוך אַ נאָדעל, הייסט דאָס, אין שטרוי! ווערט שוין ר' שבתיל אונגעדולדיג: „וואָס, פּיעטרוק, מיר פאָהרען

*) פּראַנצען זאָלסטו האָבען, וועלף זאָלען דיך אויפפרעסען!

צום פריץ אין הויפעל, צי מיר פאַהרען ניט?.. אינדערהיים געדאַרפט אַרומזעהן זיך!..״ בורטשעט פּיעטרוק פון עפּעס אַ „ניעטשיסטיאַ־סילאַ״ אין וואַלד. גיט אַ מאַך מיט דער פאַרדיעגעכצטער לאַפּע אויף דער פאַרלאַרענער שרויף און נעמט זיך בינדען דעם כאָמעט מיט אַ שטריקעל. ער פאַרבינדט ווי־ניט־איז, פלאָנטערט אויף דעם גע־שפּאַן און דרעהט מיטן קאָפּ. וואָס פאַר אַ צורה האָט אַ כאָמעט וואָס איז אַזוי פאַרבונדען, מעשה פאַרטאַטש? און ווי לאַנג וועט דאָס האַלטען? און דאָ איז נאָך דער „כאַזשאַין״ חושד, אַז ס׳איז זיין שולד... פאַר גרויס פאַרדרוס גיט זיך פּיעטרוק אַ שטעל־אויף אין וואָגען, צעפּאַכעט זיך מיט דער בייטש איבערן פערדס רוקען און גיט מיט כּוח אַ ציה בּיידע לייצעס. דער פערד גיט זיך אַ ריס פון אָרט. אָבער מיט איהם צוזאַמען רייסט זיך איבער אַ לייצע. דער פערד גיט ניט־ווילענדיג אַ טראַג אָן אַ זייט און פאַהרט אַריין ביז איבער דער דוהע צווישען צוויי סאָסנעס. ניט אַהער ניט אַהין.

לאָזען זיך ביי פּיעטרוקן אָפּ בּיידע פויערשע הענט. „ניע ק׳דאָברו העטאָ!״ (ניט צום גוטען איז דאָס) שאָקעלט ער מיטן קודלאָטען קאָפּ און דרעהט זיך אויס צום באַלעבאָס, כּדי צו הערען וואָס ער וועט דערצו זאָגען. דערזעהט ער, אַז יענער זיצט גאָר מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און קוקט, ווי אַ באַנומענער, אין די בוימער אַריין, איבערן פערדס קאָפּ.

— טשאָהאָ? — דערשרעקט זיך פּיעטרוק — וואָס קוקסטו אַזוי, כאַזשאַין?

— אָט דאָרטען! — שטאַמעלט ר׳ שבתיל — עפּעס אַ ווייסע זאַך! דער „לייוועטענער״ שטעהט דאָרטען...

צלמט זיך פּיעטרוק איבער און כאַפּט אַ קוק.

—ס׳איז ניט דער לייוועטענער, כאַזשאַין! — מאַכט ער — ס׳האָט זיך דיר אויסגעדוכט. אַ בעריאָזקעלע איז דאָס אַ ווייסינקע. פאַרבלאָנדזשעט אַהער צווישען די סאָסנעס — גאָטס בוימעלע...

— ביסט געוועכט, — זיפצט ר׳ שבתיל אָפּ — אַציגד זעה איך אויך. ס׳איז טאַקע אַ בעריאָזקעלע איז דאָס... פאַהר, פאַהר!

קראַצט זיך פּיעטרוק אין פּאָטילניצע:

— זעהסט דאָך, ווי דער שלימזל דער געפּאַדקאָוועטער איז

פאַרקראַכען. אַ האַלבע שעה וועט איצט געדויערן אויסשפּאַנען און איינשפּאַנען... ווילסטו טאַקע פאַהרען?

שווייגט ר׳ שבתיל און טוליעט זיך אין זיין „דעליע”. עפּעס ווי אַ קעלט וואַלט איהם דורכגענומען. רעדט צו איהם פּיעטרוק אַזוי:

— פאַלג מיך, „כאַזשאַין”. לאָמיר זיך בעסער אומקעהרען. וועסט מאָרגען באַצאַהלען דעם פּריץ...

וואונדערט זיך פּיעטרוק. ר׳ שבתיל זיין באַלעבאָס — ניט נאָר ער שרייט אויף איהם ניט אָן פאַר אַזאַ עצה, נאָר ער קריכט אַליין אַרויס פון וואַגען, וואַרפט פון זיך אַראָפּ די וואַרימע „דעליע” און בלייבט שטעהן אין דער אַטלעסענער זשופּיצע, און גיט אַ טאַפּ די טאַרבעלע מיט געלט אויפן האַרצען.

— נאַ, — מאַכט ער נאָך אַ ווײַלע טראַכטען — אָהן מיר וועט דיר גרינגער זיין אויסצוקערעווען, און מיר וועט אָהן דער דעליע גרינגער זיין צו געהן. די פאַר וויאָרסט צוריק אַהיים וועל איך שוין בעסער געהן צו־פוס. וועסט פאַרטיג ווערען מיטן שפּאַן, וועסטו אונטערפאַהרען און מיך נעמען. דאָברע?

— דאָברע, — מאַכט פּיעטרוק — געה געזונטערהייט, כאַ־זשאַין! גלייכער אַזוי.

.3

הויבט אויף ר׳ שבתיל זיינע פיס אונטער דער שבתדי־גער זשופּיצע און לאָזט זיך געהן מיטן שליאַך אויף צוריק אַהיים. ער שפּרייזט אַזוי און טראַכט, ווי אַזוי האָט ער געקענט אַזאַ טעות האָבען? ער געדענקט דאָך גאַנץ קלאָר, ווי צוויי בלאָסע הענט אין ברייטע לייווענטענע אַרבעל האָבען זיך אויסגעשטרעקט דעם פאַר־לאָפּענעם פערד אַנטקעגען. און פּלוצלונג איז גאָר דערפון גע־וואָרען אַ בעריאָזקע. אָן איין איינציגע בעריאָזקע צווישען געדיכטע כאָסנעס. אַ זעלטענע זאַך!...

געהט ער אַזוי אָפּ אַ וויאָרסט, אַנדערטהאַלבען וויאָרסט, און

קוקט זיך אַ פּאָר מאָל אום. אפשר פאָהרט שוין אונטער פּיעטרוק מיטן פאַרריכטעטן געשפּאַן און נעמט איהם אין וואָגען אַריין? פּיעט־רוק פאָהרט ניט. „וואָס קאָפּאָשעט ער זיך דאָס, דער ערל, אַזוי לאַנג? וואונדערט זיך ר׳ שבתיל. אפשר גאָר שטעלען זיך דאַווענען מנחה? בינו־לבינו וועט ער אָנפאָהרען...״ נאָר קיין געדולד איז ניטאָ. אַן אומרוהיגקייט טאָרעט ר׳ שבתילען. ער קען זיך ניט דער־וואַרטען. ער וויל וואָס גיכער זיין אינדערהיים. שפּרייזט ער און וואונדערט זיך אַליין אויפן כוח פון געהן אין זיינע פיס. ער איז דאָך גאָרניט געוועהנט דערצו. ווי קומט אַ לערנער צו געהן אַזוי ווייט? און דאָ — ניט נאָר צוריק אויף אַלעקסאַנדריע, ביז קאָפּוסט וואָלט ער אַוועק אין איין אָטעם. אַן אימפּעט טראָגט איהם.

און קיין גאַנצע שעה געהט ניט אַריבער און ר׳ שבתיל קומט אַן צוריק אַהיים. ניט מעהר ווי דריי וויאָרסט האָט פּיעטרוק פּאָספּע־יעט אָפּצופאָהרען.

דערזעהט איהם הדסה דורכן פענסטערל פון שענק און לויפט אַרויס ניט־טויט ניט־לעבעדיג. פאַרשיט איהם מיט שאלות. אַ אידענע!

— שבתיל! גאָט איז מיט דיר? וואָס האָט פּאַסירט? דאָס געלט איז גאַנץ? און וואו איז פּיעטרוק?

דערצעהלט איהר ר׳ שבתיל די גאַנצע מעשה. ווי דריי מאָל האָט זיך דער וואָגען געמוזט אָפּשטעלען. לסוף האָט זיך איהם דער „לייוועטענער״ מתדמה געווען צווישען די בוימער. כ׳זאָג דיר, פאַרענדיגט ר׳ שבתיל, דאָס האַרץ קלאַפּט מיר נאָך אַצינד...״

— און איך און די קינדער — רופט זיך אָפּ הדסה — האָבען דאָ אויך געהאַט אַ שרעק... וואָס זאָגסטו עפּעס!

— דו אויך?

— אַ בער מיט אַ ציגיינער זיינען דאָ געווען. געבעטען זיך נעכטיגען...

— נו?

— נו־נו! האָבען זיך די קינדער איבערגעשראָקען. קולי־קולות געמאַכט.

ווערט ר׳ שבתיל אונרוהיג:

— וואו־זשע זיינען זיי, דער ציגיינער מיטן בער, הייסט דאָס?

— גאָט צו דאַנקען אַוועק. פטור געוואָרען. כ'האָב פאַר־ריגעלט די טיר און געבעטען אַוועקגעהן.

שפּרינגט אויף ר' שבתיל. באָרד און פאות טרייסלען זיך איהם:

— אידענע! — שרייט ער — אַ מאָדנע אשה וואָס דו ביסט. האָסט שוין פאַרגעסען וואָס דער „לייוועגטענער", זאָל לעבען, האָט אונז אָנגעזאָגט? „דרך־ארץ פאַר אַ בער!.." ווי קענסטו אַפּטאָן אַזאַ זאַך?

— אַי וועה מיר ניט געשעהן! — גיט הדסה אַ פּאַטש מיט ביי־דע הענט — ס'איז מיר גאָר פון קאָפּ אַרויס...

— וואוהין זיינען זיי אַוועק? — קאָכט זיך ר' שבתיל — זויז, וויז! אין וועלכער זייט?

שטאַמעלט הדסה אַ דערשראָקענע:

— אויף... אויף קאַפּוסט דאַכט זיך. אינגאַנצען אַ פערטעל שעה אַז זיי זיינען אַוועק... מיט דער פוהר וואָלט מען זיי נאָך געקענט אָניאָגען.

נאָר ר' שבתיל חסיד וואָרט ניט ביז פּיעטרוק וועט אָנפאָהרען. מאַט און פאַרשוויצט, ווי ער איז, לאָזט ער זיך לויפען מיטן שליאַך אויף קאַפּוסט. דעם רבינס וואָרט איז איהם טייערער ווי זיינע פיס און זיין אַטלעסענע זשופּיצע. ער קוקט אַפילו ניט, וואָס אין וואַלד הויבט אָן טונקעלער צו ווערען. אַן אַנדערש מאָל, פאַרנאַכט, וואָלט ער זיך ניט דערוועגט צעהן קלאַפטער אַפּצוגעהן פון שטוב. נאָר דאָ טראָגט איהם די התלהבות. ער האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט. אַי וואָס, ער וועט דאָך פאַרשפּעטיגען מנחה? וועט ער צו מעריב שטעהן צווי שמונה־עשרהס. ניט אומזיסט, הייסט דאָס, האָט זיך די ראָד אַראָפּגעגליטשט, דער כאָמעט אויפגעבונדען זיך, די לייצע געריסען זיך, און גראָד אויף יענעם אָרט וואו פּיעטרוק האָט אַמאָל געפונען דעם „לייוועגטענעם" אויף אַ פּיען. אַצינד ווייסט ער, ר' שבתיל, אַז די בעריאָזקע איז טאָקע קיין בעריאָזקע ניט געוועזן. ניין, ניין! ס'האָט זיך איהם ניט אויסגעדוכט. ער האָט בעסער געזעהן ווי דער ערל. דער רבי, זאָל לעבען, אַליין האָט דאָס איהם אָנגעוויזען ער זאָל זיך אומקעהרען צוריק, מקיים

זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. מתקן זיין די נשמה פון אַ זינדי־גען, וואָס איז מגולגל געוואָרען אין אַ בער, מיט אַ סקאָרינקע פון שבתדיגע חלה, מיט שיריים פון שבתדיגען קידוש־בראָנפען.

.4

אין יענער צייט, דאַרפט איהר וויסען, זיינען וואַנדער־בערען ניט געווען קיין זעלטענע זאַך. אין אונזערע מקומות פלעגען זיי אַרומפיהרען אַלטע ציגיינער אויף אַ קייט. איין עק פון קייט איז געווען צוגעשמידט צום אייזערנעם רינג אויפן בערס העלזעלע, דער צווייטער עק — צו אַ שטאַרקען דעמבענעם פלאָקען מיט אַן אייזערנעם שפיץ. טאָמער ווערט רבי בער אַ ביסעל ווילד, זאָל זיין אַ שפיז אונטערן האַנד צו לערנען איהם דרך־ארץ, דערמאָנען איהם, אַז ער איז צוגעשמידט... אויסער דעם האָט נאָך דער ציגיינער גע־האַט ביי זיך אַ פייקעל מיט באָם־טשיק־טשאַקלעך, צוגעבונדען צום גאַרטעל, אָן אַ זייט, ווי די טאָרבע ביי סאָלדאַטען. געקומען צו אַ וואַלד, פלעגט דער ציגיינער נעמען באַראַבאַנעווען אין פייקעל אויף וואָס די וועלט שטעהט, כדי צו פאַרהאַקען דעם בער אַ קאָפ, וואָרים ווי נאָר רבי בער דערשמעקט דעם פרישען ריח פון וואַלד, דעם גערוך פון שוועמלעך און סאָסנע־פעך, — מעג דער בער זיין צוגע־וועהנט צו זיין פיהרער וויפיל יאָהרען ער וויל — העלפט דאָס ניט. ער ווערט בייז און צורייצט. ער הויבט אָן גלייך קרימען מיט דער וויכער נאָז, ווי פון חלשות־טראָפענס. ער דערפיהלט גלייך דעם בערישען כוח זיינעם אין די קרומע לאַפעס און די נישטיגקייט פון דעם מענשעל וואָס פיהרט איהם אויף אַ קייט. אַ זלידנער פייערל צינדט זיך איהם אָן אין די אויגעלעך. גיט ער זיך אַ ריס מיט קייט און פלאָקען און אַ וואָרף אַנידער דעם „וואָזשאַטי" (פיהרער). לאָזט זיך דער פיהרער, בשעת דער בער ווערט אַזוי צולאָזען, איז אַזוי וואויל צו איהם. אלא וואָס דען — ניט? ער שטעלט זיך אַקעגען? ער יאָגט זיך נאָך און כאַפט אָן זיין בער פאַרן קייט? — דאַמאָלסט איז זיין לעבען אַ שאָלעכץ פון אַ ציבעלע ניט ווערט. וואָרים רבי

בער איז דאַמאָלסט קאַפּאַבעל צורייסען זיין אייגענעם באַלעבאַס אוף שטיק־שטיקלעך. שוין געטראָפען אַזעלכע מעשות, וואו מ׳האָט דעם „וואַזשאַטי״ געפונען אַ צוטרייבערטען אונטער אַ בוים, און אויבען אויפען בוים זיצט זיך רבי בער מיטן צוגעשמידטען פלאַקען אויפען האַלז. ער גריזשעט זיין קייט מיט רוגזה און כאַפּט אַלע ווײַלע אַ קוק אַראָפּ מיט רוצחישע אויגעלעך אויפען פּגר פון זיין געוועזענעם האַר. ער קרימט דערביי מיט דער חזירשער נאָז, לצ׳עוועט דאַכט זיך: „נו, וואָס? וועסט זיך ווייטער טשעפען מיט אַ בער?..״

ס׳האָט אָבער אויך געטראָפען, אַז נאָכן אָפּטאָן אַזאַ שטיקעלע אַרבייט, האָט זיך ר׳ בער אויסגעטשוכעט, ווי פון אַ שיכּרות, און געבליבען זיצען ביים פּגר אַן אומעטיגער, אַ פאַרזינדיגטער, און די בערישע שקורע ציטערט אויף איהם. אַזוי האָט ער געוואַרט ביז מענשען זיינען אַנגעלאָפען און זיך אָפּגערעכענט מיט איהם...

די „וואַזשאַטעס״ האָבען דאָס אַלץ גוט געוואוסט. און דער־בער, ווי נאָר געקומען צו אַ וואַלד — איז פאַדאַוואַי פּויקען, באַראַבאַנעווען, כּדי דער בער זאָל מיינען, אַז ער געפינט זיך גאָר נאָהענט צו אַ ישוב. און אַט־אַ באַלד וועלען אַנלויפען אינגלעך און מיידלעך, באָבעס און זיידעס וועלען זיך אַרומשטעלען און צוקוקען ווי ער טאַנצט...

אַרויס פון וואַלד — איז ווידער פאַררוקט דעם פּויק־פּלעקעל אין גאַרטעל און גענומען רעדען מיטן בער אויף גאָר אַן אַנדער לשון: קריך, דו קרום־לאַפּניק דו! אַט אַזוי זאָלסטו מיר געהן, דו חזיר־שנויץ דו! און אַזוי זאָלסטו מיר שטעהן! וואָרים אַז ניט קריגסטו באַלד מיטן שפּיז אין זייט אַריין... אַט!

אַנגעקומען אין אַ דאָרף ביים קלויסטערל, אָדער אין אַ אידישער שטעטעל אויפען מאַרק — איז ערשט, מיט גאָר אַ נייער פרישקייט, געהאַקט אין פּייקעל אַריין. די מעשענע באָם־טשיקטשאַקלעך צעצימבלען זיך און דער אַנגעלאָף וואַקסט: „קוקט, קוקט! אַ ציגיינער מיט אַ בער זיינען געקומען!״

און רבי בער אַליין איז זיך טאַקע מטריח און שטעלט זיך אויף די הינטערשטע לאַפּעס, געהט אום ווי אַ מענש, להבדיל, מיט

די צעהן פֿאַדערשטע נעגעל האַלט ער אַ טאָץ אַרומגענומען און דרעהט זיך אַרום ווי אַ סאַרוועך אויף אַ חתונה.

שטעלט אָפּ דער „וואַזשאַטי״ זיין צימבעל און רעדט צום אָנ־געלאָפּענעם עולם מיט זיין ציגיינערשען חתוך־הדבור:

— יענאַ הורעלקאַ כאַטשיטש! („זי״ וויל אַ טרונק בראַנפען).

שטעלט מען אַוועק דעם בער אויפֿן טאָץ אַ פלעשעלע משקה. לאָזט ער פֿאַוואָליע אַראָפּ דעם טאָץ, נעמט אָן די כלי אין די נע־געלדיגע לאַפּעס, שטעלט זיך צוריק אויף „צוויי״, פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ און גיסט אַריין ווי גאָר אַ געניטער פּיאַניצע.

כדי אַ טראָפּען זאָל ניט אַרויסרינען פון גרויסען מויל, פֿאַר־רוקט ער דאָס העלזעל פֿון בוטעל טיף אין דער בערישער גרגרת אַריין און מאַכט בול־בול־בול. מ׳זאָל פֿאַרמאַכען די אויגען וואָלט מען געקענט מיינען: אַ גוי אַ בעל־גוף לאָזט זיך וואוילגעהן אויפֿן יאַריד, וואו ער האָט אָקאָרשט פֿאַרהאַנדעלט, פֿאַר מזומן, זיין גאַנ־צען קאָרן...

אַריינגעגאָסען אַזאַ „כוסה״, באַלעקט זיך רבי בער מיט זיין שוואַרצער צונג, ווי נאָך אַ צימעס פון שוואַרצע יאַגדעס. ער הויבט אויף דעם טאָץ און וויל ווייטער בעטלען אַ ביסעל משקה, שרייט אָבער אויף איהם דער „וואַזשאַטי״ אויף זיין פאַניש־ציגיינערישען לשון, מיט רוגזה כלומרשט און מיט שטראָם־גראָם:

— גענוג דו פּיאַניצע־פּוסטאָפּאַסניק! זויערער קוואַסניק! זאָג אַ דאַנק, דו דיקער, לאַכמאַטער פרעסער און שיכור!

.5

קאַטשעט זיך דער עולם אַרום און אַרום פאַר געלעכטער. און רבי בער שטעלט זיך אויף ווי גרויס ער איז, פֿאַרלעגט די פֿאָ־דערשטע לאַפּעס אויף דער האָריגער ברוסט, דעם גרויסען קאָפּ מיט די אָפּגעקנייפּטע אויערען פֿאַרוואַרפֿט ער אָן אַ זייט, ווי דער תם אין דער הגדה. אַזוי פּויטשעט ער איהם אויף אַלע זייטען. „ער

דאַנקט״, ווערט דאָס אָנגערופען!... דערנאָך ערשט נעמט ער זיך ווייזען זיינע אמתע קונצען.

אָהן בייכער פלעגט מען בלייבען הערענדיג ווי דער וואָזשאַטי קנעלט מיט איהם אויף זיין צוקאַליעטשעטען לשון.

— פּאָקאָזש־נאָ יאַק סטאַרי באַבי, כוואַרי באַבי וויעדרי וואָדי נאָשי! עס הייסט: באַווייז אַקאָרשט ווי אַן אַלטע באָבעצע, אַ קראַנקע באָבעצע, טראָגט וואַסער אין עמערס. — ער זינגט דאָס אויס משונהדיג ווילד, דער אַלטער ציגיינער, מיט אַ קול פון הייזעריגע „יעלות״ און צוציקעלט זיך ביים סוף געזאַנגעלע מיט גרויס כונה: „נאַ—אָ—אָ—שי!״

גיט דער בער אַ נעם דעם שפּיציגען פלאָקען פון קייט און פאַרוואָרפט איהם קרום איבער דער בערישער פּלייצע, ווי אַ קאָראָמיסעל. מיטביידע פאָדערשטע לאַפּעס אָנגעכאַפּט פאַרביידע עקען געהט ער איינגעבויגען אין דרייען. טיאָפּ טיאָפּ אויף די נעגעלדיגע פיס, און בורטשעט און קרעכצט. טאַקע אַן אַלטע באָבעצע מיט צוויי פולע עמערס. אַ טריאַטער!

כדי אונטערצוגעבען איהם מעהר חשק געהט איהם דער „וואָזשאַטי״ נאָך טראָט ביי טראָט מיטן פויק־פּלעקעל און צימבעלט צו: „איזדינק! איזדינק! זדינק־זדינק־דינק!״ אַזעלכע מיני טענער גיט אַרויס דער ציגיינערשער פּייקעל. און עס הערט זיך אין זיי די סומנעקייט פון וואַלד. די הילכיגקייט פון פעלד, דער הו־האַ פון אַ ציגיינערשען טאַבאָר... האָרכט דער בער און האָט קיין העזה־ניט ניט צו פאָלגען.

— פּאָקאָזש־נאָ! — ציקעלט זיך ווייטער דער וואָזשאַטי מיט זיינע האַרטע „למדען״ און מיט זיין שיטערינקען געזאַנגעלע — פּאָקאָזש־נאָ יאַק פּיאַני זאָלדאַט, דראַני זאָלדאַט ווּאַ גראַז וואָלאָאַיאיטסאַ!

ס'הייסט: באַווייז אַקאָרשט ווי אַ סאָלדאַט אַ שיכורער, אַ סאָלדאַט אַ געמיינער — אין בלאָטע וואַלגערט זיך.

אויסגעזונגען מיט אַ באַגרעבעניש־ניגון און דער פּייקעל צעפּייקעלט זיך, ווי אַן אָנגעשפּאָלטענע בלעכערנע כלי:

— איזדינק־איזדינק־זדינק־דינק!

מאַכט זיך רבי בער, אַז עס שווינדעלט איהם נעביך און די נשמה קעהרט איהם אויס. ער געהט און שאָקעלט זיך, אַט־אַ פאַלט ער, דאַכט זיך, און — דערפאַלט ניט. שלעפּט די פיס און פלאָנ־טערט לאַפּע אָן לאַפּע. בויטשעט מיטן קאָפּ. צעשאָקעלט זיך, כּלו־מרשט, ביי אַ קאַנאַווקע און וויל זי אַריבערשפּרינגען. און מיט אַ מאָל — בום! אַ בוכצע זיך געטאָן אין קאַנאַווקע, ליגט אויס־געשפּרייט מיט „הענט און פיס" און כראַפּעט. אַ שכור! זאָל עס פעהלען אַ האָר!

נו, יעדער קונץ האָט רבי בער געמוזט פאַרבייסען מיט אַ טענ־צעל. איהר האָט דאָך מסתּמא געהערט זאָגען „בערישער חן"? איז אָט, אין די דאָזיגע טענצלעך איז געלעגען דער אמתער „בערישער חן". דאָס שאַרען מיט די קרומע לאַפּעס, דאָס וויגען בּלומרשט וויבעריש־איידעל מיט אײן באַקע ביים אָנהויב טאַנץ, דאָס אונ־טערהאַצקען מיטן פלאַכען האַריגען הינטען ביים אַרומדרעהען זיך און דאָס אָפּפאָכען זיך דערביי מיטן לאַטקע־עקעלע, ווי מיט אַ פּו־כענעם פעכערעל, דאָס שנויפלען מיט דעם לאַנגען שנוק און דאָס צו־שמייכלען מיט די זשעדנע אויגעלעך... קיין מאַרשעלאַק אין דער וועלט האָט ניט געקענט אַזוי לוסטיג מאַכען ווי אַזאַ בערישער־ברוגז־טענצעל.

אָפּגעמאַכט עטליכע קונצען און אָפּגעטענצעלט, נעמט רבי־בער ווידער דעם טאַץ אין די לאַפּעס און לאָזט זיך אַוועק בעטלען צווי־שען עולם. טאָמער פוילט מען זיך געבען, בורטשעט ער מיט רוגזה, און דער וואָזשאַטי, מיטן פּייקעל הינטער איהם, העלפט צו:

— הורעלקי — יענאַ. הראַשי — מאַיאַ! ס'הייסט: משקה „זי" — פאַרן בער הייסט דאָס. געלט — פאַר מיר!

עס רעדט זיך נאָר אַזוי „הראָשי"! דער בער פלעגט זיך ניט פוילען און צונעמען אַלץ וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אלף: אַ שטיק ברויט, אַן עפּעל, אַ בייגעל, אַ רעטאַך, אַן איי. אַ מזומנער גראָשען איז אודאי און אודאי גוט. — און דאָס אַלץ פלעגט זיך שיטען פון טאַץ אין דעם וואָזשאַטיס טאָרבע אַריין. איז דער עולם געווען גוט, און געגעבען, פלעגט דער בער ווייזען נאָך אַ קונץ, כאַפּען אַ ניי־עם טענצעל. אלא וואָס דען ניט — איז פאַררוקט דעם פּייקעל מיטן

פּלעקעל אין גאַרטעל, אָנגענומען דעם תּכשיט פאַרן קייט און פאַ־
שאָל! אַוועקגעלאָזען זיך טריט ביי טריט אין אַ צווייטען ישוב, וואו
דער עולם איז נייגעריגער און די האַנט איז ברייטער.

גזלנים אין ר׳ שבתילס שענק

.1

— איז אַט!...—אַזוי דערצעהלט ווייטער לייזערעל וואַיטעק—
דער בער מיטן בערנטרייבער, וואָס האָבען זיך געבעטען נעכטיגען
אין שענק, האָבען געמוזט זיין פון דעמזעלבען סאָרט וואַנדערבערען,
וועגען וועלכע כ׳האָב אייך דאָ דערצעהלט. נאָר הדסה מיט די
קינדער האָבען זיך פאַרט דערשראָקען און פאַרריגעלט די טיר.
פאַרגעסען, וואָס דער „לייזענטענער רבי״ האָט אָנגעזאָגט...

דערהערט פון אַזאַ קבלת פנים, וואָס זיין ווייב האָט דאָ גע־
געבען אַ גלגול פון אַ זינדיגער נשמה, דעם בער, הייסט דאָס, האָט
זיך ר׳ שבתיל גלייך אונטערגעגאַרטעלט. ניט געוואוינט צו געהן
אַ סך צופוס און אַליין אָקאָרשט געקומען צולויפען פון אָרשער
וואַלד אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרסאָפּעטער, האָט ער זיך פונדעסט־
וועגען אַוועקגעלאָזען מיטן קאַפּוסטער שליאַך אַנטקעגען דעם ציי־
גיינער. פון גרויס אימפּעט האָט ער אפילו ניט איבערגעטאָן די
שבתדיגע זשופּיצע, וועלכע ער האָט היינט געוועזן אָנגעטאָן צוליבן
פּריץ. ס׳איז שוין אַריבער די צייט פון מנחה־דאַווענען אויך. דער
אָנזאָג פונם „לייזענטענעם רבין״ איז אָבער, ביי אַזאַ חסיד, ווי ר׳
שבתיל, געוועזן אַצינד חשובער, ווי אַלע זאַכן אין דער וועלט:

„דרך ארץ פאַר אַ בער!״ — האָט דער רבי געזאָגט.

לויפט ר׳ שבתיל אָפּ איבער דעם קאַפּוסטער שליאַך אַ וויאָרסט,
אַנדערטהאַלבען וויאָרסט. ניטאָ קיין סימן פון קיין בער און פון ציי־

גיינער. עס קאַכט איהם אין האַרצען פון פאַרמאַטערטקייט, און פון די פאותן רינט דער שווייס אין ריטשקעלעך. אָט־אָט פאַלט ער אַנידער ר׳ שבתיל, און מיט אַמאָל, גאָר פלוצלינג, ווי פון הימעל, פאַלט איהם אַראָפּ אַ טרוקענער צימבלען פון אַ צימבעל. אינם פאַר־נאַכטיגען וואַלד האָט זיך דאָס מאָדנע הילכיג אָפּגעגעבען, עפּעס סומנע און ניט־געוועהנליך:

— איזדינק־איזדינק־זדינק־דינק!

לויפט דאָך ר׳ שבתיל אויפן קול. נאָר דאָס פייקעל ווערט מיטאַמאָל אַנטשוויגען, און אין וואַלד זעהט מען שוין קוים־קוים־קוים.

פאַרקלעמט איהם דאָס האַרץ, ר׳ שבתילן. עפּעס רייצט זיך מיט איהם דאָ אַ „ניט־גוטער״. גאָט ווייסט, מיט וואָס היינטיגע לויפע־נישען וועלען זיך ענדיגען... ער האָט שוין געהאַט בדעה פאַרקי־רעווען און אַנטלויפען צוריק. נאָר דער בטחון, אַז גאָט וועט איהם העלפען און דער „לייוועגטענער״ וועט איהם ניט פאַרפיהרען צום בייזען, האָט איהם צוגעגעבען פרישע כוחות.

לויפט ער ווייטער און די אויגען בלאָנדזשען אויף ביידע זייטען שליאַך. און גאָר אומגעריכט וואַקסען אויס צוויי שוואַרצע שאָ־טענס לעבען איהם. זיצט אויף אַן אויסגעקאַלכטען שטיין ביים זייט שליאַך אַ ציגיינער, און אַ גרויסער בער שטעהט לעבען איהם אויף די הינטערשטע לאַפּעס. לכתחילה האָט גאָר ר׳ שבתיל געמיינט, אַז ס׳איז אַ ברוינער שטיק שטאָם פון אַ בוים מיט אָפּגעזעגטע אָרעמס. נאָר אַ פּאָר טראָט נעהענטער האָט שוין ר׳ שבתיל דערקענט, אַז ס׳איז אַ לעבעדיגע זאַך, האָריג און גרויס, ווי עוג־מלך־הבשן, און צוויי בערישע אויגעלאַך קוקען איהם אַקעגען כיטרע און לעבעדיג. ווי איינער זאָגט: „וואָס אַזוי שפּעט מיישב געווען זיך, ר׳ שבתיל־לעבען?״

— גוט־נאָוועגט! — מאַכט ר׳ שבתיל צום „וואַזשאַטי״ אויף גויעש. נאָר דער וואַזשאַטי ענטפערט ניט און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ. ברוגז... וואונדערט זיך ר׳ שבתיל: פון וואַנענט ווייסט דאָס דער פרעמדער ציגיינער, אַז ער, און ניט קיין אַנדערער, איז דאָס דער שענקערקעס מאַן, וועלכער האָט איהם אַוועקגעטריבען?

— איך בין דאָס דער באַלעבאָס פון שענק! — זאָגט ר׳ שבתיל מיט אַ קוועטש אויפן „איך״ — קום, קום צוריק!

— ניע! (ניין) — טרייסעלט דער וואַזשאַטי מיטן קאָפּ. ס׳הייסט, ער געהט ניט. און דער בער ברומט אונטער, איז מסכּים מיטן באַלעבאָס...

— קום! — בעט זיך ר׳ שבתיל און ציטערט מיט אַלע אבֿרים — קום, גוטער מענש, צוריק! מיין זשינקאַ האָט דיך ניט אַרייַנגעלאָזט. אַ אידענע!

— ניע!— טרייסעלט דער ציגיינער מיטן קאָפּ, שטעהט אויף און גיט אַ צופּ די קייט פון בער. הויבט אָן אַוועקצוגעהן.

לויפט איהם ר׳ שבתיל נאָך און טענהט:

— סטייטש, די קינדער האָבען זיך דערשראָקען. איך בין אין שטוב ניט געווען. דאַרפסט דאָך פערשטעהן! צווי וויאָרסט בין איך דיר נאָכגעלאָפען צופוס. בעט איך דיך, נעם ניט אָן פאַר אומגוט און קום צוריק! כ׳וועל דיר געבען וואו צו נעכטיגען און עפּעס איבערצובייסען וועסטו אויך קריגען.

גיט שוין דער ציגיינער אַ שמייכעל. עפענט אויף אַ מויל מיט ווייסע ציין. און דער בער עפענט אויך אויף אַ מויל. בלישטשען ביידענס ציין אין דער סומנעקייט פון וואַלד. מענש און חיה פאַרשטעהען זיך, און ר׳ שבתילן דוכט זיך, אַז ס׳איז גאָרניט גלאַט אַזוי אַ שמייכעל. ניט קיין גויעשער שמייכעל, ניט קיין חיה׳שער.

2.

פיהרט ער אַזוי מיט מזל דעם בער און בערנטרייבער פון קאָפוסטער וואַלד אַהיים, און הדסה׳ די שענקערקע וואַרט אָפּ ביים שליאַך, ניט וויט פון שענק, קוקט די אויגען אויס. עס טונקעלט שוין און עס איז שווער צו זעהן אינדערווייטענס. דערהערט זי מיטאַמאָל אַ קלונג פון אייזענס. און ביסלעכווייז אַנטפּלעקט זיך פאַר איהרע אויגען אַזאַ מין סצענע: אַ גרויסער בער געהט דיבאָם און קלינגט מיט דער שווערער קייט אויפן האַלז. און פוןביידע

זייטען — צוויי נעבעכדיגע מענטשלעך. פון איין זייט אַ שוואַרצער גוי מיט אַ פּייקעל אין גאַרטעל און מיט אַ שפּיציגען פלאָקען אין האַנט. און פון דער צווייטער זייט — ר׳ שבתיל, איהר מאַן אין זיין אָט־לעסענער זשופּיצע. שפּרייזט אַזוי רבי בער, ווי אַ מאָוימדיגער חתן־בחור, צווישען צוויי קליינע אונטערפיהרער. מיט אַ פאַררייסענער קאָפּ שטעלט ער לאָפּעס. נעמט, אַ פּנים, אָן אַזאַ כבוד, ווי אַ זאַך, וואָס קומט איהם. אַ ביסעל נעהנטער דערזעהט הדסה, אַז ר׳ שבתילס פּאַשוויצט פּנים לויכט ווי ביי אַ גליקליכען מחותן, און זי דערהערט ווי אינם בערישען האַלז גראַגערט דאָס און עס כריפּעט פון צופרידענקייט. אַ בער, אַז ס׳איז איהם וואויל, בורטשעט אַלע מאָל אַזוי.

אָנגעקומען צוריק אין שענק מיט אַזאַ פּאַראַד און מיט אַזעלכענע חשובע געסט, גיט קודם־כל ר׳ שבתיל אַ פרעג ביי זיין פּלוניתטע:

— נו, וואָס? געקומען שוין פּיעטרוק?

דערהערט ער אַ תשובה, אַז דערווייל איז ער נאָך ניט געקומען, פּיעטרוק, דער גוי פון שענק.

— וואָס טוט זיך דאָ היינט?... — ווערט שוין ר׳ שבתיל אומרוהיג ניט אויף קאַטאָוועס — וואו־זשע איז ער פּאַרט, פּיעטרוק? אינגאַנצען דריי וויאָרסט פון דאַנענט איז ער שטעקען געבליבען. אָט־אָ, האָט ער געזאָגט, פאַרריכט איך די לייצע און איך פאָהר־אונטער!

— ער וועט גאַנץ זיין! — טרייסט איהם הדסה, כאָטש איהר אויפן האַרצען איז עפּעס אויך קאַלעמוטנע.

— ס׳וואָלט ניט געווען אַזוי פינסטערלעך — ציהט זיך ר׳ שבתיל אַ האָר פון באָרד — וואָלט איך צוגעלאָפען אַ קוק טאָן.

— גענוג דיר שוין היינט אַרומצולויפען! — בייזערט זיך הדסה אויף איהם אָן — אַ נאָווינע ביי פּיעטרוקן! מסתמא אַ „קום" (אַ קרוב) זיינעם אָנגעטראָפען אויפן אָרשער שליאַך...

— אפשר ביסטו גערעכט — איז מסכים ר׳ שבתיל — נאָר געה מאַך אָן אָרט פאַרן גוי צום נעכטיגען און זעה מהנה צו זיין דעם בער זיינעם אויך. אפשר איז דאָ אַ סקאָרינקע פון שבתדיגע

חלה?... געדענק, וואָס דער „לייוועטענער״, זאָל לעבען, האָט אונז אָנגעזאָגט...

פלייסט זיך הדסה און טוט דעם רצון פון איהר מאַן. זי דער־לאַנגט מיט אַ ביסעל פּחד ברויט און זויערמילך פאַרן ציגיינער. אַ גרינע ציבעלע און אַ טרונק בראַנפען. און פאַרן בער — אַ פאַר־טריקענטען שטיק שבתדיגע חלה. אַ זיסע ריבען.

בוקט זיך דער גוי ביזקעל גאַרטעל, בוקט ער זיך פאַר הדסהן און פאַר ר׳ שבתילען און פאַר ר׳ שבתילס קינדער, וואָס זיינען אַרויסגעלאָפען אויפען בייז וואונדער און טוליען זיך ביי דער מאַמען אין פאַרטוך. ער ווינשעוועט זיי, דער גוי, אויף זיין גויעשקען שטיי־גער: אַ דאַנק דיר, כאַזשאַין, און אַ דאַנק דיר, כאַזשאַיושקע! און אַ דאַנק אייך, פאַניטשי! (יונגע האַרען), און דער בער טוט איהם נאָך, בוקט זיך אויך, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ ווי דער תּם אין דער הגדה און אין האַלז גראַגערט ביי איהם פון בערישער צופרידענקייט.

אָפּגעגעסען, געקומען איינצולייגען די שענע אורחים שלאָ־פען, כאַפּט מען זיך, אַז ס׳איז ניטאָ וואו. פאַרן גוי אַליין וואָלט מען שוין געקראָגען אַן אָרט, אין פירהויז אָדער אין קיך. נאָר ניט פאַר אַזאַ „גידול״ ווי דער בער איז. איין קעהר מיטן הינטען, מאַכט ער אַ תּל פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט. סיידען אין שפּייכלער מיט היי.

נאָר ווי אויף צו להכעיס, האָט מען היינט געבראַכט די לעצ־טע וועגענער היי אויף ווינטער, פאַר דעם פערד און בהמה. אָנגע־פּראָפּקעוועט דעם שפּייכלערל אַזוי, אַז די טירעל האָט זיך קוים פאַרקייטעלט. פוילט זיך ניט ר׳ שבתיל, טוט פון זיך אויס די אַט־לעסענע זשופּיצע, פאַרקאַטשעט די אַרבעל און נעמט זיך אַרויס־גראַבלען פון אָנגעשטאָפּטען שפּייכלער מיט זיינע לומדישע הענט. געהט אָפּ מיט שוויס, ביז דער ערל דערזעהט, וואָס ר׳ שבתיל מיינט דאָ צו מאַכען און צוליב וועמען ער וויל דאָס מאַכען. כאַפּט ער איהם אָן פאַר אַן אַרבעל און לאָזט איהם ניט מעהר. שמייכעלט צו איהם מיט די ציגיינערשע ווייסע ציין.

— ניאָ טרעבאָ! — מאַכט ער צו ר׳ שבתילען און ווייזט אָן

אויפן בער — יענאַ — שיפּקאַ! (מען דאַרף ניט. „זי" וועט גיך!...) ס'הייסט, דער בער וועט גיכער מאַכען.

און דער ציגיינער גיט אַ טורקע דעם בער מיטן שפּיציגען פלאָקען און שרייט אויף איהם אַן. און רבי בער איז זיך מטריח און נעמט איבער ר' שבתילס שווערע אַרבייט.

מיטביידע האָריגע אָרעמס, ווי מיט אַ מאוימדיגען צוואַנג, שעפּט ער פון שפּייכלער גאַנצענע הורבעס מיט היי און וואַרפט זיי אין הויף. אין עטליכע מינוט אַרום איז פאַרטיג אַ גרויסע באַרג. און דער ציגיינער קריכט אַריין טיף אין היי און שלעפט נאָך זיך נאָך דעם בער אויפן קייט...

ווינשט איהם ר' שבתיל אַ גוטע נאַכט און פאַרמאַכט דאָס היל־צערנע טירעל. געלויבט דער אויבערשטער! יוצא געווען פאַרן בער און פאַרן בערענטרייבער לכל הדעות. נאָך מעהר ווי דער „לייוועג־טענער", זאָל לעבען, האָט מרמז געווען...

אָבער פּיעטרוק? וואו איז פּיעטרוק מיטן וואָגען? פּיעטרוק אַהער פּיעטרוק אַהין. ניטאָ נאָך פּיעטרוק.

.3

אַ פאַרדאגהטער האָט ר' שבתיל אָפּגעגעסען וועטשערע. אַלע געשעהענישען פון היינטיגען טאָג, זינט ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואָגען, כדי צו פאָהרען צום פּריץ, האָבען איהם אויסגעזעהן אויסטערליש. ס'האָט זייך איהם געפּלאָנטערט אין קאָפּ דער וואַלד, דער שליאַך, די אַראָפּגעגליטשטע ראָד, דער אויפגעריסענער כאָ־מעט, די געפּלאַצטע לייצע, דאָס לויפען צוריק אַהיים צופוס. דער־נאָך — דער וואַנדער־בער, דער ציגיינער... און מיד פון אַלע לויִ־פענישען און האָרץ־קלאַפּעניש, איז ער קוים איינגעזעסען ביים טיש און געבענשט.

פאַרזאָרגט איז אויך געווען הדסה די שרעקעדיגע: ווי אַזוי זשע וועט שבתיל מאָרגען נאָכאַמאָל פאָהרען צום פּריץ, אַז פּיעט־רוק מיטן פערד און פוהרעל זיינען פאַרפאַלען געוואָרען? מ'וועט

מאַרגען מוזען דינגען אַ פוהרעל מיט אַ פרעמדען גוי. מיטן פריץ שפּילט מען זיך ניט... נאָר ווי אַ געטרייע ווייב, וויל זי ניט לייגען דעם מאַן קיין שטיינער אויפן האַרצען. מאַכט זי צו ר׳ שבתילען אַזוי:

—גענוג וועט דיר שוין זיין צו פינטלען מיט די אויגען אויפן לאַמפּ! געה און לעג זיך בעסער שלאָפען. ס׳איז אויסגעבעט. ער וועט גאַנץ זיין דער פּיעטרוק.

און ר׳ שבתיל האָט געפאָלגט זיין ווייב און אונטערגעקראָכען אונטער דער פּערענע. ער האָט נאָך קוים פאַספּייעט אָפּלייענען קריאת שמע, ווי ער איז שוין איינגעשלאָפען, פאַרלאָזענדיג זיך אויפן רבונו של עולם, אַז אַלץ וועט זיין צום גוטען.

דערהערט, אַז דער מאַן פייפט מיט דער נאָז, איז הדסה אויך די ציפּקעלעך אַרויס פון שטוב און אָנגעשפּיצט זיך, צי הערט מען ניט פּיעטרוקס וועגעל אָנקומען איבערן שליאַך? זאָל מען עס האַרכען אַ פּיפּס! שטיל. אַפילו פון היי־שפּייכלער, וואו דער ציגיינער שלאָפט מיט זיין בער, הערט מ׳עז קיין אָטעם ניט. וואונדערט זיך הדסה: ווי קומט דאָס אַ בער און אַן ערל זאָלען „פאָפען״ און ניט כראָפּען? אַריינקוקען בייטאָכט אין שפּייכלער גלוסט זיך איהר ניט. עס פּאַסט אויך ניט פאַר אַן אשה... מיטאַמאָל דערכאַפּט זי מיטן אויער עפּעס אַ שושקעניש. מען שעפּטשעט זיך, צי בוימער פלאַפּערן? הינטער דער בלינדער וואַנט פון שטוב וואַקסען אַ פּאָר בוימלעך. זאָלען דאָס זיין די בלעטעלעך? אַ שוידער נעמט זי דורך. איהר דוכט זיך אויס, אַז אימיצער טשיקעוועט אויף איהר פון דער נאַכט אַרויס. לויפט זי אַריין צוריק אין שטוב, פאַרריגעלט די פירהויז־טיר און לעגט זיך אין בעט.

נאָר שלאָפען שלאָפט זיך איהר ניט. אָנגעהאָרעוועט האָט זי זיך אַפילו אַ גאַנצינקען טאָג אין קיך און אין שענק, אָהן עין הרע. אַ באַלעבאָסטע פון אַמאָליגע צייטען! בפרט ווען דער שטוב־גוי און דער מאַן זיינען היינט געווען אָוועקגעפאָהרען... זי פאַרשטעהט אַליין ניט פאַר וואָס זי איז אַזוי אומרוהיג. דעם מאַן האָט זי, כלו־מרשט, געטרייסט, אַז ס׳איז גאָרנישט, און אַליין שרעקט זי זיך. פאַרוואָס ווייסט זי ניט. טראַכט זי און דערמאָנט זיך, אַז שוין היינט

בייטאָג איז איהר עפעס געווען קאַלעמוטנע אויפן האַרצען. בערך אַ שעה, איידער ר׳ שבתיל, איהר מאַן, האָט זיך גערירט אין וועג אַריין צום פריץ, זיינען אַריינגעקומען אין שענק צוויי גוים בעמען אַ טרונק בראַנפען. מאָדנע גוים. אַפריהער זיינען זיי געשטאַנען דרויסען און גערעדט מיט פיעטרוקן, וועלכער האָט געהאַלטען איינמיטען איינשפּאַנען דעם פערד. דערנאָך ערשט זיינען זיי אַריין אין שענק. ביי ביידען האָבען געשטעקט הילצערנע העק־הענטלעך פון די טאָרבעס אַרויס. און ביי ביידען זיינען די פנימער געווען פינסטער. איינער אַ געשטופעלטער, אַ הויכער, מיט שמאָלע טאָטערישע אויגען. דער צווייטער אַ קלענערער, אַ ברייט־פלייציגער, אַ קורנאָסער, מיט אַ שראַם אויפן באַק. ביידע האָבען זיי אויסגעזעהען ווי האָלץ־העקער, וואָס זוכען אַרבייט אין די ישובים אויפן שליאַך, אַזוי ווי עס טוען אַסך אָרעמע גוים נאָכן שניט, ווען די אַרבייט אויף די פעלדער ענדיגט זיך. נאָר אָט די צוויי גוים מיט די העק אין די טאָרבעס האָבען דאָ קיין אַרבייט ניט געבעטען. עס איז איהר לכתחילה גאָרניט איינגעפאַלען, פון וואַנענט אַזעלכע האָלאָדראַנצעס האָבען דאָס געלט אויף בראַנפען?... יאָ, אַצינד דערמאָנט זי זיך, בשעת זי האָט זיי אָנגעגאָסען די צווייטע כוסה, האָט זי ביים הויכען געשטופעלטען גוי דערכאַפּט אַ קרומען קוק. ער האָט מיט איין אויג געקוקט אויף ר׳ שבתילן, ווי ער גאַרטעלט זיך אונטער צו פאָהרען אין וועג אַריין, און מיטן צווייטען אויגעל אויף איהר, אויף הדסהן ביים סטאָיקע. „טשאַהאָ טיאַביע? (וואָס ווילסטו?) — האָט זי איהם האַסטיג אַ פרעג געטאָן, כדי אָפּצוווענדען זיין קוק פון ר׳ שבתילס הכנות... „פיאַרצו!״ (פעפער) מאַכט צו איהר דער געשטופעלטער הויכער גוי מיט פונקט אַזאַ האַסטיגקייט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַזאַ פרעגען און אָנגעגרייט אַן ענטפער. פעפער, הייסט דאָס, זאָל מען איהם אַריינשיטען אין גלעזעל. וואָרים די הורעלקאַ איז איהם ניט גענוג שטאַרק... איהר, הדסהן, האָט זיך אָבער אויסגעדוכט, אַז ס׳איז נאָר אַן אויסרייד, כדי זי זאָל איהם דאָ צופיל ניט נאָכקוקען.

ווי אַזוי זשע איז דאָס איהר אינגאַנצען אַרויס פון קאָפּ? אַצינד דערמאָנט זי זיך. שבתיל האָט איהר צוגעשריען זי זאָל וואָס ווענ־

גער דברן מיט די גויים. זאָלן זיי אָפּזויפּען און געהן, וואָרים ער מוז נאָך אָפּעסן וואַרמעס און פאָהרען...

באַלד נאָכן צווייטען טרונק בראָנפען מיט פעפער זיינען טאַקע ביידע גויים אַוועק. פאַרן פאָהרען איז דער קאָפּ געווען פאַרדרעהט. האָט זי דאָס אינגאַנצען פאַרגעסען. און אָט דערהערענדיג ווי די בוימלעך שושקען זיך הינטערן שטוב, האָט זי זיך דערמאָנט. פאַר וואָס גראָד אַצינד? איהר פאַרדריסט, וואָס זי האָט ביי פּיעטרוקען ניט געפרעגט מכוח וואָס די האָלץ־העקער מיט די טאַרבעס האָבען מיט איהם אינדרויסען גערעדט. פאַרפאַלען. פּיעטרוק איז ניטאָ... צי איז דאָס עפּעס, חס ושלום, ניט קיין אָפּגערעדטע זאַך? נאַרי־שע זאַכען. פּיעטרוק דינט שוין ביי זיי אין שענק באַלד זיבען יאָהר. רעדט שוין אידיש ווי אַ גר. נאָר אַ גוי בלייבט אַלעמאָל אַ גוי.

פון איהר פרומען מאַן ווייסט זי, אַז צו שלעכטע מחשבות פאַרן שלאָף איז די בעסטע סגולה צו לייענען קריאת־שמע. און טאָ־מער העלפט ניט איינמאָל — לייענען אַ צווייטען מאָל. לייענט זי מיט כונה, וואָרט ביי וואָרט איינמאָל, און הויבט אָן לייענען אַ צוויי־טען מאָל. פּאַספּייעט זי ניט אָפּצולייענען ביזקעל סוף און שלאָפט אויך איין גאַנץ געשמאַק, ווי ר' שבתיל, איהר מאַן.

זי האָט דערנאָך אַליין ניט געוואוסט, הדסה, ווי לאַנג זי איז אַזוי געשלאָפען. נאָר גאָר פּלוצלונג רייסט זי אויף פון שלאָף אַ טראַסק אין טיר. זי גיט אַ קוק אויף שבתילען. ר' שבתיל שלאָפט האַרט מיט דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. וויל זי איהם ניט וועקען, כאַפּט אויף זיך אַרויף אַ בגד און לויפט אין פאַרהויז עפענען. גע־לויבט דער אויבערשטער: פּיעטרוק מיטן וועגעל איז צוריקגעקו־מען...

— פּיעטרוק, דו? — פרעגט זי בשעתן אויפריגלען, גלאַט פון יוצא וועגען. בייטאָכט דאַרף מען אַ פרעג טאָן.

נאָר אינגאַנצען ריגעלט זי ניט אויף. זי בלייבט שטעהן. איהר דאַכט זיך, אַז מ'האָט עפּעס אַ שעפּטש געטאָן אויף גויעש. איז דאָ פּיעטרוק ניט איינער אַליין?

— פּיעטרוק, דו? — פרעגט זי איבער און דאָס האַרץ קלאַפּט איהר.

— פּיעטרוקן — ענטפערט איהר אַ הייזעריגער קול — האָבען מיר אין אַ וואַלד געפונען! אַ... געשאָכטענעם. געבראַכט איהם אַהער...

ווערט דאָך הדסה אַ פאַרצאַפּעלטע: וואו? וואָס? ווי אַזוי?... דער קול פון דעם וואָס רעדט הינטערן טיר, איז איהר עפּעס אַביסעל באַקאַנט. כאַפּט זי זיך ווייטער צום ריגעל... איהר שפּילט זיך מיט אַ אידענע, ווען זי פאַרלירט דעם קאָפּ? אין דעם גרעסטען אומגליק וועט זי דאָך אייך אַריינשפּרינגען. נאָר איידער דער עק פון ריגעל געהט אַרויס פון אייזערנעם רינג, גיבען די אייזענס אַ בראַזג, די אַלטע טיר פון פירהויז פּראַלט אויף און אַליין באַקומט זי, הדסה, אַ שטויס און אַ וואָרף־אַריין אינמיטען פירהויז. אַ הויכער, געשטופּעלטער גוי רייסט זיך אַריין, נאָך איהם אַ קורנאָסער, אַ ברייטפּלייצעדיגער. די טאָרבעס אויף די פּלייצעס און די העק אין די הענט.

— אַי, שבתיל! — טוט זי אַ געשריי און דערשרייט ניט. וואָרים אַ האַרטע לאַפּע פאַרשטאָפּט איהר דעם מויל. אַ האַלב־דערשטיקטע, אַ פאַרחלשטע, דערקענט זי אָבער פאָרט, אַז דאָס זיינען דיזעלבע צוויי גוים — האַלץ־העקער, וועלכע האָבען דאָ הײנט בייטאָג געטרונקען בראַנפען מיט פעפער.

הילף פון אלע זייטען

1.

פונם טומעל אין פירהויז גיט זיך ר׳ שבתיל אַ כאַפּ־אויף, פון טיפען שלאָף, און בלייבט זיצען אויפן בעט מיט אָפּגעחלשטע הענט און פיס.ביים שיין פון נאַכט־ליכטעל אויפן קאַפּטער דער־זעהט ער אַ זאַך, וואָס זעהט איהם אויס ווי אַ בייזער חלום. צוויי גע־זונטע גויים מיט גזלנישע פּנימער און מיט העק אין די הענט שלע־פּען אַריין הדסהן זיין ווייב אַ האַלב־געחלשטע און לאָזען זי זיצען אויף דער פּאָדלאָגע אינמיטען שטוב. דערזעהן ר׳ שבתלען אויפן בעט, מיט דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, גיט זיך צו איהם דער הוי־כער גוי אַ וואָרף און פּאַכעט מיט דער האַק:

— דאָס געלט וואו איז? זשיד!

— וועלכע געלט? — שטאַמעלט ר׳ שבתיל מיט אָפּגעשטאַר־בענע ליפּען.

— וואָס דו האָסט געפיהרט צום פּריץ, דו הינטישער זוהן!

און דאָ כאַפּען זיך אויף די קינדער און שרייען גוואַלדען. הדסה קריגט לשון און צעיאָמערט זיך. נאָר דער הויכער געשטופּעלטער גוי לאָזט ניט וויינען. ער צעפּאָכעט זיך אויף אַלעמען מיט דער האַק און שיפּעט הייזעריג:

— ציץ, ציץ!*) אַ פּיפּס, זשידאָווסקע אַטראַדיע, זאָל מען פון

---

*) שטיל, שטיל!

איך ניט הערען! ווארים איך צעהאַק אייך דאָ אַלעמען, אויף פּיץ־פּיצלעך צעהאַק איך אייך!

ציטערן אַלע ווי אַ בלאַט, יעטוועדער אין זיין ווינקעלע, און אין שטוב ווערט שטיל. נאָר הדסה בעט זיך, מען זאָל רחמנות האָבען אויפן מאַן און קינדער.

קוקט זי אָן דער הויכער, געשטופּעלטער גוי מיט אַ געזאַלצען שמייכעלע, נעמט זי דורך מיט זיינע שמאָלע גזלעוואַטע אויגען אַזוי, אַז הדסה געהט דורך אַ קעלט דורכן רוקען.

— גוט, — מאַכט ער, דער גזלן — וואָס דו האָסט אונז פאַרשפּאָרט אַ טרחה. וואָלסטו ניט אויפגעריגעלט, וואָלטען מיר די טיר אַליין אויפגעבראָכען. מיר׳ן דיך דערפאַר אַ גלעט טאָן, באַלע־באָסטעצקע...

און צו ר׳ שבתלען ווענדעט ער זיך אַזוי:

— בקיצור, מאַשקע, אָדער „שעפּציל״ (שבתיל). ווי הייסטו דאַרטען? די מעשה דערפון איז אַזוי: מיר האָבען אויף דיר געוואַרט אין וואַלד ביים שליאַך דו זאָלסט דורכפאָהרען. דער טייוועל האָט דיך אויסגעהיט. זיינען מיר געקומען אַהער, צו דיר... דאָס געלט גיב אַהער! אַז ניט טוען מיר דיר דאָס, וואָס מיר האָבען געטאָן מיט דיין פּיעטרוקען...

— שבתיל, דו הערסט? — שרייט־אויף הדסה — שבתיל!

— מאַך ניט קיין געוואַלדען! — גיט איהר אָן עצה דער קלע־נערער גוי, דער קורנאָסער מיטן שראָם אויפן באַק. ער האָט, ווייזט אויס, יאָ אַביסעל רחמנות געקראָגען. — מיט קולות — מאַכט ער — וועסטו גאָר ניט מאַכען. זאָג בעסער דיין „שעפּצלען״, ער זאָל אונז אָפּגעבען דאָס געלט. מיר זיינען „דושעהובען״ (רוצחים), זיינען מיר. מיר אַנטלויפען פון קאַטאָרגע. אויפן מיטען עטאַפּ האָבען מיר צעמזיקט די קאָנוואָיניקעס און אַנטלאָפען. מיר האָבען ניט וואָס אָנצוווערען, קראַסאַוויצע! אָט דעם הויכען, געשטופּעלטען זעהסטו? ס׳איז טימאָשקאָ דער האַלזשניידער. און איך בין אַפאַנאַס קורנאָסי. אויך נישקשה פון אַ ראַזבאָיניק. דער אוריאַדניק פון מאָהליוו יאָגט זיך נאָך אונז אַרום אויפן שליאַך — האָבען מיר זיך איבערגעטאָן ווי די מוזשיקעס, ווי די האָלצהעקער־האָלאָדראָנ־

צעס. איצטער ווייסט איהר שוין מיט וועמען איהר האָט צו טאָן?

— שבתיל, דו הערסט? — ברעכט הדסה די הענט — גיב זיי שוין אָפּ דאָס געלט און ראַטעווע אונז...

דאַרף זיך נאָך שבתילען פּאַרוועלען טאָן אַ נאַרישקייט און אָנ־הויבען בעטען זיך ביי די ראַזבאַיניקעס, מ׳זאָל אויף איהם רחמנות האָבען, ווארים אויב ער וועט ניט אָפּצאָהלען פּאַכטע אין אַ טאָג אַרום, וועט מען איהם און ווייב און קינדער אַרויסוואַרפען פון שענק...

צוברענט זיך אין דעם גרויסען, געשטופּעלטען גוי די רציחה:

— אַך, דו דינגסט זיך נאָך? דו זשיד!... מיט טימאָשקען דינגסט זיך? וואַרט אַקאַרשט!

און ער כאַפּט אַרויס אַ שטריק פון טאַרבע און בינדט, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, ר׳ שבתלען, ווי אַ קאַלב צו שחיטה. הענט און פיס בינדט ער איהם.

— אַצינד — צולאַכט זיך טימאָשקע — אי דאָס געלט וועל איך צונעמען, אי קיין לעבעדיגער וועסטו פון מיינע הענט ניט אַרויס...

דערזעהט ר׳ שבתיל, אַז ער האָט דאָ ערגער געמאַכט, בעט ער זיך שוין:

— אָט דאָ אויפן האַלז ביי מיר איז דאָס טאַרבעלע מיט געלט! נעם־צו, טימאָשקע־סערצע, און האָב רחמנות!

טימאָשקע גיט אַ ריס־אויף די העמד אויף ר׳ שבתילס האַרץ און רייסט אָפּ דאָס לייווענטענע זעקעלע מיט די פּאַכטע־געלט.

— געדאַרפט פריהער זאָגען! — גיט ער ר׳ שבתילען אַ שטויס מיט דער לאַפּטיע אין זייט. אַצינד וועט אונז דיין „חייטשקע" מוזען עפּעס צוצאָהלען...

ער קוקט אָן הדסהן מיט זיינע טאַטערישע אויגען. און אין שטוב ווערט שטיל ווי אויף אַ בית.הקברות. אַפילו די קינדער האָ־בען מורא אַ ריהר צו טאָן זיך.

גיט טימאָשקע אַ שפּרונג־צו צו דער סטאַיקע און גיט אַ כאַפּ דעם שטאָף בראַנפען, וועלכער שטעהט אַלעמאָל גרייט פאַר אָנגע־קומענע באַלעגאָלעס. ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און הויבט אָן זוי־

פען גלייך פון שטאָף. אָפּגעטרונקען אַ רעכט ביסעל, גיט ער איבער די פלאַש דעם קורנאָסען חבר זיינעם, אַפּאַנאַסקען. אַזוי בייטען זיי זיך ביז אין שטאָף בלייבט קיין שריד ופליט ניט איבער.

און מאַן און ווייב ליגען געבונדענע ווי די לעמער און קוקען צו ווי די גזלנים טרינקען זיך אָן פון פלאַש. ניט אַנדערש, כדי די רציחה זאָל אין זיי זיין נאָך שטאַרקער, כדי פאַרגיסען דאָס לעצטע ביסעל רחמנות.

— הדסה — מאַכט שבתיל שטילערהייט צום ווייב — זאָג וידוי, וואָרים מיר זיינען פאַרפאַלענע!

איז דאָך הדסה אַ אידענע. זי האָט ניט אין זיך אַזאַ כוח ווי ר׳ שבתיל־חסיד. כאַפּט זי אָן ספּאַזמעס און זי ברעכט אויס מיט אַ מאוימדיגען געוויין.

— ציך! — גיט שוין אויף איהר דאָס מאָל אַ ברום דער קור־נאָסער גוי אויך און צופּאַכעט זיך מיט דער האַק. — וואָיעסט נאָך ווי אַ הינטיכע? ווילסט אונז אַרויסגעבען?

און טימאַשקע דער הויכער, געשטופּעלטער גוי געהט צו איהר צו גאַר בגילופינדיג, שאָקעלט זיך איבער איהר.

— קלאָג ניט! — מאַכט ער, און דער טרפהנער פּנים צולאַכט זיך ביי איהם. — אידער מאַכען מיט אייך אַ סוף, וועלען מיר זיך מיט דיר אַ שפּיל טאָן. ביסט אַ קראַסאַוויצע — „חייטשקע״!

— האָט רחמנות אויף מיינע קליינע קינדער! — בעט זיך הדסה.

— אַז דו וועסט זיין גוט צו אונז, וועלען מיר דיינע קינדער ניט טשעפּען...

אַזוי טרייסט זי דער שיכורער רוצח און גיט זי אַ נעם אין די לאַפּעס, און דער צווייטער גוי געהט נאָך מיט דער האַק, כדי אָפּ־היטען זיין חלק אויך...

— וואָרף זיך בעסער ניט! — אַזוי שרייט אויף איהר אָן טי־מאַשקע — קום, חייטשקע! וואו זיינען דאָס דיינע זשידאָווסקע פּערינעס? אַלע זשידעס האָבען ליב ווייכע פּערינעס. נישקשה, וועסט פאַרן טויט קיין חרטה ניט האָבען, חייטשקע! בעסער ווי פון דיין צוקראַבענעם מאַנעלע מיט די פּאותלעך...

— הדסה! — וואַרפט זיך ר׳ שבתיל אויף דער פּאָדלאָגע — זיי מקדש־השם, הדסה! וואַרף זיך! בייס זיך! הד —

כאַפּט זיך טימאָשקע וואָס דאָ טוט זיך, פאַרוואָס הדסה בייסט זיך אַזוי. לאָזט ער אָפּ די שענקערקע און פאַלט אָן אויף ר׳ שבתלען מיט שיכורער רציחה:

—וואָס? דו זשיד טרעקליאַטער! דו מישט זיך נאָך אַריין? טו באַ־זשע דיר, פאַרכאַטער!

און ער גיט אַ הויב די האַק איבער ר׳ שבתילס קאָפּ.

2.

נאָר ער פאַספּעיעט נאָך ניט אַראָפּצולאָזען די האַק, ווי זי גליטשט זיך איהם אַרויס פון האַנט. וואָרים די טיר פראַלט־אויף און אַ גרויסע אימה קייקעלט זיך אַריין אין שטוב. ס׳איז דאָ פאַר וואָס פאַרציטערט צו ווערען. אַ מוראדיגע האָריגע חיה אויף אַ קייט רייסט זיך אַריין מיט אַ ברום און מיט אַ כריפּ און שטעלט זיך די־באָם. זי איז מיט אַ קאָפּ העכער פאַר טימאָשקען דעם געשטופּעלטען גזלן. צוזאַמען מיט דער חיה לויפט אַריין אין שטוב אַ שוואַרצער גוי מיט ברענענדיגע אויגען — אַ ציגיינער.

— וואַליאַי!... שיפּקאַ! (וואַרף! גיכער!) — שרייט דער שוואַר־צער גוי אויף דער חיה און ווייזט אָן אויף די גזלנים.

און רבי בער מאַכט ניט קיין שהיות, גיט זיך אַ וואָרף אויף טימאָשקען און דערלאַנגט איהם איין מאָל און צוויי מאָל, מיט די פאַדערשטע לאַפּעס, אין געשטופּעלטען גזלוואַיסקען פנים. ווי אַ גבר אַ מענש דערלאַנגט ער אַזוי, אַז טימאָשקען דעם אַרעסטאַנט פאַרגייט יעדער חשק צו אידישע ווייבער. ער ציהט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אויף דער ערד, נאָרעט איין דעם צובלוטיגטען פרצוף איןביידע אָרעמס און שרייט קולות־גוואַלדען ווי אַ באַנומענער. און נאָך איידער ער קומט צו זיך, כאַפּט שוין דער ציגיינער אַראָפּ דעם לאַנגען רויטען גאַרטעל פון די לענדען און בינדט איהם, טימאָש־קען. דערזעהט אַפּאַנאַסקע דער קורנאָס וואו עס האַלט דאָ, טשו־

בעט ער זיך אויס פון זיין צוטומלעניש און פון זיין שיכּרות און לאָזט זיך לויפן צום טיר. אָבער דער בער איז פלינקער פאַר איהם. ער שניידט איהם אָפּ דעם וועג און לאָזט ניט, כאַפּט אַפּאַנאַסקע דעם האָק זיינעם און לאָזט זיך אויף דעם בער.

— וואַליאַי! שיפּקאַ! — שרייט צו איהם דער ציגיינער.

און רבי בער גיט אַ פאַל אויף די פאַדערשטע פיס, קויקעלט זיך דורך, אונטער דער צעפאָכטעטער האַק, און דערלאַנגט אַפּאַנאַס־קען דעם קורנאָסען אַ גאַר אומגעריכטען טערעבענץ פון אַ צווייטער זייט. אַפּאַנאַסקע פאַלט אַנידער און קריכט אויף אַלע פיער ווי אַ חיה. אַציגנד קריכט ער און דער בער שטעהט איבער איהם און שלאָגט איהם און זעצט איהם וויפיל נור עס געהט אַריין. אַזוי פאַריאָגט ער איהם אין אַ ווינקעל, פאַרקוועטשט איהם דאָרטען, און לייגט זיך איבער איהם, ווי אַ באַרג פלייש און האָר, אַז אַפּאַ־נאַסקען געהט שיער דער טרפהנער „דוך״ ניט אַרויס.

— ראַטויטשאַ! (ראַטעוועט) — שרייט ער פון אונטערן בער צום ציגיינער.

— זאַראַז! (באַלד) — ענטפערט איהם אָפּ דער ציגיינער גאַנץ רוהיג. — דו זעהסט דאָך מ׳איז פאַרנומען! מיט דיין חברל נאָך ניט פאַרטיג.

פאַרטיג געוואָרען מיט טימאָשקען — געהט דער ציגיינער צו גאַנץ געלאַסען צו אַפּאַנאַסען. טרייבט פון איהם אַראָפּ דעם בער און לצעוועט נאָך איבערן גוי:

— נו, וואָס? ווילסט אפשר נאָך אַמאָל שלאָגען זיך מיט „מישקען״, מיטן קאַלטונעוואַטען? (מיט האָריגען בער).

— ניין, ניין, ניין! — קרעכצט אַפּאַנאַסקע דער קורנאָסער.

— טו גיב־זשע די הענטעלעך דיינע און לאָמיך דיך בינדען!

קיין מינוט געהט ניט אַריבער און ביידע גזלנים ליגען געבונ־דענע ווי די קעלבער, און דער בער שטעהט איבער זיי דיבאָם גרייט מכבד צו זיין יעטוועדערען פון זיי, ווי נאָר מ׳וועט זיך אַ ריהר טאָן, און אין גאַרגעל גראַגערט ביי איהם, ביים רבי בערן. ווי דער שטיי־גער איז פון אַ בער בשעת ער איז צופרידען. רבי שבתילס פענטעס וועדען דורכגעשניטען מיט אַ מעסער. ער טוט אָן די יאַרמולקע,

הויבט זיך אויף פון דער פּאַדלאָגע. און ערשט דאָ קומט ער איינ־ גאַנצען צו זיך, און דערזעהט מיטביידע אויגען ווער כ'האָט איהם דאָ געראַטעוועט. ער מיט זיינע אייגענע הענט האָט אריינגעבראַכט די ישועה צו זיך אין שטוב. די רפואה פאַר דער מכה אַראָפּגע־ בראַכט. דאָס וואָס די אידענע זיינע האָט אַרויסגעוואָרפען... שטעהט ער אַזוי און קוקט אויפן ציגיינער. קיין ווערטער האָט ער ניט. נאָר פון די אויגען גיסען זיך איהם טרעהרען.

פאַרשעמט זיך עפּעס דער ציגיינער, קוקענדיג אויף ר' שבת־ לען, לאָזט אַראָפּ די ברענענדיגע אויגען און בורטשעט:

— ניטשאַוואָ!... כ'האָב דערהערט די קולות אין שטוב, בין איך אַריין...

שאָקעלט ר' שבתיל, וויינענדיג, מיטן קאָפּ און יאַרמעלקע. ס'הייסט: „יאָ, יאָ! דערצעהל מיר מעשות..."

נאָר ניטאָ אַצינד קיין צייט צו טראַכטען און צו ריידען פון געהויבענע זאַכען. קודם־כל שלעפּט מען צוריק אַרויס ביי טימאָשקען דאָס לייוועגטענע טאָרבעלע מיט די פּאַכטע־געלט פאַרן פּריץ. דער־ גאָך בינדט נאָך דער ציגיינער צו ביידע „גוטע גויים" איינעם צום צווייטען און זאָגט זיי אָן אויף זיין פויעריש ציגיינערישען לשון, אַז אויב זיי ווילען לעבען אויף דער וועלט, זאָלען זיי זיך קיין ריהר ניט געבען. וואָרים „מישקאָ", דער בער, הייסט דאָס, שטעהט דאָ אויף דער וואַך און היט. מישקאַ זיינער האָט פיינט חכמות...

טימאָשקאָ דער געשטופּעלטער און עלטערער גזלן ליגט און שילט אַלע זשידעס אין טאַטען אריין און אין דער מאַמען אַריין. עס פאַרדריסט איהם, זאָגט ער, וואָס ער האָט „שעפּצלען" דעם קאָפּ דעם פאַהאַנעם ניט אַפּגעהאַקט, ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב. נאָר אַפּאַנאַסקע דער קלענערער האַלט אין איין וויינען און זאָגען קינות. ער קלאָגט און בעט איין קלייניגקייט: מ'זאָל איהם אַפּלאָ־ זען... ער האָט ניט געוואָלט, זאָגט ער... נאָר טימאָשקאָ דער ראָז־ באָיניק האָט איהם צו אַלץ צוגערעדט! אַלדאָס ביין, אַזוי קלאָגט זאַבאַנאַסקע, שטאַמט פון טימאָשקען. אַפּריהער בשעתן געהן מיטן עטאַפּ האָט איהם טימאָשקאָ צוגערעדט צו פּלעטען די קאָבאָוואַניי־ קעס דעם מאָהן זאָגן צוטשעפּען, אצינד — צו באַהאַלטען א שענקער

און אַ שפּיל טאָן מיט זיין ווייב. אַלץ טימאַשקאַ...

— איצטער זאָגט ער גאָר ווידוי! — שמייכעלט הדסה און די טרעהרען שטעהען איהר אין די אויגען.

—אַז גאָט ווילן! — שאָקעלט ר׳ שבתיל מיט דער יאַרמעלקע.

נאָר לאַנג „זאָגען ווידוי״ איז אָפּגעגאַנגען אויך ניט אויסגעקומען. וואָרים אינדרויסען, פאַרן שענק, דערהערט זיך אַ קלינגען פון אַ פאַיעטאָן־גלעקעל און אַן אָנפאָהרען פון פוהרען. הדסה גיט זיך אַ וואָרף צום טיר. מסתמא פאַרשפּעטיגטע באַלעגאָלעס אָנגעקומען. ווילען זיי העלפען אָוועקצופיהרען די ראַזבאַיניקעס אין קאָפּוסטער סטאַן. עס עפענט זיך אָבער אויף אַ טיר און פון דער נאַכט אַרויס לויפען אַריין פאַרסאָפּעטע אַן אוריאַדניק, צוויי סטראַזשניקעס און פּיעטרוק — דער פאַרפאַלענער גוי פון שענק. פון וואַנענט האָט זיך דאָ מיט אַמאָל גענומען פּיעטרוק און באַטשאַלסטוואָ? פונקט ווי מ׳וואָלט זיי באַשטעלט. ר׳ שבתלען און הדסהן זיין ווייב זעהט דאָס אויס ווי אַ חלום, ווי אַ ניט־אמתע זאַך. דער אָוועגט האָט זיך היינט אָנגעהויבען מיט אַ פּלאָנטער און עס פּלאָנטערט זיך אַלץ ווייטער. הדסה האָט שוין געוואָלט אַ קניפּ־טאָן זיך אין לייב, זעהן צי זי שלאָפט ניט. נאָר פּיעטרוק הויבט זיך מיט אַמאָל אָן צו צלמן אויף דער שענער אסיפה אין שענק און הויבט אָן דברן. און מ׳דערזעהט באַשיינפּערליך, אַז ס׳איז אויפן וואָהר.

— כולאָ טע—ע באָזשע! — צלמט זיך פּיעטרוק און בוקט זיך. — געלויבט דער אויבערשטער, באַלעבאָס און באַלעבאָסטעצקע, וואָס איך זעה אייך לעבעדיג און ביים גאַנצען געזונט...

און צום אוריאַדניק ווענדעט זיך פּיעטרוק אַזוי:

— אָט זיינען זיי, וואַשע בלאַהאָראָדיע, די „דושעהובען״ (רוצחים), וואָס זיינען מיך אין וואַלד באַפּאַלען. ליגען געבונדען ווי די חזרים פאַר חגא...

גיט דער אוריאַדניק אַ קלונג מיט דער סאַבליע, אַ געה־צו צו די קאַטאָרזשניקעס. אַ בוכצע איינעם מיטן שפּיץ שטיוועל, אַ בוכצע דעם צווייטען:

— דאָס ביסטו טימאַשקאַ דושעהוב? דו געשטופּעלטער חזיר דו?

— טאַק טאַטשנאַ, וואַשע בלאַהאַראַדיע! — ענטפערט טי־מאַשקאַ.

און דאָס ביסטו אַפּאַנאַסקע דער ראַזבאַיניק, דער אַנטלויפער?

— טאַק טאַטשנאַ!

— דאָס האָט איהר געפּלעט דעם מוח די קאַנוואָיניקעס בשעת פיהרען אייך מיטן עטאַפּ און אַנטלאָפען?

— מיר, וואַשע בלאַהאַראַדיע! פאַרזינדיגט זיך פאַרן קיסר און פאַרן פראַוואָסלאַוונעם פאָלק.

צעכאַכאַטשעט זיך דער אוריאַדניק פאַר שמחה, וואָס איהם איז אַזוי לייכט אָנגעקומען צו כאַפּען אַזעלכע צוויי העכט:

— איז אַט וואו איהר זיינט גאָר, מיינע טייערינקע!... און איך זוך אייך דאָך אַרום צווישען אַרשע און מאָהליוו אויף אַלע וועגען, אין אַלע דערפער. איהר ליגט גאָר געבונדענע אין אַ זשידאָווסקען שענק... שענע ראַזבאַיניקעס, כאַ—כאַ! אויף דיר, טימאַשקאַ־קאַפּ־שניידער, וואָלט איך זיך גאָר ניט געריכט. זעהסט דאָך גאָר אויס ווי אַ נאַסער האָן אונטער אַ סטרעכע...

צולאַכען זיך די אָנגעקומענע סטראַזשניקעס פון דעם אוריאַדניקס חכמהס. און דער אוריאַדניק שטעהט נאָך אַלץ איבער די צוויי געפּענטעטע קאַטאָרזשניקעס און נעמט זיי לעבער:

— איז ליגט־זשע, מיינע טייבעלעך, מיינע מאַלאַסאַלנע אוי־גערקעלעך! אַט וועל איך נאָר אָנשרייבען אַ פּראַטאַקאָלכעלע, וועלען מיר אייך אָפּפיהרען אין קאַפּוסטער סטאַן, וועט מען אייך שוין שינדען די שקורעלעך מיט שפּיצרוטען. די באַקען די רוצחישע מיט הייסע אייזענס אויסברענען. וואַרט, וואַרט אַקאַרשט, מיינע עפּעלעך!

ניט קיין בער, ניט קיין בעריאָזקע...

.1

אַז ר׳ שבתיל און הדסה זיינען אַביסעל געקומען צו זיך און די טויט־דערשראָקענע קינדער האָבען זיך אַביסעל באַרוהיגט, איז דאָך די ערשטע קשיא געווען: פּיעטרוק, ווי קומסטו אַהער? און וואו האָסטו גענומען נאַטשאַלסטוואָ אינמיטען דער נאַכט? און וואו ביסטו ביז איצטער פאַרפאַלען געוואָרען? און צי פערד און וואָגען זיינען גאַנץ?

— גאַנץ, באַלעבאָס! גאַנץ, באַלעבאָסטעטשקע! — מאַכט פּיעטרוק — אָט שטעהען זיי אינדרויסען, פערד און וואָגען, מיט יעהאָ בלאַהאָראָדיעס פאַיעטאָנדעל צוזאַמען. אַ שטרויעלע פעהלט ניט, געלויבט דער אויבערשטער!

און אָט וואָס דער גוי פון שענק האָט אויף פויעריש דערצעהלט ר׳ שבתלען און הדסהן, און צום צווייטען מאָל — דעם אוריאַדניק:

באַלד נאָכדעם ווי ר׳ שבתיל האָט זיך דערשראָקען פאַר דער ווייסער בעריאָזקע אין וואַלד און איז אַוועק צופוס צוריק אַהיים, האָט ער, פּיעטרוק, אויסגעשפּאַנט דאָס פערדעל, כדי אַרויסצו־נעמען די דוהע און כאָמעט פון קלעם. ער האָט פּאַוואָליע אַרויסגע־צויגען דעם וואָגען, אויסגעגלייכט די האָלאָבליעס, צוזאַמענגעבונ־דען די איבערגעריסענע לייצע, צוגעגאָסען דיעגאַכץ אין די אַקסען. דאָס וואָלט ביי איהם אַן אַנדערש מאָל פאַרנומען אַ האַלבע שעה. נאָר דאָס מאָל — אַ סך מעהר. אַ „ניעטשיסטאַיאַ סילאַ״ האָט איהם ניט

דערלאָזען. די הענט האָבען זיך ביי איהם געטרייסעלט. ניטאָ וואָס צו שעמען זיך. ער האָט מורא געהאַט. ער ווייסט אַליין ניט פאַר־וואָס... ניט צום גוטען האָט איהם אַלץ אויסגעזעהן. און ס'איז טאַקע אַזוי געשעהן. ער האָט שוין אָנגענומען די בייטש אין האַנט, גע־האַלטען ביים אָפּפאָהרען צוריק מיטן זעלבען וועג, אָניאָגען ר' שבתילען אויפן שליאַך, ערשט — נאַדיר!... אימיצער גיט גזלניש אַ געשריי „סטאָי!" און פון הינטער די בוימער לויפען אַרויס צוויי האַלאַדראַנצעס. אָט־אָ דער טימאָשקאָ דושעהוב און אָפאַנאַסקע דער קורנאָס. ער ט'זיי שוין היינט פאַר אָנבייסען איינמאָל געזעהן אין הויף פון שענק, האָבען זיי מיט איהם געכאַפּט אַ שמועס. און ביי דער סטאַי־קע — אַ טרונק בראַנפען מיט פעפער. ער האָט זיי גלייך דערקענט. שוין היינט ביינטאָג איז איהם, פיעטרוקען, ניט געפעלען געוואָרען דאָס אויספרעגען זייערע ביים איינשפאַנען: וועך פאָהרט? וואוהין מען פאָהרט?... דערזעהן זיי אינמיטען וואַלד, ווי זיי לויפען אַן פון הינטען, איז איהם גלייך פינסטער געוואָרען אין די אויגען. נאָר כדי זיי זאָלען גאָרניט באַמערקען, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז צופרידען צו זעהן זיי נאָכאַמאָל:

— זדראַוואָ, זעמליאַקי! *) וואָס? אין וואַלד פאַרבלאָנדזשעט זיך?... אונטערפיהרען אייך אַביסעל?

באַפאַלען איהם אָבער די טייערע זעמליאַקעס, כאַפּען איהם אָן פאַרביידע הענט, די דושעהובען.

— מיר דאַרפען, זאָגען זיי, צו אַלדי רוחות דיין „גאָט העלף".

מיר דאַרפען האָבען עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך. דיין באַלעבאָס מו־זען מיר האָבען. וואו איז ער, דער זשיד מיט די פאוּתן?

זעהט שוין פיעטרוק מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן און מיט וואָס דאָ שמעקט. וויל ער נאָר געווינען צייט, ר' שבתיל זאָל וואָס ווייטער אַוועקגעהן מיטן שליאַך.

— מיין באַלעבאָס? — ציהט ער ווערטער — אַוועקגעגאַנגען מיין באַלעבאָס. אויף וואָס דאַרפט איהר מיין באַלעבאָס?

כאַפּען אָבער די דושעהובען אַרויס די העק פון די טאָרבעס:

---

*) אַ גאָט העלף, לאַנדסלייט!

— דו זאָגסט, צי דו זאָגסט ניט? דו פֿויערישע מאָרדע, דו פֿאַרקויפֿטע נשמה!

— כ׳וועל זאָגן, כ׳וועל זאָגן! — טרייסעלט זיך פּיעטרוק און עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, — וואָס איז דאָ וואָס צו זאָגן, טייערינקע?

— געפֿיהרט היינט געלט צום פּריץ?

— געפֿיהרט, דאַכט זיך, טייערינקע.

— וואו־זשע איז דער באַלעבאָס מיטן געלט?

— אַוועק צוריק אַהיים איז ער, ברידערלעך! וואָט כרעסט!...*) צוריק אַהיים אַוועק... אַ ניט־גוטער האָט זיך אַריינגעמישט. אַ ראָד אַראָפּגעפֿאַלען, אַ לייצע צעריסען זיך, ווי אַ צלם איז מיר הייליג!

— וואָס דערצעהלסטו מיר בייקעס? — צושרייט זיך טימאָשקע דער ראָזבאָיניק, — זאָג, דו הינטישע נשמה, וואו האָסטו איהם דאָ באַגראָבען דיין זשידאָווסקען באַלעבאָס מיט דער „מטבע?...״

טענה אַהער, טענה אַהין מיט אַזעלכע דושעהובען. טימאָשקע איז איהם, פּיעטרוקען, גלייך אַריינגעפֿאָהרען מיטן קולאַק אין מאָרדע. אַט זאָל מען נאָר אַ טאַפּ טאָן. ס׳איז נאָך גוט געשוואָלען. ער זעצט מיטן קולאַק און שיפּעט נאָך דורך די ציין אַזאַ „האַדיוקע״ (שלאַנג). טאָמער, מאַכט ער, גיבסטו נאָר איין פּיפּס — מאַכען מיר מיט דיר וואָס מיט אַ חזיר פֿאַר חגא!...

אָנגעבראָכען איהם גוט די ביינער, האָבען זיי איהם געבונדען, פֿאַרפֿיהרט מיט פֿערד און וואָגען טיף אין וואַלד אַריין, ווייט פֿון שליאַך, דורכגעזוכט איהם ביזקעל העמד, דורכגעטאָפּט דאָס גאַנצע שטרוי אין וואָגען. דערנאָך מאַכט צו איהם טימאָשקע דושעהוב אַזוי:

— איבער דיין ראָד, די טרעקליאַטע, און איבער דיין לייצע, די פּאַהאַנע, האָסטו אונז געבראַכט דערצו מיר זאָלען אַ נשמה „זאַהובען״ (אומברענגען). וואָלסטו אָפּגעפֿאָהרען מיט דיין זשידאָווסקען שענקער נאָך אַ וויאָרסט־צוויי, וואָלטען מיר נאָר דאָס געלט אָפּגענומען, דיר און דעם אידען וואָלטען מיר אין קאָלנער אָנגע־

*) אַ־ך שווער־ איך ביים צלם!

לעגט, און... זיך דעם ווינט אין פעלד!... אַצינד מוזען מיר בלוט פאַרגיסען. אַפריהער — דיין פראַוואָסלאַוונע נשמה אומברענגען, דערנאָך — די זשידאָווסקע נשמות. אָט וועט פינסטער ווערען, וועלען מיר דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקען, און קיין אַלעקסאַנדראָווקע, אין שענק אַריין וועלען מיר זיך מיטן סומנעם וואַלד אַוועקלאָזען. דיין באַלעבאָס מיט די פּאותלעך וועלען מיר טאָן דאָס רעכט און דיין באַלעבאָסטעצקע — דאָס רעכט. יעדערען ווי ס'געהערט צו זיין. אַ שע־ נע איז זי, דיין „כאַייטשקע", אין איהר מאַמען אַריין...

בעט זיך ביי זיי פּיעטרוק אַ געבונדענער:

— ווי אַזוי האָט איהר דאָס קיין מורא ניט פאַר גאָט? און טאָ־ מער כאַפּט אייך נאַטשאַלסטוואָ, וועט מען דאָך אייך הענגען, אָדער אין סיביר פאַרשיקען. אָט וואָס מ'וועט טאָן, טייערינקע!

לאַכען פון זיינע קלוגע רייד די ראַזבאָיניקעס:

— פראָפּאַדאַט טאַק פראָפּאַדאַט! *) אַז שוין פרעסען באָרשץ, טאָ זאָל זיך גיסען איבערן באָרד! מיינסט, דו פּויערשע מאָרדע, אַז מיר זיינען באַנדערס וועלכענע, אָדער האָלץ־העקער? כאַ־כאַ! שאַר־ בענס האָקען מיר! ביעגלע קאַטאָרזשניקעס זיינען מיר! מיר האָבען זיך נאָר איבערגעטאָן אַזוי. פון קאָנוואָי זיינען מיר אַנטלאָפען אינ־ מיטען וועג. אונזערע סאָלדאַטיקלעך געפלעט דעם מח מיט אַ ציי־ געל. טאָמער כאַפּט מען אונז, וועלען מיר זיך סיי־ווי־סיי וויגען אויף אַ שטריקעל, טאָ זאָל כאָטש זיין פאַרוואָס. לאָמיר כאָטש אַ הו־ ליע טאָן פאַר דער פגירה. מיט בראַנפען אָנטרינקען זיך, מיט ווייי־ בער אָנשפּילען זיך...

ליגט פּיעטרוק אין וואָגען און אין האַרצען צלמט ער זיך. ער וואַרט מ'זאָל איהם דערלאַנגען מיט אַ האַק אין קאָפּ...

געוואָרען פינסטערער, איז זיך אָבער טימאָשקע מיישב:

—טאַק אי ביט!**) — מאַכט ער, ביסט אַ פראַוואָסלאַוונער און וואָיעסט ניט ווי אַ באָבע, סמאָרקעסט זיך ניט ווי אַ פּויערל, וועו־ לען מיר דיך ניט הרגענען. נאָר צובינדען דיך צום וואָגען מוזען

*) אומקומען איז אומקומען!

**) אזוי וועט עס זיין!

מיר. און פאַרשטאָפּען דיר דאָס מויל מוזען מיר אויך. דריכניע דאַ, סוקין סין! אָבער מיט דיין באַלעבאָס פון שענק און מיט דיין באַלע־באָסטעצקע — אַ־כאַ־כאַ!...

זעהט פּיעטרוק, אַז די סכנה פאַר זיינע באַלעבאַטים איז גרויס. הויבט ער אָן כיטרעווען, בעטען זיך, כלומרשט, פאַר זיין אייגענעם קאָפּ:

— לאָזט מיך ניט, גוטע מענשען, אַ געבונדענעם אינמיטען וואַלד. אַ בער אַ בייזער האָט זיך דאָ פאַרנאַדיעט אין די היגע מקומות. דער פריץ איז געווען אַרויס אויף אָן אָבלאַווע און ניט געכאַפּט איהם. ער וועט נאָך דאָס פערדעל פאַרגריזשען און מיר די געדערים אַרויסלאָזען. ניט דערלאָזט, ברידערלעך, צו אַזאַ זאַך...

אָבער די ראַזבאַיניקעס לאַכען גאָר איבער איהם פון פולען האַלז: נו, גוט, רייצען זיי זיך, וועלען מיר דיר טאַקע דעם קאָפּ אַראָפּנעמען. וועסטו ניט הערען ווי דער בער דער קרומפיסיגער וועט קומען.

בקיצור, זיי האָבען איהם דעם מויל מיט אַ שמאַטע פאַר־שטאָפּט, די דושעהובען. און איינגעבונדען אין וואָגען, מיטן פּנים צו די אויסגעבעטע שטרוי און מיט די מייטקעס, במחילה, צום הי־מעל. איבערגעדעקט איהם מיט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין וואָ־גען, כדי איינגאַנצען צו זאַדושען זיין קול, טאָמער שרייט ער מיט די נאָזלעכער. און אַליין האָבען זיי זיך געזעצט צובייסען פון די טאָרבעס. ער האָט געהערט ווי זיי זשוואָקען, די קאָטאָרזשניקעס, און רעדען זיך איבער מיט אָנגעשטאָפּטע מיילער. נאָר שפּעט אין דער נאַכט, ווען ס׳איז גוט פינסטער געוואָרען, האָבען זיי זיך אַוועק־געמאַכט צום שליאַך, טאַפּענדיג די בוימער־שטאַמען מיט די לאַ־פּעס. מעהר האָט ער זיי אין וואַלד ניט געהערט און ניט געזעהן.

.2

ליגט ער אַזוי פּיעטרוק אין געהאַקטע וואונדען. די נאַכט ציהט זיך. אַ מינוט — אַ יאָהר! „איך וועל שוין ווי ניט איז

אַרויסקריכען״, טראַכט ער זיך, „אָבער ווי ראַטעוועט מען די באַלעבאַטים? מיט די העק וועלען זיי דעם באַלעבאָס צופּאַסעווען און די באַלעבאָסטע די קראַסאַוויצע — באַליידיגען. און די קינדער די אונשולדיגע שלעכטס טאָן...״

וואַרפט ער זיך ווי אַ לעשץ אין נעץ. די שטריק שניידען איהם ווי מעסערס. זיי האָבען איהם שוין איינמאָל איינגעבונדען און צוגעבונדען, די דושעהובען! דעם מויל מיט פּאַסקודסטוואָ אָנגעשטאָפּט. אָט־אָט ווערט ער דערשטיקט. נאָר מיטן נאָז קען ער נאָך אַביסעל טראָמייטערן, קען אַרויסלאָזען אַ קול פון אַ פליג אין שפּינוועבס. נאָר ווער וועט דערהערען אַזאַ זשומען? ס'איז ווייט פון שליאַך. מיט היי און מיט טראַנטעס איז איהם דער קאָפּ איבערגעדעקט. אַ פּאָר מאָל הערט ער ווי אַ פוהרעל האָצקעט זיך־דורך אויפן שליאַך. וואַרפט ער זיך און רייסט זיך איינמאָל און צוויי מאָל און עס געלינגט איהם אַרויסשפּייען אַ שטיקעל שמאַטע פון מויל. פּרובט ער זיך אַרויסצולאָזען אַ מענשליכען קול פון האַלז. איז שוין אָבער קיינער ניטאָ. אַוועקגעפאָהרען. פאַרפאַלען, קלערט ער, די באַלעבאַטים. פאַרפאַלען!

מיטאַמאָל דערהערט ער ווייט־ווייט — אַ גלעקעלע קלינגט. ער שפּיצט זיך אָן. אַ גלעקעלע! ווי גאָט איז הייליג — אַ גלעקעלע! אַ פּאָטשטאַליאָן פאָהרט, אָדער נאַטשאַלסטוואָ. נאָר אַזעלכע האָבען אַזאַ גלעקעל איבער דער דוהע. ער דערקע—ענט...

טוט ער זיך אָן אַ כוח, פּיעטרוק, הויבט אָן וואַרפען מיט קאָפּ און פלייצעס ווי אַן „אוטאָפליעניק״ (אַ דערטרונקענער), ווען מען מינטערט איהם. די שטריק שניידען מוראדיג, די אויערען הערען זיך אָבער צו נאָר צום גלעקעל. דאָס קלינגען ווערט אַלץ נעהענטער און נעהענטער. פּאָמאָהאַי באָך! (העלף גאָט!).

מיט הוסטען און מיט שנאָרכען און מיט בלוט און מיט גאָטס הילף געלינגט איהם אַרויסצוכראַקען די גאַנצע שמאַטע פון גאָרגעל און אַ געשריי צו טאָן. נאָר דער געשריי איז אַזוי דערשטיקט אין היי און אין גאַנצען צודעק וואָס די ראַזבאָיניקעס האָבען אויף איהם אָנגעוואָרפען. דאָס גלעקעלע גלייכט זיך אויס מיטן וואָגען אין וואַלד. אָט־אָט פאָהרט ער פאַרביי און אַ סוף! נאָר גאָט אַליין דער־

באַרימט זיך אויף פּיעטרוקען. זיין פערד אין שפּאַן טוט אַ הירזשע. די סקאַטינאַ פאַרשטעהט אויך, אַז איהר האַר איז אין אַן אומגליק, אַז ער שטיקט זיך. טוט ער שוין אַן אַ כּוח אַריבערצושרייען דאָס פערד. ס'איז שוין איינמאָל געווען אַ געשריי! אַ רעווע פון אַ ניט־דערשטאָכענעם אָקס איז דאָס געווען. ער אַליין האָט זיין אייגענעם קול ניט דערקענט. עפּעס ווי גאָר אַ פרעמדער פּיעטרוק וואָלט אין פינסטערען וואַלד אַ יאָמער געטאָן...

דאָס גלעקעל שטעלט זיך אָפּ. אַנטשוויגען געוואָרען. אַ ווײַלע איז שטיל־שטיל. דערנאָך דערהערען זיך מענשליכע קולות. מען רעדט צווישען זיך. אימיצער באַפעהלט מיט אַ האַרבען קול, אַ קול פון נאַטשאַלסטווע. דערנאָך דערהערען זיך טריט אינם נאָדעל־אָפּ־פאַל פון די סאָסנעס. אַ פייערעל אַ שוואַכינקע בלאַנדזשעט. צווי־שען די שפּאַלטען פון וואָגען קריכט ער דורך. גיט ער, פּיעטרוק, אַ הויב דעם קאָפּ פון אונטער די טראַנטעס: שאָטענס מאָוימדיגע שוואַרצע קריכען, אַ האַנט, אַ קאָפּ — ביזקעל הימעל. אַ לאַמטערנ־דעל זוכט...

— כטאָ טאַם? — גיט אַ קול האַרב אַ פרעגי, אַזוי ווי נאַטשאַל־סטווע פרעגט. מיט כּוח און מיט שטרענגקייט. און כּדי אָנוואַרפען אַ מורא שיסט מען אויס. טראַך—טאַ—ראַ—ראַך!

נאָר פּיעטרוק האָט קיין מורא ניט פאַרן שאָס. ער ווייסט אַז ניט איהם מיינט מען דאָס. „ראַטעוועט אַ פּראַוואָסלאַוונעם!"... — שרייט ער אויס אַ לעצטען מאָל און בלייבט ליגען אַ געחלשטער.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער שוין געלעגען אין וואַ־גען אַן אָפּגעפּענטערטער. יעהאַ בלאַהאָראָדיע דער אוריאַדניק איז לעבען איהם געשטאַנען. צוויי דעסיאַטניקעס מיט אַ לאַמטערנע אַן אָנגעצונדענע. — „ווער האָט דאָס דיר געטאָן?" — האָט דער אוריאַדניק גענומען אויספרעגען, אָבער פּיעטרוק האָט זיך ניט געלאָזען. „גיכער, גיכער", מאַכט ער, „וואַשע בלאַהאָראָ־דיע! קום, לאָמיר פאָהרען קיין אַלעקסאַנדראָווקע אין שענק, די דושעהובען וועלען נאָך ניט איין מענשען אומברענגען. אויפן וועג ווּעסטו מיך, האַרעלע, אויספרעגען..."

די דעסיאַטניקעס, אַ דאַנק זיי אַ גרויסען, האָבען געהאָלפען

אַרויסקלייבען זיך מיט פערד און וואָגען אויפֿן שליאַך. די בייטשעך האָבען אַ קנאַל געגעבען און אָט, געלויב איז גאָט, געקומען און געפונען אַלעמען גאַנץ. אַלץ ווי עס געהערט צו זיין. אָנשטאָט די באַלעבאָטים ליגען גאָר די ראַזבאָיניקלעך אַליין געבונדענע, און אַ בער שטעהט איבער זיי... אַ טשיקאַווע זאַך! ער, פיעטרוק, האָט דאָך אין וואַלד מורא געהאַט אַ בער זאָל איהם ניט פאַרגריזשען. שטעהט גאָר איבער די שענע לייט אַ בער און זיי האָבען אַצינד מורא. טשודאָ־יודאָ שעפּציל האַרציגער! (אַ גרויסער וואונדער, שבתיל!).

* *
*

נו, וואָס זאָל איך אייך ווייטער מאריך־זיין? אַזוי האָט לייזערל וואָיטעק פאַרענדיגט זיין מנחם־אָבלדיגע מעשה. די ראַזבאָיניקעס האָט מען געבונדענע אַרויסגעשלעפּט אינדרויסען און איינגעפּאַסעוועט זיי מיט שטריק אינם זעלבען וואָגען, אין וועלכען פיעטרוק איז פריהער, מיט אַ פּאָר שעה, געלעגען אַ געפּענטעטער אין וואַלד. און צוויי סטראַזשניקעס מיט בלויזע שווערדען האָט דער אוריאַדניק אַוועקגעשטעלט היטען זיי ביז פאַרטאָג, ווען מען וועט זיי אָפּפיהרען אין סטאַן קיין קאָפּוסט.

אין שענק גופא איז ביסלעכווייז געוואָרען לעבעדיגער. מ׳האָט זיך צוקלאַפּט מיט די גלעזלעך ביי דער סטאָיקע: ר׳ שבתיל מיטן אוריאַדניק. דער ציגיינער מיט רב שבתילען. פיעטרוק מיטן ציגיינער. אַזוי איינער מיטן צווייטען. לכתחילה — אַ קאַפּעלע פאַרשעמט. פאָרט, אָקאָרשט, אַזאַ חושך געווען אין שטוב!... נאָר ביסלעכווייז איז מען אַריבערגעגאַנגען אויף ווישניק, און פון ווישניק אויף זובראָווקע און פון זובראָווקע אויף די אמתע ניינציגער ספּירט, וואָס איז געבליבען פון פּסח. הדסה האָט דעם בער אויך ניט געוואָלט פאַרשעמען און אויף אַ טאַץ אַלעמאָל צוגעטראָגען איהם אַ כוסה. טרינקט רבי־בער און אין דער בערישער האַלז גראַגערט ביי איהם. ס׳הייסט „לחיים אידען און לחיים גויים!" און מאַכט בול־בול־בול. אַ טראָפּען פאַלט ניט אַראָפּ. שיכורים געניטע וואָלטען איהם געמעגט מקנא זיין.

לויפט ר׳ שבתיל צו צו זיין ווייב מיט אַ פולען קעלישאָק:

— לחיים, הדסה! אַצינד זעהסטו שוין וואָס דער „לייוועגטע־נער", זאָל לעבען, האָט געמיינט מיטן „דרך־ארץ פאַר אַ בער!" אַצינד ווייסטו שוין ווער ס'האָט אָפּגעקלאַפּט די ראָד אויפן שליאַך!

אַ קעלישאַק אַריינגעגאָסען און אַ קעלישאַק אַנגעגאָסען, און דער געמישטער עולם אין שענק צעוואַרימט זיך. ר' שבתיל האַלובעט שוין דעם בער און ווינשעוועט זיך מיט איהם: „לחיים, ר' בער! איך ווייס", מאַכט ער בגילופינדיג, „אַז איהר, ר' בער, זיינט אַ גלגול פון אַ נשמה... זאָל שוין טאַקע דער אויבערשטער געבען איהר זאָלט וואָס גיכער אויסגעלייזט ווערען, מיט דעם זכות פון די גוטע מעשים וואָס איהר האָט היינט אויפגעטאָן, מיט דעם זכות פון פסחדיגען בראָנפען, וואָס איהר האָט געטרונקען און מיט דעם כוח פון די שטיקעלעך איינגעדאַרטע אידישע חלה, מיט וועלכע איהר האָט פאַרביסען...! קוקען די גויים צו און לאַכען. וואָס פאַר־שטעהען זיי אין אַזעלכע הסידישע זאַכען? נאָר דער בער אַליין בור־טשעט צופרידען אויף ר' שבתילס דרשה. בורטשעט און גיסט אַריין ווי אַ בן־אָדם. ביסלעכווייז הויבט מען זיך אָן בראַטעוועו מיטן אוריאַדניק אויך. אויך גישקשה פון אַ בער!... וואַרים צוצוגעהן אַמאָליגע צייטען צו אַן אוריאַדניק מיט עפּאָלעטען און מיט מעשענע קנעפּלעך איז דאָך געווען מסוכּנדיגער ווי צו אַ בער אין וואַלד... נאָר דער אידישער ווישניק און די רעשטלאָך פסחדגע ספירט זיינען שטאַרקער פאַר „קנעפּלעך" און פאַר עפּאָלעטען... פאַרוואַרפט מען האַנט אויף אַקסעל. פריהער ר' שבתיל מיטן אוריאַדניק, דערנאָך שטעהען שוין צו פּיעטרוק און דער ציגיינער אויך. דערנאָך כאַפּען אָן דעם שענקערס קינדער די דערוואַקסענע לייט פאַר די פּאָלעס, און מ'לאָזט זיך אַוועק אַ האָפּקע אינמיטען שטוב, אַז ס'איז אַ מחיה. שטעהט דער בער און פינטעלט מיט די בערישע אויגעלעך. ער וואונדערט זיך, אַפּנים, וואָס מענשען, צוויי־פיסיגע, טוען דאָס, וואָס ער טוט אויפן מאַרק אין שטעטלעך, און פאַרן קלויסטערל— אין די דערפער. הויבען ביי איהם אויך אָן בייסען די הינטערשטע לאַפּעס. וואַרט ער ניט ביז דער ציגיינער וועט אַ קלאַפּ טאָן אין פּייקעל, און לאָזט זיך אַליין אַוועק דרעהען און האַצקען זיך מיט זיין גאַנץ שווערען הינטער־חלק, פאַכעט מיט דעם קורצען עקעל

זוי מיט אַ פּעכערל, און פּאַטשט זיך מיט די פּאַדערשטע לאַפּעס אויפֿן האַריגען בויך. ווערט דאָך אַ גרויס געלעכטער. מאַכען שוין די מענשען אַרום איהם אַ ראָד און פּאַטשען לאַדעזשקעס. קען שוין דער ציגיינער אויך קיין חזיר ניט זיין. כאַפּט ער אַרויס דאָס פּויק־פּלעקעלע און באַראַבאַנעוועט איז פּייקעל אַריין: „איזדינק־איזדינק זדינק־דינק! כאַטשי־פּאַטשי־מאַטשי־לאַטשי! פּאַקאַזש נאַ יאַק פּיאַני זאָלדאַט, דראַני זאָלדאַט וואַ גראַז וואָלאַ־איט־סיאַ!*)

און רבי בער פּוילט זיך טאַקע ניט און איז מהנה די שטופּיגע און די געסט מיט זיינע קונצען. ביים אוריאַדניק פּלאַצען שיער ניט אַלע קנעפּלעך איבערן בויך. ער זעהט באַשיינפּערליך ווי זיינע אייגענע דעסיאַטניקלעך וואַלגערען זיך אין בלאָטע, ווען זיי זויפען זיך אָן. זאָל עס פּעהלען אַ האָר...

3.

אַזוי שקאַצעוועט מען און מען נעמט אַ כוסה און מען פּאַר־בייסט מיט קאַלטע לעבערקעס און מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער סטאָיקע און אין שטוב, ביז פאַרטאָג. אויפֿן קאַפּטער, איבערן אויוועז געהט מיטאַמאָל אויס דאָס חלבנע ליכטעל. אַמאָליגע באַ־לייכטעניש! מ׳האָט זיך אַזוי פאַרהוליעט, אַז מ׳האָט זיך גאָרניט אַרומגעקוקט. אין פענסטערעל גרויט קוים־קוים אויף טאָג. לויפט הדסה זוכען אַ פרישׁ ליכטעל אין קאָכשטוב. בלייבט אַ ווײלע דער צעהוליעטער עולם אין שענק אין דער טונקעלהייט. מ׳זעהט ניט קלאָר איינער דעם צווייטען, די אויגעלעך, נאָך אַזויפיל גוטע משקה, קלעפּען זיך אויף צוביסלעך. אַנגעצונדען אַ פרישע חלבנע ליכטעל און צוגעקלעפּט צום קאַפּטער, קוקט מען זיך אַרום און מען דערזעהט, אַז אין שטוב איז עפּעס שיטערער געוואָרען. אַז די שטוב־טיר איז אָפען און פון דרויסען וועהט אַריין אַ ווינטעלע,

---

*) ווייז נאָר ווי אַ זעלנער אַ שיכורער, אַ זעלנער אַ געמייניקער קײקעלט זיך אין בלאָטע...

לעשט דעם פלאַם פון ליכטעל, בויגט איהם אַהער און אַהין. קוקט מען זיך איבער: ווער פעהלט דאָ? דער בער מיטן ציגיינער פעהלען...

וואונדערט זיך הדסה: גאָרניט געהערט זיי אַרויסגעהן? ניין, קיינער האָט ניט געהערט די טיר זאָל אַ סקריפּ טאָן. אפשר זיינען זיי צוריק אַרויס און אַוועקגעלעגט זיך שלאָפען אין שפּייכלער מיט היי? אפשר. נאָר עפּעס גאָר אַהן אַ גוטע־נאַכט, אַהן אַ גוט־יאָהר. גלאַט גענומען און אַרויסגעגנבעט זיך און אַוועק פּאָפען אין דער נאָרע, וואָס דער בער האָט פאַרנאַכט אַליין אויסגעגראָבעלט? מאָדנע זאַכען!

לויפט מען צום שפּייכלער, דערזעהט מען, אַז די הורבע היי, וואָס איז געלעגען דערביי איז ניטאָ. אימיצער האָט זי אַרײַנגעקוועטשט צוריק אין דער נאָרע אַריין. די הילצערנע טירעל איז צוגעמאַכט און די קליאַמקע, פון דרויסען, איז מיט אַ הילצערנעם שטעקעלע פאַרשפּונטעוועט. ניט קיין בער, ניט קיין ציגיינער, ניט קיין שוואַרצע יאַגדעס...

וואַרפט מען זיך דאָך צו די סטראַזשניקעס, וועלכע שטעהען ביי פּיעטרוקס וואָגען און היטען, די געבונדענע קאַטאָרזשניקלעך, מיט די בלויזע שווערדען אין די הענט. דער אוריאַדניק אַליין ביי־זערט זיך:

— געזעהן דעם „וואָזשאַטי״? וואו איז דער וואָזשאַטי?

— ניקאַק ניעט, וואַשע בלאַהאָראָדיע! — ענטפערן די סטראַזשניקעס.

— אַ בער גאָר ניט געזעהן אַרויסגעהן פונדאַנען? איהר בלינדע שלאַיענס, איהר לימענע גולמס!

— ניקאַק ניעט! — ציטערען די סטראַזשניקעס — קיינעם אין די אויגען ניט געזעהן.

בלייבען אַלע שטעהען ווי די אָפּגעשמיסענע. הדסה, אַ אידענע, באַגרייפט נאָך ניט, וואָס דאָ טוט זיך. זי ווייסט איהר זאַך. זי שאָקעלט צו ר׳ שבתילען, איהר מאַן, מיטן קאָפּ:

— אַזאַ מעשה, אַ? אַנגעגרייט פאַרן ציגיינער אַ לעבעלע ברויט,

אַ הערינג, אַ פּלעשעל בראַנפּען אויפן וועג. אַ מענש האָט דאָך אונז געראַטוועט. און מיטאַמאָל —

צעווײנט זיך ר׳ שבתיל, איהר מאַן, אויסהערענדיג איהרע רייד, אינמיטען הויף, פאַר אַלעמען אין די אויגען און אָהן אַ פּיצעל בושה. אַט ערשט, דאַכט זיך, אַזוי בגילופינדיג און מיטאַמאָל צע־ווײנט ער זיך גאָר. עס פאַרדריסט איהם מורא׳דיג וואָס ער איז גע־ווען אַזוי נאַהענט צו גאָטס שלוחים און געלאָזען זיי „אַוועקפליהען״. ניט באַשערט געווען אָפילו צו באַדאַנקען זיי ווי ס׳געהער צו זיין. ווי אברהם אבינו האָט באַדאַנקט זיינע שליחים...

נאָר אַ אידענע פרשטעהט דען וואָס עס טוט זיך מיט איהר מאַן, מיט אַזאַ פייערדיגען חסיד ווי ער איז?

— שבתיל, גאָט איז מיט דיר! — פאַלט זי צו איהם צו, וואָס עפּעס אינמיטען־דרינען?

— דו הערסט? — מאַכט ר׳ שבתיל ווישענדיג זיך די אויגען—דו הערסט, הדסה, מיין ווייב? ס׳איז ביי אונז געווען אַזאַ בער ווי ס׳איז געווען אַ בעריאָזקע אין וואַלד — — —

און כך הוה. מיט אַ טאָג שפּעטער, ווען פּיעטרוק, דער משרת פון שענק, איז שוין געקומען צוריק פון קאָפּוסט, וואוהין ער מיטן אוריאַדניק האָבען אָפּגעפיהרט די אָסטראָזשניקעס, האָט ר׳ שבתיל ווידעראַמאָל אָנגעטאָן די אַטלעסענע זשופּיצע, און איבער דער זשו־פּיצע די כאַלמידע און אַוועקגעלאָזען זיך אין וועג אריין אָפּצאָהלען פאַכטע דעם פּריץ, האָבען זיי ביידע ניט ווייט פון אָפּגעשניטענעם פּיען גענומען זוכען דאָס ווייסע בוימדעל צווישען די סאָסנעס, אָט דאָס זעלבע בוימעלע, וואָס ר׳ שבתיל האָט אָנגענומען פאַרן „ליי־ווענטענעם״ רבי, און פּיעטרוק — פאַר אַ פּראָסטע בעריאָזקע... וואו אַ ווייסע בוימעל? וואָס בעריאָזקע? קיין זכר ניטאָ. קיין סימן ניט געבליבען!

זיי האָבען אפילו אָפּגעזוכט די צווי סאָסנעס, צווישען וועלכע דער פערד איז אַנומעלטען אריינגעפאָהרען און פאַרקלעמט די דוהע. אָפּגעריסענע קאָרע איז נאָך געלעגען אויף די וואָרצלען, אָבער די בעריאָזקע הינטער זיי איז ניט געווען.

איז ר׳שבתיל חסיד באימה־ופחד אװעקגעפּאָהרען קײן אָרשע. תהילים דעם גאַנציקען װעג געזאָגט. אָפּגעצאָהלט פּאַכטע דעם פּריץ, געשטעלט אַן עמער בראַנפען די גױים אין קאַנטאָר. אין בית־המדרש נאָכן דאַװנען גומל געבענשט און װײטער געשטעלט משקה. דאָס מאָל פאַר אַ מנין חסידים. פאַר הדסהן זײן װײב האָט ער אײנגעהאַנדעלט אַ זײדענע קאָפּ־טיכעל מיט טערקישע קװײטען, פאַר די קינדער — שיכעלעך. אָבער באַרוהיגען זיך האָט ער מעהר ניט געקענט. דער פאַרשװאונדענער בער האָט איהם געטאָרעט אין מוח און אַלע נסים, װאָס האָבען זיך אַרום איהם אָפּגעשפּילט, זינט דער „לײװענטענער״ איז צו איהם אַראָפּגעקומען אין שענק.

און טאַקע באַלד, נאָך יענעם שבת, האָט ער װײטער געהײ־סען פיעטרוקען שפּאַנען דעם פערד. אָפּגעזעגענט זיך מיט װײב און קינדער. גענומען אַ גוטען „פּדיון״ אין קעשענע און אַרױסגעלאָזען זיך זוכען דעם „לײװענטענעם״. און אַ נדר האָט ר׳ שבתיל געטאָן אָפּצוגעבן דעם פּדיון דעם רבין און נאָך אַ שענע נדבה דעם רבין אין האַנט אויף צדקה. און זאָגען מוז ער דעם לײװענטענעם, זאָל לעבען, אַז ער, ר׳ שבתיל, פאַרשטעהט אַצינד דעם רבינס װערטער, דאַמאָלסט, נאָכן אָנבײסען... אַז מ׳טאָר ניט װאַרימען די הענט אַן דעם צװײטענס אַ שרפה, װי גרױס דער פראָסט זאָל ניט זײן. אַז מ׳קומט דערפאַר אָפּ... שוין צו שטאַרק האָט ער, ר׳ שבתיל, דאַמאָלסט הנאה געהאָט פונם רבינס אַראָפּקומען צו איהם. די הנאה איז אָבער געװען געבױט אויף דעם, װאָס אַן אָרימער באַלעגאָלע איז געבליבען אָהן פערד און װאָגען און אָהן פּרנסה. פאַר גרױס הנאה האָט ער אַזש געלאָזען שטעהן דעם זעלבען באַלעגאָלע אַן אַ זײט און ניט פאַר־בעטען צום טיש. האָט איהם אויך דער אױבערשטער באַשטראָפט מיט פיעטרוקס פערד און װאָגען, װעלכע זײנען פאַרפאַלען גע־װאָרען און מיט אַן אימת־מות פאַר ראַזבאָיניקעס, װעלכע זײנען איהם באַפאַלען אינמיטען דער נאַכט. און ער פאַרשטעהט אַצינד, ר׳ שבתיל, דעם גאַנצען װאונק פון „דרך ארץ פאַר אַ בער״, װאָס דער „לײװענטענער״ האָט איהם געגעבען פאַרן אָפּפאָהרען. אַי, אַי, פאַרשטעהט ער!... װאו װאָלט ער, מיט װײב און קינדער גע־װען אַצינד װען ניט אָט דאָס טײערע װאָרט?...

אַט דאָס אַלץ מוז ער איהם זאָגען, דעם „לייוועגטענעם", און בעטען אַ תּיקון, ווי אַזוי בעסער תּשובה צו טאָן...

נאָר אַ סך טעג האָט ער זיך נאָך אַרומגעדרעהט, ר' שבתיל, צווישען כּאָסלאָוויטש און ליובאָוויטש, צווישען פּיעטראָוויטש און קלימאָוויטש, קאָסטיוקאָוויטש און לאָזאָוויטש... וואָרים—געה זוך דעם ווינט אין פעלד!... אַז וואו דער „לייוועגטענער" האָט געטאָגט, דאָרטען האָט ער ניט גענעכטיגט, און וואו גענעכטיגט—דאָרטען ניט געטאָגט. און דוקא ווען מ'האָט שטאַרק געוואָלט, האָט מען איהם קיינמאָל ניט געקענט געפינען.

ענדע — דריטער טייל „עמי־הארצים".

אינהאלט:

אַ וואָרט (אַנשטאָט אַ הקדמה) — — -- 5
צוריק פון אַסטראָג — — — 8
ר׳ זימעל פאַקטעגטרעגער — — — 23
זימעלס קאָנקורענט — — — 36
שלום געמאַכט — — — — 51
אינם וואַסער דריידעל — — — 67
אויפן וועג קיין מאַקאַראַווקי — — 84
פאַנדרע אַן אַקסענקעמפער — — 99
קאַטערינושקאַ — — — — 120
אויפגעפרעסען די ברוסניצעס — — 134
אַ פולער וואָגען נייעס — — — 155
חאַצע קירזשנער אויפן שליאַך — — 165
פאַרלאָרען קרעדיט... — — — 177
דער וואַלד ברענט! — — — 193
איינער אַליין — — — — 209
ביים תנכ׳ניק — — — — 221
ביים דאָקטאָר — — — — 233
אין יענער נאַכט — — — 244
קולאַיע — — — — 262
אין לעק... וואָס קען עס שאַדען? — — 273
סענדערקע איז פאַרביי — — — 290
אויסגעמידען קושקעס מעסער — — 305
אין דער שטוב מיט די גרינע לאַדען— — 318
די אַבלאַווע — — — — 329
ער וועט שוין מעהר ניט שיסען! — — 343
ביים קינדס וויגעלע — — — 354
מ׳איז פאַנדרען מנחם־אבל — — 363
„אברעמעלע־די־געקוילעטע־קאַץ״ — 379
דרך־ארץ פאַר אַ בער — — — 392
בערישעס קונצען — — — 402
גזלנים אין ר׳ שבתילס שענק — — 416
הילף פון אַלע זייטען — — — 426
ניט קיין בער, ניט קיין בעריאָזקע... — 435